This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-52 ō

סאָוועטיש

7

1980

היימלאַנד

לייענט אינעם נומ. 8
„סאָוועטיש היימלאַנד״

■

טעאָרעטישע קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ איבער פּראָבלעמען פונעם אנטוויקלטן סאָציאַליזם

■

נײַע איבערזעצונגען

קימא גריידינא. אף איין צווײַג זײַנען די בלעטער פארשיידן

יעלענא מאקאראָווא. רווים איסײַעוויטש

דינע קאלינאָווסקאיא. די מאזל-בראָכע קומט בייס מע האָרעוועט

■

לידער פון דאָרע כײַקינע, באָריס מאָגילנער, מאָטל גרוביאַן

■

ווערק פון אויסלענדישע שרײַבער

מוישע גיציס. (פשא). בלעטער (דאָקומענטאלע דערציילונג)

■

כאַים מעלאמוד. דער שרײַבער און זײַנע העלדן (וועגן דער שאפונג פון נאָטע לוריע)

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״
מאָסקווע

7 יול

1980

אינהאַלט

ט ע ו ו י ע ג ע ן. א שטאָט מיט קרויוים 4

ש מ ו ע ל ג אָ ר ד אָ ן. איז געווען אמאָל א פאסטעכל. די טערקישע שאַל. אין דער פארקערטער ריכטונג 52

א י ר מ ע ד ר ו ק ע ר. געזען און געהערט. . . . 79

ב ע ר ה א ל פ ע ר ן. אין א יונגער שטאָט. דאָס אכזאָריעסדיקע וואָרט 107

י ו י ס ע ף ב ו ר ג. א נײַער אָנהייב. גוורע 123

י ע כ י ע ל ש ר ײַ ב מ א ן. הי 133

מ א ר ק ר א ז ו מ נ י. נאָוועלעטן 139

ה ע ר ש ל פ אָ ל י א נ ק ע ר. א געשיכטע מיט ביכערליבהאָבער. פארלענגערט זיך די יאָרן. א מײַסע מיט א באָרד 147

א ר ן ו ו ע ר ג ע ל י ס. פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע 159

רעזומע לויט די מאטעריאלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

די בײַלאַגע צום נומער: מוישע אלטמאַן „באַם פענצטער“

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

די קינסטלערישע פּראָזע
איז פון שטענדיק אָן „קאָרן־ברויט"
פאַר יעדער ליטעראַטור.
איז קיין כידעש ניט, וואָס די פּראָבלעמען
פון אָט דעם זשאַנער
רירן אָן דעם עצעם טאָך
פונעם שעפערישן לעבן.
האָבנדיק דאָס אין זינען,
האָבן מיר באַשטימט אופרופן די פּראָזע־פּראָבלעמאַטיק
אַפן מאַטעריאַל
פון א קאָנקרעטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד",
דערביַי אויסמיַידן א ספּעציעלן אָפּקליַיב
פון ווערק פאַר אָט דעם נומער,
איַינשליסן אין אים מאַנוסקריפּטן
פונעם אָפּעראַטיוון רעדאַקציע־פּאָרטפעל.
מיר גלייבן,
אַז אונדזערע ליַיענער
וועלן מיט אינטערעס אופנעמען
אַזאַ נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד",
איַינזעענדיק אין אים א באַוויַיז
פון דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג
פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור
מיטן היַינטציַיטיקן לעבן.

טעוויע גען

א שטאָט מיט קרוויוים

1

זעליק זעגלמאַן איז א באַזאָרגער, א „סנאַבזשענעץ“, ער אַרבעט אין אָפּטייל פאַר טעכנישער באַזאָרגונג אפן זאַוואָד „מעטיז“ (מעטאַל־אויסאַרבעטונגען). אים קומט אויס אָפּט אַרומצופאָרן — א סאַך טעג אין יאָר איז ער אונטערוועגנס. ווען ער וואָלט געהאַט א פּרוּי, וואָלט זי, מיסטאָמע, ניט געווען צופרידן פון אַזאַ קעסיידערדיקער אַרומפאָרעניש, און עפּשער, ווער קאָן וויסן, וואָלט זי יאָ געווען צופרידן — א מאַנספּאַרשוין, וואָס זיצט שטענדיק אין דער היים, פאָרט קיינמאָל אין ערגעץ ניט אַוועק, איז אויך א קנאַפּער פאַרגעניגן. ס׳מאַכט ניט אויס, אויב פון ציַיט צו ציַיט זעט מען זיך ניט, דאַן איז ליבער, ווען מע זעט זיך. אָבער זעליק האָט ניט קיין וויַיב. עמעס, ער האָט א טאָכטער, און א טאָכטער, דערהויפּט א דערוואַקסענע, האָט אויך וואָס צו זאָגן.

מע רופט זי ליובע. ווען ליובע גייט איבער דער גאַס, קוקט מען זיך אום אף איר, דערהויפּט, געווײנלעך, קוקן די מאַנצבלעך, וויַיל ניט אומקוקן זיך אף אַזאַ שיין מיידל קאָן מען ניט. אַזוי ווי א ליכטיקער שיַיטער טוט זיי א בלענד אין די אויגן א פרעכטיקער קאָפּ בלאָנדע האָר און גרויסע בלויע אויגן אף א וויַיך־מילדן טונקעלן פּאָנעם.

שיינקיַיט איז א געבענטשטער אוצער, ביפראַט נאָך, אַז מע איז קלוג אויך. ליובע איז שיין און קלוג. ניט נאָר אין א מיידלשער קאָמפּאַניע, נאָר אויך אין א קאָמפּאַניע, ווו ס׳זיַינען פאַראַן באַכערים, הערט מען זיך צו, וואָס ליובע זאָגט, און אַז זי לייגט עפּעס פאָר, נעמט מען מערסטנטייל איר פאָרשלאָג אָן, וויַיל ער איז גוט דורכגעטראַכט פון אַלע זיַיטן. צו די צוויי איַינגעבוירענע מיַילעס — שיינקיַיט און קלוגשאַפט — קומט צו א דריטע מיַילע, א דערוואַרבענע. ליובע איז א מיידל א געבילדעטע. פאַראַיאָרן האָט זי פאַרענדיקט דעם שפּיַיז־אינסטיטוט אין דער שטאָט מוראַוועל, ווו זי לעבט צוזאַמען מיטן טאַטן און איז אָנגעקומען אַרבעטן אין דער אָרטיקער קאָנדיטעריַי־פאַבריק, אַלס מיַיסטער־טעכנאָלאָג, אין ביסקוויטן־צעך. די אַרבעט איז בא ליובען א זיסע.

א מיידל מיט אַלע מיַילעס און מיט זיסקיַיט נאָך דערצו, מעג זיך געוויס פאַרגינען אַמאָל א קאַפּריזעווע טאָן פאַרן טאַטן, וואָס האָט זיַין טאָכטער ליב מער איידער זיך אַליין, זי קאָן פאָדערן אַפילע אַזעלכס, וואָס עס לייגט זיך ניט אפן סייכל.

אין איינעם א זומערדיקן פרימאָרגן, ווען זעליק זעגלמאַן האָט אין א נאָווינע ווידער זיך געקליבן אין וועג, איז צווישן אים און ליובען פאָרגעקומען אַזאַ דיאַלאָג:

— טאַטע, איך פאָר מיט דיר!

— ביסט מעשוגע, טאָכטער מיַינע, ווו מיט מיר, וואָס מיט מיר? איך וואַלגער זיך אף א בעטל אין גאָסטיניצע און לויף אַרום פון אינדערפרי ביז אָוונט, מע זאָל אָפּשיקן א וואַגאָן מעטאַל. ביז מע דערזעט אים, דעם וואַגאָן, קריכן די אויגן אַרויס פון קאָפּ.

— אָבער דו פאָרסט קיין רודינסק?

— יאָ, קיין רודינסק. איז וואָס איז די סימכע?

— א טיַיך איז אין רודינסק פאַראַן?

— א טיַיך איז פאַראַן. אוראַל.

— און א פּאַרק איז אויך דאָ?

— אַ פּאַרק איז אויך דאָ, אַפֿילע צוויי — איינער אינעם אַלטן רודינסק, אפֿן לינקן ברעג אוראַל, און דער צווייטער אינעם נײַעם רודינסק, אפֿן רעכטן ברעג אוראַל. אָבער צו וואָס טויג עס דיר? וואָס איז דיר פּלוצעם אַרײַן אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ — פֿאָרן מיט מיר? פֿאַרוואָס ווילסטו הײַנטיקס יאָר ניט פֿאָרן צום יאַם?

— צום יאַם דאַרף מען אַ פּוטיאָווקע.

— פֿאַראַיאָרן ביסטו זייער שיין באַגאַנגען זיך אָן אַ פּוטיאָווקע, און האָסט זיך אומגעקערט, ווי פֿון אַ גוטן סאַנאַטאָריע — אַ פֿאַריכטע, אַ פֿאַרברענטע, אַ צופֿרידענע. וואָס זשע איז געשען איצט?

— עס איז גאָרניט געשען, נאָר איך וועל פֿאָרן מיט דיר!

— און וווּ וועסטו דאָרטן וווינען?

— דאָרטן, וווּ דו.

— מײַנע וווינונגען! — איך קריג אַ בעטל אין אַ נומער, וווּ עס שטייט נאָך אַ האַלב צענדליק בעטלעך, און די גאַסטיניצע איז גלײַך לעבן זאַוואָד, אַ קײַלעכדיקן מעסלעס שלינג איך דעם רויך.

— וועל איך אויך שלינגען.

— איך שלינג, ווײַל איך מוז. אָבער צוליב וואָס דאַרפֿסטו שלינגען?

— אַלץ, וואָס דו דאַרפֿסט, טאַטע, דאַרף איך אויך.

— איז קום זשע אָן, טאָטשטערקע, פֿאַר אָן אַגענט „פּאָ סנאַבזשעניו", ווער אַ טאָלקאַטש אַזוי ווי איך, וועלן מיר אַרומפֿאָרן צוזאַמען, — ער האָט מיט האַנאָע זיך צעלאַכט, פֿירנדיק מיטן עלעקטרישן גאָלמעסער אַהין און צוריק איבער דער רויט־אָנגעריבענער באַק. יעדעס מאָל האָט ער געכאַפּט אַ קוק אין שפּיגל, ווי אַזוי ס׳גייט בא אים די גאָלעניש, און פֿונעם שפּיגל געווענדט די אויגן צו דער טאָכטער. דעם עמעס געזאָגט, איז אים געווען זייער צום האַרצן, וואָס ליובע וויל פֿאָרן מיט אים. ער האָט דאָס אָפּגענומען, ווי אַ סימן פֿון איר געטרײַשאַפֿט, זי וויל אים באַגלייטן, באַהילפֿיק זײַן, עס אַרט זי ניט, וואָס איר אָרלויב וועט זי פֿאַרברענגען ערגעץ אין אַ רודינסק, אינעם דאָרטיקן רויך און טומל, אַבי נאָר — זײַן צוזאַמען מיטן טאַטן. אים איז שטאַרק געפֿעלן געווען איר זאָג, אַז אַלץ, וואָס ער דאַרף, דאַרף זי אויך.

— מיינסט דאָס טאַקע ערנסט, אַז דו ווילסט פֿאָרן מיט מיר, צי דו שפּאַסט? — האָט ער פֿונדעסטוועגן איבערגעפֿרעגט. ער האָט אויסגעשלאָסן דאָס גאָלמעסער, און אינעם שטיל־געוואָרענעם צימער האָט דורכגעהילכט ליובעס ענטפֿער — אַן ענטפֿער פֿון אַ מענטשן, וואָס אַז ער זאָגט עפּעס, איז געזאָגט:

— אפֿן ניכטערן מאָגן, טאַטע, שפּאַס איך ניט. וואַש זיך גיכער אײַן און לאָמיר זיך זעצן צום טיש. דו ווייסט דאָך, הײַנט בין איך נאָך ניט אין אָרלויב, הײַנט אַרבעט איך דעם לעצטן טאָג. די קאַווע איז שוין פֿאַרטיק, און דײַנע באַליבטע גרענקעס — אויך.

זיי האָבן זיך געזעצט עסן אין קיך באַם טישל, וואָס שטייט אינעם פּיצינקן פֿרײַען ווינקל אַנטקעגן דער גאַז־פּליטע. בייסן פֿרישטיק האָט דער טאַטע באַשלאָסן ברענגען קלוימערשט אַ נײַעם אַרגומענט, אַז זי זאָל ניט פֿאָרן.

— איך האָב שוין אַ בילעט, און דו האָסט ניט...

— יאָ, יאָ, טאַטע, זייער גוט, וואָס דו האָסט דערמאָנט. קויף מיר אַ בילעט. און אויב אינעם זעלבן וואָגאָן, וואָס איז בא דיר, וועסטו ניט קריגן, איז זאָל זײַן אין אַן אַנדער וואָגאָן. מיר וועלן זיך אַן אייצע געבן אין פֿאַיעזד, אַז אונדזערע ערטער זאָלן זײַן צוזאַמען.

פֿאַרן אוועקגיין אַף דער אַרבעט האָט ליובע אַ קוש געטאָן דעם טאַטן אין איין באַק, אין דער אַנדערער, געוויינלעך קושט זי אים נאָר אין איין באַק. דערנאָך האָט זי אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן זיך באַם שפּיגל, צוגעפֿאַרבט די ליפּן — נאָך די קושן איז די פֿאַרב פֿון זיי אַ ביסל אַראָפּ. און אָט האָט זיך שוין דערהערט די צוגעטויבטע קלאַפּערײַ פֿון אירע זומערדיקע טופֿליעס איבער די טרעפּ, וואָס פֿירן אין דרויסן.

דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, און גלײַך האָט זי פֿון הויף אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים, אַ פֿאַכע געטאָן מיטן ווײַסן קוישעלע אין דער האַנט, אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט ווײַטער און ווידער אויסגעדרייט זיך, ווידער אַ פֿאַכע געטאָן. „די מאַמזערטע, אַז זי וויל עפּעס פּויעלן, וועט זי צען מאָל דרייען דעם קאָפּ און צען מאָל פֿאַכען מיטן קוישל", — האָט ער געקוואָלן פֿון נאַכעס. דעם טאַטנס האַרץ האָט געזונגען, דעם טאַטנס האַרץ האָט זיך געפֿרייט. אָבער צו דער זינגערײַ און פֿרייד האָט זיך צוגעמישט אַן אומרויִקייט, עפּעס אַזאַ מין נאָגנדיקע קלעמעניש, וואָס קומט דערהויפּט די לעצטע צײַט יעדן מאָל אויף, ווען ער טראַכט וועגן ליובען. די מײַסע איז, וואָס ליובע איז ניט זײַן אייגענע טאָכטער. ווען זי איז געווען אַ קליינינקע, דערנאָך, ווען זי האָט געלערנט אין שול, און שפּעטער, ווען זי איז שוין אַפֿילע געווען אַ

סטודענטקע אין אינסטיטוט, איז זי אַלץ געווען פֿאַר אים אַ קינד, אַ פֿרעמד קינד, וואָס איז געוואָרן אַן אייגנס און טײַערס, ווי ס׳קאָן נאָר זײַן אייגן און טײַער בײַ אַ געטרײַען פֿאָטער אַ לײַבלעך איינציק קינד, אַ באַסיעכידע.

הײַנטיקע צײַטן, ווען מיידלעך שפּרינגען אַרויס, קוים זיי ווערן נאָר אַלט 18 יאָר, איז ליובע שוין אַפֿילע אַ ביסל אַ פֿאַרזעסענע. איר איז פֿיר און צוואַנציק. ס׳באַומרויִקט דעם אָנגערופֿענעם טאַטן, וואָס זי „זיצט״, און ס׳באַומרויִקט אים, וואָס אין אַ באַליביקן טאָג קאָן זי אויך „אַרויסשפּרינגען״. זי וועט קומען אַהיים און זאָגן, אַז זי האָט כאַסענע. ווען ס׳וואָלט געווען אַ מאַמע... מיט אַ מאַמען אײַצעט זיך אַ טאָכטער מער, ווי מיט אַ טאַטן. דער מאַמען פֿאַרטרויט אַ טאָכטער די פֿאַרבאָרגנסטע זאַכן. אָבער ליובעס מאַמע האָט ער קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען, און ליובע גופֿע געדענקט זי אויך ניט, איז ער פֿאַר ליובען סײַ אַ פֿאָטער, סײַ אַ מוטער...

2

זי איז טאַקע געפֿאָרן מיט אים, אַ נאַכטלעגער האָבן זיי אין רודינסק געקראָגן אין דער זאַוואָדישער גאָסטיניצע — ס׳איז אַ דרײַשטאָקיקער מויער, וועלכן מע האָט אויסגעבויט, ווען דער זאַוואָד איז צען מאָל קלענער געווען, איידער איצט, און פֿון די צעכן ביזן האָטעל איז דאַן געווען אַ היפּשער מעהאַלעך. איצט איז דער האָטעל אַרײַנגערוקט אין דער סאַמע זאַוואָדגעדיכטעניש. אַ בעטאָנענער פּלויט טיילט אים נאָר אָפּ פֿון דער זאַוואָדישער טעריטאָריע. אין די האָטעל־נומערן ווימלט און שווימלט שטענדיק מיט מענטשן, אָנגעפֿאָרענע פֿון פֿאַרשיידענע שטעט. זעליק זעגלמאַן איז דאָ, ווי בײַ זיך אין דער היים. ווען מע לייגט אים פֿאַר אַן אָרט אין דעם נײַעם האָטעל, אַפֿן רעכטן ברעג אוראַל, אַנטזאָגט ער זיך פֿון דער טויווע, כאָטש דאָרטן איז פֿיל באַקוועמער און ס׳איז ריינער די לופֿט.

— איך בין שוין געוווינט צום לינקן ברעג, — זאָגט ער, — איך דאַרף דאָך זײַן נאָענט צום זאַוואָד.

קוים באַוויזן אַ קוק טאָן אַפֿן בעטל, וואָס מע האָט אים געגעבן, איז זעליק זעגלמאַן אַוועקגעלאָפֿן אינעם אַנדערן עק קאָרידאָר, אין צימער, וווּ ס׳האָט געקראָגן אַן אָרט ליובע.

— לייג זיך צו, רו זיך אָפּ פֿון וועג, — האָט ער איר געזאָגט.

— פֿאַרוואָס האָסטו זיך ניט צוגעלייגט? — האָט זי אים געפֿרעגט.

— איך בין ניט אין אורלויב, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטביידע הענט, — מע וועט פֿאַרמאַכן די קאָנטאָר, און ס׳וועט פֿאַרפֿאַלן ווערן דער הײַנטיקער טאָג.

ער איז אַוועקגעלאָפֿן. אין ליובעס צימער זײַנען געשטאַנען נאָך דרײַ בעטלעך, נאָר די באַלעבאָסטעס זייערע האָט מען דערווײַל נאָך ניט געזען. ליובע האָט זיך איבערגעטאָן, צוגעקעמט זיך, איבערגעלייגט די זאַכן אין טשעמאָדאַן.

אַפֿן טישל איז געלעגן אַ טעלעפֿאָן־ביכל אין זייער אָן אָפּגעריבענעם אײַנבונד און מיט צעטריפֿקעטע ברעגן פֿון די זײַטלעך. וויפֿל מענטשן עס האָבן דאָ אינעם צימער אַמאָל געוווינט, אַזויפֿיל האָבן דאָס ביכל געבלעטערט, געזוכט אַ נייטיקן טעלעפֿאָן־נומער אָדער סטאַם אַזוי, פֿון ניט האָבן וואָס צו טאָן, געמישט די בלעטלעך. אין דער ערשטער העלפֿט פֿונעם ביכל זײַנען געווען די טעלעפֿאָנען פֿון זאַוואָד און פֿון די שטאָטישע אונטערנעמונגען און אָרגאַניזאַציעס. אין דער אַנדערער העלפֿט — די פּריוואַטע טעלעפֿאָנען. אַף אַ טשיקאַווען, צו פֿאַרטרײַבן אַ ביסל די צײַט, האָט ליובע גענומען לייענען די פֿאַמיליע־נעמען. אופֿגעמישט דאָס זײַטל אַף דעם בוכשטאַב ז, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אַף דער פֿאַמיליע זעגלמאַן. איינמאָל — זעגלמאַן מ. ל., וואָס וווינט אַף אָרדזשאָניקידזע־גאַס, הויז נומער 18. אַ צווייטן מאָל — זעגלמאַן ט. א., ער לעבט אַף פּערוואָמײַסקאַיאַ, הויז נום. 55, און אַ דריטן מאָל — זעגלמאַן נ. א., לויטן אַדרעס אַזיאָרנע געסל, הויז נומער 1. דרײַ זעגלמאַנס מיט זייערע פּינקטלעכע אַדרעסן זײַנען געשטאַנען אין ביכל איינער נאָכן אַנדערן, אַזוי ווי סאָלדאַטן שטייען אין אַ שטרענגער קאָלאָנע, קאָפּ צו קאָפּ און נאַקן צו נאַקן. די אומגעריכטע אַנטדעקונג האָט זי אי פֿאַרוווּנדערט, אי פֿאַרשאַפֿט אַ פֿרייד. אין אומבאַקאַנטן ווײַטן רודינסק — דרײַ זעגלמאַנס נאָר אינעם טעלעפֿאָן־ביכל, און אין שטאָט זײַנען, מיסטאָמע, פֿאַראַן נאָך זעגלמאַנס, וואָס האָבן ניט קיין טעלעפֿאָנען און שטייען ניט אין ביכל. ווער זײַנען זיי? זעגלמאַן איז עפּשער ניט גאָר קיין זעלטענער פֿאַמיליע־נאָמען, אָבער זייער אָפֿט טרעפֿט מען אים אויך ניט. ס׳קאָן זייער שיין זיך מאַכן, אַז דאָס זײַנען דעם טאַטנס און, הייסט עס, אויך אירע קרויווים, אויב ניט אַלע, איז כאָטשבי איינער, צוויי. אין דער שטאָט מוראַוועל, ווו דער טאַטע און זי וווינען שוין בײַ די צוואַנציק

יאָר, איז קיין איין זעגלמאַן ניטאָ, כוץ זיי. ווען ס׳וואָלטן געווען, וואָלט מען, מיסטאָמע, געהערט, דער טאַטע וואָלט דערציילט. אָבער דער טאַטע האַלט אין איין איבערכאַזערן, אַז זיי האָבן קיינעם ניט. אַלעמען פאַרלאָרן בייס דער מילכאָמע. ער זאָגט נאָר ניט, אַז זי, ליובע, איז אויך ניט זײַן אייגענע טאָכטער, אָבער דאָס ווייסט זי פונלאַנג שוין אַליין, און דאָס, וואָס ער איז אַ „פּרעמדער״ טאַטע, קימערט זי ניט, ווײַל קיין בעסערן, קיין געטרײַערן טאַטן פון אים שטעלט זי זיך ניט פאָר.

ליובע האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳וואָלט געווען זייער גוט, ווען אין יעדער שטאָט, וווּהין דער טאַטע קומט, זאָל ער האָבן אַ קאָרעווו. דאָס וואָלט אים פאַרגרינגערט און פאַרזיסערט זײַנע אייביקע נעסיִעס, ער וואָלט געהאַט ווו אַרײַנצופאָרן, ער וואָלט אָפּגערוט און ס׳וואָלטן אָפּגערוט פון אים די בעטלעך אין די גאַסטיניצעס. באַטאָג לויפט ער אַרום, פאַרדײַגעט און פאַרזאָרגט, ווי־אַזוי אַרויסבאַקומען דאָס, נאָך וואָס ער איז געקומען צו פאָרן, דערפאַר וואָלט ער אײַנאָוונט געהאַט האַנאָע, זיצנדיק באַם טיש צווישן אייגענע, מע איז אים מעכאַבעד מיט היימישע מײַכאָלים, מע גיט אָף אים אַכטונג. נו, און זי אַליין, ליובע... אין איר פאַנטאַזיע האָט זי זיך שוין פאַרגעשטעלט אַן אַרומגערינגלטע אין רודינסק מיט באָבעס, זיידעס, פעטערס, מומעס, שוועסטערקינדער, גלידשוועסטערקינדער, וועגן וועלכע זי האָט פריִער ניט געהאַט קיין אַנונג און וואָס נעמען זי איצט מיט פרייד אַרײַן אין דער גרויסער מישפּאָכע זעגלמאַנס.

עס האָט בײַ איר אופגעהויבן זיך די שטימונג דערפון, וואָס די רײַזע אירע קיין רודינסק, צוזאַמען מיטן טאַטן, איז שוין ניט געווען קיין אומזיסטע, זי האָט דאָ אַ וויכטיקע אַרבעט — אָנקניפּן קרויוועשאַפט, אופזוכן קרויווים.

ווען דער טאַטע איז נאָך זײַנע איניאָנים אַפּן זאַוואָד, אַ פּאַרמאַטערטער, מיט אַ זויערער מינע אַפן פּאָנעם, — אַ סימען, אַז ער האָט קנאַפּ וואָס אופגעטאָן און ווינציק וואָס זיך דערשלאָגן, — אַרײַן צו דער טאָכטער אין צימער, האָט ליובע אים אָנגעזאָגט אַ גוטע בסורע:

— טאַטע, מיר האָבן קרויווים אין רודינסק!

— קרויווים? פונוואַנען האָסטו זיי גענומען?

— טו אָן די ברילן און גיב אַליין אַ קוק, — זי האָט אופגעמישט דעם טעלעפאָן־בוך אַפן נייטיקן זײַטל און גענומען דאָרטן טײַטלען מיט אַ פינגער אָף די זעגלמאַנס. — ווי־אַזוי אונדזער פאַמיליע איז — ווייסטו?

— עס איז טאַקע הײַנט אַ היץ ביז צום כאַלעשן, אוואדע דרײַסיק גראַדוסן, אָבער בײַ די געדאַנקען בין איך נאָך, — האָט ער זיך אָפּגערופן, אָנזאָטלענדיק די ברילן אָף דער נאָז, — אונדזער פאַמיליע, דאַנקען גאָט, געדענק איך.

— נו, איז גיב אַ קוק. דו פאָרסט און פאָרסט אין אַזאַ שטאָט, ווי רודינסק, און ווייסט ניט, אַז מיר האָבן דאָ אייגענע. זעסט, דרײַ זעגלמאַנס נאָכאַנאַנד.

זעליק זעגלמאַן האָט אַ קוק געטאָן אָף די דרײַ זעגלמאַנס פונעם ביכל און זיי אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— ווו זעסטו קרויווים?

— וואָס הייסט ווו? אונדזער פאַמיליע איז דען ניט זעגלמאַן?

— זעגלמאַנס איז דאָ אַ סאַך. איין זלאַטאָוסט איז דער דירעקטאָר פון אַ טרעסט געווען זעגלמאַן, און גראָד צו אים האָב איך געדאַרפט אָנקומען.

— ביסטו פאַרפאָרן צו אים, ווען דו ביסט געווען אין זלאַטאָוסט?

— לאָך ניט, ליובע, פון מיר. דרײַ טעג האָב איך ניט געקאָנט דערשלאָגן זיך צו אים אין קאַבינעט אָף אָן אופנאַם. קיין „טאָלקאַטשן״, האָט מען מיר געזאָגט, נעמט ער ניט אוף.

— און דו ביסט טאַקע ניט אַרײַן צו אים?

— איך בין יאָ אַרײַן, אָן אַגענט פאָ סנאַבזשעניִיו איז אַזוי ווי אַ פאָדעם, וואָס מוז קענען זיך אַרײַנצינען אין דער קלענסטער נאָדל.

— ער האָט דיר געהאָלפן, דער דירעקטאָר זעגלמאַן?

— אַ ביסל געהאָלפן.

— זעסטו דאָך...

— וואָס זע איך דאָך?

— האָסט אים געוויזן די צײַגעניש דײַנע, די קאָמאַנדיראָווקע?

— געוויזן, נאָר ער האָט אפילע ניט אַ קוק געטאָן. איך גלייב אײַך, האָט ער געזאָגט, אַז איר זײַנט אַ טאָלקאַטש און אַז איר דאַרפט שטופן.

— אָף דער פאַמיליע האָט ער ניט געלייגט קיין שום אַכט?

— איך זאָג דאָך דיר, אַז ער האָט אפילע ניט איבערגעלייענט מײַן צײַגעניש.

— ווען ער וואָלט איבערגעלייענט, וואָלט געווען אַנדערש.

— הער נאַר, טאַכטער, צי איך בין מעשוגע, צי דו ביסט מעשוגע, צי ביידע זײַנען מיר כאַסערדייע. וואָס וואָלט געווען אַנדערש?

— פּאַרט א קאַרעוו...

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ער איז א קאַרעוו?

— ער הייסט דאָך זעגלמאַן?

— נו, איז וואָס? אַן אַדנאַפּאַמילעץ.

— און עפּשער ניט? דאָס דאַרף מען דאָך אויסקלאָרן. אין יעדער שטאָט, טאַטע, כ׳וועל ניט זאָגן קיין סאַך, — האָט ליובע מיט היץ גענומען ארויסזאָגן אירע האשאַרעס, — זײַנען געוויס פאַראַן א פּאָר זעגלמאַנס. אויב אין רודינסק זײַנען זיי דאָ, פאַרוואָס זאָלן זיי ניט זײַן אויך אין אַנדערע שטעט? מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים, קיין מוראַווּעל, בין איך זיכער, אַז מיר וועלן דאָרטן אויך זיי געפינען. מיר האָבן פּאַשעט ניט געזוכט. אָט לאָמיר טאַקע איצט שוין נעמען קלינגען צו די זעגלמאַנס. מיר וועלן זען, וואָס ס׳וועט זיך באַקומען. כ׳שווער, אַז ניט אַלע זײַנען זיי נאָר אַדנאַפּאַמילצעס.

— און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז דו ביסט ניט אַנדערש, ווי מעשוגע. וואָס וועסטו קלינגען, וואָס וועסטו זיי זאָגן?

— אָט דאָס וויל איך, טאַטע, דו זאָלסט מיר זאָגן, וואָס איך זאָל זאָגן. דערציי׳ל מיר אַלץ. איך ווייס דאָך, דעם עמעס געזאָגט, גאָר קנאַפּ אונדזער גענעאַלאָגיע.

— דעם אַפּשטאַם, מיינסטו?

— דעם נאָענטן אַפּשטאַם ווייס איך, איך דאַרף אָבער וויסן דעם גאַנצן שטאַם־בוים. ווער איז געווען דער זיידע, די באָבע, אַז מע וועט פרעגן, דאַרף איך וויסן, וואָס צו ענטפערן.

— איך אַליין ווייס אויך ניט אַלץ, — האָט ער א קנייטש געטאָן מיט אַן אַקסל, — און ביכלאַל הער אויף. איך בעט דיך. לאָז מיך א ביסל זיך אָפּרוען.

— גוט, רו זיך אָפּ, דערנאָך וועסטו דערציילן. איך האָב פײַנט אָבער אָפּליגן אין דער לאַנגער באַנק.

זעליק זעגלמאַן האָט אויסגעטאָן די שיך און זיך צוגעלייגט אַף ליובעס בעטל. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, געוואָלט כאַפּן א דרעמל, נאָר ס׳האָט ניט אויפגעהערט בא אים ברעכן דער מויעך, וויאַזוי ארויסבאַקומען די נייטיקע רולאָנען און טרויבן. אָן זיי טאָר ער ניט אומקערן זיך אַהיים. עס וועט אַף דער אונטערנעמונג זײַן ביטער — אויס פּלאַן, אויס פּרעמיע. דער הײַנטיקער ערשטער באַזוך זײַנער אין דער רודינסקער זאַוואָד־דירעקציע איז געווען אַן א פּולע. ס׳איז ניטאָ און ס׳וועט ניט זײַן, — האָט מען אים געזאָגט. — אײַער פאָנד האָט איר שוין אויפגעגעסן, וואַרט ביזן אָנהייב נײַ־יאָר. מאָרגן וועט ער גיין צו העכערער נאַטשאַלסטווע. צי וועט ער עפּעס פּויעלן בא איר, איז א גרויסער סאָפעק. ווען ער איז א דערשלאָגענער ארויס פונעם נאַטשאַלניקס קאַבינעט, האָט ער זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט איינעם אַן אַגענט, א טאָלקאַטש פון קראַסנאָדאַר. יענער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט געבראַכט מיט זיך צו פירן צוויי זעק קאַווענעס — יעדער קאַוון נאָר ארויסצושטעלן אַף אַן אויסשטעלונג. האָט מען די קאַווענעס זייער פײַן אויפגעגעסן — און פאַטער. ער ליגט שוין דאָ, דער קראַסנאָדאַרער אַגענט, אין גאַסטיניצע, די דריטע וואָך, און די שוועלערס, נאָך וועלכע ער איז אַהער געקומען, זעט ער נאָר אין כאַלעם. ער, זעליק זעגלמאַן האָט אויך עפּעס־וואָס געבראַכט, יענער האָט געבראַכט קאַווענעס, מיט וועלכע ס׳רימט זיך דער קראַסנאָדאַרער קאַנט, און ער האָט פאַרכאַפּט פונעם אַזאָווער קאַנט געטריקנטע פישלעך, טאַראַנקעס. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, ווי ער ברענגט אַזאַ קליינינק אומשולדיק מאַטאָנעלע און מע נעמט עס אויף מיט א דאַנק. אָבער איצטיקס מאָל, ווי נאָר דער שעף פונעם באַזאָרג־אָפּטייל האָט דערזען, אַז זעגלמאַן עפנט דעם פּאָרטפעל, איז ער געוואָרן אָנגעדראָדלט און רויט, ווי מע וואָלט אים אָפּגעבריט.

— אַנטשולדיקט מיך, נאָר כ׳האָב ניט קיין איבעריקע מינוט צו פאַרנעמען זיך מיט אײַך. איך כאַזער איבער — אַלץ, וואָס אײַך קומט, האָט איר שוין פריִער באַקומען, — און ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו געזעגענען זיך מיט אים.

„נאָר אומאָנגענעמלעכקײַטן האָט מען פון אַזאַ אַרבעט, ווי ס׳איז בא מיר", — האָט זעליק זעגלמאַן איצט געטראַכט, ליגנדיק אַפן בעטל, און דער קאָפּ האָט ווײַטער זיך געדרייט, וויאַזוי קריגט מען פּאָרט ארויס דעם נייטיקן מאַטעריאַל. אָבער ביסלעכווײַז האָבן די שטאָלענע רולאָנען און טרויבן אָפּגערוקט זיך אין א זײַט, און פאַר די פאַרמאַכטע אויגן האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען זיך דער יִיכעס זײַנער, אָדער, ווי ליובע האָט עס אָנגערופן, די גענעאַלאָגיע, דער אָפּשטאַם־בוים. פונעם אַמאָליקן גרויסן צעוואַקסענעם בוים איז געבליבן נאָר איין צווײַגל, — ער אַליין און נאָך א קליין צווײַגעלע, וואָס האָט זיך צוגעטוליעט און איז צוגעוואַקסן געוואָרן צו אים — ליובע...

3

זעליק זעגלמאַן שטאַמט פון קאַרלינעץ, — אַ שטעטל אַף דער גרענעץ צווישן צוויי סאָוועטישע רעפּובליקן — רוסלאַנד און אוקראַיִנע. איין עק פונעם שאָסיי־וועג, וואָס שנײַדט דורך דאָס שטעטל, פירט אַף קורסק, פאָנירי, אָריאָל און ווײַטער אין טיף־רוסישע שטעט און יִישובים, דער אַנדערער עק ציט אַף רזשאַוואַ, בעלגאָראָד, כאַרקאָוו, — אין דער טיף־אוקראַיִנע. דאָס דאָרף, וואָס איז בײַשכנעס מיטן שטעטל קאַרלינעץ, רופט מען טאַקע מיט צוויי נעמען — מיטן רוסישן „באָלשיִע קאָלאָדצי" און מיטן אוקראַיִנישן — „וועליקי קריניצי".

נאָך דער מילכאָמע האָט אינעם שטעטל קאַרלינעץ אומגעקערט זיך איין ייִד — דאָס איז געווען זעליק זעגלמאַן. אַלט איז ער דעמלט געווען 23 יאָר. אַלע אומגליקן און צאָרעס, וואָס קאָנען אויספאַלן אַף אַ מענטשן אין מילכאָמע־צײַט, האָט זעליק געהאַט איבערגעגנוג. ער איז געווען פאַרוווּנדעט אַפן פראָנט, און ליִגנדיק אין אַ שפּיטאָל אין טיפן הינטערלאַנד, אין אַלמאַ־אַטאַ, האָט ער דורך אַ צווייטן כוילע, וואָס איז געלעגן אינעם זעלבן שפּיטאָל, זיך דערוווּסט, אַז קאַרלינעץ איז אָפּגעווישט פון דער ערד, אַלע זײַנען דאָרטן אומגעקומען. נאָכן שפּיטאָל איז ער ווידער אַוועק אַפן פראָנט, אַרײַנגעפאַלן אין אַן אַרומרינגלונג. נאָר דאָ האָט אים אַ ביסל אָפּגעגליקט, — מע האָט אים ניט דעפּאָרטירט אין אַ טויט־לאַגער, נאָר געשיקט אַלס „אַרבײַטס־קראַפט" קיין דײַטשלאַנד, דאָרטן האָט ער געאַרבעט באַ אַ רײַכער דײַטשקע אַף איר לאַנדווירטשאַפטלעכער פאַרמע, געשלעפּט מיסט אַפן פעלד, און אויב ס'איז אַראָפּגעפאַלן פונעם עמער אַ הײַפל הניי, האָט זי אָנגעשטעלט אַף אים אירע העל־בלויע גלעזערנע אויגן און געזשיפּעט:

— רוסישע שווײַן, נעם צונויף און עס אויף, וועסטו וויסן, וויִאַזוי צו פאַרלירן דעם פּראָדוקט, וואָס איז צו גאָלד גלײַך!

אַף קיין ייִדן איז ער ניט געווען ענלעך. אַ העלער פּאָנעם, גרויע אויגן, בלאָנדע האָר. און די אויסשפּראַך — אַ ריינע, אָנעם געפערלעכן רייש, אָבער די גאַנצע צײַט איז ער געווען אין גרויסער אָנשטרענגונג, ניט אַרויסצוגעבן זיך דורך אַן אומפאָרזיכטיקן וואָרט, אַ מימיק, אַ „ייִדישן" מאַך מיט דער האַנט, אַ ייִדישן זיפץ. אונטער פאַרשיידענע טערוצים האָט ער אויסגעמיטן באָדן זיך מיט אַנדערע מאַנצבילען פון דער פאַרמע, אָפּגעזוכט בייסמײַסע אַ דרינגענדיקע אַרבעט, און דרינגענדיקע אַרבעט איז באַ דער דײַטשקע שטענדיק געווען.

ער האָט מוירע געהאַט אַרויסכאַפּן זיך מיטן נאָמען — זעליק. די פאַרמערקע האָט אַלע אירע רוסישע באַטראַקעס גערופן איוואַן. זעליק האָט אָבער געדאַרפט שטענדיק געדענקען זײַן קלוימערשטן נאָמען — פיאָדאָר. פיאָדאָר וואַסיליעוויטש. ער האָט געהאַט אַ טעווע ריידן פון שלאָף און יעדעס מאָל האָט ער זיך געלייגט שלאָפן איבערטראַכטנדיק, צי וועט ער אין כאָלעם ניט אויסשרײַען „מאַמע!", ניט אָנרופן די ברידערלעך און שוועסטערלעך מיט זייערע נעמען — איציק, שעפּסל, כאַיִמקע, פריידקע, גאָלדע... באַנאַכט קומט צו כאָלעם דאָס, וועגן וואָס מע הערט ניט אויף צו טראַכטן באַטאָג. ווען ער האָט דערהערט ריידן וועגן ייִדן, דערהערט דאָס וואָרט „יודע", האָט אינעווייניק אַלץ אויפגעציטערט באַ אים, און מיט שרעק האָט ער איבערגעקלערט, צי האָט מען בייסמײַסע עפּעס ניט באַמערקט אַף זײַן פּאָנעם. צווישן אַלע אַנדערע געיאָגטע און דערנידעריקטע קנעכט אַף דער פאַרמע האָט ער זיך געפילט דער סאַמע געפּלאָגטער און דערנידעריקטער.

דערנאָך, נאָך הונדערט צוויי און פופציק טעג און נעכט, אין שווערסטן פיזישן יאָך און אין נאָך שווערער נערוון־אָנשטרענגונג, גײַסטיקע איבערלעבונגען איז געקומען די אויסלייזונג — די סאָוועטישע אַרמיי איז אַרײַנגעטראָטן אין דײַטשלאַנד.

די מענטשן, צונויפגעטריבענע אַהער פון רוסלאַנד, זײַנען געוואָרן אויס קנעכט און האָבן געקראָגן די מעגלעכקײַט אומצוקערן זיך אין דער אויסגעבענקטער געגאַרטער באַפרײַטער היים!

און מע איז געפאָרן אַהיים. זעליק האָט זיך אומגעקערט קיין קאַרלינעץ. ער האָט אָבער דאָרטן זיך ניט באַזעצט. פאַר דער מילכאָמע האָט ער פאַרענדיקט שאָפערן־קורסן און אַ שטיקל צײַט געפירט אַף אַ לאַסטמאַשין זאַמד פונעם קאַריער, וועלכער האָט זיך געפונען צוועלף קילאָמעטער פון זײַן שטעטלע. איינמאָל אונטערוועגנס צום קאַריער, האָט ער אָפּגעשטעלט די מאַשין, קעדיי נעמען אַ פּאַסאַזשיר — אַ פרוי, וועלכע איז געשטאַנען באַם טראַקט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. זי האָט געדאַרפט פאָרן אַפן מאַרק פאַרקויפן כאַזיירימלעך. זעליק האָט אַרײַנגעוואָרפן דעם פאַרבונדענעם זאַק מיט די קוויטשערלעך אין קוזאָוו, און די פרוי האָט ער מיט אַ פאַרגעניגן אַוועקגעזעצט לעבן זיך אין דער קאַבינע. זי איז געווען אַ יונגע און אַ שיינע, און געלעבט האָט זי אינעם דאָרף באָלשיִע קאָלאָדצי — וועליקי קריניצי.

— א הילכיקע קאָמפּאַניע איז בא דיר, — האָט ער זיך אָנגערופן צו איר. די קוילעס פון די כאַזיירימלעך האָבן פאַרטויבט דעם רויש פונעם מאָטאָר און פון די רעדער.

— ווען זיי זאָלן ניט וועלן פרעסן, וואָלט מען נאָך געקאָנט דורכקומען, — האָט זי געענט־פערט. — מער, ווי איין כאַזער און איין כאַזערטע, בין איך ניט אימשטאַנד אויסצוהאָדעווען.

— און וואָס טוט דער מאַן? — האָט זעליק געפרעגט.

— דער מאַן איז ווײַט. ער שווימט איבער יאַמען־אָקעאַנען און כאַפּט פיש.

— ווו האָט ער עס זיך אויסגעלערנט שווימען און כאַפּן פיש? בא אײַך אין דאָרף איז, דוכט מיר, פאַראַן נאָר א ברעקל טײַכל, די הינער שפּרינגען אים אַריבער, — האָט זעליק זיך געוווּנדערט.

— מײַן אַפאַנאַסי האָט געדינט אין פלאָט און נאָכן אָפּדינען איז ער אַריבער אין א פיש־פאַנגערישער פלאָטיליע.

— ברענגט ער אין שטוב א סאַך פיש?

— נאָר געזאַלצענע. פרישע קאָן ער ניט ברענגען. ביז ער קומט, פּאַטערן זיי זיך.

זעליק האָט ליב געהאַט צו ריידן מיט זײַנע צופעליקע פּאַסאַזשירן, וועלכע ער פירט, און מיט אָט דער פּאַסאַזשירקע האָט ער עפּעס א באַזונדערע האַנאָע געהאַט פונעם דורכשמועסן זיך מיט איר.

ער האָט ניט באַמערקט, ווי זיי זײַנען געקומען צו פאָרן אין שטאָט.

דערנאָך האָט ער נאָכאַמאָל זי געפירט אַף זײַן מאַשין. ווען ער האָט זי דערזען שטיין באַם וועג, האָט ער זיך דערפרייט און געעפנט פאַר איר דאָס טירל פון דער קאַבינע. ער האָט מיט די אויגן ווידער געזוכט א זאַק מיט כאַזיירימלעך.

— איצטיקס מאָל וועט דיר זײַן רוּיקער צו פאָרן מיט מיר, — האָט זי געזאָגט, — איך בין איינע אַליין.

אין דער קאַבינע האָט זי אויפגעבונדן דאָס קאָפּטיכל, צעשפּיליעט די אייבערשטע קנעפּ־לעך פונעם פּליושענעם סעקל. דאָס פּאָנעם איז געווען פריש מיט דאָרפישער פרישקײַט פון פעלד און גאָרטן. די העל־געלע האָר, אַרויסבאַפרײַטע פון אונטערן טיכל, האָבן עטוואָס גע־ווינטלט זיך און ווייך געפאַלן אַפן שטערן.

אַזוי ווי אינעם פאָריקן מאָל, נאָר איצט שוין ווי גוטע אַלטע באַקאַנטע, האָבן זיי דעם גאַנצן וועג ווידער גערעדט, און צום סאָף פון דער נעסיִע האָט זי אים אַפילע אײַנגעלאַדן צו־גאַסט אַפן ערשטן אָדער צווייטן מײַ, — ס'האָבן דעמלט דערנענטערט זיך די ערשטמײַיִקע טעג, און זי האָט געזאָגט, אַז צו יאָמטעוו וועט דער מאַן זיך אומקערן פון זײַן פלאָטיליע, ער וועט זײַן אין דער היים און ער וועט זײַן צופרידן, ער האָט ליב אויפנעמען געסט.

— און ביכלאַל, אַז דו וועסט פאָרן פאַרבײַ אונדז, טו א הודזשע, — האָט זי אים געבעטן, — וועל איך אַרויסלויפן. כ'וועל עפּשער דאַרפן איבערגעבן א בריוו. אַז מע וואַרפט אַרײַן א בריוו אינעם שטאָטישן קעסטל, דערגייט ער פיל גיכער.

ס'איז אים אָבער מער ניט אויסגעקומען צו פירן זי אַף זײַן מאַשין, ניט צו נעמען בא איר א בריוו אַרײַנצוּוואַרפן אין א שטאָטישן פּאָסט־קעסטל. א פּאָר וואָכן פאַר דער מילכאָמע האָט מען אייניקע שאָפערן פונעם ראַיאָן, צווישן זיי אויך אים, מאָביליזירט מיט זייערע מאַ־שינעס אַף דרינגענדיקער אַרבעט אין אַן אַנדער געגנט. ווען ער איז אין דער קאָלאָנע מאַשי־נעס, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם וועג אַהין, צו יענער געגנט, פאַרבײַגעפאָרן דאָס דאָרף באָל־שיִע קאָלאָדצי, האָט ער א הודזשע געטאָן בא די פענצטער פון זײַן באַקאַנטער פּאַסאַזשירקע (איר נאָמען, פונקט ווי זי זײַנעם, האָט ער ניט געוווּסט, ס'איז פריִער ניט אײַנגעפאַלן צו פרעגן), זי איז אַרויסגעלאָפן, ער האָט א מאַך געטאָן פון דער קאַבינע מיט דער האַנט צו איר און טייקעף נאָך דעם אין וואָלקן שטויב, וואָס זײַן מאַשין מיט די אַנדערע מאַשינעס פון דער קאָלאָנע האָט אויפגעהויבן, איז זי פאַרשוווּנדן פון זײַנע אויגן.

דערזען האָט ער זי אין פיר יאָר אַרום, ווען ער האָט נאָך דער מילכאָמע זיך אומגעקערט אַהיים.

ער איז געוואָרן אַזוי דערשיטערט פון דעם, וואָס די אויגן זײַנע האָבן דערזען, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין קויעך צו מאַכן א טראָט ווײַטער פונעם אָרט, צו וועלכן ער איז געקומען און ווו עס איז פריִער געשטאַנען זײַן שטוב. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס קלומעקל פון דער פּלייצע, אַוועקגעלייגט עס אַף דער ערד און אַליין אויך זיך אַוועקגעזעצט. אַרום איז געווען טויט־שטיל. אָפּגעווישט פון דער ערד הייסט, פונדעסטוועגן, ניט, אַז ס'איז ניט געבליבן קיין שפּור. שפּורן זײַנען געווען. עס האָבן זיך געוואַלגערט אײַנגעטראָטענע, צעבראָכענע און צעשטויסענע פאַרשיידענע קלייניקײַטן פון שטוב־געבערויך, — א ברוכשטיקל פון א שפּיגל האָט בלענדנדיק־

העל געפינקלט אנטקעגן דער זון, וואָס האָט זיך שוין געגייגט צו מײַרעוו. א פּאַרזשאַווערט דעקל פון א טשײַניק איז געהאַנגען מיטן אויערל אַף א סוק פון א שוואַרץ־אָפּגעברענטן קלאָץ און ווען ס׳האָט א ביסל שטאַרקער א ווייע געטאָן דער ווינט, האָט עס געגומען שאָקלען זיך און שטיל־שטיל אונטערגעקלונגען: לעבעדיק און גאַנץ איז געבליבן דער קליאַן־בוים. די ברייטע בלעטער זײַנע האָבן געשורשעט און, דוכט זיך, געזוכט די פענצטער, אין וועלכע זיי האָבן אַזוי פיל יאָרן פּריילינג און זומער און ביזן טיפן האַרבסט אַרײַנגעקוקט.

אַן אופגעטריסלטער, א צעבראָכענער, א טויט־מידער פון וועג איז ער אײַנגעשלאָפן, האָבנדיק דאָס ליידיקע קלומעקל צוקאָפּנס. אופגעכאַפּט האָט ער זיך, ווען ס׳איז שוין געווען אָוונט. ער האָט זיך אופגעהויבן און געלאָזט זיך גיין מיט דער שטעטלשער פוסטער פאַרוויס־טעטער גאַס, אליין ניט וויסנדיק וווהין. ער איז געגאַנגען אין דער נאַכט אַרײַן, און די נאַכט איז געוואָרן אַלץ פינצטערער. ס׳מאַכן זיך אַפּט אַזעלכע שטאַרק־פינצטערע נעכט אין די קאַנטן, וואָס זײַנען נעענטער צו דאָרעם. יעדער שאָרך האָט אים געצוווּנגען אומקוקן זיך און זיך אָנ־בייגן, פּונקט ווי ס׳וואָלט נאָך אַלץ, אַזוי ווי אין מילכאָמע־צײַט, געלויערט א געפאַר. דער לאַנגער און צעקלאַפּטער שאָסיי־וועג האָט אים געבראַכט צום דאָרף באַלשויע קאָלאָדצי. די שטיבער אינעם דאָרף זײַנען געשטאַנען, ווי פריער. ער האָט אָפּגעציילט די ערשטע דרײַ הײַזער אַף דער לינקער זײַט גאַס און אינעם פערטן הויז אָנגעקלאַפּט. ער האָט פאַרגעדענקט, אַז אין אָט דער פערטער כאַטע וווינט די אַמאָליקע באַקאַנטע פּאַסאַזשירקע זײַנע. שטייענדיק באַם פלויט און וואַרטנדיק, אַז מע זאָל זיך אָפּרופן, האָט ער זיך געוווּנדערט אַף זיך אַליין.

פאַרוואָס איז אים אײַנגעפאַלן קומען דאַפקע אַהער, צו א פרוי, וואָס ער ווייסט אפילע ניט איר נאָמען? און ווען? שפּעט באַנאַכט, נאָר אַף איבערצושרעקן זי און איר הויזגעזינד. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעקלאַפּט אינעם פאַרמאַכטן לאָדן נאָכאַמאָל. אין הויף האָט זיך צעבילט א הונט, נאָך אים — אַנדערע הינט פונעם דאָרף. קיין איין שפּאַרונקעלע אינעם לאָדן האָט ניט א בלינצל געטאָן מיט א פונק ליכט, אַזוי ווי ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער, אַזוי שטאָק־פינצטער איז געבליבן. זעליק איז שוין אפילע געווען צופרידן, וואָס קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן, ער וועט דאָ, באַם פלויט, אָדער א ביסל ווײַטער ווי־עס־איז דורכשטופּן די קורצע זומערדיקע נאַכט. ער האָט געמאַכט צוויי טריט אוועקצוגיין, ווען ס׳האָט א סקריפּע געטאָן א טיר, און א שטרענג דײַטלעך קאָל האָט א זאָג געטאָן: „קודלאַטי, האַדיז!״ דער הונט האָט אופגעהערט בילן.

— ווער איז דאָרטן? — דאָס זעלבע שטרענג קאָל איז איצט געווען געווענדט צו דער פיגור, וועלכע שטייט באַ דער קאַליטקע.

און ווידער איז געווען צו באַוווּנדערן, וויאַזוי ער האָט דאָס קאָל דערקענט, אַזוי ווי ער וואָלט עס ערשט נעכטן געהערט. איר הילכיק, דײַטלעך קאָל, וואָס לאָזט זיך דערקענען אויך דאַן, ווען עס איז שטרענג און אָפּגעהאַקט.

— איך... — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

— ווער — איך?

— אין דער פינצטער ווערסטו מיך ניט דערקענען. לאָז אַרײַן אַף א ווײַלע, צינד אָן די ליכט. צי איר שלאָפט שוין?

— די קינדער שלאָפן שוין. — זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין אים, באַמיט זיך אין דער פינצטערניש דערזען באַקאַנטע שטריכן, וואָס זאָלן איר אופקלערן, ווער איז דער דאָזיקער אומ־געריכטער נאַכט־פאַרשוין, אָבער דאָס האָט זיך איר ניט אײַנגעגעבן.

— דעם שאָפער פון קאַריער געדענקסטו? האָסט געפירט כאַזיירימלעך אַפן מאַרק. — האָט ער אָנגעגעבן א ריכטיקן סימען.

— א־אַ... — האָט זי זיך דערמאָנט. זי האָט אים אַרײַנגעלאָזט אין שטוב, אָנגעצונדן דאָס בלעכענע גאַז־לעמפּל מיט אַן אָנגעשפּאָלטן גלעזל.

ניט גרינג איז געווען צו דערקענען אינעם מענטשן מיט די פיבערדיק־ברענענדיקע אויגן אַפן מאָגערן פּאָנעם און מיט די גרויע האָר, וואָס האָבן אַפן קאָפּ איבערגעמישט זיך מיט די שוואַרצע, דעם אַמאָליקן, דאָס הייסט, מיט פיר יאָר צוריק, באַקאַנטן שאָפער, וואָס איז אַזוי יאָדערדיק־פעסט און פריילעך, אַזוי ווי א מיילעך אַפן טראָן, געזעסן אין דער קאַבינע פון זײַן גרויסער לאַסטמאַשין, און זי איז געזעסן לעבן אים און זיי האָבן דעם גאַנצן וועג געפּלאַפּלט, ער — א נײַגעריקער באָכער — האָט אַלץ געוואָלט וויסן, און זי האָט גערן אים געענטפערט אַף זײַנע פראַגעס, אפילע אײַנגעלאַדן צו גאַסט. איצט, קומט אויס, איז ער לויט יענער אײַנ־לאַדונג געקומען, ער האָט זיך דערמאָנט.

אינעם צימער, וווהין זי האָט אים אַרײַנגעפירט, איז געווען ריין, אָבער ליידיקלעך, א טישל, איבערגעדעקט מיט א צעראַטע, צוויי טאַבורעטקעס און א קליין נידעריק שאַפקעלע מיט

א טירל, װוּ ס'איז אַרײַנגעפּאַסט אַ בילד — אַ נאַטורמאָרט: רויזן פֿונויבן און אַ טעלער מיט אָנגעשניטענע ריפּטלעך קאַװון אַף אונטן. פֿריִער, װען דאָס בילד איז געװען נײַ, זײַנען, מיסטאָמע, די רויזן געװען זײער רויטע, און גאָר־גאָר רויט איז געװען דער קאַװון, איצט איז דאָס אַלץ געװען אײן טונקעלער פֿלעק, נאָר די יאָדערן פֿונעם קאַװון האָבן זיך אויסגעטײלט מיט זײער שװאַרצקײַט. אַף דער װאַנט, צוגעפּעסטיקט בײַ די ברעגן מיט טשװעקלעך, איז געהאַנגען אַ פֿאָטאָקאַרטעלע, אַזאַ קלײנס, װי מע פֿאָטאָגראַפֿירט זיך, צוליב אָנקלעפּן עס אַף אַ צײַגעניש. פֿונעם אַנדערן צימער, װוּ ס'איז אַף האַלב געװען אָפֿן די טיר, האָט זיך געהערט אַ קינדערש שמוכקען מיטן נעזל און אַן אײַנװיגנדיקער גאַנג פֿון „כּאַדיקעס”.

— זעץ זיך. ביסט, זע איך, שטאַרק פֿאַרמאַטערט פֿון װעג, — זי האָט צוגערוקט צו אים אַ טאַבורעטקע.

— פֿונעם װעג בין איך ניט פֿאַרמאַטערט, ער איז געװען ניט קײן װײַטער, — האָט ער זיך אָפּגערופֿן, — סאַכאַקל פֿונעם שטעטל אַהער, ס'איז ניט מער פֿון זעקס קילאָמעטער.

— לעבסט איצט װידער אין דײַן פֿריִערדיקן אָרט?

— איך לעב... — האָט ער געענטפֿערט מיט אַ צוגעטױבטער שטים. — איך אײנער לעב. זאָג מיר... דו האָסט געזען, װי מע האָט געטריבן די מענטשן פֿון אונדזער שטעטל? מע האָט זײ דאָך געטריבן דורך אײַער דאָרף, צום קאַריער. איך בין אַפֿן קאַריער נאָך ניט געװען, און איצט גײ איך אַהין.

— איצט? אײנמיטן דער נאַכט?

— דער װעג איז מיר גוט באַקאַנט. װײסט דאָך, איך האָב דאָרטן געאַרבעט, טױזנט מאָל געפֿאָרן מיט דער מאַשין אַהין און צוריק, װעל איך באַנאַכט אױך טרעפֿן. אָבער דו האָסט מיר ניט געענטפֿערט, צי דו האָסט געזען...

צוליב װאָס האָט ער געדאַרפֿט װיסן, צי זי האָט געזען, װיאַזױ מע האָט געטריבן די מענטשן צום טויט? זײַנע עלטערן, זײַנע דרײַ ברידער, די צװײ שװעסטער — קײנעם פֿון זײַן מישפּאָכע, קײנעם פֿון זײַנע אײגענע האָט זי ניט געקענט און דערפֿאַר קאָן זי אים װעגן זײ סײַװי גאָרניט דערצײלן, אָבער אויב זי האָט אין יענעם װיסטן פֿרימאָרגן געזען די געטריבענע מענטשן, איז דאָך איר בליק אויך געפֿאַלן אַף זײַנע אײגענע און נאָענטע, זי איז אַן אײדעס פֿון זײער לעצטן װעג.

— יאָ, איך האָב געזען, און פֿון יענעם טאָג איז בײַ מיר געבליבן אַן אָנדענק, — זי האָט אַ װונק געטאָן מיט די אויגן צו דער טיר פֿונעם צװײטן צימערל. מיט שטילע טריט האָט זי זיך געלאָזט גײן אַהין און שטומערהײט אַ רוף געגעבן איר אומגעריכטן גאַסט, ער זאָל נאָכגײן נאָך איר. אין דער האַנט האָט זי געטראָגן דאָס לעמפּל.

אינעם דאָזיקן צװײטן צימערל איז געשטאַנען אַ בעט און לעבן דעם — אײנס, עטװאָס אָפּגערוקט פֿונעם אַנדערן, צװײ קינדערשע בעטלעך — אַ קלענערס און אַ גרעסערס. דאָס קלענערע איז געשטאַנען באַם צוקאָפּנס פֿון דער גרויסער בעט. די פֿרוי האָט פֿאָרזיכטיק, פֿון דער זײַט, אויפֿגעהויבן דאָס לעמפּעלע איבערן קלײנינקן בעטל. דאָס קינד איז געשלאָפֿן מיטן רוקנדל אַרױף־צו. די פֿרוי האָט איבערגעגעבן האַלטן דאָס לעמפּל איר אורעך און מיט מוטערלעכער געניטקײַט און צאַרטקײַט איבערגעלײגט ס'קינד אַרױף־צו מיטן בײַכל. אינעם קאַרגן קרײַזל שײַן פֿונעם לעמפּל האָט אַרױסגעלױכטן אַ ראָזעװע פּענעמל מיט אויגן, װאָס האָבן אַף אַ קורצער רעגע געגעבן זיך אַן עפֿן, אַזױװי צו באַװײַזן זײער טמימעסדיקע פֿאַרשלאָפֿענע שײנקײַט און טײקעף װידער זיך צוגעמאַכט.

— דאָן איז דאָס נאָך געװען אַ ברעקל, — האָט די פֿרוי מיט אַ שעפּטשענדיק קאָל דערצײלט. — איצט איז עס שוין אַלט אַריבער פֿיר. גענוי איר געבורטס־יאָר װײס איך ניט... געפֿונען האָב איך עס אין יענעם פֿרימאָרגן בײַ מיר אין הויף, באַם עק פֿונעם פּלױט, נאָך אײדער מע האָט די אומגליקלעכע דורכגעטריבן דורכן דאָרף. מע האָט דאָס אײפּעלע, װײַזט אויס, געבראַכט באַגינען אָדער אַפֿילע באַנאַכט, אָבער װער האָט געבראַכט, װיאַזױ און פֿאַרװאָס צו מיר — דאָס װײס איך ניט. גיכער פֿון אַלץ צופֿעליק, די קאַליטקע איז געװען אָפֿן, די שטוב איז נאָענט באַם װעג. װאָס איך האָב איבערגעלעבט צוליב דעם, איז אַ סאַך צו דערצײלן, אַבי ס'האָט זיך אויסגעהיט, ס'װאַקסט... — זי האָט זיך אָנגעבויגן צום קינד, אַ קוש געטאָן אין בעקל. — איך האָב עס אין אונדזער קלויסטער געטױפֿט. — האָט זי װײַטער דערצײלט. — פֿאַר דער מילכאָמע האָב איך אין גאָט ניט געגלײבט, אין קלויסטער ניט געגאַנגען, נאָר אין דער פֿינצטערער צײַט האָב איך אָנגעהויבן דאַװנען, בעטן גאָט פֿאַר מײַן מאַן, ער זאָל זיך אומקערן גאַנץ פֿונעם פֿראָנט, װוּ ער האָט געדינט, פֿאַר אונדזער אײגן קינד, װאַסיוטקען און פֿאַרן מײדעלע, װאָס מע האָט מיר אונטערגעװאָרפֿן און מע קאָן עס יעדע רעגע אומברענגען... אָט דאָס איז װאַסיוטקע, — האָט זי אָנגעװיזן אַפֿן אַנדערן בעטל, װוּ ס'איז געלעגן

צעוואָרפן אַ ייִנגל פון אַ יאָר זיבן אָדער אַכט, ער האָט רעגלמעסיק אונטערגעפּיפּט מיטן קורצן נעזל, איינע אַ פּוס איז אַראָפּגעהאַנגען, — דאָס געלעגער איז שוין געווען קורץ פאַרן אונטערגעוואַקסענעם באַכערעצל.

— נו, און דאָס איז מײַן מאַן, — האָט זי, ווען זיי האָבן צוריק זיך אומגעקערט אין פאָרדערצימער, אַ טײַטל געגעבן מיט דער האַנט אויפן קליינינקן פאָטאָ־קאַרטעלע, וואָס איז דאָרטן געהאַנגען אויף דער וואַנט. זי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, די אויגן זײַנען פײַכט געוואָרן. — ער האָט פון דער מילכאָמע זיך ניט אומגעקערט. כ׳האָב געקראָגן אַ צעטל „פאַראָפּאַל בעז וועסטי...״.[1]

נאָך די טרויעריקע ווערטער אירע, אַז דער מאַן איז פאַרפאַלן געוואָרן, זי ווייסט, קומט אויס, אַפילו ניט, ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען, וואָלט ער, זעליק, דער אַנגעצווונגענער גאַסט געדאַרפט כאָטשבי זאָגן אַ טרייסט־וואָרט, אַז דער מאַן וועט זיך נאָך אָפּזוכן און זיך אומקערן אַהיים, נאָר זײַן געמיט־צושטאַנד איז געווען אַזאַ, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין טרייסט פאַר זיך און אויך ניט פאַר יענעם. גאָר נאָענט פונדאַנען ליגט פאַרשאָטן זײַן גאַנצע מישפּאָכע, און ער, דער לעבנגעבליבענער יונגער באָכער, האָט זיך געפילט, ווי ס׳וואָלטן אויף אים געדריקט די ליימיקע שווערע אָפּהאַנגען פונעם קאַריער. אין צימער איז געווען שטיל, עס האָבן געקלאַפּט די כאָדיקעס און ס׳האָט געשמוכקעט מיטן נעזל אין שלאָף דאָס ייִנגל אינעם שלאָפצימער.

— נו, כ׳וועל שוין גיין. אַנטשולדיקט, וואָס כ׳האָב באַאומרויִקט, — האָט ער געזאָגט און אויסגעדרייט זיך מיטן פּאָנעם צו דער טיר. אים האָט זיך זייער ניט געוואָלט פאַרלאָזן די שטוב, וואָס האָט אין זײַנע אויגן אויסגעזען זייער געמיטלעך. נאָך דעם אַלעמען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, נאָכן פראָנט, נאָך די פאַרווונדונגען, נאָך דער פאַרשיקונג קיין דײַטשלאַנד אין קנעכטשאַפט, נאָכן אומקערן זיך אין דער כאָרעווער היים, האָט ער פונדעסטוועגן פאַרגעדענקט, באַגלײַך מיט די נאָענטסטע און אייגנסטע מענטשן, באַגלײַך מיט די עלטערן, ברידער און שוועסטער, אויך די פרעמדע פרוי, וואָס איז אַ פּאָר מאָל געפאָרן מיט אים אין קאַבינע פון זײַן מאַשין. איצט האָט ער דײַטלעך געוווסט, ער האָט נאָר אַליין ניט געוואָלט זיך מודיע זײַן אין דעם, אַז געלאָזט האָט ער זיך גיין אַנטקעגן דער נאַכט פונעם שטעטל אַהער מיט דער פאַרטײַטער האָפענונג צו טרעפן זי אין דאָרף, זען זי, אַ רעד טאָן מיט איר. און ווען ער איז אַרײַן צו איר אין שטוב און בײַ דער שײַן פונעם לעמפּל האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין איר, האָט ער אין איר אײַנגעפונען דעם זעלבן פריִערדיקן כיין, וואָס אַמאָל, אים האָט געדוכט, אַז זי האָט זיך גאָרניט געעלטערט. אין די אויגן — די זעלבע ווארעמע בלויקײַט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נאָר אין איין שטוב וואָלט ער עפּשער נאָך געקאָנט קומען צו־זיך — אין אָט דער־אָ, וווּ ער איז אַרײַנגעקומען איצט. אָבער וואָס איז שײַך? ער דאַרף אַוועקגיין...

— יאָ, — האָט ער זיך דערמאָנט, שטייענדיק בײַ דער טיר. — מיר זײַנען שוין וויפל יאָר באַקאַנט, נאָר דײַן נאָמען ווייס איך ניט.

— און איך דײַנעם — אויך ניט...

אַ שוואַכער שמייכל האָט באַליכטן ביידנס פּנעמער, און ניט נאָר ער, נאָר, ווײַזט אויס, אַז אויך זי איז געווען צופרידן, וואָס עס איז פאַראַן נאָך אַ שטיקל טערעץ פאַר אים ניט אוועקצוגיין שוין, אין אָט דער רעגע, עס שטייט נאָך ביידן פאַר אַ ביסל נײַגעריקע באַקאַנטשאַפט.

— איך הייס אַנפיסאַ. אין דאָרף רופט מען מיך פּאַשעט — פיסאַ.

— מיך רופט מען פּיאַדאָר. — האָט ער זיך אָנגערופן מיטן נאָמען, וואָס ער האָט געטראָגן, זײַענדיק אין געפענקעניש. ער האָט אָבער זיך דערפילט אומבאַקוועם, וואָס ער האָט געזאָגט אַ ליגן.

— מײַן עמעסער נאָמען איז זעליק, — האָט ער דעם ליגן פאַריכט.

— בײַ אונדז אין דאָרפסאָוועט, קאָן מען איבערנעכטיקן, — האָט זי געזאָגט. — ס׳איז ניט ווײַט פונדאַנען, די פינפטע שטוב, באַנאַכט דעזשורעט מען דאָרטן, מע וועט דיך אַרײַנלאָזן.

אַרויסבאַגלייט אים ביז דער קאַליטקע, האָט זי אים אײַנגעלאַדן קומען צוגאַסט צו איר.

— כ׳וועל קומען, אוודע וועל איך קומען, — האָט ער מיט פאַרגעניגן צוגעזאָגט. — זאָג מיר נאָר ווען?

— ווען דו ווילסט.

— כ׳וועל קומען מאָרגן אינדערפרי.

---

[1] אומבאַוווּסט, וווּ ער איז פאַרפאַלן געוואָרן.

— אינדערפֿרי ניט, דאַן בין איך אַף דער פֿערמע. און קום אויך ניט שפּעט אינאָוונט, ווען די קינדער שלאָפֿן שוין.

— ניט אינדערפֿרי, ניט אינאָוונט, איז ווען זשע? — אינעם באָכערס קאָל האָט זיך געפֿילט שוין אַ שטיקל טײַנע, מע רייצט זיך נאָר מיט אים.

— אויסער פֿרימאָרגנס און אָוונטן זײַנען דאָך נאָך פֿאַראַן באַטאָגן. פֿאַרוואָס זאָלסטו ניט קומען באַטאָג? — זי האָט עס געזאָגט מיט אַ שמייכל, וואָס אינדערפֿינצטער האָט מען אים ניט געזען, נאָר פֿילן האָט מען אים געקאָנט.

4

ער איז געוואָרן אַן אָפּטער אַרײַנגייער צו איר און מיט יעדן מאָל האָט זיך אים אַלץ מער ניט געוואָלט אַוועקגיין פֿון איר שטוב, וועלכע איז שוין געווען פֿאַר אים דאָס געמיטלעכסטע ווינקעלע אַף דער ערד, ווו מע קאָן נאָך די פֿיל איבערגעטראָגענע לײַדן געניסן אַ ביסל רו און פֿרייד. צו זײַן קומען, וואָס איז שטענדיק אָפּגערעדט געווען פֿאַרפֿריִער, האָט זי זיך צוגעפּוצט. עמעס, די בעסערע קלייד איז געבליבן ליגן אינעם קאַסטן — אַ בלויע קרעפּדעשינעווע קלייד, אופֿגעגנייט פֿאַר דער מילכאָמע פֿונעם שניט, וואָס דער מאַן איר׳ער, אַפֿאַנאַסי, האָט געבראַכט פֿון מורמאַנסק נאָך איינער פֿון זײַנע רײַזעס מיט דער פֿישער־פֿלאָטיליע. אָנטאָן אַזאַ פּראַכט וואָלט געשניטן די אויגן, וואָס וואָלטן געזאָגט די און יענע שכיינע, ווען זיי זאָלן אַרײַנקומען? זי האָט אָנגעטאָן אַ ווײַס ציצן קאָפּטל און אַ גרין מולטענע קליידל, דאָס האָט איר אויך גוט געקליידט. אַלץ, וואָס זי האָט אָנגעטאָן איז געווען גוט אַף איר שטײַפֿן געזונטן קערפּער. צו זײַן קומען איז אַף דער פּליטע געשטאַנען גרייט דער וואַרמעס — אַ טאָפּ באָרשטש, אָן פֿלייש, אָבער געדיכט אָנגעבראָקט מיט קרויט און קאַרטאָפֿל און פֿאַרפֿראַוועט מיט צוגעפּרעגלטע ציבלקעס און מערן. קיין צווייטער געריכט איז ניטאָ, דערפֿאַר איז פֿאַראַן אַ באַטאַמטער קאָמפּאָט פֿון אויסגעטריקנטע פּרוכטן. די קינדער, וואַסיוטקע און ליובאָטשקע, האָבן שוין געפֿילט, אַז עס דאַרף קומען „דיאַדיאַ זעליק". און ס׳איז בײַ זיי דעמלט געווען יאָמטעוו, ווײַל די מאַמע ווערט דאַן שענער און ווייכער, זי הערט ניט דאָס קאָל, זי שרײַט ניט, ווען מע שטיפֿט, זי בעט נאָר ניט מאַכן אַן אומאָרדענונג אין דער אופֿגעראַמטער שטוב. ווען דער „דיאַדיע זעליק" קומט, וויל ניט די קליינע ליובאָטשקע גיין שפּילן זיך אין דרויסן, זי טרעט פֿון אים ניט אָפּ און זי ציטערט פֿון פֿרייד, ווען ער זעצט זי אַוועק צו זיך אַף די קני, אָדער נאָך בעסער — נעמט זי אַרויף אַף די אַקסלען און זי רײַט אַף אים. אַ שווערע מינוט אין איר לעבן איז דאַן, ווען ער נעמט אָן מיט דער האַנט דאָס הענטל פֿון דער טיר אַף אַוועקצוגיין.

— גייסט שוין אַוועק? — ליובקעס הענטלעך האַלטן אַרומגעכאַפּט אַ קני זײַנע, און די אויגן זײַנען אופֿגעהויבן צו אים אַרופֿצו מיט אַ געבעט, אַז ער זאָל בלײַבן.

דאָס מיידעלע האָט אויך בײַ אים געפֿונען אַן אָרט אין האַרצן, ס׳האָט אים געצויגן צו איר. אַ וואַרעמקײַט האָט דורכגענומען אַלע זײַנע גלידער דערפֿון, וואָס זי האָט אים גענומען רופֿן טאַטע. באַקומען האָט זיך דאָס גאַנץ צופֿעליק. איינמאָל איז ער אַרײַנגעקומען אין שטוב, ווען ליובקע האָט געוויינט, און אַנפֿיסע האָט געזאָגט צו איר:

— הער אוף! אָט איז געקומען דער טאַטע... ער וועט דיר באַלד געבן אַ כיילעק!

דאָס קינד, — אַזוי ווי מע וואָלט עס איבערגעביטן, — איז אַ קורצע רעגע געבליבן שטיין אַן איבערראַשטע, דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו אים און מיט טמימעסדיקער ערנסטקײַט, ווי דאָס קאָן נאָר זײַן בײַ אַ קינד, האָט זי אים געפֿרעגט:

— ס׳איז עמעס, אַז דו ביסט מײַן טאַטע?

אַזויפֿיל צוטרוי איז געווען אויסגעדריקט אינעם קינדס העל־בלישטשענדיקע אויגן מיט די טרערן, וואָס זײַנען נאָך געהאַנגען אין זיי, אַז ער האָט אַנדערש ניט געקאָנט, ווי נאָר ענטפֿערן:

— יאָ, איך בין דײַן טאַטע... — ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און אַ קוש געטאָן. זי האָט צוגעטוליעט דעם קאָפּ מיט די געקרײַזלטע הערעלעך צו זײַן ברוסט, דערנאָך אויך צוגעפֿאַלן מיט די ליפּן — אַ קוש געטאָן אים אין דער קין, ס׳איז געווען נעענטער צו דערגרייכן, ווי צו דער באַק.

— עס שטעכט זיך, — האָט זי געצופּט די קליינע הערעלעך אַף דער קין זײַנער און פֿריידיק געלאַכט.

— כ׳וועל זיך אָפּגאָלן, וועט ניט שטעכן! — האָט ער איר צוגעזאָגט.

אַפּטמאָל איז אויסגעקומען אנפיסען צו דערמאָנען איר גאסט, אז ס'איז צייַט צו גיין אהיים, צו דער אלטער גוסענטשיכע, ווו ער שטייט איַין אף קוואַרטיר. דאַן האָט ער געהאַט אַ וויכטיקן טערעץ צו פאַרהאַלטן זיך:

— ליובאָשקע וויל ניט, אַז איך זאָל אוועקגיין, — האָט ער אָנגעוויזן אַפן מיידעלע, וואָס האָט זיך צו אים געטוליעט.

5

ער איז אָנגעקומען אַרבעטן אינעם קאָלווירט, צוערשט האָט ער רעמאָנטירט דעם איינציקן אַלטן טראַקטאָר, וואָס איז געווען אין דער ווירטשאַפט, און טאַקע אַליין אוועקגעזעצט זיך אַף אים. ער איז דאָך אַ שאָפער, דרייען דאָס רעדל האָט ער געקאָנט. געלעבט האָט ער בא דער גוסענטשיכע, אָבער אַן אייגענער און באַליבטער מענטש איז ער געווען אין שטוב בא אַנפיסען. „אַלציינס רעדט מען שוין אין דאָרף ווער ווייסט וואָס וועגן מיר", — האָט אַנפיסע געפּונען אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם, וואָס זעליק איז מער בא איר, ווי אַף זיַין קוואַרטיר. איינע אַ וואַנט אין אַנפיסעס כאַטע איז געווען שוין אַזוי אויסגעקרימט — אָט־אָט וועט זי איַינפאַלן און מיט איר צוזאַמען די גאַנצע שטוב. זעליק האָט די וואַנט אויסגעגלייַכט און די שטוב געראַטעוועט. ער האָט זיך זייער צוגעבונדן צו אַנפיסען, צו די קינדער, באַזונדערס צו ליובאָשקען. די מענטשן אינעם דאָרף האָבן אים געשעצט, אין דער מטס האָט מען אים געליבט. און געוויס האָט ער שוין ניט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן, אַז ער איז אַ ייִד, אָבער די יאָרן, ווען ער האָט געמוזט אויסבאַהאַלטן זיַין אָפּשטאַם, האָבן אַף אים אַרופגעלייגט זייער שווערן שטעמפּל, ער איז געווען טראַוומירט, און ווען ער האָט געהערט, אַז מע רעדט וועגן ייִדן, מע דערמאָנט דעם נאָמען ייִד, האָט ער אימפּולסיוו אופגעציטערט. ס'האָט נאָך געלויערט דער מוירע־רעפלעקס, וואָס האָט זיך בא אים אויסגעאַרבעט, ווען ער איז געווען אין געפענקעניש. אופכאַפנדיק זיך פון שלאָף, האָט ער מיט גרויל אַרומגעקוקט זיך אין די זיַיטן, ביז דער מויעך איז געוואָרן אויסגעקלאָרט און ער האָט זיך דערוווּסט, אַף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז.

דעם דריַי־און־צוואַנציקסטן אויגוסט איז זעליק באַגינען אוועקגעפאָרן און אומגעקערט זיך שפּעט איַינאָוונט. ס'איז געווען די הייסע שניט־צייַט מיט זייער פיל אַרבעט אין פעלד, אַ טאָג איז מיט גאָלד גליַיך, דאָך איז ער געפאָרן אַפן קאַריער — ס'איז געווען יאָרצייַט. דער קאַריער איז איצט געווען פאַרוואָרפן, פאַרשאָטן. אַרום אים זיַינען געוואַקסן הויכע גראָזן און פעלד־בלימעלעך, שוין לאַנג אָפּגעבליטע און פאַרוויאַנעטע, און אויך אַזעלכע, וואָס וועלקן ניט ביזן שפּעטן האַרבסט. צוזאַמען מיט נאָך מענטשן, וואָס זיַינען געקומען צו פאָרן אהער פון פאַרשיידענע ערטער אין אָט דעם טאָג צו מאַזקיר נעשאָמעס זיַין, איז זעליק געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן ליימיקן באָדן. קיין טרערן זיַינען ניטאָ, די אויגן זיַינען טרוקן, אַפן האַרצן דריקט אַ שווערע מאַסע, אַ מאַסע, וועלכע וועט דריקן ביזן טויט. גייענדיק צוריקוועגס, האָט ער געמורמלט ייִדישע ניגונים, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט אין דער היים. ער פילט אַ בענקעניש נאָך אָט די ניגונים, נאָך אַ ייִדיש וואָרט, וואָס עס קומט אים איצט ניט אויס צו הערן. „אין זיך" רעדט ער אַף ייִדיש, ער הערט דאַן, ווי אים דוכט, די אַף אייביק דערשטיקטע קוילעס פון זיַין טאַטן, פון זיַין מאַמען... אַנומלטן איז אין דאָרף בא איינעם אַ פויער געווען אַ שטיקל יאָמטעוו, אים האָט מען אויך אייַנגעלאַדן. באַם טיש האָט מען אויסגעטרונקען און גענומען זינגען רוסישע און אוקראַיִנישע לידער. בא אים האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט שורעלעך פון אַ ליד, וואָס מע האָט פאַר דער מילכאָמע געזונגען בא אים אין דער היים און ער האָט זי פאַרגעדענקט.

טרערעלעך — פּערעלעך,
לויטערע שטערעלעך —
ווער האָט איַיך הייסע פאַרלאָרן?!
קינדערלעך קליינע,
נעשאָמעלעך ריינע,
וואָס זיַינען פאַרשטויסן געוואָרן.

אַ קאָל האָט ער געהאַט אַ גוטן, און די סטראָפּע אויסגעזונגען האָט ער מיט האַרץ. דער אוילעם באַם טיש איז אַנשוויַיגן געוואָרן, געוואַרט, ער זאָל זינגען וויַיטער, אָבער וויפל מע האָט אים דערנאָך ניט געבעטן, האָט ער מער ניט געזונגען, עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן.

אין איינעם א טאָג, שוין שפּעט אין האַרבסט, האָט זעליק פאַרנאַכט־צו אומגעקערט זיך פון פעלד. ער האָט מיט זײַן טראַקטאָר פאַרענדיקט אופאַקערן פּריר־ערד. ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין שטוב צו אַנפיסען, האָט ער דאָרטן דערזען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן. יענער איז געלעגן אויפן באַנקבעטל און געשלאָפן, א מידער, ווײַס אויס, פּונעם וועג און אַנגעזעטיקטער פונעם מיטיק, וואָס אַנפיסע האָט דערלאַנגט. אויפן טיש זײַנען נאָך געשטאַנען די טעלער, פון וועלכע מע האָט געגעסן, און די גלעזער, פון וועלכע מע האָט געטרונקען. דער גאַסט איז געווען אַן אינוואַליד. א מיליצע און א שטעקן זײַנען געווען אָנגעשפּאַרט צום באַנקבעטל. דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען רויט, אָבער ניט מיט דער נאַטירלעכער רויטקייט פון א געזונטן מענטשן, וועלכער רוט אויף אין שלאָף, נאָר אַזוי ווי מע וואָלט עס שטאַרק און קרענקלעך אָנגעריבן, דערצו איז אויף איין באַק, נאָענט בײַ דער קין, געווען זייער א קאַנטיק טונקל־בלויע גריבעלע — א באַשײַמפּערלעכער סימן פון א פאַרווונדונג.

אַנפיסע, א צעטומלטע און פאַרלוירענע, איז טייקעף, ווי נאָר זעליק האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, אַוועק אים אַנטקעגן און מיט א האַנט אָנגעוויזן, ער זאָל ווײַטער פון דער טיר ניט גיין. צוזאַמען מיט אים איז זי אַרויס אין הויף.

— מײַן אַפאַנאַסי האָט זיך אומגעקערט, — האָט זי געגנומען שעפּטשען. — דאָס לײַב, דאָס פּאָנעם, די פיס — קיין גאַנצער אייווער איז ניטאָ. דערפאַר, האָט ער מיר געזאָגט, איז ער אַזוי לאַנג ניט געקומען, ניט געלאָזט הערן פון זיך, ווײַל צוליב וואָס באַדאַרף איך אַזאַ? ער האָט אָנטײלגענומען, האָט ער דערציילט, אין א דעסאַנטן־אָפּעראַציע און בײַסן אַרויסזעצן זיך פון דער שיף... א סאַך מאַטראָסן זײַנען דערטרונקען געוואָרן. אים מיט נאָך עטלעכע האָט זיך אײַנגעגעבן ראַטעווען, צושווימען צום ברעג...

זעליק האָט זי אויסגעהערט, א צעטומלטער ניט ווייניקער פון אַנפיסען.

— לאָמיר אַרײַנגיין אין שטוב, — האָט ער פאָרגעלייגט. — וואָס שטייען מיר אין דרויסן?

— ער שלאָפט... זאָל ער שלאָפן. ער איז אופגערודערט, און דו ביסט אויך... דאָס פּאָנעם איז בײַ דיר שוואַרץ געוואָרן, — האָט אַנפיסע אין דער שטיל אײַנגעטײַנעט מיט אים. ס'האָט זי געשראָקן די באַגעגעניש זײַנע מיט אַפאַנאַסין, ס'קאָן זיך אויסלאָזן ניט גוט. — גיי זשע איצט אַוועק, — האָט זי אים אונטערגעטײַלט, — ער וועט זיך באַלד אופכאַפּן.

— טרײַבסט מיך?

— איך טרײַב? — זי איז צוגעפאַלן צו אים, צוגעדריקט זיך מיטן קאָפּ צו זײַן ברוסט, און זיך צעוויינט, אָבער גלײַך דאָס געוויין דערשטיקט אין זיך, אומקוקנדיק זיך מיט שרעקצו דער שטוב. — איך וואָלט אַוועק מיט דיר, — האָט זי הייס געמורמלט, — מיטגענומען וואָסיוטקען, ליובקען, ווען ער זאָל האָבן אומגעקערט זיך א געזונטער...

ליובאָטשקע האָט זיך אומגעדרייט אין הויף, א פּאָר טריט פון זיי. בײַ זעליקן איז פּלוצעם אַרײַן א געדאַנק אין קאָפּ.

— ליובען וועל איך נעמען, — האָט ער געזאָגט צו אַנפיסען מיט א פעסטן קאָל, ווי דאָס וואָלט שוין געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך. אין זײַן עלנטקייט האָט ער געמוזט האָבן דאָס קינד, צו וועלכן ער האָט זיך אַזוי צוגעבונדן און ליב געקראָגן.

— דו פאַרשטייסט אַליין ניט, וואָס דו רעדסט, — האָט אַנפיסע אויף אים געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג. — ווו וועסטו עס נעמען, דאָס פּיצל? ווער וועט אַרום דעם אַרומגיין? האָסט דאָך ניט קיין אייגן ווינקל. וועסט זיך אײַנאָרדענען, דאַן וועט מען זען... איצט גיי... איך בעט דיך...

די מענטשלעכע ווירדע זײַנע האָט אים ניט דערלאָזט, אַז ער זאָל אַזוי־אָ טייקעף אַוועקגיין. ס'וואָלט געהייסן — איבערגעשראָקן זיך און אַנטלאָפן. ער האָט געלאָזט זיך גיין אין שטוב אַרײַן. אַנפיסע האָט געפּרוווט פאַרלויפן אים דעם וועג, אָבער ער האָט געהאַט שוין געעפנט די טיר. אַפאַנאַסי איז געזעסן אויפן באַנקבעטל. ער האָט אָנגעשטרענגט אײַנגעקוקט זיך אין איינעם מענטשן, וואָס איז אַרײַן אין צימער.

געהאַרכזאַם, גרייט צו טאָן אַלץ אויף ווייכער צו מאַכן און לינדערן די אָנגעשטרענגטע אַטמאָספער, האָט אַנפיסע געפרעגט בײַ אַפאַנאַסין, צי האָט ער זיך אויסגערוט א ביסל און צי וועט ער עפּעס עסן?

— דעק דעם טיש, — האָט אַפאַנאַסי זיך אָפּגערופן. — מיר וועלן עסן און טרינקען, אויב ס'איז דאָ וואָס. לאָמיר זיך צוזעצן, — האָט ער זיך געווענדט צו זעליקן, — און דו זעץ זיך אויך, — ער האָט דעם בליק אריבערגעפירט אף אנפיסען.

— אָט שוין זעץ איך זיך אויך צו, — האָט זי זיך אָפּגערופן. — כ'וועל נאָר עפּעס ברענגען פון קעלער.

אנפיסע איז אוועק, און די מאנצבלען זײַנען געזעסן באַם טיש אײנער אנטקעגן אנדערן.

אפאנאסי קאוואלטשוק האָט מילכאָמע־צײַט געדינט אין פלאָט. צווישן די מיליטערלײַט רעדט מען אמאָל וועגן דעם, אוועלכער מיליטערישער פאך איז שווערער. דער עמעס איז, אז קײן גרינגע פאכן זײַנען ניטאָ און דערהויפּט מילכאָמע־צײַט איז קײנעם ניט גרינג. ניט די ארטילעריסטן, ניט די טאנקיסטן, ניט די פליִער און אוודע ניט דער פּעכאָטע און אוודע־אוודע ניט דער יאַם־פּעכאָטע. צו אלע געפארן, וואָס לויערן איבער דער יאַם־פּעכאָטע אין בושעווענדיקן אָפענעם יאַם, קומט צו די געפאר, ווען זי זעצט זיך ארויס אף דער יאַבאָשע. אפן ברעג, ווו עס איז אָפטמאָל ניטאָ ניט קײן טראנשײ, ניט קײן שוצגראָבן, ווו מע זאָל קאָנען כאָטשבי אף א רעגע פארבאהאלטן דעם קאָפּ אהינטער דעם ברוסטווער. אפאנאסי איז געווען א יאַם־פּעכאָטינעץ. דאָס געפּאסעוועטע העמדל זײַנס, דאָס קײַלעכדיקע בלוי היטעלע מיט די סטענגעס האָט געזען סײַ אָדעס, סײַ קערטש, סײַ מארינופּאָל. ער איז געווען א שרעקלאָזער מאַטראָס, אָבער נאָך דער מילכאָמע האָט ער א צײַט ניט געקאָנט באַשליסן בא זיך, ס'האָט אים ניט געקלעקט קײן מוט אומקערן זיך אהײם — א צעקאליעטשעטער, אן אינוואליד. אין נאָוואָסיבירסק, ווו ער איז אין שפּיטאָל געלעגן נאָך דער לעצטער שווערער פארווונדונג, האָט אים ארײַנגענומען צו זיך אין שטוב א פרוי, ס'האָט געהייסן, זיי האָבן כאסענע געהאַט, אָבער וואָס ווײַטער — אלץ מער האָט אים געצויגן אהײם, צו אנפיסען, צו וואסיוטקען, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט, ווען ער איז אוועק אף דער מילכאָמע, נאָך גאָר א קלײן קינד. ס'האָט זיך אזוי געוואָלט ווידער לעבן אינעם דאָרף, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אלץ און אלע זײַנען אזוי באקאנט, נאָענט אים... און אָט האָט ער זיך אומגעקערט...

אנפיסע האָט דערלאנגט צום טיש. מע האָט אויסגעטרונקען. די ציינגער האָבן זיך פאנאנ־דערגעבונדן. די שטימונג האָט זיך פון מאָל צו מאָל געביטן, אזוי ווי א יאַם אין ניט קײן שטאנדהאפטיקן וועטער, — אָט איז ער גרייט צו צעבושעווען זיך, אָט ווערט ער מילדער, שטילער. די מילכאָמע האָט ניט געשוינט ניט אפאנאסין, ניט זעליקן, און ביידע האָבן געהאַט וואָס צו דערציילן. צעשיידט האָט מען זיך אף א גוטן אויפן.

שפּעט אינאָוונט איז זעליק אוועק אף זײַן „קוואַרטיר" צו דער גוסענטשיכע, און אין א קורץ שטיקל צײַט ארום איז ער פון דאָרף אוועקגעפאָרן.

א שאָפער האָט אים ארײַנגענומען אין דער קאַבינע, פונקט ווי ער האָט אמאָל אין זײַן מאַשין ארײַנגענומען אנפיסען. אין א פּאָר שאָ ארום איז ער געווען אין דער שטאָט, וואָס איז אים געווען באקאנט פון פריִער און ווו ער האָט איצט באַשלאָסן צו באזעצן זיך, ווערן אירער א טוישעוו.

7

אין שטאָט איז ער ווידער געוואָרן א שאָפער, אָבער ניט אף לאנג. עס האָט אים גע־שווינדלט אין קאָפּ, עפּעס א שווארץ פינטל איז געהאנגען אנטקעגן די אויגן, די פארווונדונג אפן פראָנט, די אויסמאַטערנדיקע ארבעט בא דער דײַטשקע אף דער פערמע, די שווערע אי־בערלעבונגען האָבן אָפּגערופן זיך אף זײַן געזונט־צושטאנד. אין די הענט איז אָפטמאָל ניט געווען קײן זיכערקײַט. ער האָט געמוזט פארלאָזן די מאַשין. אײַנגעאָרדנט האָט ער זיך אפן זאַוואָד „מעטיז", געווען דאָרטן אף פארשיידענע ארבעטן און אָט איז שוין א סאך יאָרן אוועק, ווי ער איז א מיטארבעטער אינעם אָפּטייל פאר מאַטעריעל־טעכנישער באזאָרגונג. ס'איז עפּ־שער דער שווערסטער אָפּטייל אפן זאַוואָד. זעלטן־ווען מע האָט צו די „סנאַבזשענצעס" ניט קײן טײַנעס, שטענדיק זײַנען בא זיי פאראן „לעכער", וועלכע מע האָט געדאַרפט ליקווידירן און ניט ליקווידירט. א צײַט האלטן זיך ניט די טוער אין דאָזיקן אָפּטייל, און איצט, כוץ דעם שעף פונעם אָפּטייל, בראַגינסקין, וואָס איז אלט און גראָוו געוואָרן אף זײַן אומרויִקער שטע־לע, און כוץ דער סעקרעטאַרשע זאָיען, וואָס אויב זי קריגט אויך אָפטמאָל אן אויסרייד, קריגט זי אים כאָטשבי, זיצנדיק אף אן אָרט, זי פּאָרט ניט, זי לויפט ניט ארום, — אויסער אָט די

צווײ וועטעראַנען איז באַ היײַנטיקן טאָג דאָרטן פֿאַראַן נאָך אײנער א וועטעראַן — זעליק זעגלמאַן. ער וואָלט, מיסטאָמע, אויך לאַנג שוין אוועק, געפֿונען א רו׳קערע אַרבעט, ווען ניט די אויסשליסלעך גוטע באַציִונג צו אים פֿונעם ערשטן טאָג אָן, זינט ער איז אָנגעקומען אויפֿן זאַוואָד. מע האָט אים געגעבן א צימערל אין דער אַרבעטער־צוזאַמענוווינונג, און שפּעטער, באַ דער ערשטער מעגלעכקייט, ווען דער זאַוואָד האָט אויסגעבויט דאָס ערשטע הויז, האָט ער דאָרטן געקראָגן א גרעסערן צימער. עס איז ניט געווען דער צופֿאַל, אַז ער זאָל אָנשרײַבן א מעלדונג און עפּעס בעטן, און מע זאָל אים אָנטזאָגן. און געבעטן האָט ער איבערהויפּט פֿאַר ליובאַטשקען. ער האָט טאַקע צוגענומען צו זיך דאָס מיידעלע, עס איז געוואָרן זײַן טאָכטער. אָן אָרט פֿאַר ליובאַטשקען אין קינדער־גאָרטן, דערנאָך, ווען ליובאַטשקע איז אונטערגעוואַקסן, געוואָרן א שילערן — אָן אָרט פֿאַר איר אויפֿן גאַנצן זומער אין א פּיאָנער־לאַגער, שפּעטער, ווען זי איז געווען א סטודענטקע — א פּוטיאָווקע אין א זומערדיקן כוידעש אין זאַוואָדישן אָפּרו־הויז באַם ברעג ים, און אַפֿילע איצט, ווען זי האָט שוין דעם דיפּלאָם, זי איז א ספּעציאַליסט און זי קאָן שוין אַליין זייער גוט שטעטל באַשטיין, דערמאָנט מען אים אין זאַוואָקאָם:

— איר האָט שוין לאַנג ניט געבעטן פֿאַר אײַער טאָכטער. מיר האָבן געעפֿנט א פּאַנסיאָנאַט. עפּשער האָט זי כיישעק צו פֿאָרן אַהין, דאָרטן איז פֿאַראַן א גוטע ספּאָרט־באַזע!

אָט דאָס איז איצט מײַן אָפּשטאַם און ליובעס אָפּשטאַם — דער זאַוואָד „מעטיז”, — האָט זעליק געטראַכט, ליגנדיק אויפֿן בעטל אין דער רודינסקער גאַסטיניצע.

— נו, טאַטע, האָסט זיך שוין א ביסל אָפּגערוט? — האָט ליובע געפֿרעגט, ווי נאָר זי האָט דערזען, אַז ער האָט געעפֿנט די אויגן. — האָסט אין כאָלעם אוודאי געזען אַלע אונדזערע זיידעס און באָבעס.

— וועגן זיי האָב איך גאָרניט געטראַכט, — איז ער זיך מוידע געווען.

— וועגן וואָס זשע האָסטו יאָ געטראַכט?

— עס איז ניטאָ מער וועגן וואָס צו טראַכטן? עפּשער וועסטו מיר העלפֿן קריגן די טרויבן, וואָס איך דאַרף?

— איך וועל דיר העלפֿן. לאָמיר נאָר ניט פֿאַטערן קיין צײַט און דערצייל מיר אַלץ, וועגן וואָס איך האָב דיך געבעטן.

— ווילסטו טאַקע, איך זאָל דיר אויף איין פֿוס דערציילן דעם גאַנצן אָפּשטאַם? — א לענגערע ווײַלע האָט ער געשוויגן, באַמיִענדיק זיך איבערצושליסן די געדאַנקען אין אן אַנדער ריכטונג. ער האָט די אויגן אויף האַלב צוגעמאַכט און גענומען ריידן שטיל, אַזוי ווי צו זיך אַליין. ליובע האָט גענומען פֿאַרשרײַבן אין איר בלאָקנאָט, וואָס זי האָט געהאַלטן באַצײַטנס צעעפֿנט אויפֿן ערשטן ריינעם זײַטל.

— אַז איך בין געווען א קלײנינקער בין איך געגאַנגען מיטן טאַטן אין בעסמעדרעש און איך האָב ליב געהאַט הערן, ווי׳אַזוי מע רופֿט אים אויס: — יאַאמויד רעב מוישע בען צווי — פֿלעגט מען אויסרופֿן. דערפֿון איז געדרונגען, אַז מײַן זיידע און דײַן, הייסט עס, עלטערזיידע האָט געהייסן צווי.

— צווי? איך האָב ניט געהערט אַזאַ נאָמען. עס איז דען פֿאַראַן אַזאַ?

— פֿאַראַן אַזאַ. צווי איז אויף לאַשנקוידעש. אויף ייִדיש — הירש, הירשל. אויף רוסיש — גריגאָרי.

— פֿאַרשטענדלעך. און צו וואָס, זאָגסטו, האָט מען אים אויסגערופֿן?

— צו דער האַפֿטוירע. ס׳איז געווען א קאָוועד פֿאַר א ייִדן, ווען מע האָט אים שאַבעס אָדער אין א יאָמטעוו אויסגערופֿן לייענען די טוירע. דער טאַטע, מיטן לאַנגן טאַלעס האָט זיך אופֿגעהויבן אויף דער בימע, ווו עס ליגט אויפֿן טיש א פֿאַנאַנדערגעוויקלטע סייפֿער־טוירע. דער טאַטע בייגט זיך אָן, טוט מיט א ציצע א ריר צו זיך צו דער טוירע, טוט דערנאָך די ציצע א קוש און הייבט אָן לייענען. ער לייענט, און איך הער, און אַלע הערן. דער טאַטע לייענט הויך, איך שטיי און וואַרט אונטן, באַ די טרעפּלעך, ביז ער וועט ענדיקן און אַראָפּגיין צו מיר.

— דעם זיידן גריגאָרי געדענקסטו גוט?

— אוודע געדענק איך.

— נו, און די באָבע? ווי האָט געהייסן די באָבע?

די באָבע האָט מען גערופֿן ראָכע. איצט וואָלט מען זי גערופֿן ראַכיל.

— איז די באָבע ראַכיל מײַן עלטערבאָבע. אַזוי קומט אויס?

דאָ, אינמיטן די רייד, איז אַרײַנגעקומען אַן איינוווינערין פונעם זעלבן נומער, אין וועלכן עס וווינט ליובע. די אַרײַנגעקומענע איז געווען אַ יונגע פרוי, קאָנטיק ניט קיין רוסישע און ניט קיין ייִדישע. גיכער פון אַלץ אַ באַשקירין צי אַ מאָרדווינערין, מיט ברייטע קינבאַקן און שמאָלבלעכע אויגן. זי האָט זיך באַגריסט. דערבײַ איז אופמערקזאַמען קוק געגעבן אויף ביידן, דערהויפּט אויף מאַנצבל, וואָס איז געזעסן אויפן בעטל, און זי האָט אַ פרעג געטאָן ליובען:

— אָטיעץ?[1]

— אָטיעץ, — האָבן ביידע, דער טאַטע מיט דער טאָכטער, געענטפערט.

די פרוי האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף זיי און, קאָנטיק, געבליבן צופרידן, וואָס ס'איז אַ טאַטע מיט אַ טאָכטער און ניט עמעצער אַנדערש. — זי האָט אַרויסגענומען פון איר קוישל אַ הויפן רויטע, באַהויכטע מיט אַ טוי, ווײַמפּערלעך, וואָס נאָר פונעם קוקן אויף זיי ווערן אײַליק די ציין. זי האָט די ווײַמפּערלעך אַרײַנגעשאָטן אין אַ גלאָז און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— זײַט זיך מעכאַבעד, — האָט זי געזאָגט.

— זיס, ווי האָניק, — זעליק האָט זיך גוט פאַרקרימט פון די צוויי האַרטע יאַגעדעס, וועלכע ער האָט גענומען אין מויל, ליובע האָט אַראָפּגעשלונגען און נאָר געגעבן אַ פינטל מיט אַן אויג, די באַשקירין צי די מאָרדווינערין האָט די ווײַמפּערלעך געגעסן מיט עמעסער האַנאָע.

— ס'איז באַ אונדז דאָ, הינטער דער שטאָט, פול דער וואַלד מיט זיי, — האָט זי געגעבן צו וויסן, — מע מאַכט פון זיי אײַנגעמאַכטס, מע קאָכט פון זיי קאָמפּאָט און מע עסט זיי אויך רויערהייט. רויע זײַנען זיי געשמאַקער פון אַלץ.

— איר זײַנט שוין דאָ לאַנג אין גאַסטיניצע? — האָט זעליק געפרעגט.

— דרײַ טעג, און הײַנט פאָר איך שוין אַוועק. — האָט זי געענטפערט. — כ'ווין דאָ ניט ווײַט, הינטער דער געזאַלצענער אָזערע. דער זאַוואָד האַלט שעפּטום איבער אונדזער קאָלווירט און ער העלפט אונדז. איצט דאַרף ער העלפן מיט גאַזעווע טרויבן. די גריבער זײַנען שוין דאָ, אויסגעגראָבן באַ יעדער שטוב, נאָר קיין טרויבן זײַנען נאָך ניטאָ, נו און מיר דאַרפן אויך צײַטווײַליק צוויי שלאָסערס. אָבער איך האָב שוין אַלץ אײַנפאַרשטענדיקט — אין פאַרטקאָם, אין דער דירעקציע, עס איז מיר אויסגעקומען וואַרטן אויף מאַרק לוואָוויטשן, ער איז ניט געווען הי, הײַנט אינדערפרי האָט ער זיך אומגעקערט.

— ווער איז דאָס מאַרק לוואָוויטש? — האָט זיך פאַרינטערעסירט זעליק.

— מאַרק לוואָוויטש איז דער הויפּט־אינזשעניער.

— דער הויפּט־אינזשעניער? — האָט זעליק זיך פאַרוווּנדערט. — ער הייסט, דוכט מיר, אַנדערש.

— ער איז אַ נײַער, דאָס הייסט, ניט קיין נײַער, ער אַרבעט שוין לאַנג אויפן זאַוואָד, נאָר פריִער איז ער געווען אַ נאַטשאַלניק פון אַ צעך, — האָט די פרוי דערקלערט, — מאַרק לוואָוויטש זעגלמאַן.

— ווי? ווי איז זײַן פאַמיליע? — האָט ליובע איבערגעפרעגט.

— זעגלמאַן, — האָט די פרוי געענטפערט.

— אָט האָסטו, טאַטע, נאָך אַ זעגלמאַן, און ווו? אויפן זאַוואָד, וואָס דו דאַרפסט. ער איז ניט אַבי־ווער, נאָר דער הויפּט־אינזשעניער, — איז ליובע געווען אַנציקט. — אויב דו וועסט ניט גיין צו אים, וועל איך גיין.

— ס'איז ניט צו פאַרשטיין, פונוואַנען נעמען זיך דאָ, אין רודינסק, אַזויפיל זעגלמאַנס, — האָט שוין ניט אויף אַ קאַטאָוועס געכידעשט זיך זעליק זעגלמאַן. — באַ אונדז אין מוראַוועל איז קיין איין זעגלמאַן, כוץ מיר מיט דיר, ניטאָ אויף קיין רעפּוע.

— דו ביסט זיכער, טאַטע, אַז ס'איז ניטאָ?

— אַוודע בין איך זיכער. ווען זיי וואָלטן געווען, וואָלט איך פאַר די צוויי צענדליק יאָר, וואָס מיר לעבן אין מוראַוועל, געוויס געהערט, און דו וואָלסט, ליובע, אויך געהערט און געוווּסט.

— מיר האָבן פּאַשעט ניט געזוכט. אַז מע זוכט, טאַטע, געפינט מען. אָט וועל איך אים באַלד אָנקלינגען...

— וועמען וועסטו אָנקלינגען?

— מאַרק לוואָוויטש זעגלמאַנען.

— און וואָס וועסטו אים זאָגן?

— כ'וועל אים זאָגן, אַז כ'וויל אים זען.

[1] דער פאָטער? (רוס.).

— מעשוגע־כאָסערדייע. ער איז דאָך א פארנומענער מענטש.

— ווי ער זאָל ניט זײַן פארנומען וועט ער מיר שענקען, טאטע, א פאָר מינוט. זײַנע א קרויווע וועט ער אופנעמען. דו זאָג מיר נאָר בעסער, בא אונדז אין דער פאמיליע איז געווען א לוואָוויטש, כ׳מיין א לעוו?

— לעוו איז לייבל. לייבלעך זײַנען געווען פון דער מאמעס צאד און פונעם טאטנס צאד, און פון די פעטערס צדאָדים און פון די מומעס צדאָדים. אָבער לייבן זײַנען דאָך פאראן מיליאָנען.

— כ׳ווייס, טאטע, — האָט ליובע ניט געלאָזט אים פארטיפערן זיך אין דער צאָל לייבן, וועלכע זײַנען פאראן אָף דער וועלט, — כ׳ווייס, אז עס זײַנען פאראן רוסישע לעווס, ענגלישע לעאָס, פראנצויזישע לעאָנען...

— און ייִדישע לייבן, — האָט אונטערגעזאָגט שוין זעליק אליין.

— אָף באשקיריש איז לעוו — ארסלאן, — האָט געגעבן צו וויסן די פרוי, וועלכע האָט מיט אן אינטערעס זיך צוגעהערט צום געשפרעך צווישן טאטן און זײַן טאָכטער.

ליובע האָט זיך געביטן מיט די ערטער מיטן טאטן — ער האָט זיך אוועקגעזעצט באם טיש, און זי אָפן בעטל.

אין רודינסק אָפן וואָקזאל־פלאץ האָט זי בא א ציגײַנערטע געקויפט א טיוביקל פארב. די ציגײַנערטע איז נאָכגעלאָפן די אָנגעקומענע פאסאזשירן און געשריִען צו די מיידלעך און פרויען: „טעני, טעני, טעני!“[1]. ליובע איז ניט בײַגעשטאנען דעם יעיצערהאָרע און געקויפט די „טעני“. איצט האָט זי צום ערשטן מאָל באנוצט זיך מיט זיי. זעליק האָט מיט א זויערער מינע געקוקט, ווי אונטער די ברעמען ווערט בא איר אלץ בלויער.

— זעסט דאָך אויס שענער אָן זיי, — האָט ער געקנייטשט מיט די אקסלען.

— אוואדע שענער, — האָט זי געענטפערט און אוועקגעלייגט נאָך א ביסל „טעני“.

— גענוג! — האָט ער זי אָנגעכאפט פאר דער האנט. — וועסט דאָך טאקע ווערן נאָר איין שאָטן.

זי האָט אָנגעטאָן א לאנג קלייד, לויט דער מאָדע נאָך, ס׳האָבן זיך נאָר ארויסגעזען די קנאפל פון די טופליעס.

— ווילסט זיך דורכגיין אין שטאָט? — האָט ער געפרעגט.

— כ׳וועל שוין זען, — האָט זי אומבאשטימט געענטפערט.

זי האָט זיך געזעגנט מיט דער שכיינע, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפ צום טאטן.

— ווארט זשע אויס, איך גיי דאָך אויך מיט דיר, — האָט ער זיך אופגעהויבן פון בענקל.

זיי זײַנען ביידע ארויס פונעם צימער, נאָר אין קאָרידאָר האָט זי אים געזאָגט:

— גיי צו זיך און רו זיך נאָך א ביסל אויס. איך וועל אינגיכן קומען. — און זי האָט פארגיכערט דעם טראָט, פון די טרעפ איז זי קימאט אראָפגעלאָפן.

8

אָפן צווייטן שטאָק אין דער געבײַדע פון דער זאוואָד־פארוואלטונג זײַנען אין א גרויסן ליכטיקן צימער געזעסן און געשטאנען א סאך מענטשן, וועלכע האָבן געווארט אָף אן אופנאם. די, וואָס האָבן געדארפט צום דירעקטאָר, האָבן זיך געהאלטן נעענטער צו דער טיר מיטן שילדל „ס. אי. גובאריעוו“, די, וואָס האָבן געוואָלט ארײַנגיין צום הויפט־אינזשעניר, האָבן געוואָרפן אומגעדולדיקע בליקן אָף דער אנטקעגנדיקער טיר מיטן שילדל „מ. ל. זעגלמאן“. לויט דעם, וויאזוי זעגלמאנס באזוכער האָבן, אומגייענדיק איבערן צימער אָדער זיצנדיק אָף די בענקלעך, ארײַנגעקוקט אין צייכענונגען, אין טאבעלעס, וועלכע זיי האָבן שוין באצײַטנס ארויסבאקומען פון די פאפקעס און פאָרטפעלן, האָט מען גוט געקאָנט זען, ווי ס׳איז טײַער בא זיי יעדע מינוט און ווי ס׳איז אומדערלאָזבאר אזעלכע פארנומענע מענטשן צווינגען ווארטן.

ליובע, אין איר לאנגן קלייד מיט די קנאפעלעך פון די טופליעס, וועלכע זעען זיך קוים ארויס פון דעם, דער קאָפ — באקרוינט מיט א טורעם העל־בלאָנדע האָר, די בלויע אויגן נאָך מער אונטערגעבלויט פון די „טעני“, אָפן האלדז — א שנירל בורשטין־קרעלן (אן אָנדענק פון דער שטאָט יורמאלא, באם באלטישן יאם־שטראנד, ווו ליובע האָט פאראיאָרן זומער אָפגערוט) — אזא אויסגעפוצטע, א שיינע, האָט זי געמאכט אן אײַנדרוק אָף דער סעקרעטארשע פונעם הויפט־אינזשעניר.

---

[1] שאָטנס, שאָטנס, שאָטנס!

— איך דאַרף צו מאַרק לוואָוויטשן, — האָט ליובע איר צו וויסן געגעבן.

— באַ מאַרק לוואָוויטשן איז איצט אַ באַראַטונג. איר דאַרפֿט צו אים פּערזענלעך? — די נײַגעריקע סעקרעטאַרשע האָט ניט אַראָפּגענומען פֿון איר די אויגן.

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן. יאָ פּערזענלעך און ניט פּערזענלעך. — ליובע האָט זיך באַמיט טאָן אַ שמייכל, דאָס האָט, ווײַזט אויס, גוט איר זיך אײַנגעגעבן, ווײַל די סעקרעטאַרשע האָט אויך אַ רעספּעקט־שמייכל געטאָן.

— זעצט זיך צו. זאָגט מיר, ביטע, ווי אַזוי זאָל איך מיטטיילן וועגן אײַך?

— מײַן פֿאַמיליע איז זעגלמאַן.

— איר זײַנט מאַרק לוואָוויטשעס אַ קרוווע?

ליובע האָט צוזאַמענגענומען די ליפּן און עפּעס אַ מורמל געטאָן אומדײַטלעך, דאָס האָט מען געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי מע וויל, — סײַ יאָ, סײַ ניין.

— איר דאַרפֿט צו אים טייקעף?

— איך האָב אַ ביסל צײַט. איך בין הײַנט געקומען צו פֿאָרן און וועל דאָ זײַן אַ פּאָר טעג, אָבער ס׳וואָלט זיך מיר זייער געוואָלט...

אַ פֿאַרינטריגירטע, איז די סעקרעטאַרשע אַרײַנגאַנגען צו איר שעף, קעדיי אים מיטצו־טיילן וועגן דער באַזוכערן, וועלכע איז געקומען הײַנט צו פֿאָרן און וויל אים זען.

מאַרק לוואָוויטש זעגלמאַן, דער הויפּט־אינזשעניער פֿונעם רודינסקער מעטאַלורגישן קאָמ־בינאַט, איז אַלט באַ די זעכציק יאָר. מענטשן אין זײַן עלטער מעגן זיך ווינטשן זײַן אַזוי גע־זונט, ווי ער. אין מעשעך פֿון די זעקס יאָרצענדליקער, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, איז ער געווען קראַנק צוויי מאָל: קינדווײַז — געמאָזלט, און אין די רײַפֿע יאָרן — אַ פּאָר וואָכן גע־האַט מאַליאַריע. די ציין זײַנען באַ אים אַזעלכע ווײַסע, שטײַפֿע, שטייען אַזוי געדיכט און גלײַך אין דער אונטערשטער ריי און אין דער אייבערשטער, אַז מע קאָן מיינען, זיי זײַנען אַרײַנגעשטעלטע. ער איז העכער פֿון מיטלוווקס, נאָר ווען ער גייט, דעם קאָפּ מיט די קוטשע־ראַווע האָר אויפֿגעהויבן אַרויף־צו, די אַקסלען פֿאַנאַנדערגענומען, דער טראָט אַ ברייטער, אַ הילכיקער, — זעט ער דעמלט אויס ווי אַ הויכער גוואַר.

אַזוי ווי אַ סאָלדאַט, וואָס הייבט אָן זײַן לערע פֿון אייִנפֿאַכסטע זאַכן — גיין אין „סטראָי״, קערעווען לינקס, קערעווען רעכטס און ביסלעכווײַז, אויב ער בלײַבט איבער דינען אין אַרמיי און לערנט זיך ווײַטער, הייבט ער זיך פֿון טרעפּל צו טרעפּל — צוערשט ווערט ער אַ יינגע־רער קאָמאַנדיר, דערנאָך אַן עלטערער און שפּעטער אַ הויכער קאָמאַנדיר. אַזוי האָט מאָטל זעגלמאַן דורכגעמאַכט אויפֿן רודינסקער מעטאַלורגישן זאַוואָד אַלע אַרבעטן, אָנגעהויבן פֿון שוואַרצאַרבעט. דערנאָך האָט מען אים אַוועקגעשטעלט פֿאַרן דריטן געהילף פֿונעם שטאָלקאָ־כער, אין אַ שטיקל צײַט אַרום איז ער געוואָרן דער צווייטער געהילף, שפּעטער — דער ער־שטער, און ווײַטער — אַליין שוין דער שטאָלקאָכער, און נאָך ווײַטער — נאָכן אינסטיטוט, וואָס ער האָט פֿאַרענדיקט, איז ער געווען אַ וואַכטע־מײַסטער אין מאַרטען־צעך, אַן אָבערמײַסטער, צום סאָף — שעף פֿונעם זעלבן צעך און גאָר ניט לאַנג צוריק, ווען דער פֿריִערדיקער הויפּט־אינזשעניר סערגיי איוואַנאָוויטש גובאַריעוו האָט פֿאַרנומען דאָס אָרט פֿונעם דירעקטאָר, וועלכער איז אַריבער אַרבעטן אין מאָסקווע, אין מיניסטעריום פֿון דער שוואַרצער מעטאַלור־גיע, איז מאַרק לוואָוויטש געוואָרן הויפּט־אינזשעניער פֿון מעטאַלורגישן קאָמבינאַט.

מיט אַכט כאַדאָשים צוריק איז געשטאָרבן מאַרק לוואָוויטשעס פֿרוי, ס׳איז געווען אַ זעל־טענע אייניקײַט פֿון צוויי נעשאָמעס, אַ העלע ליבע, וואָס עס האָבן ניט געקאָנט זי פֿאַרטונ־קלען די שווערסטע זאָרגן, איבערלעבונגען, וועלכע פֿאַלן אויס אויף מענטשלעכע לעבנס. די שטוב, וווּהין ער האָט נאָך דער אַרבעט שטענדיק געײַלט, ווי מע אײַלט צו אַ שיינעם יאָמ־טעוו, איז מיטאַמאָל געוואָרן אומהיימלעך און אַזוי ווי פּוסט. ס׳האָט זיך ניט געוואָלט גיין אַהיים, כאָטש דאָרטן האָבן, ווי פֿריִער, געלעבט זײַן אַלטיטשקע מאַמע, כאַווע, וואָס איר איז שוין צוויי און אַכציק יאָר, און דער זון זײַנער פֿעליקס. ס׳איז אַפֿילע דורך קימאַט אומבאַמערקט פֿאַר אים אַזאַ געשעעניש, וואָס אין אַנדער צײַט וואָלט זי אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט גרויס פֿרייד. גאָר ניט לאַנג צוריק, אין אַפּרעל כוידעש, האָט פֿעליקס פֿאַרטיידיקט, און גוט פֿאַרטיי־דיקט, אַ דיסערטאַציע. ער איז געוואָרן אַ קאַנדידאַט פֿון טעכנישע וויסנשאַפֿטן.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, מאַרק לוואָוויטשעס פֿרוי האָט נאָך דאַן געלעבט, איז באַ זיי גע־ווען אַ גאַסט — אַ ווײַטער קאָרעוו פֿון כאַרקאָוו. יענער האָט דערציילט וועגן זײַן טאָכטער, וואָס איז אַ שיינהײַט. ער האָט געבראַכט פֿולע בוזעם־קעשענעס מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס — ביל־דער פֿון זיך אַליין, בילדער, ווו ער איז צוזאַמען מיטן ווײַב, בילדער פֿון די קינדער, פּלעמע־ניקעס, פּלעמעניצעס און מער פֿון אַלץ בילדער פֿון דער טאָכטער, וועלכע האָט ווירקלעך אויסגעזען זייער אַ שיינע.

— כ׳וועל זי שיקן צו אײַך קיין רודינסק, זאָל זי זען אוראַל, די אוראַלער בערג, זי איז א פארברענטע טוריסטקע, — האָט דער קאָרעוו געזאָגט, מיט איין אויג קוקנדיק אף מארק לוואָוויטשן און מיטן אנדערן אויג אף מארק לוואָוויטשעס זון, פעליקסן, וואָס האָט געהאלטן די פאָטאָגראפיעס פונעם מיידל אין די הענט און, דוכט, ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פון זיי.

איצט, ווען די סעקרעטארשע האָט אים שטילערהייט געזאָגט וועגן דער באזוכערן, האָט מארק לוואָוויטש זיך דערמאָנט וועגן דעם קאָרעווס טאָכטער, און ער איז געווען קימאַט זיכער, אז דאָס איז זי געקומען צו פאָרן.

ווי נאָר ס׳האָט זיך פארענדיקט די זיצונג, איז מארק לוואָוויטש ארויס פון קאבינעט, ניט האָבנדיק, ווײַזט אויס, קיין געדולד צוווארטן, ביז דאָס מיידל וועט אליין ארײַן צו אים. צוזאמען מיט אים זײַנען ארויסגעגאנגען פון קאבינעט די, וועלכע זײַנען בא אים געזעסן. ער האָט נאָך מיט איינעם און מיט א צווייטן א רעד געטאָן א פאָר ווערטער בעשײַכעס מיט דעם, וואָס מע האָט באהאנדלט אף דער זיצונג, אָבער זײַן בליק איז שוין געווען אינגאנצן געווענדט צום מיידל, וואָס האָט אויך טייקעף אָנגעצילט אף אים אירע אויגן, — זי האָט אָן א טאָעס געטראָפן, אז דאָס איז דער, וועמען זי דארף. בא ליובען איז געווען א טמימעסדיקער אויסדרוק אפן פּאָנעם, א ביסל א פארלוירענער שמייכל אף די ליפּן. עס האָבן העל געגלאנצט די בלויע אויגן. מארק לוואָוויטשן האָט זיך געדוכט, אז דאָס אלץ האָט ער געזען אף יענעם בילד באם קאָרעוו.

מארק לוואָוויטש האָט זיך אנטשולדיקט פאר די, וואָס האָבן געוואַרט אף אים אין אופנאם־צימער.

— איך וועל בעטן אײַך א פּאָר רעגעס אויסוואַרטן, — האָט ער זיך געווענדט צו איינעם, און צו א צווייטן, צו א דריטן, און יעדערער פון די באזוכער, וועלכע האָבן געגאַרט וואָס גיכער דערליידיקן באם הויפּט־אינזשעניער זייערע דרינגענדיקע איניאָנים, האָבן איצט, פּונקט ווי ער וואָלט זיי געזאָגט זייער אָן אָנגענעמע זאַך, אויסגעדריקט, צופרידענע, די האסקאָמע:

— גוט, גוט, מארק לוואָוויטש, מיר וועלן מיט פארגעניגן אויסוואַרטן.

— א שוועסטערקינדל? — האָט מיט א פריילעכן קאָל געפרעגט באם הויפּט־אינזשעניער דער שעף פון מעכאנישן צעך בודישקין, וואָס איז די גאנצע צײַט אומגעגאנגען א שטארק פארכמורעטער איבערן צימער. ס׳איז געווען צו זען, אז אים טוט אויך האנאָע, וואָס ס׳וועט אויסקומען וואַרטן.

— א פלעמעניצע, — האָט מארק לוואָוויטש געענטפערט אף א קאָל, אז אלע זאָלן וויסן.

ער האָט ליובען גענומען אונטער דער האנט און ארײַנגעפירט אין קאבינעט, אוועקגעזעצט זיך מיט איר אפן דיוואַן, וועלכער איז געשטאנען בא דער וואנט, אָפּגעזונדערט פון די בענקלעך און פונעם טיש. אפן דיוואַן זעצט ער זיך אוועק מיט עמעצן פון זײַנע באזוכער, ווען ער דארף האָבן מיט אים א באזונדערס אָנפארטרוילעכן שמועס.

— וואָס הערט זיך בא אײַך אין דער היים? פארוואָס האָט דער טאַטע ניט אָנגעשריבן, אז דו קומסט? ביכלאַל, פארוואָס שרײַבט ער ניט? — די פראַגן זײַנען געשטעלט געוואָרן איינע נאָך דער אנדערער און, זעלבסטפארשטענדלעך, אז אף קיין איינער פון זיי האָט ליובע ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. זי האָט זיך געפילט אומבאקוועם. זי וויל טאַקע זײַן א קרויווע, אָבער מע זאָל זי אופנעמען מיט אזא היציקײַט, אָפּלייגן צוליב איר די באגעגעניש מיט פארנומענע טוער פון זאוואָד, וואָס וואַרטן דאָרטן אינעם אופנאם־צימער, — דאָס איז גאָרניט ארײַן אין אירע פּלענער. די שפּיל טויג ניט, יעדנפאלס האָט זי זוכן קרויווים ניט געדאַרפט אָנהייבן פונעם הויפּט־אינזשעניער, און נאָך אינמיטן ארבעטס־טאָג.

— איך בין געקומען צו פאָרן מיטן טאַטן, זעליק מאָיסייעוויטשן, — האָט זי גענומען פארפינקטלעכן דעם איניען.

— מיטן טאַטן? ווו זשע איז ער? ס׳האָט עפּעס געטראָפן מיט אים אין וועג? — איז מארק לוואָוויטש געוואָרן באומרויִקט.

— ס׳האָט גאָרניט געטראָפן. ער איז אין גאָסטיניצע.

— פארוואָס זײַנט איר ניט פארפאָרן צו אונדז? און... און ווי אזוי האָסטו אים אָנגערופן, דײַן טאַטן? — האָט דער הויפּט־אינזשעניער געכאַפּט זיך, אז דאָ איז עפּעס א פּלאָנטער.

— מײַן טאַטע הייסט זעליק מאָיסייעוויטש.

— ניט באָריס אלטעראָוויטש?

— ניין, ניט באָריס אלטעראָוויטש.

— אָבער דײַן... אײַער פאמיליע, — מארק לוואָוויטש האָט שוין ניט געוווּסט, צי מע דארף זי דוצן אָדער אירצן. — די פאמיליע איז זעגלמאַן?

— זעגלמאַן, — האָט זי מיט פרייד באשטעטיקט.

ער האָט ניט געדענקט, וויאזוי מע רופט דעם קאַרעווס טאָכטער, אין קאָפּ האָט זיך גע־באַמבלט עפּעס א נאָמען אן אויסטערלישער — עלעאָנאָרע, עלווירע, עליזאַבעט...

— און רופן רופט מען דיך... איַיך?

— איך הייס ליובע...

— ליובע... איז זאָל זיַין ליובע... מיַינע א מומע הייסט ליובע, ליובאָוו אראָנאָוונא, — האָט ער זיך דערמאָנט.

פאַר ליובען איז געקומען די עמעסע ציַיט אָנצוהייבן אויסקלאָרן די גענעאַלאָגיע. פונעם שיינעם האַנט־בייַטעלע האָט זי אַרויסגענומען איר קליינינטשקן, מיט רויטע טעווועלעך, בלאָק־נאָט, אופגעמישט אים אפן זיַיטל, וואָס זי האָט באַדאַרפט.

— דאָ איז בא מיר אלץ פאַרשריבן, מיַין עלטערזיידע האָט געהייסן הירש, הירשל, אף רוסיש — גריגאָרי, די עלטערבאָבע האָט מען גערופן ראָכל, ראַכיל.

— און מיַין זיידע, אַלעווהאַשאָלעם, האָט געהייסן כאַים און די עלטערבאָבע האָט געהייסן פּעסיע, דאָס איז פונעם טאַטנס צאַד. פון דער מאַמעס צאַד... יאָ, וויאזוי האָט מען די באָבע מיטן זיידן גערופן פון דער מאַמעס צאַד? — מאַרק לוואָוויטש האָט אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן און זיך דערמאָנט: — אים האָט מען גערופן מאָטל, זי — גאָלדע.

— קומט אויס, אז מיר זיַינען ניט קיין קרויווים, — האָט ליובע אן אנטוישטע באַמערקט.

— קיין נאָענטע, וויַיזט אויס, ניט, — האָט ער צוגעשטימט.

— און עפּשער וויַיטע אויך ניט, — האָט זי צוגעגעבן. — אָבער איך האָב צו איַיך אן איניען א געשעפטלעכן.

— א געשעפטלעכן איניען?

— יאָ... איך דאַרף טרויבן.

— איר... דו דאַרפסט אויך טרויבן? און צוליב דעם געקומען צו פאָרן אהער? ביסטו גאָר א טאַלקאָטש, — ער האָט זיך אזוי פאַנאַנדערגעלאַכט, אז מע האָט דעם געלעכטער מיסטאָמע אויך געהערט אינעם אופנאַם־צימער.

— ניט איך דאַרף, נאָר ס'דאַרף דער זאַוואָד „מעטיז" פון דער שטאָט מוראָוועל. מיַין פאָטער אַרבעט אינעם אָפּטייל פאַר מאַטעריעל־טעכנישער באַזאָרגונג, אָבער ס'איז אַלציינס, איך, צי ער, אָנעם מעטאַל וועלן מיר ביידע פונדאַנען ניט אַוועקפאָרן, אפן זאַוואָד „מעטיז" ווערט אַרונטערגעריסן דער פּלאַן.

דאָס איז געווען א געווינלעכע ביטע און אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט געווינלעכע ווער־טער, נאָר זיי האָבן געמאַכט אן איַינדרוק אף מאַרק לוואָוויטשן.

— וועגן די טרויבן וועלן מיר א קלער טאָן, — האָט ער זיך אָנגערופן. — ער האָט א ווילע געשוויגן, ניט אַראָפּגענומען פון איר די אויגן, — און וועגן אונדזער קרויוועשאַפט אויך, — האָט ער צוגעגעבן מיט א שמייכל. — איך וויל, אז מיר זאָלן זיַין קרויווים. ווייסטו וואָס, טיַיערינקע, — איז ער ווידער אריבער אף „דו", — פאָר צו מיר אהיים, בא מיר איז זייער א ווילע אלטיטשקע מאַמע, מע רופט זי מינע, מינע יעפימאָוונע, זי וועט זיַין צופרידן. מיט איר וועסטו אלץ געניוי אויסקלאָרן, עפּשער טאַקע... ביסט דאָך זעגלמאַן, — ער האָט אָנ־געבויגן זיך צו איר, פּאָנעם צו פּאָנעם, און פאַרגעזעצט: — דו ווייסט נאָך ניט, וואָס פאַר א מישפּאָכע ס'איז בא אונדז. דאָ, אין רודינסק, איז די פאַמיליע זעגלמאַן פון די פּאָפּולערע פאַמיליעס. וועסט זיך באַקאַנען, וועסטו שוין אליין זען.

9

ליובע איז אוועק צו מאַרק לוואָוויטשעס מאַמע, און דאָ, אין דער דירע, האָט מען שוין געוואָרט אף איר. אריַין איז זי אין שטוב, ווי א מאַלקע, ווי א פּרינצעסן, אין איר לאַנגן קלייד, מיט א גילדענער בראָשקע אפן וויַיסן האַלדז און מיט שיינע אויריינגלעך אין די קליינע ראָ־זעווע אויערן.

מאַרק לוואָוויטשעס מוטער און זיַין זון, מינעס דריַי־און־דריַיסיק־יאָריק איינינקל פעליקס, האָבן אופגענומען דעם גאַסט אפן בעסטן אויפן.

אן אנציקטער פון ליובעס שיינקייט, האָט פעליקס, ווי נאָר ער האָט אף איר קלונג געעפנט די טיר, אויסגעשטרעקט מיט פרייד די הענט צו באַקאַנען זיך מיט איר.

— אף דער שוועל טאָר מען ניט, — האָט ליובע א לאַך געטאָן, געמאַכט א טראָט אין פירהויז אריַין, און דאַן אים דערלאַנגט די האַנט. פון א זיַיטיקן צימער איז אַרויס די אלטע

מינע, פּאַוואָלינקע גוט באַקוקט דעם גאַסט. דער אײַנדרוק איז, קאָנטיק, געווען ניט קיין שלעכטער.

— מאַטל האָט מיר שוין אָנגעקלונגען וועגן דיר און איך ווייס, אַז דו זוכסט קרוווים. — מינע האָט עטוואָס זיך אונטערגעהויבן אין אירע ווייכע שטוב־שיך צו דער וווקסיקער ליובען, קעדיי בעסער אײַנקוקן זיך אין איר.

פעליקס האָט דערווײַל געצופּט דאָס הארטע געלע שטײַפע בערדל, וואָס האָט צוזאַמען מיט די באַקנבאַרדן פאַרשטעלט די קינדערשע זומער־שפּרענקלעך אויפן פּנים.

אינעם גאַסט־צימער, אויפן טיש, אַ פאַרשפּרייטן מיט אַ בלוי־בלימלדיקן טישטעך, איז געשטאַנען אַ שיסעלע סאַלאַט, אַ טעלער מיט אַ צעשניטענעם הערינג, באַלייגט מיט ריפּטלעך ציבלקעס, אויף אַן אַנדער טעלער — אָנגעשניטענער וווּרשט, אינמיטן טיש — אַ פלעשל „ריס־לינג", אַרומגערינגלט מיט בעכערלעך.

— דאָס האָט אַלץ אויפגעגרייט פעליקס, — האָט דערקלערט מינע, אַזוי ווי וועלנדיק אַראָפּנעמען פון זיך די שולד פאַר די אײַנפאַכע מײַכאָלים. — לאָמיר זיך צוזעצן און פאַרבײַסן. ליובע האָט פײַנט געהאַט אָפּצוזאָגן זיך, אַז מע זאָל נעמען אײַנריידן, און זי האָט זיך שוין טאַקע אַ ביסל אויסגעהונגערט אויך, זי האָט זיך געזעצט צום טיש.

— פעליקס! — האָט די באָבע אַ ווונק געטאָן אויפן ליידיקן טעלערל, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן ליובען, און פעליקס האָט גלײַך געמאַכט דאָס טעלערל פול.

נאָכן צובײַסן האָט די אַלטיטשקע גענומען ליובען פאַר אַ האַנט און אַרײַנגעפירט צו זיך אין צימער. פעליקס איז אויך אַרײַן מיט זיי.

מינע איז אַלט צוויי און אַכציק יאָר. אין רודינסק איז זי עפּשער די עלטסטע פרוי. ס'איז נאָך איצט קאָנטיק, אַז אַמאָל איז זי געווען אַ שיינע, זייער אַ שיינע פרוי. איר געזיכט איז איצט אַזוי ווי באַלויכטן מיט אַזאַ מין שטילן, רויִקן שקיִע־קאָליר, וואָס בלײַבט איבער אויפן ראַנד פון הימל אַ געווויסע צײַט נאָכן זון־פאַרגאַנג. די אויגן מיט אַ בלוילעכן אָפּשײַן אין דער טיף פון די שוואַרצאַפּלען זײַנען ווי צוויי דערברענענדיקע ליכט, וועלכע לײַכטן צום סאָף אויך אַזוי העל, ווי זיי האָבן געלויכטן צום סאַמע אָנהייב. אויפן האַלדז בײַ מינען הענגט אויף אַ דינן גאָלדן קייטעלע אַ מעדאַליאָן מיט אַן אַרײַנגעפּאַסט בילד פון איר מאַן, וועלכן זי האָט פאַרגעטערט בײַס זײַן לעבן, און איצט, נאָך זײַן טויט, זײַנען אַלע אירע געדאַנקען נאָר פאַר־בונדן מיט אים, מיט זײַן אָנדענק. אויף דער פּלייצע, וועלכע איז אַ ביסל פאַרקײַלעכיקט און אײַנגעבויגן, איז אַריבערגעוואָרפן אַ וואַרעמע פאַטשיילע מיט גרינע פרענדזלעך. אינדערפרי, נאָכן פרישטיק און נאָך אַ קורצן שפּאַציר אין דערבײַיקן סקווער, זיצט זי באַם שרײַבטיש אין איר צימער און שרײַבט זיכרוינעס וועגן יאַקאָוון, איר מאַן. פון דער וואַנט קוקט אויף איר יאַקאָווס פּאָרטרעט. אַנטקעגן פענצטער שטייט אין אַ הילצערן פעסעלע אַ געוויקס, וואָס הייסט „דעקאַבריסט", ער בליט אין דעקאַבער־כוידעש, אָבער אויך נאָכן אָפּבליִען זײַנען די בלעטער פריש, גרין, האַלטן זיך לאַנג, ביז זיי נעמען וועלקן.

— זעץ זיך, מײַן קינד, — האָט מינע אָנגעוויזן אַ שטול לעבן זיך באַם טיש און אַליין האָט זי אויך זיך אוועקגעזעצט אויף איר אָרט. — נו, איז ווער וועט פריִער נעמען דערציילן? — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

— דו ביסט, באָבע, עלטער, דאַרפסטו אָנהייבן, — האָט באַמערקט פעליקס.

— גוט, איך וועל אָנהייבן, — איז מינע מאַסקים געווען. — אָבער דו, פעליקס, אויב וועסט ניט הערן ביזן סאָף, איז גיי בעסער שוין אוועק, האָסט אַ טעווע — אופהייבן זיך און אוועקגיין אינמיטן.

— איך וועל ניט אוועקגיין באָבע, ערנוואָרט, — האָט פעליקס פאַרזיכערט, — נאָר דער־צייל ניט בלויז וועגן זיידן, נאָר וועגן זיך אויך. וועגן זיך, באָבע, דערציילסטו שטענדיק זייער ווייניק.

מינע האָט צוזאַמענגענומען די בֶרעגן פון דער פאַטשיילע אויף דער ברוסט, אַ ווײַלע גע־פּירט מיט די פינגער פון ביידע הענט איבער דער נאַקעטער טונקל־פּאָלירטער אויבערפלאַך פונעם שרײַבטיש, אײַנגעקוקט זיך אין דער טונקעלער שפּיגלדיקער טיש־צאַרגע, און ווי זי וואָלט דערזען דאָרטן די פאַרגאַנגענע יאָרן, די אַמאָליקע געשעענישן, די אַמאָליקע יוגנט, דאָס אַמאָליקע לעבן, האָט זי אָנגעהויבן דערציילן פּאַוואָליע, געננוי און אַפילע פיל מער, ווי מע באַדאַרף אויף צו פעסטשטעלן קרוווישאַפט.

— מיר האָבן געלעבט אויף וואָליז, ניט ווײַט פון זשיטאָמיר, און געווען זײַנען מיר זיבן קינדער — אַרל, בערל, כײַקע, יאַסל, שיפרע, עליע, און איך, מינע. דער טאַטע איז געווען אַ געשעפטס־מענטש. ער האָט זיך צוזאַמענגעלייגט מיט נאָך צוויי ברידער זײַנע און מע האָט

איסגעבויט א הויטע, ניט קיין גרויסן גלאָז־זאַוואָד, אָבער באַ דער ערשטער פּראָבע איז דער איווון כאַרעוו געוואָרן. די פּליסקיע גלאָז־מאַסע האָט אַרויסגעפּלייצט, און כ׳ווייס שוין ניט, וואָס עס איז דאָרטן וויַיטער געשען, נאָר דאָס גאַנצע זאַוואָדל איז אַוועק מיטן פיַיער. אַזוי איז געוועזן מיט אַלץ, צו וואָס מיַין טאַטע, אָלעווהאַשאָלעם, האָט זיך ניט גענומען, טאָמיד האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַן אומגליק. נו, און זיבן קינדער ווילן עסן, מע דאַרף זיי קליידן. איך בין געווען אַ שיין מיידעלע און מע האָט מיך געהאַלטן נאָך פּאַר אַ קלוגער אויך. האָט מיך די באָבע נעכע, דעם טאַטנס מאַמע, גענומען צו זיך. זי האָט געוווינט אין אַ גרויסן הויף — ניט קיין הויף, נאָר אַ גאַנצע שטאָט: צוויי באָטעמדראַשים זיַינען געווען אין הויף, און אַ טשיַינע, און אַ שענק, און אַן אייגענער באַלסויפער, דאָס הייסט אזא, וואָס שריַיבט אויף פּערגאַמענט די טוירע, און באַלמעלאָכעס — איינער אויפן אַנדערן. שמוליק דער שוסטער, מענאַשע דער שניַידער, בערל דער סטאָליער. אויף דער גאַס, הינטערן טויער, איז פון אינדערפרי ביז אינאָוונט געזעסן כיַיע די פּאַרבערענטע. ווינטער־ציַיט איז זי געזעסן אויף אַ טאָפּ מיט הייסע קוילן, איז זי שטענדיק געווען אָן אָפּגעסמאַליעטע. זי האָט געהאַנדלט מיט בייליקע קלעפּיקע קאָנפעטלעך, לאַרבער־בלעטער, אַמאָל איז באַ איר אויך געווען כאַלוואַ.

דער זיידע, רעב מעשולעם, עס זאָל אים ניט אויסגערעדט זיַין, איז געווען אַ האַרבער מענטש. אין הויף האָט ער געהאַט אַן אייגן הויז און געהאַלטן קוואַרטיראַנטן. די באָבע האָט פונעם ערשטן מאַן קיין קינדער ניט געהאַט, דערפאַר פונעם צווייטן, דאָ, פון מיַין זיידן רעב מעשולעם, האָט זי געבוירן איין און צוואַנציק קינדער, געבליבן לעבן זיַינען ניַין קינדער. איך בין געווען אַ צענטע, אָבער ניט די לעצטע באַ דער באָבע נעכע. אין הויף האָט מען מיך גערופן „דער באַלעבאָסטעס אייניקל". די באָבע האָט מיך געפעסטעט, און געשלאָפן בין איך אין איר שלאָפצימער. אין ווינקל איז געווען אַ שפּיגל, האָב איך זיך צוגעווינט קוקן אין אים.

— ביסט שיין, ביסט שיין, מינעלע, — פלעגט די באָבע זאָגן, — אזא יאָר אויף מיר.

צו שאַבעס פלעגט די באָבע שוין נעמען זיך גרייטן פון דאָנערשטיק, פריַיטיק אינדערפרי האָט מען געגעסן אַ פּידפּאַלעקל, דאָס איז געווען דער פרישטיק. אין גרויסן איווון מיטן פּריפּעטשעק האָבן זיך געבאַקן די קוילעטשן, ס׳האָט געשמעקט מיט קוגלען — אַ לאָקשן־קוגל, אַ זיסער קוגל, ס׳איז געגאַנגען אַ פּאַרע פונעם טאָפּ מיט גילדערנער יויך, ס׳האָבן געגרייצט די רייכעס פון געפילטע פיש, געהאַקטע לעבער, פּאַסאָליעס מיט געפּרעגלטע ציבעלעס און שמאַלץ, דער טערפּקער דאַמף פון קאָמפּאָט — די טרוקענע פיירעלעך קאָכן זיך, שווימען אויף אויבן אינעם טאָפּ — אויפגעבלאָזענע, פולע, אַזוי ווי אָנגעפילטע מיט טיַינעג, וואָס זיי ליגן אין זוד און קאָכן זיך. אָבער פון אָט די אַלע מיַיכאָלים טאָר מען פריַיטיק באַטאָג ניט געניסן. די באָבע פאַרזוקט זיי אין איווון און פאַרשמירט אים מיט ליים, ער זאָל האַלטן וואַרעמקיַיט.

מיט דער באָבען בין איך געגאַנגען אין שול. איך האָב געטראָגן איר סידער און ס׳איז מיר גוט געווען. די בעסטע ציַיט איז געווען פריַיטיקצונאַכטס און אַ גאַנצן טאָג שאַבעס, ווען עס פלעגן קומען צוגאַסט דעם זיידנס מיט דער באָבעס זין, טעכטער, אייניקלעך. אָבער ווי נאָר מע האָט געמאַכט די האַוודאָלע און דער זיידע האָט אויסגעטאָן די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע, איז אין שטוב געוואָרן מאָרעשכוירעדיק. דער זיידע האָט דאַן אָנגעהויבן פירן זיַינע כעזשבוינעס. ער ווענדט זיך צו מיר:

— שוין צוויי כאַדאָשים, ווי די שטומע האָט ניט געצאָלט קיין דירע־געלט. גיי, מינעלע, אַרויף צו איר און זאָג, אַז זי זאָל סילעקן דעם כויוו.

די שטומע, אַן אָרעמע יידענע, וואָס האַנדלט מיט סעמעטשקעס, מאַכט צוויי פויסטן, דערנאָך עפנט זי די פויסטן און וויַיזט מיר, אַז זיי זיַינען ליידיק. איך וויל זיך ניט אומקערן גליַיך אין שטוב און דאָס דערציילן דעם זיידן, ער וועט דאָך ווערן אין קאַס און אליין לויפן מאָנען דעם כויוו. איך דריי זיך אַרום לעבן די אַנדערע שטיבלעך אין הויף. דערזעט מיך שמוליק דער שוסטער.

— מינעלע, — זאָגט ער, — כ׳וועל דיר מאַכן אַ פּאָר שיכעלעך. לערן אויס מיַינע קינדער דעם רוסישן אַלעפבייז.

איך האָב זיך געלערנט אין ערשטן קלאַס גימנאַזיע, געקאָנט לייענען און שריַיבן. בין איך געוואָרן אַ לערערן. מענאַשע דער שניַידער האָט געשטערעבט, אַז זיַין זון, רוווקע, שוין אַן אונטערגעוואַקסן באָכערל, זאָל ווערן אַ פּריקאַזטשיק.

— לערן אים אויס אונטערשריַיבן זיך, — האָט ער מיך געבעטן, — וועט ער זיַין אַ מענטש. האָב איך רוווקען אויסגעלערנט אונטערשריַיבן זיך און אַ ביסל שריַיבן אויך. אַריַינגיייענדיק אין די אָרעמע שטיבער, האָב איך זיך געשעמט, וואָס איך בין פיַין געקליידט און די באַקן זיַינען באַ מיר רויטע. ווען איך בין געזעסן מיט אַ קינד און געלערנט, האָב איך געהאַט אַ פאַרלאַנג צו זיַין אַזוי בלאַס, ווי די קינדער זיַינען געווען.

גופא אָבער מײַן אײגענע לערע אין גימנאַזיע האָט זיך גיך פאַרענדיקט. איך האָב געהאַט אַ כּאַוועטע אין גימנאַזיע, אַ רוסיש מײדל, פלעגט זי זאָגן: „אַלע אָרעמע קינדער לערנען זיך גוט". איך האָב גוט זיך געלערנט, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן, און ווען איך האָב ניט אָפּגעצאָלט פאַרן לערנען, האָב איך געמוזט אוועקגײן פון גימנאַזיע. איך בין אוועק נאָכן דריטן קלאַס. דאַן האָט זיך געפונען אַ באָכער, אַזױ׳על דעם שמאַטניקס זון, וואָס האָט געהאַט אַן אָפּענעם מױעך, אַלײן אַלץ זיך אױסגעלערנט. גערופן האָט מען אים עליע. טוט אַ זאָג אײנמאָל עליע צו מײַן באָבען: — זאָל מינע קומען צו מיר. איך וועל זי לערנען אומזיסט.

עליע איז עלטער געווען פון מיר אָף דרײַ יאָר. ער איז געווען בא די פּופּצן, איך בא די צוועלף. מאַטעמאַטיק האָט ער געוווסט שוואַכלעך, אָבער געשיכטע, ליטעראַטור — אױסגעצײכנט. פּושקין, לערמאָנטאָוו, טורגעניעוו, און יולי צעזאַר, אַנטאָני און קלעאָפּאַטרע, יוסעף פלאַוויוס — מיט זײ איז ער געווען אױסגעבונדן. אין אַ יאָר צוויי אַרום האָב איך זיך אין אים פאַרליבט און ער אין מיר. אײנמאָל האָבן מײדלעך פון פאַרמעגלעכע עלטערן אים אײַנגעלאַדן אָף אַ באַל־מאַסקאַראַד, און ער האָט מיך גענומען מיט זיך. דערנאָך, נאָכן באַל, איז מען אוועקגעפאָרן אָף אַ דאַטשע, וואָס איז געשטאַנען פּוסט און האָט געהערט צו אײנער פון זײַנע באַקאַנטע מײדלעך. ווער איז דאַן געווען גליקלעכער פון אונדז? ער האָט מיך צוגעדריקט צו זיך, און דער בלױער הימל, און די לעוואָנע האָבן ריין און ליכטיק געשײַנט צו אונדז. מיר זײַנען דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אַ באַרנבױם און גענומען רײַסן די באַרלעך. זײ זײַנען געווען זײער האַרטע; אַזעלכע באַרלעך האָט מען בא אונדז געהאַלטן לאַנג אָפן בױדעם, זײ זאָלן ווײכער ווערן. אָבער מיר האָבן זײ געכראָמטשעט מיט אַזאַ ווילן אַפּעטיט! מיר זײַנען אוועק דורך די גערטנער צום טײַך און גאָר פאַרגעסן, אַז ס׳איז שוין זײער שפּעט. איך בין געווען אין גאַנײדן, קײנמאָל מער האָב איך ניט איבערגעלעבט אַזאַ געפיל. אין מעשעך פון מײַן לאַנגן לעבן איז יענער אָוונט פאַרבליבן דער ליכטיקסטער...

בא מינען האָבן די באַקן פאַרגאָסן זיך מיט אַ רױטקײַט, די אױגן, פײַכט־געוואָרענע, האָבן געגלאַנצט. זי האָט טיף אָפּגעעטעמט, אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן.

— איך האָב דיך נאָך ניט פאַרמאַטערט? — האָט זי געפרעגט ליובען. — אַלטע לײַט האָבן ליב צו דערמאָנען זיך. וואָס נאָך האָבן זײ כּוץ זיכרױנעס? אַלץ, וואָס אַנבאַלאַנגט דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט געדענקען זײ אױסגעצײכנט, ערגער איז מיט דעם, וואָס עס האָט אַ שײַכעס צו דער נאָענטער צײַט. וואָס נעענטער — אַלץ ערגער דינט דער זיקאָרן. די נעמען פון די ײדידעס און באָבעס פלאַנטער איך ניט, אָבער די נעמען פון מײַנע אײניקלעך און אור־אײניקלעך פאַרגעס איך אָפטמאָל. הער זשע ווײַטער...

— אָבער זאָל זי זאָגן, ליובע, צי פאַלן זיך צונױף דײַנע ײדידעס מיט די באָבעס מיט אירע אורײדידעס און אורבאָבעס... דאָס איז דאָך דער איקער, וואָס מע דאַרף אױסקלאָרן, — האָט פעליקס זאַכלעך באַמערקט.

— אױסקלאָרן וועלן מיר שפּעטער. אױב דיר איז שוין, פעליקס, דערעסן זיצן און הערן, איז גײ אַרײַן אין אַנדערן צימער און לײגן אַ ביכל...

— דערצײל, דערצײל, עס איז אינטערעסאַנט... — האָט פעליקס זיך אָפּגערופן און צוגערוקט זיך נעענטער מיטן בענקל צו ליובען.

— אינגיכן איז עליע אוועקגעפאָרן פון זשיטאָמיר, — האָט די באָבע מינע פאָרגעזעצט, — און מיר האָט דאַן געדוכט, אַז דער פרילינג פון מײַן לעבן איז שוין אָף אײביק פאַרשוווּנדן פון מיר. עס האָט זיך אין מיר פאַרליבט אַן אַנדער באָכער, אָבער ער איז געווען אַ מיטוואָך, און איך בין אַ פרײַטיק — כ׳האָב געוואָרט, עס זאָל ווידער קומען צו מיר מײַן שאַבעס, מײַן יאָמטעוו... דער באָכער האָט געהײסן, זוסיע. אײנמאָל האָט ער געבראַכט דרײַ גרויסע באַרן דיושעס, אוועקגעלײגט זײ אָפן טיש, און צוויי באַרן די שענסטע אַלײן אױפגעגעסן. ווען ער איז אוועק, האָט דער טאַטע געזאָגט צו מיר:

— מיט אים זאָלסטו זיך ניט פירן, ער איז אַ כאַזער.

— איך האָב דאָך אַלײן אים געבעטן נעמען... — האָב איך זוסיען פאַרטײדיקט.

— דו האָסט געמעגט בעטן... אָבער אַ מענטשן דערקענט מען לױט אַ קלײניקײַט. מער זאָל איך אים דאָ ניט זען...

ווען עס האָט זיך אָנגעהױבן די ערשטע וועלט־מילכאָמע, בין איך אַלט געווען זיבעצן יאָר. איך בין אוועקגעפאָרן קײן יעקאַטערינאָסלאַוו צום ברודער — ער האָט דאָרטן געאַרבעט אין אַ דרוקערײַ. איך גײ אַרום שלינג־און־שלאַנג, קײנער דאַרף מיך ניט. ניט איך אַרבעט, ניט איך לערן, און איך וויל בײדע זאַכן — אַרבעטן און לערנען. אין יעקאַטערינאָסלאַוו איז געווען אַ גימנאַזיע, ווו מע האָט געלערנט אין נאָכמיטיק־צײַט, האָב איך אײנמאָל אָנגענומען זיך מיט מוט און אַרײַן צום דירעקטאָר פון אָט דער גימנאַזיע. מיט זײַנעברילן און גערוכט

בערדל, לענגלעכע באקן און ווייכער טשופרינע האָר איז ער א ביסל געווען ענלעך אַף טשע־כאָוון. טשעכאָווס פּאָרטרעט האָב איך געזען אין זשורנאַל „ניוואַ" און אים פאַרגעדענקט.

— איך ווייס, גאָספּאָדין דירעקטאָר, — האָב איך זיך געווענדט צו אים, — אז קעדיי אָנ־קומען לערנען, דאַרף מען באַצאָלן. ווייל איך באַ אײַך נאָר בעטן, אז איר זאָלט מיר דערלויבן זיצן אַף די אוראָקן.

אז עס גליקט — גליקט אומעטום. דער דירעקטאָר האָט דערלויבט זיצן אַף די אוראָקן, און אײַנגיכן בין איך אויך אָנגעקומען אַף ארבעט. דער ברודער האָט מיר געצייצעט אַרײַנגיין אין קאָמיטעט צוהילף די מילכאָמע־פּליטים און פרעגן, עפשער דאַרף מען דאָרטן א מאַשי־ניסטקע.

— זאָג נאָר ניט, אז דו קאָנסט ניט, — האָט ער מיר געוואָרנט. — אז מע וועט דיך בעמען, וועסטו זיך אויסלערנען. צוערשט וועסטו קלאַפּן מיט איין פינגער, דערנאָך מיט וויפל פינגער מע דאַרף, אָט אזוי ווי איך — די זאַץ־קאַסע ווייס איך בלינדערהייט, די ליטערעס קריכן אליין אין האַנט אַרײַן...

דער קאָמיטעט האָט זיך געפונען אַף יעליסאַוועטינסקי גאַס, אין א דרײַשטאָקיקער גע־בײַדע. איך האָב דערזען אזויפיל נײַע מענטשן — אדוואָקאַטן, דאָקטוירים, ארטיסטן. אײנמאָל נאָך דער ארבעט איז צוגעגאַנגען צו מיר א באַיאָרטער מענטש מיט אַזאַ וואָרעמען, קלוגן, טרויעריקלעכן בליק אין די שוואַרצע אויגן זײַנע.

— מע רופט מיך רעב מאָרדכעלע. — האָט ער געזאָגט. — עפשער ווילט איר צוגיין מיט מיר אין איינעם א הויז?

איך האָב ניט געפרעגט — אין וואָס פאַר א הויז? איך בין אַוועק מיט אים און ביז איצט שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס, וואָס איך האָב דאָרטן דערזען. דאָס הויז איז אמאָל געווען א באָד, אָבער ניט קיין פּאָשעטע באָד, מע האָט זי אויסגעבויט לעקאָוועד יעקאַטערינען. א באָד — א פּאַלאַץ, מיט קאָלאָנעס, מיט סקולפּטורן. דער סופיט, די ווענט באַמאָלט מיט מאַלאָ־כים אין געשטאַלטן פון שיינע נאַקעטע פרויען, און אַפן פּאַרקעטנעם דיל — פון דער טיר ביז די פענצטער זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט געדיכטע רייען אײַזערנע בעטלעך, אַף וועלכע עס ליגן און זיצן, באַדעקטע מיט שמאַטעס, אויסגעדאַרטע, אויסגעבלייכטע מענטשן.

אַף צוריקוועגס האָט רעב מאָרדכעלע גערעדט צו מיר:

— מע דאַרף טאַקע זײַן געבילדעט, מינעלע, אָבער לעבן דאַרף מען ניט נאָר צוליב זיך, מע דאַרף האָבן א געזעלשאַפטלעכן אינטערעס. אַרום איז אזויפיל אָרעמקייט, פאַרשטויסנ־קייט, פּאַרוואָרלאָזטקייט. דו ארבעטסט, דו לערנסט, דאָס איז גוט. אָבער יעדערער פון אונדז דאַרף עפּעס טאָן פאַר די היימלאָזע. אַף דער פּעטערבורגער גאַס, אין א פינצטערן קעלער, א געוועזענעם שפּײַכלער, ווו מע האָט געהאַלטן קאַרטאָפל, לעבט א מישפּאָכע פון ליטע. גיי אַרײַן צו זיי, רייד זיך דורך, פרעג, עפשער וועסטו קאָנען מיט עפּעס־וואָס זיי העלפן.

איך בין אַוועק צו יענעם קעלער, און איך האָב געהאַט אַן עמעסע פרייד, ווען ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן קריגן א ניי־מאַשין פאַר דער פאַמיליע. דערנאָך האָב איך זיך דערשלאָגן אַף אַן אופּנאַם צום אופּראַוולייאיושטשי פון בריאַנסקער זאַוואָד. ער האָט געקוקט אַף מיר, דעם כאַדאַטײַ מיט די לאָקנדלעך, וואָס פאַלן אַפּן שטערן, מיט די רויטע ליפּעלעך און ראָ־זעווע בעקלעך, און ס'איז אים, ווײַזט אויס, געוואָרן פריילעך.

— אונדזער זאַוואָד איז איצט א געוועער־זאַוואָד, — האָט ער געזאָגט, — און קיין יידן נעמען מיר ניט אַף ארבעט. אָבער צוליב אזאַ שיין מיידל וועל איך מאַכן אַן אויסנאַם. זאָלן זיי קומען, די דרײַ יינגלעך...

די מאַמע זייערע האָט ניט געוווסט, וויאַזוי אַפּצודאַנקען מיר.

— מײַנער א ברודער לעבט אין אפריקע, אין אלזשיר, וועל איך אים אָנשרײַבן, ער זאָל מיר צושיקן פאַר אײַער היטעלע א שטרויס־פעדער... — האָט זי געזאָגט צו מיר.

געלעבט האָב איך אין א צימער צוזאַמען מיט מײַנער א כאַווערטע, אויך א מאַשיניסטקע, א בעזשענקע פון קאָוונע. אין סטאָלאָווע פלעגן מיר נעמען איין טעלער זופּ מיט צוויי לעפל. דאָס שטיקל פלייש אין טעלער פלעגן מיר אויך צעטיילן אַף דער העלפט. מיר האָבן פּאַרדינט, אָבער מיר האָבן געהאַט וועמען צו העלפן. אײנמאָל דרוק איך אַף דער מאַשינקע א בריוו קיין פּעטערבורג, דאָרטן איז געווען דער הויפּט־קאָמיטעט פאַר די מילכאָמע־פּליטים. אַדרע־סירט איז געווען דער בריוו צו איינעם אַן אדוואָקאַט לעוו יאָסיפּאָוויטש זעגלמאַן. איך האָב געדרוקט און ניט געוווסט, אז אָט דער זעגלמאַן וועט דערנאָך זײַן מײַן לעבנס־באַגלייטער אין מעשעך פון אכט און פופציק יאָר, א ווײַסער זעגל אינעם בלויען יאַם...

מינע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט די גראָווע האָר נידעריק צום טיש און פּאַוואָליע געפּירט מיט ביידע הענט איבער דער טיש־איבערפלאַך, אַזוי ווי דאָס וואָלט איר געהאָלפן דערציילן.

— אינגיכן האָט ער זיך באַוויזן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, דער פּעטערבורגער אַדוואָקאַט. אַ יונגערמאַן, אין אַ סורטוק, אין פּענסנע, אַ שיינער קאָפּ געלאָקנטע האָר, אַ הויכער שטערן מיט צוויי טיפע אויסשניטן. דער קאָמיטעט האָט איינגעאָרדנט אַן אָוונט צוהילף די פּאַרוואונדעטע פון פראָנט. איך בין אין פאַיע געשטאַנען באַ אַ טישל און געהאַנדלט מיט ביכער. ווען דער יונגערמאַן אין די פּענסנע איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָב איך אים אויסגעשטרעקט אַ ביכל, וואָס איז געלעגן באַ מיר פון סאַמע פאָרנט. אַ פּריש ביכל, אָקאָרשט אַרויס פון דרוק.

— איך האָף, אַז איר וועט זיך ניט אָפּזאָגן צו קויפן דאָס דאָזיקע ביכל, — האָב איך זיך געווענדט צו אים.

— שטעלט זיך פאָר, אַז איך וויל זיך יאָ אָפּזאָגן, — האָט ער געענטפערט און מיט אינטערעס אַ קוק געטאָן אָף מיר.

זיין אָפּזאָגן זיך צו קויפן האָט אָף מיר געמאַכט ניט קיין גוטן איינדרוק. און איך האָב שוין מער אים ניט געוואָלט זען.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דאָס איז ער אַליין דער אויטאָר פונעם ביכל, וואָס איך האָב אים פאָרגעלייגט קויפן.

אָף אַן אַנדערן אָוונט איז געווען אַ לאָטעריי. דער זעלבער יונגערמאַן האָט אויסגעשפּילט באַ מיר אַ פּליושענעם בער, אָפּגעגעבן מיר אים צוריק, ער זאָל ווידער אַרייַן אין טיראַזש. לעוו יאָסיפאָוויטש איז געשטאַנען לעבן מיר און געהאָלפן לייזן. דערנאָך זייַנען מיר צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. אין דער האַנט האָב איך געהאַלטן אַ בינטל ווערבע־צווייַגעלעך מיט נאָך גאָר קליינע, האַרטע שישקעלעך אָף זיי.

— צום ווערבע־זונטיק איז נאָך וויַט, — האָט ער געזאָגט. — ווי זשע קומען זיי צו אייַך, די ווערבעלעך, איצט, אין טיפן האַרבסט?

דעם ענטפער האָב איך געזוכט אַ לענגערע ווײַלע. איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל זייַן וואָס קליגער און שענער.

— אין נאָיאַבער כּוידעש נעמט אויך אַמאָל בלײַען, — האָב איך טיפּזיניק זיך אָפּגערופן.

עס איז אַריבער אַ פּאָר טעג. זעגלמאַן איז פּלוצעם געקומען צו מיר אָף דער אַרבעט אין מיטיק־צייַט און פאָרגעלייגט גיין מיט אים עסן וואַרמעס. ניט ווייַט איז געווען אַ וועגעטאַריאַנישע גאַרקיך, וואָס האָט געהייסן „איך עס קיינעם ניט". דער באַלעבאָס פון סטאָלאָווע איז געווען אַ וועגעטאַריאַנעץ. מיר זייַנען ביידע געבליבן הונגעריק נאָכן ליידיקן פּערלגרויפּענעם זופּ און די צוויי מערן־קאָטלעטלעך, און מייַן פּעטערבורגער קאַוואַלער האָט מיך אוועקגעפּירט אין אַ רעסטאָראַן. צום ערשטן מאָל בין איך אַריבערגעטראָטן די שוועל אין אַזאַ לוקסוס־אָרט, און אײַנאָוונט זייַנען מיר אוועק אין אָפּערע־טעאַטער אָף „שימשון און דאַלילע". איך האָב זיך אויסגעפּוצט אינעם שענסטן, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, — אַ גרין סאַמעט־קליידל, אָף דער ברוסט — אַ קינסטלעכע כריזאַנטעמע. זי איז געווען צאַרט־געלבלעך. די האָר האָבן געקרויזט זיך אָפּן קאָפּ. ווען מיר האָבן ביידע אין אַנטראַקט שפּאַצירט איבער דער פאַיע, האָט איינע אַ מיידל גאַנץ הויך געזאָגט צו איר כאַווערטע, אַנוויניזנדיק אָף אונדז:

— ער איז עלטער פון איר געוויס אָף פופצן יאָר.

נאָכן טעאַטער האָט ער מיך אָף אַ דראָזשקע צוגעפירט צו מײַן הויז. אָפּן גאַנעק זייַנען מיר אַ צײַט געשטאַנען. ער האָט מיך געקושט און צום סאָף, בייַסן געזעגענען זיך, אַ זאָג געטאָן אַזוי, ווי דאָס וואָלט שוין געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך.

— וועסט זייַן מייַן ווייַב.

ער האָט ניט געפרעגט, צי איך האָב אים ליב, און ווען ער וואָלט געפרעגט, וואָלט איך ניט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. געפעלן איז ער מיר געווען, אָבער צי הייסט דאָס ליבע? איך האָב אין יענער צייַט ניט געטרוימט וועגן כאַסענע־האָבן. געקלערט האָב איך וועגן אַן אַנדער זאַך. מיר, מיידלעך, צעלאָזן אונדזערע האָר אָף די קעפּ, טוען זיך אָן, אַזוי ווי יאַפּאַנקעס, אין טוניקעס, און שטעלן זיך פאַרויס פון די סאָלדאַטן, יענע זאָלן גיין מיט די ביקסן הינטער אונדז. מיט מײַן נאַרישן סייכל האָב איך געמיינט, אַז דאַן וועט נעמען אַ סאָף צו דער מילכאָמע, די זעלבער פונעם סוינעס לאַגער וועלן אין אונדז ניט שיסן, זיי וועלן וואַרפן דאָס געווער. אין דער ערשטער קאָלאָנע וועלן גיין די שענסטע מיידלעך פון לאַנד, און אַזוי ווי פון קינדוויַיז אוף האָב איך געהערט, אַז איך בין זייער אַ שיינע, וועט מען מיך איינשליסן אין אָט די ערשטע קאָלאָנעס. די לעפּישע פאַנטאַזיע האָט מיך ניט געלאָזט צורו.

— ס'איז איצט אזא אומגליק אף דער וועלט, ס'גייט א מילכאָמע, — האָב איך זיך אָנגע־רופן צו אים.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט — אָבער דאָס לעבן גייט אויך.

איך האָב אים געזאָגט מײַן „פּלאַן", וויאַזוי א סאָף מאַכן צו דער מילכאָמע. ער האָט מיך א קוש געטאָן.

— איצט קוש איך דיך פאַר דײַן גוט האַרץ, — האָט ער געזאָגט, — דו וועסט זײַן מײַן פרוי. קיין בעסערס זוך איך ניט און איך דאַרף ניט, נאָר מיידעלע מײַנס.

ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּלעך פונעם גאַנעק, האָט מיך פאַרוווּנדערט, וויאַזוי ער שפּאַנט ניט זיכער. ער האָט זיך אפילע א וואַקל געטאָן און שיר ניט אומגעפאַלן. איך בין אונטערגעלאָפן.

— דו ביסט נאָך ניט אוועק? — האָט ער זיך דערפרייט. — ביסט געשטאַנען און מיר נאָכ־געקוקט, מײַן טײַערע... — צום ערשטן מאָל, זינט מיר האָבן זיך באַקאַנט, האָב איך געהערט אין זײַן קאָל אַזאַ מין באַזונדערע טמימעסדיקע אומיטלבאַרקײַט. — בײַ מיר איז ניט קיין וואַ־זשנע ריִע, — האָט ער געזאָגט, און ער האָט ווידער זיך אָוועקגעשטעלט מיט מיר און דער־ציילט:

— ווען איך בין געווען א קליין קינד, איז איינמאָל צוגעגאַנגען צו מיר דער שטעטלשער מעשוגענער און געפרעגט, צי איך וויל א טרונק. „איך וויל א טרונק", — האָב איך געענט־פערט. „איז קריך אַרײַן אין עמער". איך בין אַרײַנגעקראָכן אין עמער, וואָס איז געשטאַנען באַם ברונעם, און ער האָט געגומען דרייען די שטריק. ס'איז אַלץ געוואָרן פינצטערער, איך האָב געשריִען, געוויינט אזוי לאַנג, ביז דער מעשוגענער האָט זיך דערבאַרעמט און מיך אַרויסגעצויגן צוריק.

— האָסט זיך אָנגעטרונקען? — האָט ער ווילד געהירזשעט. עס איז געווען א העלער זוניקער טאָג, די זון־שטראַלן האָבן א פלייץ געטאָן אין עמער און אין מײַנע אויגן נאָך דער פינצטערניש און דער איבערגעלעבטער שרעק. פון דעמלט אָן האָב איך אָנגעהויבן ערגער צו זען. א כאָסן דאַרף עפּשער ניט אַלץ גלײַך אויסדערציילן, נאָר איך וויל, אַז דו זאָלסט דאָס וויסן... אָפּטמאָל כאַפּט מיך אַרום א שרעקלעך פאַרגעפיל, אַז כ'וועל זיך נייטיקן אין א וועג־באַגלייטער אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

איך בין מיט אים אוועק איבער דער גאַס, צום אָרט, וווּ עס שטייען די איזוואָזטשיקעס. ער איז אוועקגעפאָרן, און איך האָב זיך אומגעקערט א צעטומלטע. ער איז געווען פאַר מיר א מענטש, וואָס האָט באַשלאָסן אַראָפּצונידעריקן און באַגליקן אָן אָרעם מיידל. אזוי האָב איך געטראַכט, ווען מיר זײַנען געשטאַנען אפן גאַנעק. איצט האָט אין האַרצן א באַווועג זיך גע־טאָן א ראַכמאָנעס־געפיל. ער נייטיקט זיך אין מיר. ער פילט, אַז איך האָב א פעסטע האַנט און וועל אים באַהילפיק זײַן, וואָס עס זאָל ניט טרעפן אין לעבן...

דער טאַטע מײַנער האָט מיך אָפּגערעדט פונעם שידעך.

— דו ביסט א זשיטאָמירער פּלאַטיצע, ער איז א פּעטערבורגער העכט, אָן אַדוואָקאַט, א רעדנער, ער שרײַבט ביכער. ער איז ניט דײַן גלײַכן.

דאָס זעלבע האָבן גערעדט אַנדערע מענטשן, אָבער איך האָב קיינעם ניט געהערט. מיר האָבן כאַסענע געהאַט, אַריבערגעפאָרן קיין קיִעוו. עס איז שוין פאָרגעקומען די רעוואָליר־ציִע. לייבל האָט געאַרבעט אין קיִעווער סאָוועט פון דער פאָלקסווירטשאַפט, געווען אָן אָנגע־זעענער טוער. אָבער ווען אין ליטע איז אויך געוואָרן סאָוועטנמאַכט, האָט אים א צי געטאָן אַהין, צו זײַן היים, פונוואַנען ער שטאַמט. איך בין געוואָרן א מאַמע, אף מײַנע הענט האָב איך געהאַט דעם בכאָר אונדזערן, מאָטעלען... האָסט אים הײַנט געזען, מאַרק לוואָוויטשן... ער איז ענלעך אף זײַן טאַטן. א ברייטער שטערן, לענגלעכע איידעלע באַקן, נאָר ברילן טראָגט ער, צום גליק, ניט קיין שוואַרצע...

זי האָט באַנײַס אָפּגיך גענומען פירן מיט די פינגער איבערן טיש לעבן זיך, די אויגן האָט זי אויפגעהויבן צו אירע צוהערערס אין א היפּשער ווײַלע אַרום.

— ער איז אוועקגעפאָרן, קעדיי דערנאָך מיך מיטן קינד נעמען צו זיך, אָבער דערווײַל האָט די מאַכט סײַ דאָ און סײַ דאָרטן געביטן זיך. קיִעוו האָבן פאַרנומען די פּעטליוראָווצעס, ווילנע — די לעגיאָנערן. שולגין, דער רעדאַקטאָר פון דער שוואַרצער פּאָגראָם־צײַטונג „קיִעוו־ליאַנין", האָט דאַן געשריבן, אַז דורך די נעכט שרײַען די זשידעס און לאָזן ניט שלאָפן דער באַפעלקערונג...

בין איך געגאַנגען אף דער טאָלקוטשקע פאַרקויפן לייבלס א העמדל, נאָר ווען דער קוינע האָט עס גענומען צומעסטן אף זיך, האָב איך ניט אויסגעהאַלטן, אוועקגעכאַפּט דאָס

העמדל בא אים פון די הענט. „איך פאַרקויף ניט!" — האָב איך אויסגעשריִען און בין אַנטלאָפן פונעם מאַרק.

אַן איזוואָזטשיק האָט געמאָסערט, אַז איך בין די פרוי פון אַ גרויסן באָלשעוויק, און מע האָט מיך פאַרנומען אַף פונדוקלייעווסקע, אין זשאַנדאַרמעריע, צעשיידט מיטן קינד. מע וואָלט מיך אויך צעשיידט מיטן לעבן, נאָר עס איז ווידער געקומען די סאָוועטנמאַכט. פון לייבלען האָב איך געקראָגן זייער אַ טרויעריקן בריוו. דער בריוו איז געגאַנגען צען כאָדאָשים, דורך איטאַליע. ער האָט געשריבן, אַז ס'איז אים אויסגעקומען פיל איבערלעבן, זיצן אין דער פינצטער, און ווען ער איז אַרויס אַף דער ליכטיקער שיַין, האָט אים אַזוי ווי אַמאָל, אין דער קינדהייט, ווען ער איז אַרויס פונעם ברונעם, פאַרבלענדט די נאַטירלעכע באַטאַגיקע ליכט, אָבער איצט — ניט אַף אַ ווײַלע, ער האָט פאַרלאָרן די ריִע... ער אַרבעט, האָט ער געשריבן, ער טרעט אַרויס, ער שרײַבט, און אַז זײַן אייניציקער טרוים איז — איך זאָל וואָס גיכער קומען צו אים מיטן קינד.

איך האָב זיך גענומען קלײַבן אין וועג אַרײַן. די מאַמע האָט צו מיר געזאָגט:

— באַ דיר איז, טאָכטער מײַנע, אַ גאָלדענער בעכער פול מיט טרערן. איך האָב דיך געטראָגן אונטער מײַן האַרצן, איך האָב דיך אויפגעהאָדעוועט, איצט ביסטו אליין אַ מאַמע. האָסט אַ מאַן און האָסט אַ קינד. וויאַזוי קאָן איך דיר אָפּריידן, אַז דו זאָלסט ניט פאָרן? נאָר ווי שטעלסטו זיך דאָס פאָר? ס'איז אַזאַ שווערע צײַט, און לייבל איז אין אַזאַ שווערער לאַגע. וויאַזוי זאָל איך אַף דײַנע פּלייצעס נאָך איבערלאָזן אַזאַ שווערן קלומעק — אַ פּיצל קינד? לאָז איבער דערווײַל מאַטעלען באַ מיר, און ווען ס'וועט קומען די פאַסיקע צײַט, ס'וועט גרינגער ווערן, וועל איך אים מיט עמעצן איבערשיקן צו אײַך...

איך בין אַוועקגעפאָרן אָנעם קינד. אין דער ערשטער מינוט, ווען כ'האָב נאָך דער לאַנגער צעשיידונג, ווידער דערזען לייבלען, האָט מיר געדוכט, אַז ער זעט מיך, די אויגן פינקלען לעבעדיקע אונטער די ברילן־גלעזלעך.

— מינגעלע, פאַרוואָס ווייִנסטו? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייין ניט...

געלעבט האָט ער אין אַ צימער באַ אונדזערע מעכוטאָנים, אַף דער טיר איז געווען אַ שילדל: Помощник присяжного поверенного [1]

דעם 18־טן מאַרט, אינעם טאָג פון דער פאַריזשער קאָמונע, האָב איך באַגלייט לייבלען אַף אַן אָוונט. ער איז אַרויסגעטראָטן און אַזוי ווי פאַרגעסן, אַז אין ליטע איז ניט סאָוועטנמאַכט. און עפּשער דערפאַר, ווײַל ער האָט דאָס טאַקע גוט געדענקט, האָט ער אַזוי גערעדט... אַף מאָרגן איז מען געקומען, געמאַכט אַן אונטערזוכונג און אים צוגענומען. איך בין אַוועק מיט אים, מע האָט מיך ניט געלאָזן גיין, נאָר איך האָב געשריִען, אַז איך מוז זײַן לעבן אים, ער זעט דאָך ניט.

— באַ אונדז וועט ער אַלץ דערזען, — האָט מען מיר געענטפערט און מיך אַזוי אַ שטויס געטאָן, אַז איך בין אומגעפאַלן. כ'האָב זיך אויפגעהויבן און אַוועק צום פּאַוויאַק, און געשטאַנען דאָרטן, ביז מע האָט מיך אַרײַנגעשטופּט אַהין.

— ווילסט טורמע, אַדראַבע!

מע האָט מיך פאַרשפּאַרט אַף אונטן אין אַ קאַמער. איך האָב ניט אויפגעהערט צו פאָדערן, אַז מע זאָל מיך אַרײַנלאָזן צו אים. לייבל האָט געמאָלדן אַ הונגער־שטרײַק, און מע האָט אים אַרײַנגעזעצט אין קאַרצער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מײַן אויפטו, וואָס איך זיץ אין טורמע, איז אַ קנאַפּער, איך וועל אים מערער העלפן, זײַענדיק אַף דער פרײַ. איצט האָב איך שוין געשטרעבט אַרויסצוגיין, אָבער ווי זאָגט מען עס — דער אַרײַנגאַנג אין טפיסע איז אַ ברייטער, דער אַרויסגאַנג — אַ שמאָלער. אַף מיר איז אויך געווען פאַרפירט אַ גאַנצער איניען, און די פּאַפּקע מיט די פּראָטאָקאָלן איז אַלץ גרעבער געוואָרן. מיר וואָלטן שוין ביידע מיסטאָמע ניט אַרויס פון פּאַוויאַק לעבעדיקערהייט, ווען ניט דער „מאָפּר"... עס האָט זיך אײַנגעגעבן „אויסבײַטן" לייבלען, מע האָט אונדז אַרויסגעלאָזט פון טפיסע און אויך פון לאַנד... מיר זײַנען געקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, קיין קיִעוו, צו מײַן מאַמען, צו אונדזער זונעלע מאַטעלען... ער איז שוין געווען אַן אונטערגעוואַקסן יינגאַל, געלערנט אין שול. מיל־כאָמע־צײַט האָבן מיר זיך עוואַקויִרט אַהער, קיין רודינסק. מאַטל איז אַנגעקומען אַרבעטן אַפּן זאַוואָד, און איך האָב יעדן טאָג געפירט לייבלען צו די סטודענטן אין אינסטיטוט, וווּ ער האָט געהאַלטן לעקציעס, אויך צו די אַרבעטער אין די צעכן. איך פלעג אים אַרופירן

[1] געהילף פון געשוואָרענעם אַדוואָקאַט.

אין דער אאודיטאָריע אויף דער קאַטעדרע אויך דערנאָך, ווען ער האָט פאַרענדיקט, אָפּגעפירט אהיים. אַמאָל פלעגט מען צו מיר זאָגן:

— מינע, איך דאַרף זײַן מיסטאָמע שווער.

— ניין, — האָב איך געענטפערט. — ווי אַזוי קאָן זיין שווער מיט אַזאַ מענטשן?

ווען איך בין געגאַנגען מיט אים שפּאַצירן, האָט ער מיך קעסיידער פאַרוואונדערט מיט דעם, וויאַזוי ער מאָלט זיך אויס אין דימיען דעם פאַרנאַכט, דעם זון־אונטערגאַנג, דעם רעגנ־בויגן, דאָס בלימל, וואָס איך האַלט אין דער האַנט, און ס'פלעגט זיך שטענדיק באַקומען, אַז ער זעט עס שענער, ווי איך. ווען ער איז געלעגן אין שפּיטאָל, האָט ער דעקלאַמירט אַ ליד מיט אַזעלכע שורעס:

ביז ס'קלאַפּט דאָס האַרץ,
ניט גיב זיך אונטער.
טראַכט ווענגן אַלץ,
ווי אַ געזונטער.
אַ שאָ צו נאַכט
איז נאָך ניט נאַכט.

אין איינעם אַ נאָכמיטיק בין איך אין דער פּאַלאַטע געזעסן לעבן אים אויף זײַן בעט. ער האָט געהאַלטן מײַן האַנט אין זײַנער, דערנאָך איז די האַנט אַזוי ווי פון אַ שטילן שטויס אַרויסגעפאַלן פון מײַנער. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים. די אויגן האָבן אַזוי ווי שטענדיק געבליט, ס'האָט געדאַרפט דורכגיין אַ לאַנגע מינוט, ביז ס'איז צו מיר דערגאַנגען דאָס, וואָס עס איז געשען...

מינע איז אַנשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צו ליובען:

— האָסט געוואָלט וויסן, קינד מײַנס, צי דו ביסט מײַנע אַ קרוויווע. איך האָב געזען, ווי אופמערקזאַם דו האָסט מיך געהערט, איצט זע איך טרערן בײַ דיר אויף די אויגן. ביסטו מיר אַ קרוויווע. אַוודאי אַ קרוויווע... און קום וואָס אָפטער צו מיר. איצט, קינדער, גייט זיך דורך אַ ביסל אין דרויסן, — האָט זי געזאָגט שוין צו ביידן, צו פעליקסן און ליובען. — איך וויל זיך אַ ביסל אָפּרוען...

10

ליובע האָט געהאַט דערפאָלג בײַ די רודינסקער זעגלמאַנס. זי האָט אויסגענומען בײַ די עלטערע זעגלמאַנס, נויסע־כיין געווען בײַ די מיטליאַריקע זעגלמאַנס און באַליבט געוואָרן בײַ די יונגע זעגלמאַנס. דעם עלטערן דאָר איז זי געווען געפעלן מיט איר אינטערעס צו זייער אָפּשטאַם, מיט איר פאַרלאַנג צו וויסן אַלץ וועגן זיידעס און אורזיידעס, מיטן ווילן אופזוכן קרוויוים, זאָל זײַן אפילע ווײַטע. עס איז זיי געווען צום האַרצן, וואָס זי זיצט שאַנעוויײַ און הערט אופמערקזאַם, וואָס זיי דערציילן, פאַרשרײַבט אפילע צו זיך אין בלאָקנאָט. די מיטליאַריקע האָבן האַנאַע געהאַט דערפון, וואָס אין איר אַנווענזנהײַט פילן זיי זיך אין איין עלטער מיט איר, זי איז אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט גוט אַ צווייטן מענטשן. נו, און וועגן דעם, אַז די יונגע האָבן אַרײַנגענומען זי אין זייער קרײַז, איז דאָך ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן. אַ שיין און קלוג מיידל, און אַ פריילעכע, אַ מונטערע. אָבער מער, ווי בײַ אַלעמען, האָט זי אויסגע־נומען בײַ פעליקסן. פעליקס האָט סאַכאַקל מיט דרײַ וואָכן צוריק פאַרטיידיקט אינעם רודינ־סקער מעטאַלורגישן אינסטיטוט אַ דיסערטאַציע אויף אַ קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן, און דער פאָטער זײַנער, מאַרק לוואָוויטש, און די באָבע זײַנע, מינע, אַלע זײַנע גוטפרײַנט און גוט־געווינלעך, מער פון אַלעמען פעליקס אַליין, האָבן גרינג אָפּגעעטעמט. אַ באָכער איז שוין אַרײַן אין פערטן יאָרצענדליק, און ער האָט אַלץ קיין צײַט ניט געהאַט כאַסענע צו האָבן. און ס'דאַרף דאָך אַזוי טרעפן — אַזוי ווי אַ גוטער מאַלעך וואָלט אים גלײַך אַראָפּגעשיקט אַ קאַלע־מיידל. ווען ער האָט ליובען דערזען, האָט בײַ אים אַ פּלאַטער געטאָן דאָס האַרץ, און ער האָט צו זיך געזאָגט: „דאָס איז זי".

עס איז געווען אַ שיינער, שטילער זומערדיקער אָוונט, ווען פעליקס צוזאַמען מיט ליו־בען זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון קינאָ־טעאַטער „מאַגניט", וווּ זיי האָבן געקוקט אַן אַלטן, אָבער גוטן פילם „די צײַט פון ליבע". פעליקס האָט באַגלייט דאָס מיידל אַהיים. דער קינאָ־טעאַטער „מאַגניט" געפינט זיך אין דעם רעכטברעגיקן טייל שטאָט, ליובעס גאָסטיניצע — אויפן לינקן ברעג. עס איז אַ גאַנץ ווײַטער מעהאַלעך און ס'וואָלט געווען אַ קלוגע זאַך אַוועקזעצן זיך אין טראַמוויי אָדער אין אַווטאָבוס, אָבער זיי האָבן געלאָזט זיך גיין צופוס איבער דער לאַנגער בריק, וועלכע פאַרייניקט ביידע שטאָט־ברעגן. זיי זײַנען דורכגעגאַנגען פאַרבײַ דער דאַמבע

און פאַרנומען אַף לינקס, ווו עס נעמט זיך ציִען אַף ניט איין קילאָמעטער א הויכער פּלויט, וואָס צאַמט אָפּ דעם ברייטן שאָסיי־וועג און דעם שמאָלן טראָטואַר פון די זאַוואָדישע קאָרפּוסן. וואָס נעענטער צום האָטעל, אַלץ מער האָט געשטיקט אין האַלדז, ווײַל דאָס „רעכטע געדיכטע“ פון זאַוואָד — די דאָמנעס, די מאַרטענעס, די וואַלץ־געשטעלן, זײַנען דאָרטן, אין יענעם אָרט.

— דו וועסט זיך איבערקלײַבן צו אונדז. באַ אונדז, אַפן רעכטן ברעג, איז די לופט א סאַך ריינער, — פעליקס האָט אונטערגעהוסט מיט א מין באַזונדערן שטיקנדיקן הוסטל, אונטערצושטרײַכן די וויכטיקייט פון די רייד, וואָס ער רעדט צו ליובען. — מאָרגן וועסטו נעכטיקן באַ אונדז, מיר וועלן דיר אָפּגעבן א צימער.

— און דער טאַטע מײַנער? האָסט פאַרגעסן, אַז איך האָב דאָ נאָך דעם טאַטן? — האָט ליובע אים דערמאָנט.

— פאַרן טאַטן וועט אויך קלעקן אָרט. די דירע איז א גרויסע. אויב איר ווילט, קאָנט איר הײַנט נאָך אַריבערפּעקלען זיך צו אונדז. מיר וועלן עס אָפּטאָן איינס און צוויי. כ׳דאַרף נאָר אָנקלינגען ראַדיקן, ער זאָל אונטערפאָרן אַף זײַן „זשיגולי“ און פאַרכאַפּן אײַך מיט די טשעמאָדאַנעס.

— מיר זײַנען גרינגע פּאַסאַזשירן, קיין פּעק האָבן מיר ניט. און... און ווער איז דאָס ראַדיק? — האָט ליובע זיך פאַראינטערעסירט. — איך האָב וועגן אים נאָך ניט געהערט.

— ראַדיק איז אונדזערער א גלידשוועסטערקינד.

— זײַן פאַמיליע איז זעגלמאַן?

— נו, יאָ, זעגלמאַן.

— דאַרף איך זיך דאָך באַקאַנען מיט אים. וואָס איז ער?

— איך האָב דאָך געזאָגט — א גלידשוועסטערקינד. — פעליקסן האָט שוין א ביסל פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַרײַנגעקראָכן מיט ראַדיקן. אָבער ליובע האָט געוואָלט אַלץ וויסן געניויער.

— האָסט מיר געענטפערט: ווער איז ער. איצט פרעג איך: וואָס איז ער.

— זײַן פאַך ווילסטו וויסן? ער איז אַן אינזשעניער, א מײַסטער אַפן זאַוואָד.

— א יונגער?

— ניט אַף קיין סאַך ייִנגער פון מיר, — האָט פעליקס א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וועסט מיך אומבאַדינגט באַקאַנען מיט אים, — האָט ליובע איבערגעכאַזערט. — אָבער אַריבערפירן אונדז צו אײַך אַף זײַן מאַשין וועט אים ניט אויסקומען. מיר פאָרן דאָך אינגיכן אוועק, אַזוי אַז עס לוינט שוין ניט.

— וואָס הייסט, עס לוינט ניט? עס לוינט, אוואַדע לוינט, האָסט דאָך ליב קרויווים, וואָס זשע אַנטלויפסטו פון זיי? — האָט פעליקס מיט היץ דערווידערט.

אין די גרויסע פענצטער פון די זאַוואָד־צעכן האָט נאָכאַנאַנד געבלינצלט. אַף דער גאַס איז געוועזן ליכטיקלעך, און ליובעס שמייכל אַף די ליפּן האָט פעליקס גוט געזען.

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם עמעס, — האָט ער אויך מיט א שמייכל זיך אָנגערופן. — איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט זײַן מײַנע גאָר א נאָענטע קרויווע...

— גאָר קיין נאָענטע קרויווים זײַנען מיר, מיסטאָמע, ניט, און דו וועסט מעגן אין מיר זיך פאַרליבן, — האָט ליובע זיך צעלאַכט.

א שטיקל צײַט זײַנען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק, דערנאָך האָט פעליקס זיך צערעדט.

— מײַן פעלער איז ביז איצט, ווײַזט אויס, באַשטאַנען אין דעם, — האָט ער אָפנהאַרציק גענומען דערציילן, — וואָס כ׳האָב מײַן לעבן שטרענג פאַנאַנדערגעגרענעצט אַף באַזונדערע פּערי׳אָדן. כ׳האָב געהאַלטן, אַז איין זאַך דאַרף מען ניט מישן מיט דער אַנדערער. איצט, הער. איך וועל דיר דערציילן א טשיקאַווע מײַסע, וואָס איך האָב פאַראַיאָרן געהערט, ווען כ׳בין געוועזן אין א סאַנאַטאָרי הינטער מאָסקווע.

— די מײַסע איז א לאַנגע? איך פרעג דאָס, ווײַל אָט זײַנען מיר שוין געקומען צום האָטעל, — האָט ליובע דערקלערט.

פעליקס, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט זיך אוועקגעזעצט אַף דער באַנק באַם אַרײַנגאַנג אין האָטעל, אויסגעשטרעקט ביידע הענט און א שטאַרקן צי געטאָן ליובען צו זיך. זי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן אים.

— הער זשע, ליובע, — האָט ער אָנגעהויבן זײַן מײַסע. — אין יענעם סאַנאַטאָרי, ווו איך האָב גאַנץ ווויל פאַרבראַכט זעקס און צוואַנציק פולע טעג, דורכגעלאָזט נאָר איין פרישטיק מיט איין וועטשערע, אין יענעם סאַנאַטאָרי באַם ברעג פון מאָסקווע־טײַך, האָט געאַרבעט ניט גאָר קיין יונג, אָבער א זייער ענערגיש מיידל, איר שטעלע איז געוועזן מאַסאָוויק־קולטאָר־

גאַניזאַטאָר. נאָכאַנאַנד האָט זי צוגעטראַכט נײַע פּלענער, אַז די מענטשן, וואָס רוען אָפּ, זאָל ניט זײַן אומעטיק. עקסקורסיעס, שפּאַצירן — אין די באַטאַגיקע שאָען; גרזאַנג, טענץ, אַלערליי שפּילערײַען מיט רעטענישן און שפּיצלעך — אין די אָוונטן. איז דאָס אָבער אַלץ געווען וויניק פֿאַר איר. אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, צווישן די פֿיל אַנדערע מעלדונגען, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט וועגן אַן עקסקורסיע קיין מאָסקווע, אין דער „אַרזשיינע פּאַלאַטע", וועגן אַ טוריסטישן מאַרש צום פֿעלד אין באָראָדינאָ, וועגן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די טעניסיסטן, וועגן אַ רעפּעטיציע פֿונעם כאָר־קרײַז פֿון וועטעראַנען, וועגן אַ קאָנקורס אויף דער בעסטער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ פּייזאַזש, — צווישן אָט די אַלע בסורע־טויוועס האָט מען אויך געגעבן צו וויסן, אַז ס'ווערט געשאַפֿן אַ „קלוב פֿון דערציילער". די, וואָס האָבן צו דערציילן עפּעס אינטערעסאַנטס און ווילן ווערן מיטגלידער פֿונעם קלוב, דאַרפֿן דרינגענדיק זיך פֿאַרשרײַבן באַם קולטאָרגאַניזאַטאָר סימע קאַפּלאַן. וועגן דער עפֿענונג פֿון קלוב און די ערשטע אַרויסטרעטונגען וועט געמאָלדן ווערן באַזונדער.

איך האָב אין קלוב זיך ניט פֿאַרשריבן, נאָר דאָס, וואָס מע האָט דאָרטן דערציילט, האָב איך מיט כיישעק געהערט, אייניקע מײַסעס זײַנען טאַקע געווען גאַנץ אינטערעסאַנטע.

אָנגעפֿירט מיטן קלוב, ווי מיט אַלע אַנדערע פֿאַרווײַלונגען, האָט, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, סימע קאַפּלאַן. זי האָט צונויפֿגענומען דעם אוילעם אין קליינעם זאַל, וואָס נעמט אַן ערעך אַרײַן אַ פֿופֿציק מענטשן... דעם ערשטן אָוונט איז דער זאַל געווען ניט פֿול, אָבער אויך ניט ליידיק, די פֿאָדערשטע בענק זײַנען געווען פֿאַרנומען...

— דערציילסט אַזוי געגוי, — ליובע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר האַנטזייגערל, זי האָט שוין געוואָלט אַרײַנגיין אין האָטעל, זען דעם טאַטן. וועגן פֿעליקסן האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז כאָטש ער דערציילט לעבעדיק און פֿריילעך, איז ער פֿונדעסטוועגן אַ ביסל אַ נודניק.

— אויפֿן צווייטן אָוונט, — האָט פֿעליקס ווײַטער בעאַריכעס פֿאַרגעזעצט זײַן מײַסע, האָבנדיק דורכגעלאָזט פֿאַרבײַ די אויערן ליובעס באַמערקונג, — אויפֿן צווייטן אָוונט איז געווען אַ ביסל מער אוילעם, און אויפֿן דריטן, דעם שלוס־אָוונט — נאָך מער. די פּאָפּולערקײַט פֿון דעם קלוב איז, ווײַזט אויס, געוואַקסן, אָדער עפּשער זײַנען געקומען אַ סאַך מענטשן פּאַשעט דערפֿאַר, ווײַל דער וועטער האָט זיך געביטן צום ערגערן, ס'איז געווען אַ רעגן און אַ ווינט און מע האָט ניט געקאָנט שפּאַצירן אין דרויסן, איז מען געלאָפֿן אין קלוב...

— פֿעליקס, — האָט ליובע געבעטן, — טרעט שוין אַמאָל צו צום איקער.

— יאָ, יאָ, צום איקער, — איז פֿעליקס מאַסקים געווען, — אַלזאָ, דער ערשטער אָוונט און די ערשטע מײַסע...

— ווילסט דערציילן אַלע מײַסעס, וואָס דו האָסט געהערט אין יענעם קלוב? — האָט ליובע מיט אַ געלעכטער אים ווידער איבערגעשלאָגן.

— כ'וואָלט דאָס עפּשער געטאָן, ווען דו זאָלסט האָבן אַ ביסל מער געדולד, — האָט פֿעליקס געענטפֿערט. — כ'וועל דיר נאָר דערציילן די סאַמע פֿריילעכע און עפּשער אויך די סאַמע טרויעריקע געשיכטע, וואָס איך האָב דאָרטן געהערט. דערציילט האָט זי אַ מענטש אין די פֿופֿציקער, אַ געלערנטער, אַ דאָצענט אין אַן אינסטיטוט. אַ קאַנדידאַט פֿון וויסנשאַפֿטן. ער איז געווען אָפּגעצערט און בלייך, ווי ער וואָלט דרײַ טעג אין מויל ניט געהאַט. גערופֿן האָט מען אים יעווגעני אַלעקסאַנדראָוויטש. ער האָט אויסגעטרונקען די פֿולע גלאָז מינעראַל־וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אָנגעגרייט אויפֿן טישל, אַ קוק געטאָן, צי זיצט ניט אינעם זאַל די מומע ניורע, קעדײַ איר זאָגן אַ דאַנק (די מומע ניורע פֿלעגט אים ברענגען אין פּאַלאַטע זעקס פֿלעשלעך מינעראַל־וואַסער יעדן טאָג), און ער האָט מיט לעקטאָרישער געניטקײַט, רויִק און באַדאַכט אָנגעהויבן זײַן מײַסע. לויט די קלאָלים פֿונעם נײַ־געשאַפֿענעם קלוב האָט יעדערער געדאַרפֿט צוטראַכטן אַ נאָמען פֿאַר זײַן דערציילונג, און דער דאָצענט, נאָך אַ ווײַלע קלערעניש, האָט זײַן שטיקל ווערק אָנגערופֿן „אַן אַלטער באָכער וויל כאַסענע האָבן". קעדײַ מע זאָל ניט מיינען, אַז דאָס מיינט ער זיך, ווײַל אין סאַנאַטאָריע האָט מען געוווּסט, אַז ער איז ניט קיין כאַסענע־געהאַטער, האָט ער דערציילט אין דער דריטער פּערזאָן, קלוימערשט ניט מיט אים גופֿע האָט דאָס געטראָפֿן...

„דאָס, וואָס איך וועל אײַך דערציילן, — האָט ער אָנגעהויבן, — איז ניט קיין אויסגעטראַכטע מײַסע, נאָר אַ מײַסע אַווירקלעכע. איך קאָן דעם מענטשן זייער גוט, כאָטש באַפֿרײַנדעט זײַנען מיר קיינמאָל ניט געווען, געקאָנט האָבן מיר זיך נאָך גאָר פֿון די יונגע יאָרן. געווען איז ער זייער אַ פֿייִקער, דער בעסטער שילער פֿונעם ערשטן קלאַס ביזן צענטן, דער בעסטער סטודענט פֿונעם ערשטן קורס ביזן פֿינפֿטן. און דער שטענדיקער בעסטער דאָצענט אויף זײַן פֿאַקולטעט אין אינסטיטוט. לויטן כאַראַקטער אַ גוטער, ער וועט שטענדיק העלפֿן, טיילן זיך מיט אַ צווייטן. ווען ער איז געווען יונג, האָבן באָכערים אים ליב געהאַט, ווי אַ גוטן כעווער־

רעמאַן, װעלכער קאָן פֿרײלעך מאַכן אַ קאָמפּאַניע, דערצײלן אַ פֿרישן אַנעקדאָט, אַ שפּילער אין אַ סאַך שפּילן. מײדלעך האָבן אים ליב געהאַט ניט פֿאַר שײנקײט, אַ שײנער איז ער ניט געװען, די נאָז — אַ קנאָפּעלע, די אױגן — שמאָלע שפּעלטעלעך, דער האַלדז אַ ביסל צו אַ לאַנגער. ער האָט אױסגענומען באַ זײ, װי באַ די באָכערים, מיט זײַנע פֿײַיִקײַטן, קלוגשאַפֿט און דערצו נאָך מיט דעם, מיט װאָס מע קאָן אױסנעמען באַ פֿרױען — מיט זײַן עלעגאַנטקײַט און עכטער מאַנצבלשער מוטיקײַט. אַף אַ האָר ניט פֿאַרטראַכטנדיק זיך, מיט גרױסער ריזיקע פֿאַרן אײגענעם לעבן, איז ער ניט אײנמאָל אַרײַנגעטראָטן אין געראַנגל מיט כוליגאַנעס. און זײַן קלײן נעזל איז אָפֿט געװען צעבײַלט און די אױגן־שפּעלטלעך אַרומגענומען מיט בלױע רײפֿן. אַ האַרץ האָט ער געהאַט אַ ברײטס. ער האָט זיך נאָכאַנאַנד פֿאַרליבט. אָפֿטמאָל האָט מען געקאָנט זען באַ צװײ נאָענטע כאַװערטעס זײַנע לאַכלוטן פֿאַרשײדענע אױסדרוקן אַף די פּנים־מער. באַ אײנער אַפֿן פּאָנעם אַן אױסדרוק פֿון צאַר און װײטאָג. באַ דער אַנדערער — אַן אױס־דרוק פֿון גליק און פֿרײד, און די סיבע פֿון די צװײ פֿאַרשײדענע אױסדרוקן איז געװען ער, זשעניע, זשענקעלע, דער איצטיקער יעװגעני אַלעקסאַנדראָװיטש. מיט יענער האָט ער זיך צע־שײדט, מיט דער זיך צונױפֿגעקומען.

פֿון שטוביקע דײַגעס האָט ער ניט געװוּסט. די מוטער זײַנע האָט אים געהאָדעװעט. נאָכ־געקוקט נאָך אים, װי נאָך אַ קינד. אין מאַגאַזין איז ער נאָר געגאַנגען קױפֿן אַ פֿלעשל װײַן און אַ טאָרט, אַ בוקעט בלומען פֿאַר דער געליבטער.

עס קומט אָבער אַ צײַט אַף אַלץ. די מאַמע האָט זיך געלעטערט, אָפּט געלעגן צו בעט. דערנאָך װען זי איז געשטאָרבן, איז שױן אײנגאַנצן געװאָרן אומהײמלעך. אין דער דירע אַפֿן טישל אין עסצימער איז ניט געװען אָנגעגרײט פֿאַר אים אַ גרינגע און געשמאַקע װעטשערע, װאָס װי שפּעט ער זאָל ניט קומען אַהײם, זאָל ער עס מעגן אופּעסן און ס'זאָל זיך אים ניט לײגן אונטערן האַרצן. עס איז ניט געװען שױן װער ס'זאָל זאָגן מיט אַ זיפֿץ: „ביסט פֿאַר־טריקנט, מײַן קינד, אַ גאַנצן טאָג ניט געהאַט אין מױל". אַפֿן קיך־טיש אָדער אַפֿן גרױסן טיש אין צימער איז איצט געלעגן פּאַרװיקלט אין אַ פּאַפּיר אַ שטיקל האַרטער װוּרשט און לעבן דעם איז געשטאַנען אַ פֿלעשל לימאָנאַד צו פֿאַרטרינקען. ער האָט דערפֿילט דעם טאַם, װאָס עס הײסט זײַן אײנער אַלײן, און ער האָט ניט אַף אַ קאַטאָװעס זיך איבערגעשראָקן, װען אין אײנער אַ נאַכט נאָכדעם, װי ער האָט אופּגעגעסן אַ שטיק פֿעטן װוּרשט „קופּאַטי" און פֿאַרביסן מיט צװײ האַרטע אײער, איז אים געװאָרן ניט גוט, כאַטש נעם און רוף די „גיכע הילף". ער האָט דאַן באַשלאָסן, אַז ער טאָר מער ניט אָפּלײגן אַפֿילע אַף אײן טאָג, ער דאַרף אײַנאָרדענען דאָס לעבן, ער דאַרף דאָס לעבן פֿאַרפֿונדעװען.

אַף מאָרגן, נאָך דער אַרבעט, איז ער אַװעק צו זײַן געליבטער, קאַטיושען. ער איז געװען מיט איר נאָענט באַפֿרײַנדעט שױן צװײ יאָר. אין אָנהײב פֿון זײער ליבע האָט זי געפּאָדערט, ער זאָל כאַסענע האָבן פֿאַר איר, דערנאָך, זעענדיק, אַז אירע טײַנעס העלפֿן ניט, ער לײגט אַלץ אָפּ, זוכט אױס פֿאַרשײדענע טערוצים, האָט זי אופּגעהערט רײדן װעגן דעם. אין האַרצן באַ איר איז געבליבן אַ פֿאַרדראָס, און ער האָט דאָס געװוּסט. איצט האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט, װי־אַזױ ער װעט זי דערפֿרײען, װען ער װעט קומען און זאָגן, אַז ער װיל כאַסענע האָבן מיט איר. קאַטיע מיראָנאָװנאַ איז געװען אַן אינזשענירער אַף אַ זאַװאָד, אַלט אַכט און צװאַנציק יאָר, זײער אַ סימפּאַטישע פֿרױ. געװױנט האָט זי אַלס אַ קװאַרטיראַנטקע באַ באַלעבאַטים פֿון אַ פּירצימערדיקער דירע, װוּ זי האָט פֿאַרנומען דאָס קלענסטע צימערל. פֿאַר איר װעט זײַן דאָס גרעסטע גליק צו לעבן אין אַ באַזונדערער װױנונג מיט אַזאַ װױלן מאַן, װי ער.

דאָס מאָל האָט ער זײַן געליבטע אַ קוש געטאָן הײס, װי קײנמאָל ניט.

— איך האָב פֿאַר דיר, מײַן טײַערע, אַ נײַס, װאָס װעט דיר זײער געפֿעלן זײַן, — האָט ער איר אָנגעזאָגט.

— װאָס פֿאַר אַ נײַס? אַ גוטע?

— קײן שלעכטע נײַס ברענג איך ניט. אַ גוטע נײַס, זײער אַ גוטע, — ער האָט זי נאָכאַ־מאָל פֿלאַמיק אַ קוש געטאָן.

— זאָג זשע גיכער, טײַערער, װאָס פֿאַרא נײַס? האָסט גענומען בילעטן און מיר גײען הײַנט אין טעאַטער? — האָט זי געפּרוּװט טרעפֿן.

— דאָס איז דײַן גאַנצער באַגער — אַ בילעט אין טעאַטער? — האָט ער געלאַכט.

— האָסט דאָך צוגעזאָגט, אַז דו װעסט קריגן בילעטן אין „סאָװרעמעניק"...

— בילעטן װעלן אױך זײַן, ליבע מײַנע. מיר װעלן גײן אין „סאָװרעמעניק", מיר װעלן גײן אין גרױסן טעאַטער, אין קלײנעם טעאַטער, אין „מכאַט", מיר װעלן מיט דיר גײן אומעטום, אָבער איצט בין איך געקומען מיט גאָר־גאָר אַ גוטער נײַס.

— האָסט געגומען פּוטיאָווקעס פאַר מיר מיט דיר אין א סאַנאַטאָריע? — האָט זי ווידער געפּרוווט טרעפן.

— עס איז דאָך, טײַערע מײַנע, איצט ווינטער. ווער נעמט דאָס פּוטיאָווקעס ווינטער־צײַט? אָבער זאָרג ניט, פּוטיאָווקעס וועלן מיר אויך נעמען...

— אַף קאַווקאַז, — האָט זי אים אונטערגעזאָגט איר לאַנגאַניקן באַגער.

— מיר וועלן מיט דיר פאָרן אַף קאַווקאַז, מיר וועלן פאָרן קיין קרים, מיר וועלן פאָרן מיט דיר קיין פּאַלאַנגע און צו דער אָזערע איסיק־קול, מיר וועלן פאָרן מיט דיר, געליבטע מײַנע, צו אַלע יאַמען און צו אַלע שיינע אָזערעס, נאָר ניט מיט דעם וויל איך דיך איצט דערפרייען, מיט פיל בעסערס און וויכטיקערס.

— האָסט באַקומען א גרויסע פּרעמיע און ווילסט מיר קויפן א פײַן פּעלצל? — האָט זי באַנײַס געוואָלט טרעפן.

ער האָט אויסגעוואַרט א לענגערע ווײַלע, געקוקט איר אין די אויגן, ניט דורכצולאָזן דעם ערשטן מאָמענט, קעדיי צו זען, וואָס פאַר אן אײַנדרוק ס'וועלן אַף איר מאַכן זײַנע ווערטער. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און ניט אַרויסלאָזנדיק פון זײַנע אָרעמס, אין איין אָטעם אַרויסגעבראַכט, באַצײַטנס שוין פילנדיק די גרויסע, די פריידיקע איבעראַשונג, וועלכע וועט זיך אָפּשפּיגלען אַף איר אופגעלויכטענעם געזיכט:

— איך וויל, מיר זאָלן כאַסענע האָבן!

אָבער גאָר אומגעריכט האָט זי דאָס אופגענומען אָן באַגײַסטערונג, גאַנץ קאַלטבלוטיק, נאָך מער, אפילע מיט אן אומצופרידנקײַט.

— אַלס א געליבטע בין איך דיר שוין נימעס געוואָרן, דאַרפסט א געזעצלעך ווײַב? — האָט זי מיט ביטל זיך אָפּגערופן.

— ווילסט ניט כאַסענע האָבן פאַר מיר? — איז ער געוואָרן דערשטוינט און טיף באַליידיקט.

— מיט צוויי יאָר צוריק, טײַערער, האָב איך דאָס זייער געוואָלט, דו ווייסט וועגן דעם, — אין איר קאָפּ האָט זיך געלאָזט הערן דער אופגעוואַכטער פּאַרדראָס, וואָס איז שוין געווען געשטילט אָדער, ריכטיקער צו זאָגן, געלעגן פאַרוקט, פאַרטײַעט אין האַרצן. — פאַרוואָס איז דאָס דיר פּלוצעם אַרײַן אין קאָפּ? האָסט מיר דאַן געזאָגט, אַז אונדז איז אַזוי אויך גוט. איצט זאָג איך דאָס דיר: אונדז איז אַזוי אויך ניט שלעכט...

— דיר איז ניט שלעכט, אָבער עפּשער איז מיר שלעכט? וועגן מיר קלערסטו גאָרניט. און דו... האָסט מיך ניט ליב, — ער איז געוואָרן בלייך און פאַרצאָרנט.

— איך זע, אַז דאָס איז דיר טאַקע ערנסט אַרײַן אין קאָפּ, — האָט זי געזאָגט. — אָבער לאָמיר אָפּלייגן דעם געשפּרעך אַף שפּעטער. איך בין הונגעריק, דו ווייסט דאָך, אַז איינעם טאָג, ווען איך וואַרט אַף דיר, טרינק איך נאָר אויס אינדערפרי א גלאָז קאַווע, איך זאָל מיט מער אַפּעטיט עסן מיט דיר צוזאַמען דעם מיטיק. לאָמיר זיך זעצן צום טיש. האָסט עפּעס געבראַכט? — זי האָט געוואָרפן א בליק אַף זײַן פּאַרטפעל, ווו עס ליגט געוויינלעך עפּעס צום צובײַסן, ער קויפט עס אײַן אין גאַסטראָנאָם, וועלכער איז לעבן זײַן הויז. אָבער דאָס מאָל, א פאַרטראָגענער אין די געדאַנקען וועגן וויכטיקן באַשלוס, מיט וועלכן ער גייט צו זײַן געליבטער, איז ער אין מאַגאַזין שוין ניט אַרײַנגעלאָפן.

— כ'האָב פאַרגעסן צו ברענגען... — האָט ער שולדיקלעך א ברומקע געטאָן.

— און דו ווילסט נאָך ווערן א פאַמיליען־מענטש. אַלס א געליבטע בין איך דיר מוחל אַזאַ צעשטרייטקײַט, נאָר ווען כ'וואָלט געווען דײַן ווײַב, וואָלסטו שוין אַרײַנגעכאַפּט דערפאַר דעם עמעסן קיילעק. איצט, זאָג מיר, נאַרעלע, וואָס איז בעסער צו זײַן א באָכער, צי א באַווײַבטער?

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט צום טיש, זי אַף א בענקל, ער אַף דער סאָפע, אונטער א גראָדן ווינקל צו איר, אַזוי זײַנען זיי שטענדיק געזעסן בײַסן מיטיק און ס'איז זיי געווען געמיטלעך. דאָס מאָל איז אים געווען אומבאַקוועם אַזוי צו זיצן, און ער האָט זיך איבערגעזעצט אויך אַף א בענקל, דעם אַפּעטיט זײַנעם האָט דאָס אָבער ניט געשטאַרקט.

— איך האָב זיך ניט גערעכט... — האָט ער געזאָגט און אוועקגעלייגט דאָס מעסער מיטן גאָפּל אין א זײַט.

— אַף וואָס האָסטו זיך ניט גערעכט?

— אַז דו וועסט זיך גאָר אַרויסווײַזן פאַר אַזאַ...

— הער נאָר, מעשוגענער, לאָז מיך רויִק אָפּעסן, און דו עס אויך, פאַרזוך דעם סאָוס, וואָס כ'האָב היינט געמאַכט צו די קאָטלעטן. ס'איז לויט א נײַעם רעצעפּט, וואָס כ'האָב אים געגומען דורכן טעלעפאָן בײַ א שכיינע.

— איך פאַרשטיי דיך ניט, — האָט ער ניט אופגעהערט טײַנען זײַנס, — באַציסט זיך צו גרינג צו לעבנס-וויכטיקסטע זאַכן. דאָס ערשטע מאָל זע איך אַ פרוי, וואָס זאָל ניט וועלן כאַסענע האָבן פאַר אַ מאַנצבל, וועמען זי האָט ליב... צי עפשער איז בײַ דיר געווען די גאַנצע צײַט גאָר אַ קלוימערשטע ליבע?

זי האָט אויך אופגעהערט עסן. איבערגעזעצט זיך פון בענקל אַף דער סאָפע און אים אַ צי געטאָן, ער זאָל זיך זעצן לעבן איר. עס איז פאַרשווונדן די לײַכטע איראָנישע שפילעוודיקײַט אין די רייד אירע. איצט האָט זי גערעדט ערנסט און מיט קענטלעכער איבערלעבונג.

— דו ווייסט זייער גוט, אַז איך בין שוין איינמאָל געווען אַ כאַסענע-געהאַטע. אָן טיפער כאַראָטע און פאַרדראָס, אָן אַ ווידערגעפיל קאָן איך ניט דערמאָנען אונדזער פאַרהייראַט לעבן. אָנגעהויבן שוין גופע פון דער מאַשין, אין וועלכער איך מיטן כאָסן זײַנען געפאָרן אין זאַגס. פאַר די אויגן האָט געשווינדלט די ליאַלקע, וועלכע איז געהאַנגען באַם שאָפער אין קאַבינע — אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, דערנאָך איז געווען אַ סימכע אין רעסטאָראַן „מינסק", עס איז געווען הייס און אָנגערייכערט, נאָך דער וועטשערע האָבן זײַן מאַמע מיט מײַן מאַמען זאָרג-זאַם צוזאַמענגענומען אין קוישן די דעליקאַטעסן און די ניט דערטרונקענע פלעשער ווײַן, וועלכע זײַנען איבערגעבליבן נאָך די געסט. זיי האָבן ריכטיק געטאָן, ווײַל צוליב וואָס דאַרף מען אַזאַ רײַכקײַט איבערלאָזן אַף די טישן פאַר די אָפיציאַנטן. אָבער מיר איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן. ס'איז געווען ניט אָנגענעם. די גאַנצע כאַסענע און דערנאָך דאָס גאַנצע יאָר איז געווען פול מיט אַזעלכע פאַרדריסלעכע קליינלעכקײַטן, און ניט נאָר קליינלעכקײַטן.

— האָסט, ווײַזט אויס, דײַן מאַן אינגאַנצן ניט ליב געהאַט, — האָט באַמערקט איר גע-ליבטער.

— איך האָב אים יאָ ליב געהאַט, נאָר — מיספאַרשטייענישן, אָפטמאָל די קלענסטע אומפילבאַרקײַט איינער צום אַנדערן, דאָס ניט פאַרשטיין איינער דעם צווייטן אַפן ווונק, האָבן אונדזער ליבע צונישט געמאַכט... ווילסט, אַז דאָס זעלבע זאָל זיך איבערכאַזערן, דאָס מאָל שוין מיט דיר?

— פאַרוואָס דאַרף זיך עס איבערכאַזערן? — האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטיין. — איך בין דאָך אַן אַנדערער, און דו ביסט פון יענער צײַט אויך, מיסטאָמע, געוואָרן אַ ביסל אַן אַנדערע.

— דערציילסט דאָס אַלץ אַזוי גענוי, ווי דאָס וואָלט געטראָפן מיט דיר אַליין, — האָט פע-ליקסן איבערגעשלאָגן ליובע מיט אַ געלעכטער.

— ניין, מיט מיר האָט דאָס ניט געטראָפן, פאַשעט די מײַסע האָט זיך פאַרגעדענקט...

— איז דערצייל שוין ווײַטער, מיט וואָס האָט די געשיכטע זיך פאַרענדיקט?

— פאַרענדיקט האָט זי זיך דאַפקע זייער גוט. נאָכדעם, ווי זײַן געליבטע האָט זיך אָפגע-זאָגט כאַסענע האָבן פאַר אים, איז ער אוועק צו דער געליבטער, וואָס איז געווען פאַר דער איצטיקער געליבטער, יענע האָט שוין אָבער באַוויזן לאַנג כאַסענע האָבן פאַר אַ צווייטן. איז ער אוועק צו דער דריטער, וואָס איז געווען נאָך פריער. ער איז דאָך געווען אַ לעביונג, פרויען געהאַט ניט ווינציק, איז ער איצט געגאַנגען פון איינער צו דער צווייטער. אַמאָל האָבן זיי אים אַלע אַזוי ליב געהאַט, און אַזוי שווער איז זיי געווען זיך צו שיידן מיט אים. אָבער איצט, ווי צונויפגערעדט זיך, האָט קיין איינע ניט געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט אים אַף אייבי-קע יאָרן.

— אַזוי האָט ער טאַקע קיינעם, נעבעך, ניט געפונען, וואָס זאָל וועלן כאַסענע האָבן מיט אים? — האָט מיט אַ פריילעכער איראָניע געפרעגט ליובע.

— געהאָלפן האָט אים די מאַסאָוויטשקע אונדזערע, סימע קאַפלאַן. נאָך יענעם אָוונט פון דערציילונגען האָט זי פון יעווגעני אַלעקסאַנדראָוויטשן ניט אַראָפגעלאָזט דאָס אויג. דעם עמעס געזאָגט, האָבן נאָך פריער פון סאַנאַטאָרי ראַכמאָנעס געהאַט אַף אים, אָבער סימע האָט ראַכמאָנעס געהאַט מער פון אַלע אַנדערע. ווער האָט דאָס געזאָגט, אַז ליבע און ראַכמאָנעס זײַנען צוויי פאַרשיידענע זאַכן? עמעסער ראַכמאָנעס איז אויך עמעסע ליבע. זי האָט זיך פאַר-ליבט אין אים, און ער — אין איר. ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט דער טערמין פון זײַן פוטיאָווקע, איז סימע אוועקגעפאָרן מיטן דאָצענט. דער סאַנאַטאָרי האָט פאַרלאָרן אַן אויסגעצייכנטע טוערן, אָבער דער אַלטער באָכער האָט געפונען אַן אויסגעצייכנטע פרוי. איינער, מיט וועלכן איך האָב געווינט צוזאַמען אין דער פאַלאַטע און זיך באַפרײַנדעט מיט אים, האָט מיר דערנאָך אין אַ בריוו אָנגעשריבן, אַז, ווי ער האָט געהערט, לעבן זיי ביידע, דער דאָצענט מיט דער מאַסאָוויטשקע, ווי איין גוף מיט איין נעשאָמע.

— זייער גוט, איך האָב ליב, ווען עס ענדיקט זיך גוט, — האָט ליובע זיך אָפּגערופן, אופֿהייבנדיק זיך פֿון דער באַנק. — דו דערציילסט אַזוי ווי אַן אַרטיסט, וואָלסט געקאָנט אַרויסטרעטן אויף דער סצענע.

— ווילסטו הערן נאָך אַ געשיכטע? — האָט פֿעליקס געפֿרעגט אַ דערמוטיקטער פֿון איר קאָמפּלימענט.

— אַן אַנדערס מאָל, זאָל אויף היינט שוין זײַן גענוג. אַלע רודינסקער זעגלמאַנס זײַנען אַזעלכע מײַסטערס צו דערציילן?

— אַלע. האָסט דאָך געהערט מײַן באָבען. — האָט ער געענטפֿערט. — אויב דו ווילסט קומען מאָרגן צו איר ווידעראַמאָל, וועט זי דיר פֿון אינדערפֿרי דערציילן ביזן אָוונט, און פֿון אָוונט וועל איך דיר נעמען דערציילן כאַטשבי ביזן פֿרימאָרגן.

זי האָט זיך צעלאַכט, און ער איז אַזוי צופֿרידן געוועזן פֿון דעם, וואָס זי לאַכט, אַז ער האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן און זיך שטאַרק צוגעטוליעט מיט דער באַק זײַנער צו איר באַק און זי הייס אַ קוש געטאָן.

— אַ האַרטע באַק בײַ דיר, — האָט זי ווידער געלאַכט, — עס האָט מיר אַזש גענומען ווי טאָן דער צאָן.

— וויאַזוי קאָן דאָס פֿון אַ קוש נעמען ווי טאָן אַ צאָן?

— אַז מע קושט אַזוי, — ליובע האָט זיך געהאַלטן פֿאַר דער באַק. דער עמעס איז געווען, אַז אַ צאָן האָט איר טאַקע ווי געטאָן. פּונקט פֿאַרן אַוועקפֿאָרן מיטן טאַטן אַהער, קיין רודינסק, איז בײַ איר אַרויסגעפֿאַלן אַ פּלאָמבע און זי האָט ניט באַוויזן אַרײַנשטעלן אַ נײַע.

— איך וועל מוזן מאָרגן אַרײַנגיין אין פּאָליקליניק צו אַ צײַן־דאָקטער, — האָט זי געזאָגט.

— אין פּאָליקליניק וועסטו ניט דאַרפֿן גיין. האָסט אין רודינסק אַ פּעטער, אַ צײַן־דאָקטער, מיט אַ פּריוואַטן קאַבינעט.

— זײַן פֿאַמיליע איז אויך זעגלמאַן?

— יאָ, זעגלמאַן, די גאַנצע שטאָט שפּיגלט זיך אין דער טאַבליטשקע אויף דער טיר פֿון זײַן הויז. צײַן־דאָקטער ט. א. זעגלמאַן, טוביע אַבראַמאָוויטש זעגלמאַן.

— אָבער פֿאַרוואָס מיינסטו, אַז ער איז מיר אַ פּעטער?

— מיר איז ער אַ פּעטער, — האָט פֿעליקס געענטפֿערט, — פֿון דעם איז געדרונגען, אַז דיר איז ער אויך... נו, אויב ניט קיין פּעטער, איז ער אַ קאַרעוו, וואָס הייסט אַנדערש. בכלל איז ער זייער אַ באַרימטער מענטש, און ניט נאָר בײַ אונדז אין רודינסק.

— אַזאַ גוטער צײַן־דאָקטער איז ער?

— אַ צײַן־דאָקטער איז ער אַן אויסגעצייכנטער. זײַנע פּראָטעזן, בריקן, פּלאָמבעס לעבן איבער זייערע באַלעבאַטים. אָבער נאָך מער איז ער באַרימט מיט עפּעס אַנדערש.

— מיט וואָס זשע איז ער נאָך באַרימט?

אַנשטאָט צו ענטפֿערן אויף ליובעס פֿראַגע האָט פֿעליקס געפֿרעגט:

— ביכער דאַרפֿסטו?

— אַוודאי דאַרף איך. ווער דאַרף דאָס ניט קיין ביכער?

— כ׳מיין ניט קיין קינסטלערישע ליטעראַטור, — האָט ער דערקלערט, — כ׳מיין טעכנישע, אויף זיי איז ניט קיין גרויסער דעפֿיציט. נאָר גראָד דעם בוך, וואָס מע דאַרף, איז אָפּטמאָל שווער צו געפֿינען.

— יאָ, — האָט ליובע זיך אָנגעכאַפּט. — איך דאַרף אַ בוך וועגן דער טעכנאָלאָגיע פֿון ביסקוויטן, מאַקאַראָנעס און פֿון פֿאַרשיידענע אַנדערע מעל־פֿאַבריקאַטן.

— קאָנסט באַקן?

— איך לערן זיך באַקן. פֿינף יאָר האָב איך געלערנט אין שפּײַז־אינסטיטוט, איצט אַרבעט איך אין אַ שפּײַז־לאַבאָראַטאָריע.

— און האָסט אַלץ נאָך זיך ניט אויסגעלערנט? די באָבע מײַנע האָט קיין איין טאָג אויף דעם זיך ניט געלערנט און זי באַקט אויסגעצייכנט. דאָס הייסט, פֿריִער האָט זי געבאַקן, איצט האָט זי שוין קיין קויעך ניט.

— עס איז דאָך ניט קיין פֿאַרגלײַך, — האָט ליובע געענטפֿערט מיט דער פֿולער ערנסטקײַט, אַן אָנגעגרייטע אין אייגענעם קאָוועד און אין פּרעסטיזש פֿון איר פּראָפֿעסיע. — איין זאַך איז אַ דוכאָווקע, ווו עס באַקן זיך דרײַ פּלעצלעך, און אַן אַנדער זאַך איז אַ זאַוואָדישע בעקערײַ מיט מעכטיקע אויוונס, ווו מע איז באַשעפֿטיקט מיט הונדערטער טאָן מעל, מע גרייט געבעקס פֿאַר אַ גאַנצער שטאָט, די טעכנאָלאָגיע דאַרף דאָ זײַן זייער אַ פּינקטלעכע, אַן אויסגערעכנטע.

— דאָס איז עמעס, — איז פעליקס מאַסקים געווען. — עס ווײַזט זיך אונדז אויס גרינג דאָס, וועגן וואָס מיר האָבן אַן איבערפּלעכלעכע פֿאַרשטעלונג. דער פּעטער טיווי ווועט דיר קריגן אַלע ביכער, וואָס דו דאַרפֿסט. ער העלפֿט אַלעמען קריגן די נייטיקע ביכער. אונדזער שטאָטישע צײַטונג „רודינסקי ראַבאָטשי" האָט אָפּגעדרוקט וועגן אים אַן אַרטיקל מיט זײַן פּאָרטרעט.

— אויף דער ערשטער זײַט?

— דאַרפֿסט נאָך אויף דער ערשטער זײַט, און אויב אויף דער פֿערטער זײַט איז ווינציק? אַזוי האָבן זיי גערעדט, פעליקס און ליובע, געפֿילט זיך פֿון דער ערשטער מינוט אומגעצוווּנגען, ניט געזוכט קיין ווערטער, ניט איבערגעקלערט, ווי דאָס מאַכט זיך, ווען מע איז נאָך ניט אַזוי גוט באַקאַנט איינער מיטן אַנדערן. פֿאַרקערט, עס האָט זיך ביידן אויסגעוויזן, אַז זיי קענען זיך שוין פֿון לאַנג.

צום שלוס האָט פעליקס געגעבן ליובען אַזאַ פּראָגראַם אויפֿן מאָרגנדיקן טאָג: אינדערפֿרי, נאָכן פֿרישטיק, וועט זי גיין צום פּעטער טיווי דעם ציין־דאָקטער, און אינאָוונט וועלן זיי ביידע, פעליקס און ליובע, גיין אין טעאַטער אויפֿן ספּעקטאַקל „כאַפּ זיך אויף און זינגו!".

נאָכדעם, ווי פעליקס האָט זיך געזעגנט מיט ליובען, איז ער נאָך אַ פּאָר ווײַלעס געשטאַנען בײַ דער האַלב־אָפֿענער טיר און געקוקט, ווי אַזוי זי הייבט זיך אויף אויף די טרעפּ. ער האָט געוואָרט, זי זאָל אויסדרייען דעם קאָפּ און זיך אומקוקן. „אויב זי וועט זיך ניט אומקוקן, וועט אַלץ זײַן גוט" — האָט ער צוגעטראַכט אַ סימען, ווען ליובע איז שוין געווען אויפֿן אייבערשטן טרעפּל און ניט געהאַט זיך אומגעקוקט, אָבער שוין גאָר אין דער לעצטער סעקונדע, ווען זי האָט שוין געדאַרפֿט פֿאַרקערעווען אין קאָרידאָר און פֿאַרשווינדן פֿון די אויגן, האָט זי יאָ געגעבן אַ דריי אויס דעם קאָפּ צו אים, אַ שמייכל געטאָן, אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט. „אַז זי האָט זיך אומגעקוקט, וועט דאָך אַוודאי זײַן אַלץ גוט" — האָט פעליקס געמאַכט אַ גליקלעכע פּשרה צווישן ערשטן סימען און דעם צווייטן. ער איז אַראָפּ פֿונעם גאַנעק און מיט אַן אונטערטאַנצנדיקן גענגל זיך געלאָזט גיין צום טונקל־באַלויכטענעם קלייניקן סקווער, בײַ וועלכן עס שטעלן זיך אָפּ די אויטאָבוסן.

11

ליובעס טאַטע, זעליק זעגלמאַן, איז געזעסן אויפֿן צווייטן שטאָק אין וועסטיביול פֿון האָטעל און אַ באַאומרויקטער געוואַרט אויף דער טאָכטער. אוועק איז זי, ווען ס'איז נאָך געווען האַלבער טאָג, איצט איז שוין שפּעט אינאָוונט. ווו גייט זי אַרום ביז איצט אין אַ פֿרעמדער שטאָט? זי איז אַ דערוואַקסענער מענטש, אָבער אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט צו טאָן מיט אַ קינד, וועלכן מע דאַרף נאָכאַנאַנד היטן, עס זאָל זיך ניט אָנטאָן קיין שאָדן, איז ער קיינמאָל ניט רויִק. ווען ער זעט ניט ליובען אַ פּאָר שאָ, הייבט ער אָן איבערטראַכטן, איבערקלערן, און ניט נאָר דאָס, ער נעמט בענקען.

דאַרף דען אַ טאַטע אַזוי בענקען נאָך אַ דערוואַקסענער טאָכטער, וואָס יעדע מינוט קאָן זי ביכלאַל אוועקגיין פֿון אים, כאָטשנע האָבן און אָנהייבן לעבן זעלבשטענדיק? ווען ער זאָל קאָנען פֿאַרגעסן, אַז זי איז אים ניט קיין אייגענע טאָכטער, נאָר אַ פֿרעמד קינד, וואָס ער האָט עס אויסגעהאָדעוועט, אויסגעצערטלט און ס'איז געוואָרן אויף כּידושים אַ שיינע בלום. בײַ אים, בײַ זעליק זעגלמאַנען, דאַרף זײַן נאָר דאָס גליקלעכע געפֿיל פֿון אַ טאַטן, וואָס האָט אַ געראָטן קינד. אַוודאי איז זי זײַן קינד, ער איז עלטער פֿון איר אויף אַזויפֿיל, אויף וויפֿל אַ טאַטע דאַרף זײַן עלטער פֿון זײַנס אַ קינד. איר איז פֿיר און צוואַנציק, אים — עטלעכע און פֿערציק. אים ווערט קאַלט אין די אייוורים, ווען ער טוט זיך אַ פֿרעג, צי איז ער ניט שולדיק, וואָס זי האָט נאָך ניט כאָטשנע געהאַט? אַזאַ שיין מיידל, אַלע פֿאַרקוקן זיך אויף איר. אָבער ווי נאָר ער דערוויסט זיך, אַז אַ באַכער האָט אויסגעגומען בײַ איר, זי ליבט אים, אַזוי פּרוּווט ער גלײַך אַראָפּוואַרפֿן יענעם אין אירע אויגן.

פֿאַראיאָרן זײַנען זיי ביידע צוזאַמען, דער טאַטע מיט דער טאָכטער, געפֿאָרן אין אַ דרײַ־טאָגיקער רײַזע אויף אַ שיף פֿון זשדאַנאָוו קיין בערדיאַנסק און צוריק. בײַס דער נעסיע האָט ליובע זיך באַקאַנט מיט אַ יונגן אינזשעניער, וואָס אַרבעט אויפֿן זאַוואָד „אַזאָווסטאַל".

— ווי אַזוי הייסט דער לעקיש, וואָס איז היינט מיטיק־צײַט צוגעגאַנגען און זיך אוועקגעזעצט לעבן דיר בײַם טישל? — האָט געפֿרעגט זעליק בײַ ליובען.

— ער הייסט באַריע, — האָט זי געענטפערט, — פאַרוואָס מיינסטו, אַז ער איז אַ לעקיש?

— מע זעט דען ניט? ער איז געזעסן און געשוויגן, ווי אַ פיש.

— ער האַלט, אַז בייסן עסן דאַרף מען שווייַגן. רעדן רעדט ער, ווען מיר זייַנען אויף דער פּאַלובע, — האָט זי מיט אַ שמייכל געענטפערט.

— איך זע, אַז ער רעדט אויף דער פּאַלובע. נאָכאַנאַנד רעדט ער. אַ נישקאָשעדיקער פּלאַפּלער.

— שווייַגן איז שלעכט, ריידן איז אויך ניט גוט... — און אַנדער מיידל וואָלט, מיסטאָמע, אָנגעברוגעזט זיך אויפן טאַטן, וועלכער הערט ניט אויף געפינען כעסרוינעס און מאַכן צונישט אַ ווילן באַכער, אָבער ליובע איז ניט אַזאַ. זי האָט געשמייכלט, זי האָט געלאַכט.

ער ווייסט ניט, צי זייַנע ווערטער העלפן, מיסטאָמע העלפן זיי ניט. אויב ס'וועט איר טאַטע גוט געפעלן ווערן עמעצער, וועלן קיינע רייד ניט העלפן. דערווייַל אָבער האָט דאָס נאָך ניט געטראָפן. מיט באַריען פון דער שיף האָט זי זיך צעשיידט אינעם זעלבן טאָג, ווען די רייַזע האָט זיך פאַרענדיקט און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די גאַנצע באַקאַנטשאַפט. מער הערט מען ניט וועגן אים.

ניט לאַנג צוריק האָט ליובע זיך באַקאַנט מיט אַ צווייטן לעקיש, און זי איז אַוועק שפּאַצירן מיט אים אין וואַלד.

— גרישע האָט מיך אָוועקגעפירט אין אַ וואַלד העט־ווייַט פון דער שטאָט, איך בין נאָך קיינמאָל דאָרטן ניט געווען, — האָט ליובע דערציילט, ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים נאָכן לאַנגן שפּאַציר. — אויף איינער אַ סטעזשקע איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ מוירעדיקער גרויסער קאַבאַן. ער איז געשפּרונגען גלייַך אויף מיר. גרישע האָט רויִק אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט און די כּיַע איז אַנטלאָפן.

— דייַן גרישע איז טאַקע אַ גרויסער העלד, — האָט זעליק אַ לאַך געטאָן. — ער ווייסט, אַז קאַבאַנעס טשעפּען ניט. ווען ס'וואָלט זיך געטראָפן אַן עמעסע בייזע כּיַע, וואָלט ער פון שרעק געשטאָרבן.

— ניין, טאַטע, — האָט זי געענטפערט. — פאַר כּיַעס האָט ער ניט מוירע, און פאַר מענטשן אויך ניט. איך בין מיט אים געגאַנגען פון קינאָ־טעאַטער, נאָכן לעצטן סעאַנס, האָט ער מיך געפירט ניט איבער די גאַסן, ווו אַלע גייען און ס'איז ליכטיק, נאָר דאָרט, וווּ מע זעט ניט קיין לעבעדיקן נעפעש און ס'איז פינצטער־כּושעך. מיר זייַנען געגאַנגען פאַרבייַ דעם כאַרעוון קלויסטער, וואָס מע וויל רעסטאַווּרירן, און פאַרבייַ דעם מאַרק מיט דער טשאַטשע פּאַראַדיסטע הינט, וואָס ליבהאָבער פון באַלעכּייִם האָבן אַמאָל געקויפט פאַר גרויס געלט, געכאַליעט, געקושט, געקאָרמעט מיט קאָטלעטן און קאָנפעטן, געלייגט שלאָפן אין בעט, ביז ס'איז נימעס געוואָרן דער אייסעק — פירן זיי יעדן טאָג שפּאַצירן, רייניקן, וואַשן, און מע האָט די געצערטלטע באַשעפענישן אַרויסגעוואָרפן אויף גאָטס באַראָט. די אומשולדיקע היימלאָז־געוואָרענע אויסגעיידלטע הינט האַלטן זיך צוזאַמען און וואָיען דורך די נעכט אויף זייער גוירל, וואָס האָט אַזוי אומגעריכט געביטן זיך. עס כאַפּט אָן אַ גרויל, ווען אַלע בעשוטפעס הייבן זיי אָן צו קלאָגן אויפן וויסטן מאַזל זייערן. אויסגעהונגערטע, פאַרווילדעוועטע, טיף־אַנטוישטע אין מענטשלעכער גערעכטיקייַט, פאַלן זיי אָן אויף מענטשן. און שטעל זיך פאָר, טאַטע, — האָט ליובע דערציילט, — זיי זייַנען אָנגעפאַלן אויף מיר מיט גרישען. ווען ניט גרישע, וואָלטן זיי מיך צעריסן. ער האָט זיי אָוועקגעטריבן, ניט מיט שלעכטן, נאָר מיט גוטן, ער האָט גערעדט צו זיי און אייַנגערעדט, ביז זיי זייַנען ניט אָפּגעטראָטן. דערנאָך האָבן זיך באַוויזן לעבן אונדז צוויי מענטשישע פיגורן. די ערשטע פיגור באַלייַכט אונדז מיט אַ לאַמטערנדל, בלאַנדזשעט מיט דער שייַן איבער מייַן פּאָנעם, איבער גרישעס פּאָנעם און פרעגט בא אים דאָס זעלבע, וואָס עס פרעגן שטענדיק אַזעלכע לייַט, וועלכע גייען באַנאַכט איבער אַ פוסטער פינצטערער גאַס און שטרעבן צו פאַרטשעפּען איינצלנע פאַרבייַגייער. „גיב פאַררייכערן". — „איך רייכער ניט", — האָט גרישע געענטפערט. — „און שוועבעלעך האָסטו?" — „אַז איך רייכער ניט, האָב איך ניט קיין שוועבעלעך", — האָט גרישע ווידער רויִק געענטפערט. און מיך געגומען פאַר דער האַנט צו גיין ווייַטער. דאַן זייַנען בײדע נעפּאַשעס צוגעטראָטן האַרט צו אונדז, פאַרשטעלט דעם וועג.

— הערט אויף, כעוורע, — האָט גרישע געזאָגט.

— דו גיי, ווער לאָזט דיך ניט? — האָט זיך אָפּגערופן דער פאַרשוין מיטן לאַמטערנדל. — אָבער דייַן שיינהייַט לאָז איבער פאַר אונדז. מיר וועלן זי אַליין באַגלייטן. מיט דיר איז איר אומעטיק.

— כ'בעט אייַך, כעוורע, מיט גוטן, — האָט גרישע אייַנגעהאַלטן, ניט העכערנדיק דאָס קאָל, געווענדט זיך צו זיי. — לאָזט אונדז צורו.

— מיר לאָזן דיך צורו, ווער דאַרף אַזאַ פּאַרזעעניש, ווי דו? זי דאַרף דיך אויך ניט, זי דאַרף אונדז, — און איינער פון די לײַט האָט דאַפּקע איידל אַ נעם געטאָן מיך באַם אָרבל. איך האָב אַ ריס זיך געטאָן פון אים, יענער האָט פעסטער פאַרקלעמט מיט זײַן האַנט מײַן עלנבויגן. און דאָ האָט מײַן גרישע זיך ניט דערשראָקן, — דאָס וואָרט „מײַן" האָט ליובע אַרויסגעבראַכט מיט פיל צאַרטקייט און ליבע אין קאָל, — ער האָט, דוכט מיר, גרינג אוועקגע־לייגט זײַן האַנט אויפן אַקסל בײַ איינעם פון די צוויי כוליגאַנעס, אַ דריק געטאָן דאָרטן אויפן שליסלביין און יענער האָט זיך אַ בייג געגעבן צו דער ערד. עס גייט ניט אין קויעך, עס גייט אין קענטשאַפט, אין וויסן פּינקטלעך דאָס אָרט, ווו מע דאַרף אָנדריקן. גרישע ווייסט נאָך ערטער, וועלכע מע דאַרף אָנדריקן. לעבנסגעפערלעך איז עס ניט, נאָר דער קעגנער פאַלט אום און בלײַבט אַ פּאַרכאַלעשטער ליגן. דער אַנדערער האָט דערזען, וואָס עס איז מיטן ערשטן, וואָזוי יענער ליגט אָנמעכטיק אויפן ברוק, איז ער אַנטלאָפן. אַזעלכע לײַט זײַנען אָפטמאָל אויך גרויסע פּאַכדאָנים. מיינסטו, טאַטע, אַז מער וועלן מיר ניט גיין איבער יענער גאַס נאָכן לעצטן קינאָ־סעאַנס? — האָט ליובע פאַרענדיקט. — מיט אַזאַ מענטשן, ווי גרישע, איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן.

זעליקן איז אויך צום האַרצן אַזאַ באָכער, וואָס בלײַבט ניט קיין באַלכויוו. מיט אַזאַ באָ־כער ווערט מען ניט פאַרפאַלן, ער איז אַ גוטער באַשיצער. כאָטש דעם, האָט גרישע, ווײַזט אויס, נאָך גוטע מײַלעס, אָבער מיט ליובען האָט זעליק גערעדט וועגן אים אַנדערש און איז געווען צופרידן, ווען צו קיין שידעך מיט גרישען איז ניט געקומען.

„איך בין ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט מיך — זידלט ער זיך אַליין. — וועלכער טאַטע וויל דאָס ניט, אַז זײַן קינד, זײַן אויסגעוואַקסענע טאָכטער זאָל כאַסענע האָבן? אָבער דיך כאַפּט אַרום אַ שרעק, ווען דו דערהערסט, אַז זי האָט זיך באַקאַנט מיט אַ באָכער, אַפילע מיט זייער אַ גוטן"... אַזוי ווי אַ גאַנעוו כאַפּט ער זיך אָפּ באַם געדאַנק, אַז ער טראַכט וועגן ליו־בען ניט ווי וועגן אַ טאָכטער, נאָר ווי וועגן אַ שיינער צוציִענדיקער פרוי, אין וועלכער מאַנצ־בלען פאַרליבן זיך. עס האָט זיך געגומען צומישן אַ געפיל — וואָס דאַרף ניט זײַן, טאָר ניט זײַן. עפּעס אַ ווילדע וויסטע אָנשיקעניש... גיי דערצייל עמעצן, אַז טיף־טיף אין האַרצן טראָג־סטו זיך אַרום מיט אַ מעשוגענעם טרוים, אַ לעפּישן פאַרלאַנג, וועלכן דו וואַגסט ניט אַרויס־ברענגען פון מויל פאַר זיך אַליין, טרײַבסט אים, יאָגסט אים פון זיך. און ער קומט ווידער. „אַף וואָס האָפסטו, דו, אַלטער פערד, ווי איז דיר ניט קיין ביזאָיען, דאָס דאַרף דיר דאָך ניט קומען אַפילע אויפן צענטן געדאַנק, מע דאַרף דאָך דיך, זעליק, פאַרוואַרפן מיט שטיינער".

אַזוי איז ער געזעסן אין וועסטיביול אויפן דיוואַן, געוואַרט אַף ליובען און ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן איר. די דעזשורנע פון עטאַזש האָט געדרעמלט בײַ איר טישל, יעדעס מאָל אויפ־געעפנט אַ האַלב אויג און אים אָנגעצילט אויפן אײַנוווינער, וואָס הייבט זיך אַ גאַנצן אָוונט ניט אויף פון דיוואַן. עס אַרט זי ניט. זאָל ער זיצן אַ גאַנצע נאַכט, אָבער, פונדעסטוועגן, וויפל איז דער שיר, פאַרוואָס גייט ער ניט אַרײַן צו זיך אין נומער?

ענדלעך האָט זיך באַוויזן ליובע. די ליכטיקע ליוסטרע, וואָס הענגט אַראָפּ פון הויכן סופּיט מיט אַ סאַך קרישטאָלענע פּרענדזלעך, איז נאָך ליכטיקער געוואָרן פון ליובעס לויכטנ־דיקן פּאָנעם, פון אירע זילבער־קאָליריקע קרעלן אויפן האַלדז, פון איר העלער קלייד, אַפילע גופע פון די האַסטיקע אימפּעטדיקע פריילעכע טריט, מיט וועלכע זי איז צוגעגאַנגען צום טאַטן.

— ווו ביסטו דאָס געווען ביז אַזוי שפּעט? — האָט ער געפרעגט מיט אַ פריידן, וואָס ער זעט זי, און מיט אַ פּאָרוואָרף, וואָס זי האָט אים געצווונגען אַזויפיל וואַרטן.

— איך בין געווען בײַ אונדזערע קרויווים, — האָט זי אַ צופרידענע געענטפערט.

— האָסט זיי טאַקע געפונען, און דו ביסט געווען בײַ זיי?

— אַוודע געווען. מיר האָבן, טאַטע, אין רודינסק, גוטע קרויווים. פעליקס האָט פאָרגע־לייגט, אַז מאָרגן זאָלן מיר זיך איבערקלײַבן צו זיי.

— ווער איז דאָס פעליקס? — האָט זעליק אָנגעשפּיצט די אויערן.

— איינער פון די געפונענע זעגלמאַנס. אַ יונגער געלערנטער, אַ קאַנדידאַט פון וויסנ־שאַפטן. מיר זײַנען ביידע געווען אין קינאָ, אויפן פילם „די צײַט פון ליבע", דערנאָך האָט ער מיך אונטערגעפירט ביזן האָטעל. ער האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן מאָרגן אומבאַדינגט איבער־קלײַבן זיך צו זיי, אויפן רעכטן ברעג. דאָרטן איז אַ ריינע לופט.

— אַזאַ נאָענטער קאָרעוו איז ער אונדז, וואָס ער וויל, אַז מיר זאָלן לעבן בײַ זיי? — האָט זעליק אַ לאַך געטאָן מיט זײַן געווייינלעכן ביטל־געלעכטערל, ווען ער רעדט וועגן ליובעס אַ נײַער באַקאַנטשאַפט מיט אַ באָכער. — האָסט אים געדאַרפט זאָגן אַ דאַנק. אַ צײַט וועלן מיר זיך דאָ ניט פאַרהאַלטן, מאָרגן־איבערמאָרגן פאָרן מיר אוועק.

— איך האָב דאָס אים געזאָגט, טאַטע...

— ביסטו א כאכאַמע...

— דעם איקער, טאַטע, האָב איך פאַרגעסן דיר צו זאָגן, — האָט ליובע זיך דערמאָנט. — איך בין דאָך געווען באַם הויפּט־אינזשעניער, מאַרק לוואָוויטש זעגלמאַנען. ער האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט מיר, אײַנגעלאַדן אונדז ביידן צו זיך אַהיים, און ער האָט געזאָגט, אַז אַלץ, וואָס ער וועט נאָר קענען, וועט ער טאָן, אַז די שטאַלענע רולאָנען און טרויבן זאָלן זײַן.

— פּאָר דיר עפּענען זיך אַלע טירן און טויערן. — זעליק איז געווען צופרידן און שטאָלץ, וואָס ליובע נעמט אַזוי אויס בײַ מענטשן, דאָס האָט אים אויך אָבער אויף א געוויסן אויפן באַאומרויִקט און געקימערט. — איך פּאָר שוין דאָס וויפלטע מאָל קיין רודינסק און ס'האָט נאָך ניט געטראָפן, אַז עמעצער זאָל ניספּאָעל ווערן, ווען ער דערוויסט זיך, אַז מײַן פאַמיליע איז זעגלמאַן.

— האָסט דאָך די זעגלמאַנס ניט געזוכט, — האָט ליובע זיך אָנגערופן. — איך בין געווען בײַ פעליקסעס באָבען, אַזאַ וווּנדערלעכע פרוי. זי האָט מיר דערציילט די גאַנצע גענעאַלאָגיע...

— נו, און ס'באַקומט זיך עפּעס?..

— קיין נאָענטע קרוווּשאַפט האָט זיך עפּעס ניט באַקומען, נאָר זי האָט געזאָגט, אַז סײַווי זײַנען מיר קרובֿים. זי האָט אַלץ אַזוי גוט דערציילט, דער אָטעם האָט זיך בײַ מיר פאַרכאַפּט, און פעליקס איז אויך א גלענצנדיקער דערציילער... — האָט ליובע צום סאָף צו־געגעבן.

אָבעראָמאָל פעליקס און ווידעראָמאָל פעליקס, זי איז שוין, ווי־זט אויס, פאַרקאָכט אין אים. זעליק האָט געוואָלט פאַרטרײַבן דעם ניט גוטן געפיל קעגן א מענטשן, וועלכן ער האָט אין די אויגן ניט געזען, ער קען אים ניט און ווייסט אים ניט און וואָס איז אים דאָך שוין אַזוי דערווידער, אַז ער קען זײַן נאָמען ניט הערן. ער האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן ניט א פרעג צו טאָן:

— וויפל איז ער אַלט?

— ווער, טאַטע?

— נו, דער דאָזיקער פעליקס דײַנער, דער קאַנדידאַט...

— א ביסל עלטער פון מיר. — האָט זי געענטפערט.

— אָף וויפל? — האָט ער געוואָלט פעסטשטעלן גענויער.

— איך האָב ניט געפרעגט, טאַטע. דאָס האָט מיך ניט אינטערעסירט.

— אָבער פאָרט?

— מיסטאָמע, אָף א יאָר נײַן, צען.

— סאַכאַקל אָף צען יאָר? געוויס האָט ער שוין דרײַ מאָל כאַסענע געהאַט. — האָט זעליק, א דערפרייטער, געפּאַסקנט.

— וויפל מאָל ער האָט כאַסענע געהאַט האָב איך, טאַטע, אויך ניט באַוויזן צו פרעגן בײַ אים. אָבער וואָס קימערט דאָס דיך? בײַ מײַן כאַסענע מיט אים האַלט נאָך ניט...

— איך זע דאָך, אַז ער איז דיר שוין נישקאָשעדיק געפעלן.

— האָסט געטראָפן, טאַטע. דער ערשטער אײַנדרוק וועגן אים איז א גוטער.

— דער ערשטער אײַנדרוק נאַרט אָפטמאָל אָפּ...

— נאָך אָפטער איז דער ערשטער אײַנדרוק דער סאַמע ריכטיקער, — האָט זי דערווי־דערט.

— יאָ, יאָ, דער סאַמע ריכטיקער, — האָט זעליק מיט אַן אומבאַהאָלפנקײַט און אומעט אינעם קאָל אונטערגעמורמלט צו זיך אַליין. — נו, ליובע, גיי שוין צו זיך אין צימער, ביסט פאַרמאַטערט נאָכן גאַנצן טאָג אַרומגיין. אויב דאָס פענצטער איז בײַ אײַך אָפן, זאָלסטו אים פאַרמאַכן, עס זאָל ניט אַרײַן דער רויך, — האָט ער איר אָנגעזאָגט. — א גוטע נאַכט. — ער האָט זי א קוש געטאָן אין שטערן און אין באַק און עס איז אים געוואָרן הייס, ווי ער וואָלט געקושט אין די ליפּן. ער וואָלט אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע לעבן, קעדײַ קענען זאָגן ניט „געליבטע טאָכטער", נאָר פּאַשעט „געליבטע מײַנע", אָן „טאָכטער"...

12

אָף מאָרגן איז ליובע אַוועק צום פעטער דעם צײַן־דאָקטער טוויוי זעגלמאַן. געלעבט האָט ער אָף דער גאַס פּערוואָמײַסקאַיאַ, וועלכע גייט מיט איין עק אַרויס אָפן לענין־פּראָספּעקט און מיטן אַנדערן עק — אָפן פּראָספּעקט סטאַלעוואַראָוו — די צוויי לענגסטע, שענסטע און טומלדיקסטע פּראָספּעקטן אין רודינסק. אָף פּערוואָמײַסקאַיאַ איז שטיל, און אויב מע וווינט,

אזוי ווי טויווי זעגלמאַן, ניט אין סאַף גאַס, נאָר אינמיטן, איז שוין די שטילקייט קימאַט א דאָרפישע. אהער דערטראָגט זיך ניט די קלימפּעריי פון טראַמווייען, די רודעריי פון מאַשינעס, וואָס יאָגן נאָכאַנאַנד איבער די פּראָספּעקטן. ליובע איז געגאַנגען איבערן ניט־ברייטן טראָטואַר און איינגעקוקט זיך אין די נומערן פון די הייזער, די נומערן זיינען געווען פאַרשטעלט פון די ביימער, וועלכע וואַקסן נאָענט בא די ווענט. ארויסגעהאָלפן האָט ליובען דאָס שילדל בא דער אריינגאַנג־טיר אין איינעם פון די פינפשטאָקיקע מויערן. „ציין־דאָקטער ט. א. זעגלמאַן, היילונג און פּראָטעזירונג. דריטער שטאָק, דירע נומער 29". ליובע האָט זיך אופגעהויבן אפן דריטן שטאָק, אָנגעקלונגען אין דער דירע נומער 29, אָבער קלינגען האָט מען ניט געדאַרפט. די טיר איז ניט געווען פאַרשלאָסן. נאָכן קליינעם טונקעלן קאָרידאָר האָט ליובע אריינגעטראָפן אין א צימער, ווו בא א נידעריקן טישל זיינען געזעסן צוויי פרויען און א מאַנצבל, וויזיט אויס פּאַציענטן. זיי האָבן געבלעטערט דעם זשורנאַל „אָגאָניאָק" און דעם זשורנאַל „קראָקאָדיל", וואָס זיינען געלעגן אפן טישל, מיט אזא זויערער מינע, אקוראַט ווי א מער לאַנגווייליקן און טרויעריקן לייען־שטאָף איז זיי נאָך אפן לעבן ניט אויסגעקומען צו לייענען. עס האָט א שורשע געטאָן דער פּאָרהאַנג, וואָס הענגט איבער איינער פון די צוויי טירן, וועלכע פירן אין אנדערע צימערן, און ס'האָט אף דער שוועל זיך באוויזן א פרוי, א הויכע, מיט קוואַדראַטע פּלייצעס, אזוי ווי בא א קרעפטיקן סאָלדאַט, מיט א פאַרשוויצט פּאָנעם און רויטגלאַנצנדיקע נאַסע הענט. דורך דער האַלב־אָפענער טיר האָבן זיך אריינגעטראָגן געשמאַקע רייכעס פון מייכאָלים. ליובע האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס איז, מיסטאַמע, דעם פעטער טויוויס ווייב, און זי האָט געוואָלט צוגיין און זיך באַקאַנען מיט איר, געבן איר צו וויסן, אז זי איז, כוץ א פּאַציענטקע, מעגלעך, אויך א קרויווע, אָבער דער שטרענגער בליק בא דער פרוי און איר פאַרפּאַליעט פּאָנעם האָבן ליובען אָפּגעהאַלטן. זי האָט באַשלאָסן אָפּלייגן די באַקאַנטשאַפט מיט איר אף שפּעטער, נאָכדעם ווי זי וועט זיך באַקאַנען גופע מיטן פעטער טויווי. די פרוי איז פאַרשוווּנדן הינטערן פּאָרהאַנג, און ליובע האָט אויך גענומען בלעטערן א זשורנאַל, אזוי ווי דאָס האָבן געטאָן אירע שכיינים באַם טישל.

נאָך א שאָ צייט וואַרטן, איז ליובע אריין אין קאַבינעט, און דאָ האָט זי אין דער ערשטער מינוט פאַרגעסן וועגן דער קרויוועשאַפט, וואָס זי דאַרף שליסן מיטן דאָקטער, און וועגן דער פּלאָמבע, וועלכע זי וויל אריינשטעלן. דער קאַבינעט איז געווען ניט קיין קאַבינעט, נאָר א מין סקלאַד. אפן דיל זיינען געלעגן א סאַך שטיינערנע בלימעלעך, אזוי ווי ארויסגענומענע פון באַזשאָוס באַרימטער מייסע „דאָס שטיינערנע בלימל". דאָס אויג האָבן געקוויקט אנדערע שיינע צאַצקעלעך, — אויסגעהאַקטע פון שטיין און אויסגעשניצטע פון האָלץ פיגורעלעך, געשטאַלטן לויט די אוראַלער מייסעס און געשיכטעס פונעם זעלבן מעכאַבער, באַזשאָוון: „די באַלעבאָסטע פונעם קופּערנעם באַרג", „דאָס פייערל־שפּרינגערל", „דאָס גרינע פערדל". בא אן אנדער וואַנט אין צימער איז געלעגן א שטויס קינדערשע ביכלעך מיט געמעלן, א פּעקל טעכנישע ביכער, צווישן זיי די „פיזיק" פון לאַנדאַו און ליפשיץ. א בענקל איז געווען פאַרנומען מיט בויגנס פּאַק־פּאַפּיר, אף א צווייט בענקל איז געשטאַנען א הילצערן קעסטעלע מיט אן אָנגעהויבענעם אדרעס אפן דעקל: „נאָוואָסיבירסקער געגנט, טשערעפּאַנאָווער ראַיאָן..." הינטער די אַלע צאַצקעס, ביכלעך, ביכער, קעסטלעך, וואָס האָבן פריי זיך צעלייגט און צעשטעלט אין קאַבינעט, האָט אזויווי אָן איבעריק שטיקל מעבל אויסגעזען די קרעסלע און די באָר־מאַשין, פאַררוקטע אין א ווינקל. אָן איבעריקער, האָט געדוכט, איז דאָ אויך גופע דער דאָקטער, — א קליינינקער, מיט א נאַקעטן שאַרבן, אין א לאַנגן ווייסן כאַלאַט.

טויווי זעגלמאַן האָט מיט א ווונק איינגעלאַדן די אריינגעקומענע פאַרנעמען איר פּלאַץ אף דער קרעסלע.

ליובע האָט זיך אויסגעקוועטשט, און איידער דער דאָקטער האָט זי געבעטן עפענען דאָס מויל, האָט זי אליין דאָס מויל געעפנט און פריער פון אַלץ אים איבערגעגעבן א וואַרעמען גרוס פון פעליקסן, וועלכער האָט זי געשיקט צו אים.

— איר קענט פעליקסן? — האָט ער אויסגערופן אָן אנציקטער און א פאַרוווּנדערטער, פּונקט ווי זי וואָלט געזאָגט, אז זי קען דעם רוימישן פּויפּסט. — ער איז דאָך מיינער א פּלעמעניק!

— אויב ער איז אייער פּלעמעניק, בין איך עפשער אויך אייערע... א קרויווע, — האָט ליובע מיט א שמייכל געזאָגט. — מיין פאַמיליע איז זעגלמאַן.

— פאַרוואָס האָב איך אייך ביז איצט ניט געזען? — דער דאָקטער האָט מיט גרויסן נייגער זיך איינגעקוקט אין איר.

— איך בין מיט צוויי טעג צוריק געקומען אהער צו פאָרן, — האָט ליובע דערקלערט.

טויווי האָט זיך אוועקגעזעצט אַף זײַן הויך קײַלעכדיק בענקעלע, אַנטקעגן ליובען, און בעדייע געהאַט צו נעמען גענוי אויספרעגן, אָבער אין קאַבינעט איז אַרײַנגעקומען זײַן פרוי, צוגעגאַנגען צו אים, אַ זײַטל געטאָן מיט אַן אויג אַף דער פּאַציִענטקע און אײַנגעשעפּטשעט אים אין אויער, אָבער ניט אַזוי שטיל, אַז ליובע זאָל ניט האָבן דערהערט.

— איך גיי אַפן מאַרק.

— זייער גוט, — איז טויווי געווען צופרידן. — פאַרגעס ניט, לאָרע, קויפן געשמאַקע זאַכן. — ער האָט אויפגעהויבן אַ פּאָלע פון כאַלאַט, אַרײַנגעשטעקט די רעכטע האַנט אין דער רעכטער קעשענע פון די הויזן, דערנאָך אויפגעהויבן די אַנדערע פּאָלע און אַרײַנגעשטעקט די לינקע האַנט אין דער לינקער קעשענע, און פון ביידע קעשענעס אַרויסבאַקומען צוויי קליינע פּאַפּירלעך — אַ גרינס און אַ געלס.

— האָסט דאָך הײַנט געדאַרפט קריגן פאַר צוויי פּאַרטיקע פּראָטעזן, — די פרוי האָט גענומען די צוויי פּאַפּירלעך, געקנייטשט זיי, אַזוי ווי ניט וויסנדיק, וואָס מיט זיי צו טאָן.

— דאָס געלט פאַר די פּראָטעזן דאַרף איך אַף דעקן דעם כויוו, דו ווייסט דאָך אַוועלכן, — האָט ער אײַליק אַ זאָג געטאָן און טייקעף צוגעגעבן, אָנווײַזנדיק אַף ליובען. — באַקען זיך, זי איז אונדזערע אַ קרויווע.

— זייער וויל, — לאָרע האָט אַ לענגערן קוק געטאָן אַף ליובען, — נו, מיר וועלן זיך נאָך זען און אַ רעד טאָן, — האָט זי געזאָגט, און, ניט אַרויסברענגענדיק מער קיין איין וואָרט, איז זי אַרויס פון קאַבינעט.

— זי איז זייער אַ גוטע, — האָט טויווי אַ זיפץ געטאָן, ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט. — וואָס איז זי שולדיק, אַז דער מאַן איר איז אַ מעשוגענער? אַלץ, וואָס איך פאַרדין, גייט בײַ מיר אַוועק אַף אָט דעם־אָ, — ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די ביכער און פיגורלעך, וואָס ליגן אַפן דיל. — איך דאַרף נאָך הײַנט אַוועקשיקן דרײַ פּאָסילקעס און דרײַ באַנדעראָלן.

— אַזויפיל פרײַנט האָט איר וועמען צו שיקן?

— פרײַנט אָן אַ צאָל. איר וועט אַרײַנגיין צו מיר אין שטוב, וועל איך אײַך ווײַזן די בריוו, די טעלעגראַמעס פון דערוואַקסענע מענטשן, פון יונגע לײַט, פון גאַנצע קאָלעקטיוון...

ער איז אַוועקגעלאָפן צו דער טיר, אויפגעעפנט זי, געכאַפּט אַ קוק אין וואַרט־צימער און מיט אַ פריילעכן קאָל אָנגעזאָגט:

— אַ מעכײַע, קיינער איז מער ניטאָ. איר זײַנט די לעצטע.

מיט ליובעס ציין האָט ער זיך באַשעפטיקט ניט לאַנג, ער האָט אײַנגעפונען, אַז זיי זײַנען אין בעסטן צושטאַנד. די פּלאָמבע וועט ער אַרײַנשטעלן מאָרגן. ער האָט אײַנגעלאַדן ליובען אַרײַנגיין מיט אים אין דער אַנדערער העלפט פון דער דירע.

„די אַנדערע העלפט" — דאָס איז ניט קיין גרויסער צימער, גאַנץ באַשיידן מעבלירט. טויווי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דער אַלטער לעדערנער סאָפע און געבעטן ליובען אַוועקזעצן זיך לעבן אים.

— איז לאָמיר זיך באַקאַנען, ווי ס'דאַרף צו זײַן, ווי־אַזוי איך הייס, ווייסט איר שוין. איך הייס טויווי, דאָס הייסט אַ גוטער מענטש, — האָט ער פאַרטײַטשט.

— און איך הייס ליובע.

— אויסגעצייכנט. ליובע — ליובאָוו — ליבע. גוטסקײַט און ליבע — דער בעסטער קאָמפּלעקס. און די פאַמיליע?

— זעגלמאַן.

— אָך, יאָ, איר האָט מיר שוין געזאָגט, — האָט ער זיך דערמאָנט. — די זעלבע, ווי מײַנע. ס'איז די בעסטע און שענסטע פאַמיליע, וואָס קאָן נאָר געמאָלט זײַן. זעגלמאַן... זעגל... אַף רוסיש — „פּאַרוס". „בעלעיעט פּארוס אָדינאָקי"... איז זאָגט איר, אַז פעליקס איז אײַער אַ קאָרעוו?.. נו, יאָ, ער איז דאָך מײַנער אַ פּלעמעניק, מײַן ברודער מאָטלס זון. און מיט מײַן מאַמען, פעליקסעס באָבע, האָט איר שוין גערעדט?

— מיט דער באָבע מינע?

— נו, יאָ. דיר איז זי אַ באָבע, — איז ער אַריבער אַף „דו", — און מיר אַ מאַמע.

— גערעדט. זי האָט מיר אַלץ דערציילט.

— ווי געפעלט זי דיר? קיין אײַנהאָרע ניט, שוין אין אַזאַ עלטער. זי האָט דאָך נאָך אייגענע ציין אין מויל.

עס איז אַרײַנגעקומען לאָרע. זי האָט פאַרקערעוועט אין קיכל, אַוועקגעשטעלט דאָרטן דאָס קוישל, דערנאָך האָט זי אין פירהויז זיך איבערגעטאָן און אַרײַן אין צימער.

— אין וועסטיביול איז פּוסט, קיין איין כוילע זעט מען ניט, — האָט זי געזאָגט.

— איז דאָך גוט, טײַערע. באַ מענטשן האָבן אופגעהערט ווײַ טאָן די צײן, און איך האָב פרײַע צײַט, און מיר ווערן באַלד עסן ווארמעס. — טוויוי האָט פון פאַרגעניגן געריבן איין האַנט אין דער אַנדערער.

— אוואדע דאַרפסטו פרײַע צײַט. כ׳פאַרשטיי נאָר ניט, פאַרוואָס פאַרמאַכסטו אײַנגאַנצן ניט דעם קאַבינעט, דאַן וועסטו אַ גאַנצן טאָג קאָנען זיך אײַסעקן מיט די פּאַסילקעס. — לאָרע האָט גערעדט צום מאַן, נאָר געקוקט מער אויף ליובען, ווי זי וואָלט געוואָלט געפינען בײַ איר צושטימונג און מיטגעפיל. זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג בענקל אַנטקעגן דער סאָפע און געווענדט זיך צום מײדל שוין גאָר מיט אַן אַנדערן קאָל — אַ ווײכן, אַ ווארעמען.

— זאָגט מיר, איר זײַט טאַקע אונדזערע אַ קרויווע? ווי הייסט אײַער טאַטע?

ער הייסט זעליק.

— און ווי הייסט די מאַמע?

— די מאַמע... די מאַמע... איך האָב ניט קיין מאַמע.

— און ווי הייסן אײַערע מומעס? — האָט לאָרע ווײַטער אויסגעפרעגט.

— די מומעס האָבן געהייסן זיסל, פריידל, קלאַרע, ראַיסע. — האָט ליובע געענטפערט אַזוי ווי אַ שילערן, וואָס האָט גוט אויסגעכאַזערט דעם אורעק.

— וווּ וווינען זיי?

— די מומע קלאַרע וווינט אין כאַרקאָוו. די מומע פריידל — אין מאַגניטאָגאָרסק, די מומע זיסל — אין טשערניגאָוו, די מומע ראַיסע — אין קורסק.

— און ווער זײַנען די פעטערס אײַערע? — האָט לאָרע געוואָלט וויסן.

— הער נאָר, ליבינקע, — האָט זיך אַרײַנגעמישט טוויוי, — גיב עפּעס אונדז צובײַסן און אַליין בײַס אויך צו.

אָבער לאָרע האָט געוואָלט אויסקלאָרן דעם אײניגן געניוער.

— איך האָב דרײַ שוועסטער, — האָט זי געזאָגט. — איינע הייסט טאַקע ראַיסע, נאָר זי לעבט אין לענינגראַד, אַ צווייטע הייסט טאַקע קלאַרע, נאָר זי וווינט אין מאָסקווע... קיין קרויוועשאַפט זע איך דערווײַל עפּעס ניט.

ליובע האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, ווי אַ מענטש, וואָס וויל אַרײַנקריכן אין אַ פרעמדער מישפּאָכע.

— וואָס ווילסטו פון איר? און אַז זי איז נאָר פעליקסעס אַ קרויווע, איז דיר ניט גענוג? — טוויויס פּאַנעם איז געווען פול מיט קנײטשעלעך, און אין יעדן קנייטשל איז געלעגן אַ סאַך געמיטלעכקײַט און פרײַנטלעכקײַט.

לאָרע האָט עפּעס צו זיך אַליין אַ מורמל געטאָן און איז אַרויס אין קיך.

טוויוי האָט אַרויסגענומען פון טישקעסטל אַ גאַנצן פּאַק בריוו.

— דאָס זײַנען ניט אַלע בריוו, — האָט ער געזאָגט. — אײַנעם טישקעסטל זײַנען אַלע ניט אַרײַן. איך האָב, טײַערע מײַנע, זייער אַ סאַך אַדרעסאַטן. קינדער רופן מיך „דאָקטער אײַבאָליט“, דערוואַקסענע — „וווּנדערלעכער מענטש“, נו, און דאָס ווײַב רופט מיך „מעשוגענער“... איך שיק פּאַסילקעס, ניט קיין גרויסע. געווײנלעך, — ביכער, שפּילצײַג פאַר קינדער. באַ אונדז אין רודינסק זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס מאַכן זייער פײַנע סוווענירן... שיק איך סוווענירלעך.

— ווי־אַזוי האָט איר זיך באַקאַנט מיט די אַלע, וועמען איר שיקט? — האָט ליובע געפרעגט.

— איך האָב זיי אין די אויגן ניט געזען. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס באַ מיר אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע. — טוויוי האָט באַקוועמער זיך אַרופגערוקט אויף דער סאָפע, אָנגעלענט דעם רוקן צום ווענטל און מיט האַנאָע גענומען דערציילן. — איך האָב דאַן געלעבט אין מאָסקווע. גיי איך איינמאָל אַרײַן אין ביכער־מאַגאַזין, וואָס איז אויפן ראָג פונעם דורכפאָר־געסל פון קינסטלערישן טעאַטער, זוך עפּעס צווישן די ביכער, איך בין אַ ביכער־ליבהאָבער, און לעבן מיר שטייט איינער אַ יונגערמאַן, מיט אַ רוקזעקל אויף דער פּלייצע, און דאָס פּאַנעם איז באַ אים אַזאַ, ווי ס׳איז, געווײנלעך, באַ אַ מענטשן, וואָס זוכט זייער אַ נײטיקע זאַך און געפינט עס ניט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַ ביכל, וואָס הייסט „דרײַ אַרטיקלען וועגן ספּעקטאַרס און וועגן געבוי פונעם אַטאָם“. דער מעכאַבער איז נילס באָר. ער האָט עס שוין געזוכט, זאָגט ער צו דער פאַרקויפערן, אין אַנדערע מאַגאַזינען און אין ערגעץ ניט געפונען. מאָרגן גייט ער אַוועק אין אַרמיי, און דעם בוך דאַרף ער נײטיק, ווי דאָס לעבן.

דער יונגערמאַן האָט מיך פאַראינטערעסירט. הער נאָר אַ מײַסע, אַ באָכער טראָגט שוין אַ רוקזעקל אויף דער פּלייצע, קעדײַ מאָרגן מיט דעם אוועקגיין אויפן פראָנט, און עס פעלט אים גאָר אַזאַ ביכל, וואָס נאָר געלערנטע דאַרפן עס עפּשער האָבן אין זייערע ביבליאָטעקן.

— ווען, זאָגט איר, פאָרט איר אַוועק? — האָב איך אים איבערגעפרעגט.

— מאָרגן, — איז געווען דער ענטפער, און דאָס פּאָנעם מיט די העלע אויגן איז אַזוי פאַר־זאָרגט, אַזוי ווי ער וועט מאָרגן ניט קאָנען נעמען די ביקס אין האַנט, אויב בא אים אין רענצל וועט ניט ליגן נילס באָר.

— איך וועל זיך באַמיִען קריגן דאָס דאַזיקע ביכל, — האָט זיך בא מיר ארויסגעכאַפּט. — לאָמיר מאָרגן אין דער זעלבער צײַט דאָ אין מאַגאַזין זיך ווידער באַגעגענען. ער האָט מיר באַצײַטנס שוין געדאַנקט, שיר ניט צעקושט, און וואָס מיינסטו, ליובע, איך האָב אים דעם בוך געבראַכט. ס'הייסט א בוך, א קליין ביכל, אין דינע גרויע טעוולעך. געפונען האָב איך עס אין בוקיניסטישן אָפּטייל אין מאַגאַזין אַף קיראָוו־גאַס, דער פאַרקויפער איז דאָרטן געווען מײַנער א באַקאַנטער, ער האָט זיך ניט געפוילט און איבערגענישטערט די ביכער, וואָס זײַנען ניט געווען אין מאַגאַזין, נאָר געלעגן אַפן סקלאַד. ווען כ'האָב דעם באָכער דאָס סײַפערל דערלאַנגט, האָט ער ארויסגעכאַפּט פון קעשענע דאָס מאָגערע טײַסטערל זײַנס און געוואָלט מיר אָפּגעבן ס'גאַנצע ביסל געלט, וואָס איז דאָרטן געלעגן.

— און מער האָט איר ניט? — האָב איך בא אים אַף א קאַטאָוועס געפרעגט.

— ניין, מער האָב איך ניט, — האָט ער מיט א שולדיקער מינע געענטפערט. — ס'איז אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן פון דער סטיפּענדיע.

— בלײַבט איר דאָך אָן א קאָפּעקע... — האָב איך באַמערקט.

— איך דאַרף קיין געלט ניט, אין אַרמיי איז מען דאָך אַף אַלעם גרייטן, — האָט ער געענטפערט.

מיט יעדער מינוט איז דער באָכער אַלץ מער מיר געפעלן געוואָרן. קלוגע אויגן, א שיי־נער ברייטער שטערן, אַן אָפענער פּאָנעם, וואָס ציט צו מיט טמימעסדיקער פּאַרטראַגנקײַט און פּאַרטרוימטקײַט. בא מיר, ליובע, איז א גאַנץ וואָכעדיקע פּראָפעסיע, נאָר האָבן האָב איך ליב דערהויבנקײַט. איך האָב ליב מענטשן, וואָס פליִען אין די הימלען. עמעס, דעם באָדן אונטער די פיס דאַרף מען אויך ניט פאַרלירן... איך בין אָפּגעגאַנגען מיטן כעוורעמאַן אין מאַגאַזין אין א ווינקל, און מיר האָבן זיך א ביסל דורכגעשמועסט. דער באָכער האָט געהייסן הערשל בוטקעוויטש, דעם 25 יון האָט ער אָפּגעגעבן דעם לעצטן עקזאַמען אין מאָסקווער אוניווערסי־טעט. ס'איז געווען אַן עקזאַמען אַף פּאַליט־עקאָנאָמיע, ער האָט אָפּגעגעבן אַף א „פיר", ס'איז ניט זײַן באַליבטער געגנשטאַנד. ער האָט פאַרענדיקט דעם פיזישן פּאַקולטעט. יעדן יאָר איז ער זומער־צײַט געפאָרן אין שטעטעלע מוראַפע אַף אוקראַיִנע, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן און ווו ס'האָט געלעבט די מאַמע זײַנע. נאָר הײַנטיקס יאָר וועט שוין ניט אויסקומען צו פאָרן. דאָס ביכל וועגן די ספּעקטאָרס און וועגן אַטאָם דאַרף ער, האָט ער מיר ווײַטער דערקלערט, ווײַל אים אינטערעסירן זייער די דאָזיקע פּראָבלעמען. אַף דער מילכאָמע האַלט מען דאָך אויך ניט נאָר אין איין שיסן, עס מאַכן זיך שטיל־צושטאַנדן, וועט ער זיך א ביסל פאַרנעמען מיט זײַ־ניקן... נילס באָר ברענגט פאָרמולעס, אין וועלכע ס'לוינט זיך אַרײַנטראַכטן...

— איך האָב דאָס אַלץ, ליובע, פאַרגעדענקט, וואָס ער האָט מיר דאַן געזאָגט, — האָט טוויוי פאַרגעזעצט, — ווײַל דערנאָך האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער הערשל בוטקעוויטש איז גאָר ניט געווען קיין פּאַשעטער באָכער. נאָך דער מילכאָמע האָט ער געאַרבעט אין קורטשאַ־טאָווס לאַבאָראַטאָריע. אין אָנהייב געווען איינער פון זײַנע טאַלמידים, דערנאָך — צווישן די ערשטע באַהעלפער, שפּעטער געוואָרן אַליין אַן אָנפירער פון א גרויסער לאַבאָראַטאָריע, וועל־כע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א באַוווּסטן אַטאָם־אינסטיטוט. א לאַנגע צײַט האָבן מיר זיך דורכגעשריבן, ער האָט מיר געשאַנקען זײַנע אייגענע ביכער. איך האָב, צום באַדויערן, ניט קיין אייגענע, האָב איך געשיקט ביכער פון פרעמדע אווטאָרס, אָבער זייער כאַשעווע...

— אַן אַנדערש מאָל, — האָט דער פעטער טוויוי ווײַטער דערציילט, — האָב איך אין זעלבן מאַגאַזין, לעבן „מכאָט", געטראָפן א מיליטערמאַן, אַן אַרטילעריסט. ער דאַרף, — האָט ער געזאָגט צו די פאַרקויפערס, — ווי מע דאַרף דאָס לעבן, טאַרלעס בוך „נאַפּאָלעאָן", נאָר ער קאָן עס אין ערגעץ ניט קריגן. און פונקט ווי כ'האָב באַם באָכער דעם פיזיקער, הערשל בור־טקעוויטש, אַזוי האָב איך אויך בא אים א פרעג געטאָן, וויפל וועט ער נאָך זײַן אין מאָסקווע, און פונקט ווי יענער, האָט ער מיר געענטפערט, אַז מאָרגן פאָרט ער אוועק.

— איך וועל זיך באַמיִען קריגן „נאַפּאָלעאָנען", — האָב איך זיך אָנגערופן צו אים. אײַנ־געשטאַנען איז ער אין גאַסטיניצע „צענטראַלנאַיאַ" אַף גאָרקי־גאַס.

— איך ווייס גאָר ניט, וויאַזוי אײַך אָפּצודאַנקען, — האָט ער געזאָגט צו מיר, ווען איך האָב אים מאָרגן געבראַכט דעם בוך. ער האָט ארויסגענומען דעם טײַסטער, א ווײַלע גע־טראַכט, וויפל צו געבן. דער טײַסטער איז בא אים ניט געווען קיין מאָגערער, ווי בא הערש־

לען, ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּויטעקע, וואָס האָט באַטראָפן פּיל־פּיל מער, ווי די פּרײַז פונעם בוך, נאָר ער האָט געמיינט, אַז כ׳האַלט עס פאַר ווינציק און צוגעגעבן נאָך. ער האָט, ווײַזט אויס, באַשלאָסן, אַז איך בין אַ ספּעקוליאַנט. איך האָב זיך געקאָנט באַליידיקן. נאָר כ׳האָב זיך ניט באַליידיקט. אַף מײַן נאָז איז דאָך ניט אָנגעשריבן, ווער איך בין. ער האָט זיך זייער פאַרוואונדערט, ווען כ׳האָב קיין קאָפּעקע ניט גענומען בײַ אים און אים געבעטן נע־מען דאָס בוך בײַ מיר אַלס אַ מאַטאָנע... נו, די מילכאָמע איז געגאַנגען, און דאָס לעבן גייט אויך. איך האָב נאָך געוווינט אין מאָסקווע. איז מיר אײַנגעפאַלן אַוועקצושיקן אַ פּאָסילקע קינדער־ביכלעך אין אַ קינדערהיים. האָב איך געשיקט און ס׳איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון די דערציִערנס און פון די קינדער. דערנאָך האָב איך צוגעשיקט אַ פּאָסילקעלע ביכער אינעם טייל, ווו עס האָט געדינט מײַנער אַ ברודער, ער איז געווען אַ לייטענאַנט. און נאָך אַ ברו־דער האָב איך געהאַט אין אַן אַנדערער מיליטערישער טייל, האָב איך אויך אַהין אַוועקגע־שיקט אָסטראָווסקיס „וויאַזוי ס׳האָט זיך פאַרהאַרטעוועט דאָס שטאָל״, פּאַדייעוווס „צעקלאַפּט״, לעוו טאָלסטאָיס „קאַזאַקן״... כ׳האָב ניט געשיקט אַבי־וואָס, כ׳האָב געשיקט אויסגעקליבענע ביכער, וואָס איידער מע קריגט זיי, דאַרף מען אַרומלויפן, ווײַל אַלע ווילן זיי האָבן... די רויטאַרמייִ־שע צײַטונג „קראַסני וואָין״ האָט אָפּגעדרוקט וועגן מיר אַן אַרטיקעלע. כ׳וועל ניט זאָגן, ליובע, אַז כ׳האָב געיאָגט זיך נאָך קאָוועד, נאָך באַוווּסטקייט, איך האָב זיך דאַן ניט געיאָגט און יאָג זיך איצט ניט. ווען כ׳האָב אָנגעהויבן שיקן די ביכער פרעמדע מענטשן, האָב איך ניט געטראַכט וועגן דעם, כ׳האָב פּאַשעט געוואָלט טאָן עפּעס גוטס, מע זאָל האָבן האַנאָע. נאָר אַז מע האָט אָפּגעדרוקט וועגן מיר אין איין זשורנאַל אַן אַרטיקעלע, אין אַ צווייטן זשור־נאַל געגעבן מײַן פאָטאָגראַפיע, אין אַ צײַטונג אָפּגעמערקט מײַן פּופּציקיאָריקן יובילײ, ווי מע מערקט אָפּ עפּעס אַ גרויסן מענטשן, איז דאָס מיר געווען צום האַרצן.

— דערנאָך האָב איך זיך עוואַקויִרט מיט דער פרוי און מיט דער טאָכטער, מאַניען, אַהער, קיין רודינסק. רודינסק איז ניט מאָסקווע, קיין סאַך ביכער־מאַגאַזינען זײַנען ניטאָ, נאָר דאָס, וואָס איך דאַרף, קריג איך פונדעסטוועגן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען דאָ אָנגע־הויבן אַרויסלאָזן פאַרשיידענע אוראַלער סוווענירן. אייניקע זײַנען זייער פײַנע, ס׳מאַכן זיי אויסגעצייכנטע מײַסטערס. קויף איך די צאַצקעס און שיק אַן אָנדענק פון אוראַלער בערג און אוראַלער וועלדער...

ליובע האָט מיט גרויסן נײַגער געהערט, וואָס טויווי זעגלמאַן דערציילט. זי איז געווען אַנציקט פון זײַנע אויפטוען, אָבער ניט אַלץ איז איר קלאָר געווען. אַפן צונג האָט זיך גע־דרייט איין פראַגע, און אַ צווייטע, און אַ דריטע.

— כ׳וועל אײַך, פעטער טויווי, פאַרגעבן ניט עפּשער גאָר קיין דעליקאַטע פראַגע, — האָט זי, פאַרויטלענדיק זיך, געפרעגט. — ווו האָט איר גענומען געלט און ווו נעמט איר עס ביז איצט? ס׳קאָסט דאָך ניט ווינציק...

— דאָס האָט מען שוין בײַ מיר אַ פּאָר מאָל געפרעגט אין אַן אַנדער אָרט, — האָט טויווי אַ שמייכל געטאָן, — האָב איך דאָרטן געענטפערט, אַז זאָלן זיי דאָס פרעגן ניט בײַ מיר, נאָר בײַ מײַן פרוי. זי וועט זיי זאָגן, ווײַל זי ווייסט גוט, אַז זי האָט זייער אָפּט ניט, מיט וואָס צו גיין אַפן מאַרק... — די לעצטע ווערטער האָט טויווי אַרויסגעבראַכט שטיל, עס זאָל ניט דער־הערן לאָרע.

— און ווער העלפט אײַך, פעטער טויווי, אײַנקויפן, פאַרפּאַקעווען, אַוועקטראָגן, אַוועק־שיקן? — האָט ליובע ווײַטער געפרעגט.

דער פעטער טויווי האָט אַ זיפץ געטאָן:

— קיינער ניט. אָט דאַרף איך הײַנט אַוועקשיקן דרײַ פּאָסילקעס און דרײַ באַנדעראָלן... איך האָב דאָס נעכטן געדאַרפט אָפּטאָן, נאָר ניט באַוויזן.

— איך וועל אײַך העלפן, — האָט ליובע געזאָגט.

— אויב אַזוי, ביסטו דאָך, טײַערע מײַנע, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן צוליב מיר, — האָט דער פעטער טויווי זיך דערפרייט. — ווייסטו גאָר וואָס, ליובינקע, לאָמיר דאָס נאָך אָפּטאָן פאַרן וואַרמעס... איצט איז אַף דער פּאָטשט אַ קלענערע ריי. מיר וועלן גיך זיך באַפרײַען... — און ניט וואַרטנדיק, אַז ליובע זאָל עפּעס זאָגן דערויף, איז ער האַסטיק אַרויס פון צימער, אין אַ ווײַלע אַרום אַרײַנגעקומען אָנעם כאַלאַט, אין אַ זומערדיקן פּידזשאַקל, אַפן שפּיץ קאָפּ איז געהאַנגען אַ העלע טיובעטייקע. — איז גייען מיר ליובע... פאַרקלאַפּן די קעסטלעך און אויפ־שרײַבן די אַדרעסן וועלן מיר אַף דער פּאָטשט. יעדע מינוט איז טײַער! — האָט ער מיט אומ־געדולד זי אונטערגעײַלט.

דער פּעטער טויווי און ליובע זײַנען אַרײַן אין צײַך־קאַבינעט, אָנגעפּילט די קעסטלעך מיט צאַצקעס, אַרײַנגעלייגט ביכער און ביכלעך אין פּאַקעטן־באַנדעראָלן, געכומען דאָס אַלץ אונטער די אָרעמס און געלאָזט זיך צו דער אַרויסגאַנג־טיר.

— אַז מע זאָגט מעשוגע — גלייב! — האָט לאָרע אַרויסבאַגלייט דעם מאַן, און צו ליובען האָט זי געזאָגט: — פֿאַרגעסט ניט און קומט מיט אים צוריק. מיר דאַרפֿן דאָך עסן וואַרמעס!...

13

פֿעליקס האָט מיט אומגעדולד געוואַרט לעבן רודינסקער דראַמאַטישן טעאַטער אַף ליוי־בען. ער האָט די בילעטן אַפֿן ספּעקטאַקל „כאַפּ זיך אויף און זינג" געהאַלטן אין האַנט, און אַ סאַך מענטשן האָבן אים געפֿרעגט, צי ער פֿאַרקויפֿט זיי. ס'איז שוין געווען דער דריטער קלונג, און ליובע איז אַלץ ניטאָ. ווו האָט זי געקאָנט אַהינקומען? אין אַגמעסנעפּעש האָט ער אויסגעשטרעקט די בילעטן צו פֿאַרקויפֿן, און מע האָט זיי גלײַך אויסגעכאַפּט.

אין דער זעלבער מינוט האָט זיך באַוויזן ליובע.

— איך האָב זיך פֿאַרהאַלטן אַ ביסל, — האָט זי רויק געזאָגט.

— איצט איז שוין ניט וויכטיק. אַ ביסל צי אַ סאַך, וווהין גייען מיר? — האָט ער געפֿרעגט באַ איר.

— מיר גייען, דוכט זיך, אין טעאַטער...

— אין טעאַטער האָבן מיר פֿאַרשפּעטיקט. די בילעטן האָב איך פֿאַרקויפֿט.

— אָבער ס'איז פֿאַראַן באַ אונדז, האָסטו געזאָגט, אַ באַקאַנטע קאָנטראָליאָרשע, אַ קרויוע... — האָט ליובע אים דערמאָנט.

— שטייט זי גראַד היינט ניט באַ דער טיר...

— ניט געפֿערלעך, ס'איז עפּשער אַפֿילע בעסער, וואָס עס האָט זיך אַזוי באַקומען. — האָט ליובע געזאָגט. — איך וועל באַלד גיין אַהיים. דעם טאַטן זאָ איך דאָך גאָרניט. ביז איצט בין איך געווען באַם פּעטער טויווי. מיר זײַנען געגאַנגען אַף דער פּאָטשט, דערנאָך געגעסן וואַרמעס, דער וואַרמעס האָט זיך פֿאַרצויגן, און מאָרגן דאַרף איך ווידער זײַן באַם פּעטער טויווי.

— היילן דעם צאָן?

— דער צאָן איז שוין אויסגעהיילט... העלפֿן אוועקשיקן די באַנדעראָלן.

— מיר וועלן אין ערגעץ מיט דיר ניט באַוויזן, אויב דו וועסט גיין צום פּעטער טויווי.

— דו ביסט אַן עגאָיסט, פֿעליקס.

— די צײַט, וואָס דו ביסט באַ אים, גאַנוועסטו דאָך אוועק באַ מיר... ווייסטו גאָר וואָס? — האָט ער פֿאַרגעלייגט. — וויבאַלד אין טעאַטער זײַנען מיר ניט געגאַנגען, איז לאָמיר זיך דורכגיין איבער דער שטאָט. איך וועל דיר ווײַזן די דענקמאָלן...

— דענקמאָלן איז, דוכט מיר, בעסער צו קוקן באַטאָג, ווען ס'איז ליכטיק.

— אינאָוונט, באַ דער שײַן פֿון די פּראָזשעקטאָרס זײַנען זיי נאָך שענער. און ביכלאַל, איצט איז נאָך ניט נאַכט...

ווירקלעך, נאַכט איז נאָך ניט געווען. ס'איז געווען יון כוידעש — די סאַמע לאַנגע טעג. די זון האָט נאָר עטוואָס אָנגעהויבן באַפאַרבן דעם מײַרעווו־האָריזאָנט, און כוץ דער זון, האָבן דעם הימל נאָך באַלויכטן פֿאַרשיידנקאָלירקע, העלערע און טונקעלערע רויכן, וועלכע קנוילן זיך פֿון די טרויבן פֿונעם מעטאַלורגישן קאָמבינאַט. אַפֿן קויבישעוו־פּלאַץ, אַנטקעגן טעאַטער, איז אַ שטיק אָרט פֿרײַ, די אויטאָבוסן און טראַמווײַען דערגייען ניט אַהין, און אַזוי ווי אין אַ סטעפּ, וואַקסט דאָרטן קורײַ־פֿאָלין. נאָר צווישן די ווילדע גראָזן שטייט אַ נידעריק בײַדל, ניט פֿון ברעזענט, ניט פֿון האָלץ, נאָר פֿון אײַזן־בעטאָן. דאָס טירל איז אָפֿן, און ס'מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז אַן אָנגעפֿליויגענער ווינט פֿון סטעפּ האָט עס אָקאָרשט צעפּראַלט.

— דאָס איז אַן אָנדענק די ערשטע רודינסקער אײַנוווינער, — האָט פֿעליקס דערקלערט.

פֿונעם בײַדל זײַנען פֿעליקס און ליובע אוועק צו אַן אַנדער דענקמאָל, — צוויי בראָנזענע כעוורעלײַט מיט אַ בראָנזן מיידל אינמיטן — אַף אַ הויכן פּיעדעסטאַל, ביידע מיט אַרבעטס־אינסטרומענטן אין די הענט.

— איצט וועל איך דיר ווײַזן נאָך עפּעס, — האָט פֿעליקס אָנגעזאָגט ליובען און מיט איר פֿאַרקערעוועט אַף אַן אַנדער גאַס. — אין אָט דעם הויז, — האָט ער אָנגעוויזן אַף אַן אײַנשטאָקיקער שטוב מיט אַ פּאַליסאַדניק, — האָט אין די יאָרן 1930 — 1944 געלעבט דער ערשטער דירעקטאָר פֿון רודינסקער מעטאַלורגישן זאַוואָד אַרי זעגלמאַן.

ליובע איז געווען איבעראַשט.

— ער לעבט? — האָט זי געפרעגט.

— ניין.

— און די פרוי זײַנע?

— די פרוי זײַנע לעבט. אָט לויכטן אירע פענצטער.

— לאָמיר אַרײַן צו איר, כ׳וויל זי זען, כ׳וויל אַ רעד טאָן מיט איר... — האָט ליובע געגנר־מען בעטן באַ פעליקסן, אָבער פעליקס האָט ניט געוואָלט גיין.

— ס׳איז שוין שפּעט, — האָט ער געזאָגט, — אַז מיר וועלן אַרײַנגיין, וועט דער גאַנצער אָוונט זײַן פאַרפאַלן. וועסט קומען צו איר מאָרגן אינדערפרי.

— איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס אין רודינסק זײַנען פאַראַן אַזויפיל זעגלמאַנס, — האָט ליובע אַ שמייכל געטאָן. — דער דירעקטאָר האָט אַמאָל אַרויסגערופן צו זיך אַלע קרויווים.

— פון זײַנע קרויווים האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט, — האָט פעליקס אויך מיט אַ שמייכל געענטפערט, — ווער ס׳האָט געוואָלט קומען, איז געקומען. און קיינער פון די געקומענע איז ניט געווען קיין לײדיקגייער, מע האָט דעם דירעקטאָר אין גאַנציט געקענט באַשולדיקן. צווישן די בעסטע מײַסטערס איז געווען מאָטל זעגלמאַן, איצט איז ער הויפּט־אינזשעניער. צווישן די בעסטע פּראָפעסאָרן, וואָס גרייטן אין אינסטיטוט קאַדרען פאַרן זאַוואָד, איז געווען יאַקאָוו זעגלמאַן, צווישן די בעסטע דאָקטוירים, וואָס היילן די ציין באַ די רודינסקער אײַנוווינער, איז געווען טויווי זעגלמאַן. וואָס זשע פאַר אַ טײַנעס האָט מען געקענט האָבן צו אים?

ריידנדיק אַזוי, זײַנען זיי צוגעגאַנגען צו דער גאַס, ווו עס שטייט אַ טאַנק מיט אופגע־הויבענע אַרויף־צו ברייטע רערן פון האַרמאַטן.

— אין רודינסק זײַנען דאָך די דײַטשן ניט געווען, — האָט ליובע באַמערקט, אײַנקוקנדיק זיך אינעם טאַנק.

— די דײַטשן זײַנען אין רודינסק ניט געווען, אָבער די טאַנקען, וואָס מע האָט געמאַכט פון רודינסקער שטאָל, האָבן די דײַטשן יאָ געזען. איצט איז שוין פינצטערלעך, נאָר אויב דו וועסט זיך בעסער אײַנקוקן, וועסטו באַמערקן, אַז אין עטלעכע ערטער איז דער טאַנק געלע־כערט. די לעכער זײַנען ניט אַף דורך און דורך. דער שטאָל האָט אויסגעהאַלטן די סנאַריאַדן. אינווייניק אין דער געבײַדע פונעם מוזיי איז דער טאַנק, פאַרשטייט זיך, ניט אַרײַן, האָט מען אים אַוועקגעשטעלט אין גאַס...

— דו ביסט אַ גוטער עקסקורסיע־אָנפירער, — האָט ליובע געלויבט פעליקסן. — דער־קלערסט אַלץ אַזוי גענוי.

— און דו ביסט אַ גוטע צוהערערן, אַ נײַגעריקע עקסקורסאַנטקע, — האָט ער אויך זי אַ לויב געטאָן. — אין יעדן דענקמאָל, — האָט פעליקס ווײַטער גערעדט, — זע איך אונדזערע זעגלמאַנס. דער פעטער איסאַק האָט געאַרבעט אַפן קאַריער, פונוואַנען מע באַקומט אַרויס דאָס אַרץ.

— אָבער צו דעם קאַריער, מיין איך, וועסטו מיך איצט ניט פירן, — האָט ליובע געזאָגט.

גייענדיק צוריק פון די דענקמאָלן, זײַנען זיי ווידער דורך פאַרבײַ דעם דראַמאַטישן טעאַטער. די לאָמפּן זײַנען געווען אויסגעלאָשן. די טירן — פאַרמאַכט. דער ספּעקטאַקל האָט שוין מיט אַ שאָ צוריק געהאַט זיך געענדיקט. אַזוי גיך, אומבאַמערקט איז דורך דער אָוונט. פעליקס האָט ווידער, אַזוי ווי נעכטן, געוואָלט גיין צופוס צום האָטעל, נאָר ליובע האָט זיך אַנטזאָגט, עס טוען איר ווי די פיס, — האָט זי געזאָגט. אַפן קויבישעװ־פּלאַץ האָבן זיי זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ האַלב־לײדיקן טראַמווײַ און אַוועקגעפאָרן אַפן לינקן ברעג, און אויך אַזוי ווי נעכטן זײַנען זיי דערנאָך געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג אין האָטעל. פעליקס האָט ניט גע־וואָלט אַזוי גיך אַוועקגיין.

— לאָמיר אַרײַנגיין צו דײַן טאַטן, — האָט ער פאָרגעלייגט. — איך בין דאָך מיט אים נאָך ניט באַקאַנט.

— מאָרגן וועסטו זיך באַקאַנען. איצט האָט ער זיך שוין, מיסטאָמע, צוגעלייגט, — האָט זי אים אָפּגערעדט.

— איך וואָלט מיט דיר דאָ געשטאַנען די גאַנצע נאַכט, — האָט פעליקס געזאָגט. — כ׳ווייס אַליין ניט, מיט וואָס דו האָסט מיך אַזוי צוגעצויגן. אין דער ערשטער מינוט נאָך דעם, ווי מיר וועלן זיך צעשיידן און איך וועל אַוועקגיין, וועל איך אָנהייבן בענקען נאָך דיר... זאָג מיר, וואָס דו ווילסט, איך זאָל טאָן פאַר דיר. זאָג, אַז איך זאָל צערײַסן די דיסערטאַציע, איבער וועלכער איך האָב געאַרבעט יאָרן נאָכאַנאַנד, און כ׳וועל זי צערײַסן...

— קיין קלוגערע אײַנפאַלן קומען שוין דיר ניט אַפן זינען? — האָט ליובע געלאַכט.

ער האָט זי שטאַרק, מיט אימפּעט צוגעצויגן צו זיך און גענומען קושן. עס איז פאַר־בײַגעגאַנגען אַ מאַנצבל, ליובע האָט געגעבן אַ שטויס אָפּ פון זיך פעליקסן.

— דו ביסט גאָר בלינד, מענטשן גייען דאָך...

— קום זשע אַרײַן אין סקווערל, — האָט ער געבעטן. — ס'איז אזא גוטער אָוונט, לאָמיר נאָך א ביסל אָן עטעם טאָן מיט פרישער לופט.

— האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אז די לופט איז דאָ א שווערע, פול מיט רויך...

— יאָ, יאָ, טאַקע א שווערע, — איז ער מאַסקים געווען. — אָבער ס'מאַכט ניט אויס. איך פיל זי ניט...

ליובע האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט צום געזעגענען זיך און געמוזט זי דערנאָך מיט קראַפט אַרויסרײַסן פון זײַנער. ער האָט זי ווידער א צי געטאָן צו זיך, געקושט און געשעפּטשעט:

— האָסט, מײַן טײַערע, אין רודינסק א סאַך קרויווים, אָבער דער בעסטער קאָרעוו בין איך...

14

— איך האָב געקראָגן אַלץ, וואָס מע דאַרף, — האָט זעליק זעגלמאַן אָנגעזאָגט ליובען, ווען זי האָט זיך אומגעקערט אין האָטעל און איז אַרײַן צו אים אין צימער. — מאָרגן פאָרן מיר אוועק.

ליובע איז גאָר ניט געווען אנציקט פון אָט דער נײַס.

— שוין, מאָרגן? אזוי גיך?

— בא דיר הייסט דאָס גיך? איך בין גענוג זיך אָנגעלאָפן. אָבער, דאַנקען גאָט, דער וואַגאָן מיט מעטאַל איז אָנגעלאָדן און ער שטייט אָף דער סטאַנציע. מער האָבן מיר דאָ ניט וואָס צו טאָן. איך האָב דאָ אַלץ פאַרענדיקט.

— און איך, טאַטע, האָב נאָך ניט פאַרענדיקט...

— דו האָסט נאָך ניט פאַרענדיקט? וואָס האָסטו דאָ צו ענדיקן? — האָט זעליק זיך געוווּנדערט.

— דו האָסט, טאַטע, געזוכט מעטאַל, איך האָב געזוכט... קרויווים. איצט ווייסן מיר, אז מיר האָבן קרויווים אין רודינסק. און ניט ווינציק. — ליובע האָט פאַרבויגן א פינגער פון דער רעכטער האַנט. — אָט נעם איך ציילן: איינס...

— מע דאַרף זאָגן — ניט איינס, — האָט זעליק פאַריכטן.

— ניט איינס, — האָט ליובע איבערגעכאַזערט, — כ'וועל אָנהויבן פון דער סאַמע עלטסטער, די באָבע מינע. זי איז אַלט צוויי און אכציק יאָר. דו מוזסט זי זען, און מאָרגן וועלן מיר גייען צו איר אַהיים. א וווּנדערלעכע קרויווע.

— דו ביסט זיכער, אז זי איז אונדזערע א קרויווע? — האָט זעליק געצווייפלט, — עס פאַלן זיך טאַקע צונויף די נעמען פון די זיידעס, פון די באָבעס, פון די מומעס, פון די פעטערס, וואָס איך האָב דיר אָנגערופן און דו האָסט זיי פאַרשריבן אין דײַן בלאָקנאָט?

— אין בלאָקנאָט האָב איך, טאַטע, ניט אַרײַנגעקוקט; כ'האָב פאַרגעדענקט אָף אויסווייניק. די באָבע איז זייער א גוטע באָבע. זי האָט מיר דערציילט איר גאַנצע ביאָגראַפיע, און דערנאָך, אזוי ווי מיט אַן אייגן אייניקל, זיך צעקושט מיט מיר...

— איך געדענק גאָר ניט, אז עמעצער פון אונדזערע זאָל האָבן געהייסן מינע. אָבער זאָל שוין זײַן, ווי דו ווילסט, זאָל זײַן, אז א באָבע האָסטו געפונען, — האָט זעליק צוליב געטאָן ליובען און איר נאָכגעגעבן. — נו, און ווײַטער? וועמען האָסטו נאָך געפונען?

— ווײַטער, — איר זון, מאַרק, דעם הויפּט־אינזשעניער פון זאַוואָד. ס'איז דאָך קלאָר, ווי־באַלד די באָבע מינע איז אונדזערע א באָבע, איז איר זון אויך אונדזערער אַן אייגענער. און אז ער איז זייער א גוטער מענטש, ווייסטו שוין אַליין. דאָס האָט ער דיר דאָך געהאָלפן קריגן די טרויבן פון זאַוואָד.

— עס הייבט זיך ניט אָן, — האָט זעליק א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך בין צו אים אפילע ניט געגאַנגען. כ'האָב אַלץ געפּויעלט אָן אים.

— איז נאָך בעסער, וואָס דו ביסט זיך באַגאַנגען אָן אים, — איז ליובע געווען זייער צופרידן. — מע וואָלט אים געקאָנט באַשולדיקן, אז ער נוצט אויס זײַן לאַגע צוליב די קרויווים. האָבן מיר שוין צוויי, — זי האָט פאַרבויגן א צווייטן פינגער אָף דער האַנט.

— ניט צוויי, — האָט זעליק ווידער פאַריכטן.

— יאָ, ניט צוויי... ווײַטער — איז ניט דרײַ... דער באָבע מינעס אייניקל און דעם פעטער מאַרקס זון — מע רופט אים פעליקס...

— פון אים האָסטו געדאַרפט אָנהויבן... ער איז, דוכט זיך, דיר געפעלן מער פון אַלע אַנדערע קרוווים?

— פעליקס איז אויך אַ גוטער,— ליובע האָט זיך פאַרווּטלט, אָבער די אויגן ניט אַוועקגענומען, זי האָט געוואָלט זען דעם איינדרוק, וואָס אירע ווערטער וועלן מאַכן.— יאָ, ער איז מיר געפעלן, טאַטע,— האָט זי צוגעגעבן און איז נאָך מער רויט געוואָרן.

אַ וואָרעמער, אַ ליבער געפיל כאַפּט זעליק זעגלמאַנען אַרום, ווען ליובע ברענגט אַרויס דאָס וואָרט „טאַטע". וואָס קאָן זײַן ליבער, טײַערער פאַר אַ מענטשן, ווי דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס דערמאָנט אים, אַז ער האָט אַן אייגענעם, אַ נאָענטסטן מענטשן. ער איז ניט עלנט, ער איז אַ טאַטע. ער האָט אַ טאָכטער!

אַף זײַן לעבן האָט ער ניט אַרויסגעבראַכט פונעם מויל פאַר ליובען, אַז זי איז ניט זײַן טאָכטער, אָבער ער ווייסט, אַז זי ווייסט וועגן דעם, זי האָט געהערט פון אַנדערע, וואָס האָבן איר אויסגעזאָגט דעם סאָד, און עפּשער האָט זי שוין דאָס געוווּסט נאָך דאַן, ווען זי איז געווען אַ פּיריאַריק קינד? גלײַך פון אָנהייב, ווען ער האָט זיך באַוויזן בײַ אַנפיסען אין שטוב, האָט ליובע זיך אַ צי געטאָן צו אים. עס האָט זיך פון איר קינדערש האַרץ אַרויסגעריסן „טאַטע", און ער איז געוואָרן איר טאַטע. צוליב איר האָט ער אָט די אַלע יאָרן געלעבט. אַלע זײַנע געדאַנקען, אַלע זײַנע זאָרגן, אַלע זײַנע איבערלעבונגען האָבן זיך דורכגעפלאָכטן מיט איר לעבן, מיט אירע זאָרגן, מיט אירע איבערלעבונגען. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן מיט ליובען פון דאָרף, האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ פרוי, וואָס איז אים געווען געפעלן, ער האָט שוין געוואָלט כאַסענע האָבן, איז אָבער די פרוי ניט געפעלן געוואָרן ליובאַטשקען. ווען יענע פלעגט זיך באַווײַזן אין שטוב, איז דאָס מיידעלע געוואָרן ניט צו דערקענען. אַף אַלע אויפמערקזאַמקייטן האָט זי אַרויסבאַוויזן איר אומצופרידנקייט — ניט געפּאָלגט, ווען מע האָט זי עפּעס געבעטן טאָן, געערדעט אַנטקעגן, געזעסן אָן אָנגעבלאָזענע אָדער געוויינט אַף אַ קאָל. און איינמאָל, נאָכדעם ווי די פרוי איז אַוועק, האָט אים ליובע געמאָלדן:

— איך זאָל זי דאָ מער ניט זען, אָדער איך וועל אַוועקגיין פון שטוב!

ער האָט געדאַרפט אויסקלײַבן, און ער האָט אויסגעקליבן. אָבער וואָס מער ליובע איז אונטערגעוואַקסן, מיידלש פאַנאַנדערגעבליט זיך, אַלץ מער איז די ליבע צום קינד אַריבערגעוואַקסן אין אַ ליבע, וואָס ער האָט מוירע אַפילו פאַר זיך אַליין אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, אַרופברענגען אַפן געדאַנק. איז ער דען ניט באַלוינט שוין דערמיט נאָר אַליין, וואָס ליובע איז אויסגעוואַקסן בײַ אים אַזאַ שיינע, אַזאַ שטאַלטנע מיידל? דאַרף ער דען זיך ניט פרייען, וואָס זי נעמט אויס און באַכערים פאַרליבן זיך אין איר?

„זאָל זי כאַסענע האָבן, און אַ סאָף, זאָל זי אַוועקפאָרן און לאָמיך זי ניט זען. פונדערווײַטנס וועט מיר זײַן גרינגער, מײַן נארישער כאָלעם וועט דאַן פאַרשווינדן"...— אַזוי רעדט ער, זעליק, צו זיך אַליין. דער מויעך איז ניכטער בײַ אים, אָבער דאָס האַרץ איז פאַרשיכּערט. דאָס האַרץ איז בלינד און מורמלט וועגן עפּעס אַנדערש. „איך האָב זי ליב געהאַט, ווי דער טרײַסטער פאָטער, איך וואָלט זי ליב געהאַט, ווי דער טרײַסטער מאַן...". ער טוט אַ קוק מיט אַ דערשראָקענעם בליק אַף ליובען, צי האָט זי ניט איבערגעלייענט זײַן אומגעלומפּערטן, לעפּישן געדאַנק, דעם ווילדן טרוים, וואָס דאַרף ניט און וועט קיינמאָל ניט מעקויעם ווערן. ניין, לויט ליובעס פאַרטראָגענעם אויסדרוק אַף איר פּאָנעם זעט ער, אַז זי טראַכט ניט וועגן אים, זי טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

— אויב דו ווילסט נאָך ניט פאָרן, איז בלײַב,— האָט ער זיך אָנגערופן צו איר.

— כ'וויל אָבער, טאַטע, אַז דו זאָלסט זען...

— וועמען? פעליקסן?— האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ אים.

— פאַרוואָס נאָר פעליקסן? מיר האָבן דאָך נאָך קרוווים. האָסט ניט געזען דעם פעטער טויווי, זײַן פרוי... ביסט גאָר גלײַכגילטיק. און דו אַליין האָסט דאָך געטײַנעט די גאַנצע צײַט, אַז דו ביסט עלנט...

— איצט וועל איך זײַן נאָך עלנטער,— האָט ער געזאָגט מיט אַן אומעט אין קאָל.

— רייד ניט אַזוי, טאַטע. כ'פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס דו ביסט פאַרומערט.— זי האָט אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן, ווי עס קושט אַ קינד אַ טאַטן, ווען ס'וויל, אַז ער זאָל זיך ניט בייזערן, אָדער ווען ס'דאַרף עפּעס-וואָס בײַ אים פּויעלן.

— דו ביסט אַ גוטע, אַ געטרײַע, אַ ווויליע טאָכטער,— האָט ער זי אויך אַ קוש געטאָן אין באַק.— גיי שלאָפן, ליובינקע, אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, טאַטע.

קיין איין אגענט פאר באזאָרגונג, קיין איין „טאָלקאטש” האָבן נאָך קיינמאָל ניט ארויס־באגלייט אזויפיל מענטשן און מיט אזא קאָוועד, ווי זעליק זעגלמאנען. דער וואגאָן מיט די טרויבן און רולאָנען איז נאָך דערוויַיל געשטאנען אף א זייַטיקער, פארוקטער פאָר רעלסן, אָבער היַינט נאָך וועט מען דעם וואגאָן צוקייטלען צו א פראכט־צוג אפן מאגיסטראלן איַיזנ־באַן־וועג און ער וועט זיך אוועקטראָגן קיין מוראַווועל, ווו מע קוקט אף אים ארויס. און אויך היַינט, טאקע באלד שוין, דארף אָנקומען דער פאסאזשיר־צוג, וועלכער וועט אָפּפירן אין דער זעלבער ריכטונג זעליק זעגלמאנען.

אפן וואָקזאל האָט די באָבע מינע, אין איר יאָמטעווודיקער גרינער קלייד און מיט דער זייַדענער שאל אפן קאָפּ, איַינגעטיַינעט מיט זעליקן, אז אזוי טוט מען ניט, מע פאָרט ניט אוועק, ביז מע איז כאָטשבי איינמאָל ניט געווען בא איר צוגאסט און מע האָט זיך ניט דורכגערעדט. דער פעטער טויווי מיטן טשעמאָדאן אין האנט, מיט וועלכן ער צעשיידט זיך קיינמאָל ניט, וויַיל ווו ער גייט ניט, האָט ער אין זינען זיַינס — אונטערוועגנס עפּעס קויפן אוועקצושיקן זיַינע אָנצאָליקע אדרעסאטן, — דער פעטער טויווי האָט זעליקן איין מאָל און א צווייט מאָל געדריקט די האנט, באקאנט געמאכט מיט איינעם פון זיַינע זין און מיט זיַין טאָכטער, וועלכע זיַינען אויך געקומען אפן וואָקזאל. ער האָט שטארק געלויבט ליובען:

— א גליקלעכער טאטע. איַיער ליובע איז א גאָלדן קינד.

מארק לוואָוויטש, דער הויפּט־אינזשעניער, איז געקומען צו פאָרן אף א „וואָלגע”, ווען דער צוג איז שוין געווען אף דער סטאנציע. ער האָט געהאט צו זעליקן די זעלבע טיַינע, וואָס עס האָט געהאט די מאמע זיַינע, מינע.

— אזוי גיך פאָרט איר שוין אוועק און צו מיר אפילע ניט אריַין? כ׳וועל איַיך זאָגן דעם עמעס, — האָט ער צוגעגעבן פריַינטלעך־אָפנהארציק. — „טאָלקאטשן” האָב איך ניט ליב, אָבער אלס דעם פאָטער פון אזא ווילער טאָכטער...

פעליקס איז ניט אָפּגעטראָטן פון ליובען, אזוי ווי ער וואָלט מוירע געהאט, אז אין דער לעצטער רעגע וועט זי ענדערן דעם באשלוס אירן צו בליַיבן אין רודינסק אף נאָך א וואָך, זי וועט אריַינשפּרינגען צום טאטן אין וואגאָן און אויך אוועקפאָרן.

ווען דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט זעליק זעגלמאן געקוקט דורכן וואגאָן־פענצטער אף ליובען און פעליקסן. זיי האָבן געפאָכעט צו אים מיט די הענט. דערנאָך האָט ער געזען, ווי פעליקס האָט גענומען ליובען אונטערן אָרעם און זיי זיַינען אוועק איבערן פעראָן צו דער טיר פון וואָקזאל. קעדיי צו פארטריַיבן די איבעריקע געדאנקען, וואָס האָבן אים ניט געלאָזט צורו, האָט זעליק ארויסגענומען דעם בלאָקנאָט פון קעשענע און אָנגעהויבן מאכן די כעזשבוינעס, וואָס האָבן א שייַכעס צו דער איצטיקער קאָמאנדירונג זיַינער אין דער שטאָט רודינסק...

שמועל גאָרדאָן

איז געווען אַמאָל א פּאַסטעכל...

1

דאָס לעצטע מאָל בין איך אַראָפּ־געשטיגן אַף דער דאָזיקער סטאַנ־ציע מיט א יאָר זעקס אָן ערעך צוריק. און כאָטש כ׳האָב נאָך מיט יאָרן פריִער, בייס מײַנע אָפטע אַראָפּפאָרן אהער, שוין ווייניק־וואָס גע־טראָפן פון דעם, וואָס עס האָט מיך געהאַט דאָ באַגעגנט אינעם ווײַטפאַרגאַנגענעם סאָף האַרבסט, ווען דער פאַרשנייטער מאָסקווער צוג האָט מיך צום ערשטן מאָל אַראָפּגעבראַכט אהער און אַף א לענגערער צײַט געמאַכט פאַר א טוישעוו פונעם קרימער סטעפּ, דאַך פיר איך זיך היינט אוף, ווי כ׳זאָל עס געווען האָבן אַלץ פאַרגעסן און בין, הייסט עס, אינגאַנצן ניט צו־געגרייט דערצו, אז כ׳וועל דאָ קימאַט גאָר ניט דערקענען. דאָס מאַכט מיך ביסלעכווײַז ענלעך צו דעם געוועזענעם אלטן איבערוואַנדערער, וועלכן כ׳האָב דאָ פּאַריקס מאָל געטראָפן. אכט און דרײַסיק יאָר, פונעם טאָג, ווען ער האָט זיך פונדאַנען עוואַקוירט אָנהייב מילכאָמע, איז ער ניט געווען הי. אַראָפּגעבראַכט האָט אים דאַן אהער פון דער ווײַטער שטאָט קויבישעוו, ווו ער וווינט, זיך זען מיט זײַן פריִערדיקער היים, די טיפע בענקשאַפט מיט וועלכער ס׳האָט אים, זעט אויס, באַזאָרגט אַפן גאַנצן לעבן דער קרי־מער סטעפּ. איך זוך היינט אויך, ווי דער קוי־בישעווער דענסטמאָל, כאָטש איך בין געווען הי ניט אזוי לאַנג צוריק — זעקס יאָר זײַנען ניט קיין אכט און דרײַסיק יאָר, — שפּורן פון יענער לאַנגפאַרגאַנגענער צײַט. און פּונקט, ווי ער, דעמלט, אזוי בין איך היינט, דאַכט זיך, אויך דער איינציקער צווישן די אַרויסגעשטיגענע פּאַסאַזשירן, וועלכער אײַלט זיך ניט פאַרלאָזן די פּלאַטפאָרמע, נאָר וואַרט אויס, ביז דער לעצטער וואַגאָן פונעם אוועקלויפנדיקן צוג וואַרפט זיך אַרײַן אינעם נעפּל פונעם זוניק־אָפּגייענדיקן באַגינען. און געוויס בין איך היינט אויך דער איינציקער צווישן די פּאַסאַ־זשירן, וואָס האָט זיך דערפריייט, אָנטרעפנדיק אינעם וואָקזאַלכל איינע פון יענע ברוינע שווערע בענק מיט די האַלב־פאַרקײַלעכיקטע רוקנס, וואָס האָט מיר ניט איין מאָל געדינט פאַר א נאַכטלעגער בייסן איבערוואַרטן די רעגנס, וועלכע פלעגן פאַרקנעטן דעם סטעפּ אין א געדיכטער קלעפּיקער בלאָטע — א פוס ניט אַרויסצושלעפּן. נאָר דעמלט איז די זעלבע באַנק, ווי אַלע איבעריקע אַזעלכע בענק, גע־שטאַנען מעיוכעסדיק אויבנאָן. איצט שטייט זי בא דער סאַמע טיר. טראָג זי אַרויס, וועט עס קיינער ניט באַמערקן. און קיינער וועט נאָך איר זיכער ניט בענקען.

דאָס וויפלטע יאָר שוין, ווי אַט די סטאַנציע האָט געביטן איר נאָמען. ווייניק־וואָס אַפילע פון די היגע אײַנוווינער געדענקט שוין איצט, אז די סטאַנציע „אוראַזשײַנע” האָט פריִער גע־הייסן קורמאַן־קעמעלטשי. ניט אזוי גיך און ניט אזוי פּאַשעט געוווינט מען זיך צו צו אַן איבערגעאַנדערשטן נאָמען. מע דאַרף דערצו, אַפּאָנעם, זײַן א לענגערע צײַט א היגער. איך בין דאָך אָבער א געוועזענער טוישעוו, וואָס קומט אהער אַראָפּ איין מאָל אין פינף — זעקס יאָר, דערצו נאָך אַף עטלעכע טעג. און אויסער אַלעם, זײַנען פאַר מיר די היגע איבערגעאַנ־דערשטע נעמען — קורמאַן־קעמעלטשי, טאַש־ליק־דאַיִר, בייוק־אָנלאַר, טאַגאַנאַש, סאַראַבוז, דזשאַנקוי, סאַקי, קאַלײַ און נאָך און נאָך — ניט בלויז נעמען פון סטאַנציעס און פּאַלוסטאַנ־קעס, נאָר קאַפּיטלען פון דער געשיכטע:

„ייִדישע איבערוואנדערער אפן קרימער סטעפ".

און ווײַל אויך די סטאנציע, אף וועלכער איך בין הײַנט אראָפגעגאנגען, איז פאר מיר א קאַפיטל פון דער דאָזיקער געשיכטע, לאָז איך זיך ניט אוועק אינעם בארימטן, מיטן לענין־אָרדען באלוינטן קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאפט", וואָס איז פונדאנען מאמעש מיט דער האנט צו דערלאנגען, נאָר איך גיי אין דער פארקערטער ריכטונג, אהין, ווו דער וועג פירט צום קאָלווירט „ראָסיִא", וועלכער איז אויך בארימט און איז אויך באלוינט מיט א לענין־אָרדען. מעגלעך, אז אין קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאפט" לעבן איצט ניט ווייניק ייִדישע מישפאָכעס. נאָר דער דאָזיקער קאָלווירט, ווו דער פאָרזיצער איז איינער פון די ערשטע ייִדישע איבערוואנדערער אפן קרימער סטעפ, דער העלד פון סאָציִאליסטישער מי עליע יעהודין, מיט וועמען איך קען זיך נאָך פון יענער ווײַט־ווײַטער צײַט, ווען ער איז געווען נאָך גאָר א יונג באָכערל, קיין זיבעצן יאָר אפילע ניט אלט, איז אָבער קיינמאָל ניט געווען קיין איבערוואנדערישער, ווי „ראָסיִא", ווו דער פאָרזיצער איז דער העלד פון סאָציִאליסטישער מי וואלאדימיר איוואנאָוויטש קריוואָראָטאָוו, באשטייט קימאט דורכויס פון געוועזענע ייִדישע ייִשווים. אף איינעם פון זיי, וועלכער האָט נאָך דער מילכאָמע, צוזאמען מיט נאָך פינף ייִדישע ייִשווים, זיך פאראייניקט מיט א פאָר בײַליגנדיקע רוסישע און אוקראיִנישע דערפער אין איין גרויסן קאָלווירט, האָב איך א לענגערע צײַט געוווינט. ראטנשטאדט האָט דעמלט געהייסן דאָס דאָרף. איצט רופט זיך עס קלימאָווע.

אוואדע גייט מער אונטער דער נאָמען קראסנאָגווארדייסק פאר דעם גרינעם, פארבויטן מיט נײַע הײַזער און מויערן ראיאָנעם צענטער, ווי דער פריִערדיקער נאָמען זײַנער קורמאן, ווי ער האָט זיך גערופן, ווען עס איז געווען א שטעטל פון עטלעכע שטויביקע גאסן און געסלעך מיט נידעריקע הײַזלעך, און האָט, דאכט זיך, ניט פארמאָגט קיין איין רעכטן בוים אף צו באשיצן זיך פון דער סאקאָנעסדיק־הייסער זון און פון די אָפט אָנפליִענדיקע ווינטן. נאָך סײַווי פיר איך זיך אויף אויך דאָ, ווי א ווײַלע פריִער אף דער פלאטפאָרמע און אינעם וואָקזאל.

ניט צום ערשטן מאָל פארפירט מיט מיר דער זיקאָרן, בײַס מײַנע רײַזעס איבער די היימישנאָענטע און הארציק ליבע מעקוימעס, די דאָזיקע שפיל — ער פארלאנגט פון מיר, איך זאָל אופשטעלן פאר מײַנע אויגן דאָס, וואָס איז געווען און פארשווונדן. דערמיט, וואָס דער זיקאָרן נויט מיך, איך זאָל פון אָנפאנג פארשטעלן פון זיך דאָס נײַ־אופגעקומענע, איז ער אויסן ניט נאָר אופוועקן אין מיר די בענקשאפט, אז כ'זאָל ניט פארגעסן דעם אוועקגעגאנגענעם נעכטן, נאָר איך זאָל דורך דעם, ווײַזט אויס, טיפער און ברייטער דערזען און באנעמען דעם הײַנט. אזוי איז זיך באגאנגען מיט מיר דער זיקאָרן, בײַס מײַנע רײַזעס מיט פיל יאָר צוריק איבער די געוועזענע ייִדישע ייִשווים פון קרים, דערנאָכדעם מיט יאָרן שפעטער, איבער די געוועזענע ייִדישע שטעטלעך, און אזוי פירט ער זיך איצט אויך מיט מיר, פונקט איך זאָל געוועזן אראָפקומען אהער פאָרזעצן די ניט דערשריבענע סעריִע רײַזע־בילדער פון דער ניט־דערשריבענער געשיכטע: „ייִדישע איבערוואנדערער אפן קרימער סטעפ".

איך האָב זיך אָבער דאָס מאָל אראָפגעכאפט אהער פאָשעט זען זיך מיטן דאָרף, ווו כ'האָב אמאָל געוווינט, ווי איך כאפ זיך פון צײַט צו צײַט אראָפ אין מײַן געבורטשטאָט קאָוונע, אינעם שטעטל פון מײַן קינדהײַט — פאָגרעבישטשע, אין דער שטאָט פון מײַנע ייִנגלשע יאָרן — פאָלטאווע. אָבער איך ווער זיך ניט, איך לאָז דעם זיקאָרן אף א קורצער צײַט פארשטעלן פון מיר קראסנאָגווארדייסק און מיך ארומפירן איבער קורמאן.

איידער איך קום נאָך צו צו דעם נײַעם מויער אין אָנהייב פון דער ברייטער גאס, שטעלט אוף פאר מיר דער זיקאָרן בערנשטאמס פארשווונדן אײַנגעהויקערט שטיבל, וואָס איז יאָרנלאנג געווען א מין אכסאניע פאר די ייִדישע איבערוואנדערער פון די ארומיקע ייִשווים. איך האָב אויך ניט איינמאָל גענאָסן פון זײַן האכנאָסעס־אָרכים א טאָג, און צוויי, און דרײַ נאָכאנאנד, ווען די רעגנס פלעגן צעשווענקען דעם וועג ניט צו דערקלײַבן זיך אין קיין ייִשעוו — ניט צופוס, ניט רײַטנדיק.

אָנשטאָט די מאשינעס, וואָס טראָגן זיך אום הין און הער איבער די ברייטע אספאלטירטע גאסן, כאָטש פיר דאָ אײַן, ווי אין שטאָט, סוועטאָפאָרן, נויט מיך דער זיקאָרן, כ'זאָל דערזען פאר זיך די פארשווונדענע דורכפאָרנדיקע וועגענער און בעדארקעס און די געדיכטע וואָלקנס שטויב, וועלכע זיי לאָזן הינטער זיך. איך גיב נאָך דעם זיקאָרן, און אָנשטאָט צו פארקערעווען אף רעכטס און גיין מיט דער לאנגער גרינער גאס, וועלכע פירט צום ברייטן אספאלטירטן שאָסיי, פונוואנען עס גייט אָפ עטלעכע מאָל אין טאָג אן אויטאָבוס קיין ראטנשטאדט, ווי איך בין ביז איצט געוווינט צו רופן דאָס דאָרף קלימאָווע, — נעם איך זיך גאָר לינקס, לאָז זיך אהין, ווו אין סאמע סאָף גאס איז אמאָל געווען די נאפט־באזע. אין אזא זומערדיקן אינדערפרי, ווי הײַנט, האָט מען אין יענע יאָרן געקאָנט שטענדיק דאָרט טרעפן א קאָלווירטישן וואָגן, מיט וועלכן מע האָט פאר צוויי־

דריטהאלבן שאָ זיך דערקליבן אהיים. ווייס איך דאָך אָבער פון די פריִערדיקע מאָל, אז קיינער פאָרט שוין איצט ניט אהין אף וועגענער, ניט אף בעדארקעס. ס'איז שוין, דאכט זיך, בייכלאל ניט פארבליבן קיין זייכער פון וועגענער און בעדארקעס, פונקט ווי פון די שטערנשווייצער.

דער אופגעוואכטער זיקאָרן פירט מיט מיר אָט די שפּיל אויך נאָכדעם, ווען איך זיץ שוין אין אווטאָבוס, וואָס טראָגט זיך איבערן גלאטן אספאלטירטן שאָסיי, וועלכן עס באשיצן פון דער בלענדנדיקער זון הויכע, שלאנקע טאָפּאָלן. קילאָמעטער נאָך קילאָמעטער לויפן זיי נאָך דעם אווטאָבוס, און צוזאמען מיט זיי לויפן נאָך פון ביידע זײַטן שליאך סעדער און ווײַנגערטנער. דעם אספאלטירטן שאָסיי גייט דער דרויסן שוין איצט אינגאנצן ניט אָן, אים איז אלציינס, צי עס שײַנט די זון, צי עס גיסט א רעגן. ער לאכט פונלאנג זיך שוין אויס פון די רעגנס און בלאָטעס.

זיצנדיק אזוי באם אָפענעם פענצטערל פונעם אווטאָבוס, פארשטעלט פון מיר מיטאמאָל דער זיקאָרן די הויכע זון, דעם בלויען הימל, די פארבײַלויפנדיקע פעלדער, סעדער און ווײַנגערטנער, און איך דערזע פאר זיך יענעם לאנג פארגאנגענעם סאָף־הארבסטיקן פארנאכט, וואָס האָט מיך דאָ באגעגנט בא מײַן ערשטן אראָפּקומען אהער. איך זיץ אף א וואָגן, וואָס שפּרינגט איבער די הרודעס פארפרוירענע ערד שוין העכער א שאָ און אויסער נאקעטן סטעפּ און נאקעטן הימל זעט מען גאָר ניט. ביסלעכווײַז רוקט זיך אָן די נאכט. דער שווארצער הימל לאָזט זיך אראָפּ אלץ נידעריקער און נידעריקער, גיסט זיך צונויף מיטן סטעפּ. דער כווישעך ברענגט מיט זיך צו טראָגן דעם אומעט פון אן אמאָליקן שאבייסצונאכטס. צוזאמען מיטן ערשטן שטערן, וואָס האָט א פינקל געטאָן אינעם שווארצן הימל, האָבן א ווונק געטאָן אין דער נידער עטלעכע צעשאָטענע פײַערלעך, נאָר גלײַך ניט געוואָרן. ווען זיי האָבן אין א שטיקל צײַט ארום פונסנײַ זיך באוויזן און ארויס אונדז אנטקעגן, האָב איך בא זייער שײַן דערזען פאר זיך א ייִשעוו — צוויי לאנגע, היפּש דערווײַטערטע איינע פון דער אנדערער, גאסן אָן איין הייפל, אָן איין ביימל. נאקעטע הײַזער מיט טשערעפּיצענע דעכער. לעבן די לענגלעכע שטאלן צווישן ביידע גאסן האָט מען בא דער שײַן פון קעראָסינעווע האנט־לאמטערנס געדראָשן. באאָרטע ייִדן מיט פארשטויבטע אויגן און בערד האָבן זיך געייסעקט בא דער דרעשמאשין, און אין דער הייך אף דער סקירדע האָבן מיט היי־גאָפּלען אין די הענט זיך פרייִלעך געמאכט בא דער ארבעט יונגע באָכערים. דער ייִדיש, אף וועלכן מע האָט זיך דורכגערעדט, איז געווען א געמישטער — א סמאָלענסקער און א וויניצער. דער רייעך, וואָס דאָס פּראָסטיקע ווינטל האָט פארשלעפּט מיט זיך אהער פון די שטיבער, איז אויך געווען א געמישטער: א רייעך פון ראָשטשינע און געזײַערטע קאווענעס.

מיט וואָס האָט מען זיך פארענטפערט, פאר וואָס מע דרעשט אזוי שפּעט, ס'איז דאָך שוין באלד ווינטער, זאָגט זיך אָפּ דער זיקאָרן קומען מיר צוהילף. צי וויל ער מיר דערמיט ניט זאָגן, ווי פארגיט מען עס אזוינע פראגן מענטשן, וועלכע האָבן זיך נאָך רעכט ניט אויסגעלערנט שפּאנען א פערד, גיין נאָכן אקער, קאָנען נאָך אפילע רעכט ניט אונטערשיידן א זאנג ווייץ פון א זאנג גערשטן.

דעם אווטאָבוס גייט ניט אָן, וואָס איך פארהאלט זיך געדאנקלעך אפן צווייטן ערד־כיילעק פון יענער צײַט. אָבער ער ברענגט מיך אויך צום אלעם ערשטן אראָפּ אפן זעלבן צווייטן ערד־כיילעק, וואָס איצטער הייסט ער „וואָסכאָד" און איז דער צענטער פונעם קאָלווירט „ראָסיִא".

אין וועלכן פון די פינף ייִדישע ייִשוווים פונעם דעמלטיקן ייִדישן ראטנדאָרפער דאָרפסראט מע זאָל ניט געווען פאָרן פון קורמאן, האָט מען ניט געקאָנט אויסמײַדן דעם צווייטן ערדכיילעק, וועלכער ליגט אפן רעכטן מיטן וועג פון דער סטאנציע. איך בין דאָ אין יענע ווײַטע יאָרן, און אויך פיל שפּעטער, אָן א שיר מאָל געווען, האָב דאָ אלעמען געקענט. ניט געווען, דוכט מיר, די שטוב, ווו איך זאָל ניט זײַן. צי דען איז פון יענע הײַזער קיין זייכער ניט פארבליבן, וואָס איך דערקען ניט דעם ייִשעוו? „וואָסכאָד" איז גיכער ענלעך אף א ווינקל פון א שטאָטישן מיקראָראיאָן, איידער אף א דאָרף. איך סאָפּעק אָבער, צי עמעצער פון די פארבליבענע ייִדישע קאָלווירטניקעס איז אײַנגעגאנגען זיך אריבערקלײַבן פון זײַן אלטער ווײַס־געקאלכטער שטוב מיטן געדעקטן טשערעפּיצענעם דאך אין אָט די פיר־ און פינפשטאָקיקע מויערן מיט די באלקאָנען־לאָדזשיִעס, כאָטש מע האָט דאָ אלע ווילקײַטן, ווי אין א שטאָטישער דירע. מע הערט אָבער אוף פילן אין די דאָזיקע מויערן, אז מע וווינט אין דאָרף און ניט יעדערער קאָן דערוף אײַנגיין, ביפראט די קאָלווירטניקעס, וועלכע געהערן צו א דאָר, וואָס האָט אײַנגעזאפּט אין זיך דעם רייעך פונעם סטעפּ ניט פון קיין באלקאָנען, נאָר נאָכגייענדיק נאָכן אקער, זיצנדיק אף א לאָבאָגרייקע. בעפּיירעש. ווו זײַנען עס די הײַזער, אין וועלכע ס'האָבן געלעבט די אלטע איבערוואנדערער און לויט וואָס מע האָט נאָך פונדערווײַטן דערקענט א ייִדיש דאָרף? זיי באהאלטן זיך אויס הינטער די נײַע מויערן, צי זיי זײַנען פאר דער

צײַט אײַנגאַנצן פונדאַנען פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט זײערע באַלעבאַטים?

אַזוי צי אַנדערש, נאָר איך פיל קימאַט ניט, אַז איך בין אין אַ דאָרף. צי דען האָט פאַר די זעקס יאָר, וואָס איך בין דאָ ניט געווען, זיך אויך געביטן דער פערטער ייִשעוו — דאָס דאָרף קלימאָווע, — וווּהין איך האַלט דעם וועג, און כ'וועל עס אויך ניט דערקענען, ווי כ'האָב ניט דערקענט דעם צווייטן ייִשעוו — דאָס דאָרף „וואָסכאָד"?

ניין, קלימאָווע האָט ניט באַגעגנט דעם אויטאָבוס מיט הויכע הייבקראַנען און פיר־פינפ־שטאָקיקע מויערן. נאָר סײַווי דערקען איך דאָ גאָרניט. כ'זאָל זיך ניט געווען שעמען פאַר זיך אַליין, וואָלט איך זיך אָנגעפרעגט באַ די, וועלכע זײַנען צוזאַמען מיט מיר אַרויס פונעם אויטאָבוס, וויאַזוי הייסט דאָס דאָזיקע דאָרף. פאַר זיי האָב איך דאָך זיכער ניט וואָס זיך צו שעמען. קיינער פון זיי קען מיך ניט און קיינעם פון זיי קען איך ניט. און אויב עס געפינט זיך יאָ צווישן זיי עמעצער פון די אַמאָליקע איבערוואַנדערער, איז האָבן מיר זיך ביידע פאַר דער צײַט אַזוי געענדערט, אַז ס'איז אונדז ניט צו דערקענען. שעם איך זיך ניט און בעט באַ די אַרויסגעשטיגענע צוזאַמען מיט מיר פאַסאַזשירן, מע זאָל מיר אָנווײַזן די גאַס, אָף וועלכער איך האָב העכער אַ יאָר צײַט אַמאָל געלעבט. זײַנען אָבער די סימאָנים, וועלכע איך גיב אָן, קיין סימאָנים ניט, און די פריִערדיקע אַדרעסן: „די גאַס", „יענע גאַס", קיין אַדרעסן ניט, מאַכמעס עס זײַנען צוגעקומען נײַע גאַסן אי אין דער לענג, אי אין דער קווער, און יעדער גאַס האָט אַ נאָמען און יעדער הויף אַ נומער. הײַנט גיי דערקען אין דעם איצטיקן דאָרף קלימאָווע דעם געוועזענעם איבערוואַנדערישן ערד־קיילעך ראַטנשטאַט, אויב ער באַשטייט שוין מער ניט פון קיין צוויי דערווײַטערטע איינע פון דער אַנדערער גאַסן, און עס זײַנען פאַרשוווּנדן צווישן זיי די מילכיק־ווײַסע סילאָס־טורעמלעך, דער אַרטעזיאַנער ברונעם, די פערד־שטאַל... די ווײַטערדיקע סימאָנים, וועלכע איך גיב אָן, אַז אָף „מײַן" גאַס איז געווען די קראָם, דער קלוב, די שול, זײַנען, לאָזט זיך אויס, שוין אויך קיין סימאָנים ניט. אין דער איינשטאָקיקער געבײַדע פון דער שול מיט די עטלעכע ענגע צימערן איז איצט אַ שפאָרקאַסע און קורסן פאַר מעכאַניזאַטאָרן, און די שול, אָף וועלכער איך פרעג זיך נאָך, האָט זיך שוין לאַנג איבערגעקליבן אָף אַן אַנדער אָרט, אין אַ צווייִשטאָקיקן מויער מיט פיל־צאָליקע ליכטיקע קלאַסן. מיטן קלוב איז זיך אויך פאַרלאָפן דאָס זעלבע, ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַ נײַער געבײַדע און אָף אַן אַנדער פלאַץ, און האָט איצטער אַן אַנדערן נאָמען: קולטור־הויז.

איז לויט וועלכע סימאָנים לאָזט זיך פאָרט דערקענען אַ געוועזענער ייִדישער ייִשעוו? לויט די רויטע טשערעפיצענע דעכער? זעט מען זיי אָבער קימאַט אײַנגאַנצן ניט אַרויס. פון די הויך אַרומגעצאַמטע הויפן קוקן אַרויס צו דער גאַס צעוואַקסענע סעדער. און ווילנדיק ניט ווילנדיק גיט זיך מיר אַ שטעל אַוועק פאַר די אויגן די זעלבע גאַס, מיט וועלכער איך גיי, אַזאַ, ווי זי איז געווען, ווען איך האָב דאָ געוווינט און האָט זיך מיר פאַרהיט אין זיכּאָרן אָפן גאַנצן לעבן. ניין, זי האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעטיילט פון אַנדערע גאַסן אין די איבערוואַנדערישע ייִשעווים פון יענער צײַט. אָף דער גאַנצער גאַס, ווי לאַנג זי איז ניט, איז קיין איין שטוב ניט געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ פאַרקן. מע האָט ניט געדאַרפט עפענען קיין קאַליטקע און אָנקלאַפן צו יענעם אין דער טיר, די הײַזער זײַנען געשטאַנען אָפן. ס'האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז אין גאַנצן ייִשעוו, ווי גרויס ער זאָל ניט זײַן, וווינט איין מישפּאָכע, אַ גרויסע צונויפגעלעבטע מישפּאָכע. צי איז ניט פאַרלוירנגעגאַנגען אָט די קרוויוועשאַפט דורך דעם, וואָס די הײַזער האָבן זיך איצט אָפגעטיילט איינס פונעם אַנדערן מיט אַ פאַרקן און מיט אַ טויער?

פרעגנדיק עס זיך, דערזע איך ניט ווײַט פון מיר, ווי עס טוען זיך ברייט אַ צעעפן ביידע האַלבע טויערן פון אַ הויף און עס פאָרט פון דאָרט אַרויס אַ לײַכטע מאַשין. זי טראָגט זיך דורך פאַרבײַ און שטעלט זיך באַלד אָפ. דער מענטש, וואָס איז אַרויס פון דער „זשיגולי", לאָזט זיך האַסטיק גיין צו מיר מיט אויסגעשטרעקטע הענט. אין עטלעכע רגעס אַרום זײַנען מיר איינער באַם אַנדערן אין די אָרעמס און צעקושן זיך לויטן ייִדישן שטייגער — בלויז איין מאָל, נאָר לאַנג און הייס.

איך קוק אָפן וווּקסיקן קרעפטיקן מאַנצבל מיטן געדיכטן גראָ־ווערנדיקן קאָפ האָר און קאָן זיך נאָך אַלץ ניט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז כאַיִם פײַערשטיינס, מײַן אַמאָליקן שאָכנס ייִנגעלע, בערל.

2

קיין נײַס פאַר מיר איז עס ניט, אַז באָריס פײַערשטיין איז שוין אַ היפש ביסל יאָרן דער אָנפירער פון דער דריטער אָפטיילונג, ווי עס רופט זיך איצט אָפן קאָלווירטישן לאָשן דער דאָזיקער פערטער ערד־קיילעך, דאָס דאָרף קלימאָווע, וואָס לויטן פאַרנעם פון דער ווירטשאַפט איז עס איצט עפשער גרעסער פון אַלע פריִערדיקע פינף ייִדישע קאָלווירטן פונעם ראַטנדאָר־

פער דאָרפסראַט צוזאַמען גענומען. אויסער דעם, וואָס באָריס פײַערשטיין האָט צו טאָן מיט נײַן בריגאַדעס, דאַרף ער אויך דײַגעגען וועגן דעם קאָנסערוון־ און ווײַן־זאַוואָד. און כאָטש איך ווייס עס אַלץ פונעם פריִערדיקן מאָל, דאָך בין איך אין אַ פאַרלעגנהייט, וויִאַזוי זיך ווענדן צו אים: אַף „דו", צי אַף „איר", בלויז באַם נאָמען „באָריס", צי אויך באַם פאָטערנאָמען „יעפימאָוויטש". ער האָט זיכער באַמערקט מײַן פאַרלעגנהייט, באַמערקט, ווי איך שלינג אַראָפּ דעם „דו" און דעם „איר", דעם „באָריס" און דעם „יעפימאָוויטש", נאָר ער ווײַזט עס פאַר מיר מיט גאָרניט אַרויס.

דערציילן פײַערשטיינען, וואָס האָט מיך אַראָפּגעבראַכט היינט אַהער, דאַרף איך ניט. שוין דערפון אַליין, וויִאַזוי ער האָט מיך באַגעגנט, איז געווען צו זען, אַז איך בין ניט דער איינציקער גאַסט דאָ פון די אַמאָליקע היגע טוישווים, וואָס קומען שטילן אין זיך די בענקשאַפט, זען זיך מיט זייער פריִערדיקער היים, און אויב מע זאָל זיי ניט ווײַזן, ווו־אײַן און ווו־אויס, וועלן זיי אַליין גאָרניט דערקענען. כ׳וואָלט בעפּיירעש ניט דערקענט די שטוב, ווו כ׳האָב איבער אַ יאָר געהאַלטן קוואַרטיר, ווען איך ווייס ניט, אַז זי איז אין שכיינעס מיט זײַנע, מיט פײַערשטיינס.

איבעריקס קיין פרײַע צײַט אין די דאָזיקע פאַרמיטיק־שאָען, אַז ער זאָל מיך קאָנען אַרומפירן ווײַזן דעם דאָרף, האָט ער ניט. אַף אים וואַרטן נײַן בריגאַדעס און אומעטום מוז ער יעדן טאָג זײַן: אַפן פעלד, אַפן ווײַנגאָרטן, אין סאָד, אַף די פערמעס, בײַ די בויער, אַפן זאַוואָד, בײַ די מעכאַניזאַטאָרס, אין די וואַרשטאַטן... דעריבער וועט ער זיך מיט מיר דורכגיין איבערן דאָרף סאָף טאָג, ווען ער וועט זיך אַ ביסל באַפרײַען. איך זאָל אָבער, נאָכדעם ווי ער האָט מיך אַרײַנגעפירט צו זיך אין שטוב, ניט קלערן, אַז בלויז בײַ אים, ווײַל ער איז „אופּראַוולִיאַיושטשי", דער פאַרוואַלטער פון דער דריטער אָפּטיילונג, איז דורכגעפירט וואַסערלייטונג אין שטוב, אַז בלויז בײַ אים איז דער הויף אַספאַלטירט און דער סאָד — אַזאַ גרויסער און געדיכטער, פירט ער מיך אַרײַן אין אַ פּאָר שכיינעסדיקע הויפן און העלפט מיר דערבײַ זיך דערמאָנען, ווער פון די איבערוואַנדערער האָט דאָ פריִער געוווינט. בין איך אָבער ניט זיכער, צי דער ייִדישער קאָלווירטניק, וואָס האָט דאָ פריִער געלעבט און זיך ניט צוריקגעקערט פון דער עוואַקואַציע, וואָלט דערקענט איצט די אייגענע שטוב. און ווי וואָלט ער געקאָנט זי דערקענען, אויב די שטוב זײַנע איז אָן דעם גרויסן רוסישן אויוון, וועלכן מע פלעגט הייצן מיט שטרוי און קורײַ, אָן אַ האַנטפּאַס זיך אײַנצוּוואַשן, אָן אַ שטאָל אַף צו האַלטן אַ בעהיימע, אָן אַ שטעלעכל פאַר די אויפעס? נאָר ער טרעפט דאָ אַלץ ווי אין אַ וווּיל־אײַנגעאָרדנטער שטאָטישער דירע: וואַסערלייטונג, גאַז, אַ טעלעוויזאָר, ביכער אין דער שאַפע. בײַ דער דרויסנדיקער אַרײַנגאַנגס־טיר איז ניטאָ די אײַזערנע „סקאָבע", אָן וועלכער מע פלעגט אָפּשאָבן פון די שיך און שטיוול די קלעפּיקע בלאָטע מיט די פאַרקנאָטענע אין איר שטרויעלעך און פּאָלאָווע. ווו בלאָטע, ווען בלאָטע, אַז ניט נאָר די גאַס און די טראָטואַרן זײַנען אַספאַלטירט, נאָר אויך די הויפן. דער פריִערדיקער באַלעבאָס פון דער שטוב וואָלט זיכער אויסגעשטאַרצט די אויגן, ניט אָנגעהויבן באַנעמען — פונוואַנען קומען אַהער אָט דער ברייט צעוואַקסענער סאָד, אָט די הויכע, צעצווײַגטע ביימער, געדיכט באַהאַנגענע מיט עפּל, באַרן, פלוימען?.. אין זײַנערצײַט איז אַפן גאַנצן ייִשעוו עפּשער געווען אַ צענדליק ביימלעך, דאַרינקע, נידעריקע ביימלעך. און וויִאַזוי האָבן אונטער דער הייסער דאָרעמדיקער זון געקאָנט וואַקסן ביימער, אויב אַפן גאַנצן דאָרף איז געווען בלויז איין אַרטעזיִאַנער ברונעם, און געפּאָמפּעט האָט מען פון דער טיף דאָס וואַסער אַ שוואַכינק מאָטאָרל? צײַטנווײַז האָט אויסגעפעלט וואַסער צום טרינקען, איז ווי האָט מען געקאָנט האָבן אין זינען די עטלעכע פאַרפּלאַנצטע ביימער? איצט אָבער, ווען דער זעלבער סטעפּ, וואָס האָט געלעכצט נאָך אַ טראָפּן וואַסער, פאַרכלינעט זיך אַזש פון די דניעפּער־וואַסערן אין קאַנאַל, געדענקט שוין קימאַט קיינער ניט, ווי געהייליקט ס׳איז דאָ געווען יעדער טראָפּן וואַסער.

אָנטרעפנדיק אין איינעם פון די הויפן אַ הויכע ווערבע מיט לאַנגע, נידעריק אַראָפּגעהאַנגענע צווײַגן, ווי זי זאָל וואַקסן בײַ אַ טײַך, אַף וועלכער איך פלעג אין דער קינדהייט זיך פאַרקלײַבן קאַיאָר מיטן עלטערן ברודערל אָנרײַסן הוישאַנעס און האַנדלען דערנאָכדעם מיט זיי אינעם באַלאָטינקער בעסמעדרעש.

— אויב איר זײַנט ניט מיד און האָט כיישעק, — רופט זיך אָן, זיצנדיק שוין אין דער מאַשין, באָריס פײַערשטיין, — איז קאָנט איר זיך דורכפאָרן מיט מיר אַ קוק טאָן, וויִאַזוי זעט איצט אויס די צעלינאַ, וועלכע ס׳האָבן דאָ אופגעהויבן די ערשטע ייִדישע איבערוואַנדערער. מײַן טאַטע, אָלעווהאַשאָלעם, איז אַפן דאָזיקן ייִשעוו אויך געווען צווישן די ערשטע.

— נו, און אויסער אײַך, — טו איך אַ פרעג פײַערשטיינען, ווען מיר פאָרן שוין היפּש אָפּ, — און די עטלעכע ייִדישע מישפּאָכעס, וואָס וווינען דאָ, געדענקט נאָך עמעצער, ווער האָט דאָ אופגעהויבן די צעלינאַ, וואָס איז געווען האַרט ווי אַ שטיין און ווילד פאַרוואַקסן מיט שטעכלקעס און קורײַ, און אַז געאַקערט האָט מען זי

ניט מיט טראַקטאָרס, נאָר מיד נאָכגעשלעפּט זיך נאָך די צוגעשטאַנענע פערדלעך? און אַז די, וואָס האָבן אויסגעבויט דאָ די ערשטע הײַזער, האָבן פריִער זיך גענוג אָנגעפרוירן ווינטער אין די ערדשטיבלעך און זומער זיך געשטיקט פון היץ אין די ברעזענטענע בײַדלעך, פירנדיק מילכאָמעס מיט די מאַכנעס פליגן און אינזעקטן, וואָס האָבן ביז בלוט צעגעסן דאָס לײַב? ווייסט וועגן דעם נאָך עמעצער, אויסער אײַך? דערמאָנט עס דאָ ווען־ניט־איז עמעצער, אויסער אײַך?

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אים האָט אַ ביסל פאַרכידעשט, וואָס איך פרעג אים וועגן דעם. איך בין דאָך, דאַכט זיך, ניט פון די געסט, וועלכע נייטיקן זיך, מע זאָל זיי דאָ איטלעכע זאַך דערקלערן און פאַרטײַטשן. פאַראַן זאַכן, וואָס אַ געוועזענער היגער טוישעוו, ווי איך, מעג סאָפּקאָלסאָף אַליין פאַרשטיין, ביפּראַט, אַז איך בין דאָ ניט אַזאַ זעלטענער גאַסט. און עפּשער האָט גאָר עפּעס אַנדערש באַטײַט זײַן שווײַגן, ס'הייסט, ס'איז ניט אַזאַ פראַגע, אויף וועלכער ער קאָן גלײַך ענטפערן, ער דאַרף זיך פריִער דערין גוט אַרײַנטראַכטן.

שטער איך אים ניט. נאָר ווען די מאַשין הערט אויף צו לויפן אַזוי מעסוקענערווײַז, און פאַרבײַ דעם אָפענעם פענצטערל טראָגן זיך ניט דורך שוין אַזוי געשווינד די ווײַט אוועקגײיענדיקע צום האָריזאָנט צײַטיקע פרוכט־סעדער, ווו דיביימער זײַנען אויסגעשטעלט אין אַ קאַרע, ווי סאָלדאַטן אויף אַ פּאַראַד, רוף איך זיך אָן צו פײַערשטיינען, אַז כ'וואָלט פונדעסטוועגן וועלן הערן, וואָס האָט ער מיר דערויף צו ענטפערן, כאָטש מיר האָט אויף דער זעלבער פראַגע מיט פיל יאָר צוריק געהאַט געענטפערט מײַן אַלטער באַקאַנטער עליע יעהודין.

— כ'קאָן אײַך אָן ערעך זאָגן, וואָס האָט ער אײַך אויף דעם געענטפערט.

— דעהײַנע? — ווערט מיר טשיקאַווע.

— דאָס זעלבע, וואָס איך קאָן אײַך דערויף ענטפערן אַצינדער: שוין אין דעם אַליין, וואָס איך בין דאָס ווי פילטע יאָר דאָ דער אָנפירער פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג, האָט איר דעם ענטפער, ווײַל ס'איז ניטאָ בײַ אונדז דאָ דער מענטש, וועלכער זאָל ניט וויסן, אַז איך בין פון די ערשטע ייִדישע איבערוואַנדערער, און אַז קיינער קאָן אַזוי גוט ניט דעם סטעפּ ווי דער, וואָס האָט זיך מיט אים געייסעקט, ווען ער איז נאָך געווען אינגאַנצן אַ ווילד־פאַרוואַקסענער, און אַז ביז דער ייִדישער איבערוואַנדערער האָט דערלעבט פון אים אַ ביסל נאַכעס, האָט ער זיך גענוג אָנגעבידעוועט, געהאַט פון אים אויסצושטיין אי קאַלטס, אי וואַרעמס, — פײַערשטיין האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג פון דער מאַשין. — איך קאָן זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט גלײַכן צו מײַן טאַטן, אָדער צו עמעצן אַן אַנדערן פון די אַלטע איבערוואַנדערער. איך האָב טאַקע באַוויזן נאָך פאַרזוכן דעם טאַם פון אַ זעמליאַנקע און פון אַ זומער־בײַדל, אָבער נאָכן אַקער, ווי מײַן טאַטע, בין איך ניט געגאַנגען און אויף קיין לאָבאָגרייקע אויך ניט געזעסן. איך בין סאַכאַקל אַלט געווען, ווען מע האָט מיך אַראָפּגעבראַכט אַהער, אויפן סטעפּ, בײַ פיר יאָר. איך בין אָבער אויסגעוואַקסן דאָ. און דאָס האָט, ווי איר פאַרשטייט אַליין, עפּעס־וואָס צו זאָגן. און טאַקע דערפאַר, ווײַל מע ווייסט דאָ, וואָס איז אַזוינס אַן אַלטער ייִדישער איבערוואַנדערער, איז מען צוגעשטאַנען צו מיר, אַז כ'זאָל זיך שיידן מיט דער שול, אין וועלכער, ווי איר געדענקט, כ'האָב זיך אַמאָל געלערנט און וווּ כ'האָב נאָכן פאַרענדיקן דעם סימפעראָפּאָלער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַ היפּש ביסל יאָר אונטערריכטעט פיזיק און מאַטעמאַטיק, און זיך פאַרנעמען מיטן סטעפּ, אָנפירן מיט דער דריטער אָפּטיילונג, וועלכע איז, ווי איר האָט געקאָנט באַמערקן, ניט צו פאַרגלײַכן מיט דעם, וואָס דאָ איז געווען אין די פריִערדיקע יאָרן. די צײַט איז איצט אַן אַנדערע און דער פאַרנעם איז איצט אַן אַנדערער.

— יאָ, איר האָט דאָך מיר אָבער, — טו איך אים אַ דערמאָן, — געוואָלט זאָגן, וואָס עס האָט אויף דער זעלבער פראַגע מיר געהאַט געענטפערט עליע יעהודין.

פײַערשטיין באַהאַלט ניט אויס פון מיר, אַז אים ווונדערט, וויִאַזוי האָב איך ביכלאַל געקאָנט פאַרגעבן יעהודינען אַזאַ פראַגע:

— כ'ווייס ניט, צי ווײַט איר באַגעגענען אין אונדזערע קרימער קאָלווירטן און סאָווירטן כאָטש איינעם, וואָס זאָל ניט געווען הערן וועגן עליע יעהודינען און ער זאָל דערבײַ ניט וויסן, אַז איליאַ אַבראַמאָוויטש איז פון די סאַמע ערשטע איבערוואַנדערער אויפן קרימער סטעפּ. ער איז געקומען אַהער מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק, אינעם זעלבן יאָר, וואָס מיר זײַנען געקומען. מיר האָבן זיך געשטעלט בויען דעם דאָזיקן ייִשעוו, דעם פערטן ערד־ביילעק, הייסט עס, און זיי — דעם ערשטן, ס'איז אַ קילאָמעטער פינף־זעקס פונדאַנען. דער ערשטער ייִשעוו, וווּ עליע יעהודין איז נאָכדעם געוואָרן דער פאָרזיצער פונעם דאָרטיקן קאָלווירט, איז איצט אויך אַן אָפּטיילונג פון אונדזער קאָל־ווירט „ראָסיִא".

באַם סאַמע ראַנד פונעם שאָסיי האָט באָריס אָפּגעשטעלט די מאַשין, און מיר זײַנען אוועק מיטן שטויביקן אָנגעפּאָרענעם שטעג צו די ווײַנגערטנער.

— איר ווײַט פרעגן, — האָט פײַערשטיין פאָרגעזעצט, שפּאַנענדיק בײַ דער זײַט מיט האַרטע פעסטע טריט, — און ווי איז אין די

קאָלווירטן, אין וועלכע קיינער פון אונדז, פון די אַלטע איבערוואַנדערער, איז ניט פאַרבליבן? צי דערמאָנט מען דאָרט אונדז? איז ערשטנס, גלייב איך ניט, אַז בײַ אונדז זאָלן זײַן אַ סך אַזעלכע קאָלווירטן, און צווייטנס, האָבן די ייִדישע איבערוואַנדערער זיך אָפּגעשטעלט באַם לעבן אַזאַ דענקמאָל אַפן סטעפּ, אַז ער זעט זיך פון אומעטום אָן. דאָס זײַנען די ווײַנגערטנער. יאָ, דאָס האָבן מיר, די ייִדישע איבערוואַנדערער, די ערשטע פאַרפלאַנצט אַפן סטעפּ ווײַנגערטנער אין דער צײַט, ווען די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אַפן זעלבן סטעפּ מיט ווייפל יאָרהונדערטער צוריק, איז גאָר קיינמאָל אַפן זינען ניט אַרויף, אַז אויך אַפן סטעפּ, פּונקט ווי אַפן דאָרעם־ברעג פון קרים, קאָן מען פלאַנצן ווײַנגערטנער.

מיטאַמאָל האָט פײַערשטיין זיך אָפּגעשטעלט און פאַרקערעוועט צוריק צו דער מאַשין:

— כ'האָב גאָר פאַרגעסן, אַז עס וואַרטן אַף מיר אין סאָד די בריגאַדירן אָלגאַ קוזשעלעוואַ און מיכל שקאָלניקאָוו. אים דאַרפט איר קענען. ווייפל כ'האָב זיך אָבער ניט צוגעקוקט צו דעם העכערן פון מיטעלן וווּקס מאַנצבל מיטן אָפּגעברוינטן געזיכט און ליכטיקע אויגן, האָט ער מיר נאָך אַלץ אויסגעזען אומבאַקאַנט. וואַרט איך, ער זאָל מיר העלפן זיך דערמאָנען. לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט זיך באַזעצט אַפן דאָזיקן ייִשעוו, ווען איך בין שוין דאָ ניט געווען קיין טוישעוו, נאָר פלעג אַראָפּפאָרן אַהער פון צײַט צו צײַט צוגאַסט, און כוץ אַלעם, איז ער נאָך דעמלט געווען אַ קינד.

— איך בין נאָך דעמלט געווען אין דעם עלטער, ווען מע קריכט צו יענעם אין סאָד גאַנווענען עפּל.

— אײַך איז עס אויסגעקומען?

— ס'איז דאָך ניט געווען אווו. אַפן גאַנצן דאָרף — קיין איין סעדל און קיין איין פאַרקנדל אַפילע. הער, — האָט מיכל זיך געווענדט צו פײַערשטיינען, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון אָלגע קוזשעלעוועס בריגאַדע, — קאָנסט מיר ניט זאָגן, ווען מענס אײַנפאַל איז עס געווען, אַז מע זאָל פאַרפלאַנצן אָן עפּלבוים סאַמע באַם פאַרקן?

— בײַ וועלכן פאַרקן? — קוקט פײַערשטיין אים אָן פאַרכידעשט.

— האָסט ניט באַמערקט, אַז שיר ניט פון יעדן הויף בײַ אונדז הענגען אַראָפּ איבערן טראָטואַר אַ צווייג־דרײַ צווײַגן? די עפּל קריכן אַליין דיר אין מויל. קלוג צוגעטראַכט. מע האָט דאָך דערמיט אָפּגעווינט דאָס קליינוואַרג קריכן צו יענעם אין סאָד, אָפּגענומען בײַ די קינדער אַזאַ פאַרגעניגן! אָן עפּל, אַז מע רײַסט אים אָפּ ביגנייווע אין אַ פרעמדן גאָרטן, האָט ער עפּעס גאָר אָן אַנדער טאַם. ווי זאָגסטו, באָריס, האַ? — דערבײַ דעקט מיכל אָפּ די ראָגאָזשע פון אַ הויכן גרויסן קאַסטן און איז אונדז מעכאַבעד מיט ווײַניקע עפּל, וואָס האָבן נאָך פאַרהיט אין זיך די פרישע קילקײַט פונעם פרימאָרגנדיקן טוי.

— איר פאַרלויפט אונדז דעם וועג, מיר זאָלן זיך ניט אַרײַנגאַנווענען אין סאָד?

— און וואָס מיינט איר, — ענטפערט שקאָלניקאָוו און באַמיט זיך דערבײַ אויסבאַהאַלטן פון מיר דעם שמייכל זײַנעם, — דערמיט, וואָס מיר האָבן ניט אַרומגעצאַמט דעם קאָלווירטישן סאָד אונדזערן מיט אַ פאַרקן, האָבן מיר אָפּגענומען באַם קליינוואַרג דעם כיישעק צו קריכן אַהער. עס גייט אונדז, מיינט איר, אינעם קילאָ צי אינעם צענטנער עפּל? עס גייט אין פיל וויכטיקערס. באָריס יעפימאָוויטש איז געווען אַ לערער, ער קאָן אײַך זאָגן, אין וואָס דאָ גייט. נו, און איצט פאַרזוכט אָן עפּל פון דעם דאָזיקן קאַסטן. יענץ איז געווען אַ נאַפּאָלעאָן און דער איז אַ שאַפראַן. און וואָס האָבן מיר אין דעם קאַסטן? — טוט ער בײַ זיך אַ פרעג און ענטפערט זיך גלײַך: — אַהאַ, סימערענקאָ.

זיך וווּנדערן, וואָס אַ בריגאַדיר פון אַ סאָד, וועלכער איז די גרויס פון אַ וואַלד, — ניט מע זעט קיין אָנהייב, ניט מע זעט קיין סאָף, — רעדט וועגן דיביימער ווי וועגן לעבעדיקע וועזנס, רופט אָן בײַ די נעמען אַלע סאָרטן פייערעס, וואָס דאָ וואַקסן, איז געוויס ניטאָ וואָס. אָבער דאָך! נו, פונוואַנען קומט צו דעם דאָזיקן מענטשן אָט די פאַרליבטקײַט זײַנע אינעם גאָרטן, אָט די היסלײַוועס זײַנע, מיט וועלכער ער דערציילט וועגן אים? פון זײַן טאַטן און זיידן האָט ער דאָך זיכער ניט געקאָנט ירשענען. וויאַזוי האָבן זיי געקאָנט זיך פאַרנעמען מיט סעדער, אויב אין שטעטל איז אַפילע אַביימל ניט געווען בעניִמצע. זייער גאַנצע טוירע אין הילכעס גערטנערײַ איז, מיסטאַמע, באַשטאַנען אין דעם, אַז אייץ איז אַ בוים און טאַפּואַך אָן עפּל, בייס בײַ זייער יוירעש, בײַ מיכל שקאָלניקאָוון, איז אייץ ניט סתּם אַ בוים און טאַפּואַך ניט סתּם אָן עפּל, זיי האָבן אויך נעמען, שיינע קלינגעוודיקע נעמען, וועלכע מיכל זינגט זיי אַרויס מיט עפּעס אַ באַזונדער מין פאַרגעניגן. שײַעך צו פרעגן אַ פאַרליבטן מענטשן, פאַרוואָס איז ער פאַרליבט... איז פרעג איך אים ניט.

מעגלעך, ער איז עפּשער גערעכט, באָריס פײַערשטיין, וואָס יעדעס מאָל, וועגן וואָס ער זאָל ניט פאַרפירן קיין רייד, גיט ער גלײַך צו: „בײַ אונדז אַף דער דריטער אָפּטיילונג". דאָס וויל ער מיך דערמיט, אָפּאָנעם, אויסהיטן פון אַ נײַעם פעלער, וואָס איך קאָן ווידער דערלאָזן. נאָר ווער פון די אַמאָליקע ראַטנשטאַדטער אַף מײַן אָרט וואָלט ניט געמאַכט דעם

זעלבן פעלער, וואָס איך, און וואָלט זיך ניט גענומען פאַרגלײַכן די אַשירעס פון קלימאָווע מיט דער אַשירעס פון אַלע פינף געוועזענע ייִדישע קאָלווירטן צוזאַמענגענומענע פונעם געוועזענעם ייִדישן ראַטנדאָרפער דאָרפסראַט, בײַ דאָס איז גאָרניט צו פאַרגלײַכן? מיט אָט דעם געבן איטלעכס מאָל א כאַזער איבער „באַ אונדז אף דער דריטער אָפּטיילונג” איז פײַערשטיין אויך אויסן מיר אונטערזאָגן, אַז קלימאָווע איז בלויז א נײַנטכיילעק, צי אַן אכטכיילעק פון זייער קאָלווירט, און אַז בלויז אין אַזעלכע גרויסע פאַרייניקטע קאָלווירטן ווי זייער „ראָסיִא”, ווי אינעם שכײנעסדיקן קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאפט”, קאָן מען זען אַזאַ רײַכע ווירטשאַפט, דערגרייכן אַזעלכע הויכע גערעטעניש. אַלציינס אָבער: וווהין פײַערשטיין זאָל מיך ניט פירן און וואָס ער זאָל מיר ניט באַווײַזן — די פעלדער, די סעדער, די ווײַנגערטנער, וועלכע ס'איז מיטן אויג ניט ארומצוכאַפּן, דעם ווײַן־ און קאָנסערוון־זאַוואָד, ווו מע קאָן שיר ניט פאַרבלאָנדזשעט ווערן, די פּי אינעם זאַהאָן, וועלכע ס'איז ניט איבערצוציילן, די מעסוקן לאַנגע שטאַלן מיט די פאַנאַנדערגעהאַנגענע גלעזערנע רערן, דורך וועלכע עס פליסט אָנגעמעלקטע שוימיקע מילך ניט אין עמערס, נאָר אין גרויסע הויכע קעסלען, דעם גרויסן, טיפן ווײַנקעלער, וווהין מע פאָרט ארײַן אף לאַסטמאַשינעס, די וואַרשטאַטן, די טראַקטאָרן און קאָמבײַנען, וואָס שטײַגן, דאַכט מיר, אריבער די צאָל, וואָס איז געווען אין דער אמאָליקער ראַיאָנער קורמאַנער עמטעס, — איז גייט מיר סײַווי אומעטום נאָך דער פּערטער ייִשעוו ראַטנשטאַדט. ער טרעט פון מיר ניט אָפּ אפילע אויך נאָכדעם, ווי מיר זײַנען ניט געײַלט, ווי דאָס פאַרלאַנגט דער זיקאָרן, זיך דורכגעגאַנגען איבער די עטלעכע צימערן אין דער אַלטער געבײַדע פון דער ביז גאָר ניט לאַנג צוריק נאָך זיבניאָריקער שול און האָבן פון דאָרט פאַרקערעוועט צו דער שכײנעסדיקער נײַ־אויסגעבויטער צווייגאָרנדיקער געבײַדע פון דער פולער מיטלשול מיט אירע ליכטיקע אויסגעשטאַטע קלאַסן און לאַבאָראַטאָריעס. ראַטנשטאַדט איז מיר נאָכגעגאַנגען פּוסטריט אויך איבער די פּילצאָליקע געראַמע צימערן פון דעם קולטור־הויז, וואָס איז פון דרויסן און נאָך מער אינווייניק ענלעך אף א פּאַלאַץ. ניט יעדער שטאָטישער טעאַטער פאַרמאָגט אַזאַ בינע, אַזאַ צושויער־זאַל, און ניט אין יעדן שטאָטישן קולטור־הויז זײַנען די ווענט באַהאַנגען מיט אַזויפיל בילדער, און דאָס גלאָז אין די שויבן איז אַזוי פאַרשיידנפאַרביק...

און אויב צו דעם אַלעם ווייס איך נאָך, אַז א קאָלווירטניק האָט פון לאַנג שוין ניט צו טאָן מיט קיין אַרבעטסטעג, אף וועלכע ער פלעגט ניט זעלטן גאָר ווינציק באַקומען, — אפילע קיין מאָזשאַרע שטרוי פאַר דער קו, נאָר ער קריגט, ווי דער שטאָטישער אַרבעטער, א געזיכערטן לוין; און אויב איך ווייס אויך, אַז אפילע אין די הייסע זומער־כאַדאָשים דויערט קימאַט באַ אַלעמען דער אַרבעטסטאָג אין דאָרף, פּונקט ווי אין שטאָט, אַכט שאָ, און אַז מיט דער צײַט וועט דער קאָלווירטניק אָנשטאָט איין רו־טאָג אין וואָך, ווי ס'איז איצטער, אויך האָבן צוויי רו־טעג, — איז וואָס האָב איך אַנדערס וואָס צו ענטפערן פײַערשטיינען, ווען ער טוט מיך א פרעג, מער אפּן וווּנק, צי זע איך דעם מעהאַלעך, וואָס ראַטנשטאַדט האָט דורכגעמאַכט פאַר דער צײַט, וואָס איך בין דאָ ניט געווען, אויסער דעם איין־און־איינציקן ענטפער, אַז מע זאָל אויך אף ווײַטער געפּרוּווט ווערן נאָר צו דעם, צו וואָס מע וויל געווינט ווערן.

— און אונדזערע עלטערן, אפילע שוין אין די גוטע יאָרן, ווען אונדזער קאָלווירט האָט געהייסן, ווי ס'איז געווען דאַן אָנגענומען צו רופן די פאַרגעשריטענע קאָלווירטן, א באָלשעוויסטישער, און די קאָלווירטניקעס — פאַרמעגלעכע, האָבן אָבער ניט ווייניק דעמלט פאַרזוכט נאָך פון דעם, וועגן וואָס ס'איז אָנגענומען צו זאָגן: אַז מע זאָל בעסער ניט געפּרוּווט ווערן צו דעם, צו וואָס מע קאָן געווינט ווערן, ווי, אַשטייגער, אָט דאָס ניט האָבן קיין ביימל, ווו צו אויסבאַהאַלטן זיך פון דער זון און קיין סימען פון א טראָטואַר, אַז מע זאָל נאָך א רעגן ניט דאַרפן בראָדזשען ביז איבער די קני אין דער בלאָטע.

— איר געדענקט דאָך מיסטאַמע, ווו עס האָט געשפּילט דער דעמלטיקער קרימער ייִדישער קאָלווירטישער טעאַטער, ווען ער פלעגט אראָפּפאָרן אַהער? מע האָט צוליב דעם אויסגערײַניקט די שטאַל. —און אָפּוועגנדיק די אויגן אָן א זײַט, האָט פײַערשטיין שטיל ארויסגעבראַכט, — איצט, ווען ס'איז דאָ, וווהין אראָפּצוברענגען א ייִדישן טעאַטער, איז שוין דאָ אָבער ניטאָ פאַר וועמען אים אראָפּצוברענגען...

און כאָטש פײַערשטיין, האָט נאָכאַמאָל מיר איבערגעכאַזערט באַ די נעמען די היי־פאַרבליבענע קאָלווירטניקעס פון די אמאָליקע איבערוואַנדערער, דאָך פרעג איך אים איבער:

— טאַקע פּונקט צען? ניט מער?

— פונוואַנען זאָלן זײַן מער? — און ניט אַזוי פאַר מיר, ווי פאַר זיך אַליין, מאַכט ער דעם כעזשבן, וויפל זייערע קאָלווירטניקעס זײַנען געפאַלן אין שלאַכט, וויפל האָבן אומגעבראַכט די פאַשיסטן, — ארויסגעפירט אַלעמען, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו דער צײַט זיך עוואַקויִרן, קיין דזשאַנקוי און דאָרטן זיי דערשאָסן צוזאַמען מיט די קאָלווירטניקעס פון אַנדערע ייִדישע ערד־כאַלאָקים, — וויפל האָבן זיך ניט

אומגעקערט צוריק אהער פון דער עוואקואציע, געבליבן לעבן אין די ערטער, וווהין זיי זײַנען ארויסגעפאָרן מילכאָמע־צײַט.

— יאָ, — רוף איך זיך צו אים אָן, — איך געדענק אָבער, אז בייס איך בין אינגיכן נאָך דער מילכאָמע ארומגעפאָרן איבער די ייִדישע ייִשוּווים פון קרים, — און אזוי טאקע האָט געהייסן די סעריע רײַזע־בילדער, וואָס איך האָב דעמלט פארעפנטלעכט אין דער צײַטונג „איינִיקײַט”, — האָב איך קימאט אומעטום, ווו כ'בין געוועזן, בעסויכעם אויך דאָ, אין ראטנשטאדט, געהאט געטראָפן א היפש ביסל ייִדישע מישפאָכעס. עמעס, די קאָלוווירטן זײַנען שוין דעמלט ניט געווען און ניט געקאָנט שוין זײַן, ווי פריִער, אינגאנצן קיין ייִדישע. אָבער די מערהײַט קאָלוווירטניקעס אין זיי זײַנען געווען פון די אלטע איבערוואנדערער, און אומעטום האָט מען, ווי פאר דער מילכאָמע, נאָך גערעדט ייִדיש, אפילע אָף די פארזאמלונגען.

אויסגעהערט עס, גיט ער מיך א פרעג:

— וויפל איז שוין אָבער פון דעמלט דורך? די, וועלכע איר האָט דאַן געטראָפן אין די ייִשוּווים, זײַנען דאָך איצט שוין עלטערע מענטשן. איר אליין, אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, האָט דעמלט אויך אויסגעזען א קאפּעלע ייִנגער. קיין גראָוון קאָפּ האָר, ווי מיר געדענקט זיך, האָט איר נאָך דעמלט ניט געהאט.

— איך פארשטיי, אז מענטשן עלטערן זיך. און פאר דער מילכאָמע האָבן מענטשן זיך דען ניט געעלטערט?

— איר ווילט, זע איך, וויסן, צי זײַנען ניט געווען אויך קיין אנדערע סיבעס, פארוואָס דאָס ביסל ייִדן, וואָס האָט זיך צונויפגעזאמלט נאָך דער מילכאָמע צוריק אָף די ייִשוּווים, האָט מיט דער צײַט זיי פארלאָזט און ארויסגעפאָרן אין שטאָט? יאָ, געווען. ס'איז א סאך וועגן דעם צו ריידן. ניט אלץ לאָזט זיך אזוי פּאָשעט באנעמען. און וואָס איז ביכלאל פאראן וועגן דעם איצט צו ריידן, — ער האָט א קוק געטאָן אפן זייגער. — אָהאָ, שוין נאָך צוועלף, די צײַט פון מיטיק. ס'איז ניט די פריִערדיקע יאָרן, ווען מע פלעגט זומער־לעבן טאָגן און נעכטיקן אין פעלד, און וואָס האָט מען אנדערש געזאָלט טאָן? ס'איז בא אונדז איצט ווי אָף א זאוואָד: פיר שאָ אָפּגעארבעט — אַן איבערײַס אָף ווארמעס, און ווידער פיר שאָ געארבעט. עמעס, בא אונדז דויערט דער ווארמעס־איבערײַס צוויי שאָ. איז ענדיקט מען דערפאר די ארבעט אָף א שאָ שפּעטער. — און מיט א שטים, ניט צו דערקענען זי: — איר וועט מיר מוזן אנטשולדיקן, וואָס איך פארבעט אײַך ניט אָף ווארמעס צו זיך. בא מיר האָט ניט לאנג צוריק געטראָפן אן אומגליק, דאָס ווײַב איז געשטאָרבן. איך שפּײַז זיך איצט אין דער קאָלוווירטישער סטאָלאָווקע.

ס'איז ניט ווײַט פונדאנען. דרײַ טריט. נאָר איך וועל איצט אהין ניט גיין. איך מוז זיך אפריִער ארײַנכאפּן אין קאָנטאָר. — ער האָט ווידער א קוק געטאָן אפן זייגערל: — א פערטל אָף איינס. האלב דרײַ ווארט איך דאָ לעבן דער קאָנטאָר אָף אײַך. איך פיל, אז איר ווילט זיך זען אויך מיט די איבעריקע דערפער פון אונדזער אמאָליקן ראטנדאָרפער דאָרפסראט, איז וועלן מיר זיך דורכפאָרן אהין.

פון וועמען, פון וועמען, נאָר פון כאַיִם פײַערשטיינס זון, פון באָריסן, וועמען איך קען, ווען ער איז נאָך קיין נײַן יאָר ניט אלט געווען און אים געהאט גערופן בערעלע, האָב איך דאָך זיכער ניט וואָס אויסצובאהאלטן, אז אין דעם ארומפאָרן אָף א מאשין איבער אן אספּאלטירטן שאָסיי פיל איך ניט יענעם טאָם, וואָס כ'פלעג פילן, בייסן ארומפאָרן איבער די ייִשוּווים מיט די ווייכע דאָרפישע וועגן און אָף א געוויינלעכער בעדארקע.

שטעלט ער מיך אָפּ און פארהיט מיך דערמיט פון נאָך איין טאָעס, וואָס איך האָב שיר ניט געהאט.

— כ'ווייס ניט, ווי איז אָף אנדערע אמאָליקע ייִשוּווים, נאָר בא מיר האָט זיך פארהיט א בעדארקע. כ'שפּאַן זי צומאָל אײַן, ווען איך דארף צופאָרן ניט ווײַט אין פעלד. און צומאָל, ווען ס'כאפּט מיך אָן א בענקשאפט, אָט ווי אלעמען אײַך, וועלכע קומען אהער אראָפּ אָף צוויי־דרײַ טעג צוגאסט אין זייער פריִערדיקער היים. צופאָרן וועלן מיר מיט אײַך אָף דער בעדארקע בלויז אפן דריטן ייִשעוו, ווײַל אהינצו האָט, אויסער דעם אספּאלטירטן וועג פון רעכטס, זיך אויך פארהיט דער אמאָליקער ווייכער שטויביקער וועג, מיט וועלכן עס פאָרט שוין איצט קימאט קיינער ניט. איז דערריידן מיר זיך, הייסט עס, אז האלב דרײַ ווארט איך אָף אײַך דאָ, לעבן דעם קולטור־הויז, ווו ס'געפינט זיך אונדזער קאנצעליאריע.

3

כאָטש מיר שטייט פאָר צו דערזען און דערפילן דעם סטעפּ ניט דורכן פענצטערל פון א יאָגנדיקער מאשין, נאָר זיצנדיק אין א בעדארקע, וואָס יעדעס ברעטל, געדענקט זיך מיר פון אמאָל נאָך, איז דורכגעזאפּט מיטן דופט פון סטעפּ, דאָך ווארט איך איבער די צײַט ביז האלב דרײַ דעם זייגער ניט אין דאָרף, נאָר ווײַט אויסערן דאָרף. כ'האָב ניט דערווארט, אז איך וועל דארפן אָפּגיין אזא מעהאלעך, ביז כ'וועל דערפילן דעם מיר גוט באקאנטן אָטעם פונעם סטעפּ, דעם אָטעם, וועלכער טראָגט אין זיך דעם אראָמאט פון אלע געוויקסן, אויסגעמישט מיטן באזונדערן רייעך פון דער זומערדיקער זון. כ'האָב זיך ניט געריכט, אז איך

וועל דארפן אזוי לאנג ווארטן, ביז איך וועל
אופכאפּן אינעם שטויב דעם ווארעמען גערוך
פון א דורכגייענדיקער טשערעדע און פון פאר־
נאנדערגעשאָטענעם היי, וואָס עס האָט נאָך זיך
איבערגעלאָזט א דורכגעפאָרענע ארבע. קודם
אָבער האָב איך עס אלץ דערפילט אין זיך, האָט
זיך פון מיר אָפּגעטאָן די באטאָגיקע היץ, די
מידקײַט און כ׳וואָלט געקאָנט גיין אזוי און גיין
אלץ ווײַטער און ווײַטער, פון איין ייִשעוו אין
צווייטן, ניט דורכלאָזנדיק קיין איינעם פון זיי
און ניט פארפעלנדיק קיין איין שטוב אין א
ייִשעוו.

צי ניט וועגן דעם זעלבן טראכט אצינדער
באָריס פּײַערשטיין, זיצנדיק לעבן מיר אף דער
בעדארקע, אז ער וואָלט אויך געוואָלט, אָט ווי
איך, פאָרן זיך אזוי און פאָרן מיט די פארגע־
סענע שטויביקע וועגן איבער די אמאָליקע ייִדי־
שע ייִשווּוים, צעזייטע און צעשפּרייטע אפן
קרימער סטעפּ. איך פיל אין זײַן שווײַגן, אז
אים מאטערט אויך, פּונקט ווי מיר, די אלטע
נײַע קאשע: פארוואָס? פארוואָס, אז מע האָט
דערלעבט צו דעם, ווען מע ווערט געוווינט
דערצו, צו וואָס מע זאָל יאָ געפּרווּוט ווערן,
זײַנען צווישן זיי אזוי ווייניק פארבליבן פון די,
וועלכע זײַנען דאָ געפּרווּוט געוואָרן צו דעם,
צו וואָס מע זאָל ניט געוווינט ווערן.

דאָס אײַנגעשפּאנטע פערדל, וואָס איז גע־
וווינט צו דעם הארטן נאקעטן אספאלט, איז
ביז גאָר צופרידן, וואָס מע לאָזט אים זיך דורכ־
לויפן איבער דער ווייכער שטויביקער ערד. עס
קאָן זיך אָבער ניט דערווארטן, מע הערט עס
פון זײַן פארשקען, אז מע זאָל כאָטש אף א
רעגע זיך אָפּשטעלן, ס׳זאָל קאָנען אליין א צופּ
טאָן א גרעזל און ניט מע זאָל עס אים אונטער־
טראָגן, ווי מע טראָגט אלץ אונטער די טשע־
רעדעס קי אינעם ארומגעצאמטן זאהאָן, וועלכע
ווייסן שוין ניט, וואָס איז אזוינס זיך פּאשען
אף א לאָנקע...

פונדעסטוועגן, ווי דאָרט זאָל ניט זײַן, האָב
איך פּאָרט דורכגעמאכט אלע פיר צײַטן פון
יאָר אפן היגן סטעפּ און קאָן אונטערשיידן א
זאנג ווייץ פון א זאנג גערשטן. נייטיק איך זיך
ניט, זעלבסטפארשטענדלעך, אז מע זאָל זיך
מיט מיר באגיין, ווי מיט א דורכויס שטאָטישן
מענטשן, וועמען מע דארף איטלעכע זאך בא־
ווײַזן און איטלעכע זאך דערקלערן, פארלויף
איך באָריסן דעם וועג מיט מײַנע מעווינעס
וועגן די אופגעאקערטע פעלדער שווארצן פּאר,
וואָס גיבן א לויף אָן אונדז אנטקעגן. אין דעם,
ווי פאָרזיכטיק, כ׳זאָל זיך, כאָלילע, ניט באליי־
דיקן, דער פארוואלטער פון דער דריטער אָפּ־
טיילונג, ווײַזט מיר אָן אפן נײַעם טאָעס, וואָס
איך האָב, דערפילט מען אין אים גלײַך דעם
לערער:

— דאָס איז זיאב, פּריר־ערד. וועגן שווארצן
פּאר האָבן מיר דאָ שוין לאנג פארגעסן. ווער
לאָזט עס הײַנטיקע צײַטן, אז אפילע א האל־
בער העקטאר ערד זאָל א גאנצן זומער פּוסטע־
ווען, פּראווען דאטשע. דרײַ מאָל פאָרן זומער
פארזייען מיר דאָס פעלד און נעמען דרײַ מאָל
אראָפּ א גערעטעניש. מיר קאָרמענען זי גענוג
אָן, די ערד, מיט כימיקאטן און פּאָיען זי גע־
נוג אָן פון קאנאל מיט די וואסערן פונעם דניע־
פּער, אז זי מעג אונדז דערפאר דינען. מיר
פארגעסן ניט דערבײַ, פארשטייט זיך, אז די
ערד איז אָן איבערקלײַבערן, אז מיט איין און
דעם זעלבן טאָר מען זי ניט פארזייען...

ווי כ׳זאָל זיך וועלן באררעכטיקן פארן גראָבן
טאָעס, וואָס איך האָב געהאט באם ארויסשטעלן
זיך מיט מײַנע היפּש פארעלטערטע קענטענישן
וועגן דער הײַנטצײַטיקער לאנדווירטשאפט, טו
איך א זאָג האלב אין שפּאס:

— מע וועט, מיסטאמע, מיט דער צײַט זיך
אויך אנטזאָגן פון זיאב.

ענטפערט ער מיר דערויף, אָן א סימען פון
שפּאס:

— אלץ קאָן זײַן. ווער קאָן וויסן, וואָס עס
דערווארט אונדז אין דער צוקונפט?.. מע טאָר
אָבער ניט פארגעסן, — גיט ער גלײַך צו, — אז
די ערד איז ניט קיין טויטע באשעפעניש, וואָס
מע קאָן דערמיט טאָן, וואָס מע וויל. די ערד
האָט אויך א שטיקל דייע, זי איז פונדעסטוועגן
נאָך אויך א שטיקל באלעבאָסטע איבער זיך.

אלץ ענדערט זיך, אלץ בײַט זיך, נאָר דער
גאנג פון די ענדערונגען בלײַבט מיט עפּעס
פּאָרט אומעטום דער זעלבער, און זאָגן זאָגט
עס מיר אונטער דער דריטער ייִשעוו, ווי נאָר
מיר זײַנען אהין ארײַנגעפאָרן. אָט פּונקט ווי
ס׳האָבן אין די פריִערדיקע יאָרן זיך קימאט
מיט גאָרניט אויסגעטיילט צווישן זיך די
איבערוואנדערישע ערד־כאלאָקים — אין יעדן
ייִשעוו צו צוויי גאסן און אינמיטן, לעבן דעם
קאָלווירטישן הויף און טאָק, צוויי ליכטיקע
סילאָס־טורעמלעך, — אזוי טיילן זיך קימאט
מיט גאָרניט אויס צווישן זיך די זעלבע, אָבער
ביז צום ניט דערקענען, געוועזענע ייִדישע
דערפער: אומעטום נײַע צוגעקומענע גאסן, הויך
ארומגעצאמטע הויפן מיט טויערן, אספאלטיר־
טע טראָטוארן, לענגויס די טראָטוארן — קלומ־
בעס קווייטן... קיין מינדסטער סימען, דאכט
מיר, לויט וועלכן ס׳זאָל זיך לאָזן דערקענען
דער אמאָליקער דריטער ערד־כיילעק, ווו אף
„דער“ גאס האָבן געוווינט די נאָרווילער, אף
„יענער“ — די הרעטשיטשער. מיט דער צײַט
האָבן די געוועזענע נאָרווילער שנײַדערס און
שוסטערס דערמאָנט אין ווּקס און אין גווּרע
די געוועזענע הרעטשיטשער פליטנטרײַבער

און באַלעגאַלעס, וועלכע האָבן, שפּילנדיק, גע־
קאָנט פאַרלענדן אַן אָקס באַ די הערנער...

באַם סאַמע אַרײַנפאָר אַהער פון ראַטנשטאַדט איז געשטאַנען לײַבע דעם מאָטאָריסטס שטוב. די שטוב איז דאָ, ווי אַלע הײַזער, אַרומגע־וואַקסן מיט אַ הויכן פּאַרקן און געדיכטן סאָד. לײַבע מינושקין איז אָבער ניטאָ, און מאָניע, זײַן שטענדיק לאַכנדיק ייִנגל מיטן קלײַנדיקן פּענעמל, איז אויך ניטאָ. בײדע זײַנען זײ צו־זאַמען מיט פיל אַנדערע טאַטעס און זין פון די קרימער ייִדישע קאָלווירטן געפאַלן אין שלאַכט אָף די סעוואַסטאָפּאָליער גאַסן; ס'זײַנען ניטאָ שוין די גיבוירים סאַפּאָזשניקאָווס בעראָש מיטן פּעטער מיכל; ניטאָ אויך הירשענקע צירולני־קאָוו מיט די בלויע קינדערשע אויגן, וואָס האָט, דאַכט זיך, אַ דעמב געקאָנט אַרויסרײַסן מיטן וואָרצל; ס'איז דאָ קײנער ניט פאַרבליבן פון די ווײַבער, וועלכע פלעגן טאָג־אײַן, טאָג־אויס קומען צו ריווע מענושקינע אַהײם דורכלאָזן די פריש אָנגעמעלקטע מילך דורכן ספּעפּאַראַ־טאָר; ניטאָ רעב זאַלמען פּערצאָווסקי, וואָס האָט געהאַט סמיכעס אָף ראַבאָנעס און איז פלוצעם גע־וואָרן אַ בוכהאַלטער, און, שאָקלענדיק זיך אין דער קאָלווירטישער קאַנטאָר איבער די בוכ־האַלטערשע ביכער, שטיל אונטערגעזונגען זיך מיט אַ געמאָרע־ניגון: „פון כאַסלאַוויטש קײן ליבאַוויטש“... ניטאָ שוין אויך די קלוגע, מילד־דע, האַרציקע לערערן כײַקעלע גאָלדפאַרב, אין וועמען אַלע, פון קלײן ביז גרויס, זײַנען געווען פאַרליבט, גרײט געווען טראָגן זי אָף די הענט.

צוריק קײן קלימאָווע קערן מיר זיך אום שוין מיטן הײַנטצײַטיקן אַספאַלטירטן וועג. אַזויאַרום פאָרן מיר אַרײַן צוריק אינעם הײַנט.

— כ'האָב מוירע, אַז איך וועל, ווי פּאַריקס מאָל, ווען איר זײַנט דאָ געווען צוגאַסט, ווי־דער אַרײַנכאַפּן אַ כײלעק פון אונדזער אַנאַ־טאָלי סאָפערפינען, לעמײַ איך האָב אײַך איבער־געכאַפּט און אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן באַ זיך. אַנאַטאָלי איז פּונקט ווי דער טאַטע זײַנער, אָלעוו האַשאָלעם, בענציע. די מיצווע פון האַכ־נאָסעס־אָרכים, אַזוי, דאַכט זיך, זאָגט מען עס אָף ייִדיש, טרעט ער אויך קײנעם ניט אָפּ, ווען עס קומט אַהער אַראָפּ צוגאַסט אַ קוק טאָן אָף דער געוועזענער הײם זײַנער, עמעצער פון די אַמאָליקע ראַטנשטאַדטער. נאָר איר האָט זיך ניט וואָס צו אײַלן. שפּעטער פון אַנאַטאָלי באָ־ריסאָוויטשן קערט זיך באַ אונדז קײנער ניט אום פון דער אַרבעט. פאַר סאָפערפינען גילט ניט, מער נאָך ווי פאַר מיר, קײן נאָרמירטער אַרבעטסטאָג, פון אַזױפיל ביז אַזױפיל. ווי איך בין ניט פאַרנומען, דאָך קאָן איך זיך צו אים ניט גלײַכן. איך האָב צו טאָן בלויז מיט אײן אָפּטײלונג, און ער מיטן גאַנצן קאָלווירט, מיט באַוואַסערן די פעלדער מיט די גערטנער און סעדער פון אַלע נײַן אָפּטײלונגען. דאָס כאַפּט באַ אַ פופציק קילאָמעטער. איר האָט נאָך ניט פאַרגעסן, ווו ער וווינט? מעגלעך, אַז כ'וועל פון אָוונט זיך אַרײַנכאַפּן צו אײַך צוזאַמען מיט וואָראָבײטשיקן דעם דאָקטער. ער איז, ווי איר געדענקט, דאָך אויך פון די אַלטע איבערוואַנ־דערער.

4

פאַר די זעקס יאָר, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, איז דער הויפּט־הידראָטעכניקער פונעם קאָלווירט אַנאַטאָלי סאָפערפין, זיך נאָך מער צעוואַקסן אין דער הײך און אין דער ברײט, ווי ער זאָל זיך קלײַבן אָניאָגן אין וווּקס די בײמער באַ זיך אין סאָד. ער האָט אַריבערגע־יאָגט אין וווּקס אי דעם טאַטן, אי די פּעטערס זײַנע, אַלײהעם האַשאָלעם, וועלכע האָבן ביזן קאָלווירט געהאַט צו טאָן מיט קאַצאָוועס און בײס דער מילכאָמע מיט ביקסן. פון דער מוטער זײַנער, וועלכע זיצט דערבײַ אונטער אַ צע־צווײַגטן עפּלבוים און רעדט זיך דורך, ווי מיט אַ דערוואַקסענעם, מיט איר דריטהאַלבניאָריקן אורײניקל, האָט דער זון אירער געיאַרשנט דעם ליכטיקן גוטמוטיקן פּאָנעם, דעם ליבן שמײכל אין די אויגן און די האַרציקע האַכנאָסעס־אָר־כימדיקע שטים.

— אַפּאָנעם, אַז דאָס וואַסער פון קאַנאַל, פון וועלכן איר מאַכט רעגנס, איז אַ סגולע צום וואַקסן ניט נאָר פאַר די בײמער...

שמײכלט ער, און דאָס ווײַבל זײַנס, סימע די בוכהאַלטערשע, שטײט ניט אָפּ פונעם מאַן, שמײכלט אויך, און צוזאַמען מיט זײ שמײכ־לען, דוכט זיך, די דורכזיכטיקע עפּל און געלב־לעכע באַרן אָף די בײמער אין סעדל, די גינ־גאָלדענע דיניעס און געשטרײַפטע קאַוועגעס אין גערטנדל. אַלץ אַרום איז דאָ אָנגעשטעקט מיט דעם ליכטיקן גוטמוטיקן שמײכל פון די באַלעבאַטים, פון אַנאַטאָלין און סימען, וועמען, ווי מיר געדענקט זיך, זײערע טאַטעס, בענציע סאָפערפין און זאַלמען מאַזשאַרסקי, זײ צו לענ־גערע יאָר, האָבן אַראָפּגעבראַכט אַהער, ווען זײ זײַנען געווען ברעקלעך קינדער, נאָך אין שול ניט געגאַנגען און וויסן ניט פון קײן אַנ־דער הײם, אויסער ווי דעם סטעפּ. און וואָס קאָן זײַן ליבער און טײַערער, ווי די ערד, ווו ס'איז דורך די קינדהײַט, די יוגנט, און ווו מע איז מיט מאַזל פריִ געוואָרן אַ זײדע און אַ באָבע.

— נו, — רופט זיך אָן אַנאַטאָלי, באַטראַכטנ־דיק מיך דערבײַ מיט זײַנע טיף־אַרײַנגעזעצטע אָנקוועלנדיקע אויגן, — לאָמיר אײַך אָנקוקן. שײַעך. פאַר דער צײַט, וואָס איר זײַנט באַ אונדז ניט געווען, זײַנען מיר אַלע געוואָרן אָף

זעקס יאָר עלטער, ניט ייִנגער. ווי זאָגט איר? איז ווו האָט אײַך אונדזער אופּראַוווליאַיושטשי הײַנט ארומגעפירט? מײַן ווירטשאפט האָט ער אײַך באוויזן, כ׳מיין, הייסט עס, דעם קאנאל און וויאַזוי די מאשינעס באוואסערן די פעלדער און גערטנער?

— ניין, — ענטפער איך אים, — ער האָט עס איבערגעלאָזט פאר אײַך. ער וויל ניט, זאָגט ער, אָפּנעמען בא אײַך די דאָזיקע מיצווע.

— פון ווען אָן איז ער עס מיטאמאָל געוואָרן אזא צאדיק? נו, גוט. וועל איך מאָרגן באגינען אײַנשפּאנען מײַן „וואָלגע" און אײַך פירן באווײַזן מײַן באלעבאטישקײַט — דעם קאנאל און ווי עס רעגענען די „דאָזשדעוויקעס". שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען ניט דער קאנאל. איר ווייסט, ווען מיר האָבן האיאָר געהאט דעם ערשטן רעגן? שוין קימאט נאָכן שניט, דעם דרײַצנטן יול. און פונדעסטוועגן איז בא אונדז נישקאָשע פון א גערעטעניש. אין די פריערדיקע צײַטן, ווען ס׳איז נאָך ניט געווען דער קאנאל און ראטנשטאדט איז נאָך געווען א קאָלווירט פאר זיך, ווי אלע איבעריקע ייִשובֿים, וואָלט עס געהייסן א גוטע גערעטעניש. און וואָס האָט ער אײַך דערציילט וועגן זיך? דעם נומער פון אונדזער טיראזשקע „וואָסכאָד", ווו מע לויבט אים, האָט ער אײַך געוויזן? כ׳וועל זי אײַך באלד געבן. זי דארף בא מיר ליגן ערגעץ אויבנוף.

צי ווײַל צווישן די כאָשעווע מענטשן פונעם אינטערנאציאָנאלן קאָלווירט „ראָסיאַ", וואָס ווערן אויסגערעכנט אינעם אָפּגעדרוקטן צעטל, האָב איך אויך באגעגנט באקאנטע נעמען פון איבערוואנדערער פון די אמאָליקע ייִדישע קאָלווירטן, צי דערפאר, וואָס איך האָב, ווי דאָס האָט מיט מיר שוין הײַנט ניט איין מאָל געטראָפן, אף א ווײַלע פארגעסן, אז איך בין אין קלימאָווע און ניט אין ראטנשטאדט, אזוי צי אנדערש, נאָר אין דער ערשטער רעגע, ווען כ׳האָב דערזען די טיראזשקע, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז באנאנד מיט די רוסישע אויסיעס זע איך אויך ייִדישע אויסיעס, ווי דאָס איז געווען אף די שטעמפּלען פון די ייִדישע קאָלווירטן און דאָרפראטן.

— טאָליע, — רופט זיך אָן פון דער קיך סימע, וועלכע אייסעקט זיך דאָרט מיט צוגרייטן די וועטשערע, — רײַס אָן א פּאָר פרישע אוגערקעלעך מיט פּאָמידאָרן און א קאַוון.

דערהערט, אז די באָבע שיקט דעם זיידן אין גערטנדל, פארגעסט דאָס אייניקל אין די הינט, מיט וועלכע ער האָט זיך געשפּילט, און יאָגט אָן דעם אָנקוועלנדיקן זיידן.

— אָט ער, קאָן מען זאָגן אף זיכער, — גיט סופערפין א ווײַז אָן אפן אייניקל, וועלכער קוקט זיך צו אלצדינג צו און פרעגט זיך פאַנאַנדער וועגן איטלעכער זאך, וואָס ער דערזעט אינעם גערטנדל, — אָט ער וועט, ווי איך, ווי זײַן פאָטער, אויך דעם סטעפּ ניט פארלאָזן. דאָס וועט שוין זײַן דער פערטער דאָר פון די סופערפינס, וואָס וועט אויך האָבן צו טאָן מיטן סטעפּ, זײַן א כלעבאָראָב. ניין, ניין, סעריאָזשענקע, — רופט ער זיך אָן צום אייניקל, — דעם דאָזיקן קאַוון טאָר מען נאָך ניט טשעפּען, ער דארף נאָך איבערנעכטיקן, און אָט דעם־אָ קאַוון, זעסטו, כאָטש ער איז ניט אזא גרויסער, וועלן מיר נעמען אף וועטשערע, ווײַל טאָמער לאָזן מיר אים איבער, קאָן ער פאר דער נאכט איבערברענען. — און דאָס דריטהאלבניאָריק אייניקל פאָלגט נאָך נאָכן זיידן: לייגט צו דאָס אויערל צו די קאַוונס און קלאַפּט זיי אויס מיט די פינגערלעך, ווי א רופע דעם כוילע.

וויאַזוי מע פלעגט אין די פריערדיקע יאָרן זיך ניט אָנהאָרעווען פארן טאָג, פון קאיאָר ביז אָוונט, אף די ווײַנגערטנער און בוימוואָלפעלדער, אף די פערמעס און פערדשטאלן, נאָכדעם אין שטוב בא דער אייגענער שטיקל באלעבאטישקײַט — מעלקן די בעהיימעס, דורכלאָזן די מילך דורכן סעפּאראטאָר, צוקלײַבן אין שטאל, ברענגען צו פירן וואסער פונעם ארטעזיאַנער ברונעם, פארקנעטן א דייזשע טייג, אָנרײַסן קורײַ אף צו הייצן, און אנדערע ארבעטן, — דאָך האָט קיינער זיך ניט געײַלט מאכן פרי נאכט. מע פלעגט זיך אויסזעצן בא די שטיבער, זיך אָנעטעמען נאָך דער באטאָגיקער היץ מיטן פרישן אָוונטיקן ווינטל, וואָס האָט מיטגעבראכט מיט זיך דעם זיסלעך־ווײַניקן רייעך פונעם סטעפּ, און זיך צוהערן צו דעם איבערופן זיך פון די גרילן אינעם הויכן גראָז. איצט, ווען אויסער די מעכאניזאטאָרן, פארהאלט זיך קימאט קיינער ניט, אפילע אין רעכטן מיטן זומער, מער פון אכט שאָ אף דער ארבעט, און אין שטוב האָט מען שוין אייגנטלעך באלד אינגאנצן ניט צו טאָן מיט דעם, וואָס דעמלט, איז דאָך פאראן, דאכט זיך, א ביסל מער פרײַערע צײַט פאר זיך? פונדעסטוועגן וועט איצטער זעלטן ווער זיך אוועקזעצן גלאט אין דער וועלט ארײַן קוויקן זיך מיטן אָנקומענדיקן אָוונט, זיך צוהערן צום גרילצן פון די באנאכטיקע זינגער אין סטעפּ. אין יעדער שטוב איז דאָ א טעלעוויזאָר. זיצט מען אָפּ ביז טיף אין דער נאכט באם עקראַן.

סעריאָזשענקע ווייסט עס. דערמאָנט ער וועגן דעם דער באָבען מיטן זיידן. מוז שוין די עלטערבאָבע פייגע עפּעס צוטראכטן, אז דאָס אורייניקל זאָל כאָטש אף א שטיקל צײַט פארגעסן אינעם טעלעוויזאָר. זי קערט אים אום צוריק דעם האמער, מיט וועלכן ער האָט זיך פריער געשפּילט און וועלכן זי האָט בא אים מאמעש מיט גוואלד גענומען אָפּגענומען.

זיצן מיר זאַלבעפערט אַף דער פרישער לופט אַרום דעם אָנגעשניטענעם קאַוון און זעצן פאָר דעם שמועס, וואָס מיר האָבן געפירט אין שטוב באַם אָוונטברויט, אַריבערשפּרינגענדיק ווידער פון איינס אַפן צווייטן.

וואָס־וואָס, נאָר אַז אַנאַטאָלי סופערפין, וועלכער איז אַ באַלעבאָס פון אַזאַ גרויסער שיינער שטוב, פון אַזאַ געדיכטן סאָד, פון אַזאַ געראָטענעם גאָרטן באַ דער שטוב, זאָל נעמען און אַ זאָג טאָן, בעשאַס ס'איז געקומען צו רייד וועגן די נײַ־אָנגעבויטע פיר־ און פינפשטאָקיקע הײַזער אַפן צענטראַלן באַצירק, אינעם דאָרף „וואָסכאָד", און אויך אַפן צענטראַלן, אינעם קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט", אַז ער וואָלט מיט פאַרגעניגן זיך אַריבערגעקליבן אין אַזאַ הויז, — איז פאַר מיר געווען אינגאַנצן אומדערוואַרט.

— איך זע אײַך וווּנדערט עס, — מאַכט ער צו מיר, — ווי קומט, הייסט עס, אַז אַן אַלטער קאָלווירטניק, וואָס איז געוווינט לעבן אָפּגעזונדערט, אָן שכיינים, האָט אַן אייגענעם קעלער, אַ בוידעם און אַלעס איבעריקע, וואָס אַ קאָלווירטניק דאַרף האָבן אין שטוב, זאָל קריגן כיישעק זיך אַריבערקלײַבן אין אַ שטאָטישער דירע, ווו ער האָט ניט אָט דאָס אַלץ? נאָר צו וואָס דאַרף אָט דאָס אַלץ דער הײַנטיקער קאָלווירטניק? ער איז דאָך, פאַרגעסט ניט, שוין פון לאַנג ניט דער, וואָס פריִער. דער הײַנטיקער קאָלווירטניק האָט ניט צו טאָן מיט קיין אַרבעטסטעג, באַקומט פאַר זײַן אַרבעט געלט, און פאַר געלט קאָן ער קויפן אין קלייט אַלץ, וואָס ער באַדאַרף. אין די נײַע הײַזער דאַרף מען ווינטער ניט קלערן וועגן קוילן, הייצן די הרובעס, ס'איז שטענדיק דאָ הייסע וואַסער, אַ וואַנע, אַלץ ווי אין שטאָט.

— אויב אַזוי, — פאַלט אים אַרײַן אין די רייד דאָס ווײַבל זײַנס, פונקט ווי זי זאָל עס צום ערשטן מאָל פון אים הערן, — אויב איך דאַרף אַלץ גיין אײַנקויפן אין קלייט, איז וואָס פאַר אַ קאָלווירטניצע בין איך, וואָס פאַר אַ זין האָט דעמלט צו לעבן אין דאָרף? גלײַכער אַרויספאָרן אין שטאָט.

— אָט דאָס זעסטו איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. ווען יעדערער זאָל געווען טראַכטן בלויז וועגן זיך, ווו ס'וועט אים זײַן בעסער, איז ווער וואָלט עס פאַרלאָזט די שטאָט מיט אַלע אירע גוטע זיבן זאַכן און געפאָרן, לאָמיר זאָגן, אַף דער צעלינאַ, אַפן „באַם", אויסשטיין דאָרט די ערשטע צײַט ניט ווינציקער, וויפל עס זײַנען דאָ אויסגעשטאַנען אונדזערע טאַטעס און מאַמעס די ערשטע יאָרן. און כוץ אַלעם, האָב איך פּאָשעט ליב די ערד־אַרבעט. איך בין דאָך אויך, ווי כ'האָב דאָ איינמאָל געהערט זאָגן וועגן זיך אונדזערן אַן אַלטן איבערוואַנדערער, אַ פויער בען פויער, און דאָס האָט, פאַרשטייט איר מיך, אַ סאַך וואָס צו זאָגן. אָבער מיר שיידן זיך מיט עפּעס אויך אונטער פון אונדזערע טאַטעס, ווי עס שיידט זיך אונטער די צײַט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און אין וועלכער מיר לעבן. כ'וועל אײַך ברענגען אַ קליינעם בײַשפּיל.

נאָר דאָס, וואָס אַנאַטאָלי דערציילט מיר, נעמענדיק די מאַמע זײַנע דערבײַ פאַר אַן איידעס, זי זאָל, הייסט עס, באַשטעטיקן, אַז ער טרײַבט גאָר ניט איבער, אַז ס'איז ווירקלעך פאָרגעקומען אַזוי ווי ער דערציילט, איז פאַר מיר אייגנטלעך ניט קיין נײַס, כאָטש איך האָב שוין דאָ דעמלט ניט געוווינט. איך בין אָבער בײַגעווען באַ דער זעלבער געשעעניש אַף אַנדערע יישוּווים און געדענק, וואָס ס'האָט זיך דעמלט אָפּגעטאָן, ווען אָנשטאָט צוויי קי האָט מען דערלויבט האַלטן נאָר צו איינע. איך בין אָבער ניט בײַגעווען, ווען אין יאָרן אַרום נאָך דער מילכאָמע האָט מען אפילע קיין קעלבל ניט געהאַלטן.

— איצט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מע האָט צוגעײַלט אַ ביסל! — שטעלט זיך אַרײַן סימע. — ס'איז אַ ביזאָיען פאַר זיך אַליין, אַז אַ פויער זאָל דאַרפן גיין אין קראָם קויפן פאַר זיך אַ ליטער מילך, אַ שטיקל קעז, פּוטער, פאָרן אין דזשאַנקוי אַפן מאַרק קויפן פלייש... וויפל אָבער מע טײַנעט ניט אײַן מיט אונדזער אוילעם, מע זאָל זיך אײַנשאַפן אַ בעהיימע, געפינען זיך עפּעס דערווײַל ניט איבעריקס קיין באַלאָנים. ערשטנס, האָט מען ניט ווו צו האַלטן, מע האָט פון לאַנג שוין איבערגעבויט די שטאַלן. ווער ס'האָט פאַרוואַנדלט די שטאַל אין אַ גאַראַזש, ווער אין אַ סקלאַד, אָדער געמאַכט פון אים אַ פּאָר צוגעבויטע צימערן צו דער שטוב. צווייטנס, האָט מען זיך אײַ אָפּגעוווינט, אײַ עס לוינט ניט זיך אייסעקן מיט אַ קו. ס'איז ניט אַמאָל, ווען מע האָט געמוזט, ווײַל מע האָט ניט געהאַט דעם קאַרב, מיט וואָס צו גיין אין מאַרק. און ניט בלויז דאָס...

— מאַלע וואָס עס לוינט ניט, — שטעלט זי אָפּ דער מאַן, — ניט שטענדיק, סימע, טוט מען בלויז דאָס, וואָס סע לוינט דיר. די, וואָס זײַנען געפאָרן בויען דעם „באַם", געלעבט דאָרט אין בײַדלעך און ערדשטיבלעך, האָט עס, מיינסטו, געלוינט? מע איז ניט געפאָרן אַהינצו מאַכן געלט, נאָר ווײַל דער מענטש לעבט ניט נאָר פאַר זיך און צוליב זיך. ניט דיר, סימע, דאַרף איך דאָך דערציילן. וואָס וואָלט אויסגעשפּילט די שטאָט, ווען דער דאָרפסמענטש הערט אויף קויפן אין די קראָמען, באַ דער מעלוכע, הייסט עס, מילכיקס און פליישיקס, נאָר הייבט אַן צוביסלעכווײַז אפילע אַליין פאַרקויפן? די זאַך איז דאָ אָבער ניט אין דעם, צי דעם קאָלווירטניק לוינט עס צי ניט. ס'איז פּאָשעט שווער זיך

צוריק צוגעוווינען צו דעם, פון וואָס מע האָט זיך אָפּגעוווינט. געוווינהייטן זײַנען, ווי וואָרצלען באַם בוים.

ס'האָבן זיך מיטאַמאָל צעבילט ביידע הינט. אין א רגע ארום האָבן זיך אָפּגערופן די הינט פון די שכיינעסדיקע הויפן.

— פאַר דער מילכאָמע, — טו איך א זאָג און נעם אויך פייגען פאַר אַן אײדעס, כאָטש דער זון מיט דער שנור געדענקען עס מיסטאָמע אַליין, — איז אפן גאַנצן ייִשעוו געווען בלויז איין הונט. כ'געדענק נאָר ניט, וויאַזוי האָט מען אים גערופן.

— פאַלקאַן, — זאָגט מיר אונטער פייגע און גיט דערביי צו: — געווען א ייִדישער הונט, אַלעמענס און קיינעמס ניט.

— און איצטער איז באַ אײַך, דאַכט זיך, ניטאָ דער הויף, ווו ס'זאָלן ניט זײַן קיין הינט.

— דערפאַר איז אָבער דעמלט, ווי מיר שײַנט, — רופט זיך אָן מיטן שטענדיקן שמייכל זײַנעם אנאטאָלי סופּערפין, — ניט געווען דאָ באַ אונדז די שטוב, ווו מע זאָל ניט האָבן געהאַלטן קיין קאַץ. צײַטן בײַטן זיך. אַנו, שטיל זאָל זײַן! — האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַף די צוויי הינט, וואָס האָבן זיך ווידער צעבילט, ווען ס'האָט א סקריפּע געטאָן די קאַליטקע און ס'איז אַרײַנגעקומען באָריס פּײַערשטיין.

— באַ דיר אַרבעט ניט דער טעלעפאָן, וואָס וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט זיך ניט געקאָנט צו דיר דערקלינגען? איך האָב זיך אויך ניט געקאָנט צו דיר דערקלינגען. די גאַנצע צײַט פאַרנומען. קריוואָראָטאָוו רופט צונויף אַף מאָרגן אײַנדערפרי א זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג. דאַרפן מיר מאָרגן צו אַכט אײַנדערפרי זײַן אַפן צענטראַלן. ווער האָט עס באַ דיר פונדעסטוועגן גערעדט אַזוי לאַנג אין טעלעפאָן, וואָס מע האָט זיך ניט געקאָנט צו דיר דערקלינגען?

— ווער נאָך קאָן באַ אונדז לאַנג ריידן, אויסער סעריאָזשענקען? הונדערט מאָל עפּשער א טאָג קלינגט ער קלומערשט צום טאַטער און פאַרגעסט אוועקלייגן צוריק דאָס טרײַבל, אָדער ער לייגט עס שלעכט אוועק אַפן הייבער.

דאָס ווײַטערדיקע האָט שוין פאַרגעזעצט אַנאַטאָלי, ווען סימע איז אַרײַן אין שטוב א קוק טאָן, וואָס איז מיטן טעלעפאָן.

— דער זון מײַנער איז אויך, ווי באָריס פּײַערשטיין, אַן אָופּראַוולייאיושטשי פון אַן אָפּטײלונג, ניט ווײַט פונעם נײַן־און־אַכציקסטן ערד־קיילעך, וועלכער געהערט איצט אויך צו אונדזער קאָלווירט. נו, און וויבאַלד ס'איז דאָ, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַן עלטערבאָבע, וואָס האָט שוין אירס אָפּגעאַרבעט, איז דאָס אייניקל דעם גאַנצן זומער באַ אונדז. איז האָבן מיר, זאָגסטו, מאָרגן אײַנדערפרי, הייסט עס, א זיצונג. און איך האָב זיך דאַך מאָרגן פרי געקליבן פירן אונדזער גאַסט צום קאַנאַל, ער זאָל א קוק טאָן אַף די רעגנס פון אונדזערע „דאָזשדעוויקעס“, און פאַרייִנס שוין...

— כ'פאַרשטיי ניט, — שלאָגט אים איבער פּײַערשטיין, — אונדזער גאַסט פאָרט דען שוין מאָרגן אוועק? וואָס איז הײַנט, דינסטיק? פרײַער פון פרײַטיק וועלן מיר אים סײַווי ניט אָפּלאָזן. — און צו מיר: — ווי דאַרט זאָל ניט זײַן, זענט איר דאָך פאָרט א שטיקל ראַטנשטאַדטער, און א ראַטנשטאַדטער, אַז ער קומט אַהער צו גאַסט, איז וויניקער פון דרײַ־פיר טעג פאַרהאַלט ער זיך דאָ ניט. — און ווידער צו סופּערפינען: — דײַן קאַנאַל מיט דײַנע „דאָזשדעוויקעס“ און פּאָמפּעס וועלן איבערמאָרגן אויך אין ערגעץ ניט אַנטלויפן. דו זאָג מיר בעסער, האָסט כאָטש מעכאַבעד געווען דעם גאַסט מיטן קאָניאַק פון אונדזער אייגענעם ווײַנקעלער? פאַרגעס ניט פאַרכאַפּן מיט זיך א פּאָר איבעריקע קעלישעקלעך, וואָרעם אונדזער ראַטנשטאַדטער אוילעם, אַז ער דערהערט, אַז ס'איז געקומען צו פאָרן אין געסט עמעצער פון די אַמאָליקע הייגע טוישווים, איז וויל מען זיך מיט אים זען.

— מישטיינסגעזאָגט, — טוט פייגע א זיפץ, — ווער איז דאָס דער ראַטנשטאַדטער אוילעם? ס'איז דאָך אייגנטלעך קימאַט קיינער ניט געבליבן.

— וואָס הייסט — ס'איז קיינער ניט געבליבן? צען מישפּאָכעס הייסט באַ אײַך קיינער ניט געבליבן?

— פונוואַנען, בערל, האָסטו עס אָנגעציילט צען מישפּאָכעס? כ'ווייס גאַרניט, צי ווײסטו אַפן צענטראַלן, אין „וואָסכאָד“, אָנציילן אַזוי פיל.

— כ'וועל אײַך באַלד מאַכן, מומע פייגע, א כעזשבן וועט איר זען. און אין „וואָסטאָק“ איז נאָך מער, ווי באַ אונדז. אָט לאָמיר א צייל טאָן.

קוים האָט מען גענומען אויסרעכענען, ווער איז פאַרבליבן פון די אַמאָליקע איבערוואַנדערער אין קלימאָוווע און אין „וואָסכאָד“, האָט מען פאַרייִנס שוין געמאַכט א כעזשבן, וויפל זײַנען פאַרבליבן אין די איבעריקע ייִשעווים פונעם אַמאָליקן ראַטנדאָרפער דאָרפראַט. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז גערעכט איז טאַקע פייגע, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו ציילן. אין די איבעריקע ייִשעווים האָט מען מער פון צוויי־דרײַ מישפּאָכעס אַף א ייִשעוו ניט אָנגעציילט, און אַפן ערשטן, ווו עליע יעהודין איז אַמאָל געווען א פאַרזיצער, איז פון די אַלטע איבערוואַנדערער ביכלאַל קיינער ניט פאַרבליבן, ווי אין פיל אַנ־

דערע ייִשוּווים פון די שכײנעסדיקע נאָענטסטע און ווײַטלעכע ראַיאָנען.

דערהערט עס, כאַפּט זיך בא מיר ניט ווילנדיק ארויס די זעלבע פראַגע, וועלכע כ'האָב מיט יאָרן צוריק, בײַס מײַן ארומרײַזן איבער די אמאָליקע ייִדישע שטעטלעך, געהאַט פאַרגעבן שײַען דעם מילנער פון פּאָגרעבישטשע. דאָס מאָל אָבער האָט מײַן פראַגע געהאַט א שײַכעס ניט צו די געוועזענע ייִדישע שטעטלעך, נאָר צו די געוועזענע ייִדישע דערפער:

— אויס, הייסט עס, מיט די ייִדישע ייִשוּווים, מיט די ייִדישע קאָלווירטן? געוועזן און ניטאָ? באַוויזן, הייסט עס, דער וועלט, אַז ייִדן קאָנען אויך זײַן גוטע ערד־ארבעטער און שוין? אויס ייִדישע פּויערים, הייסט עס?

שײַע דער פּאָגרעבישטשער, ווען כ'האָב אים, אונטערפירנדיק א מין סאַכאַקל פון דעם, וועגן וואָס מיר האָבן דעמלט זיך צערעדט, געהאַט א זאָג געטאָן: „אויס, הייסט עס, מיטן שטעטל, געוועזן און ניטאָ?, — האָט ער מיר, געדענק איך, געהאַט דערויף געענטפערט: „פאַרוואָס עפּעס אויס? מע וועט נאָך אופרופן, אזוי צו זאָגן, דאָס שטעטל צו מאַפטיר". און עס מיר גלײַך פאַרטײַטשט: „פון די קלענערע שטעטלעך וועלן ווערן דערפער און פון די מער גרעסערע — שטעט. מיט וואָס איז עס שלעכט? ווער דאַרף עס איצטיקע צײַטן די אמאָליקע ענגע ייִדישע שטעטלעך? צו וואָס? צו ווען? ביפראַט, אַז פאַר דער מילכאָמע זײַנען זיי שוין ניט געוועזן קיין ייִדישע שטעטלעך".

כאַיִם פײַערשטיינס זון — באָריס, און בענציע סופּערפינס זון — אַנאַטאָלי, אָט די צוויי אלטע איבערוואַנדערער, וועלכע מע האָט קינדווײַז אראָפּגעבראַכט אַהער און זיי ווייסן דעם סטעפּ ניט ערגער, ווי שײַע דער פּאָגרעבישטשער דאָס שטעטל, קאָנען אָבער מיר אזוי ניט ענטפערן. פאַר דער מילכאָמע זײַנען דאָך יאָ געווען ייִדישע דערפער, און קאָלווירטן, און דאָרפראַטן.

— לאָמיר זיך א רעגע פאָרשטעלן, — רופט זיך אָן סופּערפין, — אַז ס'האָבן זיך מיט ניסים פאַרהיט נאָך דער מילכאָמע א צוויי צי דרײַ ייִדישע קאָלווירטן. ווי וואָלטן זיי זיך אָבער פאַרהיט אין די שפּעטערע יאָרן, ווען די קאָלווירטן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרייניקן, ווען פון נײַן־צען אָט אזעלכע, ווי אונדזערע, איז געוואָרן איין גרויסער קאָלווירט? אונדזערע שכײנים, מיט וועמען מיר האָבן זיך פאַרייניקט, זײַנען ניט נאָר די אמאָליקע ייִדישע דערפער. נאָר אויב עמעצער קלערט, אַז וויבאַלד ס'זײַנען ניטאָ קיין ייִדישע קאָלווירטן, זײַנען, הייסט עס, אויך ניטאָ שוין קיין ייִדישע פּויערים, איז האָט ער א טאָעס, און א גרויסן טאָעס. איר וועט זיי באַגעגענען ניט נאָר אין פיל געוועזענע ייִדישע דערפער, נאָר אויך אין די קאָלווירטן, וועלכע זײַנען ניט געווען קיין ייִדישע, ווי צום בײַשפּיל, בא יעהודינען אינעם קאָלווירט „פּעלקער־פרײַנטשאַפט". און אין די סאָווירטן, און קאָלווירטן פון כערסאָנער און זאַפּאָראָזשיער געגנטן קלערט איר איז אנדערש? און אַף דער צעלינאַ איז דען ניט דאָס זעלבע?

— שאַט, און דאָס ווייסט איר, — רופט זיך אָן באָריס פײַערשטיין, — אַז אונדזערע ראַטנדאָרפער, וועלכע זײַנען נאָך דער מילכאָמע ארויסגעפאָרן פונדאַנען, האָבן זיך ווײַט ניט פאַרקליבן. מע איז געבליבן שטעקן ווער אין סימפעראָפּאָל, ווער אין דזשאַנקוי און ווער גורפּע אין קראַסנאָגוואַרדייסק, און דאָס האָט, אויב איר ווילט וויסן, עפּעס צו זאָגן. אזויפיל יאָר שוין, דאַכט זיך, אדורך, ווי מע איז געוואָרן שטאָטישע, און דאָך בענקט מען נאָך אלץ נאָכן סטעפּ. אָט דאָס בענקען נאָכן סטעפּ גיט זיך איבער בעירושע פון די עלטערן צו די קינדער, כאָטש זיי זײַנען שוין געבוירן אין שטאָט. — ער האָט זיך געגעבן האַסטיק א הייב אוף פון אָרט, — ווער ווייסט, וואָס די צײַט קאָן אמאָל ווײַזן. לאָמיר זי ניט פאַרלויפן דעם וועג...

אפן פערטן טאָג, נאָכדעם ווי איך בין דאָ אומעטום אויסגעווען, זיך אָנגעטעמט מיט אלע רייכעס פונעם ליבן סטעפּ און מיט דער פרײשער קילקײַט פון די לויטערע דניעפּער־וואַסערן אין קאַנאַל, האָט אַנאַטאָלי סופּערפין מיך אָפּגעפירט באַגינען צום באַן, אָבער ניט צו דער סטאַנציע אוראָזשײַנע, נאָר צו דער מער נעענטערער סטאַנציע אזאָווסק, וועלכע האָט אין מײַנע צײַטן געהייסן קאָליי.

ביזן אָפּגאַנג פונעם צוג האָב איך געהאַט איבער א שאָ, און די סטאַנציע אזאָווסק ליגט אין סאַמע רעכטן מיטן פונעם געוועזענעם ייִדישן קאָלווירט „מײַפעלד". אַהער, אין דאָזיקן ייִשעוו, האָבן מילכאָמע־צײַט די דײַטשן צונויפגעטריבן עטלעכע הונדערט מישפּאָכעס פון די נאָענטע ייִדישע דערפער און זיי אלע אומגעבראַכט אפן ווײַנגאָרטן.

אפן דאָזיקן ייִשעוו בין איך אויך געווען אן אָפּטער גאַסט — אי פאַר דער מילכאָמע, אי נאָך דער מילכאָמע. דאָ איז, דוכט מיר, אויך ניט געווען די שטוב, ווו מע זאָל מיך ניט געוועזן קענען און וועמען איך זאָל ניט געוועזן קענען.

אַז „מײַפעלד" הייסט איצטער אויך „ראָסיִא" און איז זיך שטאַרק צעוואַקסן, האָב איך געוווּסט נאָך פונעם פאָריקן מאָל, ווען איך בין דאָ געווען. איך בין ביכלאַל שוין געוווינט דערצו, אַז כ'זאָל ניט דערקענען די היימישע ערטער. אָבער זיך צוגעווינען צו דעם, אַז איך זאָל אַף א געוועזענעם ייִדישן ייִשעוו, דערצו

נאָך אַף אַזאַ גרויסן ווי „מײַפּעלד", ווייניק וועמען טרעפֿן פֿון די אַמאָליקע איבערוואַנדערער, קאָן איך נאָך אַלץ ניט. דריי איך זיך אום איבער דער לאַנגער גאַס מיט די אַרומגעצאַמטע הויפֿן און מיט די קלומבעס בײַ די טויערן, פֿאַרײַס דעם קאָפּ צו די הויכע הייבקראַנען, וואָס באַגריסן דעם אופֿגאַנג פֿון דער זון מיט זייערע אויסגעשטרעקטע שנאָבלען, און זוך, וועמען צו פֿאַרגעבן דאָ די זעלבע פֿראַגע, וואָס כ'האָב, אַרומרײַזנדיק איבער די שטעטלעך, געהאַט פֿאַרגעבן מיט יאָרן צוריק שײַע דעם פּאָגרעבישטשער און מיט אַ פּאָר טעג פֿריִער באָריס פּײַערשטיינען און אַנאַטאָלי סופּערפֿינען.

און ווי איך דריי מיך אַרום אַזוי איבער דער גאַס, דערהער איך פּלוצעם:

— איז געווען אַמאָל אַ פֿאַסטעכל...

דאָס געזאַנג דערטראָגט זיך אַהער פֿונעם ווײַנגאָרטן. איך ריר זיך ניט פֿון אָרט, שטיי און הער זיך צו צום געזאַנג, וואָס אָט דערנעענטערט זיך עס און אָט דערווײַטערט זיך עס.

ווען דער צוג גייט אָפּ פֿון דער סטאַנציע און עס נעמען פֿאַרבײַשווימען איבערן סטעפּ די געוועזענע ייִדישע דערפֿער, וועלכע ס'איז שוין קימאַט אינגאַנצן ניט צו דערקענען, דערהער איך ווידער: „איז געווען אַמאָל אַ פֿאַסטעכל...", און מיר דוכט זיך, אַז איך הער עס איצט אינעם רויש פֿון די רעדער פֿונעם לויפֿנדיקן צוג.

די טערקישע שאַל

מאָרגן איז שוין יאָמטעוו, דער אַכטער מאַרט, און ווילי האָט נאָך ניט קיין מאַטאָנע פֿאַר זײַן דאָרעלען. און ווו איז ער נעכטן נאָר ניט אויסגעווען! דאַכט זיך, ניטאָ די קלייט אינעם מיקראָראַיאָן, ווו ער וווינט, אַז ער זאָל זי געווען פֿאַרפֿעלן. קיין זאַך אָבער פֿון דעם, וואָס די פֿאַרקויפֿערנס האָבן אים פֿאָרגעלייגט, האָט בײַ אים ניט אויסגענומען. אויב אים וועט זיך הײַנט אויך ניט אײַנגעבן קריגן אַזעלכס, וואָס זאָל אים געפֿעלן, וועט ער טאָן דאָס, וואָס אַלע טוען, נאָכדעם ווי מע בלײַבט אָן קויכעס, אַרומלויפֿנדיק איך די דאָזיקע ערעוו־יאָמטעוודיקע טעג איבער די קלייטן: ער וועט סאַפּקאָלסאָף אויך אַ מאַך טאָן אַף דעם מיט דער האַנט און זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ פּאַרפֿומערן־קראָם. דאָרט איז פֿונדעסטוועגן פֿאַראַן וואָס אויסצוקלײַבן, אַז זײַן דאָרעלען זאָל עס געפֿעלן. ווילט זיך אָבער ניט ווידעראַמאָל שענקען דאָס זעלבע, וואָס ער האָט איר געשענקט צום אַכטן מאַרט פֿאַראַיאָרן און פֿאַרצווייאָרן. איצט פֿאַרדריסט אים שוין אַ ביסל, וואָס ער האָט נעכטן ניט געקויפֿט דאָס גלאַנציקע קעסטעלע מיטן קאָמפּלעקט דינע, ווי שפּינוועבס, פֿאַרשיידנקאָליריקע זאָקן.

שולדיק אַ ביסל דערינען איז דער בלאָנדער יונגערמאַנטשיק אין די ברילן מיט זײַן געבן אַ זאָג צו דער פֿאַרקויפֿערן, אַז ווי שיין און מאָדערן די זאָקן זאָלן ניט זײַן, וועט דאָס ווײַבל זײַנס זיי סײַווי ניט אָנטאָן. זי איז אין אים אַזוי פֿאַרליבט, אַז זי וועט ניט וועלן טרעטן אַף זײַן מאַטאָנע.

ווילי איז פּונקט געשטאַנען דערבײַ און עס געהערט. ער האָט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשטאַנען, אַז יענער שפּאַסט. ער האָט עס אַרויסגעזען פֿון יענעמס שטיפֿערישע אויגן הינטער די גרויסע ברילן־גלעזער, וואָס האָבן בײַ אים פֿאַרכאַפּט קימאַט דאָס גאַנצע געזיכט, אָבער ווילין האָט דעם יונגערמאַנטשיקס שפּאַס מיט עפּעס פֿונדעסטוועגן אָפּגעהאַלטן, אַז ער זאָל, ניט פֿאַרקלערנדיק זיך, גלײַך אָפּן אָרט קויפֿן דאָס קעסטעלע זאָקן.

ווען ווילי האָט אין אַ ווײַלע אַרום זיך אומגעקערט און געבעטן דער פֿאַרקויפֿערן, זי זאָל אים נאָכאַמאָל באַווײַזן דאָס שיינע גלאַנציקע קעסטעלע מיטן אָנגעמאָלטן זאָק אַפֿן אייבערשטן דעקל, צוגעבנדיק דערבײַ, און אויך אין אַ שפּאַסיקן טאָן — אַז זײַן ווײַבל איז ניט אַזוי מעסוקן שטאַרק פֿאַרליבט אין אים, אַז זי זאָל איבער דעם, וואָס זי וועט דאַרפֿן דערויף טרעטן, אָפּזאָגן זיך פֿון אַזאַ מאַטאָנע — האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ער האָט שוין ניט וואָס צו נאָכפֿרעגן זיך. ס'איז געווען אינגאַנצן איין קאָמפּלעקט און געקויפֿט האָט אים טאַקע דער זעלבער בלאָנדער יונגערמאַנטשיק אין די ברילן.

פֿון מיטגעפֿיל, אַפּאָנעם, צו אים, ווילין, ווי צו אַלע מאַנספּאַרשוינען, מיסטאַמע, וואָס פֿליִען אַרום אין אָט די אָנהייב־פֿרילינגדיקע טעג איבער די קלייטן און זוכן דאָרט צו קריגן עפּעס אַ רעכטס, האָט די פֿאַרקויפֿערן אים באַרויִקט, געזאָגט, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו ערגערן, ס'וואָלט אים סײַווי ניט אונטערגע־

גאַנגען די דאָזיקע מאַטאָנע, ווײַל די זאָקן זײַ־
נען פון זייער אַ קלײנער מאָס. עפשער איז עס טאַקע, ווי זי זאָגט. אַזוי צי אַנדערש, נאָר די פאַרקויפערן האָט אים אָף יעדנפאַל געגעבן דעם טעלעפאָן־נומער פון זייער קלייט. מעגלעך, אַז הײַנט וועט דאָרט זײַן די נייטיקע מאָס, וואָס ער דאַרף פאַרן ווײַבל. זאָל ער אָנקלינגען.

ווילי האָט אָנגעקלונגען אַהין אי אין צײַט פון מיטיק, אי גלײַך נאָך דער אַרבעט, און ביידע מאָל האָט מען אים געענטפערט, אַז הײַנט וועט ניט זײַן. זאָל ער אָנקלינגען נאָך יאָמטעוו. קוים האָט מען אים אַזוי געענטפערט פון דער גרעסטער קראָם באַ זיי אינעם מיקראָראַיאָן, האָט זיכער שוין ניט קיין זין נאָכאַמאָל זיך דורכגיין איבער די זעלבע געשעפטן, ווו ער איז נעכטן געווען. אויב אַפילע ס'איז הײַנט יאָ ערגעץ־ווו געווען פּאַסיקס פּאַר אַ מאַטאָנע, האָט מען דאָס געוויס שוין אויסגעכאַפּט. בלײַבט, אַפּאָנעם, דאָס איינציקע: די פאַרפומערן־קלייט. ער וועט דאָך ניט קומען אַהיים אין אַזאַ טאָג מיט פּוסטע הענט. עמעס, זײַן דאָרעלע האָט זיך נאָך, דאַכט זיך, ניט צוגערירט צו דעם פלאַקאָן פאַרפומען „רויטע מאָסקווע", וואָס ער האָט איר געשענקט צו נײַ־יאָר.

ווײַזט אויס, אַז ס'וועט אים טאַקע אויסקומען אַזוי טאָן. אין ווי אַפּצולאָכעס זאַמען זיך הײַנט די טראַמווײַען, און שטאַרק זיכער באַ זיך, אַז אים וועט געלינגען אַרײַנשפּרינגען אינעם ערשטן צי אינעם צווייטן טראַמווײַ, איז ער ניט. דער גאַנצער פּלאַץ באַ די זאַוואָד־טויערן איז שוואַרץ פון מענטשן. מע האָט פאַרענדיקט די אַרבעט און איטלעכער אײַלט אַהיים. ווילין איז שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען צוליב דער שפּאַרעניש און שטיקעניש באַם אַרײַנקריכן אין וואַגאָן דורכלאָזן די ערשטע צוויי־דרײַ טראַמווײַען אַפילע אין אַ געוויינלעכן טאָג, ביי־פּראַט אַז ס'איז ערעוו יאָמטעוו. דערצו וועט נאָך הײַנט אונטערטרײַבן דעם אוילעם באַם אַרײַנשפּאַרן זיך אין וואַגאָן דער פּײַכטער ברודיקער שניי, וואָס האַלט אין איין שיטן. ניט האָבנדיק ווו צו אויסבאַהאַלטן זיך פון דער קאַלטער נעץ, וואָס האָט שוין באַוויזן זיך פאַרקלײַבן אונטער זײַן לײַכטן פרילינגדיקן מאַנטל, איז ווילי, ניט פאַרקלערנדיק זיך, אַרײַנגעשפּרונגען אינעם אָנגעקומענעם האַלב ליידיקן טראַמווײַ, וואָס איז געגאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג, — אין צענטער שטאָט. איידער שטײַן אונטערן אָפענעם הימל און זיך ווייקן אין דער נעץ ווער ווייסט וויפל, קאָן ער דאָך פאַר דער זעלבער צײַט באַווײַזן אַ פּרווו טאָן דאָס מאַזל ערגעץ־ווו אין נאָך אַ פּאָר קלייטן. סאַפּקאָלסאַף איז דאָך דער אויסוואַל אין די געשעפטן אין צענטער שטאָט געוויס אַ גרעסערער און בעסערער, ווי באַ אים אינעם מיקראָראַיאָן. דאָרעלע איז שוין, מיסטאָמע, געקומען פון אינסטיטוט און קוקט אַרויס אָף אים. אָבער איבעריקס זיך וווּנדערן, וואָס ער איז נאָך ניטאָ פון דער אַרבעט, וועט זי ניט. זינט מע האָט אים אויסגעקליבן אין זאַווקאָם, האָט ער שוין ניט איין מאָל זיך פאַרהאַלטן אָפן זאַוואָד. דאָרעלע איז שוין דערצו געוווינט.

אַז ער האָט מער ניט וואָס צו אומשלעפּן זיך הײַנט איבער די קראָמען אויך אין צענטער שטאָט, האָט ווילי פאַרשטאַנען, נאָך איידער ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ברייטע טרעפּ אָפן לעצטן שטאָק פון דעם גרויסן אוניווערסאַלן מאַגאַזין און דערזען דאָרטן די לאַנגע ריי אין דער פאַרפומערן־סעקציע. ווילין האָט עס אַ ביסל פאַרכידעשט און אַ ביסל אויך דערפרייט. הייסט עס, אַז ער איז ניט איינער אַזאַ, וואָס האָט זיך ניט באַזאָרגט באַצײַטנס מיט קיין מאַטאָנע צום פרויען־טאָג, נאָר עס אָפּגעצויגן ביז דער לעצטער מינוט, זיך פאַרלאָזט, אָט ווי ער, אָפן לעצטן טאָג. נאָר אַז ניט ווייניק פון די, וואָס שטייען אין דער ריי, זײַנען זיך ביז דעם היפּש אָנגעלאָפן איבער די קלייטן, איז ניט שווער זיך אָנשטויסן. מע זעט עס לויט זייערע פּנעמער. דער באַיאָרטער מאַנצבל, הינטער וועמען ער האָט פאַרנומען אַ ריי, קאָן זיך נאָך אַלץ ניט אָפּסעטעמען.

— יונגערמאַן, — האָט דער באַיאָרטער מאַנצבל זיך אָנגערופן צו ווילין, — איר וועט אין ערגעץ ניט אַוועקגיין? מע קאָן זיך אָף אײַך פאַרלאָזן? מיר ווילט זיך פּאַשעט צושפּאַרן דאָ ערגעץ צו דער וואַנט. איר ט'מיר גלייבן, איך פיל שוין מאַמעש ניט די פיס. נעכטן אַ טאָג זיך אָנגעלאָפן, הײַנט אַ טאָג זיך אָנגעלאָפן און אַלץ אומזיסט און אומנישט. ניי־טאָ קיין רידיקולן, ווי מײַנער געפעלט, און גיי מאַך עפּעס. אַ גאַנצן ווינטער, וואָס זאָג איך אַ גאַנצן ווינטער, ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן נאָך צוריק, זײַנען זיי געווען אַרויסגעשטעלט קיי־מאָט אין אַלע וויטרינעס און צו יאָמטעוו זײַנען זיי אויסגערונען. אָט ווי ניט געווען. ניטאָ, און שוין, און גיי טו עפּעס. — דער מענטש איז אָפּגעגאַנגען פון דער ריי, נאָר זיך באַלד צוריק אומגעקערט און אַ זאָג געטאָן צו אים: — איך בעראַיאַר, אַז מירן לעבן, וועל איך שוין זײַן אַ קאָפּעטשקעלע קליגער.

— צום בײַשפּיל? — האָט ווילי, פון העפלעכקייט וועגן, געפרעגט.

— פּאַשעט. איך וועל פּאַשעט און פּראָסט זיך באַזאָרגן מיט אַ מאַטאָנע פאַרן ווײַב צום אַכטן מאַרט באַלד נאָך נײַ־יאָר. כ'וועל עס פאַרשטעקן ערגעץ אין שטוב, אַז מײַנע זאָל ניט זען, און זאָל זיך עס ליגן. קיין עסן בעט

עס דאָך ניט. אָדער כ׳וועל טאָן אַזוי. כ׳וועל איר געבן געלט, דער ווײַב מײַנער, הייסט עס, און זאָל זי געזונטינקרהייט אַליין קויפן זיך אַ מאַטאָנע, כ׳זאָל פֿאַרשפּאָרן יעדעס מאָל ברעכן זיך דעם קאָפּ, וואָס איר צו שענקען. איאָ, ס׳איז אַ געדאַנק? — אַ צופֿרידענער פֿון זײַן פּלוצעמדיקן אײַנפֿאַל, האָט דער מענטש זיך צעלאַכט אַזש ביז טרערן אין די אויגן. ווילין איז דער דאָזיקער געדאַנק אויך געפֿעלן געוואָרן. טאַקע, פֿאַרוואָס, אַשטייגער, זאָל זײַן דאַרעלע זיך אַליין ניט צוקלײַבן קיין מאַטאָנע פֿאַרן זעלבן געלט, וואָס ער וועט באַלד אויסברענגען אַף פּאַרפֿומען, וועלכע זי דאַרף גאָר איצט ניט? און ער איז דאָך געוויס ניט קיין אויסנאַם, ניט איינער אַזאַ דאָ אין דער רײַ, וואָס איז געקומען פּאַשעט אויסגעבן געלט, וויסנדיק דערבײַ, אַז קימאַט קיינעם פֿון די, וואָס וועלן אײַנקויפן דאָ די מאַטאָנעס, און קיינעם פֿון די, וועמען מע וועט שענקען די דאָזיקע מאַטאָנעס, וועט עס קיין באַזונדערן פֿאַרגעניגן ניט פֿאַרשאַפֿן. איטלעכער ווייסט עס, מע ווײַזט עס בלויז איינער פֿאַרן אַנדערן ניט אַרויס. יעדערער טראַכט וועגן דעם פֿאַר זיך. דער מאַנצבל, וואָס שטייט דאָרט אינעם ווײַטן ווינקל אָנגעשפּאַרט באַ דער וואַנט, איז בעפֿייִרעש געערעכט. ווען דער זעלבער מענטש, — טוט ווילי באַ זיך אַ טראַכט, — נעמט זיך אונטער עס אײַנפּירן און טאַקע מיט דער ברייטער האַנט, אַזוי צו זאָגן, דרוקט, אַשטייגער, אַף וועגן דעם אַ נאָטיצל אין דער היגער צײַטונג, וואָלט ער, ווילי, דער ערשטער אים אונטערגעהאַלטן. מאַלע וואָס דאָס איז ביז אַהער ניט געוועזן אָנגענומען. און קומען אַף אַ כאַסענע אָן אַ מאַטאָנע, נאָר מיט געלט, פֿאַר־כאַסמעט אין אַ קאָנווערט, איז ביז ניט לאַנג צוריק געווען אָנגענומען? ער איז אַליין אָן איידעס, ווי אַף דער כאַסענע באַ זײַנעם אַ באַ־קאַנטן האָבן שיר ניט אַלע געסט געבראַכט איינע און די זעלבע מאַטאָנעס, — אָנגעטראָגן אַ שטוב מיט קרישטאָלענע גראַפֿינען און קע־לישעקלעך, כאָטש נעם און עפֿן אַ גלאָז־געשעפֿט.

אַ קוק געטאָן אָבער, ווי געדולדיק דער אויל־לעם שטייט עס אין דער רײַ, האָט ווילי אַ קלער געטאָן, אַז זיי האָבן, דאַכט זיך, ביידע אַ טאָעס אין דעם. אין וואָס ער איז אָקאָרשט גע־ווען גרייט יענעם אונטערהאַלטן. ווילין גיט זיך אויס, אַז די סאַמע טײַערסטע מאַטאָנע, אויב מע איז זיך צוליב איר ניט אָנגעשטאַנען גענוג אין דער רײַ, וועט זי דערפֿון פֿיל אָנווערן. זי וועט ניט פֿאַרשאַפֿן יענעם פֿאַרגעניגן, וואָס עס פֿאַרשאַפֿט אַ זאַך, צוליב וועלכער מע איז זיך אָפּריִער גוט אָנגעלאָפֿן און זיך היפּש אָנגע־שטאַנען אין דער רײַ. וואָס, אַשטייגער, וואָלט

אים דערויף געענטפֿערט דער מאַנצבל, וועלכער האָט אַ ביסל זיך שוין אָפּגערוט באַ דער וואַנט און זיך געלאָזט אַהערצו. ער וועט אים, ווילי, טאַקע באַלד פֿרעגן. מיטאַמאָל איז אים אײַנ־געפֿאַלן אַ מאָדנער געדאַנק:

— ווי קלערט איר, — האָט ווילי זיך אָן איי־צע געהאַלטן מיטן באַיאָרטן מאַנצבל, וואָס האָט זיך געשטעלט צוריק אַף זײַן אָרט אין דער רײַ, — איך וועל ניט פֿאַרשפּעטיקן, אויב איך׳ל אָפּגיין אַף אַ האַלבער שאָ אָן ערעצן? — און עט־וואָס שטילער, פּונקט ווי ער זאָל מוירע האָבן, אַז עמעצער פֿון די אַרומיקע קאָן אונטערהערן און פֿאַרלויפֿן אים דעם וועג. — איך האָב, גיי־ענדיק אַהער, באַמערקט ניט ווײַט פֿונדאַנען אַ קאָמיסיאָנע קלייט. כ׳האָב אָבער געאײַלט און ניט אַרײַן אַהינצו. כאָטש אַלעם, האַלט איך בײַ־כלאַל ניט פֿון קויפֿן געניצטע זאַכן. עס טרעפֿט צומאָל, אַז מע קאָן דאָרט קריגן אויך אַ נײַע, נאָך ניט קיין געניצטע זאַך. ווילט זיך מיר צו־גיין אַ קוק טאָן, עפּשער וועט מיר גראָד הײַנט אָפּגליקן. האָב איך מוירע, אַז איך קאָן דאָ דערווײַל אָנווערן די רײַ.

— איר האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן. איר זעט דען ניט ווי פּאַמעלעך עס גייט צו. ווייני־קער פֿון אַ האַלב שאָ, מיין איך, וועט עס ניט דויערן, אַזוי אַז איר קאָנט זיך רויִק גיין און זאָל אײַך דאָרט אָפּגליקן. אויב מירן זיך אַ רוק טאָן גיכער, האָט איר אויך ניט וואָס צו זאָרגן. איך וועל אַף אײַך צוּוואַרטן אַ מינוט צען־פֿופֿצן, פֿאַרהיטן אײַך דאָס אָרט אין דער רײַ.

אין דעם קאָמיסיאָנעם מאַגאַזין מיט די העל באַלויכטענע שויפֿענצטער האָט זיך געטומלט אַ סאַך ווייניקער, ווי אין די קלייטן, וווּהין ווילי האָט באַוויזן שוין הײַנט אַרײַנקומען. נאָר די קוינים, וועלכע ער האָט דאָרט געטראָפֿן, זײַנען אויך געווען דורכויס מאַנצבלען. איבער־ריקס לאַנג האָט זיך קיינער פֿון זיי ניט פֿאַר־האַלטן, פּונקט מע זאָל זיך געווען אַרײַנכאַפּן אַהער בלויז פֿון יויצע־וועגן. מע זאָל זיך, הייסט עס, קאָנען דערנאָכדעם באַרעכטיקן פֿאַר זיך אַליין, אַז אָט, מע האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין געשעפֿט, געווען אַפֿילע אין די קאָמיסיאָ־נע קראָמען, כאָטש קיין וואָלוועלע זאַכן איז דאָרט ניט צו קריגן. אייגנטלעך, איז ער אויך דאָס אויסן. ער ווייסט דען ניט, אַז ער וועט קיין פּאַסיקע מאַטאָנע פֿאַר זײַן דאַרעלען דאָ הײַנט ניט געפֿינען?

טומלדיק אַ ביסל איז בלויז געווען לעבן די געפֿעס־סערוויזן און באַ די סוווענירן. קיין סערוויזן אַף צוועלף פּערזאָן, צי קרישטאָלענע פֿוזשערן, ווען ער זאָל אַפֿילע האָבן דערויף געלט, דאַרף ער נאָך ניט. זיי זײַנען דערווײַל זאַלבעצווייט, און ביז דאַרעלע וועט ניט פֿאַר־ענדיקן דעם אינסטיטוט, וועלן זיי זײַן זאַלבע־

צווייט. אזוי האָבן זיי זיך צונויפגערעדט נאָך פאר דער כאסענע. און אז ער האָט ניט וואָס צו שטופּן זיך צו דער פּאָלקע מיט די סוווענירן אונטערן גלאָז, האָט ער לעכאטכילע עס געוווסט. אויב דאָרט איז יאָ הייַנט געווען עפּעס רעכטס, האָט מען עס געוויס שוין לאנג אויסגעכאפּט. איבערגעבליבן איז דאָרט בלויז דאָס, וואָס גייט קיינעם ניט אונטער: אן אלטמאָדישער פּערלמוטערנער בינאָקל, א הוט מיט א שטארצנדיקן פּעדער, א פארגעלבטער פּעכער, א שלייער... דעם פּליושענעם אלבאָם אף צו האלטן אין אים פּאָטאָבילדער וואָלט ער, מעגלעך, געקויפט, ווען יענער זאָל ניט זייַן אזוי אויסגעריבן און דער שלאָס — אזא אָפּגעבליאקעוועטער. דער באָכער מיט די שווארצע געדיכטע באקענבארדן ביז דער סאמע קין, וועלכער האָט געבעטן די פארקויפערן, זי זאָל אים באווייַזן דעם בינאָקל, איז בעפּיירעש גערעכט געווען, געבנדיק א זאָג, אז די איינציקע באלאָנים אף אזעלכע סכוירעס קאָנען זייַן נאָר קאָלעקציאָנערן פון אלטווארג.

באם פארלאָזן די קלייט האָט ווילין זיך ווידעראמאָל געוואָרפן אין די אויגן דאָס געקעסטלטע געוואנט אף דער אייבערשטער פּאָליצע, וואָס ער האָט געהאט באמערקט, אריינקומענדיק אהער, נאָר גלייַך וועגן דעם פארגעסן. איצט אָבער איז ער געבליבן שטיין, ניט באנעמענדיק נאָך אינגאנצן קלאָר, פארוואָס האָט ער זיך פּלוצעם פארהאלטן.

די פארקויפערן בא די פּאָליצעס מיטן געוואנט איז, קענטיק, געווען אף אזויפיל זיכער, אז קיינער וועט זיך צו איר שוין הייַנט מער ניט ווענדן, אז זי האָט לאכלוטן פארגעסן אין די קוינים און זיך אריינגעלאָזט אין א לאנגן געשפּרעך מיט דער פארקויפערן בא דעם רויכווארג, וועלכע האָט אויך ניט געהאט הייַנט וואָס צו טאָן. עס גייט צו זומער, ניט צו ווינטער. ווער טראָגט עס אונטער צום אכטן מארט א מאטאָנע, וואָס פּאסט גאָר צו נייַ־יאָר?

ווילי האָט ניט געהאט קיין צייַט, אז ער זאָל שטיין און ווארטן ביז די צוויי יונגע פארקויפערנס וועלן זיך צו זאט אָנריידן.

— זייַט אזויפיל גוט, — האָט ווילי זי ענדלעך א רוף געטאָן, — גיט מיר א קוק טאָן יענעם־אָ געקעסטלטן געוואנט.

— ס'איז ניט קיין געוואנט. — די פארקויפערן האָט דערבייַ געוואָרפן אף אים א בליק, וואָס האָט צו זאָגן: „אומזיסט און אומנישט האָט איר מיך צוגערופן", און ווי זי זאָל אים דערמיט טאָן א גרויסע טויווע, צוגעגעבן: — ס'איז א שאל.

— א שאל?

בלויז איצט איז צו ווילין דערגאנגען, פארוואָס האָט זיך אים פון אלע שניט־סכוירעס אף דער אייבערשטער פּאָליצע געוואָרפן אין די אויגן גראדע די שאל, וועלכע ער האָט געהאט אָנגענומען פאר א געוואנט, און פארוואָס איז ער, זייַענדיק שוין באם ארויסגאנג, געבליבן מיטאמאָל שטיין. ווילי האָט ניט אָפּגעווענדט און ניט צוגעמאכט די אויגן, ער האָט אָבער אופגעהערט זען פאר זיך די פארקויפערן. אף איר אָרט האָט ער דערזען זייַן באָבע מירע, אייַנגעהילט אין א טערקישער שאל מיט פּונקט אזעלכע טונקל־ברוינע קעסטעלעך און פראנדזן.

— די שאל איז א טערקישע?

— פארוואָס עפּעס גראָד א טערקישע? — דאָס מיידל האָט אראָפּגענומען פון דער פּאָליצע די שאל, זי צעוויקלט אין איר גאנצער ברייט און לענג און געלאָזט אים זי באקוקן און באטראכטן פון אלע זייַטן.

פונעם צוגענייטן יארליק צו דער שאל האָט ווילי אויסער דער מאָס פון איר לענג און ברייט און איר פּרייַז זיך גארניט דערוווסט. און גופע אף דער שאל האָט ער אויך ניט געפונען קיין סימען פון א שטעמפּל, צי פון אן אופשריפט, וואָס זאָל אָנווייַזן, פון וואָס פאר א לאנד זי איז. אזוי צי אנדערש, נאָר די טונקל־ברוינע קעסטעלעך און פראנדזן זייַנען פּונקט ווי אף זייַן באָבע מירעס שאל.

באקוקט און באטראכט די שאל פון אלע זייַטן, האָט ווילי זיך אָנגערופן צו דער פארקויפערן, וואָס האָט מיט נייַגער נאָכגעפאָלגט נאָך אים:

— ס'איז א טערקישע. איך קויף זי, — און א לאָז געטאָן זיך צו דער קאסע, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אז עמעצער קאָן אים אויך דאָ פארלויפן דעם וועג, ווי ס'איז אים נעכטן פארלאָפן דעם וועג דער בלאָנדער יונגערמאנטשיק אין די מעשונע גרויסע ברילן, וואָס פארנעמען בא אים קימאט דאָס גאנצע געזיכט.

ווען ווילי איז ארויס פון קלייט, האָט דער שניי שוין ניט געשאָטן. פון הינטער די גרויע וואָלקנס איז א פּאָר מאָל ארויסגעשווומען א שטיק לעוואָנע און זיך א שפּיגל געטאָן אין די שוימיק־לויפנדיקע ריטשקעס פונעם גיך צעגייענדיקן שניי.

דער מאנצבל, מיט וועלכן ער האָט זיך באקאנט אין דעם אוניווערסאלן מאגאזין, וועט, פארשטייט זיך, ניט האָבן אף אים קיין פאריבל, וואָס ער האָט זיך מיט אים ניט געזעגנט. ס'קאָן זיך אָבער מאכן, אז די ריי האָט פאר דער צייַט זיך אזוי א רוק געטאָן, אז דער מענטש האָט שוין באוויזן זיך דערקלייַבן צו דעם געשטעל און ווארט דאָרט אף אים, היט אָפּ דאָס אָרט, אז ער זאָל ניט דארפן, ווילי, איבעראנייַס זיך שטעלן אין דער ריי. לויטן אייַנדרוק, וועלכן דער דאָזיקער מענטש מאכט, איז עס אף אים צו גלייבן. וואָס, אייגנטלעך, וועט יענעם שוין

געבן, אז ער וועט אים דערפאר אָפּדאנקען? און פאר אים, ווילין, איז דאָך איצטער טײַער יעדע מינוט. דאָרעלע זײַנע האָט זיך מיסטאמע, שוין אויסגעקוקט די אויגן, ווייסט ניט, וואָס איבערצוטראכטן. אָבער ווי גייט מען עס אוועק אָן א זײַ־געזונט? וויפל צײַט קאָן בא אים אָפּנעמען אף צו דערקלײַבן זיך פונדאנען צום מאַגאזין? זאָל זיך אים דוכטן, אז ער שטייט נאָך דאָרט אין דער ריי. נו, ווירקלעך, ווי גייט מען עס אוועק אָן א זײַ־געזונט?

א פארשפריצטער פון שפּרינגען איבער די שוימיקע ריטשקעס, איז ווילי אין איין אָטעם ארופגעלאָפן אפן לעצטן שטאָק פונעם אוניווערסאלן מאגאזין.

געטראָפן דעם מאנצבל נאָך שטיין אין דער ריי, האָט ווילי זיך דערפרייט, ווי ער זאָל געווען באגעגענען א נאָענטן פרײַנט.

— א גרויסן דאנק אײַך, כאווער, — האָט ווילי פעסט א דריק געטאָן אים די האנט.

דער מענטש האָט אים אָפּגעענטפערט מיט א שמייכל:

— ניטאָ פארוואָס. איך זע שוין, אײַך האָט אָפּגעגליקט. וואָס פאר אן אנטיקל האָט איר דאָרט אײַנגעהאנדלט?

זיי זײַנען אָפּגעגאנגען אין א זײַט, נעענטער צו דער שײַן. ווילי האָט פאנאנדערגעבונדן דאָס פּעקל און געוואָרט, וואָס וועט דערוף יענער זאָגן, געווען זיכער, אז יענעם וועט עס געוויס געפעלן, ווײַל ווי קאָן אזא שיינע זאך ניט געפעלן? און ווילי האָט ניט געהאט קיין טאָעס. ער האָט אָבער ניט דערוואַרט, אז יענער וועט פון אָנפאנג עס אָנעמען פאר א צודעק, און אז אים וועט אויסקומען דערקלערן דעם דאָזיקן באיאָרטן מענטשן, וואָס איז אזוינס א טערקישע שאל.

— און וועמען קלײַבט איר זיך עס שענקען? אז די מאטאָנע איז ניט פארן ווײַבל, דאָס פארשטיי איך.

— פארוואָס? — האָט ווילי פארכידעשט געפרעגט.

— ווײַל איך שטעל מיך ניט פאָר, אז מײַנע, אשטייגער, וועלכע איז, ווי מע דארף פארשטיין, א ביסינקעלע עלטער פון אײַערער, זאָל אָנטאָן אזא שאל, מעג זײַן ניט נאָר א טערקישע, נאָר אפילע א יאפּאָנישע. ווער טראָגט עס הײַנטיקע צײַטן אזעלכע אלטמאָדישע שאלן? אײַער פרוי וועט זי אפילע ניט וועלן אָנמעסטן. אָט וועט איר זען.

— איר קלערט אזוי? — האָט ווילי נאָך מער פארוואונדערט איבערגעפרעגט.

— און אליין, יונגערמאן, פארשטייט איר עס ניט?

דער מענטש איז, דאכט זיך, גערעכט. וויאזוי האָט ער עס, ווילי, ניט געהאט א טראכט געטאָן, אז ס׳איז ניט קיין מאטאָנע פאר אזא יונג ווײַבל, ווי זײַן דאָרעלע. זי וועט אים טאקע אָנקוקן מיט פארכידעשטע אויגן, ווען ער וועט איר זאָגן, פארוואָס ער האָט איר געקויפט צום אכטן מארט אזא מאטאָנע. ער סאָפּעקט שוין אליין איצט, צי וועט דאָרעלע אים וועלן פארשטיין. און דאָך איז ער צופרידן, וואָס ער האָט געקויפט די שאל. ער זאָגט עס יענעם ארויס. א באיאָרטן מענטשן דארף מען עס איבעריק ניט דערקלערן.

— בא מײַן אלטינקער באָבען איז פונקט אזא שאל. די באָבע געדענקט נאָר ניט, צי זי אליין האָט געקויפט די שאל, צי זי איז צו איר ארײַבער בעיערושע פון איר מאמען, צי עפּשער נאָך פון איר באָבען. ווען איך בין געווען א קליינינקער, פלעגט מײַן באָבע מיך ארונטערנעמען צו זיך אונטער איר טערקישער שאל און מיר דערציילן מײַסעלעך. עטלעכע פון זיי געדענק איך נאָך ביז איצט. ווען איך האָב דערזען אין דער קאָמיסיאָנקע אָט די שאל, האָט מיך... נו, ווי זאָל איך עס אײַך געבן צו פארשטיין...

— מיר, יונגערמאן, דארפט איר עס ניט דערקלערן. איך ווייס אָבער ניט, צי וועט עס דערגיין צו אײַער ווײַבל. איך צווייפל שטארק אין דעם. דער הײַנטיקער יוגנט גייט קנאפּ אָן דאָס, וואָס איז געווען אמאָל. איך נעם עס פון מײַן שנור. איכ׳ל אײַך באלד דערציילן א שיינס, וועט איר פארשטיין. מיר זײַנען דערווײַל מיט אײַך צו ווײַט אָפּגעגאנגען אָן א זײַט, כ׳קאָן נאָך פארלירן די ריי. איז אָט, פארצווייאָרן, צום אכטן מארט, האָב איך געבראכט דער יונגער שנור מײַנער א מאטאָנע, א הענגלאָמפּ. איצט זײַנען אזעלכע הענגלאָמפּן שוין ניט קיין זעלטנהײַט אין די עלעקטרישע קלייטן, אָבער דעמלט, פארצווייאָרן, איז עס נאָך שווער געווען צו קריגן. ווען זיי פלעגן זיך באווײַזן אין קראָם, פלעגט זיך אויסשטעלן א ריי, אָט ווי איצט נאָך ביכער.

— וואָס זײַנען עס פאר א לאָמפּן, וואָס מע האָט זיך נאָך זיי אזוי געיאָגט?

— געוויינלעכע הענגלאָמפּן, וועלכע מע האָט מיט א יאָר פערציק—פופציק צוריק נאָך געקאָנט זען ניט נאָר אין פיל דערפער, נאָר אויך אין א היפּש ביסל שטעט. דער אונטערשייד צווישן יענע קעראָסין־לאָמפּן און דעם לאָמפּ, וועלכן כ׳האָב געקויפט מײַן שנור, איז דאָס, וואָס אָנשטאָט א קנויט ברענט אונטערן טונקלמאטעווען גלעזל, ווי עס זאָל זײַן א ביסל פארייכערט, א קליין עלעקטריש לעמפל. דאָס לעמפל זעט זיך קימאט ניט ארויס, פונקט ווי אן ארײַנגעדרייטער קנויט. מיט איין וואָרט, דער, וואָס ווייסט ניט, קאָן פון אָנהייב עס אָנעמען פאר אן עמעסן קעראָסין־לאָמפּ. איז פרעג

איך אײַך, ווי קאָן אזא סוווענירֿ, א זאַך, וואָס דערמאָנט מיט עפּעס דעם אמאָל, די „סטארינא”, ניט געפעלן? און בא דער שנור מײַנער, זעט איר, האָט די מאטאָנע ניט אויסגענומען. זי דארף ניט, זאָגט זי, ס׳זאָל איר דערמאָנען מיט עפּעס אינעם אמאָל. זי בענקט ניט נאָך דער „סטארינא”, מיט וועלכער אנדערע קוויקן זיך אזוי. זי לעבט, זאָגט זי, אין א צײַט פון עלעקטראָניק און קאָסמאָנאווטיק, און ניט אין קיין עפּאָכע פון קעראָסינאָווע לאָמפּן. די מאָטאָנע האָט זי בא מיר גענומען. ס׳איז אָבער אויסגעקומען, ווי זי זאָל מיר דערמיט טאָן א טיווע, כ׳זאָל זיך אף איר ניט באליידיקן, וואָרעם ווען איך בין אין א שטיקל צײַט ארום געווען בא איר, האָב איך שוין דעם לאָמפּ ניט געזען. זי האָט אים, קענטיק, עמעצן אָפּגעגעבן, אָדער פארוואָרפן ערגעץ אפן אנטרעסאָל. איר האָט דעם זעלבן טאָעס, יונגערמאן, וואָס איך, אויב איר מיינט, אז וויבאלד די יוגנט האָט ווידער גענומען זיך לײַטיש קליידן, גענומען ווידער טראָגן געווייַנלעכע קליידלעך און געווייַנלעכע הויזן, איז קלײַבט זי זיך אין אלץ נאָכטאָן דער „סטארינא”.

וואָס א מענטשן קאָן אײַנפאלן! ער רעדט מיט אים אזוי, פּונקט ווי ער, ווילי, געהערט שוין ניט צו דער יוגנט, נאָר צו אן אנדערן, א פיל מער עלטערן דאָר. ווילי האָט אים וואָס אָפּצוענטפערן, נאָר דער מענטש איז, דאכט זיך, ניט גענייגט אויסהערן, וואָס האָט ער, ווילי, אים צו דערווידערן. כוץ דעם, האָט ער פּאָשעט דערויף קיין צײַט ניט. דאָרעלע קאָן שוין דאָרט ווער ווייסט וואָס איבערטראכטן. נאָר ווי גייט מען עס אוועק, בייס יענער טוט אים מיטאמאָל א זאָג:

— איר ווילט מיך פאָלגן...

— אשטייגער? — ווערט ווילי נײַגעריק.

— אויב איר ווילט ניט, אז אײַער ווײַבל זאָל אײַך אָפּדאנקען פאר דער שאַל, פּונקט ווי מײַן שנור האָט מיך אָפּגעדאנקט פארן לאָמפּ, איז שטעלט זיך צוריק אף אײַער אָרט אין דער ריי און קויפט עפּעס פון פּארפומעריע. איר וועט מיך נאָך דערמאָנען, אָט וועט איר זען. פאָלגט אן עלטערן מענטשן.

ווילי האָט ניט געקאָנט באנעמען, וואָס איז מיט אים פּלוצעם אזעלכס געשען, וואָס ער גיט זיך יענעם אזוי לײַכט אונטער. נאָר גאָר זיכער, אז ער וועט דאָ עפּעס קויפן, איז ער ניט בא זיך. ער וועט פּאָשעט א קוק טאָן. שוין אזויפיל זיך פארהאלטן, וועט ער זיך פארהאלטן נאָך א צען־פופצן מינוט. מער דארף עס ניט דויערן.

אָט דער מאנצבל, הינטער וועמען ער שטייט, איז א ביז גאָר טשיקאַווער פארשוין. בא אים איז אן אויסזען פון א מענטשן, וואָס קוים זאָגט ער עפּעס ארויס, איז ער גרייט גיין מיט יענעם אין געוועט, אז ער איז גערעכט. ער וועט, דאכט זיך, טאקע באלד אויסשטרעקן אים, ווילין, די האנט און זאָגן: „לאָמיר זיך וועטן, אז אײַער ווײַבל וועט אײַך אָפּענטפערן פּונקט אזוי, ווי ס׳האָט מיר אָפּגעענטפערט מײַן שנור”. ווילי איז ניט שטארק זיכער, צי וואָלט יענער ניט אויסגעשפּילט דעם געוועט. און טאקע: ווי נעמט ער עס און קויפט פאר זײַן דאָרעלען א מאטאָנע צום אכטן מארט אן אלטמאָדישע שאַל, וועלכע עס טראָגן שוין איצט ניט אפילע אלטינקע באָבעס? מאלע וואָס זי דערמאָנט אים אין די מײַסעלעך, וועלכע די באָבע מירע פלעגט אים דערציילן, ארונטערנעמענדיק אים צו זיך אונטער איר טערקישער שאַל, וואָס איז געווען פאר איר, ווי אים דוכט זיך איצט, די גרעסטע צירונג. ער האָט דאָך אָבער געקויפט די שאַל ניט פאר זיך, נאָר פאר דאָרעלען, און קומען קומט אויס, אז ער האָט זי געקויפט זיך, זי זאָל אים דערמאָנען אין די ליבע קינדעריאָרן.

— דײַגענען זיך, וואָס זאָלט איר טאָן מיטן דאָזיקן אנטיקל, האָט איר ניט וואָס, — האָט פאָרגעזעצט דער מאנצבל, וועלכער האָט אים, ווי מיט גוואלד, אײַנגעהאלטן לעבן זיך אין דער ריי, — איר וועט עס נאָך יאָמטעוו אומקערן צוריק אין דער זעלבער קאָמיסיאָנער קלייט. איר׳ט דערבײַ פארלירן א קלייניקײַט, א פיר, צי א פינף פּראָצענט. אָדער ווייסט איר גאָר וואָס? איר האָט דאָך מיסטאם אין שטוב א שערל. קוקט ניט אזוי אף מיר. איך גיב אײַך א גוטע אייצע. שערט אָפּ בא דער שאַל די פראנדזן, וועט איר האָבן אן אנטיק א פלעד. איך מיין עס גאנץ ערנסט. און אָט האָבן מיר זיך מיט אײַך ענדלעך דערקליבן צו דעם געשטעל. זײַט אזויפיל גוט, — האָט ער זיך געווענדט צו דער פארקויפערן, — ווײַזט אונדז דאָס בעסטע און שענסטע פון דעם, וואָס מע האָט נאָך דערווײַל ניט אויסגעקויפט.

ווען זיי זײַנען אָפּגעגאנגען פונעם געשטעל, האָט דער צופעליק באקאנטער זײַנער צו אים א זאָג געטאָן:

— פון די מאטאָנעס, וואָס איר האָט אײַנגעהאנדלט פאר אײַער ווײַבל, איז ניט שווער זיך אָנשטויסן, אז איר האָט זי ליב. א פארליבטן מענטשן וועל איך אײַך דערקענען פאר א קילאָמעטער. גיט איר איבער פון מיר א גרוס.

— א דאנק. — ווילי האָט קינדעריש פארשעמט זיך צעשמייכלט. — און וואָס זאָל איך איר ענטפערן, אז זי וועט מיך פרעגן, פון וועמען איז דער גרוס?

— וועט איר זאָגן, אז עס לאָזט זי גריסן דער, וועלכער האָט אײַך אָפּגערעדט שענקען איר צום יאָמטעוו אן אלטמאָדישע שאַל און

צוגערעדט אײַך קויפֿן פֿאַר איר די דאָזיקע מאַ־טאַנע. קײן גרויסן פֿוראַר, ווי איך פֿאַרשטײ, וועט דאָס דאָזיקע פּושקעלע פּאַרפֿומעריע אַף איר ניט מאַכן, וויבאַלד איר האָט געשענקט אײַער ווײַבל פּאַרפֿומען, ווי איר זאָגט, אי פּאַראיאַרן, אי פּאַרצווייאַרן און זיי וועלן נאָך איר קלעקן און קלעקן. פֿונדעסטוועגן... זײַט וויסן, יונגערמאַן: אויב די יוגנט טוט זיך פֿון מאָל צו מאָל א יאָג נאָך דער „סטאַרינאַ”, נאָך דעם, וואָס איז געוועזן אַמאָל אין דער מאָדע, איז, ערשטנס, דאָך ניט אַלע, און די, וואָס יאָגן זיך יאָ נאָך, איז יאָגן זיי זיך ניט נאָך דער „סטאַרינאַ”, וועלכע גיט פֿון צײַט צו צײַט א דערמאָן וועגן זיך, ניט בלויז אָן עלטערן מענטשן, אָט ווי איך, נאָר ווי כ'זע, אויך אײַך, כאָטש לויט די יאָרן פּאַסט איך אײַך פֿאַר א טאַטן. ניט אַלץ, יונגערמאַן, וואָס איז אַלט, ווערט פֿאַרעלטערט, און ניט אַלץ, וואָס מע באַנײַט, ווערט נײַ. און ווײַטער האָט מיר א גוטן און גליקלעכן יאָמטעוו.

זאָגן אַף געוויס, אַז זײַן דאָרעלע וועט אים אָפּענטפֿערן דאָס זעלבע, וואָס עס האָט אָפּגעענטפֿערט דעם באַיאָרטן מאַנצבל זײַן יונגע שנור, קאָן ער פֿונדעסטוועגן ניט, ווילי. ער איז אין דעם פּאָרט ניט אינגאַנצן זיכער, אַזוי אַז ער קאָן נאָך דערווײַל איבערקלערן — שענקען צי ניט שענקען איר אויך די שאַל. און אויב יאָ, איז וועלכע פֿון די צוויי מאַטאַנעס, וואָס ער פֿירט מיט זיך, זאָל ער איר צום ערשטן שענקען?

נאָר ניט בלויז וועגן דעם האָט ער זיך אַזוי פֿאַרקלערט, זיצנדיק באַם פֿאַרהויכטן פֿענצטערל פֿונעם טראַמווײַ, וועלכער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך די ענגע גאַסן מיט דער בריק און זיך אַריבערגעכאַפּט אינעם מיקראָראַיאָן מיט זײַן ברייטן פּראָספּעקט. ווילי קאָן נאָך אַלץ ניט פֿאַרשטיין, וואָס האָט דער צופֿעליק באַקאַנטער זײַנער דערזען אין אים אַזעלכס, אַז ער זאָל זיך אַוועקשטעלן אים דערציילן, וואָס גייט יאָ אָן און וואָס גייט ניט אָן דער הײַנטיקער יוגנט, גלײַך ווי ער, ווילי, וואָלט ניט געהערט צו דעם זעלבן דאָר, וואָס זײַן דאָרעלע. ער איז אינגאַנצן דאָך עלטער פֿון איר אַף פֿינף יאָר, אַפֿילו ניט אַף קיין פֿולע פֿינף יאָר. און פּונקט ווי דער דאָזיקער מאַנצבל וואָלט מיטגעפֿאָרן מיט אים און געהאַלטן אַלץ אין איין דערווײַזן, אַז דער יוגנט גייט קנאַפּ וואָס אָן סײַ דער נעכטן, סײַ דער מאָרגן, איר גייט דעריקער אָן דער הײַנט, האָט ווילי ענדלעך באַשלאָסן, אַז ער וועט צום אַלעם ערשטן שענקען דעם ווײַבל זײַנס צום אַכטן מאַרט דאָפּקע די שאַל. ס'איז אים פּאַשעט טשיקאַווע, ווי וועט דאָרעלע עס אויפֿנעמען. קוים וועט ער דערפֿילן, אַז זי קלײַבט זיך אים זאָגן דאָס זעלבע, וואָס עס האָט געזאָגט דעם שווער די יונגע שנור, וועט ער פֿאַרלויפֿן דאָרעלען דעם וועג, איר אונטערטראָגן דאָס פּושקעלע פּאַרפֿומען, וועלכעס ער וועט באַצײַטנס, זי זאָל ניט באַמערקן, באַהאַלטן ערגעץ אין קאָרידאָרל. און אויס מיטן פֿאַרשטערטן יאָמטעוו. און אַז זי וועט אים פֿרעגן, צוליב וואָס האָט ער געקויפֿט די שאַל, האָט ער איר וואָס צו ענטפֿערן. ער האָט זי געקויפֿט פֿאַר דער אַלטינקער באָבען, וועלכע וווינט בא דער עלטערער שוועסטער זײַנער אַף אוראַל. אָדער... ניין, דאָס וואָס עס האָט אים גראַטן דער צופֿעליק באַקאַנטער זײַנער, וועט ער אַפֿילו פֿון מויל ניט אַרויסברענגען. ער וועט גיכער אָפּטראָגן די שאַל צוריק אין קראָם, איידער פֿאָלגן יענעם — אָפּשערן די פֿראַנדזן און מאַכן פֿון דער שאַל א פֿלעד.

וועגן דעם, אַז בא אָט דעם מאַנצבל איז א גוט הארץ, צווייפֿלט ווילי אַפֿילו קיין רגע ניט, אָבער א מענטש, ווי צו זען, איז ער א מאָדנער. נו, ווי קאָן מען עס דערפֿון, וואָס זײַן שנור איז ניט געוואָרן אַנציקט פֿונעם לאָמפּ, וועלכער איז ענלעך אַף אָן אַמאָליקן קעראָסין־לאָמפּ, צי דאָרעלע וועט ניט כאַפּן קיין היספּײַלעס פֿון דער טערקישער שאַל, — מאַכן אָן אויספֿיר, אַז דער יוגנט גייט ניט אָן ניט דער נעכטן, ניט דער מאָרגן, אַז איר גייט אָן נאָר דער הײַנט, און שוין.

א פֿריילעכער און גליקלעכער, וואָס ער וועט זיך באַלד זען מיט זײַן דאָרעלען, וועלכע קאָן זיך שוין אַף אים ניט דערוואַרטן, איז ווילי אַרויסגעשפּרונגען פֿונעם טראַמווײַ און אַוועקגעאײַלט צום נאָענטן נײַנשטאָקיקן מויער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום פּראָספּעקט מיט זײַנע פֿילצאָליקע יאָמטעוודיק־לויכטנדיקע פֿענצטער.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען בא דער טיר פֿון זײַן וווינונג. ער האָט זיך באַמיט אַרײַנגיין אין שטוב אָן דעם מינדסטן שאָרך, אַנדערש וועט ער דאָך ניט באַוויזן באַהאַלטן ערגעץ אין קאָרידאָרל דאָס שיין־אײַנגעבונדענע פּושקעלע, וויבאַלד ער האָט באַשטימט ניט פֿאָלגן יענעם און שענקען פֿונדעסטוועגן דאָרעלען, צום אַלעם ערשטן, די שאַל און דערנאָך שוין די פּאַרפֿומעריע. עס זעט אויס ווי א קינדער־שפּיל? אוודאי איז עס א קינדער־שפּיל. און געצווונגען האָט אים דערצו דער ביז גאָר טשיקאַווער מאַנצבל.

ווילי האָט אָבער ניט באַוויזן נאָך אויסטאָן דעם מאַנטל, איז אָנגעפֿלויגן פֿון קיך דאָרעלע און זיך א וואָרף געטאָן אים אַפֿן האַלדז.

— ווי ביסטו עס געוועזן אַזוי שפּעט? כ'האָב דאָך ניט געוווּסט שוין, וואָס איבערצוקלערן, געוואָלט צופֿאָרן אַפֿן זאַוואָד זיך דערוויסן.

— איך בין געווען אין שטאָט, געפאָרן זוכן פאר דיר א מאטאָנע צו יאָמטעוו, און... און זיך באקאנט מיט א טשיקאוון מענטשן, מיר האָבן זיך צערעדט! ווייסט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט? איבעראיאָר, צום אכטן מארט, זאָגט ער, וועט ער אָפּגעבן דאָס געלט דעם ווײַב, און זאָל זי זיך אליין צוקלײַבן א מאטאַנע. מיינסט, ער איז ניט גערעכט? שטעלסט זיך ניט פאָר, וויפל איך בין זיך אָנגעלאָפן, ביז איך האָב געקראָגן צו קויפן עפּעס א רעכטס.

— מער האָט ער גאָרניט צוגעטראכט, דײַן טשיקאווער פּארשוין? זאָג אים, אז דאָס, וואָס מע קויפט אליין, הייסט שוין ניט קיין מאטאָנע.

ווען ווילי איז אין א מינוט ארום ארײַן אין צימער, האָט ער דאָס ווײַבל זײַנס שוין געטראָפן זיך דרייען אין דער שאל פארן שפּיגל, ווי באם אָנמעסטן אן אופגענייט קלייד.

— געפעלן? — האָט ווילי, צוקוקנדיק זיך צו איר פון דער זײַט, געפרעגט.

— ווו האָסטו זי געקראָגן?

— אָ, ס'א גאנצע געשיכטע. כ'וועל דיר נאָכדעם דערציילן. זי איז דיר אָבער געפעלן?

— מײַן טײַערער, — האָט דאָרעלע, ניט אופהערנדיק זיך דרייען פארן שפּיגל, געענטפערט, — ס'איז דאָך א מאטאָנע, און אף א מאטאָנע פרעגט מען ניט — געפעלן צי ניט געפעלן.

— פונדעסטוועגן?

— נו, אוודע איז זי מיר געפעלן. כ'ווייס נאָר ניט, ווען וועל איך קאָנען זי אָנטאָן. אין אינסטיטוט און אפן גאס וועל איך דאָך אין איר ניט גיין, און אין שטוב, סײַדן אָסיען־צײַט, אויב מע וועט אף ווײַטער אויך אײַנהייצן אזוי שפּעט, ווי פאראיאָרן, און די באטארייעס וועלן זײַן קוים לעבלעך. ווו האָסטו זי געקראָגן? כ'האָב קיינמאָל ניט געזען, מע זאָל פארקויפן אין די קלייטן אזעלכע שאלן.

— און האָסט ניט געקאָנט עס זען. זיי פארקויפן זיך שוין לאנג ניט. קריגן א טערקישע שאל צו קויפן איז נאָך שווערער, ווי צו קריגן א קעראָסין־לאָמפּ.

— צו וואָס דארפסטו א קעראָסין־לאָמפּ? — דאָרעלע האָט פארוווּנדערט א קוק געטאָן אף אים מיט אירע גלאנציקע אויגן.

ווילי האָט זיך צעלאכט:

— דאָס האָט דער מאנצבל, מיט וועמען כ'האָב זיך באקאנט אין מאגאזין, געקויפט דער יונגער שנור זײַנער פאראיאָרן, צי פארצווייאָרן, א לאָמפּ, וואָס איז ענלעך אף א קעראָסינאָווע. ער איז זיך צוליב דעם, זאָגט ער, אפריִער גוט אָנגעלאָפן און זיך גענוג אָנגעשטאנען אין דער ריי. ס'איז דערבײַ אויך א גאנצע געשיכטע. כ'וועל זי דיר ווען־ניט־איז דערציילן.

ער איז נאָך אלץ געשטאנען אָן א זײַט און פארליבט נאָכגעפאָלגט נאָך זײַן יונגינק ווײַבל אין שפּיגל.

— ווילסט וויסן, פארוואָס האָב איך דיר געקויפט צום אכטן מארט די טערקישע שאל?

— זי איז אן אימפּאָרטנע?

— האָסט ניט דאָרעלע, וואָס צו זוכן. ס'איז אף איר ניטאָ קיינע שום צייכנס. אמאָליקע צײַטן איז, אפּאָנעם, ניט געווען אָנגענומען, אז מע זאָל אף אלץ שטעלן א צייכן, אָנווײַזן פונוואנען עס איז. ווייסט, ווו כ'האָב זי געקויפט? אין קאָמיסיאָנקע. בלויז אין די קאָמיסיאָנע קלייטן קאָן מען איצט קריגן אן אמאָליקע זאך. שטיי, נעם די שאל נאָך ניט אראָפּ. טו מיר צוליב, שטיי נאָך אזוי א ווײַלע, — און שטיל, ווי ער זאָל ארויסגעבן א סאָד, — בא מײַן באָבען איז פונקט אזא טערקישע שאל. זי איז אריבער צו איר בעיערושע פון איר מאמען צי פון איר באָבען. די באָבע מײַנע פלעגט זי, דאכט זיך, קיינמאָל ניט אויסטאָן, זי געטראָגן ווי א מין צירונג. כ'ווייס ניט, — האָט ווילי אף יעדנפאל צוגעגעבן, — צי האָט זי זיך בא איר פארהיט. ווען איך בין געווען א קלייניקער, פלעגט די באָבע מיך ארונטערנעמען צו זיך אונטער דער שאל און מיר דערציילן מײַסעלעך...

מיטאמאָל איז ווילי אנשוויגן געוואָרן און פארכידעשט אָנגעקוקט זײַן ווײַבל, ניט געקאָנט און ניט געוואָלט גלייבן די אייגענע אויגן. אפן האלדז איז בא איר אף א דין קייטעלע געהאנגען א ציילעם. ער האָט זיך ארויסגעגליטשט פון צווישן אירע עטוואָס אנטבלויזטע בריסטלעך.

— וו־וואָס איז דאָס? — האָט ער פון אומגערעכטקײַט זיך פארהיקעט.

— זעסט דען ניט? — און ווידער שפּילעוודיק זיך א דריי געטאַן פארן שפּיגל, פאריכטנדיק דאָס דינע קייטעלע אפן האלדז. — א ציילעם.

— איך זע, אז ס'איז א ציילעם. נאָר ווי קומט ער צו דיר?

— כ'האָב אים געקויפט.

— ני־יט דאָס פרע־עג איך. — פון אופרעגונג האָט ווילי זיך נאָך מער פארהיקעט. — צוליב וואָס האָסטו אים געקויפט?

די שאל האָט זיך אראָפּגעגליטשט פון אירע אקסלען. ווילי האָט זי אופגעהויבן און מיט א שטים, צו וועלכער דאָרע זײַנע איז ניט געוווינט, איבערגעפרעגט:

— צוליב וואָס האָסטו אים געקויפט?

ער זאָל ניט געווען אזוי קוקן אף איר, וואָלט די גאנצע שטוב זיך צעקלונגען פון איר געלעכטער. אינגאנצן אָבער אײַנהאלטן זיך און זיך ניט צעלאכן איז געווען איבער אירע קויכעס:

— וואָס איז הײַנט מיט דיר?
ווילי האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט לינדערן דעם בליק אין די אויגן.

— ווי קומט צו דיר אַ ציילעם?

— כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך האָב אים געקויפט. און ניט נאָר איך איינע. באַם טויער פון אינסטיטוט איז געשטאַנען עפּעס אַ פרוי און פאַרקויפט צלאָמים. דו מיינסט, ער איז אַ גאָלדענער? ער איז בלויז באַגילדעט און קאָסט ניט טײַער. אַ צענערל אײַנגאַנצן. איאָ, ער פּאַסט מיר? — זי איז צוגעגאַנגען בעענטער צום שפּיגל, אַרויסרוקנדיק נאָך העכער דעם ציילעם מיטן קייטעלע אַפן האַלדז. — אַ ציילעם איז דאָך איצט זייער אַ מאָדערנע צירונג. איאָ, ער פּאַסט מיר?

זעט אויס, זי פאַרשטייט ווירקלעך ניט, וועגן וואָס דאָ גייט, דאָך האָט ער אַרויסגעבראַכט, ווי אַ באַפעל, וואָס דערלאָזט ניט די מינדסטע דערווידערונג און דאַרף גלײַך אַפן אָרט ווערן אויסגעפילט:

— שוין זאָלסטו אים אויסטאָן!

זי האָט פאַרלוירן אים אָנגעקוקט:

— ס׳ערשטע מאָל הער איך, זאָלסט אַף מיר שרײַען.

— שוין טו אים אויס! — האָט ווילי איבער־געכאַזערט, נאָר ניט געקוקט שוין אַף איר אַזוי שטרענג.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס דאַרף איך אים אויס־טאָן? — אירע שיינע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט, ווי בײַ אַ קינד, בײַ וועמען מע וויל אָפּנעמען אַ שפּילעכל. — פאַרוואָס טאָר איך אים ניט טראָגן?

— אַליין פאַרשטייסטו עס ניט?

— ניין.

— אַ ציילעם, דאָרעלע, איז ניט קיין קעראָ־סין־לאָמפּ און ניט קיין טערקישע שאַל, וואָס דערמאָנט מיט זיך די „סטאַרינע״, דעם אַמאָל, און איז ניט קיין צירונג. איך פאַרשטיי די זאַך אַזוי: קוים האָסטו אָנגעטאָן אַ ציילעם און דו טראָגסט אים, איז דאַרפסטו אופהענגען אין שטוב אַן איקאָנע, גיין אין קלויסטער, און ווען דו גייסט פאַרבײַ אַ קלויסטער בעשאַס עס דזו־נערט, דאַרפסטו זיך איבערציילעמען...

— נאַרישקייטן.

— ס׳איז ניט קיין נאַרישקייטן, דאָרעלע.

— איך בין דאָך ניט קיין גלויביקע, אַז איך זאָל זיך ציילעמען.

— דעמלט טוט מען ניט אָן קיין ציילעם. דערמיט, וואָס מע האָט געמאַכט אַ ציילעם פאַר אַ צירונג, מע טוט אים אָן בלויז אַלס אַ צי־רונג, באַליידיקט מען מיט דעם די, וואָס גלויבן יאָ אין גאָט. מיין ניט, אַז איך רייד דיך אַזוי אָפּ, ווײַל דו ביסט אַ ייִדישע. זאָלסט געווען זײַן אַ רוסישע און ניט גלויבן אין גאָט, וואָלט איך דיר געזאָגט פּונקט דאָס זעלבע. נעם, טו אים אויס, — און צו זיך, — ניט אין אַלץ איז ער גערעכט. ניט אין אַלץ.

— ווער?

— נו, אָט דער מאַנצבל, מיט וועמען כ׳האָב זיך געטראָפן אין מאַגאַזין. ער האַלט, אַז דער יוגנט גייט ניט אָן ניט דער נעכטן, ניט דער מאָרגן, איר גייט אָן נאָר דאָס, וואָס איז הײַנט אין דער מאָדע. ווייסט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, ווען כ׳האָב באַוויזן די שאַל? אויב איך וויל ניט, האָט ער געזאָגט, פאַרשטערן דיר דעם יאָמטעוו, דערהערן פון דיר דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געהערט פון זײַן שנור, איז זאָל איך אָפּשערן בײַ דער שאַל די פראַנדזן, מאַכן פון דער שאַל, הייסט עס, אַ פּלעד. די יוגנט וויל ניט וויסן און ניט הערן פונעם נעכטן.

— און וואָס האָסטו אים דערויף געענטפערט?

— אַז מײַן דאָרעלע וויל יאָ וויסן און הערן, וואָס עס איז געווען נעכטן, אַנדערש וואָלט איך דאָך ניט געקויפט איר אָט די שאַל, וועלכע דערמאָנט אין עפּעס מיט זיך דעם נעכטן. מאַלע וואָס עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע, ווי זײַן שנור. נו, און שוין לאַנג, אַז דער ציילעם איז געוואָרן אַ צירונג, אַ מאָדע?

— האָסט עס ערשט איצט נאָר באַמערקט? נאָר ווײַבאַלד דו זאָגסט, אַז ס׳איז ניט קיין צי־רונג, איז טו איך אים אויס. ס׳איז מיר סתם טשיקאַווע, וואָס וועלן זאָגן די מיידלעך, וואָס האָבן צוזאַמען מיט מיר געקויפט די ציילעמ־לעך, ווען כ׳וועל זיי איבערדערציילן דאָס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. זע, וואָס שטייסטו? גיי, וואַש זיך אײַן און מירן זיך זעצן צום טיש. מע וועט דאָך באַלד נעמען טראַנסלירן דעם יאָמטעוודיקן קאָנצערט.

אָפּגעגעסן וועטשערע, האָבן זיי זיך איבער־געזעצט אַפן דיוואַן און פאַרכאַפּט, ווי קינדער, נאָכגעפאָלגט נאָך דעם, וואָס מע האָט באַוויזן אַפן עקראַן פונעם טעלעוויזאָר.

— ווילי, גיב נאָר אַ טאַפּ די באַטאַרייעס. מע האָט ניט אויסגעשלאָסן די באַהייצונג? עפּעס איז מיר געוואָרן מיטאַמאָל קילבלעך.

די טרויבן פון דער באַהייצונג זײַנען ווירק־לעך געווען ניט איבעריקס הייס, נאָר ווילין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָרעלע האָט בעקיוון זיך באַקלאָגט אַף דער קעלט. זי איז דערמיט פּאַשעט אויסן געווען, אַז ער זאָל איר דער־לאַנגען די שאַל, און קעדיי אים צוליב טאָן, אַרופוואַרפן זי אַף זיך.

— כאָטש אַ ביסל זיך דערוואַרעמט? — האָט ווילי אין אַ ווײַלע אַרום זי געפרעגט, אַרײַנ־קוקנדיק איר פאַרליבט אין די שמייכלענדיקע אויגן.

— נאָך אַ מין, ס׳איז מיר שוין אַזש הייס. דערציילן דיר אַ מעשהלע? — און דאָרעלע האָט

אים, ווי די באָבע זײַנע, מירע, אַרונטערגענו־מען צו זיך אונטער דער געקעסטלטער טער־קישער שאַל.

דעם סאָף פון דעם, וואָס דאַרעלע האָט אים דערציילט, איז צו אים דערגאַנגען פאַרטויבט, ווי דורכן שלאָף. ער איז, דאַכט זיך, ווירקלעך טאַקע אַ ביסל אײַנגעשלאָפן, ווײַל ווען ער האָט אופגעעפנט די אויגן, האָט ער שוין ניט געזען פאַר זיך ניט דאָס צײַלעמל, וואָס האָט זיך פריִער געהאַט אומגעוויגט הין און הער אַפן דינעם קייטעלע, ניט דעם לאָמפ מיטן פאָרציי־כערטן גלעזל, ניט דעם מאַנצבל, וואָס האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים און געראָטן פאַר־געדענקען, אַז ניט אַלץ, וואָס איז אַלט, ווערט פאַרעלטערט, און ניט אַלץ, וואָס מע באַנײַט, ווערט נײַ...

אין דער פאַרקערטער ריכטונג

צווישן פינף און זעקס אין אָונט, ווען די מאַסיווע טירן פון דער מאָסקווער מעטראָסטאַנ־ציע „פאַוועלעצקאַיאַ" מאַכט זיך אָף קיין רעגע ניט צו, האָט דער האַמוין מענטשן, וואָס האָט אָן אופהער אַהערצו געשטראָמט, אַרײַנגע־שלעפט מיט זיך אינעם טומלדיקן וועסטיביול דעם עטלעך־און־זעכציקיאָריקן שײַען, וועלכער איז געפאָרן צו זײַנעם אַ כאַווער פון דער יוגנט, צו יעכיִעלן, אַף כאַנוקאַס־האַבאַיס.

קיין שטאַרק גרויסן כיישעק פאָרן הײַנט צו אים, דעם עמעס געזאָגט, האָט שײַע ניט געהאַט. ער האָט ניט געקאָנט אים מויכל זײַן, ווי טוט מען עס אָף אַזאַ זאַך און מע אייצעט זיך אָפ־ריִער ניט אויס מיט אים, שײַען, אויב יעכיִעל האַלט אים, ווי ער זאָגט, פאַר זײַן נאָענטסטן פרײַנט. נו, וויאַזוי נעמט מען עס און מע בײַט אויס אַ וווּנדערלעכע צווייצימערדיקע דירע אין אַ שטילן גרינעם ראַיאָן אַף אַ דירע אין צענ־טער שטאָט? ווען יעכיִעל זאָל זיך געווען באַ אים פריִער אָנפרעגן, וואָלט ער אים זיכער אָפגערעדט דערפון, כאָטש ער האָט נאָך ניט געזען די איצטיקע דירע זײַנע. אַלציינס אָבער וואָלט ער אים אָפגערעדט. אָט ער, אַשטייגער, שײַע, וועלכער וווינט הינטער דער שטאָט אין אַ יישעוו, וואָס געהערט ניט צו די גאָר גע־הויבענע דאַטשע־ערטער, און וועלכער האָט די אַלע יאָרן, וואָס ער לעבט דאָרט, געהאַט צו טאָן מיט שלעפן זיך אין שטאָט טאָג־אויס, טאָג־אײַן אַף דער אַרבעט מיט דער באַן, וואָלט ער, ווען מע זאָל אים אַפילע געווען אָפגילטן, זיך ניט אַריבערגעקליבן אין שטאָט, ביפראַט נאָך אין צענטער שטאָט. וואָס האָט מען פונעם צענטער אויסער ווי דאָס שטופן זיך אין די אויטאָבוסן און טראָליבוסן און די מעסוקענע רייען אין די קראָמען נאָך איטלעך קלייניקײַט. יעדן טאָג אין טעאַטער צי אין די מוזייען גייט ער, דאַכט זיך, ניט, יעכיִעל, אַז ער זאָל צוליב דעם געווען דאַרפן פאַרבײַטן דעם וואַלד, וואָס ער האָט געהאַט באַ זיך הינטער די פענצטער, אַפן שטאָטישן האָ־האָ. איצט אָבער איז שוין ניט שײַעך פאַרפירן מיט יעכיִעלן וועגן דעם אַ רייד. ס'וואָלט געהייסן פאַרשטערן אים די סימכע פון כאַנוקאַס־האַבאַיס. אין אַ טײַך, ווי סע זאָגט זיך, זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע פיש. צווישן די, וואָס באַקומען נײַע וווינונגען, איז יעכיִעל, מיסטאָמע, ניט דער איינציקער, וואָס, וויבאַלד ער האָט אָפגעלעבט אַ לעבן אין צענ־טער שטאָט, איז קאָן ער זיך שוין ניט אָפגע־וווינען דערפון. אַנטוויינען זיך פון עפעס, שײַע ווייסט עס לויט זיך, איז צומאָל שווערער, ווי זיך אויסהיילן פון אַ קרענק.

אַזוי צי אַנדערש, נאָר כאַפן אָף צוריק וועט ער שוין ניט, יעכיִעל, איז וואָס פאַר אַ זין האָט פאַרפירן מיט אים וועגן דעם איצט אַ רייד. ס'וואָלט דאָך געהייסן לייגן יענעם שטיינער אַפן האַרצן, און דאָס האָט שײַע געהאַלטן שיר ניט פאַר די גרעסטע זינד.

נאָר וועגן דעם אַלץ האָט שײַע געטראַכט, איידער דער שטראָם מענטשן האָט אים אַרײַנ־געטראָגן אַהער. דאָ, אין וועסטיביול, ווו מע לאָזט מאַמעש ניט אײַנשטיין, ווו מע שטופט זיך פון אַלע זײַטן צו די טורניקעטן, וואָס האַלטן אין איין שלינגען די אַרײַנגעוואָרפענע פיטאַקלעך, איז שײַע געווען פאַרנומען מיט אָפזוכן אַפן הענגענדיקן שילד די סטאַנציע, וווהין ער דאַרף פאָרן. איז זי אָבער אַפן שילד ניט אָנגעוויזן. און אָף וועלכער סטאַנציע דאַרף ער זיך איבערזעצן, איז אויך ניט אָנגעוויזן. ווען ער וועט אַראָפלאָזן דאָס פיטאַקל אינעם שמאָלן מײַלעכל פונעם טורניקעטל, וועט ער קיין האַלבע רעגע זיך אויך ניט קאָנען שוין פאַרהאַלטן באַם שילד. די הינטערשטע וועלן אים פאַשעט אַרופשטופן אַפן גייענדיקן עסקאַ־לאַטאָר.

די צוויי־דרײַ מענטשן, באַ וועמען שײַע האָט זיך אָנגעפרעגט, ווו דאַרף ער זיך איבערזעצן, האָבן אַ דריי געטאָן מיטן קאָפ, וואָס האָט גע־זאָלט באַטײַטן, אַז אָדער זיי ווייסן ניט, אָדער זיי האָבן קיין צײַט ניט זיך אָפגעבן מיט אים. און דערקלײַבן זיך צו דער דעזשורנע אין דער

האלבּ־פּאַרגלאָזטער בודקע איז שיר ניט אַל־ציינס, ווי פּרווון זיך ארויסקלײַבן פונדאנען צוריק אין דרויסן דורך דער זעלבער טיר, דורך וועלכער ער איז אהער אריין.

— קומט מיט מיר. איך פאר אויך אין דער זעלבער ריכטונג.

אַנגענומען שײַען פאר דער האנט און ארופּגעפירט אפן עסקאלאטאָר, ווי מע טוט עס מיט אַן עלטערן מענטשן, וועלכער איז צום ערשטן מאָל אין מעטראָ און ציטערט ארופטרעטן אף די גייענדיקע טרעפּ, האָט אים ניט דער, בא וועמען ער האָט זיך אָנגעפרעגט, נאָר גאָר אַן אנדערער. שײַע האָט דערזען דעם דאָזיקן מענטשן ערשט דעמלט, ווען ער איז שוין געשטאנען מיט אים אפן עסקאלאטאָר, ווו מע האָט פון ענגשאפט זיך ניט געקאָנט א ריר טאָן, ווי געוויינלעך אין דער שאַ פון „פּיק” צווישן פינף און זעקס אין אָונט. ער איז געשטאנען לעבן דעם צופעליקן מיטפּאַרער זײַנעם אזוי צוגעשטופּט, אז ער האָט ווילנדיק ניט ווילנדיק זיך צוגעקוקט צו אים.

ניין, דאָס, וואָס אָט דער מענטש האלט א פּאַרטפעל אין דער האנט, איז נישט קיין באַוויז, אז ער איז נאָך ניט קיין פענסיאָנער. פארקערט, אָפּטמאָל טרעפט, אז א פּאַרטפעל גיט ארויס יענעמס עלטער מער נאָך ווי די קנייטשן אפן געזיכט, ווײַל די אָנגעשטעלטע, אלס קלאל, טראָגן ביכלאל פון לאנג שוין ניט קיין פּאַרטפעלן. איצט זײַנען אין דער מאָדע שווארצע פּלאַטשיקע טשעמאָדאנדלעך, דיפּלאָ־מאטקעס רופן זיי זיך. פּאַרטפעלן טראָגן אצינד מייניסטנטייל מענטשן פון יענעם עלטער, וואָס האָבן צו טאָן מיט גיין אײַנקויפן. פאר א מאנצבל איז פּאַרט מער אָנשטענדיקער גיין אפן מארק צי אין קלייט מיט א פּאַרטפעל, איידער מיט א קאָשעק. בא דעם דאָזיקן אָבער זײַנען די האָר אפן קאָפּ און די שטארצנדיקע געדיכטע ברעמען קימאט אינגאנצן נאָך שווארץ און פון הינטער די עטוואָס אראָפּגעגליטשטע ברילן־גלעזלעך קוקן ארויס א פּאָר שארפע אויגן. דער מענטש האָט נאָכגעפאָלגט נאָך דעם אָנגעפּראַפּטן האמוין אף די צוויי אנטקעגנ־גייענדיקע עסקאלאטאָרס, ווי ער זאָל דאָרט עמעצן זוכן. און פונקט ער וואָלט יענעם ענד־לעך אָפּגעזוכט אין אָט דעם מענטשן־געווירבל, האָט ער גאנץ הויך ארויסגעבראכט: — אש.

שײַע האָט זיך אײַנגעקוקט, צו וועמען פון די אנטקעגן־אָנקומענדיקע פּאסאזשירן אף די עסקאלאטאָרס האָט זיך עס געווענדט זײַן מיט־פאָרער.

— אש!

כאָטש ער האָט דאָס מאָל עס ארויסגעבראכט פיל העכער, דאָך האָט שײַע פארשטאנען, אז ס'האָט ניט צו טאָן מיט קיין פאמיליע־נאָמען.

דאָס ווענדט ער זיך אזוי פּאַשעט צו אים. שײַע האָט אָבער ניט אָנגעהויבן צו באַנעמען, וואָס איז יענער אויסן אים דערמיט צו זאָגן און אין שײַכעס מיט וואָס האָט ער עס אים געזאָגט. דער מענטש האלט אים, אפּאָנעם, שײַען, פאר א טויבלעבן, וואָרעם דאָס מאָל האָט ער אים שיר ניט אריינגעשריען אין אויער, אָנוויזנ־דיק דערביי אפן האמוין, וואָס האָט געווימלט אונטן אין וועסטיביול און אף די אראָפּפאָרנ־דיקע און ארופפאָרנדיקע עסקאלאטאָרס:

— אײַך איז קיינמאָל ניט געקומען אפן זינ־נען, בייס איר דערזעט פאר זיך א האמוין מענטשן, וואָס יאָגט, האוועט, טומלט אָט ווי די אלע, אז דאָס איז אש? איר האָט קיינמאָל ניט א טראכט געטאָן, אז אין אוועלכע פופציק, זעכ־ציק, זיבעציק יאָר ארום וועט קיין איינער פון די, וועלכע מיר זעען פאר זיך, שוין דעמלט ניט זײַן. ס'וועט בלײַבן אש. — דערזען שײַעס פאר־וווּנדערטע אויגן, האָט ער דײַטלעך איבערגע־כאַזערט: — יאָ. בלויז אש. — און גלײַך צוגע־געבן: — ווײַל אין פופציק, זעכציק, זיבעציק יאָר ארום וועלן שוין מיסטאמע ביכלאל ניט זײַן קיין בעסאלמענס, נאָר דורכויס קרעמאטאָ־ריעס.

— איר ארבעט אין קרעמאטאָריע? — האָט שײַע, ניט אָפּוועדנדיק פון אים דעם פארכי־דעשטן בליק, געפרעגט:

— צוליב דעם, מע זאָל עס פּאָרויסזען, דארף מען ניט זײַן באשעפטיקט אין קיין קרעמאטאָ־ריע, — און ווידעראמאָל הויך, זײַענדיק דער־מיט, אפּאָנעם, אויסן, אז די דערבײַשטייענדיקע לעבן אים אף די טרעפּלעך פונעם עסקאלאטאָר זאָלן עס אויך דערהערן, פארגעזעצט: — ווען דער מענטש זאָל באַצײַטנס זיך וועגן דעם פארקלערן, וואָלט ער א מאָך געטאָן מיט דער האנט אף די אלע קליינלעכקײַטן, מיט וואָס ער האָט צו טאָן אין לעבן, זיך פּאָשעט אויס־געלאכט דערפון.

— וואָס הייסט בא אײַך קליינלעכקײַטן?

— אלץ. קיין זאך אין לעבן האָט גאָרניט די ווערט. אלץ איז אש.

דערהערט עס, האָט שײַע זיך נאָך מער אײַנ־געקוקט אין זײַן מיטפּאָרער, ווי ער זאָל וועלן אָפּזוכן אין אים יענע סימאָנים, לויט וועלכע מע קאָן נאָך ביז איצט דערקענען א מענטשן, וואָס איז געווען אין געטאָ, אין טויט־לאגער און אלפּי־נעס. אליין ניט באַנעמענדיק, וויאזוי איז עס געשען, לעבן געבליבן. שײַע האָט נאָך דער מילכאָמע באגעגנט אזעלכע. נאָר ווי שרעקלעך ס'איז ניט געווען דאָס, וואָס זיי האָבן דער־ציילט וועגן זיך, האָט ער אָבער קיין איין מאָל ניט געהערט, אז עמעצער פון זיי זאָל זאָגן אפילע עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס ער האָט דאָ אָקאָרשט געהערט פון אָט דעם אומבאַ־

קאנטן, וועלכער האָט, לויטן עלטער נאָך, מיסטאמע אפילע ניט באוויזן צו זייַן אף דער מילכאָמע. אויב א סאך, דארף אים זייַן בא די פופציק, ניט מער. הייסט עס, ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, איז ער אלט געווען נייַנצען יאָר, און ווען זי האָט זיך פארענדיקט — פערצן־פופצן יאָר. פונוואנען, אויב אזוי, קומען צו אים אזעלכע געדאנקען, אזעלכע רייד? און וואָס האָט ער עס אזעלכעס באמערקט אין אים, אין שייַען, וואָס ער האָט פארפירט מיט אים אזעלכע רייד? לויט דעם אָבער, ווי ער האָט עס אים ארויסגעזאָגט, איז ניט געווען צו זען, אז ער גופע זאָל אויך אזוי טראכטן, אז ער אליין זאָל אויך גלייבן אין דעם, וואָס ער זאָגט יענעם.

אין א רעגע ארום, שייַע וואָלט אליין ניט געקאָנט נאָך זאָגן לויט וועלכע סימאָנים, האָט ער דערקענט, אז דער מיטפאָרער זייַנער איז פון די לייַט, וואָס האָבן פּאָשעט ליב לייגן יענעם שטיינער אפן הארצן, ביפראט נאָך ווען זיי זען, אז יענעם איז אופגעלייגט אף דער נעשאָמע. ער האָט, אפּאָנעם, דערזען אין שייַען א פּאסאזשיר, וואָס פּאָרט אף א סימכע, איז וויל ער זי אים פארשטערן, מאכן אים שווער אפן הארצן. ער האָט דערפון, קענטיק, האנאָע, געפינט אין דעם, קענטיק, פארגעניגן, און נעמען נעמט זיך עס בא אזעלכע, ווי אָט דער, איז שייַע זיכער, געוויינלעך פון קינע. זיי קאָנען ניט פארטראָגן, ווען יענעם איז גוט, און האָבן האנאָע, ווען יענעם איז שלעכט.

שייַע האָט אף זייַן לעבן ניט ווייניק באגעגנט אזעלכע, ווי אָט דער, נאָר פארפירן זיך דאָ איצט מיט אים, ווי ער פלעגט עס טאָן מיט אייניקע פון זיי, האָט ער ניט געהאט דעם מינדסטן כיישעק, אנדערש וואָלט ער אים מיסטאמע געפרעגט, צי ניט פון אָט די שווערע שטיינער, וואָס ער לייגט יענעם אפן הארצן, איז אזוי געשוואָלן בא אים דער פּאָרטפעל? נאָר איינגאנצן אים פארשווייַגן, יענער זאָל קלערן, אז ער, שייַע, האָט אים פּאָשעט נישט וואָס דערוף צו דערווידערן, קאָן ער אָבער אויך ניט. ער מוז אים אָפּענטפערן, און טאקע שוין, וואָרעם דער עסקאלאטאָר שטייט ניט אף אן אָרט, ער אייַלט אונטער.

— אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, — האָט שייַע זיך אָנגערופן, — בין איך א ביסינקעלע עלטער פון אייַך, און עפשער ניט אף קיין ביסינקעלע, נאָר טאקע אף א סאך. און בא אזא עלטער, ווי בא מיר, טרעפט גאנץ אָפּט, אז סע טוט זיך פון דיר אָפּ באנאכט דער שלאָף. ליגט מען און מע טראכט, און אף וואָס זיך צו פארטראכטן, אין מייַנע יאָרן, פעלט ניט אויס. נאָר אף וויפל איך געדענק, איז מיר קיין איין מאָל ניט געקומען אפן זינען אָט דאָס, וואָס כ'האָב געהערט דאָ איצט פון אייַך. נו, אוואדע וועלן פיל פון די, וואָס מיר זעען איצט פאר זיך אין א וועלכע פופציק־זעכציק יאָר ארום שוין ניט זייַן, קיינער לעבט ניט אייביק, און קיין זאך איז ניט אייביק. אפילע די זון, האָב איך געהערט זאָגן איז אויך ניט אייביק. נאָר פון דעם איז נאָך ניט געדרונגען, אז קיין זאך איז גאָרניט ווערט און מע דארף אף אלץ קוקן, ווי אף אש. אויב איר ווילט שוין יאָ צו עפּעס פארגלייַכן אָט דאָס אלץ, וואָס מיר זעען דאָ איצט פאר זיך, איז דער סאמע פּאסיקסטער פארגלייַך פאר דעם, ווי מיר דוכט, דער עסקאלאטאָר, אף וועלכן מיר שטייען מיט אייַך. מיר וועלן פון אים טאקע אראָפּ, אָבער די טרעפּלעך וועלן זיך ניט אָפּשטעלן. אף זיי וועלן ארופגיין אנדערע, פּונקט ווי מיר מיט אייַך זייַנען ארוף אף די זעלבע טרעפּלעך, אף וועלכע עס זייַנען ביז אונדז געשטאנען אנדערע. נאָר ביכלאל דארף איך אייַך זאָגן, — האָט שייַע זיך צו אים אָפּגערופן, ווען זיי זייַנען אראָפּ פונעם עסקאלאטאָר, — אז איך האָב ניט ליב קיין מענטשן, וואָס האלטן פון לייגן יענעם שטיינער אפן הארצן. און כוץ דעם, בין איך ביכלאל אין סאָפעק, צי איר אליין קוקט אפן לעבן טאקע אזוי, ווי איר ווילט אין דעם אייַנריידן יענעם. יאָ, יאָ...

שייַע האָט ניט באוויזן נאָך מאכן דעם אנדערן טראָט, ווי דער מיטפאָרער זייַנער האָט אים אָנגעכאפּט פאר דער האנט:

— ניט אהינצו, אהערצו דארפן מיר. פון יענער פּלאטפאָרמע, וווהין איר האָט זיך געלאָזט, גייען די צוגן אין דער פארקערטער ריכטונג.

— איך דארף טאקע אין דער פארקערטער ריכטונג, — האָט שייַע, ניט אומקוקנדיק זיך צו זייַן באגלייטער, געענטפערט און פארשוווּנדן אינעם טומלדיקן מענטשן־געווירבל.

אף דער נאָענטסטער סטאנציע איז ער ארויסגעשטיגן פונעם צוג און אריבער אף דער אנטקעגנדיקער פּלאטפאָרמע, פונוואנען די צוגן גייען אין דער ריכטונג, וווהין ער דארף פאָרן. באם ארייַנזעצן זיך אין וואגאָן האָט ער אף יעדנפאל זיך אפריִער גוט ארומגעקוקט, צי פאָרט אים ניט נאָך דער פארשוין מיטן שווערן אָנגעפּאקטן פּאָרטפעל.

אירמע דרוקער

געזעץ און געהערט

זאַליעסע

אַז אַ וועג קאָן וויינען און קלאָגן, האָב איך זיך דערוווּסט אין כיידער. געזאָגט האָט עס דער נאָווי, ווען מען נאָמען ס׳איז מיר באַשערט צו טראָגן.

ניט קיין באַטראָטענע וועגן זײַנען ווי צעטראָטענע פעלדער. דער כּעס פון די פעלדער זײַנען די וואַקסנדיקע און רײַפע זאַנגען, דער כּעס פון די וועגן זײַנען די טאָגטעגלעכע פרישע טריט־שפּורן פון פוסגייער, פון פערדישע טלאָען און פון זיך קויקלענדיקע רעדער, פון גערודערײַ און רעדערײַ, פון דער וואָכיקער ליד, וואָס קומט פון דער אַרבעט און העלפט מיט אין דער אַרבעט, פון יאַמטעוור־קלאַנג און ליבע־געקלאַנג.

ווי שרעקלעך עס איז, ווען ס׳איז אומעגלעך פון אַ קרומען, פאַרפּלאָנטערטן און פאַרדרייטן וועג געפינען דעם אַרויסגאַנג און אַרײַנגאַנג, דאָס אָפּקערן פון רעכטס און דאָס זיך נעמען אַף לינקס, און פון לינקס, ווו די שטעגן און סטעזשקעס גיסן זיך אַרײַן ווי די טײַכן אין יאַם, אויסגעפינען די אָנזאָגנדיקע און אָנווײַזנדיקע סימאָנים צום גלײַכן און ריכטיקן וועג.

אויסוועגלאָזיקײַט! אַף וואָס קאָן מען האָפן, אַף וואָס קאָן מען וואַרטן, אַז דער ערגעץ רינגלט דיך ניט אַרום פון אַלע זײַטן, אַז דאָס ווײַטע בלײַבט ווײַט אַף קיינמאָל זיך ניט דערנעענטערן.

אָבער ווען אַלע וועגן שפּרייטן אויס פאַר דיר ווי אַ יאָמטעוודיקן פילפאַרביק אויסגעהעפטן טעפּיך דעם וועג, וואָס פירט דיך אַהין, ווו דו קוקסט זיך אויס די אויגן און וווהין דײַן האַרץ הערט ניט אויף גלוסטן, ווערסטו פון אַלע זײַטן באַגעגנט און באַגלייט מיט געזאַנג און קאַבאַלעס־פּאַנעם־פּאַראַד.

דערגאַנגען בין איך צו דעם ניט אַזוי מיט מײַן ייִנגלשן סייכל, ווי מיט מײַנע ייִנגלשע שפּירונגען און באַאָבאַכטונגען, ווען איך פלעג פון טשערנאָביל גיין קיין זאַלעסע.

ס׳רעדט זיך אַזוי — גיין. די קינדהײַט און די פרײַע יוגנט גייען ניט, זיי לויפן... אַז מ׳לויפט, זעט מען מיט די אויגן, פילט מען מיט יעדן אייוועך דעם קפיצאַס־האַדערעך, ווי דער וועג שפּרינגט דיר אַנטקעגן און שפּאָרט דיר אײַן אַ וועלט מיט גאַנג. ס׳איז נאָר אַ שאָד געוועזן, וואָס פון טשערנאָביל ביזן ערשטן שכיינעסדיקן דאָרף זאַליעסע איז אינגאַנצן געווען ניט מער ווי דרײַ וויאָרסט. איך וואָלט געקאָנט אַזוי אין שווינדיקן געלויף דורכמאַכן פינף, אַכט און עפּשער אַלע צען וויאָרסט. דאָס זאָג איך איצטער — צען, אין מײַן ייִנגלשן עלטער זײַנען פאַר מיר הונדערטער געווען ווייניק, און איך האָב זיך קוים באַנוגנט מיט דער צאָל פון טויזנטער. אַז ס׳איז אַזוי און ניט אַנדערש, האָט מיך אונטערגעהאַלטן דער „פּיירעק שירע” — דער פּיירעק פון געזאַנג, וואָס האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון די ליפּן בײַ מײַנע זיידעס כאַצקל און יאַנקעוו־מוישע.

דעם זיידן כאַצקל האָט זיך בעסער אײַנגעגעבן דער ברומענדיקער, ספּייקעסדיקער, זיך אַמפּערנדיקער געמאָרע־ניגן פון טאַפּן אין דער פינצטער און ניט וויסן, ווער ס׳איז גערעכט

און מיט וועמען צו האַלטן, איידער דאָס געזאַנג וועגן געזאַנג, וואָס פאַרפּילט די גאַנצע וועלט און לאָזט ניט איבער פריי און ליידיק קיין איין ווינקעלע, קיין איין שפּאַרונקעלע אָן א קלאַנג.

באַם זיידן יאַנקעוו־מוישע זײַנען די זעלבע ווערטער און דער זעלבער ניגון געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיי ניט געקאָנט אויסזינגען בא זיך אין ענגן דאָרפישן שטיבל, און עס פלעגט אים טראָגן ווי אינדערלופטן אין פרײַען פעלד אַרײַן. עפּעס א קלייניקייט: ראַבי עליִע־זער פאַרזיכערט, אַז ווער עס זינגט אַף דער וועלט, דער וועט זינגען אַף יענער וועלט. געזאַנג איז דאָס בעסטע מיטל פאַר אריכאס־יאָמים, ער ראַטעוועט פונעם יעיצערהאָרע, פונעם סאָטן מעקאַטרעג, פון די מאַזיקים, פונעם שווערן דין און אַפילע פונעם גענעם אליין.

אַז דער זיידע כאַצקל האָט געזונגען, האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער זינגט דאָ אַף דער וועלט בלויז דערפאַר, ער זאָל קענען זינגען אַף יענער וועלט. און דער זיידע יאַנקעוו־מוישע, אַז ער האָט מיטגעזונגען מיט דער וועלט, האָט ער קיין שענערע וועלט פאַר זיך ניט געזען און אַף קיין שענערער וועלט ניט געוואָרט. דער סכאַר פון געזאַנג איז בא אים געווען דאָס געזאַנג אליין.

איך האָב געגלייבט ראַבי עליִעזערן, און מיר האָט זיך געוואָלט, אַז איך זאָל קיינמאָל ניט אופהערן זינגען, איך זאָל זינגען, וויפל ס׳איז מיר באַשערט צו לעבן, און אויב דאָרטן וועט אויספעלן א זינגערל און מ׳וועט מיך טאָן אַהינצו, זאָל איך אַף א רעגע איבעררײַסן דאָס געזאַנג דאָ אַף דער וועלט און גלײַך עס אָנהייבן איבעראַנײַס אַף יענער וועלט.

אַף צו זוכע זײַן דעם אייביקן ניגון בין איך געוואָרן א געטרײַער צוהערער פון ביידע מײַנע זיידעס, איך האָב אָנגעשטעלט מויל און אויערן און ניט דורכגעלאָזט קיין איין קלאַנג, קיין איין וואָרט, וואָס באַזינגען די וועלט מיט אַלע אירע שיינקײַטן: פונעם העכסטן בוים ביזן קלענסטן גרעזעלע, פון דער שטאַרקסטער כײַע ביזן קלענסטן פייגעלע, זשוקעלע און מוקעלע.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און דער פּיירעק „שירע“ איז זיך צעגאַנגען אין אַלע מײַנע אייוורים, האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין מײַן קאָפּ, אין מײַן יִינגלשן ברייטן אַלט, זיך אַרויסגע־כאַפּט פון מײַנע ליפּן, איך האָב אים געקענט אַף אויסווייניק, ווי „מוידע אַני“ און ווי „קרישמע“.

מיטן געזאַנג וועגן געזאַנג, האָב איך זיך קיינמאָל ניט צעשיידט, דאָס איז געוואָרן מײַן שטענדיקער שיים־האַמפוירעש, וואָס האָט מיך ווי אַף פליגלען געטראָגן פון טשערנאָביל קיין זאַליעסע.

איך האָב געזען און געהערט, ווי די הימלען זינגען צו דער ערד, ווי די ערד ווערט הימלש און דער הימל ערדיש.

דער ניגון ציט זיך און ציט זיך, ער איז ניט מאַפסיק — דער טאָג גיט איבער דער נאַכט, די נאַכט זאָגט דעם ערשטן גוטמאָרגן דעם טאָג. דער זונען־פאַרגאַנג רוימט אײַן א סאָד דער לעוואָנע מיט די שטערן. א וואָלקן לעשט אויס דעם בליץ, און א בליץ פאַרסאַרפּעט דעם וואָלקן, א דונער נאָך א דונער — ווי אַלע פּויקן פון דער ערד זאָלן זיך פאַררײַניקן.

יעדעס גרעזעלע האָט זיך איר טויעלע, יעדעס טויעלע איז ווי א דימענט, וואָס באַשײַנט, דערנערט און קרעפּטיקט זײַן גרעזעלע, אַז עס זאָל ניט שטומען, ווען אַלץ אַרום וועט נעמען ריידן, רוישן און קלינגען.

א טראָפּן און א טראָפּן, און א רעגן איבער אַלע וועגן און שטעגן, און דער גערויש פון די לויפנדיקע וואַסערן, טײַכלעך און ריוטשעקעס זײַנען, ווי א קאַפּ׳עלע, ענג געשלאָסן צווישן זיך.

דער ליוויאָסן שפּילט זײַן גערויגל־שפּיל מיטן שויר־האַבאָר, און די פיש קוויקן זיך און קלאָפּן צו פון פרייד מיט די פליגעלעך.

דער האָן נעמט זיך גאַדלעסדיק איבער מיט זײַן סייכל פון קענען אונטערשיידן פון נאַכט ביז טאָג און מיט דעם, וואָס אים איז באַשערט זײַן דער ערשטער זינגער, דער ערשטער אָנ־זאָגער און וועקער, אַז גענוג געשלאָפן, גענוג געכאָלעמט, שוין צײַט אופכאַפּן דאָס פרימאָרגן־געזאַנג, וואָס איז הײַנט ניט ווי נעכטן, און מאָרגן וועט עס זײַן ניט ווי הײַנט.

יעדער געפּאָך מיט די פליגל באַם אָדלער איז א געזאַנג פון שווונג, א צייכן און א רוף זיך ניט באַנוגענען מיט דעם געשטיגענעם און שטײַגן אַלץ העכער און העכער.

דער בער ברומט אַף זײַן באַסאָווער שטים, און ער דאָרשט און לעכצט נאָך דער מעסי־קעס פון האָניק אַף צו פאַרוויַיכערן און פאַרזיסערן זײַן שטים. און אַז דער לייב גיט א געשריי, ציטערט אַפילע אויף דער מידבער פון זײַן ווידערקאָל.

דאָס פערד מיט זײַן הירזשערײַ, די בעהיימע מיט איר מעקערײַ, דער פויגל מיט זײַן צוויטשערײַ, דאָס באַבעלע מיט איר מורמלערײַ, די פליג מיט איר זשוזשערײַ...

און ווער האָט עס געזאָגט, אַז די זשאַבע איז אַ קוואַקערן? ניין, ס'איז אַ געזאַנג און ניט קיין קוואַקערײַ, ס'איז אַ באַזונדער נייטיקער טאָן אין דעם אַלגעמיינעם טענער־מאַבל, וואָס פאַרפלייצט די וועלט.

וואָס האָט עס מיך אַזוי געצויגן און געטראָגן קיין זאַליעסע? אין וואָסער זכות בין איך אין שווינדיקן געלויף זיכער געווען, אַז איך האַלט די גאַנצע וועלט אין מײַנע הענט? וואָלט אַ יאַם אָנגעלאָפן אַנטקעגן, וואָלט איך אים גלײַך איבערגעשווומען, וואָלט אַ באַרג זיך געשטעלט אין וועג, וואָלט איך פאַר אַ רעגע זיך אַרופגעקאַראַפקעט ביז זײַן העכסטן שפּיץ און וואָלט אַראָפּגעשפּרונגען פון אים.

אין וואָסער זכות האָט אַלץ אין מיר און אַרום מיר געזונגען, גלײַך ווי איך זאָל טראָגן אין זיך אַ פול האַרץ מיט בסורעס־טויווס פאַר זאַליעסע און פאַר יעדן זאַליעסער באַזונדער?

איך מיין, אַז דאָ האָבן געהאַט צו זאָגן די טיפע שטאַמען — וואָרצלען פון צוויי באַזונדערע ערדן, וואָס האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן, באַהעפט און זיך צעלייגט אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער טיף. פון טאַטנס צאַד בין איך אַ טשערנאָבילער, פון דער מאַמעס צאַד — אַ זאַליעסער. אין זאַליעסע האָבן אָפּגעלעבט אַ לעבן דער זיידע יאַנקעוו־מוישע און די באָבע דאַסל, אין זאַליעסע זײַנען געבוירן געוואָרן מײַן מאַמע סימע און די מומע טײַבל, דער פעטער אווראָם (בוזי אָליעווסקיס פאָטער), דער פעטער איציק, און דער פעטער אַרל.

לויטן יִכעס־בריוו, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דאָר צו דאָר, האָט דעם לעכלעכאָ און וואַיִשעוו אין זאַליעסע געמאַכט איינער אַן אווראָם, וואָס האָט געקענט האַלטן אַ האַק אין האַנט — געווען אַ סטעלמאַך, אַ סטאָליער און אַ בויער. זײַנע אַ ראָד האָט זיך געקוויקלט בעסער פון אַלע רעדער, זײַנער אַ שליטן, אַבי שנייי, האָט קיין פערד ניט באַדאַרפט האָבן, זײַנס אַ פענצטער האָט אַפילו אין מײַרעוו־זײַט בעסער געשײַנט, ווי אַן אַנדער פענצטער אין מיזרעך. פון זײַנער אַ סקריניע איז שוין אָפּגערעדט.

— גייט זיך דורך איבער זאַליעסע, — האָט זיך דער זיידע יאַנקעוו־מוישע געגרויסט מיטן צווייטן אווראָמען, פון וועמען עס קומען אַרויס די אָליעווסקיס, ווי מיטן ערשטן אווראָמען, פון וועמען עס קומען אַרויס אַלע יִדן, — און אַז איר וועט באַגעגענען אַ סקריניע, קיין אויג ניט אַראָפּצונעמען פון איר, זאָלט איר וויסן זײַן, אַז דאָס איז אווראָם דעם זאַליעסערס אַרבעט. ער, אָלעווהאַשאָלעם, אַז ער האָט געמאַכט אַ שטיקל אַרבעט, איז עס געווען אויף אייביק.

באַ אווראָמען איז קיינמאָל ניט געווען אָפּגעשיידט דאָס נוצלעכע פון דעם שיינעם. ער האָט געהאַלטן, אַז וואָס שענער אַ כייפעץ אָדער אַ קיילע גייט אַרויס פונעם באַלמעלאָכעס האַנט, אַלץ מער אַריכאַס־יאָמים און מאַזלבראָכע פאַרמאָגן זיי, לאָד אין זיי אָן וויפל דײַן האַרץ גלוסט, און עס וועט בלײַבן אָרט אויף נאָך און נאָך.

אַ סאַך גאָלעסן האָט דער צווייטער אווראָם דורכגעמאַכט פאַר זײַן לעבן, אַ סאַך יאָגעניש און פּלאָגעניש אויסגעשטאַנען. האָט מען אים פון איין לאַנד פאַרטריבן, איז ער געקומען אין אַ צווייטן, האָט מען אים פאַריאָגט פון איין ערד, איז ער אויסגעוואַקסן אויף אַ צווייטער. ער בויט אויס אַ שטוב אַ צאַצקע, און וואָס שענער די שטוב, אַלץ גיכער האַקט מען אויס אין איר די שויבן. יעדער כורבן האָט געדינט אַלס סימען, אַלס צייכן און דערמאָנונג. די כאַסענע איז פאָרגעקומען באַם ערשטן גיירעש, דער בריס פון דעם בכאָר — פּונקט באַם צווייטן. און ווען איז פאָרגעקומען דער אַלילאַס־דאַם? אַהאַ, קלאָר, פּונקט ריכטיק! און אווראָם האָט די האַק פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזט, ער האָט אַלץ געזוכט אַ מאָקעם־מענוכע און איבעראַנײַ׳ס זיך געבויט. און אָט אַזוי האָט ער פאַרבלאָנדזשעט קיין זאַליעסע, וווּ זײַן נײַ־אויסגעבויטער שטוב איז באַשערט געווען צו ווערן אַ יערושע־שטוב.

אַ שטוב איז געקומען, און אַ שטוב איז אוועק, אָבער אווראָמס אויסדערווײלט באַרגיק שטיקל ערד איז פאַרבליבן אויף אייביק. און אויף אָט דער יערושע־ערד האָט דער זיידע יאַנקעוו־מוישע אויסגעבויט זײַן שטוב, אין וועלכער איך בין געווען אַזאַ אָפטער גאַסט.

מיט אַ סאַך הונדערטער יאָר צוריק האָבן באַם לינקן ברעג פונעם טײַך אוזש, וואָס פאַלט אַרײַן אין פּריפּיאַט, זיך באַוויזן דרײַ שטיבלעך, ווי דרײַ פאַרטריבענע, דרײַ געפאַנגענע, באַוואַכטע פון די געדיכטע וועלדער אַרום.

פאַרזונקענע אין עלנטקײַט און איינזאַמקײַט, האָבן די דרײַ מישפּאָכעס מוירע געהאַט, אַז זייער דרײַשטוביק יִשעוול וועט ניט פאַרעכנט ווערן אין דער צאָל פון יִשוווים און זיי וועלן מיט דער צײַט אויסגעמעקט ווערן פון די מענטשלעכע געדעכענישן. האָבן זיי זייער

יישעוול א נאָמען געגעבן — זאַליעסע. א נאָמען זאָגט עפּעס! א נאָמען דערמאָנט! א נאָמען גיט צו וויסן וועגן זיך! א נאָמען רופט.

א סאַך אָבער האָט געדויערט, ביז א פּערטע מישפּאָכע האָט זיך פאַרייניקט מיט די דריי, א פינפטע מיט די פיר און א זעקסטע מיט די פינף. עס האָט באַדאַרפט אָבער דורכגיין ניט איין צענדליק יאָר, ביז זאַליעסע האָט פאַרמאָגט שוין פופצן הײַזער און געציילט פינף און אכציק נעפאַשעס.

איך האָב ניט געוווּסט, וויפל הײַזלעך און וויפל נעפאַשעס עס זײַנען געווען אין זאַליעסע, ווען אהער איז געקומען אוורעם, דער שטאַם פון די אַליעווסקיס, ווען עס האָבן דאָ גע־ווינט די זיידעס און עלטער־זיידעס פון מײַן זיידן. איך האָב ניט געציילט די הײַזלעך און נעפאַשעס, ווען איך האָב פאַר זיך אנטדעקט זאַליעסע. איך האָב זיך בלויז מעשאַער געווען, אַז וויבאַלד איך האָב אינעם זיידנס סייפער־האַזיכרוינעס (אין בוכהאַלטעריע־בוך פון נאָסאָטי אַף באַרג — געגעבן אַף באַרג, פון קיבאַלטי און לוי קיבאַלטי — באַקומען און ניט באַקומען) אָנגעציילט העכער א האַלבע מייע באַלכוויוועניקעס, וואָס האָבן געקויפט באַם זיידן אַף באַרג טאַראַן, בראַנפן, מאַכאַרקע, א נאָדל־פאָדעם, לענטעס, קנעפלעך, אַלערליי געפאַרבטע פעדעם אַף אויסהעפטן די האַנטעכער און יאַמטעוודיקע בגאָדים, ריצנייל צום מאָגן, פּלאַסטערן צו מאַקעס און געשווירן, צוקערמאַנדל צום הוסט און ווערעמקרויט, קליינע, גרינע געפאַרבטע צוקערקע־קײַלעכלעך אַף אַרויסטרײַבן די ווערעם פון די קינדערשע בײַכלעך, האָבן פּונקט אַזויפיל געוויס געקויפט ניט פאַר מעזומען, און פופציק מיט א סמיטשיק האָבן גאָרניט געגעבן צו לייזן, גאָרניט געקויפט ניט פאַר מעזומען און ניט אַף באַרג; ווי קאָן מען באַרגן, אַז מע איז אָנגעבאַרגט איבער די אויערן?

אוודע ווען איך האָב געפּרווּט פאַרגלײַכן זאַליעסע מיט טשערנאָביל, האָט טשערנאָ־ביל שטאַרק אויסגעוווּנען פון דעם, געוווּנען אויסזען אין מײַנע אויגן א סאַך גרעסער, מאַמעש א קראַך, און זאַליעסע אַלץ קלענער און קלענער, ווי די ערד זאָל זיך עפענען און האַלטן אין איין אײַנשלינגען א שטיקל נאָך א שטיקל. אָבער אינדערעמעסן איז זאַליעסע געווען א היפּש דאָרף. באַזונדערס גרויס און לאַנג האָט אויסגעזען אין מײַנע אויגן זאַליעסע, ווען א טשאַטע הינט פלעגן מיך באַפאַלן. איך לויף מיט אַלע קויכעס, און מיר דאַכט זיך, אַז זאַליעסע ציט זיך פאַנאַנדער, ווערט לענגער און ברייטער, און דעם זיידנס שטיבעלע אָנשטאָט אונ־טערשפּרינגען און מיר קומען צוהילף אין די מינוטן פון סאַקאָנע גיט זיך א ריס אַפ פונעם בערגל און נעמט לויפן ווי א פור באַרג־אַראָפּ אַף זי ניט צו דעריאָגן.

א ניט געהערטע זאַך, אַז א שטוב זאָל זיך איבערשרעקן פאַר א טשאַטע הינט און מאַכן די פּלייטע. נאָר אַזוי איז עס. ווען די שרעק באַפאַלט א יינגל און אפילע א דערוואַקסענעם, ווען דער פּאַכעד שטרויכלט די קני און פּענטעט די זיך ראַטעווענדיקע און זיך צאַפּלענדיקע טריט, איז אַלץ מעגלעך, מעגלעך ווי אין א כאַלעם.

דער ערשטער סימען־דאַלעס, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען דאָס, וואָס אין זאַליעסע איז ניט געווען קיין קלויסטער. קופּאָלן און הויך בלישטשענדיקע צײַלעמס האָבן ניט געגעבן צו וויסן, ווי ווײַט ס'איז נאָך צו דער היים, ווי נאָענט ס'איז דער וועג צו גאָט. קיין גלעקער האָבן ניט געקלונגען, קיין ווידערקוילעס האָבן זיך אין ערגעץ ניט גע־קויקלט און ניט געגעבן צו וויסן וועגן הייליקן זונטיק־טאָג, וועגן די הייליקע יאָמטויווים, ניט אָנגעזאָגט די פּריידיקע בסורע, אַז דער געקרייצטער איז אַראָפּ פונעם צײַלעם און דורך זײַנע יעסורים און שרעקלעכע ווייען פון פילן טיף די צוועקעס אין לײַב איז ער פון א מענטש אין א גאָט מעגולגל געוואָרן און אויסגעקויפט אַלעמענס זינד.

קיין גלעקער האָבן דאָ קיינמאָל ניט אַליאַרמירט וועגן גזיירעס, מאַגייפעס און גאָטס אויס־געגאָסענעם צאָרן דורך סרייפעס, פאַרפּלייצענישן און שטורעמס, ניט אָנגעזאָגט, אַז א מענטש האָט זיך געמינערט און פאַרביטן זאַליעסע, זײַן היים, אַף יענער וועלט, אין די הימלען, ניט געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס, וואָס ס'האָט פּאַסירט מיטן געקרייצטן, איז א נעס, וואָס האָט בלויז איין מאָל און בלויז מיט איינעם געטראָפן, אַלע איבעריקע זײַנען שטערבלעך און דאַרפן זיך אַלע טאָג ריכטן אַפן טויט.

זאַליעסע, ווי א ריי אַנדערע שכיינעסדיקע דערפער, האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברייטע רע ווי אוילע־רעגל זײַן קיין טשערנאָביל און אין דאָרטיקן קלויסטער זיך ווײַזן פאַר גאָט.

די אוילערעגלניקעס האָבן געהייסן די דאָרפישע פּריכאָזשאַנעס, די דאָרפישע פּעכאָטינ־צעס. טריט און טריט. אַן איבערפלעכט און אַן איבערמיש פון פאַרשיידענע טריט האָבן שפּורן אַפן זאַמדיקן וועג געלאָזט, גלײַך ווי אָן זיי וואָלט מען ניט געטראָפן דעם וועג אַף צוריק.

די שפורן פון באַרוועסע טריט האָבן געהערט צו די קינדער, צו די מיידלעך, וואָס זײַנען שוין רײַף געוואָרן קאַלעס צו ווערן. די שיך זײַנען אָנגעקומען זייער שווער, האָט מען זיי באַדאַרפט היטן, זיי זאָלן קיין איבעריקן טראָט ניט מאַכן. איבערגעבונדענע אַף א שטריקל, האָבן די מיידלעך די שיך אַף די העלדזער געטראָגן ווי דאָס שענסטע צירונג, אַז זיי זאָלן אין זייער גאַדלעסדיקן וויגן און הוידען זיך דורכשוועבן פאַר די אויגן און אַלעמאָל דערמאָנען, אַז ס'איז ניט קיין כאַלעם, ניט קיין טרוים, נאָר אַן עמעס — אָט זײַנען זיי דאָ און זײַנען גרייט צו דינען און ניט אַראָפּ פון די העלדזער נאָך א סאַך, א סאַך יאָרן.

די אָרעמקײַט האָט געשפּאַנט אין פּאַסטעלעס. יוכטאַווע שטיוול געמען זיך איבער — עפּעס געהערן זיי דאָך צו באַלעבאַטים און ניט צו אבי־וועמען, אַזוי, אַז טרעט אַף דעם וועג און מאַכט א וואָרע!

לײַוונטענע און ציצענע קליידער, אויסגעהעפטע מיט די אַלע פאַרבן, וואָס די אויגן פון די פויערטעס האָבן ווען־עס־איז געזען אין פעלד, אין וואַלד, אין זוניקן פרימאָרגן און אין וואָלקנדיקן פאַרנאַכט.

גאָט האָט ליב פאַרבן. אַפילע די פאַרבן פון רויכן און ווײַרעכן טעטמט ער טיף אַרײַן אין זײַנע ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע נאָזלעכער. אויסער פאַרבן האָט ער נאָך ליב, אַז מ'זאָל זיך ווײַזן פאַר אים ניט מיט קיין ליידיקע הענט. קומען מיט ליידיקע הענט איז דער גרע־סטער ביזאָיען פאַר לײַט און די העכסטע באַליידיקונג פאַר גאָט דעם האַר. אַזוינס וועט ער קיינמאָל ניט מויכל זײַן און קיינעם ניט שוינען. און יעדער אוילערעגלניק טראָגט מיט זיך זײַן מאַטאָנע פון די לעצטע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, פון אָפּגעשפּאָרטן ניט־דערעסן, אַז דער גאָלעך זאָל קויפן האָבן גאָט צו בעטן פאַר אַלעמען און דער דיאַק זאָל קאָנען אונטערבאַמקען די גלעקער מיט זײַן דינעם, קוויטשענדיקן קעלכנדל, אַרויסצוציִען, ווי אַן עמער פון ברונעם, דעם גאָלעכס גראָבע באַסאָווע קלאַנגען, וואָס ווערן פאַרזונקען אַראָפּ אין דער טיף.

דאָלעס אַליין איז געווען אומגליקלעך, און ווען אַלע דאָלעסן גיסן זיך צונויף אין איין דאָלעס, איז שוין אָפּגערעדט. מ'אײַלט צום יאָמטעוו, און דער יאָמטעוו איז א פאַרשטערטער. עס איז אומעגלעך אין איין שיינעם טאָג פאַרגעסן אַלע מיִעסע טעג, וואָס זײַנען אוועק און וואָס וועלן זיך גלײַך אומקערן אַף צוריק, ווי נאָר דער יאָמטעוו וועט פאַרשווינדן.

טשערנאָביל איז באַרימט געווען מיט זײַן שלאָס, וואָס איז געשטאַנען אין דער הייך אַף א באַרג און אַראָפּגעקוקט צום פּריפּיאַט פון קאַדמוינים.

אין מײַנע ייִנגלשע יאָרן איז פונעם שלאָס פאַרבליבן נאָר א זייכער — א לאַנגע פעסט געבויטע געבײַדע מיט גרויסע פענצטער, וואָס האָבן איבערגעשטיגן מיט זייער גרייס אַלע טשערנאָבילער פענצטער.

דער היפשער פּלאַץ האָט געדינט אַלס שפּאַציר־אָרט פאַר באַכערים און מיידלעך, אַלס שלאַכט־פעלד פאַר די ייִנגלעך אין זייערע שטיינערנע מילכאָמעס און אַלס שפּאַציר־טורעם פאַר די אומגעדולדיקע, וואָס האָבן זיך ניט געקענט דערוואַרטן אַף די דאַמפּערס פון קיִעוו קיין מאָזיר און פון מאָזיר קיין קיִעוו, וואָס סײַ פונדאַנען און סײַ פון דאָרטן, סײַ אַרוף־וואַסער און סײַ אַראָפּ־וואַסער זײַנען זיי געגאַנגען פאַרבײַ טשערנאָביל, געבראַכט פּאַסאַזשירן און פאַרכאַפּט מיט זיך נײַע.

פון דעם הויכן שלאָס־באַרג האָט מען געזען יעדן שווימענדיקן דאַמפּער אַף א שאָ פרײַער און עפּשער נאָך מער פאַר זײַן אָנקומען קיין טשערנאָביל — ער גייט! ער קומט! ער קומט! ער גייט!

אַף זיכער זײַן, אַז ס'איז ניט קיין פאַרבלענדעניש, קיין אויסטראַכטעניש, לייגט צו דער ווײַטזעער זײַן אויער צו דער ערד און איז גליקלעך, וואָס דאָס אויג זײַנס האָט אים ניט אונטערגעפירט, — מ'הערט! מ'הערט דעם ווידערקאָל פון די קלאַפּנדיקע מאַטאָרן און פון די זשעבערענדיקע „לאָפּעטעס" (לאָפּאַסטן).

אַלע טשערנאָבילער האָבן געוווּסט, אַז ס'איז ניט קיין פּוסטע קלאַפּערײַ. זיי האָבן געוווּסט, אַז די לאָפּעטעס אײַלן אונטער דעם דאַמפּער מיט די בערג וואַסערן, וואָס זיי שאַרן אַרוף און אַראָפּ.

די לאָפּעטעס מאַכן א גערודער — ניט גרינג די גאַנצע צײַט אין וואַסער זיך וויקן, האַלטן אין איין זיך אָפּשלאָגן און זיך אָפּקלאַפּן פון די כוואַליעס, וועלכע זיי אַליין האָבן אַרויס־גערופן.

גיכער! גיכער! — לאָזן די לאָפּעטעס ניט אָפּעטעמען זיך דעם דאַמפּער. און ער סאָפּעט און לאָזט די פּאַרע פון זיך אַרויס — גיכער! גיכער!

די בסורע צעטראָגט זיך אפן בארג, קויקלט זיך אראָפּ אין טאָל אריַין, און די מעקאבל־פּאָנעמניקעס, וואָס וואַרטן אַף געסט, די באַגלייטער און אַלע די, וועמען ס'איז אַלציינס, באַגעגנענען צי באַגלייטן, אבי זען אַ פריש פּאָנעם, אבי אַף אַ ווײַלע פאַרטרײַבן דאָס נודען זיך, די שטילקײַט און די איינזאַמקײַט, שרײַען אין איין קאָל:

— די לאַפּעטעס קלאַפּן, דער דאַמפּער דערנענטערט זיך, מ'הערט אים שוין, מ'זעט אים שוין!

— ער גייט! ער קומט!

— ער קומט! ער גייט!

אין די יאָרן פון בירגערקריג איז פאַרברענט געוואָרן די איין־און־איינציקע פאַרבליבענע געבײַדע פונעם שלאָס. געשיכטע נעמט אָבער ניט קיין פײַער און קיין וואַסער, געשיכטע איז אייביק.

דער געוועזענער שלאָס טראָגט איצט דעם נאָמען „פּאַרק באָיעוואָי סלאַווי״. דאָ געפינט זיך דער מעמאָריִאַל, וואָס פאַרייביקט די העלדישע שלאַכטלײַט פון פאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן, די העלדן פון ראַטנפאַרבאַנד — די אוקראַיִנער אַנדריי טשעשענקאָ וואַסילי יעוודאָקימוויטש און באַיוק פּיאָטער קסענאָפּאָנטאָוויטש און דעם קאַזאַך רוסוקאַמבעטאָוו אבו.

אין פאַרשיידענע דערפער פון טשערנאָבילער ראַיאָן האָבן געפונען זייער אייביקע רו נאָך זיבן און צוואַנציק העלדן פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס זײַנען העלדיש אומגעקומען באַם פאָרסירן דעם דניעפּער און דעם פּריפּיאַט, צווישן זיי די ייִדן באַרנבוים יאַקאָוו אַבראַמאָוויטש און טאַווראָווסקי פּיאָטער איליטש.

און ווי דער אוזש פאַלט אריַין אין פּריפּיאַט און דער פּריפּיאַט אין דניעפּער, אַזוי גיסן זיך צונויף און שליסן זיך אײַן אין מעמאָריִאַל אַלע העלדישע געשיכטעס, וואָס זײַנען אין מעשעך פון אַ סאַך הונדערטער יאָרן פאַרלאָפן אָט דאָ אַף דער ערד.

דער וועג, וואָס פירט צום מעמאָריִאַל, איז קיינמאָל ניט פאַרוואַקסן, ער איז שטענדיק באַטראָטן מיט פרישע טריט — אַהער קומט יעדער איינער, וואָס פאַרטראַכט אַ דרייסטן שריט אין לעבן: דער פּריזיוווניק, וואָס גייט דינען אין דער סאָוועטישער אַרמיי, דער סאָלדאַט, וואָס האָט שוין אָפּגעדינט, פאַרליבטע, כאָסן און קאַלע, שילער פון די שולן, וואָס דערלערנען די געשיכטע פון זייער פאָלק, פון זייער לאַנד, פון זייער קאַנט. עס ווערן אופגעמישט בלעטער, צײַטן, פּעריִאָדן, דאַטעס, עס ווערן פאַרייניקט העלדן פון פאַרשיידענע צײַטן.

די געשיכטע פון טשערנאָבילער שלאָס איז געקניפּט און געבונדן מיט אַ סאַך אַכזאָריִעסדיק שרעקלעכע געשיכטעס וועגן דער לאַגע פון די פּויערים, מיט העלדישע אופשטאַנדן און אָפּגעהאַלטענע ניצכוינעס.

דער ערשטער טשערנאָבילער שלאָס איז אופגעקומען פרי, און אין 1482 יאָר איז ער שוין געווען צעשטערט. מיט דער צײַט בויט מען אים ווידער אוף — צווייענדיקע פעסטע ווענט, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לאַנגער ברייטער טיפער גרוב, פול מיט וואַסער. אַף סטויפּעס פלעגט זיך אָנטאָן אַ בריק. ווען עס האָט געדראָעט אַ געפאַר, פלעגט מען די בריק אַראָפּנעמען, אַז דער אָנפאַלנדיקער סוינע זאָל ניט האָבן קיין צוטריט.

אין די צײַטן פונעם פאַן יאַן ניקאָלײַ כאָדקעוויטש האָט באַשיצט דעם שלאָס אַ גאַרניזאָן פון זיבן הונדערט סאָלדאַטן מיט צוועלף האַרמאַטן, וואָס זײַנען געווען אָנגעשטעלט אַף טשערנאָביל און אַף אַלע דערפער אַרום. ווען די אוילערעגלניקעס פלעגן גיין אין קלויסטער, האָבן זיי געטראַכט פון אוילעמהאַבע — אַוואַדע שרעקלעך זײַנען די אײַזערנע בריִענדיקע ריטער, מיט וועלכע מע שמײַסט אַף יענער וועלט די ניט־דערשמיסענע דאָ אַף דער וועלט, דער גענעם מיט זײַנע ניט אויסגעלאָשענע פײַערן, די שיידים און בייזע רוכעס, וואָס טייטן און מאַכן דיך צוריק לעבעדיק אַף ווידער טייטן, אַף ווידער שמײַסן און ווידער ברענען. נאָר שרעקלעכער פון יענער וועלט, וואָס וועט ערשט זײַן, וואָס וועט ערשט קומען, איז די וועלט, וואָס איז דאָ, די ערד, אַף וועלכער מ'שפּאַנט. דער טײַוול פון דאָרטן איז עפּשער גאָר ניט אַזוי שרעקלעך, ווי מע מאָלט אים, קיינער איז דאָך פון דאָרטן ניט געקומען און ניט דערציילט געניו, ווי מע שמײַסט, ווי מע בראָט און מע בריט.

אָבער דאָ, אַז מע קומט קיין טשערנאָביל צו גאָטס דינסט, ווערן דער זונטיק און יאָמטעוו פאַרשטערט — עס פויקן די פויקן און עס צעשיט זיך דער דרויב. יעדעס דרויבעלע, ווי דער פינצטערער אָס פונעם שרעקלעכסטן אורטייל, זאָגט אָן דעם טויט. צוועלף האַרמאַטן צילן אין דיר, אָט שיסן זיי אויס — און אַלץ איז אויס, אויס טשערנאָביל, אויס זאַליעסע, אויס קלויסטער, אויס הימל און ערד, אויס גאָט און אויס מענטשן.

די סאָלדאַטן פונעם גאַרניזאָן מאַרשירן איבער די גאַסן. יעדער סאָלדאַטישער טראָט

שטיקט די ערד, שטיקט יעדן אוילערעגלניק. באזונדערס שרעקלעך זײַנען די רײַטער, ווען זיי צעפּאַכן זיך מיט זייערע גאהעײַקעס, מיט זייערע פּיקעס און אנטבלויזטע שווערדן.

די פערד האָבן אויסגעזען ווי ווילד־פּרעמדע. ווי ווילד־פּרעמדע זײַנען געווען די רײַטער — זיי האָבן אויסגעזען ווי פאַרצוקנדיקע כײַעס, וואָס האָבן זיך נאַרוואַס אַרויסגעריסן פונעם וואלד אַף הארגענען, אומברענגען און בלוט פאַרגיסן.

צופיל ערד האָט דער פאַן כאַדקעוויטש פאַרמאָגט, און אז מע פאַרמאָגט צופיל, איז מען ניט זיכער, אז זי וועט זיך פלוצעם ניט אַרויסרײַסן פון אונטער די פיס, פאַרשווינדן און אנטלויפן אַף ניט צו דעריאָגן.

טויזנטער, טויזנטער דעסיאַטין ערד! און ווער קאָן ציילן, ווער קאָן מעסטן זײַנע פעלדער און וועלדער, זײַנע טאַבונעס פערד, זײַנע שאָף און רינדער! טויזנטער קנעכט און צענדליקער טויזנטער טשינש־צאָלער, אזוי, אז וואָס מער סאָלדאַטן, וואָס מער הארמאַטן, וואָס מער אָנ־ווארפן אַן איימע. מע באַדאַרף באַצײַטנס שטראָפן איינציקוויַיז, ניט לאָזן זיך פאַרייניקן אין מאַכנעס. שמײַסן! שמײַסן אזוי, אז מע זאָל פאַרזאָגן א צענטן ניט ווידערשפּעניקן.

און דעם פאַנס געטרײַע שמײַסער האָבן געטרײַ געשמיסן.

דער ווייטעק און דער ביזאַיען פון די שמיץ איז איבערגעגאַנגען פון דאָר צו דאָר, און נאָך אין מײַנע צײַטן, ווען איך בין געוואָרן אַן אָפטער גאסט אין זאַליעסע, האָב איך ניט איין מאָל געהערט, ווי מע האָט געשאָלטן דעם פאַן כאַדקעוויטש, אז די ערד, אין וועלכער זײַנע ביינער פוילן, זאָל אים אַרויסוואַרפן און קיין שום אנדער ערד זאָל זיי ניט וועלן נעמען צו זיך.

פאַרשײַטע קינדער, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאָלגן, ווייגענדיקע קינדער, וואָס האָבן ניט געוואָלט אײַנשלאָפן, האָט מען געסטראַשעט מיטן פאַן כאַדקעוויטש: „בושעווע ניט אזוי, מאַך צו די אויגן און ווער אנשלאָפן, אויב ניט, וועט באַלד קומען דער פאַן, און דאַן... דאַן וועט זײַן שלעכט — מיט קראַפּעווע וועט ער דיך שמײַסן פון קאָפּ ביז די פיס, ער וועט דיך אזוי צעקאַטעוועןן און צעקאַליעטשען, אז קיינער וועט דיך ניט דערקענען!"

דער זיידע יאַנקעוו־מוישע האָט געהאַלטן, אז איך וועל זײַן א הייסער און היסלײַוועסדי־קער, ווײַל איך בין געבוירן געוואָרן אין א פלאַמפײַערדיקער צײַט. ער האָט מיר ניט איין מאָל דערציילט, ווי אין 1905 יאָר זײַנען די שטעט און דערפער פון רוסלאַנד אַרויס קעגן קייסער — און אופשטאַנד נאָך אַן אופשטאַנד, אַרבעטער פאָדערן א מענטשלעכע באַציִונג, אַן אכטשאָעדיקן אַרבעטסטאָג און א גאַהעכערטן לוין, די פּויערים פאָדערן ערד. און דאָס האָט געדויערט ניט איין טאָג, ניט איין וואָך, ניט איין כוידעש, נאָר עטלעכע יאָר דורכאַנאַנד. זאַליעסע איז ניט געשטאַנען אין א זײַט, און דערפאַר איז אויך זאַליעסע שטרענג באַ־שטראָפט געוואָרן פון די צאַרישע קאָזאַקן, פון דער פּאָליציי. מ'האָט געשמיסן, געשמידט אין קייטן און אין קאַלטן ווײַטן סיביר פאַרשיקט.

די אופשטאַנדן זײַנען דערשטיקט געוואָרן. די פלאַמפײַערדיקע סרייפעס זײַנען פאַרלאָשן געוואָרן, אָבער דער אַש איז פאַרבליבן, און אינעם אַש, — האָט מיר דער זיידע דערקלערט, — באַהאַלטן זיך אויס די ניצלגעוואָרענע פונקען, און ס'איז גענוג דאָס קלענסטע ווינטל, און די פונקען לעבן אוף, הייבן אָן עטעמען, שטעקן אַרויס זייערע בייזע צינגער, און דער צאָרן פלאַקערט זיך פאַנאַנדער.

איך האָב זאַליעסע געטראָפן אין איר סאַמע פײַנפולער אָרעמקײַט און געפלאַקטקײַט. לויט די כיידער־אַסאָציאַציעס האָט זיך מיר געדוכט, אז איך הער און זע, ווי דאָס דאָרף וויינט און טײַנעט מיט פאַרבראָכענע הענט. דער צעשאָטענער אַש מיט די פונקען האָט גע־בריט מײַנע באָרוועסע טריט, און דער ברי איז דערגאַנגען ביז די טיפּעניש פון מײַן הארצן.

אַף דער טשערנאָבילער סאַווינסקער גאַס, ווו איך בין געבוירן געוואָרן און אויסגע־וואַקסן, בין איך ניט זשעדנע געווען און פאַרזוכט אַלע טאַמען פון קאַפּצאָנישער אָרעמקײַט, נאָר אין פאַרגלײַך מיט זאַליעסער אָרעמקײַט האָט די סאַווינסקע נויט אויסגעזען ווי אַן אשירעס.

דער דאַלעס, דער הויפּט־אַרכיטעקטאָר פון זאַליעסע, האָט איינעם און דעם זעלבן פּלאַן אָנגעצייכנט פאַר אַלע שטיבלעך, וואָס האָבן זיך געטוליעט איינס צום צווייטן, ווי שאָף אין דער צײַט פון א שטורעם. צוזאַמען איז פאַרט לײַכטער — א צאָרע אין א צאָרע, ווי רינ־גען אין א קייט געשלאָסענע, און די קייט איז אַלעמענס קייט און יעדן איינעמס באַזונדער.

א קרומע, אײַנגעבויגענע, שמאָלע גאַס מיט עטלעכע ווײַט אָפּגעשיידטע איינער פון צווייטן ברונעמס, וווהין די עמער פלעגן זיך אַראָפּלאָזן מיט א קרעכץ און זיך איבערגיסן מיט א כליופּ באַם אַרויף.

ענגע, שמאָלע שטיבעלעך, בישכּײַנעס מיט זיי קלײנע קלוניעס, גערטענער, סקריפּענ־דיקע טויערלעך, איבער וועלכע קלײנע קינדער פלעגן לײַכט אַריבערשפּרינגען. ניט העכער פון די טויערלעך זײַנען געווען די לאָזע־פּלויטלעך, וואָס האָבן געדינט מער אַלס צירונג, איידער אַ שוץ־וואַך.

שטיבלעך מיט שטרויענע דעכער, ווי ווייכע איבערבעטן פאַר די אַף איין פוס שטייענ־דיקע בושעלן, וואָס האָבן נעסטן געבויט פאַר די ניט לאַנג געקומענע אַף דער וועלט, וועלכע האָבן נאָך ניט געקענט שטיין פעסט אַף ביידע פיס. און די פענצטערלעך זײַנען געווען אַזעל־כע, אַז אַ שטראַל פון דער זון איז שווער געווען זיך דורכרײַסן דורך זיי. ניט אַנדערש, אַז די פענצטערלעך האָבן ניט געוואָלט, מע זאָל דורך זיי זען די וועלט און אַז די וועלט זאָל זיך כאַסוּוכאַלילע ניט פּרווון אַראָפּכאַפּן, אַרײַנרײַסן זיך דורך זיי, קעדיי זיך צו דערוויסן, ווי מע לעבט אין די קלײנע שטיבעלעך.

דאָס פּאַדערהויז האָט געהערט צו די באַלעכאַים — צום פערד, צו דער בעהיימע, צו די עטלעכע שעפּסן און כאַזיירים. יעדער באַלעכײַ מיט זײַן באַזונדער קאָל, מיט זײַן באַזונדערן רייעך און באַזונדערן צושטײַער פאַרן הנאָי אַף צו באַגיטיקן דאָס זאַמדיקע פעלד. אַף דער סידלע — אַ באַזונדערע וועלט פון פאַרשלאָפענע, זיך לייגנדיקע און קוואָקענדיקע הינער בעראָש מיטן האָן, וואָס האָט פאַרשפּרייט זײַנע פליגל איבער זיי און מיט אַ באַזונדער גאַד־לעס געטראָגן דעם קאַם זײַנעם, ווי אַ מוישל זײַן קרוין, און געקרייעט אַף טאָג מיטן אָנ־שטעל פון אַ גרויסן זינגער.

שאָלעם האָט געהערשט צווישן די באַלעכאַים און אויפעס, מ׳האָט אָפּט מעכאַבעד געווען איינער דעם צווייטן און געגעבן פאַרזוכן פון די געשמאַקסטע מײַכאָלים. און קיינמאָל האָט ניט געטראָפן, אַז עמעצער זאָל דאָ ווידערשפּעניקן אינעם מינדסטן באַפעל פונעם קלענסטן יינגל — אַרײַן איז אַרײַן, אַרויס איז אַרויס, מאַמעש ווי אין די צײַטן, ווען וועלכע עס האָט געטרוימט דער נאָווי יעשײַע.

פונעם פּאַדערהויז — אַ טיר אין „פּאַלאַץ" אַרײַן, און גלײַך אַנטקעגן — דאָס הייליקע בילד, באַצירט מיט אָן אויסגעהעפטן האַנטעך און באַלויכטן מיט פײַערלעך פונעם לאַמפּאַדע־לעמפּל, אַ שטרענגע וואַך, אַז גלײַך באַם אַרײַנגאַנג זאָל מען זײַן געהיט און ניט דערלאָזן קיין אַפּיקאָרסישע געדאַנקען, פאַרטרײַבן יעדן „פאַרוואָס": פאַרוואָס אַזאַ ענגשאַפט? פאַר־וואָס אַזאַ דאַלעס? פאַרוואָס אַזאַ אָפּקומעניש? טראַכטן קאָן צו קיין גוטס ניט ברענגען, גאָט שטראָפט פאַר דער קלענסטער צווייפלענדיקער מאַכשאָווע ווי פאַר דער גרעסטער.

און דאָס אויג וויל ניט טראַכטן, וואָס עס וועט זײַן: אַ בליק און אַ קוק, און די וואַך איז שוין הינטעראַרום, און דאָס האַרץ ציטערט אויף. אַף סטויפּעס אינעם ערדענעם דיל — אַ ברייטע הילצערנע נאַרע פונעם אויוון ביזן סאָף פון דער וואַנט. די נאַרע איז פאַרבעט מיט שטרוי־ענע זעק און מיט גראָבע רעדנעס, וועלכע מ׳האָט אַליין אויסגעאַרבעט. איין בעט פאַר אַלע־מען — דאָ שלאָפט דער זיידע און די באָבע, דער טאַטע און די מאַמע, דער נאַרוואָס כאַסע־נעגעהאַטער זון מיט זײַן יונג ווײַבל, די מיטעלע ברידער און שוועסטער, די קלענערע און די סאַמע קלענסטע.

אָט דאָ האָט מען זיך געפּרוכפּערט און געמערט. אָט פון דער נאַרע, ווי אַף אַ בריקל, איז מען אַריבער די גרענעץ פון דער וועלט אין יענער וועלט, פרײַ געמאַכט אַן אָרט פאַר די נײַע, קומענדיקע.

פון הינטער דער נאַרע האָט זיך געטראָגן אַ געמישטער רייעך פון קאַרטאָפל, בורעקעס, קרויט, פּאַסאָליעס, אַרבעס און פון געל געוואָרענע טיקוועס, וואָס פלעגן דעם קײַלעכדיקן גוף מאַקריוו זײַן פאַר זיסע קאַבאַקאָווע קאַשעס און מיטן אינגעווייד, מיט די ווײַסע יאָדערן, אויסגעטריקנטע און צוגעברוינטע אַף אַ בלעך, פלעגן זיי מעכאַבעד זײַן אין די זונטיק־יאָמ־טעוודיקע טעג באַכערים, מיידלעך און אַלע די, וואָס האָבן נאָך פאַרמאָגט עטלעכע איבער־שטע און אונטערשטע ציין.

ציבעלע און קנאָבל האָבן געהאַט מער מאַזל, ווי די שאַריעראַקעס, זיי האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן פון די ווענט, געהאַנגען אַף די קרוקעס פון די באַלקנס. ניט אַנדערש, אַז מ׳האָט מוירע געהאַט פיגייע־בעקאָוועד זײַן פאַר זייער האַרבער ביטערקײַט, וואָס פאַרכאַפּט אַזש פאַרן האַרצן און רופט אַרויס טרערן פון די אויגן. און עפּשער גאָר פאַר דער ווײַס־רויטער פאַרביקײַט פון די קראַנצן, וואָס האָבן באַצירט די שטוב, ווי מיט בײַטשן קאַרעלן?

זומער איז געגוג געווען די שײַן פון דער לעוואָנע און שטערן, און ווינטער פלעגן די פײַערלעך פון דער לוטשינע אָפּן פריפּעטשעק זיך ראַנגלען מיט דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

אומרויִקע פײַערלעך האָבן ניט אויפגעהערט צו שווינדלען און אונטערטאַנצן, און ס׳איז

שווער געווען צו זאָגן, צי דאָס איז פון שרעק, פון ניט גלויבן אין די אייגענע קויכעס, אז זיי וועלן קאָנען בײַקומען אזא געדיכטע, לאַנג זיך ציִענדיקע פינצטערניש, אָדער פון ניצאַכנ־דיקער פרייד — בא זייער שײַן שפינען דאָך שפינערנס זייער פלאַקס־שפּינערײַ, פּאַרלאָטעט מען א העמד, פּאַריכט מען א כאַמוט, א פּאָר לייצעס, פלעכט מען א קאָרזינע, א פּאָר פּאַסטע־לעס, פירט אויס אַן אָס און א ציפער דער אַלעפבייס־לערנער, דער שילער פון דער אָנפאַנג־שול, און די הארמאָשקע אף די וועטשערניצעס זעט פאר זיך דעם וועג, וווהין פּאַנאַנדער־שיקן אירע קלאַנגען. מיידלעך און ייִנגלעך טאַנצן זייערע טענץ, זינגען זייערע ליבע־לידער, לאָדן אויס זייער צאָרן און זייער אומעט פאר דעם, וואָס זיי איז אזוי ווייניק געגעבן גע־וואָרן אין לעבן.

לעמפּ האָבן געברענט אין די ווײַסע הײַזער, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט באַזונדער אף גרויסע שטאָכים ערד און האָבן קיינמאָל ניט געוווּסט פון קיין דאָרשט — דער שלענגלדיק־לויפנדיקער אוזש האָט אָפּגעריסן פון זיך שטיקער אויסגוסן, טײַכלעך און ריוטשעקלעך און זיי געשענקט אלס מאָטאָנע די פעסטע פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים אף צו באַוואַסערן און באַ־פרוכפּערן זייערע ערדן. מאַזל פליסט שטענדיק צום מאַזלדיקן, ווי דער שלימאַזל צום שלי־מאַזלדיקן. לויט די צאָל לעמפּ האָט מען שטענדיק געוווּסט, וויפל רײַכע באַלעבאַטים זאַליעסע פאַרמאָגט. אָן אויסנאַם האָט מען געמאַכט בלויז פאַרן זיידן יאַנקעוו־מוישעס צווייִ לעמפּ — פאַר דעם אינדערוואַכיקן, וואָס האָט געלויכטן מיט דער שײַן פון אַכט ליכט, און פאר דעם שאַבעס־יאָמטעוודיקן, וואָס האָט אף פיר ליכט איבערגעשטיגן דעם וואָכעדיקן. דאָס גאַנצע דאָרף האָט געוווּסט, אז ווען די צווייִ טשערניכאָווער זין וואָלטן ניט געבראַכט די צווייִ לעמפּ אלס מאָטאָנע, וואָלט דער זיידע יאַנקעוו־מוישע זיך קיינמאָל ניט צעשיידט מיט דער לוטשי־נע, ווי זײַן שטיבל טיילט זיך ניט אָפּ באַזונדער און איז פעסט אַרײַנגעוואַקסן צווישן זייערע אָרעמע ניט־געטינקעוועטע און ניט־געווײַסטע כאַטינקעס.

איך האָב זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי ס׳איז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס דער זיידע יאַנקעוו־מוישע האָט פאר מיר פאָרויסגעזאָגט: די אין אש פאַרבאַהאַלטענע פונקען האָבן זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אין דער ליכטיקסטער סרייפע פון רויטע פאָנען — אויס קייסער, אויס פאַבריקאַנטן, אויס פּריצים, אויס פּריסטאַוו, אויס גאָראָדאָוואָי, אויס סטאַראָסטע.

די דורערסדיקע שווײַגער האָבן לאָשן באַקומען און זיך געגומען אויסריידן דאָס האַרץ, די זיפצער און קרעכצער האָבן צוגעשטעלט א צעטל און געמאָנט פאר אלע גזיילעס, פאר אלע ניט באַצאָלטע כויוועס. די צאָרנדיקע שעלטנדיקע קוילעס זײַנען אין געזאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן — א נײַע וועלט גייט אוף! א נײַע וועלט קומט אָן! ווער ס׳איז געווען גאָרניט, וועט אַלץ! דער שטיין, וואָס איז געווען פאַרשלײַדערט און קיינער האָט אים אין האַנט ניט גע־וואָלט נעמען, וועט דער פונדאַמענט, דער אויבנאָן.

אלע ייִנגלשע שפּילערײַען זײַנען באַטל געוואָרן פאר דער שפּיל אין רעוואָליוציע. סײַ אין טשערנאָביל און סײַ אין זאַליעסע איז מיר ניט איינמאָל אויסגעקומען אַרופקריכן אויבן אפן דאַך, אף א פּעסל און איבערכאַזערן די רעדעס און ווערטער, וועלכע איך האָב געהערט אף די מיטינגען און וואָס זײַנען מיר באַזונדערס געפעלן געוואָרן. כעוורע האָבן געשריגן „הוראַ!”, מיך אַרײַנגעכאַפּט אין זייערע הענט און געוואָרפן אינדערלופטן.

און אָט האָט פּאַסירט, אז איינמאָל איז אף א זאַליעסער ייִנגלשן מיטינג אַרויסגעטראָטן אַן „אָראַטאָר” און צווישן אלע זאַליעסער בורזשויעס אַרײַנגערעכנט מײַן זיידן יאַנקעוו־מוישע.

— יאָ, יאָ, — האָט ער געשריגן און דערוויזן, — יאַנקעוו־מוישע פאַרמאָגט צווייִ לעמפּ, האָט קיינמאָל ניט געטראָגן קיין פּאַסטעלעס, אפילע אינדערוואָכן פאַרגינט ער זיך אין שיך גיין אָנגעטאָן, אלע שאַבעס און יאָמטעוו עסט ער ווייצנס, אין שטוב איז בא אים אף דער וואַנט א זייגער און עס שטייט א שראַנק ביכער.

פאַרשיידענע קוילעס פונעם זאַליעסער ייִנגלשן מיטינג האָבן אין איין קאָל געשריגן: „ריכטיק! יאַקאָוו־מאָושאַ איז א בורזשוי!”. איך האָב געמוזט שווײַגן, ניט געהאַט מיט וואָס צו דערווידערן.

אַראָפּגענומען דעם פלעק פון מײַן זיידן האָט דער באַוווּסטער באָלשעוויק וולאַדימיר פּעטראָוויטש זאַטאָנסקי. אף איינעם א טשערנאָבילער מיטינג האָט ער גערעדט וועגן דער ייִדישער לאַגע, וועגן דעם צאַר, וועגן דעם, וואָס ייִדן האָבן איבערגעלעבט בא דער הער־שאַפט פונעם צאַר, — מ׳האָט ייִדן געטריבן פון די דערפער, פאַרווערט זיי באַארבעטן די ערד, אין שטאָט ניט אַרײַנגעלאָזט, די טויערן פון די פאַבריקן און זאַוואָדן זײַנען געווען פאר זיי פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן, און האָבן פּייִקע אָרעמע ייִדישע קינדער געוואָלט לערנען, האָט

די „פּראַצענט־נאָרמע" ווי אַ וואַנט זיך אוועקגעשטעלט און זיי ניט צוגעלאָזט אין די גימנאַזיעס און הויכשולן.

וויפל ייִדישע שאַרפע קעפּ זײַנען מיט מאָך פאַרוואַקסן געוואָרן, און ווער קאָן ציילן די צאָל פון די פאַרלוירן געגאַנגענע גאונים. מ'האָט באַדאַרפט זײַן פינצטער, ווי די נאַכט, אָף ניט דערלאָזן צו שײַן די, וואָס האָבן געדאַרשט נאָך וויסן. די קאָמענדיקע דורות וועלן עס גאָר ניט קאָנען פאַרשטיין, זיך גאָר ניט קאָנען פאָרשטעלן, אַז אַזוינס איז מעגלעך געווען. די געשיכטע וועט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן! „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" און „פּראָצענט־נאָרמע" וועלן בלײַבן ווי די אייביקע שאַנד־צייכנס פון דעם צאַריזם. אַזוינס וועט זיך שוין מער קיינמאָל ניט איבערכאַזערן, קיין שום פאַרצאַמונגען פאַר ייִדן סײַ אין שטאָט און סײַ אין דאָרף, און לערנען אַבי וויל נאָר...

זאַטאָנסקי האָט גערעדט וועגן די געצוווּנגענע ייִדישע פּאַרנאָסעס, וועגן די לופט־מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין לופט אָף צו עטעמען, וועגן די קאַפּקע־גראַשנדיקע קרעמערלעך, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט דאַלעס, מיט שלימאַזל און ניט געקענט געבן קיין ברויט צו זאַט זייערע ווײַבער און קינדער.

פון אָרעמקייט איז זאַטאָנסקי אַריבער צו אַשירעס און געווענדט דעם צאָרן פון פאָלק קעגן די פּריצים, באַלעגופים, פאַבריקאַנטן, זאַוואָדטשיקעס, רײַכע סאָכרים און קרעמער — קעגן די אַלע, וואָס האָבן עקספּלואַטירט דעם אַרבעטער, דעם באַטראַק, דעם באַלמעלאָכע און פריקאַזטשיק.

מער ווי אַלע רעדעס, וואָס איך האָב באַוויזן צו הערן, האָט מיר זאַטאָנסקיס רעדע דערקלערט דעם טאָך פון דער רעוואָליוציע און באַרײַכערט מיט אַ סאַך נײַע ווערטער, ווי „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ", „פּראַצענט־נאָרמע", „עקספּלואַטאַציע", „אַנטיסעמיטיזם", „קאַפּיטאַליזם", „מאָנאַרכיע", „אינטערנאַציאָנאַליזם". די אָוועס — מוישע ראַבייִנו, די נעווייִם, די טאַנאָים און אַמוירויִם — איז אויסגעקומען בימכילע זיך צוזיפּרוקן אין מײַן מויעך און אין מײַן האַרץ און פרײַ מאַכן אַן אָרט פאַר מאַרקסן, ענגעלסן, לענינען און פאַר אַלע אָנגעזעענע העלדישע רעוואָליוציאָנערן, וואָס זײַנען אומגעקומען אין די טפּיסעס, אָף די קאַטאָרגעס און פאַרשיקונגען.

איך בין געווען אַזוי איבערגעלאָדן, אַז כ'האָב עס לאַנג אין זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן. איך בין אוועקגעלאָפן אין זאַליעסע און אָף אַ ייִנגלשן מיטינג איבערגעגעבן דעם טאָך פון זאַטאָנסקיס רעדע: ווער ס'איז אַ בורזשוי און ווער ס'איז אַן אַני־וועעוויען, וועמען מע באַדאַרף ליב האָבן און וועמען מע באַדאַרף פײַנט האָבן.

מיט אַ באַזונדער זיכערקייט האָב איך אָף די אייבערשטע טענער טעלעכע מאָל אויסגעשריגן און איבערגעכאַזערט: „מײַן זיידע איז ניט קיין בורזשוי! ס'איז אַ בילבל! דער בילבל מוז אָראָפּגענומען ווערן! מײַן זיידע דאַרף ריין געוואַשן ווערן!"

— ריכטיק! ריכטיק! — האָט מיט אַ מעכילע־טאָן דער ערשטער אָנערקענט זײַן פעלערדאַס ייִנגל, וואָס האָט אָפן פּאָריקן ייִנגלשן מיטינג אַזוי מיִעס פאַרפלעקט מײַן זיידן.

— ריכטיק! ריכטיק! — האָבן אַלע ייִנגלעך אונטערגעהאַלטן. — דײַן זיידע איז ניט קיין בורזשוי! יאַקאָוו־מאָושאַ איז זייער אַ גוטער זיידע. שטענדיק, ווען ער זעט, אַז בא עמעצן פון אונדזערע ייִנגלעך גייט איבער די סלינע נאָך אַ צוקערקע, גיט ער אָף באָרג, מאָנט קיינמאָל ניט און באַהאַלט עס אויס פאַר טאַטע־מאַמע, ווי אַ סאָד.

— יאַקאָוו־מאָושאַ באַגעגנט יעדן סטאַרעץ און בעטלער ווי זײַנעם אַן אוירעך! די ערשטע מאַטבייע, וואָס פאַלט אַרײַן אין שיסעלע פון דעם בלינדן באַנדוריסט, איז יאַקאָוו־מאָושעס מאַטבייע.

— ניין, יאַקאָוו־מאָושאַ איז ניט קיין בורזשוי, ער איז אַ גוטער זיידע, זייער אַ גוטער!

די ערד, אָף וועלכער מע מאַכט די ערשטע טריט אין לעבן, לאָזט זיך פילן אין אַלע ווײַטערדיקע טריט, אָף אַלע וועגן און שטעגן. זי פאַרשווינדט קיינמאָל ניט פון דײַנע פּיס, פון דײַן האַרצן. זי באַגלייט דיך אין דײַן עלטער, קערט דיך אום צו דײַן יוגנט, צו דײַן קינדהייט, לאָזט ניט פאַרפאַלן גיין פון דײַן זיקאָרן דעם דאָר, וואָס איז פאַרשוווּנדן מיט אַלע זײַנע מײַסים און אופּירעכצן. דער נעכטן און דער הײַנט זײַנען צוזאַמענגעפּאָרט, גלײַך ווי זיי זאָלן ניט זײַן ווײַט אָפּגעשיידט איינס פונעם צווייטן.

אין צענטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1974 יאָר האָב איך אין מײַן „געזען און געהערט" געשריבן:

„פאַר מײַן לעבן איז מיר אויסגעקומען פאַרזוכן פּייִרעס פון פאַרשיידענע געגנטן, פון פאַרשיידענע ערדן, נאָר ביז איצט איז צווישן אַלע טאַמען דער געשמאַקסטער טאַם — דער

זאפטיקסטער רייעך פון טשערנאָבילער עפּל, בארן און פלוימען, וועלכע איך האָב שוין ניט פּארזוכט העכער פופציק יאָר".

און אָט, ווי דורך א קישעף, זײַנען טשערנאָבילער עפּל אויסגעוואקסן אף מײַן אָדעסער טיש. זיי האָבן שאָלעם־אַליכעמדיק געשמייכלט צו מיר און פארשיקערט מיך מיט זייער זאפטיקן רייעך.

דאָס האָבן די טשערנאָבילער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" מיר צוגעשיקט אלס מאַטאַנע א קעסטל מיט טשערנאָבילער עפּל. זיי האָבן מיך אויך מעכאבעד געווען מיט געז־רייכערטע פיש, מיט פיש פונעם פּריפּיאַט, איך זאָל נאָכן פּריפּיאַט בענקען, ווי נאָך די טשער־נאָבילער סעדער און פּרוכטן. און ניט נאָר בענקען, נאָר אויך זיך גרויסן מיט דעם טײַך, בא וועמענס ברעגן ס'איז אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע עלעקטרישע אטאָם־סטאַנציע אף אוקראַינע, וואָס פארפלייצט מיט שײַן די סאמע ווײַטע מערכאקים, זיך גרויסן מיט דעם טײַך, וועמענס נאָמען עס טראָגט דער נײַער יִשעוו פון די ליכט־אָנצינדער און שײַן־פארשפּרייטער.

דער יִשעוו בא דער אטאָם־סטאַנציע איז גלײַך באַם אָנהייב געקומען אף דער וועלט מיט א גרויסשטאָטישן פּארנעם — אויסגעאספאלטירטע וועגן, הויכע, פילשטאָקיקע מויערן, וואָס שטײַגן אַלץ העכער און העכער, א צעניאָריקע שול, א מוזיק־שול, א שפּיטאָל, א קינאָ־טעאטער, און מאָרגן וועט זײַן נאָך, און איבערמאָרגן — נאָך מער.

דער שטענדיקער פארבינדלער, וואָס פאַרבינדט מיך מיט טשערנאָביל און זאַליעסע, איז דער סאָוועטישער אָנגעשטעלטער און אקטיווער געזעלשאפטלעכער טוער אבראַם לוואָוויטש כאַבענסקי. ער ווייסט אלע וועגן און שטעגן פון טשערנאָביל און זאַליעסע און פון דעם גאנצן ראַיאָן ארום, אויב ניט נאָך ווײַטער. ער ווייסט דעם וועג פון מײַן שאָכן דעם יאַם צו גאַגארין־גאַס, 6, דאָס הויז, וווּ איך וווין.

אין טשערנאָביל האָבן מיר זיך ניט געקענט, ווײַל דאַן, ווען איך בין געוואָרן א קיִווער, איז אבראַם כאַבענסקי נאָך ניט געווען קיין טשערנאָבילער, און ניט געווען איז ער, ווײַל ער איז נאָך ניט געווען אף דער וועלט. אלע זומער קומט ער קיין אָדעס אָפּרוען אין איינע פון די סאַנאַטאָריעס, און ער איז מײַן אָפּטער אָנגעלייגטער גאַסט. די הויפּט־שמועסן אונדזערע זײַ־נען, געוויינלעך, וועגן טשערנאָביל און זאַליעסע.

איך רוף ארויס פון דער פּאַרגאַנגענהײַט דעם אויסזען פון זאַליעסע מיט אירע געדיכטע, מיט שטרוי געדעקטע הײַזלעך, די טאַנצנדיקע לוטשינע־פײַערלעך, די פּאָסטעלעס־טריט, די גראַבע לײַוונטענע סוויטער און פעלץ־האַלבאַשע, דעם סקריפּ פון די ברונעמס, טויערלעך, לאָזע־פּלויטלעך, דאָס אין צאר זיך פּאַרגייענדיקע געזאַנג, דעם פײַף פונעם דאַלעס, וואָס האָט דאָ אַלץ איבערגעפּײַפט און אויסגעפּײַפט. בילדער נאָך בילדער, בילדער פון דרויסן און בילדער פון אינווייניק, א בילד אף א בילד, ווי א כמאַרע אף א כמאַרע.

— ניט הײַנט געדאכט און פאר קיין דאַרף געדאכט, — גיט דער הויכער, שלאַנקער און פארברוינטער אבראַם כאַבענסקי א מאַך אוועק מיט דער האַנט. וואַלגערט פּאַנאַנדער אַלץ, וואָס איך האָב אָנגעמאָלט, און צענדליקער נײַע בילדער זאָגן איידעס, אַז פון אַלטן זאַליעסע איז געבליבן בלויז דער נאָמען, א נאָמען נאָך זאַליעסע.

אבראַם כאַבענסקי פירט מיך איבער די אספאלטירטע וועגן, וואָס פירן קיין זאַליעסע און פון זאַליעסע.

דער זאַליעסער קאָלווירט „דרוזשבאַ" איז אומגעהייער גרויס. ער האָט פארייניקט צו זיך צען קאָלווירטן פון די נאָענטסטע שכיינישע דערפער, צווישן זיי אויך דעם טשערנאָבילער קאָלווירט „נײַ לעבן".

עס שאַריִעט אף טאָג. דער זאַליעסער אויטאָבוס פירט פּאַנאַנדער די קאָלווירטניקעס צו דער ארבעט. דעם אויטאָבוס קומען צוהילף לײַכטע און לאַסט־מאַשינעס. א פרימאָרגן־געזאַנג טראָגט זיך פּאַנאַנדער אַלץ העכער און העכער, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, עס זינגען מיט די ביימער פון אלע וועלדער ארום, די אופגעוואַכטע און אופגעריכטע פעלדער, די גרוי־סע, ברייטע, אומענדלעכע ערד־שטאַכים, וואָס זײַנען איצט פארייניקט צווישן זיך, ווי די אײַנוווינער פון די פארשיידענע דערפער דאָ ארום. עס זינגען מיט די הימלען, די פלײַנ־דיקע פויגלען און די זיך אופוואַכנדיקע טראַקטאָרן, וואָס קלאַפּן צו צום טאַקט.

פאַרזייִען דאָס פעלד איז אמאָל געווען א מין גורל וואַרפן, און דעריבער האָט מען אין די אַלטע צײַטן געזאָגט: „די, וואָס זייען מיט טרערן, וועלן שנײַדן מיט געזאַנג". די זאַליעסער קאָלווירטניקעס זײַנען זיכער אין זייער גורל, אין זייער וווּקס.

די בריגאַדעס פאָרן זיך פּאַנאַנדער, די טוווּעניקעס צו זייערע טווווּע־פעלדער, די לײַנער צו זייער לײַן, די קאַרטאָפלער צו זייערע קאַרטאָפל, די מעלקערנס צו זייערע קי־פּאַלאַצן, די

וואַל־שערער צו זייערע שעפסן, די כאַזיירים־אָפּזעער צו זייערע כאַזיירים, די אויפּעסציכטלער צו זייערע אויפּעס.

די זון גייט אויף, און די שטערנס, אָרדענס און מעדאַלן פון די באַלוינטע פאַרגייען ניט. דער אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן באַשיינט דעם באַלוינטן קאָלווירט, און דער קאָלווירט שײַנט אַראָפּ און באַשיינט די ערן־טאָוולען פונעם ראַיאָן און פון דער געגנט. דרײַ העלדן פון סאָציאַליסטישער מי. די ערשטע איז געווען פלאַגעטשאַ דאַריאַ איליניטשנאַ, די צווייטע — איר טאַלמידע און נאָכפאָלגערן קאַוטשאַן אוליאַנאַ יאָסיפאָוונאַ, און דער דריטער — ראַמאַנטשענקאָ מיכאַיל, דער בריגאַדיר פון דער מעכאַניזירטער בריגאַדע.

אַכט קאָוואַלערן פונעם לעניך־אָרדען; דרײַ הונדערט באַלוינטע מיט פאַרשיידענע אָרדענס און מעדאַלן.

מיט אַ בלײַער אין האַנט, ווי ער איז שטענדיק געווינט אַלס ווירטשאַפטלער, שטעלט מיר צו אַבראַם כאַבענסקי מײַסע־באַלעבאָס אַ צעטל פון די סטודענטן, אינזשעניערן, דאָקטוירים, אַגראָנאָמען, פאַראַנטוואָרטלעכע מעלוכע־ און פּאַרטיי־טוער, וואָס זאַליעסע האָט אַרויסגעגעבן פאַר די לעצטע יאָרן.

דער וועג איז פון קינדער־גאָרטן פון דער מיטלשול, פונעם קולטור־הויז, ווו די יוגנט פאַרברענגט און ברענגט אַרויס אירע שעפערישע מעגלעכקײַטן.

אַבראַם כאַבענסקי איז מאַלע־סימכע, וואָס זאַליעסע באַנוגנט זיך איצט ניט בלויז מיט דער האַרמאָשקע און באַנדורע, זי שפּילט אַף אַלע קיילים, האָט פאַרהיימישט די קלאַנגען פון דער פּיאַנע, פידל, קלאַרנעט און פלייט.

עס זינגט אַ כאָר, עס שפּילט אַ דראַמקרײַז. די זאַליעסער זינגער און שפּילער נעמען אויס און פאַרנעמען די ערשטע ערטער אַף די ראַיאָנישע און געגנטלעכע קאָנקורסן פון זעלבסטעטיקער קונסט.

די זאַליעסער מיידלעך און ייִנגלעך, ווען זיי קומען זיך צונויף מיט די קיִעווער, איז שווער אונטערצושיידן, ווער פון זיי איז פון זאַליעסע און ווער פון זיי איז פון קיִעוו.

דער בלײַער יאָגט, ער האָט נאָך אַזויפיל צו זאָגן, אַזויפיל צו באַמאָלן, אַזויפיל צו באַווײַזן.

זאַליעסע האָט יאָרנלאַנג געשוויגן, זי איז געגאַנגען פון שלעכטס צו ערגערס; און ס'איז ניט געווען וואָס אָנצוזאָגן, מיט וואָס צו דערפרייען. נאָר אין די צײַטן, ווען עס פלעגט אויסברעכן אַ מילכאָמע, פלעגט מען אַרומלויפן איבערן דאָרף זוכן אַ גראַמאָטנעם, ער זאָל געבן צו וויסן, אַז מע לעבט, מע מוטשעט זיך און מע וואַרט. און איצט שרײַבט זאַליעסע און גיט צו וויסן וועגן זיך: די פּאָטשט־אָפּטיילונג איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. די פּאָטשט־קעסטלעך זײַנען פול און פול מיט בריוו, מיט קאַרטלעך, מיט באַגריסונגען, מיט אָנפראַגן און ענטפערס, וואָס גייען זיך פאַנאַנדער איבער פאַרשיידענע שטעט, דערפער און קאָלווירטן.

אַ זאַליעסער פויער האָט קיינמאָל קיין גראָשן בא דער נעשאָמע ניט געהאַט. די עטלעכע זילבערנע מאַטבייעס פאַר אַ פּאַרקויפטן וואָגן האָלץ, פאַר אַ הון און אַ צענדליק אייער פלעגן ווי וואַסער צערינען צווישן די פינגער — אַף אַ בייגל, אַף אַ שטיקל ווייצנס, אַף אַ צוקערקעדיק־געפאַרבטן הענדל פאַרן קליינוואַרג.

דעם זאַליעסער קאָלווירטניק סטײַעט איצט אַף קויפן מאָטאָר־שיפלעך, לײַכטע אווטאָמאָבילן און מאָטאָציקלען. 133 מאָטאָר־שיפלעך שווימען איבערן אוזש, איבערן פּריפּיאַט און איבערן דניעפּער; און איבער דער יאַבאָשע אײַלן 29 לײַכטע אווטאָמאָבילן און 60 מאָטאָציקלען. און עס בלײַבט נאָך אַן אָפּגעשפּאָרט קערבל פאַר דער שפּאַרקאַסע. וויפל? דאָס איז אַ סאָד. און די שפּאַרקאַסע, ווי באַוווּסט, גיט ניט אַרויס קיין סוידעס.

מײַן פרײַנט אַבראַם כאַבענסקי ווערט ניט מיד צו באַמאָלן, פאַרשטעלן און דערציילן.

די געוויזענע קרומע און אײַנגעהויקערטע זאַליעסער גאַס האָט זיך אויסגעגלײַכט, זי איז יונג, שלאַנק און שטיפעריש, ווי די דרײַ־ און צווייצימערדיקע קאָטעדזשן, ווי די הײַזער פאַר די יוגנטלעכע.

דער צענטער פונעם דאָרף איז ניט איינזאַם. עס זײַנען צוגעקומען נײַע גאַסן און געסלעך.

זאַליעסע באָדט זיך אין ליכט. אַז מ'האָט אַזאַ שאָכן, ווי די טשערנאָבילער עלעקטרישע אַטאָם־סטאַנציע, איז מען שווין אין קיין שײַן ניט זשעדנע. אויס קליינע פענצטערלעך, ווי אַמאָליקע קינדער האָבן אין זייערע געמעלן געמאָלט. קליינע שטיבעלעך מיט קליינע קאַרטינקע־פענצטערלעך פּאָטויפן זיך איצט ניט אַפילע אין די קינדערשע מויכעס. די פענצטער פון זאַליעסער נײַע הײַזער נעמען אין זיך אַרײַן זון וויפל עס לאָזט זיך נאָר, און ווען די זון פאַרגייט, זײַנען די פענצטער שלאָגנדיקע קוואַלן, וואָס הערן ניט אויף צו פלייצן מיט שײַן.

— און ווי האלט עס מיט וואסער?

— א האק דעם בוים, און א פליוך אין וואסער, — שמייכלט צופרידן אבראם כאבענסקי, וואס אים איז אפן זינען אופגעקומען שאָלעם־אליי־כעמס א פּאסעק און וואס ער קאָן מיר אויך אָף דער פראגע געבן א פריידיקן ענטפער, זאליעסע האָט איצט א וואסערלייטונג, וואסער לעבן שטוב, וואסער אין שטוב, ס'איז גענוג בלויז געבן א דריי אָפּ דעם קראַן.

און איידער איך באוויַיז פרעגן וועגן הייצונג און באהייצונג, דערוויס איך זיך, אז זאַ־ליעסע נייטיקט זיך איצט ניט אין קיין שטרוי און אין קיין האָלץ: גאז־פּליטעס קאָכן און פרעגלען, און וואסער־באהייצונג טראָגט און ברענגט מיט זיך וואַרעמקייט.

א צעוואָרעמטער און באלויכטענער, ווי א פארליבטער, וואָס אָט באגלייט ער זיַין גע־ליבטע, אָט פירט ער זי צו צו דער טיר פון איר שטוב און אָט נעמט ער מיט איר ווידער שפּאַנען אָף די שוין ניט איין מאָל דורכגעשפּאַנטע טריט, כאַזערט איבער נאָכאמאָל און ווידעראמאָל יעדע דורכגעגאנגענע גאס און געסל, — אזוי כאַזער איך איבער מיַינע געפרעגטע פראגן און פריי זיך מיט די ענטפערס, גליַיך ווי איך זאָל זיי הערן צום ערשטן מאָל.

איך שטעל זיך פּאַר, איך טראַכט און טראַכט איבער: וואָס וואָלט געווען, ווען מ'וואָלט מאַטריַיעך געווען מיַין זיידן יאַנקעוו־מוישע פון זיַין אייביקער רו און מיט א קאָמאַנדירונג פון יענער וועלט אים אראָפּגעבראַכט אהער קיין זאליעסע? וואָס וואָלט געווען? וויבאלד איך, זיַין אייניקל, וואָס האָט זויכע געוועזן צו זען, ווי א נייַע וועלט ווערט געבוירן, וואָס האָט געזען, ווי מ'טרעט אָף דער לעוואָנע, וואָס איז צוגעווינט געוואָרן און נעמט אויף די קאָסמאָ־נאַווטן־רייַזעס ווי א געוויינלעכע זאַך, בין אזוי איבערראַשט פון זאליעסע, וואָלט ער, מיַין זיידע, בעשום־אויפן ניט געגלייבט. ער וואָלט געזאָגט, אז ס'איז אומעגלעך, אז אזוינס האָט ניט געקאָנט געשען, ס'איז ניט מער ווי א כאָלעם, ווי א פּאַרפּירעניש, ווי א פּאָטעפּאַלנעס פון די לייצים, וועלכע האָבן אים מיט קישעף פארבלענדט די אויגן. „ניין, ניין, — וואָלט דער זיידע זיך אָפּגעשלאָגן מיט די הענט און מיט די פיס. — איך געדענק גוט זאליעסע, זי איז מיר גענוג איַינגעבאַקן אין הארצן, גענוג אריַינגעקראָכן אין אלע מיַינע ביינער. וואָס פאר א זאליעסע? ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, אפילו אָף קיין האָר ניט ענלעך אָף זאליעסע, אָף מיַין זאליעסע...״

דער זיידע יאַנקעוו־מוישע

דער דאָרפס־ייִד איז באַם שטעטלשן פארעכנט געווען ווי גאָר פון אן אנדער שייוועט, ניט ווי א שייוועט פון די צוועלף שוואָטים, נאָר ווי פון דריַיצנטן, וועגן וועלכן מוישע ראַ־ביינו און די טוירע האָבן ניט געוווּסט.

א פארברוינט שווארץ פּאָנעם, ווי באַ א ציגיַינער, און פליַיצעס אזעלכע ברייטע, אז עס וואָלט געסטיַיעט פאר דריַי שטעטלשע ייִדן. היַינט זיַינע הענטאָלעס און פיסיַילעס? גיט ער א מאַך מיט די הענט, קאָן ער מיט זיי מאַזיקן א מיניען ייִדן, און גיט ער א שפּאַן, איז אים ניט נאָכצוכאַפּן.

ער איז געוווינט געוואָרן מיט דער ערד. ערד האָט פאר אים דערעכערעץ און שפּרינגט אים אנטקעגן. עס שמעקט פון אים מיט גראָז, מיט ווינט, מיט קאָרנברויט, מיט דזשעגעכץ און מיט זויערער קרויט. און גיט ער א הוקע מיט זיַין דעמבענעם קאָל, איז טויב צו ווערן, און דערלאַנגט ער לאַשן, איז צו פּלאַצן פון געלעכטער. אפילו דאָס יידישע וואָרט קלינגט באַ אים ניט ייִדיש, ס'איז א מין נאָכקרימעניש — דער רייש רײַסט זיך באַ אים ארויס ווי א פּר־ר־רו באַם אָפּשטעלן א פערד, ר־ר־ר־רע־טשענע ר־ר־ר־רעטשאַניקעס.

באַזונדערס האָט מען אָפּגעשפּעט פון דער פאַרגרעבטער גריַיזיקער איוורע, צו וועלכער מ'האָט שטענדיק צוגעלייגט דעם „האמאָקע בעעוואַסוי״, וואָס האָט געהאַט צוויי טיַיטשן: ער איז געהארגעט אין דער איוורע און א מאַקע אים פאר אזא איוורע!

דער ייִדישער פאָלקלאָר שוויבלט און גריבלט מיט וויצן, מיט אָפּשפּעטעריַי און כויזעק איבערן דאָרפס־ייִדן, איבערן מאַכסן, איבערן קרעטשמער.

צו דער בארמיצווע, ווי עס פירט זיך, האָט מען א דאָרפיש ייִנגל אופגערופן צו דער טוירע און אים געהייסן מאַכן די נייטיקע בראָכע — לויבן און דאַנקען דעם אייבערשטן פאר דער טוירע, מיט וועלכער ער האָט באגליקט די ייִדן.

דאָס בארמיצווע־ייִנגל האָט געוווּסט בלויז די איין־און־איינציקע בראָכע — איבער קאַר־טאָפל, האָט ער מיט א בינטל ריַישן אויסגעריישט די בראָכע בוירע פּרי האָאַדאָמאָ — געלויבט זאָל זיַין דער אייבערשטער, וואָס האָט באַשאַפן די פּרוכט פון דער ערד.

די פענצטער פונעם בעסמעדרעש האָבן זיך גענומען טרייסלען פון געלעכטער. דער פּאַטער האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון זײַן אויסגעלאַכטן בארמיצווע־ייִנגל:

— דריבקעס, ציגענע בערדלעך, קאַפּאָרע־פרעסער, כּניאַקעס, וואָס לאַכט איר? אויב איר מיינט, אז מײַן זון עסט פּיסנע קאַרטאָפּל, האָט איר א גרויסן טאָעס, ער עסט בא מיר שטענ־דיק קאַרטאָפּל מיט פּוטער און מיט סמעטענע!

א דאַרף־מעלאַמעד האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט אײַנקנעלן מיט זײַן טאַלמיד דעם שאַבעסדיקן קידעש, איז ער געפאַלן אָף א האַמצאָע — ער האָט ארויסגעפּירט זײַן טאַלמיד אין דרויסן און גענומען שאַפן פאַר אים סימאָנים: אָט אין דער שטוב וווינט מיקיטע, זאָלסטו געדענקען, אז די ערשטע שטוב, ווו עס וווינט מיקיטע, איז דאָס ערשטע וואָרט פון קידעש „יוים", אין דער צווייטער שטוב וווינט פּעטראָ — איז דאָס א סימען פאַרן צווייטן וואָרט „האַשישי", אין דער דריטער שטוב וווינט כּוועדאָר — איז דאָס „וויַכולו"... און אזוי מיטן פערטן, מיטן פינפטן, ביזן לעצטן וואָרט פון קידעש.

פרײַטיק אָפּדערנאַכט האָבן טאַטע־מאַמע און דער מעלאַמעד אָנגעשטעלט מויל און אוי־ערן צו הערן, ווי דער טאַכשיט מאַכט קידעש. די ערשטע צוויי ווערטער זײַנען געגאַנגען ווי א מיזמער, דאָס דריטע וואָרט „וויַכולו" איז אויסגעריסן געוואָרן, ווי גאָר קיינמאָל אָף דער וועלט ניט געווען, אָנשטאָט אים איז געקומען דאָס פערטע וואָרט „האַשאַמאַיִם".

— פאַרשטאָפּטער קאָפּ, טעמפּער מויעך, דובעשקע, — איז דער מעלאַמעד געוואָרן אויי־סער־זיך, — וווהין האָסטו אהינגעטאָן דעם „וויַכולו"?

— וואָס, איר ווייסט ניט? — האָט זיך דער קידעשמאַכער פאַרענטפערט. — „וויַכולו" איז דאָך נעכטן געשטאָרבן.

אוודע, „וויַכולו" איז דאָס דריטע וואָרט, און אין דער דריטער שטוב האָט געוווינט כּוועדאָר. אויס כּוועדאָר — איז אויס „וויכולו"!

דעם מעטאָד פון מאַכן סימאָנים האָט שאָלעם־אַלייכעם איבערגענומען אין זײַן דערציי־לונג „קידאַלטאָ וועקידאַשטאָ". דאָס כּאָסן־באָכערל קאָן בעשום־אויפן ניט אײַנכּאַזערן דעם פייסעכדיקן קידעש, וואָס איז געבונדן און געקניפּט מיט דער האַוודאָלע, ווײַל דער ערשטער סיידער איז אויסגעפאַלן אקוראַט שאַבעסצונאַכט. ער כּאַזערט און פאַרפּלאָנטערט דעם „היוור־דאַלטאָ וועקידאַשטאָ", דער „קידאַשטאָ" קומט בא אים פריִער ווי דער „היוודאַלטאָ". פאַרנדיק זיך אָנקוקן מיט דער קאַלע, הערט ער ניט אוף צו כּאַזערן דעם קידעש. דער קידעש — דאָס איז דאָך זײַן עקזאַמען, וועלכן ער דאַרף אויסהאַלטן פאַר דער קאַלע און פאַר דער קאַלעס עלטערן.

„אז ס'איז געקומען צו דער סטאַנציע „קידאַשטאָ היוודאַלטאָ וועקידאַשטאָ", האָב איך מיר געמאַכט א סימען: דאָס פערד, וואָס איז געגאַנגען לינקס, איז געגאַנגען גלײַך, האָט ער בא מיר געהייסן „קידאַשטאָ", און דאָס פערד, וואָס איז געגאַנגען רעכטס, געוואָרפן מיט די פיס, האָט עס דערפאַר געהייסן בא מיר „קידאַלטאָ" (פונעם שוירעש „קידאַט" — וואָרפן). דער סימען איז געווען: „לינקס, רעכטס און לינקס". און אזוי איז דאָס שוין פאַרבליבן בא מיר פעסט אין מײַן געדעכעניש".

דאָס כּאָסן־באָכערל האָט דעם עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטן — דער „קידאַלטאָ" אָנשטאָט „קידאַשטאָ" האָט אים אזוי פאַרפּלאָנטערט, אז ער איז פאַרהריזנעט געוואָרן אינעם קידעש אָף ניט ארויסצוקריכן. די טנאָיִם זײַנען אָפּגעשיקט געוואָרן און ס'איז געוואָרן גאָלע אויס־אויס כּאָסן און כּאַלע, אויס קאַלע און ווידער באָכער, אויס קאַלע און ווידער מויד.

נאָר געלעכטער אין א זײַט. שאָלעם־אַלייכעם האָט ליב געהאַט די געזונטע, דעמבענע דאָרפישע ייִדן:

„לאָזן ווינטן בלאָזן, לאָזן שטורעמס פײַפן, לאָז די וועלט זיך קערן. אָן אַלטער דעמב, וואָס שטייט מישיישעס יעמיי ברייִשיס, וואָס זײַנע וואָרצלען דערגרייכן מי־יודייִע וווהין — וואָס הערט ער ווינטן? וואָס הערט ער שטורעמס?" („א פייסעך אין דאָרף").

דער דעמב איז בא שאָלעם־אַלייכעמען ניט קיין סימבאָל, דאָס איז א לעבעדיקער מענטש, וואָס האָט געהייסן נאַכמען ווערביוועקער. „א ייִד פון הויכן וווקס, א ברייטפּלייציקער, א גוואַר. די שטאָט־ייִדן קוקן אָף אים און זײַנען אים מעקאַנע, און צו גלײַכער צײַט מאַכן זיי פון אים כּויזעק: „שאָלעם־אַלייכעם, וואָס מאַכט עפּעס א ייִד אין געזונט?"

נאַכמען דערפילט זיך ווי שולדיק פאַר די שטעטלדיקע ייִדן, בייגט ער זיך אײַן, ער זאָל אויסקוקן א ביסל מער ייִדישלעך. נאָר עס העלפט אים ווינציק, צו גרויס אויסגעוואַקסן".

אין ווערביוועקע האָט געוווינט נאַכמענס פּאַטער פײַטל און דער זיידע אריע, „וואָס איז ניט געווען קיין פּראָסטער ייִד".

„דער זיידע אריע, אַלעווהאשאַלעם, איז געווען א ייִד א כאַכעם און ווערטלזאָגער. ער פלעגט זיך באַרימען, אז דערפאר הייסט דאָס דאָרף ווערביוועקע, ווייל אריע ווערביוועקער וווינט דאָרטן, וואָרעם איידער ווערביוועקע איז נאָך געווען ווערביוועקע, איז ער, אריע ווערביוועקער, שוין געווען א ווערביוועקער”.

טראַכט איך וועגן ווערביוועקע — קומט מיר ארויף אפן זינען בויערקע. צווישן ווערביוועקע און בויערקע, כאָטש ס'פּאַלג מיך א גאַנג, איז איין דער מיט זאַליעסע. און טראַכט איך וועגן טעוויען, וואָס איז געוואָרן דער ווירדיקסטער סימבאָל פונעם ייִדישן פאָלק, וועגן נאַכמען ווערביוועקער און וועגן אריע זיין זיידן, פעלט ניט אויס צווישן זיי אויך מיין זיידע יאַנקעוו-מוישע.

„נאַש לאַכמאַן” — האָבן די ווערביוועקער פויערים גערופן נאַכמענען. אָט דעם הויכן „נאַש”-טיטל האָט אויך מיין זיידע יאַנקעוו-מוישע פאַרדינט בא די זאַליעסער פויערים. אין זיינער אַן אייציע האָט קיינער קיינמאָל ניט געצווייפלט, זינס א וואָרט איז געווען הייליק: „יאַק יאַקאָוו-מאָושאַ קאַזאַוו, טאַ טאַק וואָנאַ אי בודע”.

ווי נאַכמענס זיידע, אזוי איז אויך מיין זיידע „ניט געווען קיין פּראָסטער ייִד, א כאַכעם און ווערטלזאָגער”. ער האָט אפילע געהאַט א שעם צווישן די שטעטלשע לאַמדאָנים — קאָל יאַמאָוו וווינט א ייִד אין דאָרף און איז א יודייע-סייפער, א לאַמדן. דאָס שמעקט מאַמעש מיט לאַמעדוואָוו...

ווי טעוויע דער מילכיקער, האָט מיין זיידע אף אַלץ געהאַט זיין טייטש, זיין פּשאַט, זיין פּיירעש און פּאָסעק. מער ניט, טעוויע פלעגט איבערקערן דעם פּאָסעק מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף און אָפּטמאָל אויספּאָסקען א פּאָסעק, וואָס זינט פּסוקים האָבן זיך געפּאָסעקט, איז אזא פּאָסעק אין ערגעץ ניט געווען בעניִמצע, און דער זיידע יאַנקעוו-מוישע פלעגט צווישן די בערג פּסוקים אויסגעפינען דעם פּאָסיקן פּאָסעק, וואָס איז זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען אין זיין טייטש מיט טעוויעס טייטש.

צווישן די פאַרשיידענע גאַסן און געסלעך מיט פאַרשיידענע נעמען איז אין טשערנאָביל געווען א גאַס, וואָס האָט געהייסן אַלעקסאַנדראָווסקע. אף אָט דער גאַס איז ניט געווען קיין שטוב, וואָס זאָל איבערן האַלדז א פאַרשיקערטע פון ווייניקע רייכעס ניט שווימען און זיך ניט טווולען אין א טיפן, געדיכטן סאָד.

די גאַס פון די סטאַראָוועראַצעס איז געווען די שפּאַציר-גאַס. פאַרשיקערטע פון די סעדער-רייכעס און פון די יוירנדיקע, ברוינזנדיקע בלוטן, האָבן יינגלעך און מיידלעך ניט מוירע גע-האַט פאַר די אומגעריכטע שפּיצלעך, וואָס די ליבע טוט אָפּ מיט ארומנעמענדיקע הענט און מיט זיך קושנדיקע ליפּן. די סטאַראָוועראַצעס לייגן זיך פּרי שלאָפן, קיין טראָפּן שיין, און די פינצטערניש איז באַגלייבט, אז זי וועט קיינמאָל קיינעם ניט ארויסגעבן.

לייצים פלעגן זאָגן, אז וואָלט אף דער וועלט ניט געווען די פינצטערניש פון דער נאַכט און די סטאַראָוועראַצעס וואָלטן זיך ניט געלייגט אזוי פּרי שלאָפן, וואָלט מען זיכער זיך גע-קאָנט פאַרלאָזן אף זייערע לאַנגע, ברייטע און געדיכטע בערד, אז זיי וועלן פאַרשטעלן און פאַרזיכערן פון א בייז אויג.

אין פאַרגלייך מיט די בערד פון די סטאַראָוועראַצעס איז דעם זיידן יאַנקעוו-מוישעס באָרד געווען א בערדל, און אין פאַרגלייך מיט די בערדלעך פון די זאַליעסער פויערים האָט זי אויס-געזען ווי א באָרד. א זאַליעסער פויער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגינען א גרויסע געדיכטע באָרד, אף וועלכער מ'דאַרף אכטונג געבן און קעמלען. אף דערויף האָט קיין צייט ניט געסטייעט און דאָס האַרץ איז ניט געווען דערביי. א קליין בערדל איז עפּעס אַנדערש, זי איז אַן איינ-שפּאָרערן — אז מע פאַרשפּאָרט זיך גאָלן, פאַרשפּאָרט מען פּאַטערן איבעריקע עטלעכע קאָ-פּעקעס. דעם זיידן יאַנקעוו-מוישעס באָרד איז געווען א מין באַזונדער באָרד, זי האָט זיך געלאָזט גלעטן אראָפּ, אז דאָס פּאָנעם זאָל ניט זיין קולוי באָרד און די באָרד קיין קולוי פּאָנעם.

בא אַן אָפּענעם סייפער פלעגן שטעטלשע לאָמדים אזוי לאַנג גלעטן און איבערגלעטן די באָרד, זיך אָנכאַפּן בא א שוואַכער האָר, וואָס האָט געהאַלטן באַם ארויספאַלן, ווי א פאַרטריקנט זייטל פון א בוך, ווי א האַרבסט-בלעטל פון בוים, ביז מע פלעגט זי דערפילן צווישן די פינ-גער. מיטן ציטער פון צעשיידן זיך פלעגט מען די האָר פונעם הייליקן האָר-וואַלד ברענגען אין דער אייביקער רו פונעם הייליקן אויס:עס- און ווערטער-וואַלד אַלס אָנדענק, אז דאָ איז ניסגאַלע געוואָרן א סאָד, איז פאַרענטפּערט געוואָרן א האַרבע קאַשע.

פון א שערל צולאָזן צו די וואָנצעס אָדער צו דער באָרד, איז שוין אָפּגערעדט, כאַסוועֿ-שאָלעם, גאָט באַהיט. די וואָנצעס און די באָרד זיינען הייליק, ווי דער מיזבייעך, צו וועלכן מ'האָט ניט געטאָרט אָנווענדן קיין שטאָל און אייזן באַם בויען אים און נאָכן בויען.

רעב ליבער דער בערדיטשעווער, — ווערט דערציילט, — איז געווען א ביז גאָר האַריקער. ער האָט געהאַט אַזעלכע געדיכטע ברעמען, אַז ווען ער האָט באַדאַרפֿט אַף עמעצן אַ קוק טאָן, פֿלעגט ער מיט די פֿינגער מוזן אופֿהייבן די ברעמען. און אַ באָרד האָט ער געהאַט, ווי זי זאָל באַשטיין פֿון אַ מיניען בערד. אַזויפֿיל האָר, און יעדע האָר באַזונדער איז אים געווען אַזוי טײַער, גלײַך ווי די באָרד זײַנע זאָל געווען באַשטיין פֿון איין האָר.

רעב ליבער האָט געציטערט פֿאַר אַ קעמל, ווי פֿאַר אַ גאַלמעסער, ער האָט אַפֿילע ניט פֿאַרטרויט זײַנע פֿינגער אַ גלעט צו טאָן זײַן באָרד — אַ גלעט איז דאָך אָפּטמאָל ווי אַ ריס, ווי אַ ביס, ווי אַ שניט.

ווען רעב ייִסראָעל באַלשעמטאָוו איז געקומען קיין בערדיטשעוו און האָט דערזען די פֿאַרלאָזטע באָרד פֿון זײַן נאָענטן פֿרײַנט רעב ליבער, האָט ער זיך בײַ אים גענומען בעטן, ער זאָל אים דערלויבן מיט די פֿינגער אויסקעמען די באָרד זײַנע, דערבײַ האָט ער געשווירן און איז אַרעוו געווען מיט זײַן כײַלעק אוילעמהאַבע, אַז קיין איין האָר וועט אַפֿילע ניט גע־מינערט ווערן.

— איינמאָל ניין, — האָט רעב ליבער באַשיצט זײַן באָרד מיט ביידע הענט, — איך קאָן אַף אַזאַ ריזיקע ניט גיין, און טאָמער, טאָמער ווערסטו בעשויגעג, אומגערן, פֿאַרטשעפּען אַ האָר, איז דאָך דאָן אַז אָך און ווינד צו דער באָרד, איז דאָך דאָן ווײ־געשריגן צו יעדער האָר באַזונדער!

דער זיידע יאַנקעוו־מוישע האָט אַזוי ניט געטאָן, ער האָט זיך מאַטיר געווען אונטערשערן די וואָנצעס, זיי זאָלן זיך ניט טויוולען אין יעדן אָנגענומענעם לעפּל יויך, אונטערשערן די באָרד, זי זאָל כוצפּעדיק ניט קריכן אין פּאָנעם אַרײַן. דאָס האָט באַזונדער אויסגעטײלט זײַנע צוויי גרויסע בלויע אויגן, ווי זיי זאָלן געווען זײַן פֿאַרפּאַראַשעט מיט שטיקלעך הימל און מיט שטיקלעך זונען־שײַן. וואָס מער זיי האָבן געזען, אַלץ מער האָבן זיי זיך ניט געקאָנט אָנקוקן — אַ וועלט אין אַ וועלט, און אין דער מיט וועלטן גאַנצע. דאָס נעכטיקע איז, דוכט זיך, גאָרניט געווען. ס'איז דורכויסיקער הײַנט, דורכויסיקער ברייִשיס, אַלץ, וואָס זיי זעען, און ווי זיי זאָלן דאָס זען צום ערשטן מאָל.

מער פֿון אַלע אייוורים ווייסן דאָך די אויגן ניט פֿון קיין זעט, פֿון קיין גענוג. איך בין זיכער געווען, אַז אין שלאָף, ווען די טאָגיקע אויגן מאַכן זיך צו, עפֿענען זיך בײַ אָט דעם דאָרשטיקן זעער און קוקער באַנאַכטיקע כאָלעם־אויגן, און ער זעט אין כאָלעם דאָס, וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו זען אַף דער וואָר.

אַ ייִד אַ לאַמדן מיט אַ שיינעם האַדרעס־פּאָנעם, און שפּאָנען שפּאַנט ער ווי אַן אויסגע־מושטרירטער ניקאָלײַעווער סאָלדאַט, וואָס האָט פֿינף און צוואַנציק יאָר זיך געהאַלטן אין איין גלײַכן און אויסגלײַכן, האָבן די טשערנאָבילער ייִדן אי באַוווּנדערט, אי אונטערגעכויזעקט פֿון יאַנקעוו־מוישע דעם זאַליעסער.

און ער, ווי גאָרניט אים מיינט מען — אַן אויסגעגלײַכטער, מיט אַן אופֿגעהויבענעם קאָפּ, פֿלעגט ער זײַנע גרויסע שפּאַן ציילן, ווי רענדלעך. אײַנגעבויגענערהייט קוקן די אויגן אַראָפּ, און מע זעט קוים, וואָס עס טוט זיך אונטער די פֿיס, און אַז מע שפּאַנט מיט אַן אופֿגעהויבע־נעם קאָפּ, קוקן די אויגן פֿאָרויס, יעדער טראָט איז זיכער, און מע ווייסט, אַף וועלכער וועלט מע געפֿינט זיך.

אַזאַ פּוסגייער, ווי דער זיידע איז געווען, האָט ער געפּריידיקט, אַז דער „דע לפני מי אתה עומד[1] (ווייס, פֿאַר וועמען דו שטייסט) האָט אַ שײַכעס ניט בלויז צום פֿאָטער אין הימל, נאָר צו יעדן מענטשן, ווער עס זאָל ניט זײַן.

אַזאַ שטובזיצער און אַזאַ זשוואָווער, אַזאַ רירעוודיקער. זאַליעסע איז טאַקע אַזוי קליין, דערפֿאַר אָבער איז די וועלט אַזוי גרויס. און ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז מע קאָן זײַן אַ טוישעוו פֿונעם קלענסטן יישעוו און אויסזײַן און אויסזען די וועלט מער ווי אַנדערע רײַזנ־דע, וואָס זעען בלויז זיך אַלעמאָל אַף אַן אַנדער אָרט. און טאַקע דערפֿאַר האָט ער זיך שטענ־דיק אונטערגעטריבן, זיך אַליין אונטערגעגעבן כיישעק: דאָס לעבן איז קורץ, און דער מענטש גייט אַוועק פֿון דער וועלט, ניט דורכטראַכטנדיק אַפֿילע קיין הונדערטכײלעק פֿון דעם, צו וואָס ער האָט זיך געקאָנט דערטראַכטן.

בײַ יעדער נײַ־אָפּגעציילטער און אָפּגעקלונגענער שאָ פֿונעם זייגער פֿלעגט ער זיך דער־פֿילן, ווי דער פּאַסאַזשיר, וואָס איז געקומען נאָכן דריטן קלונג, ווי איינער, וואָס האָט פֿאַר־לוירן אַזוינס, וואָס איז שוין מער ניט צו געפֿינען, מער ניט צו פֿאַרמאָגן.

---

1 דא ליפֿניי מי אַטאָ אוימייד.

פּאַרשפּעקטיקט! פּאַרשפּעקטיקט! אַף אַ שאַ! אַף אַ גאַנצער שאַ איז קירצער געוואָרן דאָס לעבן, די וועלט! פאַר אַ שאַ קאָן מען דאָך אַזויפיל דערגרייכן, אַזויפיל זיך דערוויסן, אַזויפיל אָפּטאָן. פאַראַן, פאַראַן אַזעלכע גליקלעכע, וואָס פאַר אַ שאַ קויפן זיי זיך אײַן די וועלט, בײַטן אויס די צײַטווײַליקייט אַף דער אייביקייט.

דער זיידע כאַצקל, ווי ער זאָל זיך מיסוואָקייען זײַן מיטן זיידן יאַנקעוו־מוישע, האָט, פּאַרקערט, זיך געפרייט מיט יעדער אוועקגייענדיקער שאַ: אַ דאַנק דעם אייבערשטן — מיט אַ שאַ ווייניקער אַף דער וועלט און מיט אַ שאַ נעענטער צו יענער וועלט, מיט אַ שאַ נעענטער צו מאָשיעכס צײַטן, צו דער געולע. ווײַזט אויס, אַז ניט פאַר יעדן קלינגט דער זייגער אויס די זעלבע און אייגענע שאַ. יעדער איינער האָט זיך אין איינער און דער זעלבער שאַ גאָר אַן אַנדער שאַ...

קיין גרעסערער פּאַרגעניגן, ווי גיין צוזאַמען מיטן זיידן יאַנקעוו־מוישען פון טשערנאָביל קיין זאַליעסע, איז בא מיר ניט געווען. צוזאַמען האָט זיך געדוכט, אַז דער וועג איז אַן ערעך גרעסער געוואָרן, אַז יעדער וויאָרסט האָט זיך פאַנאַנדערגעצויגן אַף אַ סאַך וויאָרסטן, און ווי דער וועג און ווי די וויאָרסטן, אַזוי איז די צײַט — באַזונדער האָט מען זי גאָרניט געפילט, און צוזאַמען פלעגט אָפּטמאָל געדויערן עטלעכע היפּשע שאַ, ווײַל מיר זײַנען מער געשטאַנען ווי געגאַנגען.

אָט לערנט ער מיך, ווי מע טאָר ניט זײַן קיין פאַרמורזעטער, קיין אָפּגעלאָזענער: אַ פלעק אַף אַ בעגעד לייגט זיך, ווי אַ פלעק אַף דער נעשאָמע. זיך ריייניקן פון שטויב באַדאַרף מען נאָך אין וועג, פון דער ערשטער רעגע, ווען דער שטויב באַפאַלט דיך.

— דער גרעסטער ביזאָיען פאַר אַ טאַלמיד־כאָכעם איז אין אַמאָליקע צײַטן געווען זיך באַווײַזן אין גאַס מיט פאַרלאַטעטע, קוטיקע, פאַרשטויבטע שיך. אָט מיט דעם ביזאָיען זאָלסטו זיך שטענדיק שעמען. אַ בעגעד באַדאַרף זײַן ווי צוגעוואַקסן צום לײַב, אויסגעגאָסן ווי ערשט פון דער נאָדל אַרויס.

און גלײַך שרעקט ער מיך איבער, אים ווילט זיך וויסן, וויפל פאַכדאָנעס און שרעקעוודיקײַט ס׳איז דאָ אין זײַן אייניקל.

— אַ שלאַנג יאָגט זיך נאָך אונדז, לאָמיר לויפן!

דער איבערשרעקער יאָגט זיך אַף צוריק, אַפן דורכגעגאַנגענעם וועג, אַז ס׳זאָל געדויערן לענגער דער שפּאַציר. איך לויף אים נאָך און יאָג אים גלײַך אַריבער. איך לויף און שרײַ:

— מאַמעו! מאַמעו!

אַ הילכיקער געלעכטער שטעלט מיך אָפּ. דער געלעכטער באַרויִקט מיך. איך הייב אָן פאַרשטיין, אַז ס׳איז אַ שפּאָגל־נײַ שפּיצל. ס׳איז טאַקע צום לאַכן, אַ שלאַנג פויזעט דאָך, וואָס זשע איז דאָס לויפן? יאָ, פאַכעד נעמט אָפּ דעם סייכל, און ווי זאָגט ער, דער אַלטער קונדעס און אָפּשפּעטער, ניט דער מאַלכאַמאָוועס ברענגט מיט זיך דעם טויט, נאָר די שרעק פאַר אים.

באַרויקטע קערן מיר זיך אום אַפן וועג קיין זאַליעסע. אַ טראָט פאָרויס און צוויי טריט — ניט אהער און ניט אַהין. דער זיידע לאָזט ניט דורך קיין איין פויגל, קיין איין וואָלקנדל, קיין איין בוים, קיין איין צווײַגל, קיין איין זאַנג און קיין איין גרעזעלע, ער זאָל מיר ניט דער־קלערן, ווי זיי בליִען, ווי זיי וואַקסן, ווי זיי טוט וויי און ווי זיי פרייען זיך, ווי זיי קומען אויף און ווי זיי ווערן ניט.

די ביימער, באַקומט זיך לויט אים, פּוצן זיך ווי כאַסאַנים, ווי די אין שידעך שטייענדיקע באָכערים — אָט טוען זיי אָן גרינע קליידער און אָט געלע, און אָט גאָר הויל נאַקעט אָן אַ פיצל בושע. אין די סאַמע גרעסטע קעלטן און שנייען פאַרבלענדן זיי די אויגן מיט ווײַסע קליידער, ווי פון זילבער אויסגעטאָקטע, ווי באַפּאַלענע און באַזעצטע פון אַלע זײַטן מיט ווײַסע פּליטערלעך און באַבעלעך. יעדן בוים ווילט זיך אויסנעמען, אַז אין אַלע צײַטן פון יאָר זאָל מען אַף אים זאָגן: ווי שיין איז דער בוים!

אַ ווינטל גיט אַ בלאָז, און ער ווערט פאַרגליכן צו אַ סמיק, וואָס וועקט אַ סטרונע נאָך אַ סטרונע, אַ קלאַנג נאָך אַ קלאַנג פון דעם אומענדלעכן פידל — פון דעם אָרום.

די פייגלען רודערן אויף די הימלען, די הימלען די זון. עס כאַפּן זיך אויף די יאַמען און טײַכן, די בערגלעך מיט די בערג, אפילע די טאָלן שפּרינגען אונטער און ווערן אַלץ העכער און העכער. אַלץ זינגט, אַלץ שפּילט, אַלץ טאַנצט!

דער אַלטער ווערט ייִנגער און ייִנגער. אַ ייִנגל מיט ייִנגעלעך גלײַך. ער לייגט מיר פאָר אין פערדלעך שפּילן — ער וועט זײַן דאָס פערדל, און איך דער רײַטער.

— גאָט באַהיט, דער זיידע אַ פערד?

און אין סאַמע קווענקלען זיך וואַקס איך אויס אַפן זיידנס האַלדז־און־נאַקן. איך שרײַ:

— נאָ, קאַסקאַ! נאָ, אַדלערל מײַנס!

און דאָס אַדלערל הירזשעט און שפּרינגט אונטער אַף צוריקוועגס קיין טשערנאָביל.
און ווידער זײַנען מיר אַף אַ שיידוועג. און שטעלן מיר זיך אָפּ, האָט קיינמאָל ניט גע־טראָפן אַזאַ פאַל, אַז אַ זאַליעסער פויער זאָל דורכפאָרן פאַרבײַ אונדז און זאָל אונדז ניט אײַנ־לאַדן פאַרנעמען פּלאַץ אין וואָגן און מיטפאָרן צוזאַמען מיט אים.

— זעצט זיך, יאַקאָוו־מאָווּשאַ, די פיס וועלן אײַך צוניץ קומען אַף אַן אַנדערשמאָל. יונגע פּיסלעך באַדאַרף מען אויך שאַנעווען. ווער ווייסט, וויפל „סימין כלאָפּעץ”, אײַער אייניקל יורקאָ (אין זאַליעסע האָט מען מיך גערופן „יורקאָ” אָדער „סימין כלאָפּעץ”) וועט אויסקומען גיין צופוס. די וועלט איז גענוג גרויס און גענוג שלעכטס! זעצט זיך, איך וועל אײַך אונטער־פירן.

— דיאַקויו, — בייגט אײַן דער זיידע דעם קאָפּ.

— דיאַקויו, — בייג איך אויך אײַן מײַן קאָפּ.

— אי־אָ, אי־אָ, — פאַרענטפערט זיך דער זיידע פאַרן גאַסטפרײַנטלעכן מאַכניס־אורעך מיט פאַנאַנדערגענומענע און אויסגעצויגענע הענט, ווי באַם דאַווענען — ער קאָן ניט מאַפּסיק זײַן, — אי־אָ־אי־אָ...

מיר זײַנען שוין אין זאַליעסע, און דער זיידע נעמט אָפּריניקן פון זיך דעם שטויב פון לאַשנהאָרע, וואָס איינער אַ דאָרפס־ייִד האָט אים באַשטויבט אין בעסמעדרעש פאַר אַן איידע ייִדן, — ער האָט אַף אים אויסגעטראַכט, אַז ער איז יאַדאַכאַס מיט די שטעטלדיקע קעגן די דאָרפס־ייִדן, לאַכט פון זייער אַמעראַצעס און רופט זיי ניט אַנדערש ווי די יוכטאָווע בײַטש־ייִדן.

— אַזאַ רעכילעס קלעפּט זיך צו מיר, ווי אַן אַרבעס צום וואַנט. איך האָב אַף מײַן לעבן ניט מעוואַזע געווען קיין דאָרפס־ייִד. פון אַמעראַצעס, ווי פון אָרעמקײַט, לאַכט מען ניט. ס'איז פון איין שורעש.

אָט אין דער גאָרטן, מיר שטייען שוין באַ דער שטוב, און דער באָרעדטער וויל ניט אַרײַנטראָגן אין שטוב קיין שטויבעלע לאַשנהאָרע, ער האָט זיך נאָך ניט ספּראַוועט מיטן מײַ־קאַמאַשמעלאָן, מיטן אויספּיר, ער האַלט אין איין איבערכאַזערן פאַר מיר:

— היט דײַן צונג פון שלעכטס און דײַנע ליפּן פון רעדן פאַלשקײַט. אַ רעכילעסטרײַבער, אַ לאַשנהאָרעניק איז געגליכן צו אַ פּוסטן בוים, וואָס קאָן ניט אַרויסגעבן קיין שום פּרוכט. דער פאַרשיקערנדיקער רייעך פון די פּרוכטן איז פאַר אים ווי טריפנדיקער בוימל אין פײַער. ער איז גרייט צו יעדער מינוט אַליין פאַרברענט ווערן, אַבי מיט אים זאָלן פאַרברענט ווערן די פּרוכט־ביימער. ניטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך, ווי אַ פּוסטע קיילע, ווי אַ מענטש, וואָס איז קיינער נישט, וואָס איז קולוי גאָרנישט. גערעכט איז געווען דער כאַכעם, וואָס האָט געזאָגט: דרײַערליי מענטשן טוט לאַשנהאָרע הארגענען: דער, וואָס רעדט לאַשנהאָרע, דעם, אַף וועלכן מע רעדט, און דער, וואָס הערט.

די באָבע דאָסל צעשרײַט זיך:

— שוין עטלעכע שאָ, אַז איך קוק זיך די אויגן אַרויס אַף אײַך, גאָרניט געוווּסט אַף וואָס איבערצוטראַכטן, און קוק זיי אָן, איין סייכל באַם זיידן און באַם אייניקל, מע שטייט לעבן שטוב, ווי פּרעמדע, וואָס ווייסן ניט, ווי די טיר עפנט זיך. אַ ייִד זאָל אין זיך האָבן נײַן מאָס רייד.

און דער זיידע רעדט און רעדט, ברענגט איין מאָשל נאָכן צווייטן, גלײַך ווי ער זאָל אַף צולאָכעס דער באָבען וועלן דערגרייכן די צענטע מאָס.

דעם קאָרטענעם פּידזשאַק און די קאָרטענע הויזן, וועלכע דער זיידע פּלעגט אָנטאָן באַם באַארבעטן זײַן גאָרטן, האָבן באַ אים געהייסן די יאָמטעוודיקע בגאָדים, ווײַל דאָס דערנענ־טערן זיך צו דער ערד האָט זיך באַ אים שטענדיק גערעכנט פאַרן גרעסטן יאָמטעוו.

קיין שיך פּלעגט ער ניט אָנטאָן, אים האָט זיך געוואָלט, אַז אויך זײַנע באָרוועסע פּיס זאָלן, ווי די הענט, געצערטלט ווערן פון דער מאַמע־ערד. האַנאָע האָבן דאַרפן אַלע אייוורים, ווי באַ די אומעס־האָוילעם, ווען זיי כאַפּן דעם ביטערן טראָפּן און דערפרייען דאָס האַרץ מיט ווײַן. באַם טרינקען האָבן אַלע אייוורים האַנאָע, אויסער די אויערן, האָט מען אײַנגעפירט דאָס טשאָקען זיך, אַז די אויערן זאָלן דערהערן דאָס, וואָס די אויגן זעען, וואָס די נאָזלעכער דערד־שמעקן, וואָס די ליפּן לעכצן און דאָס האַרץ גלוסט.

דער זיידע איז מיך מעכאַבעד שעפּן מיטן קענדל וואַסער פון עמער און באַגיסן דעם ציבעלע־בעאָר, דעם אוגערקע־בעאָר און קאָרטאָפל־בעאָר. איך באַגיס און באַגריס, בענטש

מיט דער זעלבער בראָכע, מיט וועלכער עס ווערט דאָ געבענטשט יעדעס אופגייענדיק בלעטל — „כן ירבו וכן יפרוצו“[1] — אַזוי זאָלן זיי זיך מערן און שטאַרקן!

איך באַגריס און באַשפּריץ יעדע בייט, אַז איר בכּאָר זאָל ניט בלײַבן קיין בעניאָכיד, אַז ס'זאָלן וואָס גיכער צוקומען ברידערלעך און שוועסטערלעך. די צווייטע, די דריטע, די מיטעלע, די מיזינקעס און מיזיניקס.

— אַזוי, אַזוי, — איז דער זיידע צופרידן מיט מײַן אַרבעט, — איאָ, אַ מעכײַע, אַ כּיעס, אַ דערקוויקעניש? אײַ, גוט! אײַ, גוט! וואַסער, וואַסער, נאָך אַ ביסל וואַסער. קאָלזמאַן דער ברונעם איז פול, וועלן די עמער ליידיק ניט זײַן. אַנו, פאַרטײַטש „יעגיִע קאַפּעלכאָ“, — און נאָך איידער דער זיידע פאַרענדיקט דעם פּאָסעק, פאַרטײַטש איך אים פונעם אָנהייב ביזן סאָף: אַז דו וועסט עסן די מי פון דײַנע הענט, אַזוי וואויל איז דיר און אַזוי גוט איז דיר.

דער „גוט און וואויל איז דיר“ ווערן גלײַך באַוואַקסן מיט אַרומריידענישן מיט פּשאָטים און מיט געדאַנקען, ווי דער בוים מיט בלעטער.

מיר פרייען זיך מיט די מעובערעסע בייטן, וואָס אָט־אָט וועלן זיי געלעגן ווערן. מיר באַגעגענען די בכּוירים מיט אַ ברוכים־האַבאָיִם, מיר נעמען זיי אויף ווי גאָר נאָענטע, וועלכע מ'האָט שוין לאַנג ניט געזען און וועלכע מע געדענקט פון די סאַמע פריִע קינדער־יאָרן, פון די ערשטע טריט.

און וואָס גרעסער די פרייד, אַלץ ווייניקער פאַרשטענדלעך ווערט פאַר מיר גאָטס סטראַשען אָדאָמען, אַז די ערד וועט זײַן פאַר אים פאַרשאָלטן און מיט טרויער וועט ער אַרויסבאַקומען פון איר זײַן דערנערונג.

אַ האַרבע קאַשע, און גלײַך קומט דער טערעץ:

— אָדאָם איז געווען אַ פּוסטעפּאַסניק, ער האָט אין גאַניידן קיין האַנט אין קאַלטער וואַסער ניט אַרײַנגעלייגט, און קלאָר, אַז נאָך אַזאַ ווילטיק איז שווער געווען צו באַאַרבעטן די ערד. און ווײַטער דאַרפסטו וויסן, אַז אָדאָם איז ניט בלויז אָדאָם, נאָר דער מין מענטש פון יענער צײַט ביז צום הײַנטיקן טאָג. און ס'איז אַוודע טרויעריק צו אַרבעטן פאַר יענעם און ניט פאַר זיך. ס'איז אַוודע שרעקלעך, אַז פון דעם פּויערס פאַרגאָסענעם שווייס ווערן פול די שפּײַכלערס פון די פּריצים, און ער, דער פּויער, שטאַרבט פון הונגער. ס'איז דאָס זעלבע, וואָס שטיין אין וואַסער ביזן האַלדז און אויסגיין פון דאָרשט. בײַ אַזאַ באַאַרבעטן די ערד ווערט פאַרשטערט די פרייד, ווערן אַלע שיינקײַטן מיִעס און אַלע האַנאָעס ווערן פאַרוואַנדלט אין צאַר און אין ווייטעק.

ניט נאָר אין וועג און ניט נאָר אין גאָרטן, נאָר אויך אין שטוב האָט דער זיידע פאַר מיר עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכס צוגעטראַכט, אַז ס'זאָל מיך ציִען קיין זאַליעסע.

אַ קעסטעלע מיט פּענעס האָט ער פאַר מיר געקויפט, און די פּענעס האָבן מיך צוגעצויגן, ווי מיט אַ מאַגניט. עפּעס אַ קלייניקײַט, אַזויפיל פּענעס, און ס'איז מיר געגעבן געוואָרן דער רעשוס אויספּרוּוון יעדע פּען באַזונדער. אַ פּען באַדאַרף טינט, און טינט איז באַם זיידן געווען אַ פולע פלאַש. אַ פּען אָן פּאַפּיר איז ווי אַ סמיק אָן אַ פידל, און דאָס איז אויך געווען באַוואָרנט — איך האָב געהאַלטן אין איין בלעטערן און איבערבלעטערן די זײַטלעך פון די ציפערדיקע און פאַרשיידנווייריקע העפטן מיט גרינע, געלע, ברוינע און רויטע טאָוועלעך, פון וועלכע ס'האָבן צו מיר געשמייכלט פּושקין, לערמאָנטאָוו, פעט, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי.

שטענדיק, ווען איך פלעג קומען צוגאַסט, אויסער שאַבעס געוויינלעך, פלעג איך אויספּרוּוון אַ נײַע פּען מיט אַ נײַעם שוואָך פאַר דעם פּאַפּיר, פאַר דער פּען און טינט. ווי אין אָן אומבאַדינגטן אַרײַנפּיר, פלעג איך אַ שרײַב טאָן דעם „אנסה את הנוצה“[2] — איך וועל אַ פּרוּוו טאָן די פּען, זען, ווי זי גייט אין שפּאַן. און אַלע זײַנען זיי בײַ מיר געגאַנגען, ווי אַ מיזמער, און לײַכט געווען, ווי אַ הירש אין זײַן לויפן.

סאַראַ מאַזלבראָכע אין יעדער פּען. מיט איין פּען קאָן מען דאָך באַשרײַבן די גאַנצע וועלט, און אין איין טראָפּן טינט שפּיגלט זיך אָפּ אַ יאַם מיט געדאַנקען, אַ וואַלד מיט ביימער.

דעריקער איז אָבער געווען ניט אַזוי דער „אנסה את הנוצה“, דער סייכל פון יעדן מאָל מעכאַבער זײַן אַ נײַעם שוואָך פאַרן פּאַפּיר, פאַר דער פּען און טינט, ווי דאָס נויקעם זײַן זיך אין אַמאָלעקן, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף די יידן, זיי נאָכגעיאָגט און אומגעבראַכט די פאַרמאַטערטע און מידע, וואָס זײַנען ניט געווען בעקויעך אָנגרײַפן, זיך אָפּשלאָגן און אפילו אָפּטרעטן און אַנטלויפן. „זכור את אשר עשה לך עמלק“[3] — געדענקען און קיינמאָל ניט פאַר־

---

[1] קיין ייִרבו וועכיין ייִפּרויצו.
[2] אַנאַסע עס האַנויצאָ.
[3] זאָכויר עס אַשער אָסאָ לעכאָ אַמאָלייק.

געסן, וואָס אמאָלעק האָט מיט דיר געטאָן, האָבן די געראַטעוועטע איבערגעגעבן ווי א צאַוואָע פאַר די קומענדיקע דוירעס.

א דאָר האָט פאַרביטן א דאָר, א צײַט איז אוועק, און א צײַט איז געקומען. און דער נאָווי שמועל זאָגט אָן דעם קייסער שאָולן זיך אָפּרעכענען מיטן אמאָלעק פאַר די אורעלטערן: האָב ניט קיין ראַכמאָנעס אַף אמאָלעקן, פאַרטיליק אים מיט זײַנע שאָף און רינדער, מיט זײַן האָב־און־גוטס.

אומברענגען די שאָף און רינדער, און דעם קייסער אגאָג האָט שאָולן דאָס הארץ ניט פאַרטראָגן, האָט ער זיי געלאָזט לעבן.

דער נאָווי שמועל איז אַרײַן אין גרימצאָרן און האָט געזאָגט שאָולן: „וויבאַלד דײַן ראַכמאָנעס האָט גויוער געווען דעם הייליקן נעקאָמע־געפיל, דעם הייליקן זיך ניט פאַרלעשנדיקן צאָרן קעגן די שולדיקע, קעגן אגאָגן, דעם קייסער פון אמאָלעק, ביסטו מער ניט ראָע צו זײַן א קייסער, ביסטו מער ניט פאַרגלייבט צו זײַן א פירער". און דער נאָווי שמועל, וועמענס קויעך ס'איז באַשטאַנען אין וואָרט, האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן א שווערד אין האַנט גענומען, ער האָט זי אַנטבלויזט און געזאָגט צו אגאָגן: „ווי אַלע אומגליקלעכע, איינזאַמע מאַמעס באַוויינען זייערע קינדער, וועלכע דו האָסט מיט דײַן שווערד אומגעבראַכט, אזוי זאָל אויך דײַן מוטער וויינען איבער מײַן שווערד, וואָס וועט אין דיר נעקאָמע נעמען!"

געזאָגט און געטאָן — דער נאָווי שמועל האָט א הייב געטאָן די שווערד און האָט אַף דער העלפט צעשפּאָלטן אגאָגן.

זאָכויר און נאָכאַמאָל זאָכויר — געדענקען און ניט פאַרגעסן! אַלע פּורים, ווען מע פלעגט אופמישן די מעגילע ווען האָמאָנען, פלעגן זיך איינצײַטיק פאַנאַנדעררוויקלען די מעגילעס פון אַלע האָמאָנס. אַלס באַווײַז, אַז דער „זאָכויר" איז ענג געבונדן מיטן „שאָמויר" — אַז דאָס געדענקען ווערט אָפּגעהיט און פאַרגעזעצט, פלעגט מען אַף דער פּורימדיקער סודע שפּאַלטן דעם קוילעטש אַף דער העלפט אַלס זייכער צו דעם, ווי שמועל האָט געשפּאָלטן אגאָגן, דעם קייסער פון אמאָלעק.

יעדער דאָר דאַרף מעקן און פאַרמעקן אמאָלעקן, אַז קיין געדעכעניש און קיין זייכער זאָל פון אים ניט בלײַבן אונטערן הימל. ס'איז א מיצווע שטענדיק באַם אויספּרוּוון א נײַע פּען אָנשרײַבן דאָס וואָרט „אמאָלעק" און גלײַך עס פאַרמעקן ביז דורכלעכערן דאָס פּאַפּיר.

איך האָב זיך געיאָגט קיין זאַליעסע, זיך נאָכגעיאָגט נאָך דער מיצווע און מיט א באַזונדער נעקאָמע־געפיל זי אויסגעפילט.

אמאָלעק איז פון די אמאָליקע, און דער זיידע יאַנקעוו־מוישע האָט אָנגעווענדט דעם „זאָכויר" אויך צו די נעכטיקע און צו די הײַנטיקע פאַרטיליקערס, און ער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין די צײַטן פון זײַנע אייניקלעך און אוראייניקלעך וועט אופשטיין אזא אמאָלעק, אַז אַלע אמאָלעקס וועלן אויסזען ווי גאָרנישט מיט נישט אין פאַרגלײַך מיט אים.

די יידישע געשיכטע האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין ציילן. זי האָט געציילט, וויפל ס'זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן און וויפל ס'זײַנען געבליבן, נאָר קיינמאָל איז ניט געווען אזא שרעקלעכע צאָל, ווי זעקס מיליאָן. קיינמאָל, קיינמאָל איז ניט געווען אזא אכזאָריעס, אזעלכע שרעקלעכע מיסע־מעשונעס. קיינמאָל, קיינמאָל איז ניט געווען, אַז באַ א גאַנצן פאָלק זאָל ניט זײַן קיין שטוב אָן א מעס, אָן א פאַרפּײַניקטן און אומגעבראַכטן. קיינמאָל, קיינמאָל האָט אזוינס ניט פּאַסירט, אַז באַ יעדן זאָל דאָס הארץ זײַן א בייסהאַקוואָרעס פון די סאַמע ליבסטע און נאָענטע.

ווי דער יאַם, איז גרויס דער בראָך, און ווי דער יאַם, באַדאַרף זײַן דער „זאָכויר" — ביזן סאָף פון אַלע דוירעס דאַרף געמעקט און פאַרמעקט ווערן פון יעדן מענטשלעכן לאָשן דער שוידערלעכער טײַוולאָנישער נאָמען — היטלער. ווער עס וועט אַף א רעגע פאַרגעסן, זאָל אַליין פאַרגעסן ווערן אַף אייביק! ווער עס וועט פאַרשליסן זײַנע אויערן און זײַן הארץ פאַרן בלוט, וואָס ווערט ניט געשטילט און הערט ניט אוף צו שרײַען פון דער ערד, איז אַלציינס, ווי אויך זײַנע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט.

זעקס מאָל אין יאָר איז מיר באַשערט געווען דער פאַרגעניגן פון מיטהעלפן לופטערן די ספאָרים — צוויי מאָל אין יאָר באַ די זיידעס און צוויי מאָל אין יאָר באַם טאַטן — ערעוו פּייסעך, ווען מע בײַט דאָס געפעס, מע האַלט אין איין שמירן, רייניקן, טויוולען, קאַשערן, שאָבן און שקראַבען; און ערעוו ראָשעשאָנע, ווען מע רייניקט די נעשאָמעס, יעדע מאַכשאָווע און געדאַנק, ווען מע פּילנעוועט און מע פאַרפעסטיקט דעם יעיצערטאָוו, ער זאָל קאָנען בײַקומען דעם יעיצערהאָרע, ווען מע האַלט זיך אין איין שטאָפּן מיט מיצוועס.

די גרעסערע ספאָרים טראָג איך צו דרײַ אין הויף אַרײַן, און די קלענערע צו פינף. פון אַלע זײַטן באַגלייט מיך און באַגעגנט מיך אַן „אַסטאָראָזשנאָ״ — דו טראָגסט הייליקע ספאָרים און ניט קיין בערעם האָלץ, „אַסטאָראָזשנאָ!״. וואָס מער מיט „אַסטאָראָזשנאָ״, אַלץ שוואַכער ווערן מײַנע הענט, אַלץ גרעסער ווערט די געפאַר פון אַרויסלאָזן אַ סייפער פון האַנט, און אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער קלאַפּט אין מיר דאָס האַרץ.

אַלץ איז אָפּהענגיק פון מאַזל, אַפילע אַ סייפער אין שראַנק. איך זע עס באַשײַמפּערלעך — די ערשטע אַרויסגענומענע רייען פונעם ביכער־שראַנק ליגן זיך בעהאַרכאָוועסדיק אַף דער אַרויסגעטראָגענער קאַנאַפּע, די צווייטע און דריטע רייען שטיקן זיך אײנס אַפּן צווייטן אַף די בענקלעך און טאַבורעטקעס. די פערטע און פינפטע רייען ליגן אין מולטערס און אין שיס־לען. נאָר ווי ס׳זאָל ניט זײַן, עטעמען אָפּ אַלע ספאָרים מיט פרישער לופט, קוויקן זיך מיט די זוניקע וואַרעמע שטראַלן.

איך קאָן זיך ניט אָנקוקן אַף די ספאָרים. מיר דוכט זיך, אַז איך זע די „אויסיעס פּורכעס״[1] — די פליענדיקע אויסיעס און ווערטער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די ספאָרים אין זייער האַקאָפּעס־פּליי אַף צו דערוואַרעמען די פאַרגליווערטע שוואַרצע פאַרב און אָפּצופרישן די געבליטן פון יעדן וואָרט, פון יעדער שורע, פון יעדער אַרויסזאָגונג און פון יעדן געדאַנק.

ערעוו ראָשעשאָנע, באַם לופטערן די ספאָרים, פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז איך זע באַ אונדז אין הויף גאָר אַן אַנדער אוילעם. סאַראַ שרעק! איך זע די עשרה הרוגי מלכות[2] — די צען גרעסטע ייִדישע געלערנטע און געוואַגסטע מוירדים, וואָס האָבן אופגעהויבן דאָס פאָלק קעגן די רוימער, איך זע, ווי איך זאָל זײַן דערבײַ, ווי זיי ווערן אומגעבראַכט מיט די שרעק־לעכסטע טויטן.

דער קויהען גאָדל ראַבי ייִשמאָעל און דער נאָסי ראַבי שימען בען גאַמליִעל זײַנען אין קייטן צוזאַמענגעשלאָסן. ביידע בעטן זיך באַ די הענקער:

— הארגעט מיך פריִער, ווײַל ערגער ווי מײַן טויט וועט זײַן פאַר מיר זען דעם טויט פון מײַן כאַווער.

— הארגעט מיך דעם ערשטן!

— מיך!

— מיך!

און די הענקער האָבן מיט זיי אַ כעסעד געטאָן און דערלויבט וואַרפן גוירל. ראַבי שימען בען גאַמליִעל האָט אויסגעשפּילט...

ראַבי ייִשמאָעל איז געווען פון די זיבן שענסטע מענטשן אין דער וועלט. ווען דעם קייסערס טאָכטער האָט אַף אים אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער, איז זי גלײַך צוגעזאָטן געוואָרן צו אים און זיך גענומען בעטן, מע זאָל אים לאָזן לעבן.

ווען מ׳האָט איר אָפּגעזאָגט, האָט זי געבעטן, מע זאָל אָפּשינדן די הויט פון ראַבי ייִש־מאָעלס פּאָנעם און שטערן, אָנציִען עס אַף אַ שאַרבן־סקעלעט, אַז זי זאָל זיך דאָס גאַנצע לעבן קאָנען שפּיגלען אין אָט דער פאַרקישעפטער שיינקײַט.

די צווייטע באַקאָשע איז אויסגעפּילט געוואָרן...

אַ טויט נאָך אַ טויט. איין טויט שרעקלעכער פון דעם צווייטן. ערשט אַ האַלב יאָר איז דורך, ווען ראַבי אַקיווע איז געזעסן געמיטלעך מײַסע מיילעך, אָנגעשפּאַרט אַף דער העסעבעט, און האָט דערציילט וועגן יעציִאַס־מיצראַיִם, און איצט ליגט ער אַ געבונדענער. דעם ריינסטן פון אַלע ריינסטע האָט מען באַפוילן מיט אײַזערנע קעמלען קעמען דאָס לײַב. ראַבי אַקיווע שווײַגט. די שאַרפע ציין פון די אײַזערנע קעמלען דרינגען אַרײַן טיפער און טיפער — און קיין איין געשריי. מע שטעכט דורך די צונג, און די צונג איז יאַדאַכאַס מיט אַלע אייוורים.

אַקיווע האָט גיוועער געווען — די רוימישע הענקער האָבן געוואָלט קילן זיך דאָס האַרץ כאָטש מיט איין אַקיוועס געשריי, כאָטש מיט איין קרעכץ, און אַקיווע האָט זיי ניט צוליב געטאָן...

ראַבי כאַנינע בען טראַדיען ווערט אײַנגעוויקלט אין די פאַרמעטן פון זײַן סייפערטוירע און ווערט מיט איר לאַנגזאַם אַף הייסע קוילן און אין קליינע זיך טוקנדיקע פײַערלעך פאַר־ברענט.

און גלײַך ווערט צוגעטראַכט אַ מיסע־מעשונע פאַר יעהודע בען באָוואָ — דעם וואַכנדיקן, וואָס האָט מוירע געהאַט פאַרשלאָפן דאָס לעבן, און פון אַכצן ביז אַכציק געשלאָפן ווײַניקער ווי אײנער שלאָפט פאַר אַ יאָר. פאַר יעדער שלאָפלאָזער נאַכט האָט מען אים מיט אַ שפּיז

[1] אויסיעס פּוריכויס.
[2] אַסאָרע הארוגיי מאַלכוס.

געשטאָכן פון קאָפּ ביז די פיס. מ׳האָט אים אזוי לאַנג געשטאָכן, ביז זײַן קערפּער האָט אויס־געזען ווי א זיפּ.

גלײַך נאָך יעהודע בען באַווא האָט מען אומגעבראַכט יעהודע בען דאַמאַ. מ׳האָט זיי אזוי צעמיימעסט, אז ס׳איז שווער געווען אונטערצושיידן איין יעהודע פון דעם צווייטן.

ראַבי כוצפּיס האמטורגמאָן — דער איבערזעצער איז אַלט געווען הונדערט און דרײַסיק יאָר אָן איין טאָג, ווען מ׳האָט אים געבראַכט צו דער שכיטע. ראַבי כוצפּיס האָט זיך געבעטן, אז מע זאָל אים שענקען דעם טאָג אָף אויסצוגלײַכן די צאָל, האָט מען אפילו קיין איבעריקע מינוט ניט געוואָלט שענקען. פאַר איבערגיסן דעם ווײַן פון איין קיילע אין דער צווייטער, פאַר באַהערשן א סאַך לעשוינעס האָבן די הענקער אָפּגעפּאַסקנט, אז זײַן צונג זאָל ווערן די שטריק פון זײַן טלײַע.

מיט ניט קיין לײַכטע מיסע־מעשונעס קומען אום ראַבי כאַנינע בען כאַנינײַ, יעשייוואָוו דער סויפער און ראַבי עלײַעזער בען שאַמוא.

וויפל טרערן האָב איך פאַרגאָסן אָף די „עשרה הרוגי מלכות״, ווען די באָבע דאַסל פלעגט דערציילן די שרעקלעכע געשיכטע פאַר די טשערנאָבילער סאַווינסקע ווײַבער, ווען דער זיידע כאַצקל פלעגט אופמישן פאַר מיר די אגאָדעס און מיר פאַרטײַטשן וואָרט בא וואָרט, און ווען דער טאַטע מײַנער פלעגט יאַמקיפּער צוזאַמען מיטן כאָר אופרודערן די ווונדן פון דעם „אלה אזכרה״[1] — פונעם עלעגישן געזאַנג וועגן די צען טויטן.

איך כאַפּ א מאַכזער, מיש אוף די שרעקלעכע געשיכטע און קוש אויס יעדן נאָמען פון די צען געלערנטע, פון די צען אופשטענדלער, וועלכע האָבן העלדיש געלעבט און העלדיש אומגעקומען.

איך זוך א טרייסט, און קיין טרייסט איז ניטאָ. אליין פון זיך מישן זיך די בלעטער פונעם מאַכזער, און עס שטייט פאַר מיר אוף ראַבי אמנען פון מײַנץ. ווײַזט אויס, אז דער זיידע כאַצקל איז גערעכט געווען, ווען ער האָט מיר דערוויזן, אז יעדער דאָר פאַרמאָגט זײַנע באַ־זונדערע הרוגי מלכות — אויב ניט קיין צען, איז צוואַנציק, און אויב ניט קיין צוואַנציק, איז מער און מער. אין יעדן דאָר ווערט אראָפּגענומען די קרוין פון אונדזערע קעפּ, אין יעדן דאָר ווערט אײַנגעוואַלגערט אונדזער שטאָלץ, קומען אום די אויסדערוויילטסטע, די בעסטע און שענסטע.

ראַבי אמנען איז געווען פון די אָנגעזעענסטע אין דעם בישאָפּס הויף פון דער שטאָט מײַנץ. אלע פירשטן, גראַפן און סראַרעס האָבן אים אָפּגעגעבן קאָוועד. און געוואָלט האָט זיך זיי אים אופהויבן נאָך העכער, אז ער זאָל ווערן דער העכסטער פון אלע הויכע. דער צוויי־טער נאָכן בישאָף.

דער בישאָף איז מאַסקים געווען, נאָך ביטנײַ, אז ראַבי אמנען זאָל זיך שמאַדן.

— גאָט באַהיט! — ענטפערט אָף דעם ראַבי אמנען.

ווען מע איז צו אים שטאַרק צוגעשטאַנען, האָט ער געבעטן דרײַ טעג אָף באַטראַכטן די זאַך. און גלײַך האָט ער כאַראָטע געקראָגן און זיך אליין באַשולדיקט פאַר זײַן שוואַכמוטיקײַט. ער האָט געפאַסט, געקלאָגט און טשוווע געטאָן. ווען די דרײַ טעג זײַנען דורך, איז ראַבי אמ־נען ניט געקומען מיט קיין ענטפער צום בישאָף. דער בישאָף האָט אים געשיקט רופן — ראַבי אמנען זאָגט זיך אָפּ צו גיין. א צווייט און א דריט מאָל — איינמאָל ניין! דאַן האָט דער בישאָף באַפוילן א געשמידטן אין קייטן אים ברענגען.

— דײַן לעבן איז נאָר בא דיר אין די הענט, — האָט דער בישאָף צום לעצטן מאָל זיך געווענדט צו ראַבי אמנענען, — שמאַד זיך, און דער טויט וועט דיך אויסמײַדן.

— טויזנט טויטן, איידער א האַלבע רעגע פון פאַראַט.

דעם בישאָפס געדולד האָט געפּלאַצט, און א צאָרנדיקער האָט ער אויסגעשריגן:

— די פיס, וואָס האָבן דערווידערט קומען צו מיר, און די הענט, וואָס האָבן זיך ניט אויס־געשטרעקט אויסצופילן מײַן פאַרלאַנג, מײַן באַפעל, זאָלן אָפּגעהאַקט ווערן.

דעם צענעריקטן, צעמיימעסטן און צעבלוטיקטן ראַבי אמנען מיט זײַנע אָפּגעהאַקטע הענט און פיס האָט מען אין א בעט אַרײַנגעלייגט און אים געבראַכט אהיים אָף אָנצוּוואַרפן א שרעק אָף די נאָענטע און אָף די סאַמע ווײַטסטע ייִדן.

ס׳איז דאַן געווען פונקט ראָשעשאָנע. האָט ראַבי אמנען געבעטן, מע זאָל אים אָפּטראָגן אין שול אַרײַן.

אלע טפילעס זײַנען אָפּגעשטעלט געוואָרן, און בא אן אָפּענעם אָרנקוידעש האָט ראַבי אמ־נען מעקאַבל בעאַהאווע געווען אָף זיך דעם גזאַר־דין, און אין די גרעסטע יעסורים האָט ער

---

[1] איילע עזקרא.

אויסגעוויטעקט זײַן נײַע טפילע „ונתנה תוקף קדושת היום"[1] — און מיר וועלן דערציילן וועגן דער מעכטיקײַט פונעם הייליקן טאָג.

אזויפיל טויטן, און איין לעבן! „מי בקיצו ומי לא בקיצו"[2] — ווער מיט זײַן נאַטירלעכן סאָף און ווער אָן א סאָף, איין סאמע אָנהייב און איין סאמע מיט פון לעבן. „מי" — ווער און ווער, און נאָכאמאָל ווער, ווער איין פײַער, ווער איין וואסער און ווער פון א שווערד און ווער פון א כײַע, ווער פון הונגער און ווער פון דאָרשט, ווער איין ראש און ווער פון א מאגיישע, ווער ס'זאָל דערוואָרגן ווערן, און ווער ס'זאָל פארשטיינערט ווערן.

ווער און ווער, און ער, ראבי אמנון, האָט מיט די לעצטע ווערטער פון זײַן „ונתנה תוקף" אויסגעהויכט זײַן אָטעם.

באם לופטערן די ספאָרים פלעגט דער זיידע יאנקעוו־מוישע אָנטאָן זײַנע יאָמטעוודיקע קליידער — דעם קאָרטענעם פידזשאק און די קאָרטענע הויזן, זיך אויסטאָן באָרוועס, ווי באם באארבעטן דעם גאָרטן. הייליק איז די ערד, וואָס גיט ארויס פרוכט, הייליק איז די ערד, אף וועלכער עס געפינען זיך ספאָרים.

די ספאָרים האָט מען באדארפט דורכטראָגן דורך דער שטאָל, וואָס האָט, ווי אין אלע פויערשע הײַזער, געדינט אלס פירהויז, און דאָס האָט איין א געוויסער מאָס געשטערט דער פײַערלעכקײַט פון דעם יאָמטעוו. וואָלטן די פענצטערלעך פונעם שטיבל זיך געעפנט, ווי פענצטער באדארפן זיך עפענען, וואָלט מען די ספאָרים לײַכט געקאָנט איבערפעקלען. נאָר גיי, טו, מאך, אז די קליינע פענצטערלעך זײַנען געווען אזוי אײַנגעפרעסט, אז זיי האָבן אפי־לע קיין מינדסטן שפאַלט ניט פארמאָגט אף ארײַנצולאָזן אביסל פרישע לופט.

אין הייפל לעבן גאָרטן פלעגן די ארויסגעטראָגענע ספאָרים אויסגעלייגט ווערן אפן טאָפ־טשאַן, פאר די אויסגעלופטערטע איז אף דער ערד געלעגן אן אונטערבעט, מיט א געדיכטער רעדנע פארשפרייט און א זויבער־ווײַסן לײַלעך.

אין זאַליעסע באם לופטערן די ספאָרים פלעגן זיך ניט איבערכאזערן פאר מיר די טשער־נאָבילער זעונגען. דאָ האָבן מיך פארכאַפט דעם זיידנס אופשריפטן אף א סאך ספאָרים און די אונטערגעטראָגענע, אופגעמישטע, אויסדערוויילטע פסוקים וועגן סייפער, וואָס איז שטענ־דיק דאָס לויכטנדיקע פײַערל אף די פינצטערע שיידוועגן פון לעבן און דאָס יאָמטעוו־ליכט, וואָס באשײַנט און באהעלט.

יעדער אופשריפט פלעגט זיך אָנהייבן מיט איינעם און דעם זעלבן ארײַנפיר: „און כאָטש די כאכאָמים האָבן פארווערט שרײַבן אף א סייפער, בין איך זיך מאטיר, ווײַל צוליב א סי־מען מעג מען". אז דער סימען זאָל זײַן א קאָנטיקער, האָט זיך יעדער סימען געגראמט: „טאָ־מער וועט קומען א רעב כאַיִם אָדער א רעב עפראַיִם, און ער וועט א קוק טאָן מיט זײַנע איינאַיִם, און וועט עס א נעם טאָן מיט זײַנע יאַדאַיִם, און ער וועט אנטלויפן מיט זײַנע ראַג־לאַיִם דורך אראם־נאהאראַיִם ביז קיין מיצראַיִם, זאָל ער ווײַטער ניט לויפן און מער אזעלכע מעציִעס ניט קויפן און ניט פארקויפן"...

אין א צווייטן אופשריפט בעט זיך דער זיידע ראכמים בא די, וואָס האָבן לאנגע הענט, זיי זאָלן ניט פארגעסן, אז פארן „סיגנוויון" שטייט א לאַ (לוי) מיט אן אלעף — ניין און ניין. אויוועך זײַן אף דעם אלעף איז אלציינס ווי אונטערשטעלן דעם האלדז אונטערן כאלעף. גע־וואָרנט איז נאָך ניט באוואָרנט. און אין א דריטן אופשריפט ווערט ארויסגעשטעלט די אָרעמ־קײַט אלס שוץ: „לחם לא אכלתי ולקנות ספר זה עמלתי"![3] — קיין ברויט ניט געגעסן און זיך באמיט אָט דעם סייפער קויפן. אין א פערטן אופשריפט ווערט דערמאָנט, אז דער סייפער דאַרף איבערגיין בעירעשע פון דאָר צו דאָר: „ויהי רצון שיהיה הספר הזה לי לבני ולבני בני עד סוף כל הדורות"[4] — און זאָל זײַן גאָטס ווילן, אז דער סייפער זאָל געהערן מיר, מײַנע קינדער און מײַנע קינדס־קינדער נאָך מיר ביזן סאָף פון אלע דוירעס.

סארא טיפער גלויבן! פארוואָס איז מיר ניט באשערט דאָס זעלבע אָנשרײַבן אף מײַנע ספאָרים?

אין יעדן סייפער ליגן פארלייגט בא פארשיידענע זײַטלעך זשמענקעס גראָווע האָר, ווי אנאטאבען, וואָס דערמאָנען, אז ס'איז קעדײַ זיך פארטראכטן וועגן דעם אָדער יענעם געדאנק, ס'איז קעדײַ זיך אָפשטעלן בא דעם אָדער יענעם זאָג, בא דער אָדער יענער שורע.

דער זיידע טראָגט מיר אלעמאָל אונטער א נײַ אופגעמישטן סייפער, און זײַן פינגער

---

[1] אונסאנע טויקעף קדושאס האיוים.
[2] מי בעקיצוי אומי לוי בעקיצוי.
[3] לעכעם לוי אכאלטי וועליקנויס סייפער זע אָמאלטי.
[4] וויהי ראצן שעיהיע האסייפער האזע לי לעבאָנײַ וועליוונײַ באָנײַ אד סויף קאָל האדוירויס.

טײַטלט און דערקלערט: „דער, וואָס לערנט און האָט גאָרניט געלערנט, ווי צו לעבן אַף דער וועלט, אַז אַנדערע זאָלן זיך לערנען פון אים, איז געגליכן צו דעם, וואָס האָט בלויז די אינע־ווייניקסטע שליסלען פונעם פּאַלאַץ אָן די דרויסנדיקע".

„דער, וואָס לערנט און כּאַזערט ניט איבער, איז גלײַך ווי איינער, וואָס זייט און שנײַדט ניט, איז גלײַך צו אַ פרוי, וואָס גלײַך באַם געבוירן איר קינד באַגראָבט זי אים".

דעם זיידנס פינגער טאַנצט אַזש אונטער פון אײַנעם אַ געדאַנק און שטעקט מיך גלײַך אָן מיט דער פרייד: „ווײ צום סײַפער, וואָס איז שטענדיק נײַ". דער זיידע פרייט זיך, וואָס אַלע זײַנע ספאָרים זײַנען ניט איין מאָל געצערטלט געוואָרן דורך זײַנע פינגער, דורך זײַן געדאַנק און דורך זײַן האַרץ, ניט איין מאָל אופגעמישט און געבלעטערט געוואָרן. ניט איין מאָל געלערנט און באַטראַכט געוואָרן.

מײַן פרייד איז אַ דרײַפּאַכיקע — איך פריי זיך פאַר די ספאָרים פון מײַנע ביידע זיידעס און פאַר די ספאָרים פון מײַן טאַטן.

די באָבע דאַסל האָט גערופן דעם זיידן יאַנקעוו־מוישע „דער גוטער ייִד". ווי באַוווּסט, האָבן די כּסידישע ראַבײַים געהייסן „גוטע ייִדן".

— קוק אים אָן, מע גייט צו אים, ווי צו אַ „גוטן ייִדן", — פלעגט זיך די באָבע דאַסל קאַעסן, — אַנשטאָט פידיען האָט ער צו טאָן מיט די שידוכים, מיט זאָגן מעווינעס אַף כּאָסן־קאַלע, לייגט זיך אַרײַן אין שאַלעם און בעט איבער די צעקריגטע שכיינים. און קויפט עמעצער אַפן יאַריד אַ פערד, איז אויך זײַן דײַגע, ער קוקט אים אַרײַן אין די ציין, באַטאַפּט אים פון אַלע זײַטן, צעפּודזשעט אים אַף צו זען, ווי ער לויפט, ווי ער שטעלט פיס. און ווערט געבוירן אַ טעלעטשקע, איז אָן זײַן מאַזלטאָוו קאָן מען זיך ניט באַגיין, ער פּאַסקנט אַהער אָדער אַהין. אַהער הייסט האָדעווען, לאָזן וואַקסן, אַהין — צו דער שכיטע, פון אַזאַ נעפעש איז קיין גוטס ניט צו דערוואַרטן.

צום זיידן איז מען געקומען הערן נײַעס. אַלע וואָך פאָרט ער אין שטאָט נאָך סכוירע, און אין שטאָט זײַנען דאָ בלעטער, און ער קאָן לייענען און איבערגעבן דערנאָך וואָרט באַ וואָרט מיט אַ סאַך אייגענע ווערטער, וואָס האָבן זיך זייער אייגענעם טײַטש.

— יאַקאָוו־מאָווּשאַ, וואָס הערט זיך עפּעס אַף דער וועלט? ווען וועט שוין נעמען אַן עק צו אונדזערע צאָרעס?

צו אים פלעגט מען אויך קומען זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ וועטער עס וועט זײַן — ער האָט דאָך אַ לועך, און דער לועך ווייסט אַלץ, ער ווייסט אַף אַ יאָר פאָרויס.

דער איינציקער, וואָס האָט ניט געגלייבט דעם לועך, איז געווען דער זיידע, ווײַל דער לועך האָט אומפאַרשעמט געלײַגט. אַלע וועטער־אַרויסזאָגונגען האָט ער גענומען פון דער וואַנט. אַף זיך דערשלאָגן אַ שטיקל עמעס פלעגט דער זיידע זאָגן פונקט פאַרקערט. איז באַם לועך וואַרעם — איז באַ אים קאַלט, איז באַם לועך כּמאַרנע — איז באַ אים לויטער. דאָס פונקט פאַרקערטע פלעגט אַ סאַך אָפטער טרעפן, ווי דער לועך.

דער זיידע האָט אויך געהאַט אַ שעם אַלס בריוול־שרײַבער, ער פלעגט קיינמאָל ניט פרעגן, וואָס שרײַבן, ער האָט געשריבן פון זיך און שטענדיק צוגעטראָפן. שווערער פון אַלץ איז פאַר אים געווען דער „פריער פון אַלץ", וואָס גיט צו וויסן וועגן געזונט פון ווײַב און קינד, פון טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע, פון די נאָענטסטע און ווײַטסטע שכיינים און די גרוסן, וואָס יעדער איינער פון זיי טוט טאָן גריסן.

דער זיידע האָט זיך ניט איין מאָל געקלאָגט, אַז מע שרײַבט דאָס, וואָס עס איז נאָך ניט געשריבן געוואָרן, און ווען מע איז מאַלעגיירע און מע כּאַזערט איבער איינס און דאָס זעלבע, דוכט זיך, אַז פון איין אָס צום צווייטן איז אַ ווייאָרסט. פון איין וואָרט ביזן צווייטן איז ווי פון טשערנאָביל קיין זאַליעסע.

די בריוו זײַנען געווען ווייניק פאַר אים, זיי האָבן אים ניט געגעבן די פולע מעגלעכקייט זיך אויסצושרײַבן, זיך אויסצורײדן, און אין דיקן קאַנטאָרסקע בוך, אין וועלכן עס פלעגן פאַרשריבן ווערן די כּיוועס, פלעגן דורכשמוגלען די געדאַנקען, וואָס האָבן אים ניט געלאָזט צורו. ווי אַ מאַטאָ, ווי אַן אַרײַנפיר צום כּיוועס־בוך איז געווען אָנגעשריבן: „ניטאָ קיין באַלכּיוועס ניקעס. די כּיוועס, וואָס דער מענטש צאָלט ניט, ווערן געדעקט מיט די כּיוועס, וועלכע מע צאָלט אים ניט; אַזוי, אַז מע איז קוויט". און איז אין קאַנטאָרסקע בוך פאַרשריבן געוואָרן דאָס יאָר, די סעדרע פון דער וואָך און טאָג, ווען עס איז גענומען געוואָרן אַף באָרג, פלעגט דער באָרגער ניט דורכגעלאָזט ווערן גלאַט אַזוי, יעדער האָט געהאַט זײַן באַזונדער סימען, זײַן באַזונדער כּאַראַקטעריסטיק.

צען אַנדרייס האָב איך איבערגעציילט אין קאַנטאָרסקע בוך. איין אַנדריי נאָכן צווייטן:

„אנדריי אין פּאַנטאָפֿל. ער איז נעבעך אַזוי קורץ, אַזוי קליין, אַז דער קליינער כּיוו זעט פֿאַר אים אויס אומגעהייער גרויס.

אנדריי דער אויג־מעלעך־האַבאַשן. ער איז אַזוי הויך, אַז דער כּיוו זעט אויס אין זײַנע אויגן ווי אַ זעמדעלע, וואָס האָט קיין שום ווערט ניט.

אנדריי דער הינקענדיקער, ער קאָן, נעבעך, ניט אײַלן, אַזוי אַז ס׳וועט אויסקומען צוּווארטן.

אנדריי דער שווײַגער. שווײַגן איז גאָלד. ווען זשע איז דאָס געררעדט געוואָרן? אַז מע זאָל מיט שווײַגן קאָנען דעקן אַ כּיוו.

אנדריי מיטן צעשפּאָלטענעם בערדל: איין העלפֿט הייסט צאָלן, די צווייטע העלפֿט איז ניט מסכּים, שטעלט זיך קעגן.

אנדריי דער מעטופּל מיט קינדער. ווי קאָן מען בײַ אים מאָנען? עס וואָלט גאָר געווען אַ מיצווע אים געבן אַ גמילותחסדל, ער זאָל קויפֿן האָבן אַ צווייט מאָל באָרגן.

אנדריי דער קוליר ברוקווע. ער האַלט, אַז קיין בעסערער מײַכל פֿון ברוקווע איז גאָרניט פֿאַראַן אויף דער וועלט. דאָס איז נומער איינס, און דער נומער צוויי באַטײַט, אַז פֿון אים אַרויסציִען אַ גראָשן איז אַלצײַנס ווי פֿון אַ ברוקווע ציִען בלוט.

אנדריי דער צופֿרידענער. ער האָט וויפֿל ער באַדאַרף און באַדאַרף וויפֿל ער האָט. ער באַדאַרף גאָרניט און האָט גאָרניט.

אנדריי דער פֿאַרשלאָפֿענער. ווען אַלע הענער פֿון אַ גובערניע זאָלן קרייען לעבן זײַן בעט און ווען אַלע פֿליגן פֿון אַ גובערניע זאָלן אים בײַסן, וועט ער זיך ניט אויפֿכאַפּן, אַזוי אַז ס׳איז צו האָפֿן, אַז ער וועט דעם כּיוו אָפּצאָלן אין חלום.

און דער צענטער אנדריי איז מער ניט צוליב אַ מאָשל. מער מאָשל ווי אנדריי".

מיטן מעכאַבער האָט דער קאָנטאָרסקע בוך פֿאַרמאָגט צוויי לייענער, אָן אים — נאָר מיך אַליין. דאָס האָט דעם מעכאַבער געגעבן די מעגלעכקײַט פֿרײַ, אָן דער מינדסטער מוירע רעדן, ווי מע זאָגט, אויף מאָשיעכן און אויף נענאַטקען, מעוואַטל מאַכן די טשערנאָבילער ראַבײַים פֿון זײַן צײַט און בעדערעך־מאָשל אָנפֿאַלן אויף די פּריצים, אויף די גווירים־אַדירים, אַ טרײַסל טאָן די קרוין פֿונעם קייסער.

אין זײַן ליד „אבי"[1] — מײַן פֿאָטער, דערציילט אונדז כאַים־נאַכמען ביאַליק, אַז איידער ער האָט באַוויזן זיך אָנזעטיקן מיטן געשטאַלט פֿון זײַן פֿאָטער דעם שענקער, האָט דער טויט זיי צעשיידט אויף אייביק.

אין זיקאָרן און אין הארצן פֿונעם דיכטער זײַנען געבליבן אַ ריי געדיכטע טרויעריקשוואַרצע שטריכן, וואָס האָבן צו יעדער צײַט, בײַ דער ערשטער דערמאָנונג אויפֿגעשטעלט די מאָרעשכוירעדיקע, צעבראָכענע און פֿאַרצווייפֿלטע געשטאַלט פֿונעם פֿאָטער.

די שענק איז פֿאַר אים געווען אַ טאָגטעגלעכער עשאַפּאָט, אַ לייבן־גרוב, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן אין איין צעריסן ווערן. וואָס גרעסער דער אוילעם, אַלץ גרעסער די איינזאַמקײַט און עלנטקײַט. סאַראַ שרעקלעכע ווײַטקײַט איז געווען צווישן טאַלמיד־כאַכעם, וועמענס פֿאַרגעלטער סייפֿער האָט זיך געוואַלגערט אויפֿן פּאַס, מיט די טרינקער, וואָס זײַנען געקומען טרינקען און פֿאַרטרינקען זייערע אומגליקן, צאָרעס און פּלאָגן.

איין שרעקלעך בילד שלעפּט נאָך זיך אַ צווייטס. דעם קומענדיקן דיכטער האָט זיך ניט איין מאָל געדאַכט, אַז ער זעט דעם טאַטנס קאָפּ אין דער ענגער אומרייניער שענק ווי אַ צעשיידטע מיטן גוף, ווי אַן אָפּגעהאַקטע פֿון די אַקסלען און אָרומשווימענדיקע אין די וואָלקנס רויך, מיט אַ צעווייטיקט פּאָנעם און מיט רינענדיקע טרערן.

שטענדיק, ווען איך לייען אָט די שרעקלעכע ביאַליקישע שורעס, קומט מיר אויפֿן זינען דעם ייִדן יאַנקעוו־מוישעס קאָפּ, וואָס האָט אין די ווינטער־אָפּדערנאַכטן אין געדיכטן נעפּלדיקן און שטיקנדיקן מאַכאָרקע־רויך געזוכט דעם וועג צו יעדן קאָפּ און צו יעדן האַרץ באַזונדער.

אין די ווינטער־אָפּדערנאַכטן פֿלעגט דעם ייִדנס שטוב שטענדיק פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין קלוב. באַזונדערס פֿלעגט זיך צונויפֿקלײַבן אַ גרויסער אוילעם שאַבעסצונאַכטס, ערעוו זונטיק. די צייכנס פֿון זײַן גרייט זײַנען געווען די ערשטע שטערן אין הימל און דאָס שפּריצנדיק פֿלעמל פֿון דער פּילפּאַרביק געפֿלאָכטענער האַוודאָלע־ליכט. און אַז דאָס אַכטער לעמפּל האָט גענומען באַלײַכטן דעם וועג פֿאַר דער קומענדיקער וואָך, האָט מען זיך פֿון אַלע זײַטן גענומען ציִען צו זײַן שטײַן.

---

[1] אָווי.

— א גוטן־אָוונט און א גוטע וואָך! — אַזוי האָט דער זיידע זיך געגריסט און געוווּנטשן יעדן פויער, ווען דער זונטיק פלעגט אוועק און עס פלעגט זיך אָנרוקן די וואָך. די פויערים האָבן זיך געלערנט באַם זיידן, און מיט א טאָג פריִער האָבן זיי אים געוווּנטשן דאָס זעלבע, וואָס ער פלעגט זיי ווינטשן מיט א טאָג שפּעטער:

— א גוטן־אָוונט און א גוטע וואָך!

אָף א פולער וואָך האָט יעדער פויער געמוזט עפּעס געבן צו לייזן, זאָל זײַן פּאָר א גראָשן, פּאָר א קאָפּעקע, אבי עפּעס געקויפט. אָף א פולער וואָך, האָבן אַלע פויערים געוווּסט, אַז די באָבע דאַסל באַרגט ניט. קיינער האָט דאָ מיט גאָרניט געקאָנט העלפן, אפילו דער זיידע. ער איז געווען ניט מער ווי דער אײַנקויפער, די פאַרקויפערן איז זי געווען, די באָבע. דער אײַנקויפער האָט זיך ניט געטאָרט מישן אין די איניאָנים פון דער פאַרקויפערן און די פאַרקויפערן אין די איניאָנים פון דעם אײַנקויפער.

די גאַנגבאַרסטע סכוירע אָף א פולער וואָך איז געווען מאַכאָרקע, ביכעלעך פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, וואָס זײַנען באַשטאַנען מער פון פּאַפּיר, ווי פון פּאַפּיראָס־מאַכאָרקע, איז הארב, גראָב און האָט פּײַנט דינס.

שוועבעלעך זײַנען אין זאַליעסע אַרויס פון דער מאָדע. די פויערים האָבן געהאַלטן, אַז די שוועבעלעך־מאַכער נאַרן זיי אָפּ, אַז אַנשטאָט א ברייט סירקע־קעפּעלע אָף צו קענען שפּאַלטן א שוועבעלע אָף פיר טיילן מאַכן זיי א קליין קעפּעלע, וואָס מע קאָן עס קוים שפּאַלטן אָף צוויי. דערבײַ זוכן זיי אויס א מין האָלץ, אַז באַם שפּאַלטן זאָל דאָס שוועבעלע ניט אויסהאַלטן — דער גוף באַזונדער און דאָס קעפּל באַזונדער, און גיי רײַב אָן א שוועבעלע, אַז ס'איז ניטאָ בא וואָס אָנצוּנעמען. און טאָן טוען זיי דאָס אומיסטן, אַז א נאַש־בראַט זאָל ניט אײַנשפּאָרן און געבן מער צו לייזן. נאָר נעמאַ דורניך, קיין נאַראָנים, הייסט עס. שוועבעלעך — דאָס איז אַן אויסבערענגערײַ, א שאַרלאַטאַנסטווע. ווער באַדאַרף זיי, אַז ס'זײַנען דאָ קרעסאַלעס אָף דער וועלט. אָף צו פאַררייכערן א ציגאַר באַדאַרף מען ניט אומבאַדינגט א פלעמל. ס'איז גענוג א פונק. און אָף אײַנהייצן דעם אויוון און פאַנאַנדערצינדן די לוטשינע צום באַלײַכטן נעמט מען א פּאָר הייסע קוילן בא א שכיינע, וואָס האָט באַוויזן פריִער פאַנאַנדערבלאָזן א פײַערל. הײַנט די בא יענער, און מאָרגן יענע בא דער.

געגעבן עפּעס־וואָס צו לייזן, פאַררייכערט מען א ציגאַר מאַכאָרקע און מע פאַרכאַפּט אַן אַנשטענדיק אָרט. אָף דער קאַנאַפּע, אָף די צוויי בענקלעך און אָף די דרײַ טאַבורעטקעס האָט זיך קיינער ניט געוואָלט זעצן, ווײַל מ'האָט געוווּסט, אַז דער אוילעם וועט זיך אָנהייבן צונויפקומען, וועט מען נעמען פּאָדערן אַרויסטראָגן די קאַנאַפּקע, די צוויי בענקלעך מיט די דרײַ טאַבורעטקעס, אַז דער ערדענער מיט ליים געשמירטער דיל זאָל קאָנען באַזעצן אָף זיך א מער גרעסערן אוילעם.

דער מאַכאָרקע־רויך ווערט געדיכטער און געדיכטער, מע זעט שוין קיין פּענעמער ניט, מע הערט בלויז קוילעס, דאָס אכטער. לעמפּל הייבט זיך אָן טוקן און שטיקן, און דער אוילעם גייט און גייט.

דעם זיידנס שטוב, וואָס איז געווען גרויס, ווי יעדע פויערשע כאַטקע, איז געווען פאַנאַנדערגעטיילט אָף צוויי צימערן. דער גרעסערער האָט געהייסן „די זאַל“ און דער קלענערער — „דער אַלקער“. דער גרויסער, ברייטער אָפּן־אויוון, וואָס האָט זיך געצויגן פון זאַל אין אַלקער אַרײַן, האָט געדינט אַלס סקלאַד פאַר די סכוירעס, וואָס זיי האָבן ניט געהאַט פאַר זיך קיין באַזונדער קלייטל. די זאַל און דער אַלקער זײַנען שוין איבערגעפּולט. ס'ווערט הייס אָף צו דערשטיקט ווערן. מע עפנט די טיר, און דער פאָרהויז ווערט פול מיט שטייענדיקע געסט.

שאַבעסצונאַכטס פלעגט מען ניט פאַרגעבן דעם זיידן קיין פראַגן וועגן דער וועלט און יענער וועלט, צו אַוועלכן גלויבן געהערן די מלאָכים, בא וועלכן גאָט איז דער מאַלכאַמאָוועס און אַנגעשטעלטער און וויאַזוי הויזן צווישן זיך די צוויי געטער, דער ייִדישער און דער קריסטלעכער, אָף איין הימל.

מ'האָט ניט געמישט קיין בײַקעס מיט די טאָגטעגלעכע פּאַסירונגען אין זאַליעסע. עס האָט זיך געוואָלט הערן בלויז, ווי יאַקאָוו־מאָוושאַ זינגט די לידער, וואָס זײַנען צונויפגעוואַקסן פון אוקראַאיִנישן, ייִדישן און לאַשנקוידעשדיקן וואָרט, פון אוקראַאיִנישן און ייִדישן ניגן.

פון אַלע זײַטן פלעגן זיך טראָגן באַשטעלונגען:

— לאַכעט! לאַכעט! (געמיינט: אַלכעט).

— טרעבאַ זנאַטי, יאַק הוליאַטי!

— דורני וואַרקאַ!

— זשורבאַ, מאַיאַ זשורבאַ!

— זײַט אַזוי גוט, יאַקאָוו־מאָוושאַ, און זאָגט ניט אָפּ.

ווי געזאָגט, האָבן אַלע פּויערים אין זאַליעסע גערופן דעם זיידן יאַקאָוו־מאָושאַ, און האָט עמעצער געפּרוווט פאַרבײַטן זײַן נאָמען אויף יאַנקל־מאָשקאַ, האָט דער זיידע דאָס ערשטע מאָל מויכל געווען, ער פלעגט דערקלערן, אַז אַזוי אים אָנרופן פּאַסט פאַרן פּאַרעץ, וואָס ווייסט ניט, וויאַזוי אָפּצוכויזעקן און וויאַזוי צו דערנידעריקן אַ נאַש־בראַט — דו ביסט בײַ אים אַ כאַם, אַ כאַלאַפּ, און איך בין בײַ אים אַ יאַנקעל און מאָשקאַ. האָט דער געוואָרנטער אַ צווייט מאָל געיאַנקלט און געמאָשקעט, האָט זיך דעם זיידנס טיר אויף שטענדיק פאַרמאַכט פאַר אים.

די פּויערים מיט די דאָרפס־יידן זײַנען שטענדיק און אומעטום געווען אויף „דו", און דער זיידע האָט יעדן פּויער געדוצט און געפּאַדערט, מע זאָל אים אירצן. אויף „דו" איז ער געווען בלויז מיט די יינגלעך און מיידלעך ביז זייער כאַסענע. ער האָט ליב געהאַט אופריכטיקע נאָענטקייט און פײַנט געהאַט פאַלשע, צוויִעסדיקע פאַניבראַטסטווע. דאָס אירצן פאַרשטאַרקט דעם דערעכערעץ פון איינעם צום צווייטן, און דערעכערעץ — דאָס איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס האַלט זיך און פעסטיקט זיך די עכטע פרײַנטשאַפט.

אַלע, וואָס פלעגן קומען צום זיידן אין שטוב הערן זײַן וואָרט און זײַן ליד, זײַנען געווען זײַנע פרײַנט, האָבן שטאָלצירט און מיט אַ באַזונדער ליבע אַרויסגעבראַכט זײַן נאָמען:

— יאַקאָוו־מאָושאַ!

— שטילער! שטילער! — פּרוּוון אַלע אײַן אײַן קאָל מיט אַ גערודער און גערויש אַראָפּ־ברענגען די שטילקײַט.

— פאַרלעשט די ציגאַרן! יאַקאָוו־מאָושאַ האָט פײַנט, אַז מע רייכערט, ווען ער זינגט.

דער זיידע הייבט זיך אויף, פאַרטראַכט זיך אויף אַ ווײַלע, ווי ער זאָל אין זיך איבערכאַ־זערן די ווערטער און דעם ניגון, וועלכע ער קלײַבט זיך באַלד אַרויסברענגען. ער גיט אַ גלעט די באָרד, וויגט זיך מײַסע־שיקער פאַנאַנדער אַהין און אַהער, און מיט אַ טרויעריקן ניגן בײַ וויינט ער די דאָליע פונעם שיקער, וואָס האָט אַלץ פאַרשיקערט, אַלץ פאַרטרונקען.

אי פּיוו יאַ אוּוו נידיליו,
פּראָפּיוו סוואָיו קאָבילו...

דער אוילעם כאַפּט אונטער דעם צוזינג:

אוי טרעבאַ זנאַטי, יאַק הוליאַטי,
יאַק פּערעד באָהאָם אָטוועטשאַטי...

באַם איבערגיין צו יִידיש בלײַבט דער זיידע אַליין, און ס'קומט אים אויס העכערן די שטים:

איבער הונדערט יאָר יאַק אומיראַטי,
אוי ווײַ כעזשבן צעדעק אַטדאַוואַטי,
אַ מי פּיעם טאַ הולײַעם
וועאַטאָ טישמאַ מין האַשאָמאַיִם...

און מאָנטיק איז נאָך טרויעריקער:

פּיוו יאַ אוּוו פּאָנידילאָק,
פּראָפּיוו יאַ וועס זאַסיוואָק...

דינסטיק איז דער שיקערסטער טאָג פון אַלע טעג, עפּעס אַ קלייניקײַט:

אי פּיוו יאַ או וויוווטאָראָק,
פּראָפּיוו יאַ וויאָדער סאָראָק...

און מיטוואָך, אוי מיטוואָך:

אי פּיוו יאַ אוּוו סערעדו,
פּראָפּיוו יאַ וסיו טשערעדו...

נו, און דאָנערשטיק? דאָנערשטיק האָט ער שוין ניט געהאַט פאַר וואָס צו טרינקען. דאָ־נערשטיק האָט ער שוין געטרונקען בלויז אין כאָלעם.

מאַרקאָ איז גאָר עפּעס אַנדערש. מאַרקאָ איז ניכטער, מאַרקאָ בונטעוועט אויף די יאַרידן און אין אַלע כאָגע־טעג. און טאַקע דערפאַר, ווען דער זיידע רופט אָן מאַרקאָן — „דורני מאַר־קאָ", קלינגט דער „דורני" אַזוי צערטלעך, ווי „מײַן ליבער", „מײַן כאָכעם":

מאַרקאָ, מאַרקאָ, דורני מאַרקאָ,
שטשאָ טי ראָביש נאַ יאַרמאַרקו?
נע קופּויעש, נע טאָרגויעש,
טילקי ראָביש סוואַרקו...

— מאַרקאָ, מאַרקאָ, — שעפּטשען אַלעמענס ליפּן, ווי בײַ אַ נאָכזאָגנדיקער טפילע.

דער זיידע שיפּלט זיך אין שיפּל פון טרויער: „פּליווי, מיִי טשאָווען, פּליווי". ער יאָגט דאָס שיפּל אויף דונײַ אַריסלאָדן די זשורבאַ, דעם אומעט און טרויער, אַז ס'זאָל אויף אַ ווײַלע ווערן לײַכטער אויף דער נעשאָמע.

נאָר ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַף יענער זײַט דונײַ שרײַט דער זיך טרינקענדיקער קאָ־זאַק, אַז ער האָט ניט קיין שיפֿל, אַז ער האָט ניט קיין ווײַסלע און די וואַסער איז טיף, זי דערגייט שוין ביז צום האַלדז: „מאַטוסיאַ, ראַטוי מענע, פּאַטאַפּאַיו, פּאַטאַפּאַיו". מאַמע, מאַמע, ראַטעווע מיך, איך ווער דערטרונקען...

די אַפּן דיל זיצנדיקע צוהערער נעמען זיך הוידען און אונטערשפּרינגען, גלײַך ווי די כוואַליעס פון דונײַ זאָלן נעמען שלײַדערן און אונטערוואַרפן דעם זיידנס שטיבל.

די זשורבאַ אַפּן וואַסער באַגעגנט זיך מיטן איינזאַמען אומעט אַף דער יאַבאַשע — מיטן שווערן שטילן גאַנג פון די אָקסן און מיטן סקריפּענדיקן קרעכצן פון ניט געשמירטע רעדער. אַ טענאָר, וואָס ווייסט ניט, אַז זײַן שטים וועלכע זינגט אַרויס פון אים, איז אַ טענאָר, פאַר־ציט די ליד וועגן טשומאַק, וואָס פאָרט פון קרים אַהיים. אַלע כאַפּן אונטער:

Їхав чумак із Криму додому,
На драбиночку схилився,
На драбиночку схилився, гей!
Дуже, дуже зажурився,
На сірі воли дивився.

Гей, чумаче, чумаче-бурлаче,
Та чого ж ти зажурився,
Та чого ж ти зажурився, гей!
Чи сірі воли пристали,
Чи з доріженьки ізбився?[1]

לאָזט זיך אויס, אַז די אָקסן זײַנען ניט צוגעשטאַנען און אַז דער טשומאַק איז ניט אַראָפּ פון וועג. ער האָט בלויז קיין מאַזל ניט — אַ פיש אין יאַם האָט זײַן פּאַר, און אים אָבער פעלן אויס די קאַרע אויגן און די שוואַרצע ברעמען פון דער געליבטער. עלנט איז ער.

דער טרויער גייט איבער אַלע ברעגן, און דער זיידע רײַסט אים איבער מיטן לאַכט, מיטן אויסלאַכן דעם באַל־אוויירעניק, וואָס בעט בא גאָט מעכילע אין די פּאַרכטיקע טעג פון דין־וועכעזשבן, ווען אַ פיש אין וואַסער ציטערט. דער באַל־אוויירעניק פּרוווט זיך אַרויסדרייען פון זײַנע זינד, ער האָט דאָך געזינדיקט אומגערן, ער האָט אַפילע ניט געוווסט, אַז ער זינדיקט.

און די פּויערים, אַלע ווי איין איידעס, אַנטבלויזן דעם באַל־אוויירעניק פאַרן ריכטער:

— ברעשעש! ברעשעש! טי זנאַוו שטשאָ ראַביש אי כאָטיוו צע זראַביטי!

נאָכן באַל־אוויירעניק נעמט מען זיך צום פאַן מיט דער פאַניכע, וואָס זײַנען געצוווּנגען געוועזן, נאָך דער פאַנטשטשינע, צום ערשטן מאָל אין לעבן מאַטרײַעך זײַן די לײַדיקגײַערישע פיס און די קײַנמאָל גאַרנישט טוענדיקע הענט.

דער געלעכטער צינדט פאַנאַנדער דעם צאַרן, וואָרט און קלאַנג זײַנען ווי די קרעסאַלעס, זיי האַלטן אין איין אויסשלאָגן פונקען, און די פונקען פליִען זיך פאַנאַנדער מיט דער בסורע וועגן קומענדיקע סרייפעס, וועגן אומקום און אופקום.

עס ווערט ליכטיקער, עס ווערט וואַרעמער! עס גייט אויף די האָפענונג.

— שוין ניט פרי, — זאָגט דער זיידע, אַלע הייבן זיך אויף פונעם דיל. מע בלײַבט שטיין, קיינער וויל ניט דער ערשטער אַרויסגיין.

— יאָ, שוין שפּעט, — איז מען ניט ווילנדיק מאַסקים, און מע הייבט אָן אַרויסגיין צו עטלעכע מיטאַמאָל.

— דיאַקויעם! דיאַקויעם! — טראָגן זיך דאַנקען פון אַלע זײַטן.

— ניטאָ פאַרוואָס, ניטאָ פאַרוואָס, — שלאָגט זיך אָפּ דער זיידע מיט זײַנע הענט פון די דאַנקען, ווי פון דעם פאַרבליבענעם מאַכאָרקע־רויך, וואָס וויל נאָך ניט פאַרלאָזן דעם זיידנס שטוב. — מיר האָט דער הײַנטיקער אָפּדערנאַכט פאַרשאַפן ניט ווייניקער פאַרגעניגן, ווי אײַך. אַזוי, אַז מיר זײַנען קוויט. עס ווערט געזאָגט: „ניט ווייניקער, ווי דאָס קעלבל וויל זויגן, וויל די קו געזויגן ווערן"...

— אַ גוטע נאַכט און אַ גוטע וואָך! — געזעגענען זיך די פּויערים.

— אַ גוטע נאַכט און אַ גוטע וואָך! — ענטפערט אָפּ דער זיידע, — לאָזט זיך ניט בעטן און קומט צו גיין, אַ צווייט מאָל וועלן מיר פאַרבעסערן, אַ גוטע נאַכט און אַ גוטע וואָך!..

◇ ◇ ◇

[1] „איז געפאָרן אַ טשומאַק פון קרים אַהיים, אַף די דראַבינקעס האָט ער זיך אָנגעבויגן, אַף די דראַבינקעס האָט ער זיך אָנגעבויגן, היי! ביז גאָר, ביז גאָר זיך פאַרדײַגעט און אַף די גרויע אָקסן געקוקט.
היי, טשומאַק־בורלאַק, וואָס האָסטו זיך פאַרדײַגעט, היי! זײַנען די גרויע אָקסן צוגעשטאַנען צי פון וועג ביסטו אַראָפּ?"

בער האַלפּערן

אין אַ יונגער שטאָט

1

ווען די טעג זײַנען שוין געוואָרן לענגער און עס האָט אָנגעהויבן צו שמעקן מיט פרילינג, האָט זעליק מענאַקער באַשלאָסן, אַז ס׳איז געקומען די צײַט אויסצופירן זײַן לאַנגאָניקן באַשלוס: באַזוכן דעם פּלעמעניק.

דער פּלעמעניק מוישע איז געווען קימאַט דער איינציקער קאָרעוו, וואָס איז אים פאַרבליבן. מוישעס גאַנצע מישפּאָכע, זײַן מאַמע — זעליקס שוועסטער, זײַן טאַטע און די איבעריקע קינדער, האָט אומגעבראַכט דער דײַטש. דער פּלעמעניק, דעמלט אַ ייִנגל פון אַ יאָר זעקס, איז געווען באַם אָנהייב פון דער מילכאָמע אין אַ קינדער־לאַגער, וועלכן מע האָט באַוויזן צו עוואַקויִרן און די קינדער זײַנען אַזויאַרום אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז מענאַקערן געלונגען געפינען דעם פּלעמעניק. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באָכער האָט געקראָגן בילדונג, געוואָרן אינזשעניער. איצט אַרבעט ער אַף אַ זאַוואָד ערגעץ גאָר ווײַט און לעבט אין אַ שטעטל, וואָס איז אופגעקומען צוזאַמען מיטן זאַוואָד און איז אייגנטלעך אַ בײַלאַגע צום זאַוואָד.

דאָס אַלץ איז געווען טשיקאַווע, און זעליק האָט באַשלאָסן צופאָרן אַהין אַף אַ פּאָר וואָכן.

זיצנדיק אין וואַגאָן, האָט זעליק געפּרווּט זיך פאָרשטעלן דעם פּלעמעניק. געראָטן אין דער מאַמען? אין טאַטן? און אויב ער האָט אַפילע אין זיך דער מאַמעס שטריכן און דעם טאַטנס שטריכן, איז ער דאָך אופגעוואַקסן צווישן פרעמדע מענטשן, אין אַ פרעמדער סוויווע, אין ניט גאָר געוויינלעכע, האַרבע באַדינגונגען. און וועמענס זכוס איז עס, וואָס אין אָט די האַרבע באַדינגונגען, אָן הילף פון אייגענע, האָט ער זיך דורכגעשלאָגן, געוואָרן אַ מענטש, געקראָגן הויכבילדונג? דעם זיידנס, זעליקס פאָטער, וואָס איז געווען אַ באַהאַלטענער מאַסקיל און אָן אָפענער שלימעזאַלניק? דער מאַמעס, דער שטילער טרוימערקע, וואָס האָט געלעכצט נאָך בילדונג, נאָר אַפילע אין די פאַרבאָרגנסטע כאַלוימעס ניט געוואַגט צו טרוימען וועגן אַ גימנאַזיע? דעם טאַטנס, דעם קאָכיקן היצקאָפּ מיטן שאַרפן מויעך, וואָס האָט געקאָנט צונויפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אַבי ס׳זאָל זיך דערפון אָפּברעקלען אַ שטיקל קאָמיסיִאָנע?

„אָט האָסטו, — האָט זעליק געקלערט, זיך וועלנדיק פאָרשטעלן דעם פּלעמעניק, — צוויי, אָדער אַפילע דרײַ אופגאַבעס מיט איין איקס. פּאַשעט אין אַלגעברע, אָבער גאָרניט פּאָשעט אין לעבן. גיי טרעף, וואָס פאַרא „איקס” וועט וואַרטן אַף דיר באַם סאָף פון דײַן ווײַטער נעסיִע”.

דערווײַל האָט ער געשמועסט מיט די פּאַסאַזשירן, זיך באַפרײַנדעט מיט אַן עלטער פּאָרפאָלק, וואָס איז געפאָרן צוגאַסט צו זייער זון, וועלכער האָט אויך געלעבט אַף אַ נײַער בויונג און זיך דאָרטן אײַנגעשאַפן אַ פאַמיליע. שאָענלאַנג האָט ער געקוקט דורכן פענצטער אַף די פעלדער און וועלדער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין פאַנאַנדערוויקלען פאַר אים זייערע אומענדלעכקײַטן. דאָ איז נאָך ערטערווײַז געלעגן שניי, אין דער צײַט, ווען אין זײַן געגנט איז שוין לאַנג פון שניי קיין סימען ניט געווען.

ער האָט געקוקט דורכן פענצטער און געקלערט וועגן זײַן שוירעש. פאַר אים איז אופגעשווומען דאָס געשטאַלט פון זײַן פאָטער, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, דאָס זײַנען געווען דעם טאַטנס אויגן אין זייער גאַנצער אומבאַהאָלפנקײַט: האַלב־פאַרזשמורעטע

פון קורצזיכטיקייַט, מיט א רויטער אָנגעצונדנקייַט ארום די לעפלעך פון פיל לייענען און מיט דעם אייביקן אויסדרוק פון שולדיקייַט. א שולדיקייַט לעגאבע זיך, וואָס ער איז א מעלאַמעד אין דער צייַט, ווען ער האָט געקאָנט ווערן א לערער אין בעסטן איידלסטן זין פונעם וואָרט, א שולדיקייַט לעגאבע דער פאמיליע, פאר וועלכער ער האָט מאקריוו געווען זייַנע גייַסטיקע שטרעבונגען און דאָך נאָר בעצימצעם זיי געקאָנט מעפארנעס זייַן, א שולדיקייַט לעגאבע זייַנע צוויי קינדער, וועמען ער האָט ניט געקאָנט געבן די געהעריקע בילדונג, א שולדיקייַט לעגאבע דער גאנצער וועלט, וואָס ער טוט פאר איר ניט דאָס, וואָס ער וואָלט באדארפט טאָן, נאָר גייט אָף אלטע אָפּגעלעבטע וועגן. ער האָט זיך גערופן „לערער", נאָר אין דער טיף פון הארצן האָט ער געוווּסט, אז ער איז ניט מער, ווי א מעלאַמעד. דאָס מאָדערנע, וואָס ער האָט אריַינגעטראָגן אין זייַן לימעד, איז געווען אָפּן שפּיץ מעסער, און דאָס האָט ער אויך געטאָן אין שטענדיקער מוירע, טאָמער וועלן די טאַטעס אים כוישעד זייַן אין אַפּיקאָרסעס און אינגאנצן צונעמען פון אים זייערע קינדער.

האלב־לערער, האלב־מעלאַמעד. אין אָט דער צעשפּאָלטנקייַט איז דורך זייַן גאנץ לעבן. איצטער, ווען זעליק קוקט דורכן וואגאָן־פענצטער אָף דער אומענדלעך־גרויער ווייַט מיטן שווארצן פּאסיקל וואלד אָפן האָריזאָנט, ווערט אים מיט א באזונדערער שארפקייַט קלאָר: דער דאָזיקער מענטש האָט פארמאָגט פליגלען, און מעגלעך גאָר שטארקע, נאָר ער האָט מוירע געהאט זיי פאנאנדערצושפּרייטן, זיך א לאָז טאָן אין דער הייך. האָט ער א גאנצן לעבן געפּויזעט אין דער פינצטער אָף דער ערד, א הילפלאָזער און אומאנטשלאָסענער, מיט א שעמעוודיק־שולדיקן אויסדרוק אין די קורצזיכטיק־פארזשמורעטע אויגן.

פון די טיפקייַטן פון זיקאָרן טויכט אוף א פאל. דאָס איז געווען, ווען ער, זעליק, האָט געלעבט, נאָך זייַן ערשטער קורצער טורמע, שוין ניט באַם טאטן, נאָר אליין פאר זיך, אָף אן אומלעגאלער דירע. איינמאָל אין אָוונט האָט ער זיך אריַינגעכאפּט צום טאטן געווירע ווערן, וואָס ער מאכט. דער טאטע איז געזעסן אליין אין צימערל באם טיש מיט א פעדער אין דער האנט און עפּעס געשריבן. דערזען דעם זון, האָט ער אופגעשייַנט. זייַנע אויגן האָבן געגלאנצט פון באגייַסטערונג.

— זע, זעליק, וואָס ס'האָט זיך באקומען בא מיר! — ער האָט איבערגעלייענט די ערשטע סטראָפע פון שילערס ליד „רעזיגנאציאָן", און טייקעף, ניט איבערכאפּנדיק דעם אָטעם, האָט ער מיט פּאטאָס, מיט געהויבענעם געפיל, אָפּגעדעקלאמירט די העברעיִשע איבערזעצונג, וואָס ער האָט אָקאָרשט געמאכט. זעליק איז געווען געפּלעפט. ער האָט גוט געקענט שילערס פילאָסאָפיש־מאָראלישע ליד און זי הויך געשעצט, האגאם דער געדאנק פון „פארגעלטונג" האָט ער געהאלטן פאר אלטפרענקיש. נאָר אין דעם טאטנס איבערזעצונג האָט אים די ליד פונסנייַ פארכאפּט. דאפקע די ארכאיִשע אויסדרוקן פונעם אלטן סייפער־לאָשן, וואָס איז ווי באשאפן געוואָרן צו מוסער־רייד און וואָס דער פאָטער האָט אזוי קונציק אויסגענוצט, האָט אים איבערראשט. זעליק געדענקט ביז איצטער שילערס ערשטע שורע

Auch ich war in Arkadien geboren,

וואָס דער פאָטער האָט איבערזעצט: „גם אני בגן עדן קדמוני בירכים"[1] דאָס איז געווען מייַסטעריש! נאָר איידער ער האָט געפונען די ווערטער פון לויב פארן פאָטער, האָט זיך דעם טאטנס געזיכט פלוצעם פארענדערט. די באגייַסטערונג איז פארשוווּנדן, דאָס פּאָנעם איז שוין ווידער געוואָרן פארזאָרגט, אין די אויגן איז געלעגן דער אייביקער אויסדרוק פון שולדיקייַט, האלעמייַ ער איז ניט בעקויעך צו העלפן דעם זון.

— וואָס מאכסטו, זעליקל? ווי גייט עס דיר אין דייַן שווער לעבן? — האָט ער אויסגעקרעכצט מיט א געבראָכענער שטים. און, קוקנדיק אָף אים מיט נעבעכדיק־שולדיקע אויגן, האָט ער קימאט וויינענדיק צוגעגעבן:

— דאָס איז דאָך סאקאָנעס־נעפאָשעס, סאקאָנעס־נעפאָשעס, וואָס דו טוסט... וויי, וויי איז מיר...

אָט די צעצווייטקייַט האָט ער איבערגעגעבן זייַנע קינדער. זעליקן — די פליגלען (די האָזע אויסצושפּרייטן זיי האָט ער געיארשנט פון דער מוטער), מאלקעלען — די האכנאָעדיקייַט.

מאלקעלע...

הינטערן פענצטערל פון וואגאָן איז דער ביין־האשמאָשעס געדיכטער געוואָרן. דער וואלד האָט זיך צוגערוקט, און אָף זייַן טונקעלן פאָן טרעט בוילעטער ארויס מאלקעלעס ליכטיק פּאָנעם.

זי איז מיט צוויי יאָר עלטער געווען פאר אים. א שיינע איז זי געווען, מאלקעלע. א זונרויז אין מיטן יון. באקן האָט זי געהאט רונדע, ליכטיקע, עטוואָס באשפּריצטע מיט זון־שפּרענקלעך. אויגן האָט זי געהאט קארע, זיי זייַנען געווען גרויסע און טרוימערישע. באוועגט האָט זי זיך לאנגזאם און אז זי פלעגט אמאָל בלייַבן שטיין א פארטראכטע, האָט זי געהאלטן אראָפּ־

[1] גאם אני בגאן־איידן קידמוני בירקאָיִם — אויך מיך האָט דער גאניידן אופגענומען אין זייַן שויס (העבר.).

געלאָזט דעם קאָפּ. דאַן איז זי ענלעך געווען אַף א רײַפער זונריוז אין שפעטן זומער. בא איר גאַנצער גענייגט־זײַן צו טרוימערישקייט איז זי אָבער ניט געווען עקזאַלטירט, ניט געשוועבט אין די הימלען, נאָר געוווּסט, אַז איר גורל איז צו טרעטן איבער דער נידעריקער ערד, איבער וועגן, וואָס זײַנען ניט אויסגעשפּרייט מיט קיין רויזן. זי איז געווען א פּייִקע, זייער געוואָלט לערנען, נאָר גיך שאָלעם געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז גימנאַזיעס, בילדונג זײַנען ניט פאַר אַזעלכע, ווי זי. זי האָט פרי כּאַסענע געהאַט. דער שידעך איז געווען א גערעדטער. און דאָס איז געווען פאַר זעליקן דער בעסטער סימען, אַז זײַן פּייִקע, טרוימערישע שוועסטער האָט קאַפּיטולירט. געוויס האָט בא איר אויך געטליִעט א פונק, געצאַנקט א כאָלעם וועגן א פּרינץ מיט א הייסער ליבע. נאָר זי האָט געוווּסט, אַז זי איז א ייִדישע טאָכטער און ניט פאַר ייִדישע טעכטער איז באַשאַפן געוואָרן דאָס, וועגן וואָס מע לייענט אין די שיינע ראָמאַנען. ייִדישע טעכטער זײַנען געבאָרן געוואָרן צו לעבן אין דער גרויער ווירקלעכקייט, צו זײַן אונטערגעוואָרפן דעם מינהעג, דער טראַדיציע, דעם מאַן. זעליק האָט געוווּסט, אַז זי וועט זײַן א טרײַע פרוי, וועט האָבן א סאַך קינדער, וועט זײַן א גוטע מאַמע און א קאָשערע ייִדענע. דאָס איינציקע פון איר טרוימערישקייט, וואָס איז איר פאַרבליבן נאָך דער כּאַסענע, איז געווען איר הייסע ליבע, קימאַט פאַרגעטערונג פאַר איר ייִנגערן ברודער, וועלכער האָט זיך געלאָזט אַף אַזוינע דרייסטע געפערלעכע וועגן, אַז בלויז קלערנדיק וועגן זיי, האָט איר פאַרכאַפּט דער אָטעם.

זעליק האָט דאָס געוווּסט און, ניט וועלנדיק וואַרפן אַף איר דעם מינדסטן כשאַד, האָט ער געזען, וואָס ווייניקער זיך צו טרעפן מיט איר. אין די זעלטענע פאַלן, ווען ער פלעגט פּלוצעם אופטויכן בא איר אין שטוב, פלעגן אירע גרויסע קאַרע אויגן אופלויכטן און אירע פולבלעכע, פרי פאַרוויאַנעטע באַקן פלעגן פאַרויטלט ווערן. דער ייִנגערער ברודער איז פאַר איר געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלץ דערהויבענעם און ראָמאַנטישן, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, א כאָלעם, נאָר אָן דעם כאָלעם וואָלט זי אַוודע ניט געהאַט די קויכעס צו קאָכן פון גאַרנישט־שעבעגאָרנישט א מיטיק און לאַטעווען צום דריטן מאָל די הייזלעך פונעם עלטערן זון פאַר דעם ייִנגערן.

איר מאַן לייבל, א זשוואָווער, לעבעדיקער און באַוועגלעכער, האָט זיך געדרייט אַרום האַלץ־מיסכער. ער איז געווען א מענטש מיט א שאַרפן פלינקן קאָפּ, א וויצלינג און א פּרייִלעכער. בעלי־שום סאָפעק איז ער געווען זייער א פּייִקער מענטש, נאָר אַלע זײַנע מײַלעס זײַנען געווען אונטערגעוואָרפן איין לײַדנשאַפט — דעם אַזאַרט פון שפּיל. זעלטן־ווען איז ער געזעסן אין דער היים. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומפאָרן, אין איין שמעקן, און נישטערן, ווו א פאַרעץ, ווו נאָר א וואַלד. און שטענדיק, אין וואַגאָן, אין קרעטשמע, אין א פּריצישער שטוב, האָט ער געשפּילט אין קאָרטן. אין דעם איז ער געווען דער עמעסער מײַסטער. מיט מעיושעוודיקע ייִדן — אָן אָקע, א זעקס־און־זעכציק. מיט ייִנגערע — אָן איין־און־צוואַנציק, מיט פּריצים — א פּרעפעראַנס, א וויסט. און טאַקע טאָך־קעדיי־דיבער, באַם טאַשן די קאָרטן, האָט ער שוין אויסגעשמעקט, ווו ס'איז דאָ א פאַרעץ, וואָס האָט זיך פּאַרהולטײַעוועט, ווו ס'איז דאָ א וואַלד, און טאָמער איז געווען וואָס פּאַסיקס, איז ער שוין אין עטלעכע טעג אַרום געזעסן באַם פאַרעץ אין שטוב, און אַלע האָבן מיט דערשטוינונג געקוקט אַף דעם פליכעוואַטן ייִדל מיט די שוואַרצע גלאַנציקע אויגן, וואָס באַהערשט אַזוי מײַסטעריש די שפּיל. וואַלד האָט ער געקענט אויסגעצייכנט, און די פּסיכאָלאָגיע פון פאַרעץ אויך. און אַז ס'פלעגט אים געלינגען אָפּצוהאַנדלען פאַר זײַן פירמע א שטיק וואַלד, פלעגט ער אַרײַנכאַפּן אַזאַ מעקלערײַ, אַז אים האָט שוין געקלעקט כּאַיונע אַף א האַלב יאָר און אַמאָל אויך מער. דאַן פלעגט ער קומען אַהיים צו ווײַב און קינדער, אָנקויפן פאַר זיי קאָלטווו, און ס'איז אַוועק א פריילעך לעבן מיט געסט, מיט מאָלצײַטן און — מיט קאָרטן. מאַלקע פלעגט דאַן אַרומשמײַען א גליקלעכע צווישן קיך און עסצימער, קוקן מיט פאַרליבטע אויגן אַף איר לייבלען, און בעשאַסמײַסע האָט זי ניט געדענקט די וואָכן, ווען זי איז אַרומגעלאָפן זוכן א גמילעסכעסעדל און טאַקע אונטערגעהונגערט א ביסל אויך.

לייבל איז געווען א גוטער פאַכמאַן אין האָלץ. ער וואָלט געקענט ווערן אַן אָנגעשטעלטער בא זײַן פירמע מיט א פעסטן געהאַלט. נאָר דאָס איז ניט געווען אין זײַן נאַטור. ער האָט ליב געהאַט דאָס נאַווענאַד־לעבן, די רווישיקע קרעטשמעס מיט ייִדן, וואָס באַוווּנדערן זײַן שפּיל, די גלאָמפּעוואַטע אָנגעבלאָזענע פּריצים, וועלכע מע דאַרף „באַאַרבעטן" און דעריקער דעם רויש פון די בלוטן אין זײַנע אָדערן בא א געוואַגטער אַזאַרט־שפּיל. אַזוי האָט ער געלעבט באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ ביז יענעם אומגליקלעכן טאָג, ווען ס'איז אויסגעגאַנגען אי די שפּיל, אי דאָס לעבן.

2

אפן פערטן טאָג באַגינען איז זעליק אַפּגעשטיגן אַף אַ קליינער סטאַנציע. אַף דער פּלאַטפאָרמע זײַנען געווען געציילטע מענטשן. צו אים איז צוגעגאַנגען אַ זשוואַווער יונגערמאַן מיט אַ דין וואָנצן־בערשטל אפן שמאָלן פּאָנעם. פון אונטערן גרינעם פילץ־הוט האָבן אַרויסגעקוקט צווײַ לעבעדיקע אויגן. „אָן עכטער גרוזינישער טיפּ", — האָט אַ קלער געטאָן זעליק. נאָך דער „גרוזינער" איז צוגעקומען צו אים און אַ פרעג געטאָן:

— פעטער זעליק?

— מישע... — האָט זעליק געשטאַמלט בײַס זיי האָבן זיך אַרומגענומען און צעקושט.

דערנאָך איז מישע אָפּגעטראָטן אַ טראָט צוריק, און פאַר זעליקס אויגן איז דערשינען אַ גוט אָנגעטאָנענע יונגע פרוי מיט אַ פרישן פּאָנעם, פאַרויטלט פון פראָסט, צי פון אופרודערונג.

— מײַן פרוי, — האָט געזאָגט מישע.

— טאַניע, — האָט מיט אַ ווייכער ברוסטשטימע געזאָגט די יונגע פרוי און נאָך אַ געוויסער קווענקלעניש צוגעגעבן, ווי עפּעס אינטימס: — טײַבל.

זעליק האָט זיך מיט איר אויך צעקושט.

מישע האָט גענומען דעם טשעמאָדאַן, זיי זײַנען דורכגעגאַנגען דאָס פּוסטע וואָקזאַלכל און צוגעגאַנגען צו אַ נײַעם בלישטשענדיקן „מאָסקוויטש". מישע האָט פאַרנומען דאָס אָרט באַם רודער. זעליק און טאַניע האָבן זיך געזעצט הינטער אים.

— אָן אייגענע? — האָט מיט רעספּעקט געפרעגט זעליק.

— פאַרשטייט זיך, — האָט ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך אַ וואָרף געטאָן מישע און אָנגעדריקט אפן סטאַרטער.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויסן מויער מיט ברייטע פענצטער און באַלקאָנען. די דירע איז געווען אַ געראַמע און אויסגעשטאַט מיט מאָדערנע מעבל. דער טיש אין עסצימער איז געווען סערווירט אַף דרײַ פּערזאָן מיט קאָלערלײַ קיילים, קיילימלעך און געשירן. אינמיטן איז געשטאַנען אין אַ וואַזע אַ גרויסער בוקעט בלומען.

— צו וואָס דער גאַנצער פּאַראַד? — האָט זעליק פאַרקניטשט דעם שטערן, — איך בין גאָרניט געווענט צו אַזוינס.

— די בלומען זײַנען פאַר אײַערטוועגן. איר זײַט אַ גאַסט. און ווײַטער איז עס ווי געווײנלעך, — האָט געזאָגט טאַניע, זיך רויטלענ־דיק פון פאַרגעניגן און איז האַסטיק אַרויס אין קיך צו דערלאַנגען דאָס אָנגעגרייטע עסן.

באַם טיש האָט זיך זעליק מענאַקער נעענטער צוגעקוקט צום פּלעמעניק און זײַן פרוי. טאַניע האָט איצטער אויסגעוויזן ניט אַזוי יונג, ווי אין ערשטן מאָמענט, אַף דער פּלאַטפאָרמע. זי איז געווען אַ מיטלוווקסיקע, געפאַקטע פרוי אין די מיטעלע דרײַסיקער, מיט אַ בוילעטער נייגונג צו פולקײַט. איר קלייד, איר ניילאַנאָווע ווײַסע בלוזקע מיטן פּאַרמאַכטן האַלדז — אַלץ האָט געשפּאַרט פון אָן איבערכוואַליענדיקער פליישיקײַט. דאָס פּאָנעם איז געווען אַ רונדס, אַ סימפּאַטישס. עס איז געווען זאַרגעוודיק אַרומגעזען, קענטיק גוט באַאַרבעט מיט קרעמען, די ליפּן געפאַרבט, די אויגן מעסיק באַשאָטנט. די האָר האָט זי געטראָגן אין אַ הויכער פריזור, זיי זײַנען געווען פון אַזאַ אויסגעשפּראָכענער בלאָנדקײַט, אַז ס'האָט זיך גלײַך געוואָרפן אין די אויגן: כימיע.

„אַ סינטעטיש־כימישע דאַמע", — האָט באַשלאָסן זעליק.

נאָר געהאַלטן האָט זי זיך נאַטירלעך, באַוועגט זיך פרײַ און באַציגן זיך צום גאַסט מיט אַזאַ טאַקטישקײַט, אַז זעליק איז אײַנגיכן איר מוחל געווען איר סינטעטישקײַט און די כימיע. דעם נײַעם קאָרעוו האָט זי אַף אַ קענטיקן אופן „אָנגענומען": ניט אָן פאַרגעניגן זיך געווענדט צו אים „פעטער" און זיך באַציגן צו אים מיט אַ ניט־געמאַכטער ליבלעכקײַט.

מיט מער אופמערקזאַמקײַט האָט זעליק באַטראַכט דעם פּלעמעניק. ענלעך אַף דער מוטער? אפן פאָטער? באַם ערשטן בליק אפן וואָקזאַל האָט ער קיין ענלעכקײַט ניט געפונען. איצטער, זיצנדיק באַם טיש, האָט זעליק דערזען די ענלעכקײַט צום פאָטער. דאָס זעלבע שמאָלע לעבעדיקע געזיכט, דער זעלבער האַסטיקער אימפּעטדיקער בליק און די זעלבע לוסטיקע קנייטשעלעך אונטער די אויגן בײַס ער לאַכט. נאָר אָנשטאָט דעם אייביקן, סטאַרען זיך נויס־כיין צו זײַן אפילע, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין מענטשן, פון וועלכע ער איז ניט געווען אָפּהענגיק, איז דער בליק באַ מײַשען געווען אַ שטרענגער און ווירדיקער, דער בליק פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט, וואָס ער איז ווערט. אויגן האָט ער געהאַט דער מאַמעס — קאַרע און גרויסע.

דער פרישטיק האָט זיך ניט לאַנג געצויגן. די באַלעבאַטים האָבן זיך געאײַלט צו דער אַרבעט. זעליק האָט שוין געוווסט: מישע איז דער הויפּט־טעכנאָלאָג פון אַ צעך („אָבער אונדזער צעך איז ווי אַ גוטער זאַוואָד באַ לײַטן" — האָט ניט אָן שטאָלץ געזאָגט מישע), און טאַניע — אַ כימיקערן און אַ קאַנדידאַט פון

וויסנשאַפטן, די לייטערן פון א לאבאָראַטאָריע אָפן זאוואָד.

— און איר, פּעטער, לייגט זיך צו. איר זײַנט דאָך מיד פון וועג, — האָט געזאָגט טאַניע, איידער זיי זײַנען ביידע אוועקגעגאַנגען. זעליק איז ארויס אָפן באַלקאָן פון עסצימער. ער האָט געזען, ווי זיי ביידע זעצן זיך אין „מאָסקוויטש“. טאניע האָט אים א פאָכע געטאָן מיט דער האנט, זיך זעצנדיק אין דער מאשין, און זעליק האָט מיט האנאָע איר אָפּגעענטפערט.

ער האָט זיך ניט געלייגט שלאָפן — אין וואגאָן איז ער זיך גאנץ גוט אויסגעשלאָפן. ער האָט גרינטלעך באקוקט די דירע. אלץ איז געווען נײַ, בלישטשענדיק און מאָדערן. „ווי א מוסטער־קוואַרטיר אָף אַן אויסשטעלונג“, — האָט א טראכט געטאָן זעליק. ער איז צוגעגאַנגען צום ביכער־שראַנק, וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט פון א סאַך סעקציעס און פארנומען קימאט די גאנצע וואנט. דורך די געשליפענע גלעזער האָבן אָף אים געקוקט פארביקע אײַנבונדן. דאָס זײַנען געווען סראָוו אבאָנעמענט־כירע פון בארימטע שרײַבער. פון אזעלכע ביכער איז שווער ארויסצוזען די פּערזענלעכקײַט פונעם אייגנטימער. אזעלכע ביכער קלײַבט מען ניט אויס, זיך גריבלענדיק אין ביכער־אָנגעהויף, אָדער אין אנטיקוואריאט. זיי שרײַבט מען אויס לויטן אבאָנעמענט און זיי קומען אָן נײַינקע, פרישע און לייגן זיך אויס באנד נאָך באנד אין דער וויטרינע פונעם ביכער־שראַנק. געווען דאָרט אויך אַן אָפּטיילונג פון טעכנישע ביכער. זיי זײַנען געווען מער פארשיידנארטיק, און אויסגעשטעלט זײַנען זיי געווען ניט אין אזא אָרדענונג. אין זיי האָט מען קענטיק ארײַנגעקוקט.

דאַן איז זעליק ארויס באקוקן די שטאָט. אים האָט געצויגן צו זען, ווי זעט אויס א שטאָט פון עטלעכע צענדליק טויזנט אײַנוווינער, וואָס איז בעסאכאקל א פּאָר צענדליק יאָר אלט.

אין זײַן שטאָט איז אויך געווען א נײַער ראיאָן, וואָס איז אויסגעוואַקסן פאר די לעצטע יאָרן. דאָרט איז געווען באקוועם, ציכטיק, ברייטע גאסן מיט גרויסע, ראציאָנעל־פּלאנירטע, אָבער מאָנאָטאָנע הײַזער. ער האָט אזוינס ניט ליב געהאט. צו זײַן הארץ האָבן פיל מער גערעדט די ענגע, פארפּלאָנטערטע גאסן פון דער אלטער שטאָט. אָט שטויסטו זיך דאָרטן אָן אָף א ריזיקן קלויסטער, וואָס איז אופגעשטעלט געוואָרן, קעדיי צו דערדריקן דעם מענטשן מיט די שווערע טורעמס און באראָקישער פּראכט; אָט שטייסטו פאר א פּריצישן פּאלאץ, וואָס פון יעדן שטיין זײַנעם קוקט אראָפּ די נאהײַקע, מיט וועלכער מע האָט געשמיסן די לײַבייגענע, זיי זאָלן טעסען די גראניט־שטיינער און זיי צונויפלייגן אין א צאצקעדיקן בינין פארן פּאָרעץ; אָט וויקלען זיך פאר דיר פאנאנדער הויכפענצטערדיקע פּילשטאָקיקע הײַזער, אין וועלכע עס האָבן אמאָל געוועלטיקט כוצפּעדיקע געלט־מאגנאטן, בירזשעוויקעס און סטאם ספּעקוליאנטן; און אָט פאלסטו ארײַן אין קרומע פארפּלאָנטערטע געסלעך מיט אומגעלומפּערטע מוירן און ענגע שטיינערנע הויפן, אין וועלכע עס האָט אמאָל געשוויבלט און געגריבלט מיט געל־ראכיטישן קליינווארג. דו גייסט ארום איבער די גאסן און לייענסט זיי, ווי א בוך. און וואָס וועט דיר ווײַזן אָט די נײַע שטאָט, וואָס האָט ניט קיין געשיכטע?

און דאָך האָט זעליק, קיינעם ניט פרעגנדיק, גיך געטראָפן צום צענטער. דאָס איז געווען א גרויסער פּלאץ, שיטער פארבויט מיט סאָלידע געבײַדעס. און שטייענדיק אזוי און באטראכטנדיק דעם ארום, האָט זעליק ניט אָן דערשטוינונג דערזען, אז אויך אָט די נײַע שטאָט פארמאָגט, אויב ניט קיין געשיכטע, איז דאָך א ביאָגראפיע. דער דאָזיקער קאפע־רעסטאָראן מיט זײַנע ווענט פון הוילן גלאָז און קארגע ליניעס פון סטיליזירטע צייכענונגען אָפן פאסאד איז, קענטיק, אָט־אָט אופגעבויט; דער אוניווערמאג מיט זײַנע דורכויסיקע פענצטער — א פירקאנטיקער קאָמאָד, אָנגעפּיקעוועט, ווי בא א גוטער באלעבאָסטע, מיט קאָלטווו — איז מיסטאמע אלט א יאָר פיר־פינף; די גרויסע אדמיניסטראטיווע געבײַדעס פון ביידע זײַטן פּלאץ מיט די שווערע קאלאָנעס און ברייטע געזימסן שטאמען אוודע פון די סאָף 40־ער, אָדער אָנהייב 50־ער יאָרן, ווען מע האָט געהאלטן, אז די געבײַדעס, וואָס „דארפן ארײַנגיין אין קאָמוניזם“, מוזן זײַן מאָנומענטאל און דאפּקע אויסגעשטאט מיט קלאסישע קאלאָנעס. אינמיטן איז דער גרויסער פּלאץ געווען פארזעצט מיט קלומבעס, וואָס גיבן אָנצוהערן, אז דאָ איז קיינמאָל קיין מארק ניט געווען. „זומער דארף דאָ זײַן זייער שיין“, — האָט מיט באפרידיקונג א טראכט געטאָן זעליק.

דער ווײַטערדיקער מארשרוט דורך ברייטע גאסן מיט מאָנאָטאָנע פּילשטאָקיקע הײַזער האָט זעליק געבראכט צום עק שטאָט, און דאָ האָט זיך פאר אים אופגעדעקט א נײַ בלעטל פון דער ביאָגראפיע פון דער שטאָט. פון ביידע זײַטן גאס זײַנען דאָ געלעגן א פּאָר צענדליק נידעריקע לאנגע געבײַדעס פון באראק־טיפּ. דאָס זײַנען בעלי־שום סאָפעק געווען די ערשטע הײַזער פון דער שטאָט. איצט איז דאָ א צוזאמענווינונג פאר ניט כאסענע־געהאטע און פאר לערן־יוגנט — דאָס האָט זעליק געזען לויט די מענטשן, וואָס זײַנען מיט ביכער און העפטן אין די הענט ארײַן און ארויס פון די באראקן.

הינטער אַט די באַראַקן איז די גאַס אַריבער אין אַ שאָסיי, וואָס ציט זיך צום זאַוואָד, דעם פֿאָטער און שפּײַזער פֿון דער שטאָט. זײַנע שווערע קאָנטורן מיט די קוימענס זײַנען דײַטלעך אַרויסגעטראָטן אפֿן האָריזאָנט.

דער שאָסיי איז געווען באַלעבט. מאַשינעס זײַנען געלאָפֿן הין און צוריק. פֿונדערווײַטנס האָט זיך געהערט דאָס פֿריילעכע קלינגערײַ פֿון אַ טראַמווײַ.

זעליק איז אַוועק צופֿוס פֿאַזע די טראַמווײַ־רעלסן, ווו ס'איז געווען אַ מין טראָטואַר. אַף די פֿעלדער איז שוין אָנגעגאַנגען די אומדערמידלעכע פֿרילינגס־אַרבעט. דער שניי האָט זיך געשמאָלצן, נאָר ערטערווײַז, ווו ער איז געווען באַדעקט מיט אַ דינער שוואַרצער סאַזשע, איז ער געלעגן ווי אײַנגעדרעמלט.

וואָס נעענטער זעליק איז געקומען צום זאַוואָד, אַלץ שוואַרצער איז געווען דער אַרומיקער שניי, נאָר אויך שטאַרקער זײַנען געווען די ראַז־אַראַנזשעווע אָפּגלאַנצן, וואָס האָבן געלויכטן פֿונעם זאַוואָד און זיך געלייגט אַף דער ערד און אַף די קראַנען פֿון די שיטערע ביימער. דער טאָג איז געווען אַן אָנווינטיקער, און אַלע דאַמפֿן, רויכן און רויכעלעך, וואָס האָבן געשפּאַרט פֿונעם זאַוואָד, אַנדערע קוים מערקבאַרע, אַנדערע ברוינלעכע און טיףשוואַרצע, זײַנען געשטיגן גראַדלייניק אין דער הייך, אין בלויען הימל אַרײַן. דער זאַוואָד האָט אויסגעזען ווי אַ מעשונעדיקע האַרבאַטע באַשעפֿעניש, וואָס עטעמט אַמאָל קינדישלײַכט, אַמאָל מיט אַ סקריפּענדיק־הייזעריקן אָטעם פֿון אַ שווערן האַרעפּאַשניק.

זעליק איז געשטאַנען אַ ווײַלע און געקוקט אַף די ריזיקע געקעסטלטע פֿענצטער, וועלכע האָבן ערטערווײַז געמערירט מיט אַ רויטלעכן אָפּגלאַנץ. הינטער איינער פֿון אַט די אומצאָליקע שויבן אַרבעט אויך ער, מוישע, מישע... דער איינציקער איבערגעבליבענער און יורעש פֿון זײַן, זעליקס, אַמאָל פֿאַרצווײַגטער מישפּאָכע. צי פֿאַרשטייט ער, דער זון פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט בײַגעטראָגן צו דער רווּבערישער אויסראָטונג פֿון וועלדער, וואָס פֿאַר אַן אָפּבויעריש אַרבעט ער טוט דאָ? און צי איז דער אָזאַרט פֿון שפּיל, וואָס איז זיכער אַרײַן אין זײַנע בלוטן פֿון פֿאָטער, איבערגעשמאָלצן געוואָרן אין אָזאַרט פֿון אויפֿבוי?

צוריק איז זעליק געפֿאָרן. דער טראַמווײַ איז ווי אַ פֿריילעכער זשערעבעטשיק דורכגעלאָפֿן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך די עטלעכע קילאָמעטער פֿון זאַוואָד ביז צו דער שטאָט. זעליק איז אַראָפּ אַף דער ערשטער אָפּהאַלט־שטעלע. אַהיים איז נאָך געווען צו פֿרי צו גיין. האָט ער געקויפֿט אַ פּאָר צײַטונגען און איז אַרײַן אין אַ לאָקאַל צוצובײַסן. דער דאָזיקער לאָקאַל, אין אַ ברייטער הילצערנער געבײַדע, איז מאַמשמאָעס געווען די מאַמע, אָדער עפּשער די באָבע, פֿונעם מאָדערנעם רעסטאָראַן אַפֿן הויפּט־פּלאַץ. ער האָט באַשטעלט קאַווע, צובײַסעכץ און זיך געזעצט בײַ אַ טיש.

אין לאָקאַל איז געווען לעבעדיק. מענטשן, סראָוו אַרבעטער, זײַנען אַרײַן און אַרויס. אַנדערע האָבן אויסגעטרונקען זייער קעלישעקל בײַם טאָמבאַנק, אַנדערע האָבן זיך צוגעזעצט בײַ אַ טיש. צו זעליקס טיש זײַנען צוגעגאַנגען צוויי מענטשן, געבעטן אַ דערלויבעניש און זיך צוגעזעצט. איינער, מיט אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס און אין אַ פֿאַרשמאָלצעוועט קאַשקעטל איז געווען שטאַרק צערודערט. דער אַנדערער, אַ רויטפּענעמדיקער, האָט אים געהאַלטן אין איין טרייסטן: „טרינק, טרינק, וואַסיע! שפּײַ אַף דעם!"

לעכאַטכילע האָט זעליק זיך ניט צוגעהערט צו זייער געשפּרעך. נאָר אָט איז איין מאָל געפֿאַלן דאָס וואָרט „מיכאַיִל לוואָוויטש", אַ צווייט מאָל, און זעליק האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. ניט צונעמענדיק די צײַטונג, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַנאַנדערגעשפּרייט פֿאַר זיך, האָט ער זיך אײַנגעהערט און אים איז ביסלעכווײַז קלאָר געוואָרן, אַז דער וואָנציקער וואַסילי האָט געמאַכט עפּעס אַ פֿאַרשלאָג וועגן אַ טעכנישער אויסבעסערונג, מיט וועלכער ער איז געקומען צו מיכאַיִל לוואָוויטש, דעם טעכנאָלאָג פֿון צעך, נאָר יענער וויל גאָרניט הערן דערפֿון.

— ס'פֿאַרדריסט, סאַשאַ, ס'פֿאַרדריסט... וואָס, איך בין עס אויסן געווען די פּאָר רובל? ס'גייט דאָך אין פּרינציפּ, אין דער אידיי... און אַז איך בין ניט קיין אינזשעניער, אַז איך בין אַ פּאַשעטער שלאָסער, פֿאַרשטיי איך שוין גאָרניט, האַ?

— שפּײַ אַף דעם, וואַסיאַ, שפּײַ, — האָט דער רויטפּענעמדיקער געהאַלטן אין איין טרייסטן, — ער איז אַ קאַלטער לונג־און־לעבער. אים אַרט עס עפּעס?

— אַנטשולדיקט, — האָט געזאָגט זעליק, צונויפֿלייגנדיק די צײַטונג, — איר מיינט עס ניט דעם הויפּט־טעכנאָלאָג פֿון צעך?

— יאָ, מיכאַיִל לוואָוויטש, דעם הויפּט־טעכנאָלאָג. וואָסי, איר קענט אים?

— געהערט פֿון אים. — האָט זעליק אומבאַשטימט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך בין ביכלאַל ניט קיין היגער. נאָר עפּעס געהערט. וואָס, אַ שלעכטער אינזשעניער?

— ווער זאָגט, אַ שלעכטער? — סאַשאַ האָט לעבעדיק זיך אַ קער געטאָן צום נײַעם מיטשמועסער, — נאָר אַ קאַלטער לונג־און־לעבער. דער אַרבעטער איז בײַ אים קיין מענטש ניט. דערצייל, וואַסיאַ, דערצייל.

נאָר וואַסיאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אַ מענטש, וואָס איז זיך שוין מעיאַשעש געוועזן אין זײַן איניען. דערפאַר איז זײַן כאַווער אַ באַלן געוועזן צו שמועסן. ער האָט דערציילט, אַז וואַסיאַ האָט עפּעס־וואָס צוגעטראַכט אַף אויסצובעסערן די אַרבעט פון אַ טעכנאָלאָגישער ליניע, נאָר דער הויפּט־טעכנאָלאָג וויל ניט הערן דערפון: גיב אים פאַרטיקע צייכענונגען, דאַן וועט ער זען. ווי אָבער זאָל אַ פּאַשעטער שלאָסער מאַכן אַזעלכע צייכענונגען?

דער אַנדערער איז געזעסן און געשוויגן. סאַשאַ האָט מיט היץ אָנגעהויבן צו דערקלערן זעליקן, אין וואָס די אידיי פון זײַן כאַווער באַשטייט. זעליק האָט אויפמערקזאַם געהערט, נאָר קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען.

— הייסט עס, ס'איז אַ דערפינדונג? — האָט ער געפּרוווט טרעפן.

— אָט דאָס איז די צאָרע, וואָס אַ דערפינדונג. מיכאַיל לוואָוויטש האָט געזאָגט, אַז אויב ס'וואָלט געווען אַ ראַציאָנאַליזאַציע, וואָלט ער עס דורכגעפירט איינס־צוויי. אָבער ס'איז אַ דערפינדונג, פאַדערן זיך צייכענונגען און באַרעכענונגען. פאַרשטאַנען? — און מאַשמאָעס, קעדיי זעליק זאָל עס בעסער „פאַרשטיין”, איז סאַשאַ צוגעגאַנגען צום בופעט און געבראַכט פון דאָרטן אַ גלאָז, וועלכע ער האָט טייקעף אָנגעפּילט פאַר זעליקן.

— זאָל איך עפּשער פּרווון אַ שמועס טאָן מיט אים? — האָט זעליק געפרעגט, אָפּשטויסנדיק די גלאָז.

— פּוסטע דיבורים, — האָט זיך אָפּגערופן דער וואָנציקער, — אַ קאַלטער לונג־און־לעבער. זעט, וואָס ער מאַכט מיט דער נײַער אינסטאַלירונג...

— וואָס איז דאָס פאַרא מײַסע? — זעליק האָט איצטער שוין צוגעטראָגן די גלאָז צו די ליפּן און אַ קליינעם זופּ געטאָן.

— געקראָגן נײַע אינסטאַלירונג פאַרן צעך. אַ נײַע טעכנאָלאָגישע ליניע. פון איטאַליע. וואַליוטע געצאָלט. איר פאַרשטייט? וואַליוטע! מאָנטירט מען עס, מאָנטירט און עס קומט אַלץ קיין טאָלק ניט אַרויס. און ער? אַ פינגער אין קאַלטער וואַסער ניט. ער גייט אַפילו ניט צו צו די מאָנטאַזשניקעס.

— וואָס הייסט? — איז זעליק אויפגעקאָכט געוואָרן. — ס'איז דאָך זײַן צעך!

— ער זאָגט, אַז זײַן זאַך איז צו עקספּלואַטירן די נײַע ליניע, אָבער ניט צו מאָנטירן.

— אַזוי, אַזוי, — האָט זעליק שטיל געזאָגט און פאַרפרעסט די ליפּן.

3

מיטיק האָט מען געגעסן אַ זייגער זעקס, ווען טאַניע און מישע זײַנען געקומען פון דער אַרבעט. ווידער איז דער טיש געווען יאָמטעוודיק סערווירט. טאַניע האָט כלאָפּאָטשעט אַרום אים. אַלץ איז געווען אַפן העכסטן גראַד.

— הייסט עס, מע קאָן זײַן אַ קאַנדידאַט פון וויסנשאַפטן און אַ גוטע באַלעבאָסטע אויך. — האָט זעליק געזאָגט דעם קאָמפּלימענט, וועלכן טאַניע האָט זיכער געוואַרט פון אים און וועלכן ער האָט ערשט איצט געקאָנט אַרויסזאָגן, ווען דער אײַנדרוק פון „כעמיע און סינטעטיק” האָט זיך אויסגעוועפּט בא אים.

טאַניע האָט געוואָרפן אַף אים אַ דאַנקבאַרן בליק.

— און מײַן קאַנדידאַט־אַרבעט גייט ווי פון פעך, — האָט זיך אָפּגערופן מישע. — איר ווייסט, פעטער, מיר האָבן גלײַכצײַטיק אָנגעהויבן גרייטן אונדזערע קאַנדידאַט־אַרבעטן. בא מיר איז עס צוערשט געגאַנגען ניט ערגער, ווי בא טאַניען...

— ניין, נאָך בעסער, — האָט אַרײַנגעוואָרפן טאַניע.

— נאָר אַז מע האָט מיך באַשטימט פאַרן הויפּט־טעכנאָלאָג... — ער האָט צענומען די הענט, ווי איינער, וואָס רעדט וועגן אַ פאַרפאַלענער זאַך.

— דאָס איז ניט וויכטיק. מע קאָן ברענגען נוצן ניט אַלס קאַנדידאַט אויך. דײַן איצטיקע אַרבעט, ווי איך פאַרשטיי...

— אַ, רעדט ניט, פעטער. זי פאַדערט די גאַנצע צײַט און דעם גאַנצן קויעך.

— נו, און מיקויעך קאַנדידאַטלעך, וואָס הערט זיך? מיר דאַכט זיך, פאַר אַ פּאָר קאַנדידאַטלעך וואָלט שוין צײַט געווען...

זעליק האָט עס אַרויסגעזאָגט און טייקעף זיך אומרויִק אַרומגעקוקט. ס'איז געווען געזאָגט אַזוי גראָבלעך־גראַדליניק, אַז טאַניען האָט עס געקאָנט שאָקירן.

אָבער זי איז ניט געווען שאָקירט. איר פּאָנעם האָט זיך אָנגעצונדן, זי האָט זיך צעמישט, און דאָ איז געשען אַ מעטאַמאָרפאָזע — פאַר זעליקן איז געשטאַנען ניט די „סינטעטישע” פרוי מיט דעם זאָרגעוודיק אָנגעפאַרבטן פּאָנעם און מיט דער הויכער בלאָנדער פריזור, נאָר אַ פּראָסטע קליינשטעטלשע יידענע, — עפּשער איר מאַמע, עפּשער איר באָבע, — און ווי גוט וואָלט געקליידט צו אָט דער נײַער טײַבעלע אַ זויגערל בא די פולע בריסט און אַ פּאָר פּרעסערלעך, וואָס צופּן איר פאַרשליומפּערט קליידל.

טאַניע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַף אירע באַקן האָט זיך באַוויזן די סאַמע נאַטירלעכע רויטע פאַרב.

מישע האָט אַ ביטלדיקן שמייכל געטאָן:

— אַ צו גרויסער לוקסוס פאַר אונדז. טאַניע איז ביז איצט געווען פאַרנומען מיט איר דיסערטאַציע. איך האָב נאָך אויך ניט פאַרלאָרן די האָפענונג עפּעס וואָס אופצוטאָן. אַ גאַנץ לעבן זיך צו דרייען, ווי אַ וועווערקע אין ראָד, איז אויך קיין איניען ניט...

נאָך מיטיק זײַנען זעליק און מישע געזעסן אין געמיטלעכן ווינקל פון צימער. אַפן טראַפּעציאַרטיקן טישל זײַנען געשטאַנען טעצלעך מיט שוואַרצער קאַווע און אַ בײַכיקע פלאַש מיט אַן אויסלענדישער עטיקעטקע.

— טרינקט, פעטער, טרינקט! — האָט מיט אַ גראָבלעכער פאַמיליאַרישקײַט גערעדט מישע. — קאָניאַק פאַרברייטערט די ווענעס!

— אַ דאַנק פאַר דער זאָרג פאַר מײַנע ווענעס. שוואַרצע קאַווע נאָך אַ גוטן מיטיק איז אויך ניט שלעכט, כאָטש דאָס איז עפּשער שוין אויך אַ ביסל צופיל פאַר מיר.

זעליק האָט מיט וואַרעמקײַט גערעדט וועגן זײַנע אײַנדרוקן פון דער שטאָט. מישע, אַן אײַנגעזונקענער אין טיפן פאָטעל, האָט פון צײַט צו צײַט אַרײַנגעוואָרפן סקעפּטישע ווערטלעך, ער האָט געהאַט אַ סאַך קריטישע באַמערקונגען צו דער שטאָט. זײַן האַנט אין ניילאָן־העמד — דעם פּידזשאַק האָט ער אויסגעטאָן — איז נאַכלעסיק געלעגן אַפן טישל, אָפּטרייסלענדיק דעם אַש אין אַש־בעכער.

דערנאָך האָט זעליק דערציילט וועגן דער באַגעגעניש אין גאָרקיך.

— אַ, קאַלפּאַקאָוו... טראָגט זיך שטענדיק אַרום מיט מעשונעדיקע אידייען.

— עפּשער איז אָבער פאַראַן דאָ אַ קערן אין זײַן אידיי?

— מעגלעך. אָבער ער איז אַן אַנאַלפאַבעט אין טעכניק. הײַנטיקע צײַטן איז אידיי ווײַניק. מע דאַרף מאַכן צייכענונגען, באַרעכענונגען...

— וואָלסטו אים עפּשער געקענט העלפן דערין?

— איך? אַ דאַנק. איך האָב זיך שוין איינמאָל אָפּגעבריט אַף אַזאַ מין זאַך. געהאָלפן עמעצן, געאַרבעט מיט אים צוזאַמען. דערנאָך האָט מען מיך באַשולדיקט, אַז איך האָב מיך צוגעשאַרט צו יענעמס אידיי, אויסנוצנדיק מײַן לאַגע אַפן זאַוואָד.

— קאָן, הייסט עס, פאַרפאַלן ווערן אַן אידיי, כאָטש זי איז עפּשער נוצלעך?

— פאַרוואָס? אויב קאַלפּאַקאָוו איז דער עמעסער דערפינדער, דאַרף ער ניט זיצן אין טראַקטיר און אויסוויינען זײַן האַרץ פאַר יעדן צופעליקן מענטשן. ער וועט שוין געפינען אַ יונגן טעכניקער, וואָס זאָל אים העלפן, אָבער איך? אַ דאַנק!

— פונדעסטוועגן...

— גוט. איך וועל מאָרגן באַופטראָגן עמעצן פון די יונגע אינזשעניערן, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט קאַלפּאַקאָוון. אַלץ?

— ניין. ניט אַלץ. און וואָס איז מיט דער איטאַליענישער אינסטאַלירונג?

— אַ, דאָס האָבן זיי שוין אויך באַוויזן אויסצופּלאַפּלען... ניין, פעטער, דאָס וועט ניט גיין. באַ מײַן גאַנצער אַכטונג צו אײַך אַלס קאָרעוו און גאַסט, זאָג איך: ניין!

— פאַרוואָס?

אין מישעס אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ צאָרנדיק פײַערל.

— פאַרשטייט, פעטער זעליק, אין וואָס עס האַנדלט זיך דאָ. אַז מע דאַרף עפּעס אײַנקויפן אין אויסלאַנד, שיקט מען ביוראָקראַטן פון מאָסקווע. זיי באַטראַכטן עס אַלס לוסט־רײַזע, פאַרברענגען דאָרט די צײַט ווי פרייַלעכע טוריסטן, די פירמע אָרדנט אײַן פאַר זיי באַנקעטן, און זיי בלײַבט שוין קיין צײַט ניט זיך פאַרנעמען מיט אַרבעט. ניין, אויב דו האָסט שוין געמאַכט אַזאַ לוסט־רײַזע, טאָ זײַ אַזוי גוט, קום אַפן זאַוואָד, פאַרקאַשער די אַרבל און ווײַז, וואָס מע דאַרף טאָן.

— נו, גוט, לאָמיר זאָגן, די דעלעגאַציע איז געווען ניט קיין געלונגענע. אָבער דו ביסט דאָך אין צעך, מע מאַכט עס דאָך פאַר דײַן זאַוואָד...

— זיי — די טוריסטן, און איך — דער אישאַק? אַ דאַנק! — מישע האָט אָנגעגאָסן אַ פולן בעכער און אויסגעטרונקען. אין זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן אַקשאָנעסדיקע האַרטע פײַערלעך. זעליק האָט געקוקט מיט פאַרדראָס: די דאָזיקע האַרטע פײַערלעך האָבן ניט געפּאַסט צו „מאַלקעלעס אויגן".

— באַ אונדז האָט מען אַמאָל געזאָגט: אַז דו ביסט אין קאַס אַפן כאַזן, דאַרפסטו אין שול ניט גיין?

— מיט דער מאָס פון בעסמעדרעש קאָן מען צו דער הײַנטיקער אינדוסטריע ניט צוגיין. מיר האָבן די סאַמע מעכטיקסטע, די סאַמע פּראָגרעסיווע אינדוסטריע אין דער וועלט. אַנדערע מאַסשטאַבן, פעטער.

אַף די הויכע טענער, אַף ווײַלכע דער געשפּרעך איז אַריבערגעגאַנגען, איז געקומען פון קיך טאַניע.

— וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס אַמפּערט איר זיך?

זעליק האָט אײַנקורצן דערציילט, אין וואָס דאָ גייט. צו זײַן גרויסער פאַרוווּנדערונג

האָט זיך טאַניע ניט געשטעלט אַף מישעס צאַד.

— מישע איז אַ גוטער אינזשעניער און אַרבעט געוויסנהאַפט. אָבער... אים פעלט נע־שאָמע.

— ווידער נעשאָמע. — מישעס פּאָנעם איז פאַרויטלט געוואָרן פון ווײַן, אונטער די שמאָלע וואָנצעלעך האָט זיך פאַרטײַעט אַ שפּאָטישער שמייכל. — נעשאָמע — דאָס איז אַ פאַרעלטער־טע סכוירע. איך האָב דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר די מענטשן פון די ערשטע פּיאַטילעטקעס. זיי האָבן געאַרבעט מיט ברען, מיט היסלײַוועס, מיט מעסירעסנפעש און אופגעטאָן וווּנדער. אין אַן אומגלייבלעך קורצער צײַט פאַרוואַנדלט דאָס פּויערישע לאַנד אין אַ לאַנד פון הויכער אינ־דוסטריע. דאָס איז געווען זייער ראָמאַנטיק. הײַנט איז אָבער אַן אַנדער צײַט, די צײַט פון „נאָט"[1]. די הײַנטצײַטיקע טעכניק איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַז אויב דו וועסט צוגיין צו איר מיט אַ הייס האַרץ, קאָנסטו אָנטאָן בלויז צאָ־רעס. דאַ פּאָדערט זיך אַ קאַלטער מויעך און איינע טעכנישע באַרעכענונגען.

— נו, און אַז מע זאָל פאַרבינדן דאָס הייסע האַרץ מיטן קאַלטן מויעך?

— אומעגלעך. דאָס הייסט צונויפּאָרן דעם דינאָזאַוור מיט אַ לופט־לײַנער. פּעטער, — האָט ער לוסטיק אַ בלינץ געטאָן מיט די אויגן, אונ־טער וועלכע ס'האָבן זיך אויסגעלייגט אַ סאַך אָפּשפּאָטערישע קנייטשעלעך (זעליקן האָט אַ טיאַקע געטאָן דאָס האַרץ: „לייבעלע! לייבעלע מיט די ביינערו"), פּעטער, איר קאָנט זיך עס פאָרשטעלן? אַ לופט־לײַנער און אין אים איז אײַנגעשפּאַנט אַ מעכטיקער דינאָזאַוור, וואָס שלעפּט אים? האַ? — ער האָט זיך הילכיק פאַ־באַנדערגעלאַכט.

— ביסטו, הייסט עס, דער לופט־לײַנער, און איך דער דינאָזאַוור? — מישע האָט געשוויגן.

— נו, און איך? ווו געפין איך זיך? — האָט טאַניע געפרעגט מיט אַ געוויסער צעריצטקייט.

— ערגעץ־ווו אינמיטן צווישן לופט־לײַנער און דינאָזאַוור.

— אַ דאַנק! — האָט אָפּגעהאַקט טאַניע. זעליק האָט דערזען, אַז די פאַרב פון אירע אויגן האָט זיך געביטן: אָט זײַנען זיי געווען גרוי און איצטער זײַנען זיי ביי־זלעך־גרין.

באַ זעליקן שווימט אויף אַ דערינערונג. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט מען זיי, אַ גרופּע רע־וואָליוציאָנערן־וועטעראַנען, געפירט אַף אַן עקס־קורסיע אין אַן אַקאָרשט אויסגעבויטן ריזן־זאַוואָד. שוין אין ערשטן גרויסן צעך איז די גרופּע שטיין געבליבן אַ געפּלעפּטע. אַף אַ דיל פון געקעסטלטע פּליטקעס, אין אַ זויבערקײַט, וועלכער עס וואָלט געקענט מעקאַנע זײַן אַ מעדיציניש לאַבאָראַטאָריע, זײַנען געשטאַנען וווערקשטעלן, עלעגאַנטע אין זייער מעטאַלע־נער ראַציאָנעלער פּאַשטעס, אַרום וועלכע עס האָבן זיך קימאַט ניט געזען קיין מענטשן. אין אַ דערבײַיקן געראַמען זאַל זײַנען געשטאַנען פּולטן, ווי מעבל־שטיק אין אַ מאָדערנע אויס־געשטאַטער דירע, מיט באַשיידן פינטלענדיקע אויגן־לעמפּעלעך און אַן אַ שיר קנאָפּקעס. אין גרויסן זאַל זײַנען געווען בעסאַכאַקל צוויי מענטשן. זיי זײַנען געזעסן און מיט אַ רויִקער קאָנצענטרירטקײַט מאַניפּולירט מיט די קנאָפּ־קעס.

קעדיי נאָך מער צו פּלעפן די עקסקור־סאַנטן, האָט דער אָנפירער געעפנט איינעם אַ פּולט, דעם מויעך פונעם גיגאַנטישן אָרגאַניזם. ער איז געווען, ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, אָנגעפּיקעוועט מיט הונדערטער, טויזנטער דראָטן־אָדערן פון צענדליקער קאָלירן: גרינע, רויטע, אָראַנזשעווע, געלע, בלויע, וואָס האָבן זיך געדרעגגט, געפּלאָכטן, ערגעץ־ווו געפּירט.

— מע דאַרף זײַן אַ געני זיך צו פּאַנאַנ־דערקלײַבן אין זיי, — האָט עמעצער פון די אַלטע ניט דרייסט געזאָגט.

דער אָנפירער האָט מיט אַ דערמונטערנ־דיקן שמייכל געקוקט אַף די פאַרלעגענע פּע־נעמער פון די אַלטע לײַט.

— אונדזער הײַנטיקע טעכניק אונטער־שיידט זיך אַ ביסעלע פון דער טעכניק, וואָס איז געווען אין אײַערע צײַטן.

— די וויסנשאַפטלעכע רעוואָליוציע? — האָט עמעצער געכאַפּט זיך.

— טאַקע זי, — האָט מיט ווירדע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ דער אָנפירער.

זעליקן איז דעמלט אופגעקומען אַ פּאַשעט־טער געדאַנק. אין זײַן צײַט איז געווען בלויז איין גראָבע עלעקטרישע ליניע, וואָס האָט קורץ און אומצווויידײַטיק דיקטירט, וואָס מע האָט צו טאָן. הײַנט, באַ די טויזנטער פּילקאָ־ליריקע אָדערן־דראָטן איז עס גאָר ניט פּאָשעט זיך פאַנאַנדערצוקלײַבן.

די דערמאָנונג האָט אַדורכגעבליצט אין מויעך, נאָר אַרויסזאָגן דעם פּלעמעניק האָט זיך עס ניט געלוינט. אין קעגנטייל, ער איז אַרי־בער אין אָנגריף.

— הייסט עס, אויב מע זאָל אוועקשטעלן אַף דײַן אָרט אַ ראָבאָט, וואָלט ער געקאָנט אָפּ־טאָן די זעלבע אַרבעט, ווי דו?

— צו דעם גייט עס, — האָט זיך דערפרייט דער פּלעמעניק, — ער וואָלט זיך נאָך עפּשער בעסער געספּראַוועט מיט דער אַרבעט.

---

[1] „וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער אַר־בעט".

— אַ נאַרישקייט! — האָט אויסגעשריִען טאַניע, — דו טרייבסט רעכילעס אַף זיך אַליין.

זי איז צוגעגאַנגען צום סעקרעטער, אַרויס־גענומען פון דאָרט אַ פּאַפּקע און זי אָוועקגע־לייגט פאַר זעליקן. דאָרטן זײַנען געווען צײַ־טונגס־אויסשניטן. סראָווע פון לאָקאַלע צײַטונ־גען. אין זיי האָט מען געלויבט מישען און זײַן צעך. געווען אויך דאָרטן אַן אויסשניט פון אַ צענטראַלער צײַטונג, אין וועלכן צווישן אַנדערע איז דערמאָנט געוואָרן אויך מישע אַלס איינער פון די, וועלכע האָבן די ערשטע אין לאַנד פאַרווירקלעכט אַף זייער געביט אַלע מאָסמיט־לען פון „נאָט".

— נו, איז דאָס די אַרבעט פון אַ ראַ־באָט? — האָט טריומפירנדיק געפרעגט טאַניע.

מישע איז געזעסן אַ ביסל אַ פאַרשעמטער און קעדיי פאַרמאַסקירן די פאַרלעגנהייט, האָט ער זיך ווויליִונגעריש אָפּגערופן צו זעליקן:

— איר פאַרשטייט, פּעטער, איר זײַנט גע־ווען סאָלדאַטן. איר האָט געקעמפט קעגן קלאַסן־סוינע. מיר האָבן ניט קיין קלאַסן־סוינע. זײַנען מיר טעכניקער, און בלויז טעכניקער.

— אָבער מיר האָבן ניט געקעמפט פאַר אַ געזעלשאַפט פון ראָבאָטן, — האָט זעליק בייז זיך אָפּגערופן.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. דאַן האָט זע־ליק מילדער צוגעגעבן:

— און דו ביסט אויך ניט קיין ראָבאָט. דו וועסט זיך נאָך מעיאַשעוו זײַן מיט דער איטאַ־ליענישער אינסטאַלירונג.

— דאָס וויל איך ניט און דאָס קאָן איך ניט טאָן. באַ אײַך איז געווען אַ פּילאַנטראָפּי־שע באַציִונג צו דער אינדוסטריע...

— אַ פּילאַנטראָפּישע?!

— נו, כ'האָב געמיינט זאָגן: ענטוזיאַסטי־שע. דאָס איז געווען באַרעכטיקט. ווײַל די אינ־דוסטריע איז נאָך דעמלט געווען אין די ווי־קעלעך. הײַנט האָבן מיר די מעכטיקסטע אינ־דוסטריע אין דער וועלט. זי נייטיקט זיך ניט אין פּילאַנטראָפּיע. יעדער דאַרף טאָן זײַן פליכט געוויסנהאַפט און ערלעך.

— פונדעסטוועגן... ס'איז דאָך דײַן צעך...

— איך ווייס, אַז אויב איך וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט איך מיך אײַנגעקויפט באַ די מאָסקווער נאַטשאַלניקעס, וואָס האָבן געמאַכט אַ לוסט־רײַזע קיין איטאַליע. אָבער דאָס וואָלט געהייסן כאַנפענען. דאָס וויל איך ניט, און דאָס דאַרף איך ניט.

זעליק האָט אַ קלער געטאָן וועגן מישעס פּאָטער. יענער, אַז ער האָט געוויזן זײַן ווירְ־טואָזקייט אין קאָרטן פאַר אַ פּאָריץ, באַ וועלכן ער האָט געדאַרפט אַרויסקריגן אַ שטיק וואַלד, פלעגט ער שטענדיק פאַרלירן באַ אים. דעם פּלעמעניק זײַנען אַזעלכע געניג פרעמד.

אָבער דאָס וואָרט „פּילאַנטראָפּיע", וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן באַ מישען, האָט ער ניט געקאָנט מויכל זײַן.

קעדיי אויסצולאָדן די געשפּאַנטקייט, האָט זעליק איבערגעביטן די טעמע.

— ווייסט איר וואָס? כ'האָב עפּעס גע־בראַכט פאַר אײַך. אָט וועל איך אײַך באַ־ווײַזן. — ער איז אַוועק אין זײַן צימער און אינגיכן זיך אומגעקערט מיט אַ גרויס בילד אין אַ ראַם.

— אָט דאָס איז דײַן מוטער. — האָט ער פײַערלעך געזאָגט. — איך האָב באַ עמעצן גע־פונען אַ גרופּן־פּאָטאָגראַפיע און פון דאָרט גע־לאָזט מאַכן אָט די פּאָטאָגראַפיע. דאָ איז זי נאָך גאָר אַ יונגע. נאָך ניט כאַסענע געהאַט.

מישע און טאַניע האָבן געקוקט אַף דער פּאָטאָגראַפיע.

— אַ שיינע, — האָט געזאָגט טאַניע.

— אַ גוטע, — האָט געזאָגט מישע.

— אַ האַרציקע, — האָט געזאָגט זעליק.

מישע האָט זיך האַסטיק אופגעהויבן, אַרויס אין קיך און זיך אומגעקערט מיט אַ האַמער און טשוועקעס. אינגיכן איז שוין דאָס בילד געהאַנגען אַפן בעקאָוועדיקסטן אָרט אין עס־צימער.

אַלע דרײַ זײַנען געשטאַנען פאַרן בילד. פון דער פּאָטאָגראַפיע האָט אַראָפּגעקוקט אַ יונג מיידל מיט טרוימערישע אויגן און אַ הויכן שטערן, באַקרוינט מיט אַ דיקן צאָפּ.

מישע און טאַניע זײַנען געשטאַנען פון פאָרנט, זעליק הינטער זיי. מישע האָט ניט גע־קאָנט זיך אָפּרײַסן פונעם בילד. פאַר אים, וואָס איז געוואַקסן אין קינדעראַנשטאַלטן, איז דאָס בילד פון זײַן מוטער געווען אַן אַנטפּלעקונג.

זעליק האָט געקוקט אַפן בילד און פאַר זײַנע אויגן איז אופגעשוווּמען דאָס געשטאַלט פון דעם אַלטן מעלאַמעד, וואָס קיינער ווייסט ניט, ווו זײַנע ביינער זײַנען אַהינגעקומען. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אַף מישען, ווי ער שטייט לעבן טאַניען און גאַפט אַפן בילד. „ער איז דען אַ ראָבאָט? ער שפּילט זיך בלויז אין ראָ־באָט", — האָט זעליק אַ טראַכט געטאָן און אין געדאַנק אַ פינטל געטאָן צום אומזעבאַרן אַלטן מעלאַמעד: „וואָרט, וועסט נאָך קריגן אַ טיקן אַף דער וועלט, ס'וועלן נאָך זײַן „קאַנדידאַט־לעך אויך".

— נו, און דער פּאָטער? — האָט מישע זיך סאַפּקאָלסאָף אָפּגעריסן פונעם בילד.

— ניט געקאָנט קריגן קיין פּאָטאָגראַפיע פון אים.

— דערציילט זשע מיר וועגן אים.

— ער איז געווען א פּייקער מענטש. א שאַרפן קאָפּ געהאַט. נאָר מיט אַלע זײַנע פּייקײַטן קוים געמאַכט כאַיונע. געהאַלטן שטענדיק אין אַרומפּאָרן און זוכן זײַן שטיקל ברויט.

— קאָמאַנדיראָווקעס?

— מ־מ־מ... יאָ, מע קען זאָגן: קאָמאַנדיראָווקעס.

דערציילן די יונגע סאָוועטישע אינזשעניערן, וואָס דאָס זײַנען געווען פאַר א „קאָמאַנדיראָווקעס", איז געווען אַן אומזיסטע טירכע. נאָר די דאַנקבאַרע צוהערער האָבן געוואָלט הערן וואָס מער וועגן שוירעש פונעם יונגן אינזשעניער, וואָס איז געוואַקסן אָן א פאַמיליע. האָט זעליק זיי דערציילט און דערציילט וועגן דער מישפּאָכע, וועגן אַלטן מעלאַמעד, וועגן מאַלקעלען.

יענעם אָוונט האָבן מישעס פענצטער אָפּן דריטן שטאָק נאָך לאַנג געלויכטן אין דער נאַכט. בײַ אַלע אַרומיקע פענצטער פונעם גרויסן מויער זײַנען שוין געווען אויסגעלאָשן.

4

אָף א פריש אָרט איז שווער אײַנצושלאָפן, ביפּראַט נאָך, ווען דער ערשטער טאָג איז געווען אַזוי אָנגעזעטיקט מיט איבערלעבענישן און געשעענישן. זעליק איז געלעגן אָף דער פּלייצע, געקוקט אָף דער סטעליע און געהאַלטן אין איין איבערטרייסלען די געשעענישן פונעם הײַנטיקן טאָג.

אַלץ, וואָס ער האָט געזען, געהערט און אויפגענומען פאַרן דאָזיקן לאַנגן טאָג, איז געווען פאַרשיידנאַרטיק, אָפּט קעגנזעצלעך און זיך ניט געוואָלט אַרײַנלייגן אין אויסגעפּרוּווטע ראַמען.

דער שלאָף איז אַלץ ניט געקומען.

אין זײַנע יאָרן שלינגען שוין מענטשן טאַבלעטקעס. זעליק מענאַקער האָט זיך נאָך דערווײַל אָפּגעהאַלטן דערפון. נאָר אין אָט דעם מאָמענט האָט אים א ביסל פאַרדראָסן, וואָס ער האָט ניט אין טשעמאָדאַן עפּעס־וואָס פון דעם, וואָס שמײַסט אונטער די לעבנספונקציעס, ווען זיי ווערן אָף דער עלטער אַלץ פוילער און פוילער.

פּלוצעם האָט די סטעליע זיך באַלויכטן מיט א ציטערדיקער בלאַסקײַט. זי האָט ווי פון זיך אַליין אַרויסגעלאָזט א פּולסירנדיקע שײַן — דאָ א העל־בלויע, דאָ א ראָזעווע. ער האָט א קוק געטאָן אָפן פענצטער. הינטער דער געדיכטער שטאָרע האָט געפלאַקערט א שעמערירנדיקע ליכט. דאָס האָט געאָטעמט די האַרבאַטע באַשעפעניש, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט ניט ווײַט פונדאַנען מיט אירע קוימענס, טרויבן, שיפּועדיקע דעכער און ריזיקע פענצטער, וואָס אָט שווײַגן זיי אין שטומער פינצטערניש, אָט לעבן זיי אויף מיט א העלן אָראַנזשעווע־רויטן פלאַקער.

„זריכעו!" — האָט זעליק פּלוצעם דערמאָנט זיך דאָס אַלטע וואָרט. אָט די זריכע, דעם זונשפּראָץ באַם אָנברוך פון טאָג, פאַרמאָגן דאָ די מענטשן א סאַך מאָל אין מעסלעס. עפשער דערפאַר לעבן זיי מיט אַזא טעמפּ.

די זריכע האָט אים עפּעס מאָדנע געצויגן. ער איז אַראָפּ פון בעט, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָפּגעצויגן די שטאָרע. די לינקע זײַט הימל האָט געשפּילט מיט א ווונדערלעכן פלאַקער. פונקט ווי עפּעס א נײַע זון, א יונגע און א פרישע, וואָס ווייסט ניט פון קיינע כומעשדיקע בערײַשעסן, איז דאָ אָקאָרשט געבאָרן געוואָרן און אופגעשײַנט איבער דער וועלט.

זעליק, א פאַרקישעפטער, האָט געקוקט אָף דער דאָזיקער שײַן.

ער האָט דערשפּירט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געזען, דורכגעמאַכט פאַרן דאָזיקן לאַנגן טאָג, שטעלט זיך אָף אַן אָרט, פאַרנעמט דאָס געהעריקע אָרט. די פליגלען, וואָס זײַנען געווען געפּענטעט באַם אַלטן מעלאַמעד, האָבן זיך דאָך פאַנאַנדערגעשפּרייט אין צווייטן דאָר. די האַכנאָעדיקײַט פון דער קאָשערער יידישער טאַטער, ווי אויך די ראַפינירטע דורכגעטריבנקײַט פונעם האָלץ־מעקלער, זײַנען דאָך געווען בלויז גרימאַסן פון דער עקלהאַפטער צײַט. אינדערעמעסן זײַנען זיי געווען גאָר אַנדערע מענטשן, און דער יונגערמאַן מיט די דינינקע שוואַרצע וואָנצעלעך, וועמען ער האָט אָנגענומען אין ערשטן מאָמענט פאַר א גרוזינער, באַווײַזט עס מיט זײַן גאַנצער האַלטונג, וואָס דערגייט אפילע צו טראַגיקײַט...

אַלץ שטעלט זיך אָף זײַן אָרט.

די זריכע אָף דער לינקער זײַט הימל האַלט באַם אַראָפּפאַלן. די פלאַמיקע רויטקײַט ווערט בלאַסער, זי גייט איבער אין א געלקײַט. און דאָ דערמאָנט זיך זעליק די בלאָנדע הויכע פריזור. אין טאַניעס רויט־וועורן, אין איר אײַנגעבויגענער פיגור, פון וועלכער ס'איז פאַרשווונדן אַלדאָס אָנגעשוואָנקטע און ס'האָט זיך אַנטבלויזט דאָס קערנדיק־מאַמעדיקע, איז געווען דער צוזאָג פון א העמשעך.

פון דעם שמאָלן געסל אין ווילנער אַלטשטאָט דורך די ראַכוועסן פון לאַנד ביז צו אָט דער נײַער זריכע אָפן שוואַרצן הימל פון דער יונגער שטאָט האָט זיך דורכגעצויגן איין גלײַכע ליניע.

דאָס אכזאָריעסדיקע וואָרט

דאָס פּאָנעם — אזויווי גראָב אויסגעטעסעט מיט א האק, א גריבלדיקס און מיט טונקעלע פּינטעלעך, ווי ס'פּאסירט אָפּט בא קוילנגרעבער, כאָטש אָט דער מענטש איז קיינמאָל אפילע אין די דאלעדאמעס פון א שאכטע ניט געשטאנען. עס איז דורכגעאקערט מיט טיפע קנייטשן, וואָס זײַנען אזוי פארשטיינערט־פארגליווערט, אז זיי זעען אויס ניט ווי געקומענע פון אלטקײַט, נאָר ווי באשאפענע פון בערייַשעס אָן. דערצו נאָך האָט דער באשאפער פארזייט אף אָט דעם פּאָנעם בראָדעווקעס, גרויסע ווי צײַטיקע פּיירעס: איינע אפן שטערן, די אנדערע אף דער לינקער באק און די דריטע אונטער דער אונטערשטער ליפּ, שוין ניט ריידנדיק וועגן א סאך קלענערע, וואָס האָבן זיך געדיכט אויסגעלייגט אף דער גאָמבע, אפן האלדז און אפילע אפן נאקן.

אזא פּאָנעם עלטערט זיך ניט. יויסעף קאָן אים שוין היפּשע יאָרן און אים דאכט זיך, אז איציק בראזגנער ענדערט זיך גאָרניט — אזוי קאלט פארשטיינערט זײַנען די גראָבע שטריכן פון זײַן צורע. אויגן האָט ער קליינע, קאלטע, פון א גרוילעך־גרינעם קעצישן קאָליר. זיי קוקן אפן מיטשמועסער אָנגעשפּיצט־פּארטײַעט. עס דאכט זיך, אז זיי וואַרטן נאָר, יענער זאָל זאָגן אן אומפּאָרזיכטיק וואָרט, א קרעכץ טאָן, אָדער זיך באקלאָגן, דאן וועלן זיי זיך אָנצינדן מיט פײַערלעך פון שאָדנפרייד. און נאָך איין אייגנשאפט האָט ער, אָט דער איציק בראזגנער. ער האלט א וואכזאם אויג איבער די עלטערע מענטשן, אָט די פון זײַן דאָר. טאָמער ווערט עמעצער מעסוקן קראנק, אָדער, כאָלילע, עס שטארבט ווער, איז איציק בראזגנער דער ערשטער, וואָס דערוויסט זיך וועגן דעם און זאָגט אלעמען אָן די שלעכטע בסורע.

יויסעף ווייסט עס. און אז דער טעלעפאָן צעקלינגט זיך און עס דערהערט זיך אין אים בראזגנערס הייזעריק־סקריפּענדיקע שטים, פאלט בא יויסעפן אײַן דאָס הארץ. ער ווייסט, אז דאָס וועט זײַן א שלעכטע בסורע. טאָמער האנדלט זיך וועגן א לעוויַע, וועט איציק בראזגנער ניט פארפעלן אָנצוזאָגן, אז מע דארף אומבאדינגט קומען, אפילע ווען דער ניפטער איז א וויַיטלעכער מענטש, און אז מע דארף מיט קאָוועד ארויסבאגלייטן אים אף יענערוועלט. ער אליין קומט שטענדיק אף לעוויַעס, אָנגעטאָן אין א שווארצן קאָסטיום מיט א שווארצן שניפּס אף דער וויַיסער מאנישקע און מיט א גרויסן בוקעט בלומען אין דער האנט. און ווער עס זאָל ניט זײַן דער פארשטאָרבענער, א נאָענטער מענטש, צי א וויַיטלעכער, שפּירט זיך שטענדיק בייס דער טרויער־צערעמאָניע, אז ער, איציק בראזגנער, איז דאָ דער גלאוונער מעכוטן.

יויסעף האָט ניט איבעריקנס ליב געהאט אָט דעם „שווארצן ראָב", ווי ער האָט אים גערופן פאר זיך, כאָטש א מענטש איז בראזגנער געווען א דערפארענער און זיך דורכריידן מיט אים איז געווען אינטערעסאנט. די צאָרע איז נאָר געווען, וואָס בייסן שמועס האָט מען זיך שטענדיק געדארפט ריכטן, אז אָט וועט ער מיט זײַן סקריפּענדיקער שטים ארײַנקארקען עפּעס־וואָס בייזס, אָדער זיך שלעכט אָפּרופן וועגן עמעצן.

דעריבער האָט יויסעף, דערזעענדיק בראזגנערן אף דער אָפענער טעראסע פון פּארק־קאפע, ניט געײַלט זיך אומקערן צו אים. ער האָט אפילע געקווענקלט, צי דארף ער זיך באגריסן, וואָרעם ער איז געגאנגען אין דער מיט פון דער ברייטער אלייע — א היפּשן מעהאלעך פון דער טעראסע. נאָר איציק בראזגנער האָט ענערגיש א פאָכע געטאָן מיט דער האנט, און יויסעף האָט פארקערעוועט צו דער טעראסע. בראזגנער איז געזעסן בא א טישל, געטרונקען א גלעזל קאָפע און גערייכערט. זײַן נאָז איז געווען באזאָטלט מיט א פּאָר גרויסע טונקל־גלאָזיקע ברילן. דערנעענטערנדיק זיך צו זײַן אלטן באקאנטן, האָט יויסעף געמוזט פעסטשטעלן, אז די דאָזיקע „וועלאָסיפּעדןברילן" ענדערן צום גוטן בראזגנערס פּאָנעם. זיי גיבן אים צו אן איידעלע סאָלידקײַט, מאכן אים, אזוי צו זאָגן, אינטעליגענטער.

— וואָס, ניט דערקענט מיך אין אָט די שפּאקולן? — האָט בראזגנער מיט זײַן נידעריקער שטים ארויסגעברומט.

— פארוואָס? די ברילן קליידן אײַך זייער. איר וואָלט געמעגט זיי טראָגן אפילע ניט אין אזא זוניקן טאָג.

— קליידן, ניט קליידן — איך שפּײַ אף דעם. דערווײַל זע איך נאָך גוט, טפּו־טפּו, קיין אײַנהאָרע... האלעוויַ אף אנדערע אין מײַן עלטער, זעצט זיך צו, איר ט'וואָס באשטעלן?

יויסעף איז צוגעגאנגען צום טאָמבאנק, געלאָזט זיך אָנגיסן א קאלטן קאָקטייל און מיט דער גלאָז אין דער האנט צוגעקומען צו בראזגנערס טישל און זיך צוגעזעצט.

— א צײַט מיט יאָרן ניט געזען. וואָס מאכט איר? — האָט בראזגנער געפרעגט, ארויסלאָזנדיק א וואָלקן רויך. ער האָט גערייכערט זשעדנע, ארײַנגעשלוקט א פּאָרציע רויך, אים

אײַנגעשלונגען און דערנאָך אַרויסגעלאָזט אים אין געדיכטע וואָלקנס דורך די נאָזלעכער, דורכן מויל, און, ס'האָט זיך געדאכט, אפילע דורך די אויערן.

— נישקאָשע, — האָט יוסעף געזאָגט, זיך א קרים געטאָן פון רויך.

— וואָס קרימט איר זיך? איר האָט דאָך, דאכט זיך, אליין ביז ניט לאנג גערייכערט.

— שוין א יאָר פינף ווי איך רייכער ניט.

בראזגנער האָט באדויערנדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפ:

— וואָס? לונגען? הארץ? — און, ניט דערווארטנדיק זיך אף אן ענטפער, ווײַטער געברומט: — זיך א וואקל געטאָן אונדזער דאָר, זיך א וואקל געטאָן. געווען דעמבעס, ריזן... ס'האָט זיך געדאכט, זיי וועלן קיינמאָל ניט אָפגענוצט ווערן... און איצטער... אָט ליגט פייגלסאָן אין שפיטאָל מיט א שווערן אינפארקט... געהערט? און שמועל ניימאַן טראָגט זיך ארום מיט זײַן פראָסטאטע, ווי מיט אן עוון־טויוו. ציטערט פאר זײַן הארץ, האָט מוירע צו מאכן אן אָפעראציע.

— איר זײַנט אלעמאָל געווען א מיזאנטראָפ, בראזגנער.

איציק בראזגנער האָט ארויסגעלאָזן א וואָלקן רויך דורך די נאָזלעכער, אראָפגענומען די ברילן און אָנגעשטעלט זײַן וואסערדיק־קאלטן גרוי־גרינעם בליק אף זײַן מיטשמועסער.

בא יוסעפן האָט א טיאָכקע געטאָן דאָס הארץ: איצט קומט עפעס א בייזקײַט.

— זאָגט מיר אָקאָרשט, וואָס מאכט אײַער פרוי? ווי האלט עס בא איר מיטן געזונט?

אָט דאָס איז עס! דער שווארצער ראָב ווייסט, ווו דער שוך קוועטשט. ער פרעגט ניט וועגן די זין, ער פרעגט ניט וועגן די שניר, די אייניקלעך, ער פרעגט וועגן דער פרוי...

כּדי וואָלט ער געפרעגט, דער דאָזיקער שווארצער ראָב, וועגן עלטערן זון, וואָס ארבעט דערפאָלגרײַך אף זײַן געביט, איז אליין א קאנדידאט פון וויסנשאפטן, האָט א פרוי, וואָס איז אויך א קאנדידאט און צוויי קינדער, צוויי דימענטן, וואָס לערנען זיך נאָך, מע זעט אָבער, אז זיי וועלן ניט פארשעמען די עלטערן. כּדי וואָלט ער געפרעגט וועגן ייִנגערן זון, וועלכער ארבעט אין א קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ, ווו מע האלט פון אים אוילעם־אומלייע. יוסעף וואָלט זיך עפשער א קרים געטאָן, רעדנדיק וועגן ייִנגערן זון, וואָרעם ראק מע שיקט אים אין קאָמאנדירונגען! ווו נאָר מע בויט א זאוואָד פון זײַן פראָפיל, שיקט מען אים אײַנשטעלן די טעכנאָלאָגיע, און ער ווערט אזויארום אף וואָכן אָפגעריסן פון זײַן היים, פון זײַן פרוי און קינד. יוסעף וואָלט גערעדט וועגן דעם מיט אומצופרידנקײַט, אָבער אין אָט דער אומצופרידנקײַט גופע וואָלט ארויסגעטראָטן זײַן צופרידנקײַט מיטן זון...

נאָר ניין, ער פרעגט וועגן דער פרוי. יוסעף צעפירט די הענט אין אן אומבאשטימטן זשעסט, הייבט אוף די ברעמען, פון וואָס עס צעלייגן זיך אפן שטערן געדיכטע פאראלעלע קנייטשן, נאָר איידער ער באווײַזט ארויסצוקוועטשן א וואָרט, הערט ער שוין ווידער די סקריפענדיקע שטים:

— איך פרעג עס אנטקעגן דעם, וואָס איך האָב געקאָנט אײַער שוויגער אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן. איר האָט זי דאָך ביכלאל ניט געקאָנט, הא? און איך בין דאָך פון זעלבן שטעטל, ווי אײַער פרוי, געוווינט דאָרטן ביז דער סאמע מילכאָמע, ווען איך האָב זיך עוואקויִרט פון די דײַטשן... נו?, און אײַער שוויגער איז געשטאָרבן הארט פאר דער מילכאָמע, געווען בא די זיבעציקער... נאָר די לעצטע יאָרן פון איר לעבן, די לעצטע יאָרן... — איציק בראזגנער האָט זיך פארכלינעט פון א גרויסן קנויל רויך, וואָס ער האָט אראָפגעשלונגען, און האָט זיך צעהוסט. זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

יוסעף איז געזעסן א שווײַגנדיקער. זײַנע פלייצעס האָבן זיך אראָפגעלאָזט, ער האָט געשפירט, אז עס רוקט זיך אף אים אָן עפעס אומהיימלעכס.

— די לעצטע יאָרן איז זי געווען שוין גאָר אויס מענטש. קיין זאך ניט געדענקט, שווער דערקענט מענטשן, גערעדט ניט צו דער זאך, און אויסגעזען האָט זי — אן אויסגעטריקנטע פײַג. אינגאנצן אײַנגעשרומפן געוואָרן, אויסגעטריקנט, דאָס פענעמל איז געוואָרן קליין, פארדארט, הוילע קנייטשן... אמאָל פלעג איך זי טרעפן אין מיטן גאס, ווי זי קוקט זיך אומבאהאָלפן ארום, ווײַל זי האָט פארגעסן, ווו זי גייט. פלעג איך זי אָפפירן אהיים. אפן וועג פלעגט זי פרעגן: „דו ביסט ניט שיינע־לייעס דער בעקערנס זון?" — „ניין, איך בין פון די בראזגנערס, פון דער אײַזן־קלייט". און אין עטלעכע טעג ארום, אז איך פלעג זי ווידער טרעפן, פלעגט זי פרעגן די אייגענע פראגע: „דו ביסט ניט שיינע־לייעס דער בעקערנס זון?" אָט אזא איז זי געווען די לעצטע יאָרן... איך דערצייל עס אײַך אנטקעגן דעם, וואָס אײַער פרוי איז דאָך איצט אין די זעלבע יאָרן... דארף מען גוט אכט געבן. א ווילער מענטש געווען אמאָל אײַער העניע...

— מײַן פרוי? — האָט צעשטרייט זיך אָנגערופן יוסעף. — א דאנק, נישקאָשע, נישקאָשע... די עלטער שפירט זיך, פארשטייט זיך, אָבער ס'איז נישקאָשע, נישקאָשע.

יוסעף האָט זיך אופגעהויבן, איציק בראזגנער — אויך.

— לאָמיר זיך דורכגיין. אַ פֿײַנער וועטער, דאַרף מען זיך דורכגיין. איר ווייסט, יויסעף, איך האַלט ניט פֿון די הײַנטצײַטיקע פּילן און פּראָשקעס. אַ גוטער שפּאַציר אונטערן פֿרײַען הימל, פֿרישע לופֿט — דאָס איז די בעסטע רעפֿועה. ניט אַזוי?

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט צוגעשטימט יויסעף, נאָר גלײַך ווי זיי זײַנען אַראָפּ פֿון דער טעראַסע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיטן אויסרייד, אַז פֿאַר אים איז שוין צו שפּעט, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק צום אַרויסגאַנג פֿון פּאַרק.

* * *

יויסעף איז אָבער ניט אַוועק אַהיים. דאָס, וואָס בראַזגנער האָט אים דערציילט וועגן זײַן פֿרוס מוטער אויף דער עלטער, איז פֿאַר אים געווען נײַ און האָט אים אויפֿגערודערט. אַלץ, וואָס בראַזגנער האָט דערציילט וועגן זײַן שווינגער, איז דאָך איצטער בײַ זײַן פֿרוי, בײַ זײַן זשעניען. אויף ייִדיש איז דאָ אַן אַכזאָריעסדיק וואָרט, מיט וועלכן מע באַצייכנט עס. יויסעף האָט מוירע געהאַט אַפֿילע אין געדאַנקען אָנצורופֿן אָט דאָס וואָרט. ער האָט עס גערופֿן מיטן הײַנטצײַטיקן נאָמען. נו, סקלעראָז, אַ ביסל סקלעראָז. מיט וועמען קומט עס ניט פֿאָר אויף דער עלטער? און וואָס שאַרפֿער די דערשײַנונגען זײַנען אַרויסגעטראָטן בײַ זײַן פֿרוי, אַלץ מיט אַ גרעסערער ליבע און זאָרג האָט ער זי אַרומגערינגלט.

ער האָט געשפּאַנט איבער דער שאָטנדיקער זײַט פֿון אַ שטילער אײַנגעשלאָפֿענער גאַס, וואָס פֿירט אויסער דער שטאָט. אין קאָפּ האָבן זיך געשטופּט געדאַנקען־דערינערונגען.

אָנגעהויבן האָט זיך אַלץ פֿונעם טויער.

דאָס איז געווען אַ געוויינלעכער הילצערנער טויער אויף אַ זײַטיקער שטילער גאַס פֿון דער גרויסער ליטווישער שטאָט. דער טויער האָט געהאַט אַ קאַליטקע, דורך וועלכער מע האָט געדאַרפֿט דורכגיין, זיך אײַנבויגנדיק און אויפֿהייבנדיק הויך די פֿיס. די צוויי גראָבע סטויפּעס, וואָס האָבן געהאַלטן דעם טויער, זײַנען געווען אײַנגעבויגן און אײַנגעהויקערט פֿון אַלטקײַט. פֿון דאָזיקן טויער האָט געשמעקט מיט אַ קליינשטעטלדיקײַט, וואָס פֿאַרשטייט אַליין, אַז זי האָט שוין אָפּגעלעבט, נאָר קלאָמערט זיך נאָך מיט אירע זקײנישע הענט פֿאַרן לעבן. דער טויער האָט געפֿירט אין אַ הויף, וווּ ס'איז געשטאַנען אַ לאַנגער, אומעטיקער צווייגשטאָקיקער מויער, אַן אַלטער, מיט אָפּגעקאַלופּעטן טינק און מיט קליינע פֿענצטער אין די גראָבע ווענט. אין אים, אויפֿן צווייטן שטאָק, אין אַ דושנעם צימער מיט אַ נידעריקער סטעליע האָבן געלעבט צוויי מיידלעך, צוויי שוועסטער. אויף די דאָזיקע מיידלעך, האַגאַם נאָך יונגע, האָט גערוט עפּעס אַ צער פֿון אַן אָפּגייענדיקן לעבן, וואָס זײַן שוירעש ליגט אין דער קליינשטעטלדיקער פֿאַרגאַנגענהײַט. און דאָ האָט יויסעף זיך דערמאָנט און מיט אַ באַזונדער שאַרפֿקײַט באַנומען קולבאַקס ווערטער.

א לויב צו די ייִדישע טעכטער,
אַליין ערגעץ־ווו אין אַ מויער,
באַהאַלטענע אײַנזאַמע וועכטער
פֿון טרויער, פֿון אייביקן טרויער.

די דאָזיקע מיידלעך האָבן געהאַלטן אַן אָפֿענע שטוב, צו זיי פֿלעגן אַרײַנקומען אַ סאַך יונגעלײַט. מע האָט געשמועסט, פֿאַרבראַכט, געזונגען. די אַטמאָספֿער איז דאָרטן געווען אַ צניִעסדיקע: מעסיק געפֿלירטעוועט, פֿיל געבענקט.

מיט דער צײַט איז דער ראָמאַנטישער שלייער, וועלכן יויסעף האָט אַרופֿגעוואָרפֿן אויף די צוויי שוועסטער, אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זײַנען צוויי ניכטערע, פּראַקטישע מיידלעך, וואָס אויב זיי זײַנען געווען וועכטער, זײַנען זיי עס געווען ניט פֿון יענעם פֿאַרגייענדיקן קליינשטעטלשן טרויער, נאָר פֿון יענער אייגנשאַפֿט, וואָס איז עפּשער די שטאַרקסטע און דויערנדיקסטע בײַ ייִדן: פֿון שטרעבן צו אַ טאַכלעס. די מיידלעך זײַנען געווען באַהערשט פֿון איין פֿאַרלאַנג: נאָר ניט, כאָלילע, פֿאַרזעסן ווערן, כאַסענע האָבן, כאַסענע האָבן, וואָס דאָס זאָל ניט קאָסטן... אויף דעם איז געווען אײַנגעשטעלט זייער גאַנצע פֿירעכץ: זייער אָנטאָן, זייער באַנעמען זיך, דאָס שטעלן קיבעד פֿאַר די יונגעלײַט, וואָס קומען אַרײַן, אַפֿילע ווען אָט דער קיבעד איז פֿאַרשאַפֿן געוואָרן אויפֿן כעזשבן פֿון זייער אָרעמער וועטשערע.

אין אַ קעמערל לעבן דער קיך האָט דאָ געלעבט אויך אַ מאַמע, אַ פֿריצײַטיק פֿאַרעלטערטע פֿרוי מיט אַן אײַנגעבויגענעם רוקן. ווען זי פֿלעגט זיך באַווײַזן אין צימער צו שפּרייטן דעם פֿאַרצירעוועטן טישטעך און אָפּמעסטן די פּאָרציעס אײַנגעמאַכטס אין די בלויע טעלערלעך, פֿלעגט אויף איר פּאָנעם בלאָנדזשען אַ שולדיקער האַכנאָעדיקער שמייכל. דער דאָזיקער שמייכל האָט געזאָגט: זאָל מיר די וועלט מויכל זײַן מײַן כוצפּע, נאָר איך מוז, מוז כאַסענע מאַכן מײַנע אָן־נאַדעניצעס.

קעדיי מער צוציִען יונגעלײַט אין זייער דירע, האָבן די שוועסטער זיך אַרומגערינגלט מיט עטלעכע כאַווערטעס, גרויע באַשעפֿענישלעך, וואָס האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט ניט מיט זייער שיינקײַט, ניט מיט זייער האַלטונג, ניט מיט זייער סייכל. אויף אָט דעם גרויען פֿאָן האָבן די ביידע שוועסטער בעסער אויסגענומען.

אָט די גרויִנקע מיידלעך זײַנען געווען די פֿעסטונג, וואָס די שוועסטער האָבן אַרום זיך

אויסגעבויט. און דאפקע די דאָזיקע פעסטונג האָט זיי ביטער אָפּגענארט.

יויסעף איז געווען אן ארײַנגייער אין אָט דער שטוב. ער האָט זיך דאָרטן געפילט היימלעך. מאשמאָעס, מע האָט אים דאָרטן געהאלטן פאר א „פעסטן" קאנדידאט. די פּאָרציעס אײַנגעמאכטס, וואָס מע האָט אים ארײַנגעלייגט אין בלויען טעלערל, זײַנען געווען א קאַפּעטשקע גרעסער, ווי בא די אנדערע.

די עלטערע שוועסטער האָט געגאָלטן פאר א קלוגער, די ייִנגערע — פאר א שיינער. אינדערעמעסן איז דער ניואנס געווען ניט אזא גרויסער, נאָר ער איז פאָרט געווען. פאר דער ייִנגערער האָט יויסעף געשפּילט דעם קאַוואַליער, און דאָס איז אים געווען אָנגענעם, ווײַל דאָס מיידל האָט זיך מיט אלע מיטלען געכיינדלט צו אים. מיט דער עלטערער האָט ער גערן געשמועסט, און דאָס האָט אים אויך פארשאפט פארגעניגן.

און אין דער צײַט, ווען ער האָט זיך אזוי געוואקלט צווישן „קלוג" און „שיין", האָט פּאַסירט פּאָלגנדעס.

אין איינעם אן אָונט, ווען אין צימער מיט דער נידעריקער סטעליע האָט זיך פּלוצעם אײַנגעשטעלט א שטילקײַט, האָט די עלטערע שוועסטער א וואָרף געטאָן צו איינער פון אָט די גרויע מיידלעך:

— זשעניע, דו האָסט דאָך א פײַן שטימעלע, עפּשער וועסטו אונדז עפּעס אויסזינגען...

אלע אויגן האָבן זיך א ווענד געטאָן צום מיידל, וואָס איז געזעסן אין ווינקל, און יענע האָט זיך פארויטלט — קענטיק, זי איז ניט געוווינט געווען צו זײַן אין צענטער פון אופמערקזאמקײַט. די דאָזיקע רויטקײַט פון פארלעגנהײַט האָט עפּעס ווי באלויכטן דאָס מיידל מיט אן אינווייניקסטער שײַן, און דאָס איז געווען דאָס ערשטע, וואָס יויסעף האָט דערזען אינעם מיידל, וואָס ער האָט ביז איצט קימאט ניט באמערקט.

א שטים האָט זי געהאט ניט קיין שטארקע, אָבער א ריינע און זייער אָנגענעמע. אז זי האָט אָנגעהויבן זינגען, זײַנען יויסעפּס אויגן שוין אינגאנצן געווען צוגעשמידט צו איר. איר פּאָנעם האָט פארלאָרן דעם געוויינלעכן אויסדרוק פון אומבאדײַטנקײַט, אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט א לעבעדיקער שפּרודלקײַט, די נאָז־פליגלען האָבן זיך אָנגעשטרענגט אין א שארפער סענסועלקײַט, דער קאָפּ האָט זיך ארויסרופעריש אופגעהויבן, דער קורצער האלדז האָט זיך ווי אויסגעצויגן און געוואָרן לענגער. און דאָס אלץ איז געווען ניט געלײַענס, ס'איז געקומען ניט פון די ווערטער פון ליד, ניט פון דער מעלאָדיע, נאָר ס'איז ארויסגעקוואָלן פון דער טיף, פון אינווייניק. ס'איז געווען א קישעף, וואָס האָט פארכאפּט יויסעפן.

געזונגען האָט זי זאלמען שנייערס „די מארגאריטקעס". די מעלאָדיע האָט זיך טייקעף אָפּגערופן אין אלעמענס הערצער, נאָר די ווערטער זײַנען געווען אומבאקאנטע: זי האָט געזונגען אף העברעיִש.

בחורשה, על אמת־המים שם פרחו
מרגניות צנועות לבד,
כשמשות קטנונות — קרניהן צחרחורת,
צחרחורת הן: טרה־לה, לה־לה.

נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט, איז אין צימער געוואָרן לעבעדיק: פארוואָס אין העברעיִש, ס'איז דאָך א ייִדישע ליד.

— ווײַל זאלמען שנייער האָט עס אָנגעשריבן אף העברעיִש, — האָט זשעניע קאטעגאָריש געזאָגט.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א וויקועך, צי איז די ליד געשריבן געוואָרן אף ייִדיש, צי אף העברעיִש. אף ייִדיש קלינגט זי דאָך אזוי שיין, ניט ווי אן איבערזעצונג, נאָר ווי אן אָריגינאַל. זאָל זי עס זינגען אף ייִדיש...

זשעניע האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. דאָס מאָל האָט זי געזונגען העכער, פריילעכער, מיט א יוגנטלעכן ברען. איצטער האָט די ליד, א באפרײַטע פון אירע קאלטע קלאסישע פאָרמען, געקלונגען פריילעך־לעבעדיק און האָט ארויסגעבראכט די פּולבלוטיק־ערדישע בענקשאפט נאָך ליבע, וואָס דער מעכאבער האָט אין איר ארײַנגעלייגט.

אלע האָבן אָנגעהויבן מיטזינגען. זשעניע איז ארויס אין מיטן צימער, געזונגען און דיריזשירט מיט די הענט. איר טרא־לא־לא באם סאָף פון יעדן פערז האָט געקלונגען ווי א פארפירערישער געצוויטשער פון א נימפע אין וואלד.

יויסעף איז געווען געפּלעפּט. דאָס מיידל איז געווען פאר אים אן אנטפּלעקונג.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך נעענטער באקאנט מיט איר, האָט ער דערזען פאר זיך א מענטשן, א ניט־דרייסטן, וואָס ווארפט זיך ניט אין די אויגן, נאָר אינערלעך — מיט א שלאל רײַכקײַט. זי איז געווען א שטילע, א שעמעוודיקע, נאָר אין דער טיף פון דער נעשאָמע איז געלעגן אן אוצער פון צארטקײַט, וואָס האָט נאָר געווארט צו עפענען זיך פאר דעם, וואָס איז ווערט אהין ארײַנצוקוקן. די ראָמאנטיק, נאָך וועלכער ער האָט אומבאוווסטזיניק געבענקט, שפּרײַזנדיק דורך דער הילצערנער קאַליטקע אין אלטן מויער, האָט ער געפונען — אָבער אין אן אנדער פלאַך. זשעניעס ניט־באַשיצטקײַט, די אנטבלויזטקײַט פון איר נעשאָמע, האָבן אופגעוועקט אין יויסעפן אזעלכע ריטערלעכע געפילן, וואָס ער האָט גאָרניט גע־

שפירט אין זיך. דאָס זײַנען געווען אָבער נאָטירלעכע געפילן, וואָס וועקן זיך אויף אין דעם שטארקן מאנצבל לעגאבע דער שוואכערער העלפט, דער העלפט, דער ווײַבלעכער.

ווײַטער איז אלץ געווען, ווי עס האָט באַדארפט זײַן.

...אָט די ניט־באַשיצטקײַט, די אנטבלויזטקײַט פון דער נעשאָמע איז אָבער געוואָרן דער קוואל פון גרעסטן פײַן זײַנעם בייס די שרעקלעכע פיר יאָר, ווען ער האָט זיך געוואלגערט אין די אָקאָפּעס. ער האָט באוויזן אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע זיך צו עוואקוירן מיט דער מישפּאָכע. אוועקגייענדיק אפן פראָנט, האָט ער איבערגעלאָזט זײַן פרוי מיט די צוויי אייפעלעך אין אן אוראלער שטעטל מיט א שטיקל דאך איבערן קאָפּ, אָבער אָן שום מיטלען און מיט זייער נעפלהאפטע אויסזיכטן. ווי וועט זי ווײַטער לעבן, שיצן זיך און די צוויי קינדערלעך זייערע?

ער האָט מיט אנגסט געטראכט ניט נאָר וועגן דעם, ווי וועלן זיי דורכשטופן די שווערע מילכאָמע־יאָרן. מילכאָמע איז אן אלגעמיינע צאָרע, א פאָלקס־אומגליק, און ווי דאָס פאָלק וועט דורכבידעווען די צײַט, וועט אויך זײַן מישפּאָכע, א פיצינקער טייל פונעם פאָלק, אויך איבערבידעווען. ער האָט געטראכט, וואָס וועט ווײַטער זײַן, ווען די קינדער וועלן אונטערוואקסן, מע וועט זיי דארפן לערנען, שטעלן אף די פיס. ווײַל יוסעף האָט אין יענעם פײַער־ווירבל געהאלטן, אז זײַן לעבן האָט גאָרניט די ווערט: ער האָט מער שאנסן צו בלײַבן אפן שלאכטפעלד, ווי צו קומען אהיים.

און אז סאָפקאָלסאָף איז געקומען די אויסגעבענקטע שאָ, דער רויך פונעם ברענענדיקן רייכסטאג איז געשטיגן צום הימל, אָנזאָגנדיק דער וועלט דעם סאָף פון דער פינצטערסטער צײַט אין אייראָפּע, און אלע האָבן געיובלט, געשפרונגען, געשאָסן אין דער לופט, האָט יוסעף א שטוינענדיקער געקוקט אף זיך, שיר ניט געטאפט יעדן גליד זײַנעם: דאָס איז ער? ער לעבט?

און פונקט אזוי האָט ער געשטוינט שפעטער, ווען ער איז געקומען צו זײַן פאמיליע און געטראָפן זײַן זשעניען, זײַנע זינדעלעך, עמעס, אָפגעצערטע, מיט אײַנגעפאלענע באקן, אָבער גאנצע, געזונטע, מיט שײַנענדיקע אויגן. עס איז געווען א נעס. ער האָט ניט געגלייבט זײַנע אויגן, ער האָט געדריקט צו דער ברוסט זײַן זשעניען, געהויבן אין דער לופט דאָ איינעם פון די זינדעלעך, דאָ דעם צווייטן, און דאָס הארץ האָט געקוואָלן פון פרייד. וויאזוי האָט דער נעס פאסירט?

ניט אזוי פון איר, ווי פון די ארומיקע, האָט זיך יוסעף דערוווסט, ווי אקטיוו, ווי ענערגיש איז געווען זײַן זשעניע אין יענע יאָרן. ווו איז אהינגעקומען איר ניט־באַשיצטקײַט? זי איז געווען א לייביכע, וואָס האָט מוטיק און אקשאָנעסדיק געקעמפט פאר אירע קינדער, פאר איר אייגן לעבן. יוסעף האָט געהערט מיט א שמייכל אָט די דערציילונגען און געשטוינט. ער האָט עס ניט געקאָנט פארשטיין, ער האָט עס געקאָנט בלויז באוווּנדערן.

אָט די באוווּנדערונג, אויסגעמישט מיט דער ליבע, וואָס האָט אפסנײַ אויפגעפלאקערט אין אים, איז געווען דער יעסאָד פון זײַן פאמיליען־לעבן. אזוי די אלע יאָרן ביז צום הײַנטיקן טאָג.

און איצטער דאָס שווערע, דאָס אומפארמײַדלעכע.

פאר יוסעפס אויגן שווימט אויף דאָס אויסגעצערטע פּאָנעם פון זײַן פרוי. די הויט איז בלאס, צערונצלט. דאָ און דאָרט זעען זיך געלע פינטעלעך, דער זייכער פון די אמאָליקע זומער־שפרענקלעך. דער אויסדרוק פונעם פּאָנעם איז א ניט־דרייסטער, א זוכנדיקער. ווי בא א קינד, וואָס איז באאוולט געוואָרן און עס פארשטייט ניט פארוואָס און פארוועו. זי פארשרײַבט שטענדיק אף פאפירלעך, וואָס זי דארף טאָן און וואָס זי דארף קויפן. נאָר די פאפירלעך פארוואלגערן זיך און זי ווייסט ניט, ווו זי האָט זיי אהינגעטאָן.

א כוואליע פון צערטלעכקײַט הייבט זיך אין אים אויף, פארפילט אים אזוי, אז זי רופט זיך מאמעש ווייטעקלעך אָפּ אין אלע זײַנע גלידער...

וואָס האָט ער געזאָגט, דער שווארצער ראָב? „ארום די זיבעציקער"... אָבער זשעניע איז דאָך אריבערגעשטיגן די זיבעציק יאָר, וואָס זײַנען געווען אָפגעמאָסטן פאר איר מוטער. איז וואָס איז זיך דאָ צו וווּנדערן? צו וועמען קאָן מען האָבן טײַנעס? עס בלײַבט נאָר צו פארטאָפּלען, פארצענפאכן די צערטלעכע זאָרג ארום איר.

די גאס, וואָס פירט צום ראנד פון דער שטאָט, האלט זיך באם ענדיקן. אייגנטלעך ענדיקט זי זיך צוויי מאָל: דאָס ערשטע — מיט קליינע, אלץ שיטערווערנדיקע הײַזלעך, דאָס צווייטע מאָל — מיט גרויסע הײַנטצײַטיקע מויערן, וואָס זײַנען לעצטנס אויסגעוואקסן אף די פוסטענישן און פון וועלכע עס וועט זיך מיסטאמע אָנהייבן א נײַער קווארטאל. די שטאָט וויל אויך האָבן א העמשעך...

אין א קנאפער שאָ איז ער דורכגעגאנגען די גאס. און מיט איר — אויך קימאט דאָס גאנצע לעבן.

ווען ער דארף אָנהייבן זײַן לעבן אפסנײַ, וואָלט ער געגאנגען דעם זעלבן וועג.

און וואָלט געמאכט דעם זעלבן אויסוואל.

יוסף בורג

א נײַער אָנהייב

ס'איז געווען א זוניקער פרימאָרגן. די אַלטע געגנטלעכע גרענעץ־שטאָט אַפן סאַמע דאָרעם, באַגאָסן מיט גינגאָלד, האָט געאָטעמט מיט שאַרפע רייכעס פון זיסלעך־צעבליטע לינדן־ביימער, וואָס זײַנען אָנגעטאָן געווען אין ווײַסן צוויט. די פּיל־צאַליקע קלויסטער־טורעמס האָבן גײַוועדיק געציילעמט די ראַנדן פון נײַ־אויפגעקומענע קוואַרטאַלן, די גאַנצע שטאָט האָט זיך געבאָדן אין דער בלויקייט.

בלוי — די פאַרב פון יונגן כאַלעם.

און ער איז געווען יונג.

געווען פעסט געבויט, מיט שנעלע אומ־רויִקע באַוועגונגען, וואָס האָבן דערציילט וועגן איבערפלוס פון ענערגיע. זײַנע טונקעלע אייל־בירט־אויגן האָבן גאָרניט געבעטן, נאָר אַלץ פאַרלאַנגט. און אַרום די אויגן, אַף זײַן ברייט מענערישן פּאָנעם, וואָס איז געווען צוגעבריענט פון דער זון, האָבן עטלעכע זומער־שפּרענקע־לעך ווי אונטערגעשטראָכן זײַן קלוגן בליק.

אײַנגאַנצן א כוידעש, זינט ער האָט געענ־דיקט דעם מאָסקווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, און איצט, גייענדיק צום אַנשטאַלט, וווּהין ער האָט באַדאַרפט זיך יאָווען אַף אַרבעט, זעט ער, ווי אַפן גאַנצן וועג הייבן זיך צום הימל מעכ־טיקע הייב־קראַנען, גלײַך ווי גיגאַנטישע הענט וואָלטן זיך געשטרעקט צו דער זון. אין דער לופט האָבן געשוועבט גאַנצע פּאַרטיקע בלאָקן, מיט טירן און פענצטער, עס האָט זיך געקלאַ־מערט א וואַנט צו א וואַנט, און מאַמעש פאַר די אויגן זײַנען אין א ריטמישער שנעלקייט געוואַקסן עטאַזשן. געוואַקסן פּונקט, ווי די צײַט, וואָס לייגט זיך צונויף פון סעקונדעס און מינוטן. צענדליקער זונען האָבן זיך צע־פלאַקערט אין די פענצטער, און די שויבן האָבן זיך צעזונגען מיט א מין פאַרביק געזאַנג.

נעכטן נאָך האָבן פּאַזע דעם וועג זיך גע־ווײַסלט דאָרפישע שטיבער מיט גערטנער פון פּאַרנט, און פויערטעס האָבן געפירט גרינוואַרג אַפן מאַרק. נעכטן... ס'האָבן באַדאַרפט פאַרגיין פינף יאָר, אַז עס זאָל דער נעכטן פאַרוואַנדלט ווערן אין א מעכטיקער פּאַנאָראַמע פון נײַע קוואַרטאַלן, אָנגעפּילטע מיט זון. און ער האָט דערפילט א באַגײַסטערטע נאָענטקייט צו די מענטשן אין געלע קאַסקעס, וואָס האָבן אין א ריטמישן סיידער געווימלט אַף די בויונגען, געטאָן זייער קלוגע אַרבעט.

דער הויפּט־אינזשעניר פון א פּראָיעקטיר־אינסטיטוט, א מאַן אין די מיטעלע יאָרן, ווע־מען ער האָט דערלאַנגט זײַן אָנווײַזונג, האָט אים זייער פרײַנטלעך אויפגענומען, א ווײַלע געקוקט אין זײַנע פּאַפּירן, דערנאָך איבערגע־פירט דעם בליק אַף אים אַליין, ווי זיך וואָלטן אין עפּעס איבערצײַגן, א שמייכל געטאָן און גוטברודעריש אויסגערופן:

— נו, מאַרעק, אין א גוטער שאָ!

דער שמועס איז געווען א קורצער, גלײַך פאַר ביידן איז שוין אַלץ קלאָר, אַלץ באַשלאָסן, און מאַרעק איז אַרויס פונעם אינסטיטוט אַף דער טומלענדיקער גאַס מיט א פאַרזאָרגטן בליק.

ער איז אַפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן, מיט־אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, און אַזוי, א מינוט, צי צוויי, געבליבן באַוועגלאָז שטיין אַף אַן אָרט.

געשטאַנען איז ער אינמיטן גאַס, ווי ניט קיין היגער, ווי אַף א שיידוועג, און איבער דער גאַס האָט געשטראָמט א גאָלדיק־פאַר־טראַכטער פרילינג. און אים האָט זיך אויסגע־וויזן, ווי אין פלאַנטער פון די שטאָטישע קלאַנ־גען רײַסט זיך אַרײַן א שטים, וואָס זאָגט אים:

— באַטראַכט זיך גוט, מאַרעק!

ער דאַרף אָט מאָרגן ווערן דער אָנפירער פון א גאַנצער גרופּע פּראָיעקטאַנטן, אָנפירן מיט א טעכניש־געשולטן קאָלעקטיוו.

צי וועט ער זיך ספּראַווען?

און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער גייט
אַרײַן אין אַ טאָג, וואָס איז ניט זײַנער.

וואָלט כאָטש געווען מיט וועמען זיך באַ־
ראַטן. ער האָט געהאַט אַמאָל ניט ווייניק מיט־
שילער, מיט וועלכע ער האָט זיך געכאַווערט.
נעמט ער זיי איבערקלײַבן אין זיקאָרן — קיי־
נער איז ניט פאַראַן. אַלע זײַנען נאָכן צענטן
קלאַס זיך צעפאָרן. וועער קיין לענינגראַד, וועער
קיין נאָוואָסיבירסק. ווײַזט אויס, פאַרבליבן אין
יענע קאַנטן. ער וואָלט זיך אויך ניט אומגע־
קערט אין אָט דער פּראָווינציִעלער שטאָט, ווען
ניט זײַן פאָטער, וואָס האָט ניט אײַנגעריסן קיין
וועלטן, נאָר געגעבן אָנצוהערן:

— אין דער היים וועסטו אויך ניט זיצן
מיט קיין ליידיקע הענט...

און ער האָט ניט געוואַגט זיך קעגנשטעלן
דעם פאָטערס באַגער, כאָטש מיט זײַן רויטן
דיפּלאָם האָט ער געהאַט אַלע מעגלעכקייטן
אָנצוקומען אין דער אַספּיראַנטור, אַף דער קאַ־
טעדרע פון שטאָט־בויונג.

עפּשער זיך טאַקע מיטן פאָטער אָן אייצע
האַלטן?

ווייסט ער אָבער, וואָס זײַן פאָטער וועט
ענטפערן:

— ביסט איצט אַ דערוואַקסענער מענטש,
מאַרעק, טו ווי דו פאַרשטייסט.

און פון צווישן אָט די ווערטער וועט זיך
אַרויסהערן אַן אַנדער קאָל:

— מײַן דאָר האָט ניט געהאַט קיין אויס־
וואַל. מיר האָבן געמוזט מילכאָמע האַלטן מיט
אַן אַכזאָריעסדיקן סוינע. דערנאָך אופשטעלן
אונדזערע כאָרעווע היימען.

דאַרף ער נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל דער־
פילן אין זיך דעם אייגענעם קויעך. דאַרף זיך
אײַנוואָרצלען אין אַ לעבן, פאַר וועלכן ער
שרעקט זיך. און אינעם יונגן לויטערן מאָרגן
האָט אַ צאַפּל געטאָן מיט אַ שטילער בענק־
שאַפט נאָך יענע פרײַע סטודענטישע יאָרן, פול
מיט ברויזנדיקן אומרו.

אַ פאַרזונקענער אין געדאַנקען, ווי ער
וואָלט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עס קומט
פאָר אין זײַן נעשאָמע, האָט מאַרעק מיט גרינ־
גע, פּאַמעלעכע טריט זיך פאַרנומען מיט דעם
זעלבן וועג אַף צוריק.

ניין, ער וועט פון דעם פאַרשלאָג זיך אָפּ־
זאָגן. ער טראַכט ניט בלײַבן דאָ אַף שטענדיק.
נאָך הײַנט וועט ער פאַרפּאַקן זײַן ייִנגלש פאַר־
מעגן און זיך אומקערן קיין מאָסקווע, פּרוּוון
דאָרט ענדערן זײַן אָנווײַזונג.

די גאַס, מיט אירע קלאַנגען און רייכעס,
האָט אים ביסלעכווײַז באַרויִקט, און זײַנע מאַכ־
שאָוועס האָבן אָנגעהויבן זיך דערווײַטערן פון
דעם הײַנטיקן שמועס מיטן הויפּט־אינזשעניער.

אין אַ דערבײַיִק גערטנדל, מיט הוידלקעס
און קליינע פאַרביקע צויבער־שטיבלעך צווישן
סימעטריש־אַרומגעשניטענע ביימלעך, האָט זײַן
אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן דער געפילדער פון
קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין כאַפּער־
לעך. ער האָט זיך דערנעענטערט. נאָכגעשפּירט
די שפּרינגענדיקע, לאַכנדיקע קינדער.

קינדער טראַכטן ניט וועגן מאָרגן.

פּלוצעם האָט אין זײַן קאָפּ זיך גענומען
דרייען אַ ניגון, מיט ווערטער לאַנג שוין פאַר־
געסענע.

קינדער... שפּילן, ווען זיי ווילן...

און וואָס מער ער האָט געוואָלט זיך באַ־
פרײַען פון דעם ניגון, וואָס האָט אופגעוועקט
אַ פאַרשלאָפן ווינקל אין זײַן זיקאָרן, אַלץ מער
האָבן די ווערטער זיך צונויפגעלייגט אין שור־
רעס:

קינדער האָבן שפּילכלעך,
שפּילן, ווען זיי ווילן.
גרויסע שפּילן נאָר מיט זיך,
ווײַל אייביק דאַרף מען שפּילן...

מאַרעק איז געוואַקסן אין אַ שטוב, ווו עס
האָט אַמאָל זעלטן געקלונגען דער בעסאַראַ־
בער ייִדיש, מיט זײַנע פאַרשפּיציטע קאָמעצן.
דאָס איז געווען, ווען דער זיידע מיט דער באָ־
בען האָבן נאָך געלעבט. זײַן מוטער, אַ לערערין
פון פרעמד־שפּראַכן, האָט ביז הײַנט ליב ייִדי־
שע פאָלקס־לידער. און צומאָל, ווען זי זינגט
זיי אויס מיט איר טיפער, נידעריקער שטים,
און די סטרונעס פון דער גיטאַרע פאַרשפּרייטן
זילבערנע קלאַנגען, שווימט אויף אַ פאַרביק גע־
וועב פון בענקשאַפט. אירע שוואַרצע סאַמע־
טענע אויגן ווערן פאַרגאָסן מיט אַ מאַטן גלאַנץ.

...גרויסע שפּילן נאָר מיט זיך...

עס וואַכט אויף אַ פאַרשלאָפן ווינקל אין
זײַן זיקאָרן, און די וויגליד, מיט וועלכער די
באָבעשי האָט אײַנגעוויגט זײַן קינדהײַט,
קלינגט, ווי אַ רעפרען צו דער שפּיל, וואָס
הייבט זיך ערשט אָן אין זײַן אייגן לעבן. און
ער שטעלט זיך פאָר דעם דערשטוינטן אויס־
דרוק אַף דער מוטערס פּאָנעם, ווען ער וועט
קומען אַהיים מיט זײַן קאַטעגאָרישן באַשלוס:

— איך פאָר צוריק קיין מאָסקווע.

און אירע שוואַרצע אויגן, רירנדיק צאַר־
טע, וועט פאַרציִען אַ מאַטער, פאַרגליווערטער
גלאַנץ.

פון ערגעץ ווײַט האָט אָנגעיאָגט אַ קיל
ווינטעלע, שטיפעריש געשויבערט זײַנע לאַנגע,
צעפלויגענע קודרעס, זיי צעוואָרפן איבערן
פּאָנעם, ווי געפּרוּווט פאַר אים עפּעס־וואָס
פאַרשטעלן און זיך פאַרקליבן אונטער זײַן צע־
קנעפּלטן דזשינס־העמד. ער האָט מיט אַ נער־
וועזער האַנט־באַוועגונג פאַרשאַרט די האָר.
פּלוצעם... ווי דורך אַ פאַרוקט פאַרהענגל, האָט
אַ שווינדל געטאָן פאַר זײַנע אויגן עפּעס אַ באַ־
קאַנט פּאָנעם און זיך דורכגעטראָגן גיך, ווי אַ
פרישער ווינט.

עס האָט אים מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן אַף
צוריק, גלײַך ווי אַ שאַרפער בליץ וואָלט דורכ־

געשניטן זײַן מויעך. ער האָט דערזען דעם פּראָפיל פֿון אַ יונגער פֿרוי, וואָס איז איבערגעגאַנגען די גאַס, שטאָלטנע און איידל, מיט אַ לײַכט שוועבנדיק גאַנגעלע, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט אָנרירן די ערד. דעם קאָפּ האָט זי געטראָגן אַזוי שטאָלץ פּאַריסן, אַז עס האָט זיך געדאַכט, זי זוכט עמעצן אין דער לופֿטן. מאַרעק האָט אופֿגעציטערט. געלאָזט נאָך איר.

— רע־נאַ־אַ־אַ!

די גאַס האָט זיך אַ וויג געטאָן.

ער האָט נאָענט־נאָענט געזען איר פּולע, געטאָקטע רונדיקייט. געזען דעם לעבעדיקן גלאַנץ פֿון אירע שוואַרצע צעלאָזטע האָר איבער דער אָפּגעבערנטער, טיף דעקאָלטירטער פּלייצע. געהערט דעם שאַרך פֿון זײַד אַרום אירע שלאַנקע פֿיס און דאָס שווערע, איינטאָניקע קלאַפּן פֿון די הויכע אָפּצאַסן איבערן אַספֿאַלטירטן טראָטואַר.

אַ הייסע כוואַליע פֿון אומגעריכטער פֿרייד האָט אַ כלינע געטאָן צו זײַן האַרץ.

פֿון וואָס פֿאַר אַ צויבער־מײַסעלע האָט זי זיך באַוויזן? צי עפּשער איז עס גאָר ניט רענאַ? אים איז שווער געווען אָנקניפּן אין דעם, וואָס ער האָט איצט געזען, דאָס, וואָס ער האָט געדענקט.

...זי איז געווען אַ שילערן פֿון אַכטן קלאַס. אַ גרינגע, אַ רירעוודיקע. שטענדיק אין אַ ברוינער געפֿאַלדעוועטער שול־פֿאָרמע, מיט אַ שניי־ווײַס געהעפֿט קעלנערל. צוויי לויז־פֿאַרפֿלאָכטענע צעפּ זײַנען כוואַליענדיק שווער געפֿאַלן איבער אירע שמאָלע פּלייצעס. און איר פּאָנעם, ווי פֿון ווייכסטן סאַמעט, האָט געשטראַלט מיט איידלקייט. און נאָר די אויגן, טיף שוואַרצע, האָבן געקוקט שטיל מיט בענקשאַפֿט.

זיי האָבן געלערנט אין איין שול, אָף איין שטאָק, אַ טיר קעגן אַ טיר. נאָר ער האָט זי קימאַט ווי ניט באַמערקט. ניט איבעריק אָפּט געזוכט אַפֿילע איר באַגעגעניש, כאָטש ביידע זײַנען געווען אין ביוראָ פֿון שול־קאָמיטעט. דער כילעק אין יאָרן — זי אין אַכטן און ער אין צענטן — האָט דעמלט אויסגעזען צו גרויס.

אַפֿילע איר טאַנצן און זינגען אָף אַלע שול־אָוונטן האָט אים ווייניק־וואָס געקימערט. אַלע זינגען באַ פּופּצן יאָר!

דאָס איינציקע, וואָס פֿלעגט אים אַמאָל פֿאַרכידעשן, זײַנען געווען אירע אויגן. ער האָט ניט געקאָנט באַנעמען, וויאַזוי אַזאַ פֿריילעך מיידל, פֿול מיט ברען, זאָל האָבן אַזעלכע אַרמעטיקע אויגן, גלײַך זיי וואָלטן געלעבט זייערס אַ באַזונדער לעבן.

אַזוי וואָלט מיסטאַמע אָט די נאָענטע פֿרעמדקײַט אָנגעהאַלטן ביזן סאָף פֿון זײַן לערנען, ווען ניט דער אַרויסלאָז־אָוונט — דאָס געזעגענען זיך מיט דער שול. די אומפֿאַרמײַדלעכע, געמישטע געפֿילן פֿון פֿרייד און אומעט. דער סאַמע ליכטיקסטער אָנדענק, וואָס אַ מענטש טראָגט דורך דאָס גאַנצע לעבן.

...זײַן פֿאָטער געדענקט אויך דעם אַרויסלאָז־אָוונט. געדענקט גוט יענע נאַכט, איר פֿײַערלעכע שטילקייט און דעם ציטער פֿון אייגענעם האַרץ. אַ קורצע, וואַרעמע זומערנאַכט, ווען די אָוונטיקע שקיִע באַוויזט ניט רעכט זיך אויסצולעשן, און עס פֿלאַקערט שוין דער קאַיאָר. אין יענעם קאַיאָר האָבן אָבער ניט קיין זוניקע פֿלאַמען אָנגעצונדן דעם הימל, נאָר די פֿלאַמען פֿון סרייפֿעס. אַפֿילע דאָס גראָז און די בלומען האָבן געאָטעמט מיט פֿײַער. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שניט פֿון מיליאָנען יונגע לעבנס.

זײַן פֿאָטער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר!

אַ לאַנגער בלוטיקער מילכאָמע־וועג איז געוואָרן זײַן אוניווערסיטעט. ער האָט איבערגעלעבט דעם קלעמענדיקן טרויער פֿון צײַטווײַליקן פֿאַרלאָזן שטעט און דערפֿער און די ליכטיקע פֿרייד פֿון ניצכוינעס. ער האָט באַפֿרײַט אוקראַיִנע. באַפֿרײַט זײַן קליין ייִדיש שטעטעלע, ווו בלויז דער ווינט האָט געהוילט צווישן די שאָטנס פֿון אַ פֿאַרסאַרפֿעט, אומגעקומען לעבן. דערנאָך האָט דער וועג געפֿירט ווײַטער קיין פּוילן. פּוילן... עס האָבן נאָך גערייכערט די קרעמאַטאָריעס פֿון אָשווענטשים. עס האָט נאָך געיאָמערט די ערד אין טרעבלינקע. און ער איז געגאַנגען ווײַטער און ווײַטער, ביז צו די פּוילישע מײַרעוו־גרענעצן, ווו אין איינעם אַ פֿאַרטאָג האָט מיטאָמאָל זיך אָפּגעשטעלט זײַן מילכאָמע־וועג.

ער איז אוועק אָף דער מילכאָמע אַ ייִנגל און זיך אומגעקערט אַ גראָוער מאַן, גראָוו באַ עטוואָס מער פֿון צוואַנציק, און אינעם סאָלדאַטישן שינעל האָבן עלנט זיך געבאָמבלט צוויי אַרבל. איינער איז געווען אינגאַנצן ליידיק און פֿון צווייטן האָט אַלע מאָל, ווי פֿון אַ באַהעלטעניש, זיך אַרויסגערוקט אַ פֿאַרקריפּלטע האַנט מיט צוויי אָפּגעהאַקטע, פֿאַרמלאָזע פֿינגער.

מאַרעק איז שוין צוגעוווינט צו זען, ווי זײַן פֿאָטער, זיצנדיק באַם שרײַבטיש, האַלט די פֿען אין אַ שפּאַלט, אײַנגעשניטן אינעם פּלייש פֿון דער רעכטער האַנט, האַלט זי ווי צווישן צוויי גראָבע פֿינגער, און באַ יעדער באַוועגונג צוקט דער ליידיקער אַרבל פֿון דער לינקער האַנט, וואָס איז אָפּגעריסן קימאַט ביזן אַקסל. צומאָל פֿאַרלויפֿן אים טרערן אין די אויגן. טרערן ניט פֿון מיטלײַד, נאָר פֿון גרענעצלאָזן שטאָלץ פֿאַרן פֿאָטער, וואָס פֿאַרמאָגט אַזאַ קראַפֿט, וואָס פֿאַרלירט ניט דעם מוט!

זײַן פֿאָטער רעדט זעלטן פֿון יענע פֿינצטערע טעג. די ליידיקע אַרבל רעדן פֿאַר אים. נאָר צײַטנווײַז קרעכצט ער פֿון שלאָף. און קלאָגט זיך דערנאָך, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָבן אים ווײַ געטאָן די „הענט".

צומאָל פֿאַרקוקט זיך מאַרעק אָף דער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ יונגן רויטאַרמייער, וואָס הענגט באַ זיי אין שטוב, און אים איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן, אַז דאָס איז זײַן פֿאָטער, אַז אַזוי האָט ער אויסגעזען מיט אַ פּאָר צענדליק

יאָר צוריק, אים דאַכט זיך, אַז דאָס איז ער אַליין, גלײַך ער וואָלט געשטאַנען פאַר א שפּיגל.

זײַן פאָטער איז דאָצענט אינעם היגן אוני־ווערסיטעט, לייענט א קורס ליטעראַטור־געשיכטע. מאַרעק, פאַרקערט, איז פאַרליבט אין מאַטעמאַטיק און דעריבער באַשלאָסן צו ווערן אינזשעניר.

דער אַרויסלאָז־אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פאַרטיילן די אַטעסטאַטן. מיט רעדעס און באַגריסונגען. אויך זי, אין א העל־בלוי זײַדן קליידל, די צעפּ פאַרדרייט איבערן קאָפּ, ווי א קרוין, האָט באַגריסט אין נאָמען פון דער שי־לערישער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע. די בליציקע שײַן פון דעם פײַערלעך באַלויכטענעם זאַל איז געפאַלן אַף איר שטראַלנדיק פּאָנעם, זיך פאַר־קליבן אין אירע גרויסע, קײַלעכדיקע אויגן, וואָס זײַנען געוואָרן ענלעך אַף שטערן.

אַזא האָט זי מאַרעק נאָך קײנמאָל ניט גע־זען!

ווי נאָר דער באַל האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער דער ערשטער זי אײַנגעלאַדן אַף א טאַנץ און, ווען ער האָט, טראַגנדיק זיך מיט איר, ווי א וויכער, דערפילט אין זײַנע אָרעמס איר דינעם, עלאַסטישן קערפּער, דערפילט א שטראָם פון צאַרטער וואַרעמקײַט, וואָס האָט דערלאַנגט ביז די שפּיץ פינגער, האָבן פּלוצעם די קרישטאָלענע הענג־לאָמפּן זיך גענומען דרייען, וויגן, גלײַך זיי וואָלטן אויך אַרײַן אין א טאַנץ.

ער איז שוין דערנאָך פון איר ניט אָפּגע־טראָטן. נאָך יעדן טאַנץ איז מען געבליבן אײַנ־נעם. געשמועסט און געלאַכט. און פאַרטאָג אָוועק אינצווייען באַגעגענען באַם ראַנד פון דער שטאָט דעם זון־אויפגאַנג, וואָס האָט מיט א פלאַמיקער רויטקײַט זיך געשאַרט פון אונטער די בערג, אָנגעצונדן דעם שוואַרצן צײלעם פון אַן אַלט, פאַרלאָזט קלויסטערל, ווו דער ווינט האָט פרײַ געשפּילט מיטן זשאַווער פון די קו־פּערנע גלעקער, און דאָס צעלעכצטע טורעמל איז ווי געשוווּמען אין דער ראָזלעך בלויער, דורכזיכטיקער לופט.

דער הימל האָט זיך אויפגעהויבן הויך און בלוי. די זון האָט געלויכטן. און די ערשטע שטראַלן האָבן געגלעט איר בייגעוודיקן גוף. זי האָט מיטאַמאָל צעפלאָכטן אירע לאַנגע האָר, וועמענס שוואַרצקײַט האָט אָפּגעשלאָגן מיט א בלויען אָנלויף, קאַקעטיש זיי צעשאָטן איבער דער העלער בלויקײַט פון איר קלייד. זי האָט אויסגעזען, ווי א טייל פון דעם ווונדערלעכן קאַיאָר, ווי א מיראַזש, אײַנגעהילט אין בלויען קישוף.

פּלוצעם האָט זי זיך צעזונגען. לײַכט און צאַרט האָבן זיך גענומען גיסן הייסע וויברירנ־דיקע קלאַנגען, גלײַך דאָס געזאַנג פון א לערך, א פאַרלוירענע אין די הימלען. זי האָט געזונ־גען מיט אַן אײדעלער צוריקגעהאַלטנקײַט, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן פאַר דער טיפקײַט פון אירע געפילן, ניט געוואָלט זיי אַנטפּלעקן.

איך וועל שענקען דיר א טרער
פון ליבע־פרייד,
וואָס בלויע הימלען פון לויטערע קאַיאָרן
האָבן אין מײַן האַרץ פאַרזייט...

און עס איז איבערן פאַרטאָג געשוווּמען א ליד — א כאָלעם. און ס'האָט איר געזאַנג גע־הערט דאָס אַלטע קלויסטערל, און דער ווינט, וואָס האָט שטיל געוויגט די קופּערנע גלעקער. ער האָט אויך געהערט, ווי אין א כאָלעם. זי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון מוזיק און פּאָעזיע, און ער האָט אין געדאַנק זי א ווײַלע פאַרגליכן צו זײַן מוטער.

די ליד איז געוואַקסן אין אים. איר קריש־טאָל זויבערע שטים, פאַרכאַפּט פון א ריירנדי־קער צאַרטקײַט, האָט איבערגעכאַזערט אָפּנ־הערציק און ריין:

איך וועל שענקען דיר א טרער
פון ליבע־פרייד...

זי האָט אים אָנגעשטעקט מיט איר ניגן, געבריט מיט יעדן קלאַנג, וואָס האָט זיך אָפּ־גערופן אין זײַן יונג האַרץ. אים איז באַפאַלן עפּעס א ווילדער אויפברויז, און ער האָט אומ־געריכט פאַר זיך אַליין זי לײַכט אַרומגענומען.

— רענאַ, רענאָטשקאַ!

ערד און הימל האָבן זיך פּלוצעם געביטן מיט די ערטער. דאָס קלויסטערל מיטן שוואַרצן צײלעם האָט געשוועבט. און דער ווינט האָט ניט אויפגעהערט וויגן די קופּערנע גלעקער.

— רענאַ... רענאָטשקאַ...

זי האָט אויפגעציטערט. זיך צונויפגעצויגן, ווי א געוויקס, און געשיקט זיך באַפרײַען פון זײַנע אָרעמס. א שטילער שמייכל האָט מיט מיידלשער זיסקײַט זיך צעשפּילט אַף אירע פּוכקע ליפּן און אויפגעדעקט צוויי שורעס ווײַסע ציין.

פון יענעם פאַרטאָג איז מאַרעקן אַף לאַנג פאַרבליבן די פאַרשיקערטקײַט פון עפּעס א שטורעם, וואָס האָט געבושעוועט אין זײַנע בליטן, און דער פלאַמיקער קאַיאָר מיטן אַלטן, פאַרלאָזטן קלויסטערל.

זײַנע געדאַנקען האָבן געוואַנדערט איבער א פאַרשווּנדענער צײַט, זיך געמישט, געפּלאָנ־טערט און ער האָט נאָכאַמאָל אויסגערופן, הויך אַף א קול:

— רענאַ, רענאָטשקאַ!

זי האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט. אויס־געדרייט א גאָלדיק־פאַרברוינט פּאָנעם מיט גרויסע, קײַלעכדיקע אויגן. א רונצל געטאָן דעם שטערן, ווי אַף עפּעס זיך צו דערמאָנען, און אָנגעשטעלט אַף אים א פּאָר אויפגערייסענע, פאַרכידעשטע אויגן.

— דו, מאַרעק?..

זי האָט פאַרשלונגען דעם סאָף פון דער פראַזע. קאָן זײַן, אַז איר האָט מיטאַמאָל פאַרפעלט אָטעם. זי האָט געקוקט אַף אים מיט בײַגעריק־פאַרוווּנדערטע פלעמלעך אין די אויגן. זיי זײַנען געוואָרן אַלץ ליכטיקער, אָט די פלעמלעך, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן שמייכלען. פון דאָרט האָט דער שמייכל זיך גענומען פאַרשפרייטן איבערן פּאָנעם, וואָס איז פאַרשווּנקט געוואָרן אין אַ לײַכטער רויטקײַט.

ער איז געשטאַנען קעגן איר. זײַן האַרץ האָט ווילד געשלאָגן פון גיכן נאָכגיין, גלײַך ס'וואָלט געפרווּט זיך אַרויסרײַסן פון דער ברוסט. ס'איז יענע שילערן פון אַכטן קלאַס, וועלכע ער האָט געדענקט, נאָר זי איז געוואָרן אַ סאַך שענער, ווײַבלעכער. זי האָט אים באַרוישט מיט דער אַנדערשקײַט פון איר פּראַכט. ער האָט זי איצט געזען מיט נײַע אויגן, וואָס האָבן געפינקלט מיט אַ שנײַדיקן גלאַנץ, און ער האָט געזוכט וואָס צו זאָגן. פון אָט דער פלוצעמדיקער, אומדערוואַרטער באַגעגעניש, פון דער איבעראַשונג זײַנען אָבער די ווערטער געבליבן פאַרהאַקט אין זײַן האַלדז. עס האָט געדויערט עטלעכע סעקונדעס אַף קומען צו־זיך.

— איך האָב דיך קוים דערקענט. עפּעס ביסטו מיטאַמאָל אַזוי אויסגעוואַקסן, אַנדערש געוואָרן.

— מיטאַמאָל? פינף יאָר הייסט בײַ דיר מיטאַמאָל? זעט אויס, דו טראַכסט מיט קאָסמישע קאַטעגאָריעס.

איר קאָל, לאַנגזאַם און אײַנגעהאַלטן, מיט קורצע איבעררײַסן, אָן דעם קלענסטן סימען פון אויפרעגונג, האָט געקאָנט באַטײַטן גלײַכגילטיקײַט, ווען ניט אירע אויגן, וואָס האָבן אַ שפּיל געטאָן מיט אַ שוואַרצן בליץ, זיך געוואָרפן פון זײַט צו זײַט, גלײַך זיי האָבן ניט געהאַט אַף וואָס זיך אָפּשטעלן און געקוקט שטרענג און וואַרעם.

ער האָט אויפגעכאַפּט איר בליק. אַף אַ רעגע זיך פאַרלוירן. עס האָט אַ שטראָם געטאָן אַף אים מיט אַ באַהאַלטענעם אַרויספאָדערנדיקן פאָרוווּרף, און ער האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט געפינען דעם פּאַסיקן אַרגומענט אַף זיך צו פאַרענטפערן, פאַרוואָס ער האָט גאַנצע פינף יאָר זי קיין איין מאָל ניט אויפגעזוכט. ס'איז געווען ווי ער וואָלט זיך פאַרזינדיקט קעגן איר.

אַזאַ מאָדנע געפיל פון שולדיקײַט!

רענאַ האָט באַמערקט זײַן פאַרלוירנקײַט. וועגן עפּעס זיך פאַרטראַכט, און אירע אויגן — דער קוואַל פון בענקשאַפט — האָבן געשטראַלט מיט אַ פײַכטער ליכטיקײַט.

— דו ביסט אַף לאַנג געקומען, מאַרעק?

זי האָט ווייך און צאַרט אַרויסגעבראַכט זײַן נאָמען. עס איז געווען קענטיק, אַז זי איז אויך גערירט פון דער פלוצעמדיקער באַגעגעניש. און ער האָט געענטפערט שטיל, בלויז מיטן הויך פונעם אָטעם, גלײַך ער וואָלט די ווערטער אַרויסגעבראַכט נאָר צוליב איר:

— אַף זייער לאַנג. אַף שטענדיק.

איר האָט זיך טאַקע אויסגעוויזן, אַז דאָס געזאָגטע האָט אַ נאָענטע שײַכעס צו איר, אַז מיט די ווערטער האָט ער געוואָלט ניט נאָר צו וויסן געבן וועגן דעם, אַז ער האָט שוין פאַרענדיקט מיטן לערנען, באַקומען אַן אָנווײַזונג אַף אַרבעט, נאָר נאָך וועגן עפּעס...

זי האָט מיט פאָרשנדיקע בליקן זיך אײַנגעקוקט אין זײַן קרעפטיק מענעריש פּאָנעם, אין די שאַרף געשניצטע, צוקנדיקע ליפּן, געוואַרט אַף דעם „נאָך עפּעס", נאָר מאַרעק האָט געשוויגן און, שווײַגנדיק זיך געשפּיגלט אין דער פײַכטער ליכטיקײַט פון אירע גרויסע אויגן, וועלכע ער האָט אַזוי גוט געקענט, כאָטש קיינמאָל ניט געקאָנט דערגיין, וואָס אין זיי איז פאַרבאָרגן.

און איצט, וואָס ווייסט ער וועגן איר?

אַף גאַנצע פינף יאָר איז זי אַרויסגעפאַלן פון זײַן לעבן. אים האָט די ערשטע צײַט דאָס לערנען אַזוי פאַרשלונגען, אַז ער האָט ניט קיין צײַט געהאַט פאַר אַנדערע זאַכן. אַפילע מאָסקווע, די שטאָט, וואָס וועקט אַזויפיל נײַגער, האָט ער קימאַט ווי ניט געזען. אויך די היים באַזוכט בלויז אַף געציילטע טעג בײַס די קאַניקולן. די איבעריקע פרײַע צײַט פאַרבראַכט אין די לאַבאָראַטאָריעס, אָדער זומער אין די סטודענטישע בוי־אָטריאַדן.

עמעס, באַם אָנהייב האָט ער געשריבן איר בריוו. דאָס זײַנען געווען בריוו, וואָס ווערן קיינמאָל ניט אָפּגעשיקט. בריוו מיטן שטעמפּל פון ניט אויסגעזאָגטער ליבע. און ווען ער איז געווען שוין אין די העכערע קורסן, האָט ער רענען פאַרגעסן. איצט האָט אויפגעוואַכט אַ הויפן דערמאָנונגען, וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט אין זײַן האַרצן, אים דערמאָנט שורעס פון אַ ליד, וואָס זי האָט אַמאָל אַף אַן אָוונט אין שול פאָרגעלייענט:

קומען טעג, פאַרגייען יאָרן,
ווי דער טרויער...
אַף קעפּ פון אָוולדיקע אַלמאָנעס...

וואָס פאַר אַן אומזין! אָט טומלט אַ גאַס מיט מענטשן, פולסירט מיט לעבן און באַוועגונג. אין דער פאָשעטער וואָכעדיקײַט קלינגט מיט יאָמטעוו, און דאָס לעבן שרײַט אַרויס פון יעדן טראָט.

זײַן פאָטער האָט אים געהאַט דערציילט פון קליינע יידישע שטעטלעך, פון אײַנגעזעסענע היימען, דערטרונקענע אין טײַכן בלוט... אַף שאַגאַלס אַן אויסשטעלונג אין מאָסקווע האָט ער געזען אײַנגעהויקערטע הײַזלעך מיט קרומע דעכער און קרומע פלויטן, און אים האָט זיך געדאַכט, ווי פון די שאַגאַלישע געמעלן ווייעט מיטן זעלבן טרויער, וואָס אין זײַן פאָטערס דערציילונגען. אָט פאַר יענער צײַט זײַנען צוגעפּאַסט די שורעס פון דער ליד... ער אָבער וועט פּראָיעקטירן נײַע גאַסן, נײַע מיקראָראַיאָנען, און די געשיקטקײַט פון בויען וועט שפּילן אין אַלע גלידער. עס וועלן וואַקסן

עטאַזשן מיט זוניקער פרייד אין די פענצטער. און אין יעדן טראָפּן פרייד וועט זײַן א ברוכטייל פון זײַן מויעך, פון זײַן האַרץ, פון זײַן נײַעם אָנהייב... און טעג וועלן קומען און פאַרגיין פריידיקע, שפּעדרישע...

ער האָט מיט שטראַלנדיקע בליקן געקוקט אַף רענען, וואָס האָט אַזוי אומגעריכט איבערגעקרייצט זײַן וועג.

נאָר וויאַזוי פאַריכטן דאָס, וואָס דער נעכטן האָט קאַליע געמאַכט? און עפּשער איז שוין צו שפּעט?

פון אָט דעם געדאַנק איז אים מיטאַמאָל אומעטיק געוואָרן. עס האָט זיך דערוועקט עפּעס א ווײַטע פאַרנעפּלטע בענקשאַפט, א ברי געטאָן באַם האַרצן און זײַנע ליפּן האָבן מיט א קורצן אָטעם געבעטן:

— רענא, לאָמיר גיין ערגעץ־ווּ, אויב דו ביסט איצט פרײַ!

אין אירע אויגן האָט א שטיפערישער רייץ אָנגעצונדן א גרין שפּאַטיש פײַערל, באַלד זיך אָבער אויסגעלאָשן.

— ניין, מאַרעק, איך אײַל אין אוניווערסיטעט.

ער האָט א ווײַלע פאַרפרעסט די ליפּן. דײַנע קנייטשעלעך, וואָס זײַנען זיך צעלאָפן אַראָפּ פון די אויגן־ווינקלען, האָבן פאַרקרימט זײַן מויל און ער האָט מיט אַן איבערגעטריקנט קאָל, גלײַך ער וואָלט אײַנגעביסן יעדעס וואָרט, זאַכלעך געפרעגט:

— עפּשער ביסטו שוין אײַנגאַנצן ניט פרײַ?

אין דער רגע איז מאַרעק געוואָרן פּולשטענדיק ענלעך אַף זײַן פאָטער. די זעלבע ענערגישע שטריכן, דער זעלבער ערנסטער בליק, אפילו דאָס קאָל איז געוואָרן דאָס זעלבע, און רענען וואָלט זיך אויסגעוויזן, אז ניט מאַרעק שטייט קעגן איר, נאָר איר באַליבטער פּראָפעסאָר, ווען ניט די קרעפּטיקע הענט, וואָס האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון די אַרבל.

זי האָט ניט געענטפערט אַף מאַרעקס פראַגע, נאָר הילכיק זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. געלאַכט זאַפטיק און עס האָבן אַרויסגעבליצט אירע צוויי שורעס ווײַסע, געטאָקטע ציין.

דער זייגער אַף איינעם פון די אַלטע קלויסטער־טורעמס האָט איבערגערוקט זײַנע גרויסע שוואַרצע ווײַזערס, מיט א דריבנעם קלאַנג צעדרויבלט אַף פּערטלען א גאַנצע שאָ, און ס'האָט זיך מעלאָדיש צעקלונגען דער הויכער, בלויער הימל, גלײַך דער ווינט וואָלט פון ערגעץ־ווּ ווײַט געטראָגן דעם קלאַנג פון קופּערנע גלעקער. רענא האָט זיך א ווײַלע אײַנגעהערט און איר פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— נו, איך מוז גיין!

זי האָט מאַרעקן אויסגעשטרעקט אַן אײַדעלע מיידלשע האַנט, אַן אָטעם געטאָן אַף אים מיט דער פרישקייט פון אירע קילע ליפּן:

— פאַרנאַכט באַם אַלטן קלויסטערל.

און אירע אויגן האָבן געקוקט אַף אים אַזוי, ווי זיי וואָלטן געפּרוּווט אַרײַנדרינגען אין זײַן נעשאָמע. זיי זײַנען געווען אופריכטיק און ריין, ווי בא א קינד, און עס האָט זיך געטויוולט אין זיי עפּעס א טריב פײַערל, וואָס האָט געהאַט די פאַרב פון בענקשאַפט.

מאַרעק איז לאַנג געשטאַנען א פאַרטראַכטער. ער האָט געהערט, ווי עס דערווײַטערן זיך אירע טריט, געזען ווי זי פאַרשווינדט אַלץ ווײַטער און ווײַטער. ער איז געבליבן אַליין אין מיטן פון א טומלענדיקער גאַס, און אין זײַנע אויערן האָט גלײַך א שטיל געזאַנג ניט אויפגעהערט קלינגען:

— פאַרנאַכט באַם אַלטן קלויסטערל.

עס איז געווען ווי א שפּרונג, גלײַך זי וואָלט אים פּלוצעם געשענקט א צויבער־שליסעלע צו איר האַרץ, און ער האָט מיטאַמאָל זיך דערמאָנט:

איך וועל שענקען דיר א טרער
פון ליבע־פרייד,
וואָס בלויע הימלען פון לויטערע קאַיאָרן
האָבן אין מײַן האַרץ פאַרזייט...

און די קלאַנגען פון דער ליד האָבן אויפגעוואַכט אַזעלכע קלאָרע, לויטערע, ווי דורכגעזיפּטע דורך דער בלויער ציטערנדיקער לופט. בלוי — די פאַרב פון יונגן כאָלעם...

און מאַרעק האָט געפילט מיט אַלע זײַנע כושים, אַז זי וועט קומען צום אַלטן קלויסטערל. קומען צום מאַרגן פון זייער ערשטער ליבע־ליד, קעדיי ווי א כאָלעם, ווי א וווּנדער אַרײַנגיין אין זײַן לעבן, אין זײַן נײַ לעבן.

און ער האָט גרינג, ווי א באַפליגלטער, מיט עפּעס א יאָמטעוו אין האַרצן פאַרקערעוועט אַף צוריק צו די נײַ־בויונגען, ווו עס האָט זיך געפונען דער פּראָיעקטיר־אינסטיטוט.

גוווּרע

— וואָס איז עס פאַר א געשריי?

דער, וואָס האָט געפרעגט, איז געווען א יונגער סטודענט פון מאָלדאַוויע, וועלכער איז געקומען פאַרברענגען אין די בערג זײַנע קאַניקולן.

ער האָט פריִער קיינמאָל אַזא געשריי ניט געהערט, פּונקט טויבע זיפצן וואָלטן אָנגעפילט די דרעמלענדיקע לופט פון א שטילער, אויסגעשטערנטער דאָרעם־נאַכט.

דאָס געשריי האָט אָפּגעקלונגען אומעטיק צעצויגן. און א געמיש פון עטלעכע עכאָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין א מעשונעדיקן נאַכטישן יאָמער.

ער האָט באַמערקט, ווי איך האָב אויפגעציטערט.

וווּנדערט זיך ניט, יונגער פריַינט! אין אײַערע יאָרן, ווען איך האָב געהאַלטן בא צוואַנציק, האָט דאָס געשריי פון א סאָווע מיך אפילע ניט געקימערט. איצט אָבער דערגייט עס צו מיר, ווי א קלאָג־רוף, גליַיך זי וואָלט עמעצן באַוויינט, און עס ווייעט פון אָט דעם רוף מיט אַלטן, האַרבן טרויער...

פאַרוואָס?

ווײַל דאָס לעבן האָט א זיקאָרן.

איך האָב נאָרוואָס איַיך אָנגעהויבן דערציילן פון אזריִעל דעם וואַלד־שוימער. ער האָט געלעבט פונקט דאָ, ווּו מיר זיצן מיט איַיך אין אַזאַ שיין געפלאַנצטן בלומען־גאָרטן. אין אזריִעלס צײַטן איז אפילע קיין סימען פון קיין גאָרטן דאָ ניט געווען. שטאָטישע זײַנען ניט געקומען אַהער אַף אָפּרו. פון ווילטאָג האָט קײנער ניט געשטורעמט די שטילע באַרג־אָפּהאַנגען. און די אַלע אַרומיקע סאַנאַטאָריעס און פּאַנסיאָנאַטן, וועלכע איר זעט איצט, זײַנען אויך ניט געווען. אינגאַנצן איין כאַלופּע איז געשטאַנען פאַריאָסעמט אין מיטן וואַלד. אַן אַלטע כאַטקע מיט שוואַרצע געטעסעטע ווענט, און פּונקט אַזאַ שוואַרצן שטרויענעם דאַך. די ווענט האָט געפרעסן דער מילב און אינעם דאַך האָבן פייגל זיך נעסטן געבויט.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אזריִעלן.

א גאַנץ לעבן האָט ער שווער און געטרײַ אָפּגעהאָרעוועט בא יענעם. פלינק און שרעקלאָז געטריבן ספּלאַוועס אַף די שטורמישסטע טײַכן. געטריבן אַזוי, אַז קיין גלײַכן צו אים איז ניט געווען. איבערגעפירט א פאַרמעגן און אַליין געבליבן אַף דער עלטער אָרעם, ווי די נאַכט.

איז אים טאַקע ניכע געווען די שטעל פון א וועכטער.

עמעס, אזריִעלן האָט געצויגן צו דער שטילקײַט פון די ברעגעס, וואָס איז אַנדערש ווי אין די בערג. יענע שטילקײַט קאָן רעדן, דערציילן, און ער האָט פאַרשטאַנען איר לאָשן. אים האָט געצויגן צו די מענטשן, וואָס האָבן אין די נעכט זיך געוואָרעמט בא צעלייגטע פײַערן. ער האָט געבענקט נאָך זייער שטילן געמורמל, וואָס האָט זיך אַרײַנגעוועבט אינעם רויש פונעם טײַך, גלײַך די נאַכט וואָלט גערעדט פון שלאָף.

מיט דער צײַט אָבער האָט ער זיך צוגעוווינט צו דער אַליינקײַט, פּונקט ער האָט מיט איר א גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט.

קיין ביקס אַף אָנשרעקן גאַנאָווים, אָדער זיך פאַרטיידיקן פון כײַעס, האָט, פאַרשטייט זיך, אזריִעל ניט געהאַט.

ווי קומט צו א ייִדן א ביקס!

דאָס איינציקע געווער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז געווען א זייער אַלטע יערושע־האַק, וועלכע איז איבערגעגאַנגען פון דאָר צו דאָר, ווי א טײַערע זאַך.

געווען איז די האַק פון בלוילעכן שטאָל, שאַרף ווי א כאַלעף און געהאַט א געשניצט הענטל פון א זעלטן מין האַרטן האָלץ. ווער ווייסט, וויפל נעכט דער שניצער איז ניט דערשלאָפן, ביז ער האָט אויסגעקאַרבט אַפן הענטל לייבן און הירשעלעך. פאַרוואָס דאַפקע לייבן און הירשעלעך האָט קײנער ניט געוווּסט. עפּשער איז דאָ געווען א טיפער מיין, וואָס האָט לעדוירעס באַדאַרפט דערמאָנען אין גוווּרע און אין ריר־עוודיקײַט — די צוויי וויכטיקסטע אייגנשאַפטן בא א פליטנטרײַבער? ווען מע האָט מיט דער האַק געטעסעט קלעצער באַם טײַך, האָט איר קלאַנג זיך אָפּגערופן אין די בערג מיט א לאַנגן, דינעם ציטער, ווי עפּעס א זעלטענער מוזיקאַלישער אינסטרומענט.

יעדעס מאָל, ווען איך פלעג פאַרבײַגיין אזריִעלס שטיבל, פלעג איך אים טרעפן זיצן אַף דער שוועל אין זײַן גראָבן לײַוונטענעם העמד, צעכראַסטעט און אָפּגעצערט, און לעבן אים די האַק. ער איז געזעסן א פאַרלאָזטער, א פאַרזונקענער אין עלנט, אַרומגערינגלט מיט בערג, וואָס האָבן געשוויגן פאַרוויגט אין אייביקן וועלט־סאָד. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער אַליין געהערט אויך צו עפּעס א ווײַטער סוידעסדיקער וועלט.

וועגן וואָס ער האָט געטראַכט?

גיכער פון אַלץ וועגן גאָרניט. גלאַט אַזוי גענישטערט אין דער בלויער פאַרטרויערטער ווײַטקײַט. קאָן זײַן, אַז טיף אין דער נעשאָמע האָט ער באַדויערט זײַן לעבן. עפּשער געהאַט אפילע טײַנעס צו גאָט, וואָס האָט אים אַזוי געשטראָפט אַף דער עלטער — צוגענומען בא אים אין א שוואַרצער מאַגייפע צוויי דערוואַקסענע טעכטער און דערנאָך דאָס ווײַב, וועלכע האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם צאַר. נאָר קיין שום קריוודע האָט ער אַף זײַנע ליפּן קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט. פאַרקערט, מיט א פרומער געהאַרכזאַמקײַט געטראָגן זײַן גוירל.

— דער אייבערשטער פאַרלאָזט ניט...

און מיט א גלייביקער אַניוועס הייס געפילט דאָס פײַער פון ביטאָכן, וואָס האָט אַרײַנגעדרונגען טיף אין זײַן האַרצן און געוואָרעמט זײַן פאַרומערט לעבן.

פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען ערשט נעכטן, זע איך אים שאַבעס און יאָמטעוו שפּאַנען איבער דער איינציקער, אויסגעטראָטענער סטעזשקע. ניט געײַלט. שטענדיק מיט דעם זעלבן גאַנג, שיקנדיק פאָרויס זײַנע לאַנגע טריט. ער לאָזט זיך אַראָפּ אין טאָל. גייט אײַנגעהילט אין טאַלעס, אַרופגעצויגן אַף אים די שאַבעסדיקע קאַפּאָטע, וואָס האָט שוין לאַנג אָפּגעדינט איר צײַט, און די גאַנצע אָרעמקײַט זײַנע קוקט אַראָפּ פון דעם אַלטן, געלאַטעטן שאַבעסדיקן בעגעד.

אין באַלשעמס שולעכל האָט ער געהאַט זײַן אייגן ווינקל, דאָרט, ווּו עס ברענען די נייר־טאָמידס, און פון דאָרט, מיט א פרומער שרעק, געקוקט אַף די גרויסע שוואַרצע אוי־

סיִעס, צעשטעלטע איבערן אָרנקוידעש אין א האַלבער לעוואָנע.

„דע לפני מי אתה עומד" (ווייס, פאַר וועמען דו שטייסט).

ער האָט געדאַוונט מיט א שטילן היסלײַוועס, מיט א ווייִנענדיק אַלטמאָדישן ניגן, גלײַך ווי ער וואָלט טאַקע געשטאַנען פאַר גאָט אַליין. פאַר דעם זעלבן גאָט, וואָס האָט אַלפּי־יוישער באַדאַרפט אַראָפּנידערן פון די הימלען און גאָר פאַרקערט — בא אזריִעלן בעטן מעכילע.

אַזוי האָבן עטלעכע יאָר אַוועקגעשפּאַנט פּאָרויס. אזריִעל האָט זיך אַלץ מער געעלטערט, געוואָרן אָפּגעשוואַכט. דאָס פּאָנעם נאָך טיפער צעאַקערט, אײַנגעשרומפּן, די באָרד ניט גראָוו, נאָר געלבלעך־ווײַס און שיטער. אַפילע דער קאָפּ אונטער דער פאַרשפּיצטער יאַרמלקע איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן. ער האָט אַלץ זעלטענער זיך באַוויזן אין טאָל, און אָף צוריקוועגס זײַנען די פיס געוואָרן קלאָציק־שווער, אויפגעהערט פאָלגן. אין דער ברוסט האָט געזאָטן א פאַרשטיקטער אָטעם און ער האָט מיד געשלעפּט באַרג־אַרוף זײַן בידנע ביסל לעבן.

— דער אייבערשטער פאַרלאָזט ניט...

און אַזוי וואָלט ער געצויגן זײַן לעבן ביזן סאָף פון זײַנע טעג, ווען ס'זאָל אין איינעם א טאָג ניט געווען א זעץ טאָן דער בראָך פון מילכאָמע.

געציילטע טעג האָט זיך געפאָדערט, אַז די דווירעסדיקע יידישע אײַנגעזעסנקײַט זאָל אָפּגעווישט ווערן. דער וועג אין טאָל אַרײַן איז פאַר אזריִעלן מיטאַמאָל געוואָרן אָפּגעשניטן. און אין די אַלטע אויגן זײַנע, אין דער טיפער אויסגעלאָשנקײַט זייערער, האָט גענומען טריפן א שטילער טרויער.

א געדיכטע פינצטערניש האָט אײַנגעהילט די בערג. און אין שרעק זײַנען פאַרגליווערט געשטאַנען די באַרג־שפּיצן. און איבער די פינצטערע בערג האָבן זיך געקײַקלט בייזע עכאָס פון באָמבע־אויפרײַסן.

באַהאַלטענע וועגן און שטעגן, מיט יאָרן און שלוכטן, האָבן אויך דערקלערט מילכאָמע.

איר זעט יענעם באַרג־שפּיץ, באַלויכטן פון לעוואָנע־שײַן? איצט זעט מען אים שלעכט, ווײַל ס'איז פינצטערלעך. הינטער יענעם באַרג האָט זיך געפונען אונדזער פאַרטיזאַנישע גרופּע. איך בין געווען צווישן די אויסשפּירער און פון דאָרט אָפּט, באַזונדערס אין לויטערע טעג, נאָכגעפאָלגט נאָך אַלץ, וואָס קומט פאָר אין טאָל. מיט אייגענע אויגן געזען דעם ווילדן געיעג נאָך מענטשלעכע לעבנס. געזען, ווי געהאַנגענע וויגן זיך אָף טליִעס מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער, פאַרגלייזטע אויגן און בלוייגעוואָרענע פיס. געקוקט אָף די סרייפעס און קיין מאַכט ניט געהאַט זיי צו לעשן.

צומאָל פלעג איך אָנשטעלן מײַן בינאָקל אָף אזריִעלס שטיבל, כאָטש עס איז געווען צו דעם מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. ווײַט אַרום האָט א טעמפּע שטילקײַט געשראָקן מיטן שטומשווײַגן, צו מיר איז אין אָט דער שטילקײַט דערגאַנגען אַפילע אזריִעלס טרוקן הוסטל, וואָס פלעגט זיך אַרויסרײַסן פון זײַן אַלטער ברוסט.

הײַנט גלייבט זיך קוים, אַז זײַן כאַטקע, אַרײַנגעפלאָכטן אין דער טיף פון אומענדלעכע וועלדער, איז געשטאַנען אין אַזא וועלט־פאַרוואָרפעניש, אין אַזא עלנטקײַט.

און שטעלט אײַך פאָר: די מילכאָמע האָט געפונען דעם וועג אויך צו אזריִעלס פאַרוואָרפן שטיבל.

...ס'איז געווען א שאַבעסדיקער זומערפרימאָרגן. אָן איין וואָלקנדל. די זון איז פרי אַרויסגעשווומען פון אונטער די בערג, אָנגעהויבן צייכענען איבערן הימל איר אייביקן קרײַז און געשײַנט בלענדנדיק העל. און פאַר די אויגן האָבן זיך געשפּרייט שטילע, פאַרשלאָפענע ווײַטן, אָן יעדן סימען פון א לעבעדיקן נעפעש.

איך בין געזעסן אין מײַן באַהעלטעניש, נאָכגעקוקט דעם פרײַען, באַדאַכטן פלי פון בורשלען און געטראַכט: צי וועלן זיי געפינען ערגעץ־וווּ אין דער וועלט א וואַרעם, פרידלעך אָרט אָף איבערווינטערן. ביסלעכווײַז האָט די טיפע הימלשע בלויקײַט באַקומען א ראָזלעךווײַסן אויסגוס, און די נידעריקע צעשטראַלטע זון איז מיט א קילן, רויטלעכן גלאַנץ באַפאַלן די באַרגישע גרינקײַט.

אזריִעל איז אין יענעם שאַבעסדיקן מאָרגן געשטאַנען אין טאַלעס אײַנגעהילט, געבויגן פון אַלטקײַט, גלײַך ער וואָלט זיך געגרייט פאַלן קוירעם. און די געל־ווײַסע באָרד האָט שטראַליק באַרעמלט זײַן פאַרשפּיצט פּאָנעם מיטן הויכן, צעשניטענעם שטערן. עס איז געווען, ווי ניט קיין לעבעדיקער מענטש, ווי עפּעס א געשפּענסט. ער איז געשטאַנען באַוועגלאָז, מיטן פּאָנעם צו מיזרעך און געדאַוונט מיט א שטילן טשוווע־ניגן:

— אַדוינוי, אַדוינוי אייל ראַכום וועכאַנון...

ער האָט געקלאָגט און גערופן מיט אַלע אייוורים, מיט אַלע כושים, און עס האָט אַזוי אויסטערליש פאַלש געקלונגען דער דאָזיקער רוף. א וועלט איז פאַרטרונקען אין בלוט, און ער רופט נאָך אַלץ אָן גאָט — א דערבאַרעמדיקער, א לײַטזעליקער. זײַנע אויגן, פול מיט צאַר, האָבן געקוקט קינדיש פאַרוווּנדערט, ווי ער וואָלט בעשום־אויפן ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די וועלט איז אַראָפּ פון גלײַכן וועג...

פּלוצעם, ווי פון אונטער דער ערד, זײַנען אויסגעוואַקסן צוויי פאַרשוינען אין שוואַרצן אָנגעטאָן, ווי צוויי שוואַרצע שאָטנס. זיי זײַנען געווען בעגילופן, נאָר זיך געהאַלטן אָף די פיס. די קרעפּטיק־אָפּגעבערענטע הענט האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון די פאַרקאַטשעטע אַרבל. און אָף די אַרבל, העכער די עלנבויגנס, האָבן זיך געזילבערט אויסגענייטע טויטנקעפּ מיט געקרייצטע ביינער. זיי האָבן עפּעס געזוכט, דערזעענדיק אזריִעלן באַם אויסשטיין שימענעסרע, מיט דרײַ שפּאַן אָף צוריק האָבן זיי זיך פאַכדאָנעסדיק געכאַפּט פאַר די אווטאָמאַטן.

— פארטיזאנער!

באלד אָבער באמערקט, אז ארום איז קיינער מער ניט פאראַן, און זיך צעלאכט מיט א גאזלאָנישן פרעכן געלעכטער.

— אָ, דער ראבינער טאנצט!

צי האָבן זיי פארבלאָנדזשעט אזוי טיף אין וואלד, צי עפשער האָט עמעצער אונטערגעזאָגט, אז עס איז נאָך ווו געבליבן א ייִד — דער לעצטער ייִד — ווער קאָן וויסן?

אזריִעל, אָנגעזעטיקט מיט יאָרן, וואָס איז אַף שטורמישע וואסערן דורכגעגאנגען דעם גרויל פון ווער ווייסט וויפל טויטן, האָט מיט גאָרניט ארויסגעוויזן קיין פארלוירנקייַט. ער האָט נאָר אופגעהויבן צו זיי א שווערן, שטומען בליק, און דער טאלעס, מיט דער אָפּגעבליאקעוועטער אטאַרא אפן קאָפּ, האָט לייַכט א ציטער געטאָן.

איינער פון די געקומענע, מיט אָנגעזאָטלטע ברילן אַף דער פלאטשיק־געשטופלטער נאָז, האָט זיך דערנעענטערט צו אזריִעלן, און זייַנע וואסעריקע אויגן מיט רויט־פארלאָפּענע ווייַסלעכער, ווי בא וועלף, האָבן זיך גיך־גיך באוועגט.

— זי זינד פארטיזאנער, ניכט וואר?

זייַן פליישיקע האנט האָט אָנגעכאפּט אזריִעלס ווייַסע באָרד און זי א פליק געטאָן מיט אזא שטארקן ריס, אז דער אלטער האָט זיך אזש א וואקל געטאָן פון ווייטעק. אפן טאלעס זייַנען אראָפּגעפאלן עטלעכע רויטע טראָפּן בלוט.

— פּי, פערלאוזטער יודע!

ער האָט מיט א פארקרימטער עקל־גרימאסע א שפּייַ געטאָן אין אזריִעלס פּאָנעם און אים צוריקגעוואָרפן אין דער באָרד אריַין א גאנצן זשמוט געל־ווייַסע, קלעפּיקע האָר.

עס איז געווען א באגעגעניש ניט פון מענטש מיט מענטש, נאָר פון מענטש און כייַע.

איך האָב מיט ווייטעק אין הארצן צוגעקוקט, ווי די כייַע גרייט זיך פארצוקן איר רויב. געהערט, ווי דער טויט קלאפּט א צאָן אין א צאָן, נאָר קומען אים צוהילף ניט געטאָרט... אונדזערע אייגענע פיס האָבן געטראָטן אפן ראנד פון אָפּגרונטן.

זיי האָבן אָבער ניט זייער געייַלט מאכן א סאָף צו זייער קאָרבן. געוואָלט זיך פריִער, ווייַזט אויס, איבער אים לוסטיק מאכן, פארפירן א כויזעק־שפּיל, וואָס זאָל דעם יודע דערנידעריקן אין די אייגענע אויגן.

— צייַגען זי אונדז אויך אירען הערליכען יודענטאנץ!

און זיי האָבן ווידער אויסגעשאָסן א ווילדן, צעהאקטן געלעכטער. געלאכט מיט ווייַסע ציין.

— ביטע, מיט גרעסטן פארגעניגן, — האָב איך פּלוצעם דערהערט אזריִעלס צעקאליעטשעטן דייַטש. — אָבער זאָלן מיר די הערן געפעליק ערלאובען צו טראקטירען זיי מיט אייַן גלאז גוטן אלטן ווייַן, נאָך פאָן קייַזערס צייַטן... זיי וועלן טרינקען צו וואָל, און איך וועל טאנצן, טאנצן...

עפּעס ווי איבערגעביטן איז געוואָרן אזריִעל, דער שטענדיק דערשלאָגענער אָרעמער באל־ביטאָכן. זייַן פּאָנעם איז באפאלן א גרויע ווייַסקייַט, און די אויגן האָבן אויסגעזען א ביסל אויסגעקוילט, ווי בא א שפּארבער. ער האָט גערעדט געצוימט, געמאָסטן. קרעפּטיק ארויסגעבראכט די ווערטער.

די צוויי פארשוינען האָבן ניט אינגאנצן געגלייבט אזריִעלן. געלאָקערט נאָך יעדן קער און ריר זייַנעם. א פּאָר מאָל זיך איבערגעוואָרפן מיט שיקערע בליקן. אָבער דער קויעך פון א געשמאקער גלאָז ווייַן האָט, זעט אויס, געבראָכן זייער צווייפל.

— נון גוט, אָבער שנעלער, שנעלער!

— יאָ, ביטע, איך נעם נאָר דעם שליסל...

און ער האָט א ייִנגלשן שפּאַן געטאָן פּאָרויס.

וואָס האָט דער אלטער, שוואכער אזריִעל צוגעטראכט א מינוט פארן טויט, פארן אומפארמייַדלעכן טויט?

אָן אויגנבליק האָט געדויערט, ביז אזריִעל האָט מיט גאָר שטילע טריט, קימאט אַף די שפּיץ פינגער, זיך באוויזן צוריק אין דער אָפּענער טיר. ער איז געווען פּעסט אייַנגעהילט אין טאלעס. די צעפּליקטע באָרד אונטערגעהויבן, מיט עפּעס א שמייכל אפן בלייכן פּאָנעם. און נאָר די אויגן האָבן געשאָסן מיט פלאמיקע צאָרן־בליקן.

ער האָט זיך שטייַף אויסגעגלייַכט, פּונקט ער וואָלט קיין וואָג און שווערקייַט פון עלטער אַף זיך ניט געטראָגן, א לייַכטן קער געטאָן מיט די אקסלען אזוי, אז דער טאלעס האָט געשווינד זיך אראָפּגעגליטשט פון זייַנע פּלייצעס, און עס האָט אין זייַן רעכטער האנט א בלאנק געגעבן דער שטאָלענער גלאנץ פון דער אלטער ירושע־האק מיט די אויסגעשניצטע לייבן און הירשעלעך אפן הענטל. און ווי עס וואָלט זיך אין אים פּלוצעם דערוועקט די גוורע פון אלע דוירעס פליטנטרייַבער, געקייפלט אַף די יעסורים און טויט־געשרייען פון די גערוידעפטע און פארפייַניקטע, האָט ער בליץ־שנעל זיך א וואָרף געטאָן אַף די צוויי פארשוינען, וואָס זייַנען געשטאנען צו אים מיט די רוקנס, און נאָך איידער יענע האָבן באוויזן זיך צו כאפּן פאר די אווטאָמאטן, האָט ער פלינק, מיט א ווילדן צאָרן־געברום, ווי אָן אָנגעפלויגענער שטורעם, וויסט און מעכטיק געהאקט מיט ביידע הענט איבער זייערע בלאָנדע, צעשויבערטע קעפּ. געהאקט האסטיק, מיטן אימפּעט פון א גייַסטיק־קראנקן, וועלכן ס׳איז באפאלן א מעשוגאס, פון זייַן האלדז האָט זיך געריסן א דערוואָרגענער געשריי, און עס האָט זיך געדאכט, אז פון דער האק צעלויפן זיך אין אלע עקן רויטע, קלינגענדיקע רייפן.

איין רעגע בלויז האָט אזריִעל צייַט געהאט צו באמערקן, ווי דאָס בלוט האָט באוואשן זייערע צורעס. בלויז איין רעגע האָט פון זייערע וואסעריקע אויגן געשפּארט מיט שרעק. זיי האָבן זיך א וואקל געטאָן אַף צוריק, דערנאָך

פאָרויס, זיך געדרייט אַף די באַשטיוולטע פיס, געקאָרטשעט די קני, ווי זיי וואָלטן זיך פאַר עמעצן געבוקט. עס איז אַוועק אַ טאַנץ — אַ צעהוידעטער שיידים־טאַנץ. און אַזוי, טאַנצנדיק, האָבן זיי מיט צעשפּרייטע הענט זיך געבויגן צו דער ערד, ווי זיי וואָלטן געפּרוווט כאַפּן דעם אייגענעם שאָטן.

אַ רעגע בלויז.

איין איינציקע רעגע. און עס איז שטיל געוואָרן.

אַזריִעל, וועלכער האָט אַפילו אַ פליג אַף דער וואַנט קיינמאָל ניט אָנגערירט, האָט מיט געפּענטעטע טריט זיך געשאַרט צו דער אָפּענער טיר, זיך געוויגט פון איין זײַט אַף אַ צווייטער. די האַק, פאַרקלעמט אין דער רעכטער האַנט, איז געווען ווי צוגעוואַקסן, גלײַך ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז די צוויי פייגאָרים, וואָס האָבן פאַרקריפּלטע זיך געוואַלגערט בײַ זײַנע פיס, קאָנען זיך פּלוצעם אופרײַסן פון דער ערד. ער האָט פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער שוועל, געוואָלט מיט דער לינקער האַנט אַרופשלעפּן אַף זיך דעם טאַלעס און אַזוי, אין אָפּגעשוואַכטער, געבליבן זיצן, ווי פאַרשטיינערט. אין איין האַנט די האַק, און אין דער צווייטער דעם טאַלעס. און פון די אויגן־ווינקלען האָבן פון זיך אַליין געטריפּט טרערן, גערונען איבער זײַן געל־ווײַסער באָרד און אינעם שטילן סאָף־זומערדיקן מאָרגן האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ סליכעסדיקער קלאָגניגן:

— אַ־דוי־נוי, אַ־דוי־נוי, אייל ראַ־כום וועכאַ־נון...

ס׳איז געווען שאַבעס אַף דער וועלט. און אַזריִעל האָט צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן מעכאַלעל שאַבעס געווען...

איך בין געזעסן הינטער מײַן באַרג־שפּיץ און פונוויַיטן אַלץ צוגעזען. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ ברענענדיקער באַגער אַראָפּצונידערן צו דעם אַלטן אַזריִעל, צופאַלן צו זײַן אײַנדרײַען געבראָכענעם גוף, אָנטאָן אים צוריק דעם טאַלעס אַף די פּלייצעס און אַליין אויך זיך פאַרגיין אין אַ שטיל געוויין. אין יענע יאָרן האָבן מיר זיך אויסגעלערנט וויינען שטילערהייט. וויינען אין זיך, כאָטש עס איז געווען געוונג סיבעס פאַר געיאָמער.

איך האָב אופגעהויבן די אויגן צום הימל, ער איז געווען ווײַט און אַף דער ערד האָט גערוועלטיקט איין איינציקער גאָט — דער גאָט פון נעקאָמע.

אין יענעם מויצע־שאַבעס האָט שוין אַזריִעל קיין האַוודאָלע ניט געמאַכט. די קויכעס האָבן אים אײַנגאַנצן פאַרלאָזט. באַלד נאָכדעם, ווי די ערשטע שטערן האָבן זיך באַוויזן, האָט בײַ זײַן שטרויענעם געלעגער זיך אָנגעצונדן אַ וואַקסן ליכטל. געבלינצלט פאַרשטעלט, קעדיי די שײַן זאָל צום דרויסן ניט דערגיין, און עס האָט אין דער שטילקײַט זיך געהערט דער אָטעם פונעם פלעמל, וואָס האָט געצאַנקט אינעם צעלאָזטן כיילעוו. און אַזריִעל, גלײַך ער וואָלט האָבן אַלץ פאַרענדיקט אַף דער זינדיקער ערד, האָט מיט אַ טיפן קרעכץ געזאָגט ווידע, און צוקאָפּנס איז געשטאַנען דער טויט, געוואַרט רויִק, געדולדיק, אַקשאָנעסדיק.

מע זאָגט, אַז בײַ צאַדיקים נעמט גאָט אַליין צו די נעשאָמע דורך אַ קוש. אויב דאָס זאָל זײַן עמעס, האָט אַזריִעל ניט נאָר אָפּגעלעבט אין די בערג, ווי דער באַלשעם האַקאָדעש, נאָר אַוועק פון דער וועלט, ווי איינער פון יענע פאַרטײַעטע, פאַרניסטערטע לאַמעדוואָווניקעס.

און די וועלט איז אָרעמער געוואָרן מיט אַ באַהאַלטענעם צאַדיק.

קימאַט אין די זעלבע שאָען, ווען מיר האָבן צו קווורע געבראַכט דעם אַלטן אַזריִעל, געטראָגן אים, אײַנגעוויקלט אין זײַן טאַלעס, איבערגעדעקט מיט דער שאַבעסדיקער קאַפּאָטע, אין די זעלבע שאָען האָבן צוויי שאָטנס, באַוואָפנטע מיט די אַוטאָמאַטן פון די אומגעבראַכטע פאַשיסטן, זיך אַראָפּגעלאָזט פון די בערג און עס האָט מיטאַמאָל זיך אַ וויג געטאָן די נאַכט. אופרײַסן האָבן געשפּאַלטן די פינצטערניש, גלײַך דער הימל וואָלט זיך געבראָכן. די נעסט פון רעציכע האָט גענומען פלאַמען.

אין טאָל האָט געוועלטיקט דער גאָט פון נעקאָמע...

און אַ גאַנצע נאַכט האָט איבער אַזריִעלס פרישן קייווער יאָמערלעך געכליפּעט אַ סאָווע, און שטערן זײַנען געפאַלן, גרויסע, ליכטיקע, גלײַך דער טונקעלער הימל, ווי אײַנגעהילט אין טרויער, האָט געגאָסן מיט גרויסע, ליכטיקע טרערן.

אַזוי, יונגער פרײַנט, ווי נאָר איך דערהער דאָס געשריי פון אַ סאָווע, וואַקסט אויס פאַר מײַנע אויגן דער אַלטער אַזריִעל.

און די האַק?

די האַק האָבן מיר אָפּגעהיט ווי דאָס אייגענע לעבן. זי האָט דורכגעמאַכט מיט אונדז אַ לאַנגן בלוטיקן וועג. ניט איין מאָל אונדז אָנגערעגט צו גוווּרע, און שוין באַם סאַמע סאָף פון דער מילכאָמע, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט צו די אייגענע, באַפרײַטע היימען, האָבן מיר זיך פּלוצעם געכאַפּט, אַז די האַק מיט די אויסגעשניצטע לייבן און הירשעלעך, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דאָר צו דאָר, איז מיטאַמאָל פאַרפאַלן געוואָרן. וויִאַזוי דאָס איז געשען, ווער און ווו עס האָט זי פאַרלוירן, האָבן מיר ניט געקאָנט דערגיין. עס האָט אויסגעזען, ווי די ערד האָט זי פאַרשלונגען, גלײַך זי וואָלט אַוועק צו אירע לײַבלעכע יאָרשים — צו די לעצטע יִידן פליטנטרײַבער...

יעכיעל שרײַבמאַן

די

א וואָרט צווישן די סאַמע קירצסטע ווערטער. איין קורצער קלאַנג. צוויי, צי, מע קען אפילע זאָגן, נאָר אָנדער־האַלבן אויסיעלעך.

עס טויכן אויף אין דײַן נעשאָמע ראַכ־ווען און בענקשאַפטן. די סאַמע שטאַרקסטע און איידלסטע ליבשאַפטן. פריידן און אומעטן. אַלע יאָרן און אַלע רעגעס דײַנע. הי, היים. דײַן צרויר־האַכאַים. דײַן לעבן.

ניט יעדן, אָפּאָנעם, איז באַשערט טיף פילן אין זיך דאָס דאָזיקע קורצע קישעפדיקע וואָרט. זײַן דערמיט דורכגעקנופּט און צונויפגעוואָקסן. און דער, וואָס איז צו אַזוינעם ניט זויכע גע־ווען, וועט שוין פון זיך אַליין ניט אַנטלויפן, זיך אַליין ניט אַריבערשפּרינגען. ער וועט שוין אַזוינס קיינמאָל און אינערגעץ ניט פילן. זײַן נעשאָמע וועט שוין שטענדיק בלאָנקען צווישן הימל און ערד, צווישן דאָ און דאָרטן. ער וועט, ווי אַן אַרויסגעריסענער בוים, דאַרן און קוואַרן. וועט שוין זײַן הי קיינמאָל און אינערגעץ ניט האָבן.

די דאָזיקע מאַכשאָוועס, בײַ באָרעך פּינ־קוסן ניט קיין נײַע, פאַרקערט: אין די לעצטע פּאָר יאָר אָפט דורכגעטראַכטע, באַגרינדעטע און אין אים גוט אײַנגעפונדעוועטע, האָבן הײַנט, אין די פרימאָרגן־שאָען, געמישט זיך אין זײַן קאָפּ מיט מער ווייטעק ווי טאָמיד. אי מיט מער ווייטעק, אי מיט צאָרן.

ער האָט אַרופגעשלעפּט אַף זיך די הויזן, די באָרוועסע פיס — אין די שטעקשיך, איז גע־שטאַנען אַנטקעגן דער ביכער־שאַפע אין הוילן צעכראַסטעטן העמד. ער האָט זיך שוין צוויי טעג ניט אָפּגעגאָלט, ניט געגאַנגען אין זײַן מאָלער־אַטעליע, קיין פענדזל אין דער האַנט ניט גענומען. האַלב צוועלף גייט דער צוג אָפּ. באַסיע איז הײַנט אופגעשטאַנען פרי, געקלימ־פערט אין קיך מיטן געשיר, צוגערוימט אין פאָדערצימער, געבערשטלט אַפן באַלקאָן מאַל־בושים, גלײַך ווי גאָרניט, גלײַך ס׳איז הײַנט אַ טאָג ווי אַלע טעג. פאַרן אַוועקגיין צו דער אַרבעט איז זי צוגעקומען צו זײַן געלעגער, איבערגעבויגן זיך איבער אים, אַ קוש געטאָן אים און אַ זאָג געטאָן: „נו, טו זיך אָן, ראַזיר זיך אָפּ, זײַ ניט קיין אַקשן, ס׳איז דאָך אַ ברו־דער". אַ קוש געטאָן און פונדעסטוועגן אָנגע־רופן אַקשן. פאַרוואָס פאַרשטייט זי ניט, אַז די טעג זײַנען בײַ אים שיווע־טעג? טאַקע ווײַל ס׳איז אַ ברודער. מיילע ער, דער ברודער, זאַלמען, האָט ניט געוואָלט פאַרשטיין, האָט ניט געקענט פאַרשטיין, האָט זיך אפילע ניט געלאָזט רעדן. יעדער מינדסטער שמועס צווישן זיי איז באַלד אויסגעבראָכן אין אַ קריגערײַ. און יעדע קרײַ־געריי האָט זאַלמען געענדיקט מיט אָנכאַפּן זיך באַם האַרצן, מיט שלינגען האַרץ־פילן. זאַלמען איז אַ שלעכטער? ניין. אַ נאַר? דאַכט זיך אויך ניט. ער איז אַרײַנגעכאַפּט געוואָרן אין די ציין פון דער דאָזיקער אומגליקלעכער ראָד און אפילע פון אַן אייגענעם ברודער ניט געלאָזט זיך אַרויסשלעפּן. זי אָבער, באַסיע? מיט איר, מיטן ווײַב, איז דאָך ער, באָרעך פּינקוס, אַזוי־פיל יאָרן איין לײַב און איין געדאַנק. די אַלע זאַכן האָבן זיי די לעצטע צײַט ניט איין מאָל אַרומגעטאָלקעוועט. זײַנע געדאַנקען זײַנען אויך אירע געדאַנקען. פאַרוואָס זשע נעמט זי דאָס אַזוי־אָ גרינג און גלאַט, גלײַך ווי גאָרניט? זי וועט זיך אָפּבעטן בײַ דער אַרבעט אַף אַ שאָ, וועט אַראָפּקומען צום וואָקזאַל. „פאָלג מיך, — האָט זי געזאָגט, — ראַזיר זיך אָפּ און קום אויך. ס׳איז דאָך אַ ברודער. און ס׳איז דאָך אַף שטענ־דיק". פאַרוואָס פאַרשטייט זי ניט טיף די דאָ־זיקע טראַגעדיע? ניין. ער וועט צו דער באַן ניט גיין. טאַקע ווײַל ס׳איז אַף שטענדיק. און טאַקע כאָטש ס׳איז אַ ברודער.

באָרעך פּינקוס איז געשטאַנען אַנטקעגן דער ביכער־שאַפע און אײַנגענעם מיט די מאַכ־שאָוועס, וואָס האָבן זיך איצט, אין די פריי־

מאָרגן־שאָען, געבלעטערט אין זײַן מויעך, א נעם געטאָן פון א פאָליצע און אָנגעהויבן בלעטערן אין דער האַנט האָפשטיינס „געקליבענע ווערק". אײנס דאָס אנדערע האָט ניט געשטערט. פארקערט: לענגן און ברייטן האָבן זיך געייניקט, געגרונדלט, באַקומען טיפן, געשטיגן אין דער הייך, גרעסער געוואָרן. ער האָט געבלעטערט ליד נאָך ליד, געשעפּטשעט דאָ א פערז, דאָרט א פערז. און כאָטש ער האָט די פערזן, וואָס ער דאַרף, אונטערגעשטראָכן אין בוך, און כאָטש ער קען זיי גוט אַף אויסווייניק, איז ער, פאמעלעך בלעטערנדיק, געקומען איבער זיי, צוגעבויגן די אויגן צום האָפשטיין־סייפער און, ווי אין א טילימל, ארויסגעלייענט זיי פון אינווייניק.

פון אלע ערגעצן,
וואָס כ'האָב געזען ביז הער,
אין העלעראשײַן דערזען
דעם גרויסן הי,
מײַן גרויסע היים — פסטר!

ער האָט אזוי־אָ, אויך ניט אויסווייניק, און אויך מיט צוגעבויגענע אויגן צום בוך אין דער האַנט, אויסציילנדיק וואָרט בא וואָרט און טײַטלענדיק אַף די ווערטער מיט א פינגער, זאַלמען זאָל, הייסט עס, זען שוואַרץ אַף ווײַס, איבערגעלייענט די דאָזיקע שורעס זאַלמענען. בא זייער לעצטן צעקריגן זיך. זאַלמען איז קעגן אים געזעסן מיט צונויפגעלייגטע הענט,ביידע דלאָניעס אונטער די פאַכוועס, אָן אײַנגעקאָרטשעטער און שמאָלער, א פּאָר רעגעס געשוויגן און דערנאָך מיט ווײַסגעוואָרענע ליפּן א מאַך געטאָן: „הײ־שמי, אייסעך". ס'האָט באָרעכן א הייב געטאָן פונעם בענקל: „וואַרט אויס, וועסט מיסטאמע באַלד זאָגן האָפשטיין־שמאָפשטיין אויך. מיר זײַנען, דאַכט זיך, צוויי ברידער פון איין טאַטן. פאַרוואָס געדענקסטו ניט, וואָס דער טאַטע פלעג זאָגן? פאַרוואָס געדענקסטו ניט דעם טאַטנס פרייד, דעם טאַטנס גליק? וואָס איז מיט דיר געוואָרן?" די שוועגערן, מאַלווינע, האָט זאַלמענען דערלאַנגט א גלאָז וואַסער, א רוף געטאָן אים, ווי טאָמיד, זיאַמעטשקע. זי האָט, ווי טאָמיד, די רייד אירע פרום־זיס אויסגעזונגען, און זאַלמען האָט, ווי טאָמיד, צו דער פרומער זיסקײַט אירער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „זיאַמעטשקע, וואָס שפּאַרסטו זיך מיט אים? צוויי ברידער קענען דען ניט זײַן קיין פאַרשיידענע מענטשן? ווייסטעך, אַז ער פליט שטענדיק אין די הויכע הימלען". און אַז דאָס הייסט בא זיי „הויכע הימלען", און אַז הויכע הימלען טויגן זיי ניט, האָט ער, באָרעך, צוריק אוועקגעזעצט זיך אַפן בענקל, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, און רויקער, „ערדישער", אָנגעהויבן פונדעסטוועגן ווידער טײַטלען מיט א פינגער, אין דער זעלבער ליד האָפשטיינס, אַף אנדערע פיר שורעס. היימישערע, מע קען אפילע זאָגן ברודערלעכע. ער האָט גערעדט מיט א ווייך, ווייטעקדיק קאָל: „הער אויס, זאַלמען. ביסט דאָך, דאַכט זיך, ניט קיין נאַר. כ'רעד צו דיר, ווי א ברודער צו א ברודער. כ'פאַרשטיי — פאַרייניקן מישפּאָכעס. אזוי הייסט דאָך דאָס אַף דער וועלט. נאָר מישפּאָכעס ווערן דאָך גאָר צעפּיצלט און צעבערעקלט. ווייסט עס פונקט אזוי גוט, ווי איך. קינדער, טרעפט זיך, לאָזן איבער אלטע טאַטע־מאַמעס, מענער — ווײַבער, כ'שמועס שוין ניט פון ברידער — ברידער. מע ווערט דערנאָך פאַרוואָרפן ערגעץ הינטער א באָסטאָן, צי אין אָן אווסטראַליע, צי דער רועך ווייסט ווו. געדענקסט, זאַלמען, ווי מיר האָבן זיך איינער דעם אנדערן, מילכאָמע־צײַט, געזוכט? ווי מיר האָבן זיך געטוליעט איינער אין אנדערן, ווען מיר האָבן זיך נאָך־מילכאָמע געפונען, אומגעקערט זיך אהער. געדענקסט די פרייד, וואָס האָט זיך בא אונדז געטאָן, ווען ס'האָט זיך פלוצעם ארויסגעיאָוועט שמוליק דעם פעטער דאָווידס? נאָך איין פינקוס אינײַנעם מיט אונדז, דאָ־אָ אין אונדזער דויר־דוירעסדיקער הי. מיילע, א פּראָסטער כײַ־וועקאָים פאַרשטייט ניט און פילט ניט, אַז ער איז א שפּיל אין טײַוולס הענט. דו, זאַלמען, ביסט דאָך ניט קיין פּראָסטער כײַ־וועקאָים. ביסט א מענטש מיט בילדונג, א מענטש, דאַכט זיך, מיט א קאָפּ אַף זיך. געדענקסט, ווי דער טאַטע אונדזערער דער בלעכער איז געוועזן אין זיבעטן הימל, ווען דו האָסט געענדיקט, די בילדונג דײַנע געקראָגן? געדענקסט, ווי דער טאַטע האָט געשײַנט, ווען מיר פלעגן זיך אלע אינײַנעם צונויפקומען בא אים אין די מײַ־יאָמטויווים, צי אין די אָקטיאַבער־טעג? וואָס איז אָנגעשיקט געוואָרן אַף אונדזער מישפּאָכע? פאַרוואָס קומט אונדז ווידער צעריסנקײַט? אָט הער אומיסטן, זאַלמען, די דאָזיקע שורעס פון אונדזער גרויסן ייִדישן דיכטער. גלײַך ער וואָלט איצט געזעסן אָ־דאָ־אָ צווישן אונדז, אויסגעווייטעקט אונדזער מישפּאָכע־ווײ. „און ווידער ווערט צעזייט, צעשפּרייט, צעשטויבט, וואָס שוין אינײַנעם אין געוועזן..." אײַ, זאַלמען, זאַלמען. זאַלמענס ווײַסגעוואָרענע ליפּן האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט זײַן פאַרבלייכטן פּאָנעם, מ'האָט קוים אָנגעזען, אַז זיי ציטערן אונטער. ער האָט ארויסגעשלעפּט די דלאָניעס פון אונטער די פאַכוועס, און אָן רייד, אונטערהייבנדיק די אקסל, ביידע הענט צעשפּרייט אין דער ברייט. מאַלווינע האָט א זונג געטאָן: „זיאַמעטשקע, וואָס וויל ער פון דיר? וואָסי, לאָזט אים דען ניט זײַן מיט אונדז אינײַנעם?" און זאַלמען האָט איר שווײַגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אים, באָרעכן, האָט עס ווידער א הייב געטאָן פונעם בענקל. פאַרפאַלן. דעם ברודער פאַרלירט ער.

דאָס, אַפּאָנעם, האָט טאַקע באַטײַט זאַלמענס צעשפּרייטן די הענט. באָרעך האָט אַ נעם גע־טאָן דעם בוך אונטערן אָרעם און אַוועקגעלאָזט זיך צו דער טיר. פונעם זײַטיקן צימער איז אַרויסגעקומען ראָבערט, זאַלמענס יינגל, דער פּלעמעניק באָרעכס. ראָבערט האָט זיך לעצטנס פאַרלאָזט אַ בערדל. אַ ישעיהו־באָכערדיק שוואַרץ־שיטערלעך פאַרשפּיציקט בערדל — אויבן, אין ביידע זײַטן, פעלן נאָר פּייע־קרײַזעלעך, פאַרקאַטשעטע אונטערן אויער. ראָבערט האָט אַרויסגעצויגן דעם בוך פון אונטערן פעטערס אָרעם, אָנגעהויבן מישן אים און זיך צעלאַכט: „דיאַדיע, זשאַרגאָן איז דען אַ שפּראַך? ס'איז דאָך אַ נאָכגעקרימט דײַטש!" ס'האָט אַ פאַל געטאָן דאָס וואָרט „נישטיקײַט", דאָס וואָרט „אַמאַרעץ". דערנאָך זײַנען צוריקגעפאַלן די ווערטער „גייט אײַך, גייט אײַך געזונטערהייט!"

באָרעך פּינקוס האָט איצט, אין די פּרי־מאָרגן־שאָען, צעשפּאַנט זיך אין זײַן צימער פון וואַנט צו וואַנט. ווענט האָבן זיך אָט צערוקט, נעלעם געוואָרן — ראַכוועסן און בענקשאַפטן האָבן זיך אַ שפּרייט געטאָן אין אַלע זייערע לענגען און ברייטן; אָט צוריק אַוועקגעשטעלט זיך קעגן אים, געפּרעסט און געקלעמט — ער האָט צווישן זיי אויסגעשפּאַנט ווייטעק און צאַר פאַרן פאַרלוירענעם ברודער.

האַלב צוועלף גייט דער צוג אָפּ.

עפּשער האָט ער מיט זאַלמענען געדאַרפט רעדן אַנדערש? ווייכער. געדולדיקער. אײַנגעשפּאַרט־אָפּטער. איבערצײַגנדיק־טיפער. עפּשער האָט ער אים, ווי אַ רופע אַ כּולע, איידעלער געדאַרפט אויספּרעגן, וווּ עס טוט אים וויי? און עפּשער, פאַרקערט, האָט ער גאָר העכער געדאַרפט אָנשרײַען אַף אים? ווי אַן עלטערער ברודער אַף אַ יינגערן, וואָס טוט אָפּ נאַרישקײַטן, כאָטש ער ווייסט גוט, אַז ער טוט אָפּ נאַרישקײַטן. עפּשער האָט ער אים געדאַרפט פּאַטשן איבער די באַקן, ער זאָל קומען צו זיך, ווי מע פּעטשלט איבער די באַקן אַ פאַרכאַלעשטן, וואָס בלײַבט זיצן מיט פאַרגלאָצטע אויגן און מיט אַראָפּגעהאַנגענע הענט, אַ רעגע אָן סייכל־האַיאָשער אין קאָפּ און אָן ערד אונטער די פיס? ער האָט דאָס אַלץ, דאַכט זיך, געטאָן. עפּשער ניט גענוג? פאַרפאַלן. איצט קען ער אים, ווי אַ ברודער אַ ברודער, נאָר באַדויערן, נאָר באַוויינען.

אײַ, זאַלמען, זאַלמען.

באָרעך פּינקוס איז אַרײַן אין וואַנע־צימער, אַוועקגעשטעלט זיך אָפּגאָלן. אַפּן פּאָנעם זײַנעם אין שפּיגל האָט ער איצט מער ווי אַ צווייט מאָל דערזען דעם טאַטנס אַלע קנייטשן און קנייטשלעך, דעם טאַטנס ברעמען, פּונקט דעם זעלבן שטערן, די זעלבע אויגן דעם טאַטנס. וואָס וואָלט דער טאַטע געזאָגט אַף אַזאַ שטיקל אַרבעט זאַלמענס? ער וואָלט, מעגלעך אַ שווײַגנדיקער, ווי זײַן שטייגער איז געווען באַ צאָרעס, שטיל געריסן קריע, אָנגעשאָטן זיך אַש אַפּן קאָפּ.

דער טאַטע האָט אָפּגעלעבט ניט קיין גרינג לעבן. ביטערע מילכאָמע־יאָרן, שווערע צײַטן נאָך מילכאָמע. נאָר יעדן מאַנגל און אַלע שווע־ריקײַטן האָט ער, דער פּראָסטער בלעכער, אויפגענומען מיט פאַרשטענדעניש, פאַרשטאַנען מיט ליבשאַפט. פון די אויגן זײַנע, טאָמיד פאַרצויגענע מיט מידקייט און מיט זאָרגעניש, האָט פון ערגעץ טיף אינווייניק טאָמיד אַרויסגעשײַנט פרייד און גליק. דאָס וואָרט „סאָוועטיש" איז באַ אים געווען דאָס שטאָלצסטע און העכסטע וואָרט. געפּאָרט מיטן וואָרט „בעסאַראַביע" — זײַן אויסגעבענקטער, מעקויעם־געוואָרענער כאָלעם.

אין אַ גוטער מינוט אירער פלעג די מאַמע ליב האָבן צו דערציילן אין פריידן, ווי אין די עוואַקואַציע־יאָרן, אין ווײַטן אוזבעקישן קישלאַק, האָט איינמאָל, אין אַ שווערן ווינטערדיקן הונגער־טאָג, דער טאַטע פּלוצעם אַ זאָג געטאָן: „הערסט, בראָכע, מיר האָבן פאַרגעסן אַ וויכטיקע זאַך. געדאַרפט מיטנעמען מיט זיך אין אַ טאָרבעלע אַ ביסל בעסאַראַבער ערד." זי האָט אַף אים אויפגעעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן און אים אָנגערופן מעשוגענער: „ווען דו זאָגסט כאָטש אַ גוט שטיקל בעסאַראַבער מאַמעליגע".

דער טאַטע האָט, אומקערנדיק זיך אַהיים, געפרייט זיך מיט יעדן נײַעם פּענצטער אין יעדער כאָרעוו־געוואָרענער שטוב. געקוקט אַ צעשײַנטער אַף יעדער ביסל ליכט אין יעדן צוריק אויפגעשטעלטן הויז, ווי עס וואָלטן צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן אייגענע גיטער, אייגענע מאַיאָנטעקס זײַנע. ער האָט אינײנעם מיט אונדז, מיט די קינדער, אַף פיר אָפּענע ווענט אָפּגעלייגט אַ סטעליע, צוגעשלאָגן קראָקוועס, פון אַלטע שטיקער בלעך אָפּגעדעקט אַ דאַך, און אין דער דאָזיקער אָרעמער דירע, וווּ די טיר איז דערווײַל געווען צונויפגעקלאַפּט פון אַ פּאָר ברעטלעך, דאָס פּענצטער אויסגעשטוקעוועט פון שטיקלעך שײַבלעך, אומגעדרייט זיך, ווי אַ מיילעך אין זײַן פּאַלאַץ, אָנגערופן מיט גאַדלעס דעם פּאַלאַץ אַי היים, אַי הי.

אײַ, זאַלמען, זאַלמען.

וויאַזוי צעקריגט מען זיך מיט אַזאַ טאַטן? וויאַזוי פאַרשוועכט מען אַזאַ־אַ טאַטנס כאָלעם, אַזאַ־אַ טאַטנס ליכטיקן אָנדענק? וויאַזוי וואַרפט מען אַזוי־אָ אַוועק די קוואָרים פון אַזעלכע טאַטע־מאַמע?

ס'איז דאָ אַף דער וועלט אַ שרײַבער גאַבריעל גאַרסיאַ מאַרקעס. די וועלט האַלט פון אים. ער פאַרמאָגט אַ בוך „הונדערט יאָר איינ־

זאַמקייַט". ווייַל דאָרט דער העלד פאַרלאָזן דאָס קליינע יישעוול, וואָס ער האָט איינגענעם מיטן ווייַב, עטלעכע יאָר קעסיידער, געהאָלפן אוועק־שטעלן ערגעץ אין ווילדע סטעפּעס. ענטפערט דאָס ווייַב: „ניין. מיר האָבן דאָ אַרייַנגעלייגט אונדזער שווייס און אונדזער האַרץ. ס'איז אונדזער היים. קיין היים פאַרלאָז איך ניט". זאָגט דער מאַן: „אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן נאָך דאָ קיין קוואָרים ניט, קאָן עס נאָך ניט הייסן היים". ענטפערט דאָס ווייַב: „כ'בין גרייט, עס זאָל פון מיר ווערן דער ערשטער קייווער, אַבי די היים אונדזערע זאָל הייסן היים!.."

איַי, זאַלמען, זאַלמען.

נו, און דאָס קייווערל פון דייַן צוועלפיאָרי־קער פּירעטשקען, וואָס האָט אין די שול־העפטן אירע שוין געשריבן לידער, באַזונגען דעם ייִדן און זייַן מעקוּיעם־געוואָרענעם כאָ־לעם? האָסט כאַטש, זאַלמען, די קוואָרים אָפּגע־פאָטאָגראַפירט? צי ס'איז דיר גענוג, אַז מיר, איך און באַסיע, וועלן אין די יאָרצייַטן דייַן טעכטערלס קייווערל אַרומוואַשן, אין די פרי־לינגן די שטאַכעטלעך אויספאַרבן, פאַרזעצן בלימלעך אַרום־און־אַרום אין צעגראָבענעם שטיקל ערד? צי די אַלע זאַכן הייסן בא דייַן מאַלווינען אויך פליִען אין די הויכע הימלען?

איַי, זאַלמען, זאַלמען.

באַרעך פּינקוס האָט אַרונטערגעשטעלט דעם קאָפּ אונטערן קראַנט, מיט הויל קאַלט וואַ־סער געפּליעסקעט זיך דאָס פּאָנעם, אָפּגעפּרישט דעם האַלדז־און־נאַקן, געוואַשן ביז אין דער העלפט דאָס נאַקעטע לייַב. ער האָט אָנגעטאָן שיך־און־זאָקן, א פריש העמד, א כאַפּ געטאָן א רעקל אין דער האַנט און איז אַרויס אַף דער גאַס.

ער איז אוועק צופוס. דער פייַכטלעכער נעפל, וואָס האָט פאַרטאָג איינגעהילט די שטאָט, האָט זיך אָנגעהויבן אופהייבן, צעגיין זיך, אָפּגעדעקט די נייַנשטאָקיקע און זעכצנשטאָקי־קע מויערן, ווינקלדיק אוועקגעשטעלטע לענגויס רעכטס און לינקס, איןביידע זייַטן גאַס נאָך גאַס. מענטשן אַף די טראָטואַרן גייען שוין אַלע אָן די מאַנטלען. די לייַלעכער גראָז, די יונגע אָפּגעקאַלכטע ביימלעך גרינען שוין. ווי־דער פרילינג. היגער, היימישער פרילינג. באַ־רעך האָט איצט, מער ווי א צווייט מאָל, גע־הויבן דעם קאָפּ אַרויף צו די הויכע מויערן. ווייַ־סע, שפּאָגל־נייַע, מיט זון צעשפּילט אין אַלע זייערע פענצטער, האָבן זיי, ראָג נאָך ראָג, גאַס נאָך גאַס, אָט געווייַטערט, אָט גענעענטערט זיך צו אים, געדרעדלט זיך פאַר זייַנע אויגן, ווי אָנגענומענע בא די הענט, ווי ווייַסע קאַלעס, מיט שייַנענדיקן קאַלע־כיין צעשפּילט אַף זיי־ערע פּענעמער. דער טאַטע האָט שוין די דאָזי־קע אַלע ראָגן ניט געזען. ס'איז נאָך דעמלט דאָ געוועזן א פּוסט פאַרוואַלגערט פּלאַץ. אין א פּאָר בוי־פּראָיעקטן ליגט אויך זאַלמענס א שטיקל כיילעק. ווי אַזוי דרייט זיך א מענטש אויס מיטן רוקן צו אַזעלכע היימישע שייַנקייַטן? ווי אַזוי נעמט א מענטש און צינדט זיך אַליין אונטער? נאָך גוט, וואָס דער טאַטע האָט זאַל־מענס סרייפע ניט דערלעבט.

באַרעך פּינקוס האָט זיך אַזוי אַריבער א שאָ אומגעדרייט אַף די נייַע גאַסן און ראָגן, אָנגעאָטעמט זיך מיט לופט און מיט זון, שטיין געבליבן דערנאָך מיטן שליסל אין דער האַנט קעגן דער טיר פון זייַן מאָלער־אַטעליע.

ס'ערשטע האָט ער אַרופגעצויגן די וואָגן פון זייַן אַלטן געשניצטן קוקו־זייגער אַף דער וואַנט, אופגעשטעלט זיך אַף א טאַבורעטל און דעם זייגער אויסגעקלונגען, צעשאָקלט דעם מאַיאַטניק, די שטיינגעבליבענע ווייַזערס אי־בערגערוקט אַף דרייַ פערטל עלף.

די אַטעליע האָט אָנגעהויבן אָטעמען. באַ־רעך האָט געביטן די הויזן: די געוויינלעכע גאַנג־הויזן — אַף זייַנע מאָלעריש־פאַרקוויטל־טע אַרבעטס־הויזן. ער האָט א נעם געטאָן א בעזעם אין דער האַנט און דאָס אַטעליע־צימער אויסגעקערט, אומעטום אָפּגעווישט מיט א שמאַטע פאַרשטויבטקייַט. פונדערווייַטנס, אין א ווינקל, האָט ער געכאַפּט א קוק צום ניט פאַרענדיקטן מיידל־פּאָרטרעט אַף דעם אויסגע־צויגענעם לייַוונט איבערן גאַנצן מאָלבערט. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט קוקן אַפן טאַטנס פּאָרטרעט, וואָס הענגט דאָ אַזוי אַלע יאָרן, אויבן, אונטערן הויכן און לאַנגן אַטעליע־פענצ־טער, נאָענט צו דער סטעליע. געקוקט אַפן טאַטן — געקוקט אַף זיך.

דערנאָך האָט ער, אַזוי זיך, א בלעטער גע־טאָן די פּאָר אַלבאָמען מיט זייַנע רעפּראָדוק־ציעס, געבלעטערט ביכער, איליוסטרירטע מיט זייַן גראַפיק. דערנאָך האָט ער זיך אופגעהויבן אַף די טרעפּלעך צום גאַלעריע־באַלקאָנדל אין זייַן אַטעליע. דער זייגער אַף דער וואַנט האָט אויסגעקוקעט עלף.

אַפן גאַלעריע־באַלקאָנדל, שורעסווייַז, סע־ריעסווייַז — לייַוונטן זייַנע אין גרעסערע און אין קלענערע רעמלעך. לייַוונט בא לייַוונט, רעמל לעבן רעמל, ווי ספאָרים־רוקנס אין א ביכער־אַלמער. ס'איז אין זיי אַרייַנגעמאָלט זייַן לעבן, זייַן און זייַן טאַטנס כאָלעם, זייַן און זייַן טאַטנס הי. זייַנע לייַוונטן זייַנען ניט איין מאָל געהאַנגען אין דאָרפישע קאָלווירט־קלובן. גע־ווען אויסגעשטעלט אין לוואָוו, אין נאָוואָסי־בירסק, אין מאָסקווע. די בעסטע צווישן זיי גע־פינען זיך אין מעלוכע־מוזייען. אייניקע בילדער זייַנע הענגען אַף די ווענט בא כאַווייריִם, בא פריינט. מענטשנס פרייד איז זייַן פרייד, קייפלט

זײַן פרייד, איז זײַן גליקלעכקײַט, זײַן לעבן, זײַן היגקײַט.

הי.

באָרעך פּינקוס האָט אָנגעהויבן אַראָפּטראָגן פון זײַן גאַלעריע־באַלקאָנדל די שטעטל־סעריע — קינדער־יאָרן־דערמאָנונגען. ער האָט די לײַוונטן אוועקגעשטעלט אַפן דיל אין א האַלב־קרײַז, איין רעמל אָנגעשפּאַרט אין אַנדערן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגן, אונטערן פענצטער, אונטערן טאַטנס פּאָרטרעט, אין דער נידעריקער ברייטער שטול, ווו ער זעצט טאָמיד אוועק א ליבן גאַסט, וואָס קומט אָנקוקן זײַן אַטעליע.

גרין־פּאַרמאָכיקטע שינדל־דעכלעך, א שוואַרץ־בלאָע טיר אין דער קרום, א שטיבל, אַרומגעגאַרטלט מיט א רויט־פײַערדיקער פּריזבע.

אַן אָפּגעצויגן שמאָל שנײַדערל מיט א צעפלויגענעם קאַפּטן, א צעבויגן דאַשיקל אַפן שטערן, שוועבט אין דער לופטן; איבערן שטעטל אונטן — צעוואָרפענע אויסיִעס: „כּאִים־זייליק דער ליגנער"; פונעם שנײַדערלס אויגן אונטערן דאַשעקל שטראַלט אַרויס פאַנטאַזיע און דיכטונג.

דער זיידע. א הויכער, מיט א געלער לאַנגער באָרד, די שטיוול דעם זיידנס זײַנען אַזש געל.

אַן אָפּגעקאַלכטע פּאָדערוואַנט פון א מאָלדאַווישן אַסיענדיקן ווײַן־קעלער.

א כאַסענע אין שטעטל.

א לעווײַע — שוואַרצע לײַלעכער, ווײַסווײַסע אווײלים־פּנעמער.

א ייִדענע — הוילע שאַל. צוויי לאַנגע אָדערדיקע הענט הענגען אַרויס פון דער שאַל, רירן אָן מיט די שפּיץ פינגער די ערד.

שכיינים, איינער לעבן אַנדערן; איין שאָכן אין א טאַלעסקאָטן, דער צווייטער אין אַן אויסגעשטעפּט מאָלדאַוויש לײַב־צודעקל, אין א הויכער שפּיציקער קוטשמע אַפן קאָפּ.

דרײַ ייִנגלעך אין קאָסעוואָראָטקעס.

צוויי פאַרבלאָוטע רומעניִשע זשאַנדאַרן שלײַדערן צווישן זיך, ווי א באָל, א נאַקעט פאַרבלוטיקט יונג באָכערל.

דער דניעסטער, פאַרבויגן ווי א קני, אַף איין ברעג א שוואַרץ וועלדל, אַפן אַנדערן ברעג א ווײַנגאָרטנדיקער באַרג־אַרוף.

א גאַנץ שטעטל מענטשן שטייט אַפן ברעג פונעם דניעסטער, אין איין ווירע, ווי צו טאַשליך, די פיס — א טריט אין דער וואַסער, די צעשפּרייטע הענט — אויסגעשטרעקט אַנטקעגן, פון יענער זײַט שיפט זיך אַהער צו א שיפל מיט דרײַ רויטאַרמייער, מיט א רויט־צעפלאַטערטער פאָן.

הי.

באָרעך פּינקוס האָט אָנגעהויבן אַראָפּברענגען פון זײַן גאַלעריע־באַלקאָנדל די מילכאָמע־סעריע, די געטאָ־סעריע. די נײַ־אַראָפּגעבראַכטע לײַוונטן האָט ער אָנגעשפּאַרט אַרום און אַרום אין די פריִעריקע לײַוונטן, פאַרשטעלט מיט זיי די פריִערדיקע לײַוונטן. ער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט אין דער שטול אַנטקעגן.

א שטעטל ברענט.

צוויי עסעסאָווצעס — איבערגעבויגענע איבער א קערניצע; די קערניצע איז ביז אַרויף אָנגעפּולט מיט זקיינים און זקיינעס; דער עמער אײַנדערלופטן — מיטן מויל אַראָפּ, צעשאָקלט ווי א גלאָק; אַרום עמער — צעפלויגענע גימלען, וואָוון, אַלעפן, לאַמעדן, דאַלעדן.

מאַכנעס, מאַכנעס קאָלערליי פּלייצעס, געטריבענע קיין טראַנסניסטריע. אין בײדע זײַטן וועג פאַרקוילטע פעלדער; רעכטס, אין א טאָל, א פאַריאָמערט דערפל; לינקס, אַף א שורע ניסנביימער — צעווינטיקטע צווײַגן, פון די בלעטער טריפן אַראָפּ טרערן; הינטער די געטריבענע מאַכנעס — באַרמינענס: אַלטע לײַט אָן הענט און אָן פיס, זויגקינדער אין צעפּליקטע וויקעלעך, מעובערעסע ווײַבער — מיט די בײַכער אַרויף, ווי פאַרשטאַרטשעט געוואָרענע אינמיטן האָבן; צווישן די טויטע, אַף א שמאָל שטיקל פּאַרמעט — „קיינמאָל ניט פאַרגעסן!".

רויטאַרמייער אַרום א טאַנק שטורעמען א וואַנט; פון שוואַרצע, פאַרגראַטעטע פענצטערלעכער איז איבער דער גאַנצער וואַנט אויסגעפּינטלט א האַקנקרייץ.

א וואַלד. פּאַרטיזאַנער מיט איבערגעגאַרטלטע פעלצלעך לעבן אַן ערד־שטיבל. די וואַלד־געדיכטעניש איז פאַרשנייט. די קרוינען אויבן אַף די ביימער זײַנען אָנגעטאָן אין רויטן בליִעכץ.

דרײַ הויכע קרעמאַטאָריע־קוימענס, צווישן די שוואַרצע רויך־בײַטשן דרייט זיך דער ערד־קוגל, אַף די קוימען־ציגל איז אָנגעצייכנט היטלערס און געבעלס׳ און גערינגס ווילדע פּאַרצעפּער.

א רויטאַרמייער מיט אַן אווטאָמאַט אַף דער פּלייצע, אין א דורכגעווייקטער גימנאַסטיאָרקע, צוגעבויגן צו א קריגל וואַסער בא אַן אַלטיטשקער אין די הענט.

צעפּאַלדעוועטע אונגאַרישע קליידלעך פּעכערן זיך אַרום א רויטאַרמייער מיט א האַרמאָשקע בא די אָרעמס.

די סאָוועטישע אַרמיי אַף די כאָרעווע וואַרשעווער גאַסן.

צוויי רויטאַרמייער ברעכן אוף דעם טויער אין אָשווענטשים, געשטרייפטע סקעלעטןשאָטנס ציִען זיך צו זיי מיט לאַנגע שטראַלנדיקע פינגער.

באָרעך פינקוס איז געזעסן אנטקעגן די אייגענע לײַוונטן זײַנע, ס׳פּאָנעם אַרײַנגעשפּאַרט אין אַ דלאָניע, אין דער נידעריקער ברייטער שטול, ווו ער זעצט שטענדיק אוועק געסט, און געקוקט איצט אַף די לײַוונטן, ווי אַ צווייטער, ווי ניט ער. ער האָט איצט מערער געזען אין זיי דעם „וואָס" איידער דעם „ווי:אַזוי". די אַלע וויזיעס האַט ער ניט אין איין טאָג דורכגעווייטעקט, קימאַט אומעטום אַליין געווען דערבײַ. ער האָט איצטער שטאַרקער, ווי טאָמיד, געטראַכט, אַז ער און זײַן מישפּאָכע און אַלע זײַנע לעבנגעבליבענע אייגענע און דאָס גאַנצע פאָלק זײַנס ביז איינעם וואָלטן אַלע געווען פאַרטיליקט געוואָרן, אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער וועלט. און ער האָט שטאַרקער, ווי טאָמיד, געטראַכט איצט, ווער ס׳האַט פון פאַרטיליקונג געראַטעוועט, ווער ס׳האָט די פאַרטיליקער פאַרטיליקט. און וויפל מי און פּײַן דאָס האָט געקאָסט. צוואַנציק מיליאָן לעבנס. וויפל טײַכן בלוט!

באָרעך פינקוס האָט זיך ווידער אופגעהויבן אַף די טרעפּלעך צו זײַן גאַלעריע־באַלקאָנדל און אָנגעהויבן אַראָפּברענגען פון דאָרטן פּאָרטרעטן און פייזאַזשן. אין אַלע פּרײַע אַטעליע־ווינקעלעך, רעמל איבער רעמל, האָבן זיך אויסגעשטעלט נאָענטע און ליבע, נאָענטס און ליבס. געשטאַלטן פון היימישע אַרבעטסמענטשן און היימישע געשטאַלטן פון געלערנטע. אַ ייִד אַ קאָלווירט־פּאָרזיצער. אַ נאָענטער סקולפּטאָר. אַ זינגערן. דרײַ ציגײַנער־מיידלעך. אַ מאָלדאַווישער דיכטער. נייטערנס אין אַ קליידער־פאַבריק. יונגע סטודענטלעך. שטאָלגיסער. ווײַנגאָרטן־פייזאַזשן. סעדער. אַ בריק איבערן דניעסטער. נײַ־שטאָט־ווינקלען. קאַווקאַזער לאַנדשאַפטן. באַסיעס פּאָרטרעט. די צוועלפיאָריקע פלעמעניצע, פירעטשקע (אײַ, זאַלמען, זאַלמען!). דער קוקו־זייגער אַף דער וואַנט האָט איין קוקע געטאָן. האַלב צוועלף. זאַלמען פאַרשווינדט איצט אין די ערגעצן, וועט דאָרט צעגאַנגען ווערן, ווי עס צעגייט זיך אַ זשמענקעלע זאַלץ אין קאָכיקן וואַסער. ער, באָרעך, שטייט אין דער רעגע אַרומגערינגלט מיט זײַן הי, וועט אַזוי דעם גרויסן הי זײַנעם ווײַטער און ווײַטער שטאַלטיקן.

באָרעך פינקוס האָט אַ נעם געטאָן אַ פענדזל אין דער האַנט, אַרויסגעקוועטשט פון אַ טיוביקל אַ ביסל פאַרב, די פאַרב צעפירט מיט אַ פּאָר טראָפּן אייל, דערנעענטערט זיך דערנאָך צו דעם ניט־פאַרענדיקטן לײַוונט אַפן מאָלבערט.

דאָס מיידל אַף דעם לײַוונט, מיט גלאַטפאַרקעמטע האָר און טיף־פאַרקלערטע אויגן, ענלעך צו כײַע ליפשיץ, האָט נאָך אַ פּאָר נײַע פענדזל־שטריכן אָנגעהויבן לעבן. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט פרייד. די פרייד האָט זיך צוריקגעשפיגלט, געקייפלט זיך, געוואַקסן אַפן פּאָנעם פון איר שעפער.

מאַרק ראַזומני

נאָוועלעטן

דער לײדיקער פּאַפּיר-קויש

צוויי מאָל אין כוידעש קומט די אופראַמערן ברענגען אין אָרדענונג מײַן וווינונג. זי שליסט אײַן דעם שטויבזויגער, ווישט אַרום די ביכער, וואַשט אויס די שויבן, ווערקסלט אָן דעם פּאַרקעט. מיט איין וואָרט — טוט אַלץ, וואָס עס פאָדערט זיך פון אַן אַקוראַטער אופראַמערן, און נאָך איר אַוועקגיין בלענדט שטענדיק די שטוב.

אָבער ניט בלויז אַן אַקוראַטע אופראַמערן איז זי — זי איז אויך אַן אינטעליגענטער פאָלקסמענטש, אַ פלײַסיקע לייענערן, און ווײַל זי ווייסט, אַז איך בין אַ שרײַבער, פאַרפירט זי מיט מיר שטענדיק געשפּרעכן וועגן דורכגעלייענטע ביכער און זאָגט אָפטמאָל אַרויס קלוגע און שאַרפע באַמערקונגען.

ווי נאָר זי קומט צו מיר, קוקט זי דאָס ערשטע אַרײַן אין דעם פּאַפּיר-קויש, וואָס שטייט אונטערן שרײַבטיש, און ווען זי געפינט אים אַ פולן, זאָגט זי צופרידן:

— איך גראַטוליר אײַך! ווי איך זע, האָט איר לעצטנס גוט געאַרבעט!

איז אָבער דער קויש ליידיק, טוט זי מיט באַדויערן אַ שאָקל מיטן קאָפּ און זאָגט:

— מיר שײַנט, אַז אײַך אַרבעט זיך עפּעס ניט...

— פונוואַנען נעמט איר דאָס? — פרעג איך מיט אַ שמייכל. עמעס, מיט אַ ביטערן שמייכל, ווײַל די פּרווּ איז דאָך, נעבעך, גערעכט: מיר אַרבעט זיך טאַקע ניט. אָבער איך פּרוּוו נאָך אופהאַלטן דעם שרײַבערישן האָנער און אײַנייגוועגס אויך זיך טרייסטן, און גיב צו מיט אַ מענטאָרישן טאָן:

— אַ ליידיקער קויש איז דאָך אַ באַווײַז, אַז דאָס שרײַבן האָט זיך אײַנגעגעבן, און ס'איז ניט געווען וואָס אַרויסצו וואַרפן!

— איר דאַרפט ניט אײַנריידן ניט מיך און אויך ניט זיך! — רופט זי זיך אָן, — איך בין אַ מענטש אַ געניטער, יאָרנלאַנג אַרבעט איך שוין אין שרײַבערישע שטיבער און איך ווייס, אַז באַם שרײַבן אַ בוך מעקט מען מער, ווי מע שרײַבט... איז אָבער דער פּאַפּיר-קויש באַ אַ שרײַבער ליידיק — וועט שוין קיין גוטער בוך ניט זײַן!

זי נעמט זיך האַסטיק צו דער אַרבעט, שליסט אײַן דעם שטויבזויגער, און ער צעזשומעט זיך מיט גרויס געבייזער: ווי עס שײַנט, איז ער אויך מאַסקים, אַז באַ אַ ליידיקן פּאַפּיר-קויש וועט שוין קיין גוטער בוך ניט זײַן.

און ווען מײַן אַקוראַטע אופראַמערן און האַרבע און גערעכטע קריטיקערן פאַרענדיקט איר אַרבעט און קלײַבט זיך אַוועקצוגיין, זאָגט זי מיט אַ קלוגן שמייכל:

— איז זעט, דאָס קומענדיקע מאָל זאָל איך טרעפן אײַער קויש אַ פולן, ווי אַן אויג!

ווען אַ מענטש איז דערשלאָגן

אין איינעם אַן אָוונט איז מײַן פרײַנט אַרײַנגעקומען צו מיר און מיך געטראָפן אין אַ שטאַרק דערשלאָגענער שטימונג.

— וואָס עפּעס אַזוי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ? — האָט ער געפרעגט.

— אַט, ס'האָט זיך ווידער ניט אײַנגעגעבן. — האָב איך געענטפערט, — ווי דו קערסט זיך, איז נאָר אַגמעסנפעש און האַרצעסניש.

ער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט און אומדערוואַרט אַ זאָג געטאָן:

— אַ ליכט האָסטו אין שטוב? יאָ, יאָ, אַ פּאַשעט סטעאַרין־ליכטל... איז גיב אַהער!

— וואָס דאַרפסטו אַ ליכט? — האָב איך זיך געוווּנדערט, — עס ברענט דאָך עלעקטרע...

— שטעל ניט קיין קאַשעס און גיב אַהער אַ ליכט! — האָט ער שטרענג באַפוילן, — און פאַרלעש די עלעקטרע!

איך האָב זיך אופגעהויבן, אַוועק אין קיך און געבראַכט אַ ליכט. ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל און פאַרלאָשן די עלעקטרע.

— און איצט קוק, וואָס איכ'ל טאָן! — האָט ער באַפוילן און גענומען דרייען דאָס ליכטל אין אַלע זײַטן. אין דער טונקלקייט פונעם צימער האָט פאַר מײַן בליק דאָס פלעמל אָן אופהער געטאַנצט.

— וואָס פאַרא קונצן ווײַזסטו מיר? — האָב איך מיט כידעש געפרעגט.

— ניט קיין קונצן ווײַז איך, — האָט ער ערנסט געענטפערט, — איך ווײַז דיר אַ בילד פון לעבן. דו קוק נאָר, ווי איך דריי דאָס ליכטל אין אַלע זײַטן, אָבער ווי איך זאָל עס ניט דרייען, ציט זיך שטענדיק דאָס פלעמל אין דער הייך, און דאָס איז דאָך ניט מער, ווי אַ קליין פלעמל, און דו, אַ מענטש...

מער האָט ער ניט גערעדט, ס'איז דען נייטיק געווען נאָך עפּעס צו זאָגן? ער האָט נאָר געדרייט דאָס ליכטל אין אַלע זײַטן, און דאָס פלעמל האָט זיך אַלץ געהאַלטן גראָד און זיך געצויגן אין דער הייך.

דער איבערגעריסענער קאָנטאַקט

אין רעכטן מיטן געלאָף האָט דער האָרעפּאַשנער טראַלייבוס אופגעציטערט און געבליבן אומבאַהאָלפן שטיין: דאָס האָט דער קאָנטאַקט־שטאַנג אַף זײַן דאָך געטאָן אַ שפרונג, זיך אָפּגעריסן פון דעם לייטונג־דראָט, און דער קאָנטאַקט איז איבערגעריסן געוואָרן. דער שאָפער איז אַרויסגעלאָפן פון זײַן קאַבינע פאַריכטן די אַוואַריע, און אין דעם פולגעפּאַקטן טראַלייבוס האָט איינער פון די פּאַסאַזשירן בייז אויסגערופן:

— גראָד ווען ס'איז ניטאָ קיין צײַט, מאַכט זיך שטענדיק אַ שטערונג!

— זײַט ניט אַזוי אומגעדולדיק, — האָט אַ צווייטער אים באַרויקט, — דער קאָנטאַקט וועט דאָך אין מעשעך פון אַ מינוט אײַנגעשטעלט ווערן! — און פאַרטראַכט צוגעגעבן: — ניט אַזוי ווי בײַ אונדז, מענטשן, ווען מיר פאַרלירן אַ קאָנטאַקט...

— איר האָט אַ טאָעס, — האָט זיך דערטראָגן אַ שטים פון אַ ווײַטן ווינקל טראַלייבוס, — בײַ אונדז, מענטשן, קאָן דאָס נאָך גיכער צוגיין! עס איז נאָר נייטיק, אַז בײַ איין צאַד זאָל דער באַוווּסטזײַן פון שולד זיך באַגעגענען מיטן כיישעק צו פאַרגעבן דעם צווייטן צאַד — אַט אַזוי ווי די באַגעגעניש פונעם נעגאַטיוון שטראָם מיטן פּאָזיטיוון אין די עלעקטרישע דראָטן, און דעמלט וועט אַרויסשלאָגן דער פונק, און דער קאָנטאַקט וועט זיך ווידער אײַנשטעלן!

אין דעם מאָמענט האָט דער שטאַנג, נאָך אַ ריי באַמיִונגען פון דעם שאָפער, אופגעכאַפּט זײַן נעסט, ס'האָט אַרויסגעשלאָגן אַ פונק, און דער טראַלייבוס האָט ווידעראַמאָל אופגעציטערט — איצט שוין פון פרייד — און זיך גערירט פון אָרט. אַפן ווײַטערדיקן וועג האָבן די דערפרייטע פּאַסאַזשירן שוין אינגאַנצן פאַרגעסן דעם עפּיזאָד מיטן איבערגעריסענעם און ווידער אופגעשטעלטן קאָנטאַקט. זיי האָבן אָבער געמעגט און געמוזט דאָס געדענקען און זיך פאַרטראַכטן אַף דעם, ווײַל וועמען פון אונדז קומט ניט אויס אָפטמאָל צו לײַדן פון אַן איבערגעריסענעם קאָנטאַקט?

ברעקלעך פאַר אַ טויב

צוגעזעצט זיך אין גאָרטן אַף אַ באַנק, האָב איך גענומען לייענען דעם אָקאָרשט באַקומענעם בוך „געשיכטע פון דער אַנטיקער פילאָסאָפיע", און ווען כ'האָב אופגעהויבן די אײַנגעמידטע אויגן און זיך אַרומגעקוקט, האָב איך דערזען, ווי בײַ מיר צופוסנס דרייט זיך אַרום אַ טויב, קוקט מיך אָן מיט אומשולדיקע אייגעלעך, פינטלט ראַכמאָנעסדיק, און, האַלטנדיק

דאָס קעפּעלע כּייִנעוודיק אָנגעבויגן אין א זײַט, ווארט זי אַף עפּעס.

„איך ווייס, מײַן טײַבעלע, אַף וואָס דו ווארטסט...״ האָב איך זיך צוגעבויגן צו דעם און אײַנגערוימט א סאָד. „ביסט געווינט, מ'זאָל דיר צוווארפן ברעקלעך... אָבער דאָ האָסטו, נעבעך, א טאָעס, קיין ברעקלעך זײַנען בא מיר ניטאָ. איך קאָן דיר נאָר צוווארפן א פּאָסטולאַט פון פּלאַטאָנען, אַן ארויסזאָגונג פון סאָקראַטן, א באַטראַכטונג פון עמפּעדאָקלען... נו, מײַן טײַבעלע, ווילסט?״

די טויב האָט אופמערקזאַם מיך אויסגעהערט, אָבער קיין גרויס כּיישעק צו פּלאַטאָנען און סאָקראַטן האָט זי, ווי עס שײַנט, ניט געהאַט. געזען האָב איך דאָס פון דעם, ווי זי קוקט שוין אַף מיר מיט ביטל, מאַכט נאָך א פּאָר געצווונגענע קרײַזן, וואָס באַטײַטן: „עפּשער דאָך?״ אָבער צום סאָף זעענדיק, אַז איך וועל ניט אָפּטרעטן פון מײַן באַשלוס צו שפּײַזן זי מיט פילאָסאָפיע אָנשטאָט מאַמאָשעסדיקע ברעקלעך, האָט זי זיך אָפּגערוקט פון מיר, א באַרויגעזדיקן פּאָך געטאָן מיט די פליגעלעך און ס'איז גאָרניט נײַטיק געווען צו באַהערשן, ווי דער מיילעך שלוימע, די שפּראַך פון די פייגל, קעדיי ארויסצוהערן פון איר וואָרקען:

„דרייען זיך דאָ ארום, די שלימאַזאַלניקעס!.. הערסט א מײַסע! פילאָסאָפיע גאָר צוגעטראַכט! ברעקלעך דארף איך, אַט וואָס!״

זי האָט מיט וואַקלדיקע טריטעלעך זיך א שאַר געטאָן אין א זײַט און אוועק צו אַן אנדער באַנק, ווו ס'איז געזעסן א פּרוי מיט א פול אָנגעפּאַקטן קויש. דאָרטן, האָט מײַן טײַבעלע געוווסט, וועט עס שוין כאַפּן אַן עמעסן נאַש! און עס האָט זיך טאַקע ניט גענארט. באַלד האָט די פּרוי איר צוגעוואָרפן א פולע זשמעניע מיט ברעקלעך.

איך האָב זיך צוגעקוקט, ווי זשעדנע מײַן טײַבעלע פּיקט די ברעקלעך, איז אין זיי אַזוי פאַרטאָן, אַז עס גיט אפילע ניט קיין קוק אין מײַן זײַט, פונקט ווי איך וואָלט גאָר אַף דער וועלט ניט געווען. און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיט יעדן פּיק זײַנעם דריקט עס אויס פאַראַכטונג צו מיר און האַלט אין איין זאָגן: „אַט א שלימאַזל. פילאָסאָפיע גאָר! הער א מײַסע!״

און געקלערט האָב איך וועגן דעם, ווי אָפּט עס קומט אויס אין לעבן אַזוינס צו זען, צו הערן.

און ניט נאָר פון טויבן.

בין איך טאַקע איך?

(פון מײַנע זיכרוינעס)

א קורצטערמיניקע אַרײַנפאָר־וויזע קיין אמעריקע האָט דער אמעריקאַנער קאָנסול אין ריגע מיר ארויסגעגעבן ערשט נאָך דעם, ווי א ניו־יאָרקער קאָרעוו מײַנער האָט אײַנגעלייגט פינף הונדערט דאָלער ווי א מאַשקן און א גאַראַנטיע, אַז איך וועל נאָכן דערלויבטן טערמין ניט בלײַבן אין דער גאָלדענער מעדינע.

בין איך אָפּגעוווען דאָרטן דאָס דערלויבטע האַלביאָר, דורכגעפירט מײַן זשורנאַליסטישע שליכעס, און ווען דער טערמין האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרענדיקן זיך, האָב איך אין אימיגראַציע־דעפּאַרטאַמענט באַוויזן מײַן שיפסקאַרטע, אַז איך פאָר אוועק דעם און דעם טאָג. דאָרטן האָט מען מיר געזאָגט, אַז ס'וועט קומען א באַאַמטער פון דעפּאַרטאַמענט זיך איבערצײַגן, אַז איך פאָר טאַקע אוועק, וועט שטעלן אַף מײַן פּאַס דעם געהעריקן שטעמפּל, און ווען איך וועל דעם געשטעמפּלטן פּאַס באַווײַזן דעם קאָנסול אין ריגע, וועט ער טעלעגראַפירן קיין ניו־יאָרק, און דעמלט וועט מײַן קאָרעוו באַקומען צוריק זײַנע אײַנגעלייגטע פינף הונדערט דאָלער.

האָט זיך אָבער געמאַכט אַזוי, אַז דער באַאַמטער איז ניט געקומען מיך ארויסבאַגלייטן, און די שיף איז אָפּגעפאָרן אין דער באַשטימטער צײַט און מיטגענומען מיך צוזאַמען מיט מײַן ניט־געשטעמפּלטן פּאַס.

געקומען אין ריגע, בין איך טייקעף אוועק צום אמעריקאַנער קאָנסול און אים געבעטן מיטצוטיילן, ווו נײַטיק איז, וועגן מײַן צוריקקער, אָבער דער קאָנסול האָט נאָכן דורכשטודירן מײַן פּאַס מיך אָנגעקוקט מיט כשאַד און שטרענג ארויסגעזאָגט:

— ווי קאָן איך מיטיילן, אַז איר זײַנט געקומען, ווײַבאַלד איר זײַנט ניט געקומען?

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער מיינט דאָס ניט ערנסט, און כ'האָב מיט א שמייכל געזאָגט:

— איז ווער שטייט דאָ פאַר אײַך, הער קאָנסול?

— ווײַצלט זיך ניט! — האָט ער מיך געוואָרנט, און מיטן גאַנצן ביוראָקראַטישן ערנסט צוגעגעבן: — דאָס, וואָס איר שטייט דאָ, איז נאָך קיין באַווײַז ניט. אַט ווען איר באַווײַזט מיר דערצו א פּאַס מיטן געהעריקן שטעמפּל, דעמלט וואָלט איך געווען זיכער.

נאָך אַזאַ מין באַרעכהאַבע איז דאָך שוין קלאָר, אַז אַלע מײַנע טײַנעס, אַז איך האָב צו

דער רעכטער צייַט פארלאָזט אמעריקע און אז איך געפין זיך איצט אין ריגע, אין זייַן קאבינעט, אין קאָנסולאט, האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין א טויבער וואנט. ער האָט אף אלץ געהאט נאָר איין קאלטן, טרוקענעם ענטפער:

— באווייַזט מיר א דאָקומענט, אז איר זייַנט געקומען!

האָט זיך פאר מיר אָנגעהויבן א לויפעניש און א זוכעניש פון באווייַזן, אז איך בין טאקע געקומען. נאָר גיי באווייַז דאָס, וויבאלד עס איז ניטאָ קיין שטעמפל אף דייַן פאס, וואָס זאָל דאָס באשטעטיקן! און אזוי, לויפנדיק און זוכנדיק, און אלץ אָן א טאָלק, האָב איך שוין אינגאנצן פארלאָרן דעם גלויבן, אז איך וועל ווען־עס־איז דאָס קאָנען דערווייַזן, און כ׳האָב ביכלאל אָנגעהויבן סאָפעקן, צי איך בין טאקע איך, טאקע דער יעניקער, וואָס האָט פארלאָזט אמעריקע... און אייגנטלעך וואָלט מיך דאָס אויך ניט שטארק געקימערט: איז זאָל אמעריקע ניט גלייבן, אז איך בין צוריק אין ריגע! באָר ערגער איז געווען דאָס, וואָס מייַן קאָרעוו, וועלכער האָט מיר געטאָן א טויווע, האָט געליטן — ער האָט ניט באקומען זייַנע שווערפארהאָרעוועטע דאָלערס, און אין זייַנע טעלעגראמעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן קומען אלץ אָפטער, האָט ער געשריַען גוואלד, פארוואָס פויל איך זיך גיין צום קאָנסול, און ווען איך האָב געענטפערט, אז דער קאָנסול גלייבט מיר ניט, האָט ער געענטפערט, אז ער גלייבט ניט, אז דער קאָנסול גלייבט ניט, איז וואָס האָב איך געקאָנט טאָן, וויבאלד קיינער גלייבט ניט? בין איך אזוי לאנג געלאָפן צום קאָנסול, ביז ער האָט סאָפקאָלסאָף דאָך זיך דערבארעמט, און אין איינעם א טאָג האָט ער גאָר אומגעריכט א זאָג געטאָן:

— נו, איך זע, אז איר קאָנט מיר קיין באווייַזן ניט ברענגען... איז זאָגט, זייַנט איר גרייט אָפצוגעבן א שוווּע, אז איר האָט אינדערעמעסן פארלאָזט אמעריקע?

איך האָב געמיינט, אז ער מאכט כויזעק און האָב איראָניש א פרעג געטאָן:

— וועט דאָס זייַן א געהעריקער באווייַז, אז איך בין טאקע איך?

אָבער ניט לייגנדיק קיין אכט אף מייַן איראָניע, האָט ער מיר דערקלערט, אז ער קומט מיר אנטקעגן, און אזוי ווי איך האָב ניט קיין אָפיציעלן באווייַז פון מייַן צוריקומען, וועט ער זיך באנוגענען מיט א שוווּע...

און דעמלט, ווען איך האָב פייַערלעך, בא ברענענדיקע ליכט, אָפגעגעבן אף דער ביבל די געהעריקע שוווּע, האָב איך ענדלעך איבערצייַגט די אמעריקאנער רעגירונג, אז מער געפין איך זיך ניט אף דער אמעריקאנער טעריטאָריע, און זיך האָב איך איבערצייַגט, אז איך בין איך...

אין דער דאָזיקער שוווּע באם קאָנסול, דערמאָן איך זיך אין אזעלכע טעג, ווען איך הייב זיך אָן פלאָנטערן אין א נעץ פון צווייפלען און ווידעראנאנדן און בלאָנדזשענישן, און פארליר דעם וועג צו זיך. דעמלט קלער איך, וואָס פארא גליק ס׳וואָלט געווען, ווען מ׳קאָן אזוי אָט פאָשעט אָפגעבן א שוווּע, אז „איך בין איך” און דערמיט זיך באפרייַען פון אלע איבעריקע...

צייכנס אפן לעבנסוועג

א היפש ביסל יאָרן איז פארלאָפן זינט יענער צייַט, ווען כ׳בין צום ערשטן מאָל אריַינגעדרונגען אין די סוידעס פון איוורע. אין משך פון דער צייַט ביז הייַנט האָב איך שוין באוויזן ניט ווייניק איבערצולייענען, אָבער צי קאָן איך דען פארגעסן די לייַדנשאפט, מיט וועלכער כ׳האָב אין יענע ווייַטע יאָרן זיך ארופגעוואָרפן אף יעדער געדרוקטער שורע און זי מיט א פארכאפטן אָטעם שטודירט, אפילע רעכט ניט ווייסנדיק, וואָס זי באטייַט? און כ׳וועל אויך ניט פארגעסן, ווי איינמאָל, אין רעכטן ברען פון אָט דער ווילדער האנאָע, בין איך פארכידעשט און צעטומלט געוואָרן באם טרעפן עפעס אן אומבאקאנטן, פארדרייטן אָס, וואָס האָט מיר פארשטעלט דעם וועג.

— וואָס איז דאָס פאר אזא מאָדנער אָס? — האָב איך געפרעגט מייַן פאָטער, — ווי דארף מען אים לייענען?

— ס׳איז ניט קיין אָס, — האָט דער פאָטער געענטפערט, — דאָס איז א צייכן אזא. פראגעצייכן רופט מען אים.

— און ווו שטעלט מען אים אוועק, אָט דעם פראגע־צייכן? — האָב איך געוואָלט וויסן, — און פארוואָס איז ער פארקרימט און אויסגעדרייט, אז ס׳כאפט אָן א ראכמאָנעס אף אים?

האָט דער פאָטער מיר דערקלערט, אז דעם פראגע־צייכן שטעלט מען בא דעם סאָף פון א שורע. דעמלט, ווען עפעס איז ניט קלאָר און עס פאדערט זיך אן ענטפער. און אויסגעקרימט און פארדרייט איז ער, אָט דער פראגע־צייכן, דערפאר, ווייַל ער בעט זיך, מ׳זאָל אים אויסגלייַכן, מ׳זאָל אים ראטעווען.

— און דעמלט, ווען עס קומט דער ענטפער, — האָט דער פאָטער פארענדיקט, — לעבט דער פראגע־צייכן אוף, ער גלייַכט זיך אויס און

קריגט אַ פּאַנעם פֿון יענעם שטעקעלע, וואָס דו זעסט דאָ שטיין אַ ביסל ווײַטער!

און ער האָט מיר אָנגעוויזן אַף אַן אַנדער צייכן, וואָס איז געשטאַנען באַם סאָף פֿון אַן אַנדער צײַל: דאָס איז געווען אַ גראָד שטעקעלע מיט אַ פּינטעלע פֿון אונטן.

— דאָס, זעסטו, — האָט ער דערקלערט, — איז אַן אויסרוף־צייכן. אַ צייכן, וואָס ווערט געבאָרן דעמלט, ווען מען געפֿינט אַן ענטפֿער אַף דער פֿראַגע פֿון דעם קרומען פֿראַגע־צייכן.

און שטיל און פֿאַרטראַכט צוגעגעבן:

— צווישן אָט די בײדע צייכנס גייט דורך אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן. מע פֿרעגט — און מע ענטפֿערט. אָבער ניט אַלע מאָל געפֿינט מען דעם ענטפֿער, ניט אַלע מאָל — אוי, ווי ניט אַלע מאָל! — געלינגט אויסצוגלײַכן דעם קרומען פֿראַגע־צייכן. נאָר וואָס דערצייל איך דיר דאָס? — האָט ער זיך פֿאַרכאַפּט, — שפּעטער וועסטו דאָס אַלץ אַליין אויספּרוּוון אַף זיך.

מיר זײַנען שטאַרק געפֿעלן דעם פֿאָטערס אויפֿקלערונגען וועגן די בײדע צייכנס. עמעס, זײַנע לעצטע ווערטער האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען. איצט אָבער, נאָך דעם, ווי כ'האָב שוין דורכגעשפּאַנט אַ לעבן צווישן אָט די בײדע צייכנס, פֿאַרשטיי איך שוין אויסגעצייכנט, וואָס ער האָט געמיינט. נאָר לאָמיר אַריבערגיין צו דעם, וואָס ס'איז געשען ווײַטער, דעמלט, אין מײַן פֿריִער קינדהייט.

נאָך יענעם שמועס מיטן פֿאָטער האָב איך שוין אָנגעהויבן אומעטום און אין אַלץ זוכן קרומע פֿראַגע־צייכנס, קעדײַי זיי אויסצוגלײַכן און פֿאַרוואַנדלען אין גראָדע אויסרוף־צייכנס. אין די קינדער־יאָרן איז עס געלונגען. דעמלט, ווען די דערוואַקסענע האָבן מיר אַרויסגעהאָלפֿן און מיר אויסגעגלײַכט די פֿראַגע־צייכנס, אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען כ'האָב שוין געמוזט מײַן וועלטל אַליין באַשטיין, האָבן זיך פֿאַר מיר געגומען שטעלן אַלץ מער אויסגעקרימטע פֿראַגע־צייכנס און אַלץ ווייניקער אויסרוף־צייכנס זײַנען מיר געקומען צוהילף. איז דאָס געווען דערפֿאַר, וואָס די אויסגעקרימטע זײַטן פֿון די פֿראַגע־צייכנס זײַנען געוואָרן אַלץ פֿאַרהאַרטעוועטער און פֿאַראַקשנטער און זיך שווער געלאָזט בייגן, צי מאַכמעס דעם, וואָס מײַנע פֿינגער זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן שוואַכער?

אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן — כאָטש די ענטפֿערס אַף די פֿראַגן קומען אַלץ זעלטענער, און די געהיימניספֿולע, ניט־אויסגעגלײַכטע פֿראַגע־צייכנס קוקן מיך אַלץ אָפֿטער אָן מיט געבעט און פֿאָרוואָרף, ווילט זיך מיר פֿונדעסטוועגן אַלץ האַלטן באַ די אויסגעקרימטע זײַטן פֿון די פֿראַגע־צייכנס, און ניט אַלע מאָל אַפֿילע ווילט זיך מיר זיי אויסגלײַכן און פֿאַרוואַנדלען אין גראָדע, ניכטערע שטעקעלעך פֿון אויסרוף־צייכנס, ווײַל אַדאַנק טאַקע אָט די אויסגעקרימטע און אַזוי אָפֿט ניט־פֿאַרענטפֿערטע קײַנעוודיקע פֿראַגע־צייכנס איז דאָס לעבן אַף דער וועלט פֿול מיט שיינקייט, אימפּעט און פֿרייד.

די גרויזאַמע פּרײַז

די דאָזיקע טעווע איז אים געבליבן נאָך פֿון די קינדער־יאָרן: וואַרט ער אומגעדולדיק אַף עפּעס — ציִען זיך די טעג פֿאַר אים צו לאַנג, אים ווילט זיך, זיי זאָלן וואָס גיכער אוועקגיין, און ער איז שטאַרק צופֿרידן, ווען עס פֿאַרגייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג און דער מעהאַלעך צו דעם געגאַרטן ציל ווערט אַלץ קירצער. און אַזוי גרויס איז דעמלט זײַן פֿרייד, אַז ער באַמערקט אַפֿילע ניט, ווי דער אוועקגייענדיקער טאָג קוקט אים אומעטיק אָן און מורמלט באַם אָפּשיידן זיך:

„איך גיי אוועק פֿון דיר, און דו וועסט מיך שוין מער קיינמאָל ניט זען. און וויסן זאָלסטו, אַז מיט מײַן אוועקגיין ווערט דײַן לעבן קירצער".

שפּעטער, ווען די שטיפֿערישע קינדער־יאָרן זײַנען אוועק און ס'איז אָנגעקומען די זאַרגלאָזע און לײַכטזיניקע יוגנט, האָט ער שוין יאָ אַמאָל מיט אַ ווינקל אויער אויפֿגעכאַפּט דעם דאָזיקן טרויעריקן געמורמל, — אָבער ער איז טייקעף פֿאַרהילכט און פֿאַרשטעלט געוואָרן דורך נײַע פֿרײדיקע דערוואַרטונגען, און ער האָט האָפֿערדיק אויסגערופֿן צום אוועקגייענדיקן טאָג:

„אומזיסט שרעקסטו מיך! וועל איך דיך מער ניט זען, — וועט אָבער אַף דײַן אָרט קומען אַ לאַנגע ריי נײַע טעג, וואָס וועלן זײַן נאָך שענער פֿון דיר!"

אין די רײַפֿע יאָרן, דעמלט, ווען ער האָט שוין דײַטלעכער געהערט די רייד פֿון די אוועקגייענדיקע טעג, האָט ער זיך דאָס שטאַרק ניט געגומען צום האַרצן, און אין זײַן אומגעדולדיקן וואַרטן האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין אומראַכמאָנעסדיקן שטופּן די טעג.

און ווען ס'איז שוין אָנגעקומען די עלטער, טוט ער אַלץ דאָס אייגענע, וואָס אין די פֿריִערדיקע יאָרן, און האַלט אין איין אומגעדולדיקן וואַרטן, האַגאַם דאָס אייביקע וואַרטן האָט אים אָפּט — ווײַ, ווי אָפּט! — אָפּגענאַרט... נאָר ער ציילט אַלץ די אוועקגייענדיקע טעג, שטופּט זיי

מיט אומגעדולד און פרייט זיך, וואָס דער מעהאלעך צום ציל ווערט קירצער.

אָבער אינמיטן פון אָט דעם אומגעדולדיקן וואַרטן און שטופּן קומט אים דאָך וועןניט־ווען אויף א געדאַנק וועגן דעם, אז ווי טײַער עס איז דער ציל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט און אַף וועלכן ער וואַרט אזוי אומגעדולדיק, — צאָלט ער פונדעסטוועגן א צו גרויזאַמע פּרײַז.

און אז עס איז אייגנטלעך ניטאָ זיך וואָס צו פרייען מיט דעם גיכן אוועקגיין פון די טעג. ווײַל קאָלזמאַן זיי זײַנען מיט אים, די טעג, — אויב אפילע זיי זײַנען כמאַרנע, האַרב, שווער, — זײַנען זיי אָבער זײַנע, זײַנע...

נאָר צו דעם אויספיר איז ער געקומען ערשט אַף דער עלטער.

מענטשלעכקײַט

כ׳דערמאָן זיך ווי איינמאָל — כ׳בין דעמלט מיסטאַמע אַלט געווען א יאָר אַכט אָדער נײַן — האָב איך געשטעלט מײַן פאָטער אַזאַ מין אויסטערלישע פראַגע:

— זאָג מיר, טאַטע, אז מע צעברעכט א זאַך, בלײַבט זי גאַנץ?

דער פאָטער, וועלכער איז שוין געוווינט געווען צו מײַנע קלאָצקאַשעס און אלע מאָל געפונען, וואָס אַף זיי צו ענטפערן, האָט זיך דאָ, פונדעסטוועגן, א ביסל פאַרלאָרן, און נאָך א ווײַלע טראַכטן האָט ער מיר אויפגעקלערט מיט א בילד:

— אָט האָסטו נעכטן אַראָפּגעוואָרפן א גלאָז — איז זי געבליבן גאַנץ? האָסט דאָך אַליין געזען, ווי זי איז זיך צעפלויגן אַף פּיץ־פּיצלעך.

אויסהערנדיק דעם ענטפער, האָב איך — און דאָ מוז איך זאָגן, אז בא מיר מיטן פאָטער האָבן שוין פון די פריִע יאָרן זיך אײַנגעשטעלט כאַווערישע באַציִונגען — געמאַכט א וואָרענענדיקן צייכן מיטן פינגער און געזאָגט מיט פאָרוווּרף:

— נו, טאַטעלע, האָב איך דיך געכאַפּט בא א ליגן!

— בא א ליגן גאָר?! — איז דער פאָטער געוואָרן דערשטוינט.

— יאָ, בא א ליגן! בא א ליגן! — האָב איך פאַראַקשנט איבערגעכאַזערט, — איך האָב דאָך נעכטן אַליין געהערט ווי דו האָסט דעם פעטער דאָווידניסענען געזאָגט: „ניטאָ נאָך אַזאַ גאַנצע זאַך, ווי א צעבראָכן האַרץ!”

נעכטן האָט טאַקע דער פאָטער אין א שמועס מיט מײַן פעטער געבראַכט דעם דאָזיקן כסידישן שפּרוך. האָט אים דען געקאָנט אײַנפאַלן, אז דער אַכטיאָריקער שטיפער וועט אויפכאַפּן די דאָזיקע ווערטער און מאַכן דערפון אַזאַ מין אומדערוואַרטן אויספיר?

— עמעס, מײַן קינד, — האָט דער פאָטער ווי פאַרשעמט זיך גענומען פאַרענטפערן, — איך האָב דאָס טאַקע געזאָגט. דערמיט האָב איך אָבער ניט געמיינט עפּעס א זאַך, וואָס מע קאָן אַראָפּוואַרפן און צעברעכן. כ׳האָב געמיינט דערמיט...

און דאָ האָבן מײַן קלוגן פאָטער, וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַף אַלץ אַן ענטפער, אויסגעפעלט ווערטער. ער האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט, נאָר איך האָב אים ניט געלאָזט לאַנג קלערן און אים פאַרשאָטן מיט א האָגל קאַשעס:

— איז וואָס האָסטו דערמיט געמיינט? און וואָס ווערט יאָ צעבראָכן, און וואָס ווערט ניט צעבראָכן? האָסט געזאָגט עפּעס וועגן א האַרץ... איז וואָס איז דאָס אַזוינס: „א האַרץ”?.. און וויִאַזוי ווערט עס צעבראָכן? און וויִאַזוי בלײַבט עס גאַנץ? און וויִאַזוי...

— א האַרץ, — האָט דער טאַטע איבערגעריסן מײַן לאַנגע קייט קאַשעס, — א האַרץ... דאָס איז... דאָס איז... א זאַך אַזאַ... וואָס געפינט זיך בא יעדן מענטשן אָט דאָ, — און ער האָט אָנגעוויזן אַפן אָרט, ווו דאָס האַרץ געפינט זיך, — און עס שלאָגט און שלאָגט שטענדיק, אָט אַזוי ווי דער מאַמעס ניי־מאַשין, טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט, און עס גיט דעם מענטשן קויעך אַף צו גיין, אַף צו אַרבעטן, אַף צו...

— און וויִאַזוי ווערט עס צעבראָכן, אָט דאָס האַרץ? — האָב איך אים איבערגעשלאָגן, שטאַרק אומגעדולדיק זיך צו דערוויסן דעם איקער.

דאָ האָט דער פאָטער זיך ווידער פאַרטראַכט. אָבער ניט געפינענדיק, ווי עס שײַנט, קיין געהעריקע ווערטער און בילדער, וואָס זאָלן דערגיין צו מײַן קינדישן סייכל, האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און גענומען ריידן צו מיר, ווי צו א דערוואַקסענעם.

— א האַרץ ווערט צעבראָכן דעמלט, — האָט ער מיר דערקלערט, — ווען דער מענטש, וואָס טראָגט עס אין זיך, האָט צאַר, אָדער ווען ער פילט זיך שולדיק לעגאַבע א צווייטן מענטשן, אָדער ווען ער ווייטעקט מיט דעם אַנדערנס ליידן, אָדער ווען ער האָט כאַראָטע אַף עפּעס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן ניט ריכטיק... אָט דעמלט גייט ער אַרום מיט א צעבראָכן האַרץ!

— איז ווערט דאָך א האַרץ יאָ צעבראָכן! — האָב איך זיך ווײַטער אָנגעכאַפּט אָן

ספאָרט אין מאָלערײַ און גראַפיק



ע. אילטנער. נאָך די פאַרמעסטונגען

יא. אָסיס. די װעסלעס אין שטײַפע הענט



ט. אָבאָלענסקאיא. יונגע געפעכס־מײַסטערנס

א. דײַנעקא. עסטאפעטע





יו. פּאָקידאָוו. דער האָלקיפּער

ס. קראסאוּסקאס. עוואָליוציע פון באוועגונג



ט. אַבאַלענסקאַיאַ.
יונגע גימנאַסטקעס



מ. ראַיטער.
קינסטלערישע איבונגען

דעם פּאַטערס ליגן, — איז וואָס זשע זאָגסטו, אַז ס'איז אַ גאַנצע זאַך? איך פאַרשטיי דיך ניט, טאַטע...

— ס'וועט קומען אַ צײַט, ווען דו וועסט מיך יאָ פאַרשטיין, מײַן קינד. — האָט ער געזאָגט, און מיך גלעטנדיק איבערן געקרויזטן קעפּל, צוגעגעבן מילד, — ס'וועט קומען אַ צײַט, און דו וועסט אײַנזען, אַז גראָד דעמלט, ווען דאָס הארץ איז באַם מענטשן צעבראָכן, איז ער אַ גאַנצער מענטש...

אין מײַן שפּעטערדיקן לעבן האָב איך זיך שוין איבערצײַגט, און אָפטמאָל טאַקע אַף זיך אַליין אײַנגעזען, אַז גערעכט, טויזנט מאָל גערעכט איז יענער שפּרוך, מיט וועלכן מײַן פאָטער האָט מיך אַף אַ גאַנץ לעבן באַרײַכערט, און אַז נאָר אין אַזאַ הארץ, וואָס ווייטעקט און ווערט צעבראָכן פון צער, פון מיטלײַד, פון שולד־באַוווּסטזײַן און פון כאַראַטע־געפילן לעבט די מענטשלעכע גאַנצקײַט, לעבט די מענטשלעכקײַט.

נאַלי טאַנגערע — ניט אַנרירן!

די אַקטיאָריקע דינעלע צייכנט מיט אַ ריטל אַפן זאַמד פּאַסיקלעך און קרײַזעלעך. דאָס וועט זײַן אַ געמעל, וואָס זי אַליין האָט צוגעטראַכט. די קליינע קינסטלערן איז שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין איר אַרבעט, איר צינגל קוקט אַרויס פון צווישן די פּוקע ליפּעלעך, אירע אויגן פינקלען, און אין איר גרויסער פאַרנומענקײַט זעט זי אַפילע ניט, ווי איך שטיי דערבײַ און קוק זיך צו. אָבער ווען איך פּרוּוו שטעלן אַ טראָט נעענטער, באַמערקט זי דאָס טייקעף, הייבט אוף איר בלאָנד קעפּל, מעסט מיך אָפּ מיט אַן אופגעבראַכטן בליק און רופט אויס צאָרנדיק און באַפעלעריש:

— פּעטער, ניט אַנרירן מײַנע קרײַזן!

אַן איבעראַשטער דורך דער היציקײַט, מיט וועלכער די קליינע און, דוכט זיך, אַזוי אומבאַהאָלפענע קינסטלערן האָט מיך אָפּגעבריט, טרעט איך דערשראָקן אַף צוריק. און טרעט מיטאַמאָל אָפּ... אַף גאַנצע צוויי טויזנט יאָר, ווען ס'האָט אויך אָפּגעהילכט דער זעלביקער צאָרנדיקער, לײַדנשאַפטלעכער אויסרוף. דעמלט, ווען אין דער דורכן רוימישן כאַיל באַזיגטער שטאָט סיראַקוז איז אַרכימעד, אײַנגאַנצן אין אָפּגעפרעמדטער פון דער אַרומיקער וועלט, געזעסן און פאַרטיפט געצייכנט אַפן זאַמד פאָרמולעס, און ווען ס'איז פאַרבײַ אים דורכגעלאָפן אַ לעגיאָנער מיט אַ פאַרבלוטיקטער שווערד אין האַנט האָט דער וועלט־פרעמדער שעפער לײַדנשאַפטלעך און באַפעלעריש אויסגערופן:

— נאַלי טאַנגערע צירקולאָס מעאָס! ניט אַנרירן מײַנע קרײַזן!

אין מיט וואָס איז אָט די קליינע דינעלע אין רויטן מאַנטעלע ניט ענלעך צו יענעם בערדיקן אַרכימעד אינעם צעפּליקטן כיטאָן? אויך זי טראַכט דאָך, פּונקט אַזוי ווי יענער צעשויבערטער מאַטעמאַטיקער פון די אַנטיקע צײַטן, אַז אירע צייכענונגען זײַנען וויכטיקער פון אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום, אַז די קרײַזן וועלן איבערלעבן אַלע מילכאָמעס און אַלע ניצכוינעס, אַלע לעגיאָנערן און אַלע פּרעמדע פּעטערס, — אַלץ וואָס רײַסט זיך אַרײַן פון דער זײַט, קעדיי מיט גראָבן קויעך צו צעטרעטן און צו פאַרשווענכן די הייליקע קרײַזן, געשאַפענע דורך מענטשלעכן געדאַנק, דורך מענטשלעכן גײַסט, דורך מענטשלעכער מי.

נאַלי טאַנגערע — ניט אַנרירן! ער איז הייליק, דער דאָזיקער רוף, וואָס ציט זיך ווי אַ פאָדעם דורך יאָרטויזנטער, ציט זיך פון אַרכימעדן ביז צו דינעלען אין דער אייביקײַט אַרײַן. און פּרוּווט עמעץ מיט בלוטיקן וואָפן, צי מיט פאַרזשאַווערטער טעמפּקײַט; מיט ווילדער סינע, צי מיט גײַוועדיקער אײַנבילדונג, אַז ער איז קליגער פון דעם נאַרישן שעפער, פאַרווישן אָט די קרײַזן — הילכט דורך דוירעס איבער וועלטן דער מעכטיקער, לײַדנשאַפטלעכער און צאָרנדיקער רוף פון דעם, דוכט זיך, אַזוי אומבאַהאָלפענעם קינסטלער:

נאַלי טאַנגערע — ניט אַנרירן! הערסט? ניט אַנ־רי־רן!!

דרעסירטע העלפאַנדן

איך בין געזעסן מיט מײַן אייניקל אין צירק, און בײדע האָבן מיר אָן אופהער זיך געוווּנדערט. נאָר יעדערער אַף אַן אַנדער אופן: דאָס ייִנגעלע האָט געכאַפּט היספּײַלעס פון די קונצן, וואָס די אַקראָבאַטן, עקוויליבריסטן, זשאָנגלערן און איליוזיאָניסטן באַווײַזן; איך, ווידער, האָב באַוווּנדערט ניט אַזוי די קונצן גופע, ווי די מענטשן, וועלכע באַווײַזן די קונצן, ווי זיי שטײַגן אַריבער די מעגלעכקײַטן, וואָס די נאַטור גיט אַ מענטשן. און האַגאַם דער זיידע האָט זיך געהאַלטן סטאַטעטשנע און ניט אופגעשפּרונגען קעסיידער, ווי דאָס איי־

ניקל, האָבן אָבער די זיידישע אויגן אויך ניט ווייניקער געפינקלט פון באַגײַסטערונג און נײַגער.

אַזוי איז פאַרבײַ די ערשטע אָפּטיילונג, בײַס וועלכער מענטשן האָבן באַוויזן וווּנדער פון בערייִשקײַט, און ס'איז אָנגעקומען די צווייטע העלפט פון דער פאָרשטעלונג, אין וועלכער דרעסירטע העלפאַנדן האָבן געטאַנצט צום טאַקט פון מוזיק, זיך געוויגט אַף אַ הוידל־קע, געשטעלט זיך אַף די הינטערשטע פיס און באַוויזן אַ סאַך אַנדערע קונצן, וואָס זײַנען לאַכלוטן ניט צוגעפּאַסט געווען צו זייער העל־פאַנדישער שווערפעליקײַט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז געווען אויסערסט טשיקאַווע, און דעריבער האָב איך געוואָרט, אַז מײַן אייניקל זאָל ווײַטער אויפ־שפּרינגען פון היספּײַלעס און מיך קעסיידער טאַרקען בא דער זײַט. אָבער איך האָב זיך ניט דערוואָרט — ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אַף אים, האָב איך דערזען אין זײַנע אויגן טרערן.

— וואָס איז מיט דיר? — האָב איך זיך צו־געבויגן און מיט אומרו אים געפרעגט. — דו וויינסט גאָר? טוט דיר וואָס וויי?

— ניין, זיידע, מיר טוט גאָרניט וויי, — האָט ער שטיל געענטפערט און מיט אַ ווײַ־נענדיקער שטים מיר אַײַנגערוימט אין אויער, — נאָר איך האָב ראַכמאָנעס... אַף די העלפאַנדן איז אַ גרויסער ראַכמאָנעס...

— ראַכמאָנעס? — בין איך געווען דער־שטוינט — פאַרוואָס אַזוי?

— יאָ, זיידע, — איז ער באַשטאַנען אַף זײַנס, — איך באַדויער זיי, באַטראַכט זיך נאָר: די העלפאַנדן... אַזעלכע גרויסע, אַזעלכע שווע־רע... מיט פיס, ווי בערוונעס... די ערד ציי־טערט דאָך אונטער זייער טראָט! און דאָ מיטאַ־מאָל טאַנצן זיי גאָר, פּונקט ווי מענטשן. שטעלן זיך אַף די הינטערשטע פיס... נו, איז ניט קיין ראַכמאָנעס אַף זיי?

איך האָב אַראָפּגעווישט די טרערן פון זײַ־נע אויגן און אים באַרויִקט:

— ניט וויינען, קינד, דאַרפסט. דאַרפסט גאָר מיט פרייד זיך צוקוקן צו דעם, וואָס זיי טוען!

— מיט פרייד?! — האָט ער מיך פאַרכי־דעשט אָנגעקוקט.

— יאָ, מײַן קינד, — האָב איך אים אויפגע־קלערט, — מ'דאַרף זיך פרייען, ווען מ'זעט, ווי עמעץ שטײַגט אַריבער די מעגלעכקײַטן, וואָס די נאַטור האָט אים געשאָנקען, — און גאָר פאַרגעסנדיק, אַז בא מײַן זײַט זיצט אַ מענטש פון צען יאָר בלויז, האָב איך צוגעגעבן: — עס טויג ניט, ווען מע בלײַבט שטיין אַף דעם אָרט, וואָס די נאַטור האָט באַשטימט און מע פּרוּווט ניט מיט גרויס פלײַס און מי שטײַגן אַלץ העכער.

אַ ווערוויקל

די ראָד דרייט זיך אַלץ האַסטיקער, און אין דעם שווינדלענדיקן קנויל כאַפּט דאָס אויג קוים אויף אַ קליין, ברוין באַשעפענישל, וואָס דראַפּעט זיך פלינק אַף די שפּינדלען אין אָנופ־הערלעכער האַוועניש — און בלײַבט אָבער אַלץ שטיין אַף איין אָרט.

אַרום דער ראָד שטייען קינדער און דער־וואַקסענע, אַלע קוקן פאַרגאַפט זיך צו צו דעם אימפּעטדיקן ווערוויקל, וואָס טאַפּטשעט זיך אין זײַן קלוימערשטן געלאָף אַלץ אַף איין אָרט, און איין יינגעלע רופט זיך אָן דערשטוינט:

— זע, טאַטע! עפּעס אַ מאָדנע זאַך! דאָס ווערוויקל יאָגט דאָך די ראָד און יאָגט, די ראָד דרייט זיך געשווינד, אָבער דאָס ווערוויקל קומט אַלץ ניט ווײַטער... פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

— אַזוי איז שוין שטענדיק, קינד, — ענט־פערט דער פאָטער, — די, וואָס האַלטן אין איין טומלדיקן דרייען זיך און יאָגן די ראָד, און דערצו נאָך, אַז אַלע זאָלן זען, בלײַבן שטענ־דיק אַף איין אָרט.

❁ ❁ ❁

הערשל פּאָליאַנקער

אַ געשיכטע מיט ביכער־ליבהאָבער

איך ווייס ניט, ווי איר, נאָר איך פּערזענלעך האַלט זייער שטאַרק פון די ליבהאָבער פון ביכער, פון די „קניגאָליובן”.

איך בין, קאָן מען זאָגן, מאַמעש באַגייסטערט פון זיי!

מע שמועסט, אַז זייער געזעלשאַפט האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגעוואַקסן, אַז זיי ציילן שוין אָן, קיין איינהאָרע, עטלעכע הונדערט טויזנט מאַן.

עס באַווייזט נאָך ניט קיין בוך אַרויס פון דרוק, ווי ער ווערט גלייך אויספאַרקויפט, מע פאַרצוקערט אים מאַמעש.

אין די ביבליאָטעקן און רויטע ווינקלען שטעלן זיך אויס לאַנגע רייען נאָך ביכער. מע לייענט, מע דיסקוטירט, מע אַמפּערט זיך. קורץ — ס'איז פריילעך.

זאָלן זיי זיך, די ביכער־ליבהאָבער, פרוכפערן און מערן. צו זיי האָבן מיר, כאָלילע, גאָרנישט. ניט זיי, די עמעסע „קניגאָליובן”, האָבן מיר דאָ אין זינען. און ניט וועגן זיי וויל איך אייך דאָ דערציילן.

פאַראַן בא אונדז אין מיקראָראַיאָן איינע אַ ציפּוירע, וואָס האָט איבערגעדרייט די יאָרעס פון ציפּוירע אַף צעציליע. מיטאַמאָל איז אָט די ציפּוירע־צעציליע געוואָרן אַ ביכער־ליבהאָבערן. מיט קיין ברויט זאָלסטו זי ניט האָדעווען — גיב איר אַ בוך! און ביכער קלייבט זי אויסשליסלעך מיט גרינע טעוועלעך און גרינע רוקנדלעך. קיין אַנדערע קאָלירן וועט זי אין דער האַנט ניט נעמען.

פאַרוואָס וועט איר פרעגן?

דערפאַר, וואָס די ווענט פון איר דירע זיינען אויסגעפאַרבט אין העלן קאָליר, שיינען באַזונדערס אַף די פּאָליצעס ביכער מיט גרינע טעוועלעך...

צעציליע קערט מאַמעש וועלטן, שלאָגט זיך אַרויס פון די קוויכעס, זוכנדיק ביכער פון גרינעם קאָליר. זי קאָן פאַר זיי אָפּגעבן טאַטע־מאַמע!

בא אונדז אין הויף טאַקע וווינט איינער אַ דאַמען־שערער, אַרנאָלד טאַראַסאָוויטש, אויך אַ ליידנשאַפטלעכער ביכער־ליבהאָבער. דער, פאַרקערט, זאַמלט ביכער לויט זייער פאָרמאַט. אים אַרט אַף קיין האָר ניט, ווער האָט געשריבן דאָס ביכל און וועגן וואָס רעדט זיך דאָרטן, ער דאַרף האָבן דעם פאָרמאַט. דאָס איבעריקע אַרט אים ווי דער פאַריאָריקער שניי!

אַף דער שכיינעסדיקער גאַס וווינט אַ פּענסיאָנער, אַ שטיקל בוכהאַלטער, דער לייגט צונויף די ביכער זיינע אין קעלער, ווייל אין שטוב האַלטן ביכער, זאָגט ער, איז שעדלעך. עס זעצט זיך אַף זיי שטויב, און שטויב איז ניט גוט פאַרן געזונט.

אַנומלטן באַקום איך אַ בריוו פון אָדעס מיט אַ געקינצלטן קאָנווערט, אַ באַפּוצטן מיט פייגעלעך און מענטשעלעך. מיסטאַמע, טראַכט איך בא זיך, האָט עס מיר אָנגעשריבן אַ קינד, וואָס פּרוווט זיינע פייִקייטן אין מאָלעריי. איך האָב אָבער אַ טאָעס געהאַט. עס שרייבט מיר אַ גאַנץ באַיאָרטער פאַרשוין, אַן אומבאַקאַנטער טערלעצקי אַרקאַדי פּאַנטעלייעוויטש. וואָס זשע וויל ער? ווי קומט צו אים מיין היימישער אַדרעס? נאָר הערט בעסער, וואָס ער שרייבט מיר:

„טייערער, פילגעשעצטער כאַווער שרייבער... (די פאַמיליע מיטן נאָמען איבערגעפּלאָנטערט). עס ווענדט זיך צו אייך אַ ביכער־ליבהאָבער. איך אַרבעט אַף אַ זאַוואָד, ווי טאָג און נאַכט הודיען די מאָטאָרן, פייפן די טראַנסמיסיעס, טראַכקען די האַמערס און אַזוי ווייטער. אַז איך קום אַהיים נאָך דער אַרבעט, האָב איך ליב זיך צולייגן אַף דער קאַנאַפּע און נעמען אַ בוך אין דער האַנט. דעריקער האָב איך ליב ביכער מיט אווטאָגראַפן פון די

שרייַבער. איך האָב באשטימט צונויפנעמען א גאנצע קאָלעקציע מיט אווטאָגראפן. גלייב איך, אז איר וועט מיר ניט אָפזאָגן און גלייַך ארויסשיקן אייַערע ביכער מיט אווטאָגראפן. בא אונדז ארבעט א מאשיניסטקע זאָיע. זי זאמלט פייזאזשן, בילדער מיט אווטאָגראפן פון קינסטלער. און איך האָב באשטימט זאמלען ביכער מיט אווטאָגראפן.

דער ביכער־ליבהאָבער האָט בא מיר ארויסגערופן א ביטערן שמייכל. כ׳האָב זיך פארטראכט, צי דארף איך אים שיקן מייַן בוך מיט אן אווטאָגראף, כאָטש עס „הודען דאָרטן בא אים די מאָטאָרן און וויען די וואגאָנעטקעס...”

מיט א צווייענדיקן געפיל בין איך ארויסגעגאנגען אין גאס און אפן ראָג באגעגנט מייַן שאָכן, א באוווּסטן שרייַבער.

— וווהין גייט אזוי פרי מייַן קאָלעגע? — פרעג איך אים.

ער אייַלט אף דער פאָטשט. ער האָט באקומען א רירנדיקן בריוו פון איינעם אן אָדעסער ביכער־ליבהאָבער, וואָס בעט בא אים א בוך מיט אן אווטאָגראף און דאָס גייט ער אָפשיקן. און ער באווייַזט מיר דעם בריוו.

איבערגעלאָפן דעם בריוו מיטן בליק, האָב איך זיך שטארק פאנאנדערגעלאכט. דאָרטן איז געשריבן וואָרט בא וואָרט דאָס זעלבע, וואָס ער שרייַבט מיר, „עס הודיען די מאָטאָרן, עס פייַפן די טראנסמיסיעס... און אז איך קום אהיים און צי זיך אויס אף דער קאנאפע, האָב איך ליב נעמען אייַער בוך אין דער האנט”... און אזוי ווייַטער.

מייַן קאָלעגע האָט מיך דערשראָקן אָנגעקוקט, ניט פארשטייענדיק, פארוואָס לאך איך. האָב איך אים באוויזן דעם בריוו, וואָס איך האָב אויך הייַנט באקומען פונעם אָדעסער קאָרעספאָנדענט.

שווייַגנדיק זייַנען מיר ארייַנגעקומען אין גערעמען זאל פון דער פאָטשט. לעבן פענצטערל איז געשטאנען אין דער ריי נאָך איינער א קאָלעגע אונדזערער און שטארק פארדייַגעט געשריבן עפעס אף א גרויסן קאָנווערט.

דערזען אונדז, האָט ער זיך צעשייַנט:

— איך האָב באקומען א טשיקאווען בריוו פון אָדעס און וויל אָפשיקן מייַן נייַעם בוך...

— דער בריוו איז ניט פון טערלעצקי ארקאדי פאנטעלייעוויטש?... — האָב איך געפרעגט, קוים אייַנהאלטנדיק זיך פון געלעכטער.

— יאָ, פון טערלעצקין.

— און ער שרייַבט אייַך, אז ער ארבעט אף א זאוואָד, ווו עס הודיען די מאָטאָרן, פייַפן די טראנסמיסיעס, וויען די וואגאָנעטקעס... און אז ער לייגט זיך אוועק אף דער קאנאפע, האָט ער ליב נעמען אייַער בוך אין די הענט, באזונדערס, האָט ער ליב אייַערע ביכער מיט אווטאָגראפן...

מייַן קאָלעגע האָט נאָך ברייטער צעעפנט פון פארוווּנדערונג די אויגן:

— הער נאָר, דו האָסט דען געלייענט דעם בריוו?

— צו וואָס, אז מיר האָבן ביידע באקומען פון אים פונקט אזעלכע בריוו, — און א ווונק געטאָן אף מייַן קאָלעגע, — איך האָב מוירע, אז אויב מירן דאָ א ביסל שטיין, וועלן קומען נאָך א פאָר אונדזערע שכיינים, וואָס האָבן דערהאלטן אזעלכע בריוו פון טערלעצקין... און אויב דער „ליבהאָבער פון אָדעס” וועט ערגעץ קריגן דאָס אדרעס־ביכל פון אונדזערע סקולפּטאָרס און מאָלער, וועט ער זיי פארשיטן מיט בריוו, זיי זאָלן אים שיקן זייערע ווערק מיט אווטאָגראפן...

מיר זייַנען געשטאנען, געלאכט, און אין דער זעלבער צייַט איז מיסטאמע געלעגן טערלעצקי אף דער קאנאפע און זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז ער האָט אָפּגעברענט. קיינער האָט ניט אָפגעשיקט צו אים זייערע באנדעראָלן...

איך האָב זיך נאָך ניט בארויִקט נאָך דער געשיכטע מיטן הויכגעשעצטן ביכער־ליבהאָבער פון אָדעס, ווי מייַנער א גוטער־פרייַנט האָט מיר אָנגעקלונגען פלוצעם און געזאָגט:

— אנטשולדיק, וואָס איך באומרויִק דיך אזוי שפעט באנאכט. נאָר דער איניען איז זייער א דרינגענדער. איך ווייס, אז דו ביסט א גוטער און האָסט ליב טאָן יענעם א טויווע, מיין איך, אז ווועסט מיר ניט אָפזאָגן, אויספילן מייַן באקאָשע...

— עס איז געווענדט, וואָס פאר א באקאָשע...

— שרעק זיך נאָר ניט. פאר דיר, דענק איך, וועט עס ניט זייַן שווער. צו מיר האָט זיך געווענדט מייַנער א שאָכן, א שטילער, סטאטעטשנער יונגערמאן. זייער א פייַנער מענטש. ער האָט שטארק ליב ביכער. באזונדערס, שאָלעם־אלייכעמס. ער קאָן אין ערגעץ ניט קריגן דעם זעקסטן באנד. ער האָט זיך שוין ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס, דער שאָכן מייַנער, ער זוכט דעם זעקסטן באנד, ווי מיט ליכט. בא דיר, גלייב איך, דארף ער זיך געפינען. זייַ אזוי גוט און אנטלייַ אים אף א קורצער צייַט. איך בין אָרעוו, אז אין א וואָך ארום באקומסטו דעם בוך צוריק.

נו, טראכט איך זיך, ווי זשע קאָן מען ניט אויספילן אזא באקאָשע? א מענטש לעכצט איבערלייענען אלע שאָלעם־אלייכעמס ווערק. זעט אויס, די פינף בענדער, וואָס זייַנען צוריק מיט עטלעכע יאָר דערשינען, האָט ער, דער

ביכער־ליבהאָבער, איבערגעלייענט, טאָ זאָל ער האָבן האַנאָע אויך פֿונעם זעקסטן באַנד...

אַ קוק געטאָן אויף מײַנע ביכער־פּאָליצעס, האָב איך מיט גרויס באַדויערונג באַמערקט, אַז אַ פּאָר בענדער שאָלעם־אַלייכעמס פֿעלן, דערין אויך דער זעקסטער באַנד. איך האָב מיט פֿאַרדראָס געגומען טראַכטן, ווער האָט זיי בײַ מיר געקאָנט אַנטלײַען און ניט אָפּגעבן?..

איך בעט מײַן פֿרײַנט מיך אַנטשולדיקן, נאָר, צום גרויסן באַדויערן, האָב איך ניט די מעגלעכקײַט באַהילפֿיק זײַן אים און זײַן טײַערן שאָכן, דעם ביכער־ליבהאָבער.

— ס'קאָן ניט זײַן, — זאָגט ער מיר מיט אַ באַרויגעזער שטים, — אַז בײַ דיר זאָלן ניט זײַן שאָלעם־אַלייכעמס ווערק!..

— וואָס הייסט ניטאָ? פֿאַראַן, — פֿאַרענטפֿער איך זיך פֿאַר אים, — נאָר דער זעקסטער באַנד איז ניטאָ... עמעצער האָט אים בײַ מיר, זעט אויס, פֿאַרלייענט. עפּשער זאָל איך דיר געבן דעם ערשטן, דעם פֿערטן, דעם דריטן. אָט שטייען זיי פֿאַר מײַנע אויגן, ביטע, מיט גרויס קאָוועד...

נאָר ניין. דאָס דאַרף ער ניט, ער דאַרף בלויז דעם זעקסטן באַנד... ניט קיין אַנדערן...

— אָט וואָס, מײַן טײַערער, — זעצט פֿאָר מײַן גוטערפֿרײַנט, — דו וווינסט דאָך אין אַ הויז, וווּ עס וווינען אויסשליסלעך שרײַבער. צי דען, זאָגט ער, קאָנסטו ניט בעטן בײַ עמעצן פֿון זיי דעם זעקסטן באַנד? מע וועט אים, כאָלילע, ניט אָפּבײַסן. אַנטלײַ אים בײַ עמעצן פֿון דײַנע באַקאַנטע.

טויזנט מאָל גערעכט! וויאַזוי האָב איך זיך עס גלײַך ניט דערטראַכט דערצו? איך בעט מיר אָנקלינגען אינדערפֿרי.

אינדערפֿרי האָב איך אָנגעקלונגען מײַן גוטן שאָכן און אים דערקלערט, אַז איך מוז דרינגענדיק בײַ אים אַנטלײַען שאָלעם־אַלייכעמס זעקסטן באַנד.

מײַן שאָכן, אַ טײַערער מענטש, איז געבליבן אין פֿאַרלעגנהײַט. ערשט יענע וואָך האָט ער געשענקט זײַן אייניקל שאָלעם־אַלייכעמס זעקס בענדער צום געבורטסטאָג, און גלײַך לויפֿן צו אים אַנטלײַען, איז פּאַשעט ניט אָנשטענדיק. נאָר אַזוי ווי ער איז בעטעווע אַ גוטער מענטש, מײַן שאָכן, וועט ער עפּעס צוטראַכטן.

ער האָט זיך געווענדט צו זײַנעם אַ נאָענטן קאָרעוו, און דער קאָרעוו איז אַוועקגעגאַנגען צו זײַנער אַ גוטער באַקאַנטער, אַן על־טערער לערערן, און געבעטן בײַ איר אויף אַ קורצער צײַט שאָלעם־אַלייכעמס זעקסטן באַנד. ער איז זייער נייטיק. זי מוז פּאַשעט אַרויסראַטעווען, ווײַל אַזויפֿיל מענטשן האָבן זיך אַרײַנגעמישט אינעם איניען פֿון קריגן שאָלעם־אַלייכעמס באַנד.

די לערערן האָט ניט געלייקנט, אַז בײַ איר זײַנען פֿאַראַן אַלע זעקס בענדער, נאָר זי קאָן זיך מיט זיי ניט שיידן. אָפּטלעך, אַז עס ווערט איר אומעטיק אויפֿן האַרצן, נעמט זי אַ באַנד שאָלעם־אַלייכעמען און עס ווערט איר גלײַך ליכטיקער אין די אויגן. דערצו נאָך, האָט זי געזאָגט, ווער גיט עס ביכער פֿון אַ זאַמלונג געקליבענע ווערק. וואָס וועט זײַן, אויב איין באַנד וועט פֿאַרפֿאַלן גיין? ווו וועט איר אים געפֿינען? אַ געוויינלעכן בוך אַנטלײַען, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, נאָר אַ באַנד פֿון אַ זאַמלונג...

מיט גרויס מאַטערניש האָט מען אײַנגערעדט די לערערקע אַנטלײַען דעם זעקסטן באַנד. אַזויאַרום, דורך פֿאַרשיידענע וועגן און מענטשן, איז צו מיר געקומען דער דאָזיקער באַנד.

אינעם זעלבן טאָג האָט זיך צו מיר אַרײַנגעשטעלט אין שטוב דער אומבאַקאַנטער ליבהאָבער פֿון ביכער.

איך האָב פֿאַר זיך דערזען אַ דאַרן באַיאָרטן פֿאַרשוין, מיט אַ לענגלעך שמאָל פּאָנעם, אַרומגעזוימט מיט אַ טונקל־געל בערדל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פֿון די אויערן. זײַנע צוויי גרויסע אומעטיקע אויגן האָבן אַ בלאָנקע געטאָן איבער מײַנע ביכער־שאַפֿעס, און ער האָט געגומען שאָקלען מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט, סאַראַ גרויסאַרטיקע ביבליאָטעק בײַ אײַך! אַ גאַנצער אויצער!

איבערגעפֿירט דעם בליק פֿון די שאַפֿעס אויף מיר, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— קאָן איך עפּעס בײַ אײַך אַנטלײַען?

— איך מיין, אַז יאָ... — האָב איך געענטפֿערט, — נאָר לייענט פֿריִער איבער דעם זעקסטן באַנד, וואָס איר האָט אַזוי שטאַרק געזוכט, דערנאָך עפּשער...

— איך לייען זייער שנעל... — האָט ער אָפּגעך אַרויסגעבראַכט, ניט אָפּרײַסנדיק דעם בליק פֿון מײַן ביבליאָטעק. ער האָט גענומען מיט ציטערנדיקע הענט דעם זעקסטן באַנד, אַ שמייכל געטאָן און האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

פּאַוואָליע, ניט געכאַפּט, איז דורכגעגאַנגען אַ כוידעש. אַלפּי־סייכל, וואָלט מען שוין לאַנג געקאָנט איבערלייענען און אומקערן דעם בוך, נאָר אַ נעכטיקער טאָג — מע זעט ניט און מע הערט ניט!

די ערשטע האָט אָנגעהויבן, פֿאַרשטייט זיך, נערווירן זיך די לערערן. זי האָט אָנגעקלונגען צו איר באַקאַנטן, יענער — צו דעם פֿעטער, דער פֿעטער צו זײַן גוטן שאָכן, דער גוטער שאָכן צו מײַן טײַערן פֿרײַנט, יענער צו דעם

ביכער־ליבהאָבער. דער ענטפער איז געווען,
אז אלץ איז אין פולער אָרדענונג, נאָר זי וועט
מוזן אַ ביסל צוווארטן, וואָרעם יענער איז
אוועקגעפאָרן אין אָפּרו־הויז. ווי נאָר ער וועט
זיך אומקערן, וועט זי בעקאָוועד גאָדל באַקור־
מען איר סייפער.

עס איז אוועק נאָך אַ כוידעש, עס האָט זיך
אַ רוק געטאָן דער דריטער, מיר האָבן אַלע זיך
שוין אָנגעהויבן ערגערן.

די לערערן האָט ווידער גענומען קלינגען
איר באַקאַנטן, יענער צו זײַן פעטער, דער פעט־
טער... און ביז עס איז ווידער דערגאַנגען צו
מיר. דאָ בין איך שוין ארויס, ווי מע זאָגט עס,
פון די קיילים און זיך געווענדט מיט גרויסע
טײַנעס צו מײַן גוטנפרײַנט.

אין אַ כוידעש ארום האָט שוין די לערערן
געמאַכט אַ גוואַלד: וויפל קאָן מען לייענען
שאָלעם־אַלייכעמס בוך?

ווידער האָב איך אָנגעקלונגען מײַן גוטנ־
פרײַנט, און ער האָט זיך מיט די גרעסטע זיד־
לערײַען ארופגעוואָרפן אַף יענעם קאַלטן מאַ־
לעך, פאַר וועלכן ער האָט מיט אַזעלכע שווע־
ריקײַטן אַנטלײַען דעם באַנד, וויפל איז דער
שיר אים לייענען?

און דאָ דערוויסן מיר זיך, אַז דער פּאַר־
שוין קלײַבט זיך גאָר ניט לייענען דעם בוך. ער
לייענט ביכלאַל ניט קיין ביכער. די אויגן טוען
אים שטאַרק ווײ. ער האָט אים גענומען ניט צום
לייענען. די זאַך איז אין דעם, וואָס אים האָט
אויסגעפעלט דער זעקסטער באַנד, און אָן דעם
זעקסטן באַנד האָט קיינער ניט געוואָלט קויפן
שאָלעם־אַלייכעמס געזאַמלטע ווערק. אַז ער
האָט אָבער געקראָגן דעם זעקסטן באַנד, איז
עס שוין געוואָרן אַ יעש. ער האָט ניט שלעכט
פאַרקויפט די זעקס בענדער איינעם אַ ביכער־
ליבהאָבער.

יאָ, פּונקט ווי איר וועט ניט אָפּזוכן באַם
ברעג יאַם קיין צוויי אַלציינע זעמדעלעך, אַזוי
וועט איר ניט געפינען קיין צוויי אַלציינע ביי־
כער־ליבהאָבער...

פאַרלענגערט זיך די יאָרן

אויב איר האָט כיישעק פאַרלענגערן זיך
די יאָרן, שטיל און רויִק זיך אויסלעבן דאָס לעבן
און האַנאָע האָבן פון דער וועלט, אײַצענען
מיר אײַך ניט אָנקומען צו דער הילף פון דאָק־
טוירים, נאָר קויפן זיך אַ מאַשין! ניט, כאַסווע־
כאָלילע, קיין ניי־מאַשין, קיין וואַש־מאַשין,
נאָר אַ מאַשין אַף גומענע רעדער, וואָס
גלאַנצט, ווי דער מאָרגנשטערן.

ווען איר ווייסט, מײַנע טײַערע, וואָס פאַר
אַ גליק דאָס איז, וואָלט איר פאַרקויפט פון זיך
דאָס לעצטע העמד, ארײַנגעקראָכן ביזן האַלדז
אין כויוועס און זיך אײַנגעהאַנדלט אַ מאַשין.

איר שטעלט זיך דען פאָר, סאַראַ פאַרגעניגן
איר וועט פון איר האָבן? איר וואָלט זיך מאַ־
מעש מעכײַע געווען, געווען אַפן זיבעטן הימל!

און ניט בלויז איר אַליין, נאָר אײַער הויז־
געזינד, אײַערע קרויווים, גוטע באַקאַנטע, און
קלאַל שכיינים. פאַר די לעצטע יאָרן איז אַ
מאַשין געוואָרן אַ זאַך ניט פון ראַסקאָש, נאָר
פון נויטבאַדערפעניש. אָן איר קאָן מען זיך
שוין ניט באַגיין.

וואָס איז דאָ אַ סאַך צו ברײַען — אונד־
זערע שטעט און יישווים זײַנען זיך, קיין אײַנ־
האָרע, אַזוי פאַנאַנדערגעוואַקסן אין דער לענג
און ברייט, אַז דערקלײַבן זיך צו עמעצן, מוז
מען זיך גוט־גוט אונטערגאַרטלען.

אָט פּרווט, לעמאָשל, זיך אַראָפּכאַפּן, דע־
ריקער אין אַ רו־טאָג, צוגאַסט צו אײַערע
קרויווים, וועלכע האָבן זיך פאַרקליבן אין טשע־
ריאָמושקע, סלאָבאָדע, ניוקע, קורעניאָווקע.
איר וועט זיך דאָך פאַרשעלטן די יאָרן! וועגן
דעם, אַז איר וועט זיך אומקערן פון אַזאַ רײַזע
מיטן אווטאָבוס צי מיטן טראַמוויי אָן אַ קנעפּל
אַפן מאַנטל, מיט אָפּגעטאָפּטשעטע שיך, אַ צע־
קנייטשטער און פאַרמאַטערטער, איז שוין אָפּ־
גערעדט — איר וועט נאָך אַזאַ יאַזדע מוזן אָפּ־
רוען אַ פּאָר טעג, ביז איר וועט יאַקאָס קומען
צו־זיך, איר וועט נאָך לאַנג ארומגיין ווי אַ
פריטשמעליעטער, ניט פילנדיק קיין קריזשעס
און ניט וויסן אַף וואָס פאַר אַ וועלט איר זײַנט.

אוי, אָט דאָס פאָרן מיטן אַלגעמיינעם
טראַנספּאָרט אין די שאָען פון „פּיק", אין די
יאָמטעוו־טעג.

איר שטעלט זיך פאָר, וואָס מיט אײַך טוט
זיך? איר שטייט אָפּ אַ שאָ אונטערן קאַלטן
רעגן, צי אונטערן פײַכטן שניי און קוקט אויס
זיך די אויגן אַף דעם אווטאָבוס. און גאָט
העלפט, אָט דערנעענטערט ער זיך, דער גרויי־
סער מעיוכעס. אַ מוירעדיקער אוילעם טוט זיך
אַ לאָז צו אים, ווי אַף מישקוילעס. די מענטשן־
כוואַליע טראָגט אײַך ארײַן אין אווטאָבוס און
איר טראַכט זיך, אַז אײַך האָט אָפּגעגליקט, אַז
איר פאָרט שוין. נאָר אַ נעכטיקער טאָג! דאָס
פאָרעכץ אײַערס איז קיין דענעשקע ניט ווערט,
קיין גראָשן! יאָ, איר טאַקע פאָרט, נאָר וווּ איז
אַהינגעקומען אײַער פלוינעסטע, וואָס איז מיט

אײַך באַנאַנד געשטאַנען און געוואַרט אַפן אויטאָבוס? זי איז געבליבן, לאָזט זיך אויס, פון יענער זײַט, געבליבן דאָרט מיט האַקל־באַקל, מיט די קױשלעך און אַוואָסקעס. זי האָט ניט באַוויזן זיך אַרײַנכאַפּן אין שויס פונעם אויטאָבוס...

און איר פאָרט שוין אָן איר. איר שטעלט זיך פאָר, וויפל שײנע ווערטער זי שיט אין אײַך אַרײַן? און וואָס פאַר אַ פּעטשאַטעק וועט איר פון דער פלוינעסטע אַרײַנכאַפּן, אַז זי וועט קומען צו אײַך!

און זי וועט טאַקע, מעגלעך, זײַן געראַכט. וואָס הייסט, איר קריכט אַליין אַרײַן אין אויטאָבוס, און דאָס ווײַב לאָזט איר איבער אַף גאָטס באַראָט?

און גייט פאַרענטפערט זיך פאַר איר!

נאָר מיילע, די יאָזדע זײַנען מיר אײַך שוין מויכל. עס טרעפט נאָך ערגערס.

אָט קומט אונטער דער שײנער זומער־לעבן. איר דערוואַרט זיך אַפן לאַנג־געגאַרטן אורלויב און איר לעכצט זיך דורכפאָרן צום וואַרעמען יאַם. הייבט זיך אָן אַ געשיכטע — ווו קריגט מען די פּוטיאָווקעס. און אַז איר קריגט זיי שוין, הייבט זיך אָן אַ סעדרע — בײַלעטן! ווו נעמט מען בילעטן אַפן צוג, אַפן עראָפּלאַן, אַז אַף די וואָקזאַלן שטייען מוירעדיקע רייען?

איר וואַרפט זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער, נאָר אַ נעכטיקער טאָג. איר שטייט אַ פאַרלוירענער און ווייסט ניט, וואָס מע טוט.

אָט איצט קומט אײַך אַפן געדאַנק אָן אייגענע מאַשין!

וואָלט איר זי געהאַט, וואָלט איר ניט געדאַרפט ברעכן זיך דעם מויעך, האָבן צו טאָן מיט די צוגן, מיט די וואָקזאַלן, מיט די פּוטיאָווקעס... איר וואָלט געוועזן אַליין איבער זיך אַ באַלעבאָס! אײַנגעשפּאַנט אײַער פערדל, דאָס הייסט, די מאַשין, אָנגעפּויעט זי מיט בענזין, אַרײַנגעוואָרפן אינעם באַגאַזשניק אַ פּאָר צונויפגעלייגטע בעטלעך, אַ פּאַלאַטקע, אַ פּאָר קישנס, קאָלדרעס, אַ פּרימוס, אַ קעראָגאַז און אַנדערע קלייניקייטן, אוועקגעזעצט אײַער מישפּאָכע, און — הײַדאַ! ווער איז צו אײַך דעמלט גלײַך!

דער רודער איז אין אײַערע הענט און איר פאָרט, וווּהין דאָס האַרץ גלוסט. קיינער קאָן אײַך קיין דייעס ניט זאָגן. איר פילט זיך, ווי אַ פרײַער פויגל אין הימל.

יאָ, איר האָט אַ סאַך פאַרלוירן, וואָס איר האָט פון דער פרײַער יוגנט זיך ניט אײַנגעשאַפן קיין מאַשין. זייער אַ סאַך אָנגעוואָרן. איר וואָלט אויסגעפאָרן און געזען אַ וועלט, און דערצו נאָך זיך פאַרלענגערט די יאָרן!

ווי:אַזוי, וועט איר פרעגן?

פראָסט און פּאָשעט!

אָט זאָגן דאָך כאַכאָמים, אַז דער מענטש פּאַטערט אַ דריטל פון זײַן לעבן אַפן שלאָף. אַזוי־אַרום, פאַרקירצט ער זיך אַליין די יאָרן. אַז איר וועט אָבער האָבן אַן אייגענע מאַשין, וועט איר זיך אָפּגעוווינען שלאָפן, און אַזוי־אַרום וועט אײַך, הייסט עס, ניט אויסקומען פּאַטערן אַפן שלאָף אַ פערטל פון אײַער לעבן. איר וועט די גאַנצע נאַכט זײַן אויף, דאָס הייסט אַף דער וואַך, מיט קיין אויג נישט צומאַכן.

פאַרוואָס?

נעמט זיך אָן מיט געדולד און הערט אויס מיט קאָפּ.

אײַער זאַוואָד האָט באַקומען פינף מאַשינעס און איר זײַנט צווישן די, וועלכע האָבן אַרויסגעשלעפּט דאָס מאַזלדיקע קוויטל — באַקומען אַ מאַשין. איר פרייט זיך און אײַערע קרויווים פרייען זיך, זײַנען אײַך מעקאַנע, און די מישפּאָכע אײַערע איז דאָך אוואַדע אַפן זיבעטן הימל.

איר ברענגט די מאַשין בעשאָלעם אַהיים, און דאָ הייבט זיך אָן אַ נײַע סעדרע: ווו האַלט מען זי? קיין גאַראַזש האָט איר ניט און זי שטייט אין הויף.

אַ פאַרמאַטערטער פון דער אַרבעט, לייגט איר זיך צו אַף דער קושעטקע אָפּרוען, נאָר שלאָפן קענט איר ניט. די מאַשין שטייט אין דרויסן, אונטערן פרײַען הימל, און ווער ווייסט, וואָס עס קאָן דאָרט מיט איר זײַן. מאַכט איר צו מיט אַן אויג, אַזוי כאַלעמט זיך אײַך, אַז עמעצער פאַרעט זיך דאָרטן אַרום דער מאַשין און וויל זי צולאַקכענען אָדער אָפּדרייען די רעדער. שפּרינגט איר אַראָפּ פונעם געלעגער און לאָזט זיך לויפן פונעם נײַנטן שטאָק. איר קומט צו לויפן אָן אַ נעשאָמע. די מאַשין שטייט זיך בעשאָלעם, קיינער האָט זיך מיט קיין פינגער צו איר נישט צוגערירט.

אַ צופרידענער, וואָס מיט דער מאַשין איז דערווײַל אַלץ בעשאָלעם, דרייט איר זיך אַ ביסל אַרום לעבן איר. איר זײַנט צופרידן. עס פרייט אײַך. ווײַל ווען פרייט זיך אַ באַלעבאָס פון אַן אייגענער מאַשין? ווען אים דאַכט זיך, אַז עמעצער האָט זי צוגעלאַקכנט, און ערשט צום סאָף זעט ער, אַז זי שטייט זיך לײַטיש און סטאַטעטשנע אַף איר אָרט, קיין האָר איז פון איר ניט אַראָפּגעפאַלן.

קערט איר זיך אום צו אײַער געלעגער. נאָר דער שלאָף נעמט אײַך ניט. פון יענער זײַט פענצטער האָט זיך עפּעס צעבושעוועט דער ווינט און מיט די ביימער און קוסטעס מאָרדעוועט עס, ווי אין אַ קאַדאָכעס, און ווידער דאַכט זיך אײַך, אַז אַרום אײַער מאַשין דרייט זיך

עמעצער, פאַרברענט און פאַרסאַרפּעט זאָל ער ווערן!

ליגט איר אַזוי פאַרטײַעט, הערט זיך אײַן און איר האָט אײַנגאַנצן פאַרגעסן אין שלאָף. איך מויער קומען מאָדנע געדאַנקען און אַלץ וועגן דעם, אַז עמעצער גאַנוועט זי צו אײַער מאַשין. פאַר דער נאַכט לאָזט איר זיך עטלעכע מאָל אַראָפּ אין הויף כאַפּן אַ קוק, וואָס מאַכט זי דאָרטן, אײַער ציטערדיקע באַסיכעדיקע.

קורץ גערעדט — איר שלאָפט ניט. איר פאַרלענגערט זיך די יאָרן. וואָס־וואָס, נאָר אַ דריטל פון לעבן וועט איר ניט אָפּגעבן דעם שלאָף!

איר באַוויַיזט זיך ניט אַרומקוקן, ווי די נאַכט איז שוין אויס און איר דאַרפט זיך לאָזן צו דער אַרבעט. ניט, כאָלילע, מיט דער מאַשין, נאָר מיטן טראַמוויַי און אויטאָבוס. די מאַשין שטייט זיך אויפן אָרט און דו קענסט אַף איר בלויז קוקן. פאָרן קאָנסטו נאָך ניט. דאַרפסט ערשט גיין אַף קורסן, זיך אויסלערנען זי פירן, אָפּגעבן עקזאַמען. שיינע גליקן, ווערן אַף דער עלטער אַ שילער!

קומסט אַרײַן אין צעך. די אַרבעטער ווינקען זיך איבער, שמייכלען אונטער, מיינען, אַז דו האָסט נעכטן, זעט אויס, גענומען אַ שיינע קויסע, ווײַל דו זעסט נאָך אויך איצט אויס, ווי אַ פאַרטשאַדעטער.

גיי דערציייל זיי, ווו דער הונט ליגט באַגראָבן.

דו שטייסט אין געהאַקטע ווונדן באַם קאָנווייער, און אין קאָפּ קריכן דיר ווילדע געדאַנקען. די מאַשין שטייט דאָרטן אין הויף און אַרום איר טראָגן זיך אַרום פאַרשיידענע ייִנגלעך, ניט קיין ייִנגלעך — שיידים. זיי לויפן אַרום איבערן הויף, ווי פאַרסאַמטע, און שפּילן אין פוטבאָל. די פּילקע פליט ווי אַ סנאַריאַד. אין טויער טרעפט מען ניט אַזוי גרינג, נאָר דערפאַר טרעפט די פּילקע גאַנץ שיין אין דער מאַשין, און איר קאָנט קומען פון דער אַרבעט אַהיים און טרעפן זי אָן פענצטער, אָן פאַרעס, אָן לײַב־און־לעבן.

וואָס איז פאַראַן דאָ אַ סאַך צו ברײַען. איר שטייט באַ דער אַרבעט, ווי אַף אָנגעגליטע קוילן, און קוקט אַרויס מיט אומגעדולד, עס זאָל דורכגיין דער טאָג און איר זאָלט לויפן אַ קוק טאָן, ווי האַלט איר מיט אײַער מאַשין, צי שטייט זי נאָך אַפן אָרט, צי איז זי נאָך גאַנץ.

פריִער, איידער איר זײַנט געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַן אייגענער מאַשין, פלעגט איר זיך נאָך דער אַרבעט פאַרהאַלטן אַפן זאַוואָד, זיך אַרײַנכאַפּן אין ביבליאָטעק נעמען אַ ביכל, אַרײַנקוקן אין אַ פרישער בלאַט, כאַפּן אַ שמועס מיט אַ גוטנברודער, גיין אַף אַ זיצונג, אַף אַ פאַרזאַמלונג, הערן, וואָס אַף דער וועלט טוט זיך. איצט זײַנט איר אין גאַלעס באַ דער אײַגענער מאַשין. נאָך דער אַרבעט, איר באַוויַיזט זיך ניט אַרומקוקן, לאָזט איר זיך לויפן אַהיים אַ קוק טאָן, צי האָבן דאָרטן די פוטבאָליסטן ניט געמאַכט פון אײַער מאַשין קיין האַנטשערקע.

נאָר דאָס איז נאָך צו דערלײַדן. אַפגיך עפּעס איבערגעכאַפּט, לויפט איר אין אויסרײַסעניש, אין צווייטן עק שטאָט, אַף קורסן. איר דאַרפט דאָך אויסלערנען די טוירע, ווי מע פירט אַ מאַשין. עס שטייען אײַך פאָר עקזאַמענעס, און אַז דער אייבערשטער וועט העלפן, איר וועט אויסהאַלטן און באַקומען רעכט, ערשט דעמלט וועט איר זײַן אַפן פערדל. ביז איר באַקומט ניט קיין ביכעלע, ווו שוואַרץ אַף ווײַס איז אָנגעשריבן, אַז איר מעגט פירן אַ מאַשין, איז אײַער מאַשין קיין גראָשן ניט ווערט.

און, ווי אַפּצולאָכעס, קריכט אײַך די אויטאָמאָביל־טוירע אַזוי אין קאָפּ, ווי אַרבעס אין דער וואַנט. איר זײַנט דאָך שוין, קיין אײַנהאָרע, אַ מענטש אין די יאָרן, ניט קיין ייִנגעלע, און דאָס, וואָס איר האָט נעכטן אַף די קורסן אויסגעלערנט, האָט איר אַף מאָרגן פאַרגעסן. און אײַער טײַערער לערער מעסט אײַך מיט זײַן דורכגעטריבענעם שמייכעלע און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— נישקאָשע, — זאָגט ער אײַך, — טײַערער קורסאַנט, איר דאַרפט באַ זיך ניט אַראָפּפאַלן. וועט איר דאָס מאָל ניט אָפּגעבן דעם עקזאַמען, וועט איר אַפּסנײַ גיין אַף קורסן, אָנהייבן פון סאַמע אָנהייב. אויב איר וועט אויך דערנאָך ניט קענען אָפּגעבן דעם עקזאַמען, איז אויך ניט געפערלעך. ס'איז דען אַ מוז, אַז יעדער איינער דאַרף פירן אַ מאַשין? ווי באַוווּסט, איז די מערהײַט פון דער מענטשהײַט — פוסגייער, און זיי באַנוצן זיך ניט שלעכט מיטן שטאָטישן טראַנספּאָרט — מיטן טראַמוויַי און אויטאָבוס. און וואָס איז שײַעך אײַער מאַשין, וואָס איר האָט באַקומען, קאָנט איר זייער לײַכט קריגן אַ קוינע און זי פאַרקויפן... איר ווייסט, ווען עס פרייט זיך אַ באַלעבאָס פון אַ מאַשין? ווען ער קויפט זי אָן און ווען ער פאַרקויפט זי...

נאָך אָט דער שיינער דראָשע, וואָס עס ברענגט פאַר אײַך אַרויס אײַער רעבע, לאָזן זיך באַ אײַך אינגאַנצן אַראָפּ די הענט, איר פאַרלירט אינגאַנצן די האָפענונג אָפּגעבן דעם עקזאַמען, פאַלט באַ זיך אַראָפּ און הייבט אָן טראַכטן, אַז די גאַנצע טירכע אײַערע איז אַן אומזיסטע און איר דאַרפט נעמען אַ גוטן פלאַקן און זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז איר וועט אַמאָל קאָנען אָפּגעבן דעם עקזאַמען און באַקומען רעכט, דאָס הייסט, פראַוועס אַף פירן די מאַשין אײַערע.

אָט אזא מין קאַפּדרייעניש מיט א מאַשין האָט גענומען אף זיך אונדזער גוטער שאָכן לייזער קאַרסונסקי, א מענטש א באַיאָרטער, א באַשיידענער און גוטמוטיקער, וואָס האָט זיך שטילערהייט געלעבט און ניט געהאַט ביז דעמלט קיין איבעריקס גרויסע דײַגעס.

יאָ, שיר ניט פאַרגעסן. איינע פון די וויכ־טיקסטע רעפּועס אף צו פאַרלענגערן זיך די יאָרן, איז ניט בלויז וויניקער שלאָפן, ניט פאַ־טערן קיין דריטל פונעם לעבן אף שלאָפן, נאָר אויך אראָפּ פון דער וואָג, ניט טראָגן אף זיך קיין איבעריקע מאַסע.

און דאָס האָט אונדזער לייזער קאַרסונסקי אויסגעפילט, ווי עס דאַרף צו זײַן.

פאַר דער צײַט, וואָס ער האָט פאַרבונדן זײַן גורל מיט דער מאַשין, מיט די קורסן, עקזאַמענעס, לויפּעניש, האָט ער פאַרלוירן קי־מאַט א האַלבן פּוד. ס'איז שווער געוואָרן דעם מענטשן צו דערקענען. ער איז געוואָרן אויס־געצערט, אויסגעטריקנט, מיט איין וואָרט — א האַלבער מענטש!

לייזער איז אָבער געווען אַן אַקשן פון אַלע יאָר. ער, אַז ער נעמט זיך עפּעס אין קאָפּ אַרײַן, מעג דונערן און בליצן, וועט ער זײַנס דערגרייכן!

כאַכאָמים זאָגן, און מע מעג זיי אַמאָל גלייבן אַפן וואָרט, אַז נישט קיין געטער אַר־בעטן אויס טעפּ, א מענטש, אַז ער וויל, קאָן ער איבערקערן בערג. אונדזער לייזער קאַר־סונסקי איז אויך געווען פון יענע אַקשאָנים און אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן איז ער אַוועקגעגאַנגען און אויסגעהאַלטן דעם עקזאַ־מען און באַקומען די לאַנגדערוואַרטע „פּראַ־וועס”, און די אויגן האָבן זיך בא אים געעפנט.

איצט איז ער בעעמעס געווען אַפן פערדל. ווער איז געווען צו אים גלײַך! ווער וועט אַצינד וואָגן לאַכן פון אים, דערקוטשען מיט כאָכמעלעך, וויצן, אָט, הייסט עס, א מענטש פאַרמאָגט אַן אייגענע מאַשין און אים קומט נעבעך אויס גיין צופוס אף דער אַרבעט...

האַקלאַל, ווען מע האָט אים אין אינספּעק־ציע אָנגעזאָגט די שיינע בסורע, אַז ער האָט רעכט זיך זעצן אין זײַן מאַשין און פאָרן ווו־הין דאָס האַרץ גלוסט, איז עס בא אים געווען דער גרעסטער יאָמטעוו. א שפּילעכל עפּעס, ער איז א מענטש, דאָס הייסט א שאָפער גלײַך מיט אַלע! ער מעג זיך זעצן אין זײַן מאַשין און הײַדאַ, וויאָ!

אָבער דערמיט זײַנען נאָך ניט אַלע זײַנע צאָרעס פאַרשוווּנדן.

איצט, אַז ער איז שוין געוואָרן מיט מאַזל א שאָפער, האָט זיך געיאַווועט א שפּאָגל נײַע צאָרע.

אָט גאַנצפרי, ווען ער אײַלט אַפן זאַוואָד, טרעפט ער בא זײַן מאַשין א גאַנצע כאַפּטע שכיינים און שכיינעס. וואָס איז? זיי ווילן, ער זאָל זיי אונטערפירן. זיי אײַלן אויך אף דער אַרבעט. טוט ער א קנייטש מיט די אַקסלען און נעמט דרײַ מענטשן, די איבעריקע קוקן אף אים מיט בייזע אויגן, ווינטשן אים צו דער רוען ווייסט וואָס, ווערן אים דאָס סאָנים.

צו דער אַרבעט פאַרשפּעטיקט ער, ווײַל ער האָט געדאַרפט די דרײַ פּאַסאַזשירן אָפּפירן צו זייערע אונטערנעמונגען. אָפּזאָגן האָט ער ניט געקענט. דאָס איז געווען ניט אין זײַן טע־ווע. אַלע האָבן אים געקענט פאַר א צוגעלאָ־זענעם, גוטהאַרציקן מענטשן, פאַר א מענטשן אָן א גאַל.

דער מײַסטער פון צעך באַגעגנט אים מיט א קרומען קוק:

— ווען דו ביסט געפאָרן צו דער אַרבעט מיטן טראַמוויי אָדער געגאַנגען צופוס, פּלעגסטו קומען צו דער צײַט, און אַז דו פאָרסט אף דײַן מאַשין, פאַרשפּעטיקסטו? אויב אַזוי איז א סי־מען, אַז מיר האָבן דערלאָזט א פעלער, ווען מיר האָבן דיר אויסגעטיילט דעם ערשטן אין צעך א מאַשין...

גיי דערציייל אים, פאַרוואָס דו האָסט פאַר־שפּעטיקט, אַז דו האָסט אָפּגעפירט צו דער אַרבעט די שכיינים, וועלכע האָבן דיר אפילע קיין דאַנק ניט געזאָגט.

אָבער נאָך ערגער איז דאָס, וואָס בייס ליי־זער קאַרסונסקי איז אף דער אַרבעט, שטייט זײַן מאַשין פון יענער זײַט זאַוואָד־טויער. עס קומען אים די גאַנצע צײַט בייזע געדאַנקען. עס איז אַרויסגעפאָרן פונעם זאַוואָד־הויף א מעכטיקע לאַסטמאַשין און זײַנע פאַרטשעפּעט... עמעצער האָט בא דער מאַשין עפּעס אָפּגע־דרייט, צוגעלאַקכנט. מאַלע וואָס פאַר א מאַכ־שאָוועס עס קומען אים אין מויעך. פון מאָל צו מאָל כאַפּט ער זיך אַרויס אף יענער זײַט טוי־ער א קוק טאָן, צי איז מיט זײַן פערדל, כאַ־לילע, גאָרנישט ניט געשען. די כעווּרע פון דער בריגאַדע קוקן אף אים און שמייכלען אונטער: „די באָבע האָט ניט געהאַט קיין דײַגעס, האָט זי זיך געקויפט א כאַזערל”.

אַנומלטן איז ער געקומען צו פאָרן פון דער אַרבעט אַהיים, זיך נאָך ניט באַוויזן אַרומ־וואַשן, נעמען עפּעס־וואָס אין מויל, פּליט אַרײַן אין שטוב אָן א נעשאָמע עפּעס א שכיינע, וועלכע לייזער האָט, דאַכט זיך, צום ערשטן מאָל אין לעבן געזען. זי איז געקומען מיט א געוויין און מיט א דערשראָקן פּאָנעם. וואָס איז געשען? אויב איר ווילט, איז בא איר געשען אַן אומגליק, און אויב איר ווילט — א גליק. איר טאָכטער גייט צו קינד און מע דאַרף זי גלײַך אָפּפירן אין געבורט־הויז. דער מאַן האָט

פאר איר געקראָגן אן אָרדער אין א שפּיטאָל, וואָס געפינט זיך אין צווייטן עק שטאָט, אין אויסרײַסעניש... די טאָכטער גייט צו קינד... און אזוי ווי זי האָט געהערט, אז דער שאָכן האָט א מאשין, טאָ זאָל ער זיך מאטריִעך זײַן אָפּפירן די געווינערן. מע האָט גראדע גערעכנט ארויסרופן א טאקסי, איז אָבער אין די שאָען פון „פּיק" אהין שווער זיך דערקלינגען. נו, וואָס וועט איר דערויף זאָגן?

לייזער קאָרסונסקי האָט אויך ניט געוווּסט, וואָס ער זאָל איר זאָגן. א קניִיטש געטאָן מיט די אקסלען, האָט ער אָפּגערוקט אין א זײַט דעם טעלער געקעכץ, אוועק אײַנשפּאנען דאָס פערדל זײַנס, די מאשין, הייסט עס, און זיך, נעבעך, געלאָזט מיט דער געווינערן און מיט איר מאמען אין צווייטן עק שטאָט. אן אנדער ברייִרע האָט ער געהאט?

זיך דערקליבן צום שפּיטאָל, געהאָלפן אָפּפירן די געווינערן אין פּאלאטע, זאָגט אים די שכיינע, אז ער זאָל זיך מאטריִעך זײַן און צוּוואַרטן אף איר, ביז די געווינערן וועט האָבן דאָס קינד. ווי וועט זי אינמיטן נאכט זיך קענען דערקלײַבן אהיים? די טראמווײַען גייען דאָך ניט אזוי שפּעט.

לייזער איז געבליבן שטיין אָן לאָשן. די שכיינע איז שוין געהאט ערגעץ פארשוווּנדן און אים איז אויסגעקומען זיך אראָפּלאָזן צו זײַן מאשין און וואַרטן...

נאָך האַלבער נאכט איז די שכיינע ארויסגעלאָפן פונעם שפּיטאָל א שײַנענדיקע און אָנגעזאָגט אים די בסורע, אז די געווינערן האָט געבראכט דער וועלט א פּאָרל, און מע דאַרף פאָרן צו די קרויווים און באקאנטע אָנזאָגן, מע זאָל גרייטן מאטאָנעס...

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען לייזער קאָרסונסקי איז א טויט־מידער ארײַנגעפאלן אין שטוב. דאָס ווײַב האָט אים אָנגעקוקט מיט א פּאָר מעטושטעשע אויגן, צעפירט מיט די הענט:

— נו, וואָס, מײַן טײַערער, דיר האָט זיך פארגלוסט ווערן אף דער עלטער א איזוואָזטשיק?! איך בין דאָך די גאנצע נאכט ניט געשלאָפן. די נעשאָמע איז שיר ניט ארויסגעפלויגן פון שרעק. איך האָב שוין איבערגעטראכט גאָט ווייסט וואָס. הער נאָר, א גאנצע נאכט זיך ארומגעשלעפּט, ניט געשלאָפן, וויִאזוי וועסטו איצט גיין צו דער ארבעט?

לייזער האָט אויסגעהערט אירע בייזע טײַנעס און געשוויגן. נישקאָשע, האָט ער זיך געטראכט, זי וועט זיך איבערבעטן. אָט דערנענטערט זיך דער זונטיק, דער רו־טאָג, דעמלט וועט ער אוועקזעצן זי, די קינדער מיט דער שוויגער, און ער וועט זיי אוועקפירן אין וואלד אפן גאנצן טאָג כאפּן פרישע לופט. אָ, דעמלט וועט זי אים מויכל זײַן אלע זײַנע זינד. זי וועט ניט שרײַען: „פארברענט און פארסארפעט זאָל געוועזן ווערן דײַן מאשין, איידער איך האָב זי דערקענט!" פארקערט, דעמלט וועט זי פארשטיין, סארא גאָלדענע זאך דאָס איז פארמאָגן אן אייגענע מאשין און פאָרן וווּהין דאָס הארץ גלוסט.

...צו דעם אָפּרו־טאָג האָט זיך די גאנצע שטוב געגרייט, ווי צו א גרויסן יאָמטעוו. מע האָט אײַנגעקויפט אין גאסטראָנאָם וואָס עס האָט זיך געמאכט. ערעוו זונטיק האָט דאָס ווײַב געקאָכט און געבאקן געבעקס אפן גאנצן טאָג, ווײַל, ווי באוווּסט, צעשפּילט זיך דער אַפּעטיט אין וואלד, אף דער פרישער לופט.

גאנצפרי, נאָך איידער די זון האָט זיך באַוויזן, האָט לייזער אלעמען אופגעוועקט. מע דאַרף ארויספאָרן, איידער עס וועט זיך אָנהייבן די היץ. אין שטוב איז געוואָרן א גאנצער טאַראראם, א מעסוקענע אײַלעניש. א קלייניקײַט עפּעס — מע פאָרט צום ערשטן מאָל אין וואלד אף אן אייגענער מאשין.

צופרידענע, צעשײַנטע, האָט דער אוילעם מיט די קוישן און קלומעקעס זיך א לאָז געטאָן צום ארויסגאנג.

צעקלינגט זיך פלוצעם דער טעלעפאָן, לייזער קאָרסונסקי כאפּט דאָס טרײַבל און בלײַבט מיטאמאָל שטיין, ווי געפּלעפּט. וואָס איז געשען? ווער קלינגט עס גאנצפרי מיט דער ראָשטשינע? א סרייפע, כאָלילע, אן ערדציטערניש? דאָס קלינגט דער נאטשאלניק פון צעך. קיינמאָל קלינגט ער ניט, און דאָ — נא דיר. וואָס וויל ער? אזוי ווי ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט זײַנע פרײַנט ארויספאָרן כאפּן פיש, אף דער ריבאלקע, הייסט עס, צו א באקאנטן פאָרזיצער פון א קאָלווירט אין ווינניצער געגנט, א פּאָר הונדערט קילאָמעטער פונדאנען, און זײַן מאשין איז פלוצעם קאליע געוואָרן, צי וואָלט קאָרסונסקי ניט געווען אזוי גוט אים אָפּפירן? דאָס האָט ער דאָך, דער צעך־נאטשאלניק, געהאָלפן, יענער זאָל באקומען די מאשין אין דער ערשטער ריי...

קאָרסונסקי איז געשטאנען א פארלוירענער. וואָס עס האָט זיך אים געכאָלעמט די נאכט און יענע נאכט און אלע נעכט פון א גאנץ יאָר, זאָל אויסגיין צו זײַנע סאָנימס קעפּ. הער נאָר א מײַסע, קוים זיך אויסגעקליבן מיט דער מישפּאָכע אפן ערשטן ארויספאָר אין וואלד, איז נא דיר גאָר אזא צוטשעפּעניש!

נאָר דעם נאטשאלניק וועסטו דאָך עס ניט זאָגן.

מיט א געפאלענער שטים ברענגט ער, לייזער ארויס, אז די נעסיִע אין וואלד ווערט אָפּגעלייגט אפן קומענדיקן זונטיק.

אין שטוב ווערט א טומל. איינער שרײַט,

דער צווייטער וויינט, דאָס ווײַב זידלט... ס'טוט זיך כוישעך. אונטער דעם דאָזיקן אקאָמפּאַנעמענט לאָזט זיך לייזער קאָרסונסקי מיט א געבויגענעם קאָפּ צו זײַן מאשין. און אָט יאָגט ער שוין צום נאטשאלניק, וואָס וואַרט, ער זאָל אים פירן אין אויסרײַסעניש, וואָס איז — עס האָט זיך אים פארגלוסט כאפּן פּיש!

א פארמאטערטער, אן אויסגעשעפּטער, האָט זיך לייזער אומגעקערט שפּעט באנאכט אהיים. די שטוביקע האָבן אים אָנגעקוקט מיט שפּאָטישע געלעכטערלעך. קיינער האָט צו אים ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. אזוי האָבן אלע באשטימט, און מע האָט געהאלטן וואָרט.

ער איז ארומגעגאנגען איבער דער שטוב, ווי א שאָטן, און ניט געוווּסט, ווו מע באהאלט פון בושע און פארדראָס די אויגן.

די שטוביקע זײַנען דאָך טאקע געווען גערעכט!

דער טעלעפאָן האָט זעלטן־ווען געקלונגען, נאָר זינט לייזער האָט זיך דעראָבערט א מאשין און האָט זיך אויסגעלערנט זי פירן, לאָזט דער טעלעפאָן מאמעש ניט לעבן. אלע מאָל קלינגט מען. וואָס איז געשען? דאָס בעט א באקאנטער אָפּפירן זײַן פלוינעסטע אין מארק ארײַן, א צווייטער האָט באקומען א נײַע דירע און האָט שטארק כיישעק, לייזער זאָל איבערפירן די שטוביקע זאכן, דאָס בעטגעוואנט. די טישן מיט די בעטן קאָנען, צום באדויערן, ניט ארײַן אין זײַן מאשין, וועט מען יאקאָס דינגען פאר דעם א לאסטמאשין, נאָר די קלענערע זאכן און דאָס געפעס דאָס מוז שוין לייזער איבערפירן.

און אונדזער שאָפער האָט קיינעם ניט געקאָנט אָפּזאָגן. אויב ער וועט אָפּזאָגן, וועט ער זיך דעראָבערן סאָנים אפן גאנצן לעבן.

די שטוביקע האָבן אים אָנגעקוקט, ווי א מעשוגענעם. ווי נאָר עס האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן, אזוי האָט די פלוינעסטע געשריגן:

— אָ, מע רופט שוין דעם אומזיסטן איזוואָזטשיק!.. מע דארף שוין עמעצן פירן צום וואָקזאל...

וואָס האָט ער געזאָלט טאָן? ער האָט געמוזט לײַדן.

ער האָט אָבער ניט אופגעהערט ארויסקוקן אף די רו־טעג, ווען ער וועט סאָפּקאָלסאָף קאָנען ארויספירן די מישפּאָכע אין וואלד ארײַן. נאָר ווי אפצולאָכעס האָט זיך יעדעס מאָל אויסגעלאָזט דערפון א בוידעם. דאָס האָט געקלונגען א קרויווע, ער זאָל מיט איר פאָרן אפן אעראָדראָם באגעגענען אירן א גאסט, דאָס האָט א פלעמעניצע כאסענע געהאט, און ער האָט געדארפט פירן די יונגע אין זאגס ארײַן, דערנאָך צום דענקמאָל פון אומבאוווּסטן סאָלדאט לייגן בלומען, ברענגען אף דער כאסענע די אלטע לײַט, פאנאנדערפירן די מעכוטאָנים נאָך דער ליאמע פון רעסטאָראן אהיים.

קורץ גערעדט — דער מענטש איז קיין איין רו־טאָג ניט געווען אין זײַן רעשוס און די טעג מיט די נעכט זײַנען ניט געווען זײַנע. פונקט ווי די מאשין.

עס איז אוועק נאָך א שטיקל צײַט, און קאָרסונסקי האָט באמערקט, אז מענטשן, וועלכע האָבן זיך צו אים פריִער אזוי גוט באצויגן, האָבן אף אים אָנגעהויבן קוקן קרום, פּאָשעט געוואָרן דאם סאָנים. דעם האָט ער אָפּגעפירט אפן וואָקזאל, נאָר זיך אָפּגעזאָגט וואַרטן די צוויי שאָ, וואָס דער צוג האָט פארשפעטיקט; יענעם האָט ער ניט געקאָנט ארײַנעמען אין מאשין, ווײַל זי איז שוין געווען איבערפולט מיט אומזיסטע פּאסאזשירן; אנדערע האָט ער ניט געקאָנט צופירן ביז זייערע אונטערנעמונגען, בלויז עטלעכע גאסן, ווײַל ער האָט פארשפעטיקט צו דער ארבעט; אנדערע האָבן אף אים געקוקט פײַנטלעך, דערפאר וואָס ער האָט זיי ניט געפירט אין וואלד כאפּן פרישע לופט אָדער צום טײַך כאפּן פיש.

מענטשן האָבן זיך אופגעהערט מיט אים גריסן. וואָס זשע, האָבן זיי געזאָגט, זיך געקויפט א מאשין, מאכט ער זיך גרויס, ווייל שוין קיינעם ניט דערקענען, פאריסן די נאָז.

נאָר ערגער פון אלץ איז געווען דאָס, וואָס פאר דער גאנצער צײַט האָט ער ניט געקאָנט אויסקלײַבן עטלעכע פרײַע שאָ פארן ווײַב מיט די קינדער.

דאָס ווײַב מיט דער שוויגער האָבן געהאלטן אין איין שילטן די מאשין: פארברענט און פארסארפעט זאָל זי ווערן...

יאָ, טאקע זינט ער לעבט אף דער וועלט, האָט ער, דאכט זיך, ניט געהאט אזויפיל סאָנים, באליידיקטע, אומצופרידענע, ווי איצט! זינט ער לעבט, איז ער ניט געווען אזוי פארטראָגן, פארטאראראמט. עס האָבן אים אלץ אָפטער און אָפטער אָנגעהויבן דערקוטשען מאָדנע געדאנקען, אז עפשער וואָלט טאקע געווען גלײַכער, וואָס גיכער פּאָטער ווערן פונעם אומגליק? ער האָט זיך, אפּאָנעם, ארופּגעזעצט ניט אף זײַן פערדל?

און דאָ איז אים געקומען אפן געדאנק דאָס ווערטל, וואָס עס האָט אמאָל ארויסגעזאָגט איינער א כאָכעם, וועלכער איז שוין געווען אין זײַן, אין לייזער קאָרסונסקיס, פעל:

— צוויי מאָל פרייט זיך א באלעבאָס פון אן אייגענער מאשין. דאָס ערשטע מאָל, ווען ער קויפט זי. דאָס צווייטע מאָל, ווען ער ווערט פון איר פּאָטער...

דאכט זיך, דאָס וואָלט טאקע געווען דאָס בעסטע מיטל אף צו פארלענגערן זיך די יאָרן און ניט אָנלעבן זיך קיין סאָנים.

אַ מײַסע מיט אַ באָרד

די לעצטע קינאָ־קאַדרען פונעם קומענדיקן פילם האָבן מאַמעש פאַרמוטשעט דעם רעזשיסער לוזשײַקינען, אָפּגענומען בא אים א שטיק לעבן.

עפּעס א קלײניקײַט אויסצורײדן, וויפל האָרעוואַניע, ענערגיע, גאָלדענע צײַט ער האָט געפּאַטערט, ניט רײדנדיק שוין וועגן די שווערע הונדערטער טויזנטער רובל געלט. און מע האָט נאָך אַלץ ניט געזען קײן סאָף.

אַף אַלע באַראַטונגען און זיצונגען אין דער סטודיע האָט מען פון אים געריסן שטיקער, געמאַכט אויסצודרײען. און וואָס האָט ער, נעבעך, געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט נאָך אַלײן זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווען וועט ער זיך מיט זײַן פילם צושלאָגן צו א ברעג.

די אַרבעט בא אים איז שוין געהאַט געגאַן גלאַט. נאָך אײן שפּרונג, האָט ער זיך געטראַכט, און עס וועט אַרויס א פילם א ליאַלקעלע. אַלע סאָנים אָפּצולאָכעס! קלײַב נאַכעס, ברודערלעבן, פון דײַן אָנדערהאַלבניאָריקער אַרבעט. דו ביסט אַפן פערדל!

דאַרף טרעפן אַן אומגליק!

ווּ איז געווען זײַן קאָפּ? לעמײַ האָט ער זיך, דער נאַר, געדאַרפט צוהערן צו זײַן פלויניסטע, וועלכע האָט אים געצוווּנגען אײַנלאַדן איר שוועסטערקינד מאַכנאַטקינען, אָט דעם גאַרנישט, דעם טאַלאַנטלאָזן זינגער, אַף דער ראָל פון א סיבירער יעגער? צי דען האָט ער גלײַך ניט פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם טויגעניכץ וועט ער קײן קאַשע ניט אָפּקאָכן? יענעם פאַרטרויען אַזאַ ראָל, איז אַלצײנס, ווי צווינגען זײַן באָבען שפּילן דזשוליעטען, אָדער זײַן ווײַב — קאַרדעליען...

סאַראַ שלאַכט איז אים אויסגעקומען אויסהאַלטן, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן, אַז מע זאָל זײַן, לוזשײַקינס, פלוינעסטע געבן די ראָל פון א זיבעצניאָריקער טענצערן אינעם קאָלווירטישן אַנסאַמבל און איר פופציקיאָריקער פלעמעניצע די ראָל פון א פּיאָנערקע! האָט זי נאָך אַרויסגעשלעפּט פאַר די אויערן איר שוועסטערקינד מאַכנאַטקינען, און אַלץ איז אַוועק מיט דער פוטער אַראָפּ!

וויפל ער האָט ניט דערוויזן זײַן פלוינעסטע, אַז דער פּאַשוין פאַרמאָגט ניט קײן סימען פון טאַלאַנט, אַקטיאָרישע פײַיקײַטן, האָט זי דערפון הערן ניט געוואָלט.

— רעדסט נאַרישקײַטן! — האָט זי אים אָפּגעשניטן, ווי א פּראָקוראָר, — דו הער זיך נישט צו, וואָס עס בעבען דאָרטן בײזע ציגנער, ניט־פאַרגינער. פאַרוואָס האָבן זיך בא טשאַרלי טשאַפּלינען, בא אײזענשטײנען, דאָווזשענקאָן שטענדיק באַ־
קומען וווּנדערלעכע בילדער? דערפאַר, וואָס זײ האָבן זיך ניט צוגעהערט צו קײנעם און געטאָן, וואָס זײ האָבן געוואָלט. דו הער ניט, וואָס אַנדערע זאָגן, טו זיך דײַנס און הער זיך צו, וואָס איך אײַצע דיר! העכער דעם קאָפּ, מײַן טײַערער! דו האָסט ניט ווײניק פאַרדינסטן פאַר דער קונסט! ווער האָט געשטעלט דעם דאָקומענטאַלן פילם: „קלײַבט אַקטיוווער אוטיל!"? ווער? דו! און וועמען האָט די קאָנטאָר פון אוטיל אויסגעדריקט א דאַנק? דיר! פאַרוואָס דאַרפסטו מוירע האָבן, טאָמער וועט עמעצער זאָגן, אַז דו ווילסט דײַן מישפּאָכע מאַכן פאַר קינאָ־אַקטיאָרן? נו, און פאַרוואָס טאָרן ניט זײַן דײַנע קרויווים אַקטיאָרן? פאַרוואָס מעגן זײַן דוראָווס, קוקריניקסן, שוועסטער פּיאַדאַראָווס, ברידער טור און עס קאָנען ניט זײַן קײן לוזשײַקינס?

אויסהערנדיק אַזעלכע רײד פון זײַן פרוי, גײט לוזשײַקין ווידער אין סטודיע מושטרעווען מאַכנאַטקינען, ער זאָל ווי־ניט־איז אָפּשפּילן די ראָל פון דעם סיבירער יעגער, דעם גוואַר. מישטײנסגעזאָגט, וואָס איז דאָרטן דאָ וואָס צו שפּילן, א געווײנלעכע, עפּיזאָדישע ראָל, און דאָך באַקומט זיך בא אים דער רוען ווײסט וואָס. סאָפּקאָלסאָף האָט ער אים דורכגעטריבן, און פאַרן רעזשיסער איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע — ווּ נעמט מען א מענטשן אַף דער דאָזיקער ראָל?

ער האָט געוואָלט א זוך טאָן צווישן די אַקטיאָרן אין די אָרטיקע טעאַטערן אָדער אין טעאַטראַלן אינסטיטוט. ס'איז ניט אַזוי פּאָשעט געפינען א מענטשן, וואָס פּאַסט פאַר דער ראָל פון א יעגער אַף טיגרען, נאָר דאָ האָט אופגעהויבן א גוואַלד זײַן פרוי. וואָס הײסט ער וועט זוכן א מענטשן אַף דער זײַט? ער האָט שוין פאַרגעסן, ווי מע האָט זי אַרויסגעמעשאַלײעכט פונעם טעאַטער און ניט געוואָלט צולאָזן צו דער בינע זײער טעכטערל? און אַז אין אינסטיטוט האָט מען זיך אָפּגעזאָגט אַרײַננעמען איר פלעמעניק מיט דער פלעמעניצע? ווי׳אַזוי קאָן ער נאָך אַזאַ כאַזערײַ האָבן צו טאָן מיט דעם טעאַטער און מיטן אינסטיטוט? נײן! בעשום־אויפן ניט!

די צײַט איז געגאַן. די אַרבעט איז געשטאַנען ניט אַהער, ניט אַהין. לוזשײַקין האָט, נעבעך, ניט געקאָנט ענדיקן זײַן ווערק, אַרויסלאָזן דאָס בילד אַפן עקראַן. ער איז אַרומגעגאַנגען אָן א קאָפּ, כאָטש נעם און קאַפּיטוליר, זאָל א צווייטער אים אַרויסענדיקן. פּלוצעם איז אונטערגעקומען א גליקלעכער צופאַל, וואָס האָט אים דערמונטערט.

ס'איז געווען אַ פרישער, לינדער אָוונט. דער רעזשיסער איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און צעטראָגענער איבער דער צענטראַלער גאַס. און אומדערוואַרט האָט ער דערזען פאַר זיך אַ גוואַר מיט אַ ברייטער געלבלעכער באָרד, מיט אַ פּאָר וואָנצעס, ווי אָנגעמאָלטע אפן ברייטן מאָנגאָלישן פּאָנעם — שטרענגע, עטוואָס אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. קורץ גערעדט — אַ דעמבו! אַף די פיס אַ פּאָר גרויסע שווערע שטיוואַלעס, דאָס העמד אונטערגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן סאָלדאַטישן רימען נאָך פון די צאַרישע צײַטן. די ברייטע פּליודערן אַריבערגעוואָרפענע איבער די כאָליעוועס. מיט איין וואָרט — אַ לעבעדיקער יעגער פאַרן פילם! קיין איין אַקטיאָר וועט זיך ניט גלײַכן צו אים. פאָטאָגראַפיר אים אָפּ אָן שום רעפעטיציעס!

דעם רעזשיסערס פאַרומערט פּאָנעם האָט זיך צעשײַנט, ווי דער מאָרגנשטערן. אַ מוירעדיקע פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט, ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אַלטן, אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל און אויסגעשריגן אַזוי, אַז יענער האָט זיך איבערגעשראָקן אַף טויט:

— אָט! געפּאַקט!.. אָט איז ער!

פון אומדערוואַרטקײַט האָט דער אַלטער זיך אַ ריס געטאָן פון זײַנע הענט, אָפּגעגאַנגען אין דער זײַט און בייז אַ קוק געגעבן אַף אים:

— אויב איר זײַנט שיקער, בירגער, טאָ לייגט זיך שלאָפן און וואַרפט זיך ניט אַף קיין מענטשן אין גאַס...

— וואָס רעדט איר, מײַן טײַערער, — האָט דער רעזשיסער זיך אָנגערופן, — איך בין ניט שיקער. איך האָב זיך פּאָשעט דערפרייט, דערזעענדיק אײַך. איר זײַנט אַ פּאַסנדע פיגור פאַר מײַן אַרבעט... פּאַסנדע נאַטור...

— טשעפּעט זיך אָפּ, אַניט וועל איך רופן מיליציע, איר הערט? — האָט יענער מיט קאַס אָפּגעשניטן. — איך וועל ניט דערלאָזן, מע זאָל מיך באַליידיקן. איך בין אַ מיטגליד פון פּראָפאַריין... אָן אינטעליגענט, און נאָך מיט אַ קאַפּעליוש, און טשעפּעט זיך אין גאַס צו מענטשן...

— באַרויִקט זיך, זיידעניו! — האָט זיך אָנגערופן לוזשײַקין, — אַנטשולדיקט מיר. איך בין אַ רעזשיסער אין קינאָ... עפּשער האָט איר געזען מײַן דאָקומענטאַלן פילם: „זאַמלט שנעלער אוטיל!"...

— ניין, ניט געזען! איך קלײַב אַליין אוטיל אָן אײַער הילף. לויט מײַן שטעלע מוז איך אַלע כוידעש אופקלײַבן צוואַנציק פּוד אוטיל, איך בין אַ הויף־וועכטער און קלײַבן אוטיל גייט אַרײַן אין מײַן פליכט. פאַר אוטיל האָב איך שוין פיר פּרעמיעס באַקומען...

— ניט דאָס האָב איך געמיינט... איך וויל אײַך פאָרלייגן זיך אַראָפּנעמען אין קינאָ, נו פאָטאָגראַפירן זיך, איר פאַרשטייט?

יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן שווערן קאָפּ, אַ שטשיפּע געטאָן די וואָנצעס און זיך נאָך מער צעבייזערט: — איר לאַכט פון מיר?

— איך לאַך ניט, איך וועל אײַך בלויז עטלעכע מאָל פאָטאָגראַפירן, מער גאָרניט... עס וועט בײַ אײַך ניט פאַרנעמען קיין סאַך צײַט, איר וועט דערבײַ שיין פאַרדינען... מירן אײַך גוט באַצאָלן...

דער אַלטער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די ברייטע אַקסלען:

— נו, אויב אַזוי איז עפּעס אַנדערש.

— איר שטעלט זיך ניט פאָר, ווי נייטיק איר זײַנט מיר! — האָט לוזשײַקין אים לײַכט אָנגענומען פאַרן אַרבל, — איר זײַנט פאַר מיר אָן עמעסער אוצער. איר אײנער, דאַכט מיר, קאָנט מיך ראַטעווען פון אָן אומגליק. איין גאָט האָט אײַך מיר צוגעשיקט. קורץ גערעדט, מאָרגן, פּונקט צען אַזייגער אינדערפרי, איך בעט ניט פאַרשפּעטיקן, קומט איר אין סטודיע. מע וועט אײַך פאָטאָגראַפירן, מער גאָרניט. איר וועט שיין באַלוינט ווערן דערפאַר. איך זאָלט ניט צווייפלען, ניט מיינען, אַז איך שפּאַס, איז אָט האָט איר אָן אַוואַנס...

דער אַלטער האָט גענומען דאָס ביסל געלט און פאַרוקט עס טיף אין קעשענע.

— איך קאָן צו אײַך קומען אַלע טאָג זיך פאָטאָגראַפירן, וויבאַלד איר צאָלט דערפאַר געלט. פאַר מיר איז עס ניט שווער. דרײַ מאָל האָט מען מײַן פּאָרטרעט אַרויסגעהאַנגען אַף דער רויטער ברעט. פיר גראַמאָטעס באַקומען. מאָרגן, פּינקטלעך צען בין איך בײַ אײַך. איך קאָן קומען אַפילע נאָך פריִער. לוקיאַן הייס איך.

מע האָט זיך שיין אָפּגעזעגנט, און לוזשײַקין איז אַוועק אַהיים מיט אַ ניגנדל אַף די ליפּן. ניט ווייניקער איז געווען צופרידן דער אַלטער לוקיאַן. ער האָט באַשטימט אַרײַן אין גאַסטראָנאָם קויפן אַ פלעשל בראַנפן און פאַרבײַסעכץ, און פאַר דער פרוי זײַנער אַ שקאַרמיצל צוקערקעס.

דערזען זיך אינעם שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען אין גרויסן שויפענצטער פונעם אוניווערסאַלן מאַגאַזין, האָט ער זיך אַזש פאַרקרימט: „פע, ניט שיין אַזוי, פּאָשעט אַ ביזאָיען מיט אַזאַ באָרד זיך גיין פאָטאָגראַפירן. און וווּ? אין קינאָ, ווו מענטשן וועלן אַף דיר קוקן.

און לוקיאַן האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ דערבײַיִקער שערערײַ.

דער פּיפּיקער שערער, ווען ער האָט דערהערט, אַז מע וועט דעם דאָזיקן מענטשן פאָטאָגראַפירן אין קינאָ, האָט ער זיך גוט אַ סטאַרע געטאָן. ס'איז ניט אַוועק קיין האַלבע שאָ צײַט, ווי אונדזער קומענדיקער יעגער אַף טיגרען איז אופגעשטאַנען פונעם שטול, ווי אַ נײַגעבאָרענער. די אייגענע פרוי וואָלט אים,

דאַכט זיך, ניט דערקענט! ניט בלויז די באָרד, נאָר אויך די וואָנצעס האָט דער שערער בא אים אַראָפּגעכאַפּט, איבערגעלאָזט אונטער דער נאָז בלויז א סימען פון וואָנצעלעך. פון דער מעכטיקער באָרד איז קוים, קוים איבערגעבליבן א מיני צאַפּן־בערדעלע, ווי א קאָמעץ. פון די ברעמען איז אויך גאָרניט ניט איבערגעבליבן. נו, אַן עמעסער כאָסן־באָכער.

מיט א גרינג האַרץ איז דער אַלטער אַרויסגעגאַנגען פון דער שערערײַ. ער איז געווען מיט זיך און מיט זײַן געשעפט צופרידן. טאַקע, האָט ער זיך געטראַכט, קומען — זיך אַראָפּנעמען א פּאַרוואַקסענער, ווי א בער. סאַראַ פּאָנעם וואָלט דאָס געהאַט!

עמעס, אָן דער באָרד האָט ער זיך געפילט ניט גאָר באַקוועם, ווי ער זאָל געווען פאַרלירן עפּעס א גאָר וויכטיקע זאַך. דערפאַר אָבער, וועט אים ניט זײַן קיין ביזאָיען קומען צווישן מענטשן, ביפראַט נאָך צווישן אַרטיסטן.

ער איז געגאַנגען ניט געאײַלט איבער דער שיינער, רוישיקער גאַס, זיך געשפּיגלט אין די רײַכע וויטרינעס און מיטאַמאָל א קלער געטאָן, אַז דער אַלטער קאַרטוז מאַכט אים אינגאַנצן קאַליע דעם פּאָנעם. א שמיץ געטאָן אים אין א מיסט־קעסטל, איז ער אַרײַנגעקומען אין א היטל־געשעפט און זיך אויסגעקליבן א קאַפּעליוש, ניט געקאַרגט קיין געלט אַף א העמדל מיט א גרינעם שניפּס. כוץ דעם, האָט ער נאָך אײַנגעהאַנדלט א פּאָר לײַכטע סאַנדאַלן און אַראָפּגעוואָרפן פון די פיס די גרויסע, פאַרשטויבטע שטיוואַלעס צו אַלע רוכעס! נישקאָשע, האָט ער זיך געטראַכט, עס טראָגט! אויב יענער האָט אים געקאָנט אַרײַנשטעקן אַזא שיינעם אַדערוף, וועט ער, זעט אויס, זיך שיין מיט אים פאַנאַנדערצאָלן נאָכן פאָטאָגראַפירן זיך.

ווען די אַלטיטשקע האָט אים דערזען אין נעם נײַעם הוילעך, איז זי געבליבן ווי פריהלושעט, אָן לאָשן. געקומען צו זיך, האָט זי א פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריגן:

— וואָס איז מיט דיר? ביסט, כאָלילע, פון זינען?

— זאָלן אונדזערע סאָנים משוגע ווערן! איך בין נאָך דערווײַל בא אַלע געדאַנקען. וואָס זשע, נאָר די אינטעליגענציע, מיינסטו, מעג זיך אַזוי אָנטאָן? זײַ וויסן, אַז איך גיי זיך מאָרגן פאָטאָגראַפירן, פאַרשטייסט? אָט, וועסט שוין זען פּאַרטיקערהייט, ווער איך בין! — און ער האָט איר אונטערגעטראָגן א שקאַרמיץ מיט צוקערקעס.

די אַלטיטשקע האָט נאָך אַלץ אָנגעקוקט איר אַלטן, ווי א צעדרייטן, נאָר מער קיין וואָרט אים ניט געזאָגט. זי קאָן זײַן כאַראַקטער. גלײַכער, אַז מע שווײַגט אים אָפּ.

די גאַנצע נאַכט האָט אונדזער נײַגעבוירענער יעגער אַף טיגרען ניט געקאָנט צומאַכן מיט קיין אויג, געבויט פאַרשיידענע פּלענער, לופט־שלעסער. אים איז בלויז א ביסעלע געווען א שאָד זײַן באָרד, אַף וועלכער מענטשן האָבן זיך שטענדיק פאַרקוקט. די אונטערגעשוירענע וואָנצעס און ברעמען האָבן עפּעס ווי געמוליעט. נאָר דאָס איז א קלייניקײַט אין פאַרגלײַך דערמיט, וואָס פאַר א פאַרדינסטל ער וועט מאָרגן אַזוי אומגעריכט אַרײַנכאַפּן! אַלע זײַנע קאָלעגן וועלן אים מעקאַנע זײַן. מע דאַרף מאַכן א שווײַג, קיינעם ניט אויסזאָגן, אַנדערש וועלן זיי אַלע לויפן צו יענעם לעץ מיטן קאַפּעליוש זיך פאָטאָגראַפירן.

גאַנצפרי האָט דער גליקלעכער רעזשיסער אופגעהויבן די אַקטיאָרן, ווי לויט א שלאַכט־אַליאַרעם, פון די בעטן און באַפוילן שנעלער זיך איבערטאָן, גרימירן, זיך גרייטן פאַרענדיקן דעם פילם.

איבערן גרויסן קינאָ־פּאַווילִיאָן איז ער אַרומגעגאַנגען, ווי א זיגער. ער איז שוין לאַנג, זייער לאַנג ניט געווען אין אַזא געהויבענער שטימונג, שוין לאַנג ניט געווען אַזוי צופרידן מיט זיך. ער האָט געשפּאַסט מיט די אַקטיאָרן און אָפּעראַטאָרס, זיך געכאָכמעט. און ווי האָט געקאָנט זײַן אַנדערש, אויב דאָס גליק האָט אים אַזוי צוגעשפּילט.

די ווײַזערס האָבן זיך דערנענטערט צו צען. אַלע מאָל האָט דער רעזשיסער מיט שרעק געקוקט אַפן האַנט־זייגער. צי דען וועט דער אַלטער אונטערפירן? ניט געדאַרפט געווען אים געבן דעם אַוואַנס? יענער קאָן נעמען א גוטע קויסע און גאָר פאַרגעסן אַף וואָס פאַר א וועלט ער געפינט זיך!

ערשט אין א שאָ אַרום האָט דער כאָסן־באָכער זיך געיאַוועט.

— איך בעט מיר מויכל זײַן, כ׳האָב זיך פאַרהאַלטן בא אונדזער אופּראַוודאָם. איך בין געגאַן צו אים אָפּגעבן א מעלדונג, אַז מער אַרבעט איך ניט פאַר קיין הויף־וועכטער. איך וועל אַריבערגיין צו אײַך. איר וועט מיך אַלע טאָג קאָנען פאָטאָגראַפירן...

לוזשײַקין האָט אים אָנגעקוקט און ניט געקאָנט באַגרײַפן, ווער שטייט עס פאַר אים, וואָס בעבעט ער. ערשט אין א פּאָר מינוט אַרום האָט ער אים דערקאָנט און זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ:

— וואָס האָט איר מיט זיך געטאָן? איר האָט דאָך מיך אינגאַנצן דערהאַרגעט? ווו איז אײַער באָרד, אײַערע וואָנצעס, דאָס אָנטאָן?

זיי זײַנען געשטאַנען איינס אַנטקעגן צווייטן, און ווען עמעצער פאָטאָגראַפירט זיי אָפּ אין דער מינוט, וואָלט עס, דאַכט זיך, געווען דער שענסטער קאַדער פון לוזשײַקינס נײַעם קינאָ־שעדעווער.

פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע

(אויף די ראַנדן פון אַ נומער „סאָוועטיש היימלאַנד”)

פונקט ווי מע טוט אַ נעם אויף אַ טויק, גלײַך פונעם פעלד, אַ זשמעניע קערנער, ניט קיין אָפּגעקליבענע, פּײַכטלעכע, פרישע, אַזוי איז פאַר דעם דאָזיקן אָרדנטלעכן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד” אַרויסגענומען געוואָרן פונעם רעדאַקציע־פּאָרטפעל אַ צאָל נײַע ווערק פון באַקאַנטע אויטאָרן. ס׳האָט זיך באַקומען אַ זאַמלונג פון אָקאָרשט אָנגעשריבענע גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, וועלכע וועקן, אָן אַ ספק, דעם קריטישן געדאַנק, ווײַל מע קאָן לויט זיי פאָרשטעלן דעם איצטיקן מאַצעוו פונעם זשאַנער און זײַנע פּראָבלעמען.

לייענען אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקן ליטעראַרישן מאַטעריאַל איז ביז גאָר טשיקאַווע. פון סאַמע אָנהייב רופן אַרויס אָן אינטערעס די ניואַנסן פונעם לשון, וואָס עס זאָגן אונדז צו אַליין די נעמען פון די צופעליק אַרײַנגעפאַלענע אין אונדזער קוק־ווינקל פּראָזע־מײַסטערס. טראָץ דער אָנשוילעכער אויסגעגלײַכטקייט פונעם שפּראַך־איבערפלאַך (אַ רעזולטאַט פון אָנווענדן מיצאַד אונדזער ליטעראַטור דעם ליטעראַרישן ייִדיש), בלײַבט דאָך בײַ דעם לייענער די האָפענונג צו דערקענען אין די נײַע ווערק: בײַ האַלפּערנען, — דעם ליטווישן „ניט גראַמאַטישן” ייִדיש, בײַ דרוקערן — דאָס וואָלינער באַלמעלאָכיש־בעסמעדרעש־כאָכמע־לאָשן, בײַ שרײַבמאַנען — די קאַרקעבסולעדיקע מאָלדאַווישע ריידעוודיקייט, בײַ גענען, ש. גאָרדאָנען, בורגן, פּאָליאַנקערן, ראַזומנין — דעם הײַנט־טאָגיקן ייִדיש מיטן אָפּגעהיטן פאָלקס־באַזיס, אויף וועלכן ס׳זעען זיך אָן און אין וועלכן עס יוירן די קולטור־אָנהויפּונגען פון דער לעצטער צײַט.

אַזאַ אשירעס! אַזעלכע מעגלעכקײַטן אַרײַנצוכאַפּן אַ פילקאָליריקע „בלאַט־ייִדיש”!

אָט איז אירמע דרוקערס לאָשן (אין זײַן גרעסערער אויטאָבײאָגראַפישער דערציילונג „געזען און געהערט”):

„...איך האָב זיך בלויז מעשאיער געווען, אַז וויבאַלד איך האָב אינעם זיידנס סייפער־האַזיכרוינעס (אין בוכהאַלטעריע־בוך פון נאָסאַטי אויף באָרג — געגעבן אויף באָרג פון קיבאַלטי און לוי קיבאַלטי — באַקומען און ניט באַקומען) אָנגעציילט העכער אַ האַלבע מייע באַלכויווניקעס, וואָס האָבן געקויפט בײַם זיידן אויף באָרג טאַראַן, בראַנפן, מאַכאָרקע, אַ נאָדל־פּאָדעם, לענטעס, קנעפּלעך, אַלערליי געפאַרבטע פעדעם אויף אויסהעפטן די האַנטעכער און יאָמטעוודיקע בגאָדים, ריצן־אייל צום מאָגן, פלאַסטערן צו מאַקעס און געשווירן, צוקערמאַנדל צום הוסט און ווערעמקרויט, קליינע, גרינע געפאַרבטע צוקערקע־קײַלעכלעך אויף אַרויסטרײַבן די ווערעם פון די קינדערשע בײַכלעך, האָבן פונקט אַזויפיל געוויס געקויפט פאַר מעזומען, און פּופּציק מיט אַ סמיטשיק האָבן גאָרניט געגעבן צו לייזן, גאָרניט געקויפט ניט פאַר מעזומען, ניט אויף באָרג”...

אָן אַנדער וואָרט־ און באַגריף־אינסטרומענטירונג זעען מיר בײַ בער האַלפּערנען, כאָטש דער סטיליסטיש־לעקסישער באָדן און די קוואַלעכלעך, וואָס ריזלען אין אים, זײַנען בײַם „ליטוואַק” און בײַם „וואָלינער” די זעלבע. אין האַלפּערנס מאַניר געפעלט אונדז, וואָס דער העלד פון דער דערציילונג גייט אַרויס פון טראַמוויי „אויף דער ערשטער אָפּהאַלט־שטעלע”, און זיצנדיק „אין אַ לאָקאַל צוצובײַסן”, זעט ער, ווי אייניקע אַרײַנגייער „האָבן אויסגעטרונקען זייער קעלישעקל בײַם טאָמבאַנק”... וועגן אַ פרוי ווערט געזאָגט, אַז „זי האָט געגאָלטן פאַר אַ קלוגער”, אַ צווייטע האָט געהאַט „אַ פײַנע שטימעלע”. די באַגײַסטערונג איז „אַרויסגעקוואָלן פון דער טיף” אַדגל.

דאָס זײַנען ניט קיין צוויי פאַרשיידענע ייִדישס, נאָר איין רײַכע פאָלקס־שפּראַך, וואָס האָט אַ פול מויל מיט רייד און צוקומענדיק אין די ווערק פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור צו דער הײַנטצײַטיקער זאַוואָדישער טעמע, געפינט זי גענוג מיטלען אויך צו איבערגעבן אַזאַ בילד (אין האַלפּערנס דערציילונג „אין אַ יונגער שטאָט”):

„אויף אַ דיל פון געקעסטלטע פּליטקעס, אין אַ זויבערקײַט, וועלכער עס וואָלט געקענט מעקאַנע זײַן אַ מעדיצינישע לאַבאָראַטאָריע, זײַנען געשטאַנען ווערקשטעלן, עלעגאַנטע אין זייער מעטאַלענער ראַציאָנעלער פּאַשטעס, אַרום וועלכע עס האָבן זיך קימאַט ניט געזען קיין מענטשן. אין אַ דערבײַיִקן געראַמען זאַל זײַנען געשטאַנען פּולטן, ווי מעבל־שטיק אין אַ מאָדערנע אויסגעשטאַטער דירע, מיט באַשיידן פינטלענדיקע אויגן־לעמפּעלעך און אָן אַ שיר קנאָפּקעס. אין גרויסן זאַל זײַנען געווען בעסאַכאַקל צוויי מענטשן. זיי זײַנען געזעסן און מיט אַ רויִקער קאָנצענטרירטקײַט מאַניפּולירט מיט די קנאָפּקעס”...

פיגוראל גערעדט, איז דרוקערס יידיש פליוס האלפערנס יידיש און אפבילד פונעם היינטציַיטיקן סאָוועטישן יידיש (זעענדיק די שאפונג פון די צווי שרײַבער אפן פאָן פון דער גאַנצער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור).

„דער יידיש, אף וועלכן מע האָט זיך דורכגערעדט, — שרײַבט שמואל גאָרדאָן אין זײַן דערציילונג „איז געווען אמאָל א פאסטעכל...“, — איז געווען א געמישטער, א סמאָלענסקער און א ווינניצער. דער רייעך, וואָס דאָס פראָסטע ווינטל האָט פארשלעפט מיט זיך אהער פון די שטיבער, איז אויך געווען א געמישטער: א רייעך פון ראָשטשינע און געזײַערטע קאַוועס“...

די שפּראַך און דאָס שטייגער־לעבן פון א פאָלק זײַנען ענג פארבונדן צווישן זיך. וועגן דעם רעדט מיט דער זעלבער קערנדיקײַט, מיט וועלכער עס איז געבענטשט זײַן טיף פאַרוואָרצלט לעבן, דער אָפּשטאַמיקער פון טשערנאָביל, זאַלעסיע, ווערביוזקע, איינער פון די אמערסטן, דוכט זיך, טראַדיציאָנעלע און באַגלײַך דערמיט היינטצײַטיקע יידישע שרײַבער אירמע דרוקער:

„די ערד, אף וועלכער מע מאַכט די ערשטע טריט אין לעבן, לאָזט זיך פילן אין אלע ווײַטערדיקע טריט, אף אלע וועגן און שטעגן. זי פארשווינדט קיינמאָל ניט פון דײַנע פיס, פון דײַן הארצן. זי באגלייט דיך אין דײַן עלטער, קערט דיך אום צו דײַן יוגנט, צו דײַן קינדהײַט, לאָזט ניט פארפאלן גיין פון דײַן זיקאָרן דעם דאָר, וואָס איז פארשווונדן מיט אלע זײַנע מינהגים און אופירעכצן. דער נעכטן און היינט זײַנען צוזאמענגעפּאָרט“...

דער נעכטן און היינט זײַנען צוזאמענגעפּאָרט... דאָס איז געזאָגט אין נאָמען פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראטור, וועלכע האָט פיל מאָל זיך פארנומען מיט אָט דער פּראָבלעם סײַ אין טעאָרעטישע באטראכטונגען, סײַ אין קאָנקרעטע קינסטלערישע ווערק. ס'איז ניט צופעליק, וואָס אין די דערציילונגען פון „אונדזער“ נומער „סאָוועטיש היימלאנד“ איז אויך קאָנצענטרירט די אופמערקזאמקײַט אף די צווישנווירקונגען פון פארגאנגענהײַט, געגנווארט און צוקונפט אינעם לעבן און אין דער ליטעראַרישער שילדערונג. בא בער האלפערנען (אין דער דערציילונג „דאָס אכזאָריעסדיקע וואָרט“) טרעפן מיר זיך אָן מיט א בילדערישער פארקערפערונג פון אָט דעם צוזאמענהאנג:

„די גאס, וואָס פירט צום ראַנד פון דער שטאָט, האלט זיך באם ענדיקן. אייגנטלעך, ענדיקט זי זיך צוויי מאָל: דאָס ערשטע — מיט קליינע, אלץ שיטערווערנדיקע הײַזלעך, דאָס צווייטע מאָל — מיט גרויסע היינטצײַטיקע מויערן, וואָס זײַנען לעצטנס אויסגעוואקסן אף די פוסטעגישן און פון וועלכע עס וועט זיך מיסטאמע אָנהייבן א נײַער קווארטאל. די שטאָט וויל אויך האָבן א העמשעך“...

שמואל גאָרדאָן (אין דער דערציילונג „איז געווען אמאָל א פאסטעכל“...) ווײַזט אויך אָן אף דער דאָזיקער פּראָבלעם, ווי אף א פולקאָם פארשטענדלעכער פאר דער ליטעראטור: (דער זיקאָרן) „איז אויסן ניט נאָר אופוועקן אין מיר די בענקשאפט, אז כ'זאָל ניט פארגעסן דעם אוועקגעגאנגענעם נעכטן, נאָר איך זאָל דורך דעם, ווײַזט אויס, טיפער און ברייטער דערזען און באנעמען דעם היינט“...

גופע דער באגריף פארגאנגענהײַט איז פאר דער יידישער ליטעראטור אינעם פעריאָד פון „סאָוועטיש היימלאנד“ און אנדערע, איידער, לאָמיר זאָגן, אין פעריאָד פונעם זשורנאַל „פּראָליט“, אָדער „רויטע וועלט“. פארן ערשטן דאָר סאָוועטישע מענטשן, דאָס הייסט אויך פאר דער ליטעראטור פון די 20־ער—30־ער יאָרן, איז די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, דער בירגערקריג געווען די נאָענטע פארגאנגענהײַט. אין יענער צײַט האָבן איינע פערסאָנאַזשן פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור געלעבט אין די אופגעריכטע שטעטלעך, אנדערע זײַנען אריבערגעפאָרן אף ערד, אָדער אין די שטעט, אף נײַ־בויונגען, און סײַ די ערשטע, סײַ די צווייטע האָבן פארגלײַכט זייער נײַ לעבן מיט דער אויסקומעניש אין טכום. מיט דעם טאקע איז, אייגנטלעך, געווען פארנומען די סאָוועטישע יידישע ליטעראטור אין די צײַטן פון בערגעלסאָן און מאַרקיש, פעפער און כאַריק, אלבערטאָן און אָרלאַנד.

אין אונדזער צײַט איז די נאָענטע פארגאנגענהײַט פונעם יידישן פערסאָנאַזש — דער אָנטייל אין דער בויונג פונעם דניעפּראָהעס, דאָס אופשטעלן קאָלווירטן אין קרים און ביראָבידזשאַן. ש. גאָרדאָנס העלד באָריס פײַערשטיין „איז שוין א היפש ביסל יאָרן דער אָנפירער פון דער דריטער אָפּטיילונג (אינעם קאָלווירט „ראָסיא“), לויטן פארנעם פון דער ווירטשאפט — גרעסער פון אלע פריערדיקע פינף יידישע קאָלווירטן פונעם ראטנדאָרפער דאָרפסראט צוזאמען גענומען“... „אויסער דעם, וואָס באָריס פײַערשטיין האָט צו טאָן מיט נײַן בריגאדעס, דארף ער אויך דײַגענען וועגן דעם קאָנסערוון־ און ווײַן־זאוואָד“...

פאר באָריס פײַערשטיינען (דאָס הייסט — פארן איצטיקן דאָר יידן־פויערים) איז פאַרגאַנגענהײַט די צײַט פון יידישער איבערוואנדערונג. ער דערמאָנט זיך: „איך האָב טאקע באַווייזן נאָך פארזוכן דעם טאם פון א זעמליאנקע און פון א זומער־בײַדל, אָבער נאָכן אקער, ווי מײַן טאטע, בין איך ניט געגאנגען און אף קיין לאָבאָגרייקע אויך ניט געזעסן. איך בין סאכאקלאלט געווען, ווען מע האָט מיך אראָפּגעבראכט אהער, אפן סטעפּ, בא פיר יאָר. איך בין אָבער אויסגעוואקסן דאָ“...

באָריס פֿײַערשטיין איז דער ייִדישער פּויער אינעם פּעריאָד פֿון רײַפֿן סאָציאַליזם. די אופֿגאַבע פֿון דער ליטעראַטור באַשטייט אין אופֿמערקזאַם זיך צוקוקן צו אים, פֿאַרצייכענען זײַן געשטאַלט, זײַן שטייגער, די מידעס און געווינשאַפֿטן, באַזינגען זײַנע גרויסע פֿאָרשריטן, העלפֿן אים בײַקומען די מאַנגלען און שוועריקײַטן. עס טרעפֿט אָבער צומאָל, אַז אַ שרײַבער, וואָס פּרעטענדירט אויף מעווינעס אין פּראַט פֿון הײַנטצײַטיקער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער טעמאַטיק, באַמערקט ניט באָריס פֿײַערשטיינען און נעמט זיך אַרויסצוגעבן זײַן טאַטן פֿאַרן הײַנטיקן ייִדישן פּויער...

דעם זעלבן פֿאָרוווּרף קאָן מען אַדרעסירן שרײַבער, וועלכע פֿאַרגעסן, אַז די צײַטן פֿון אונדזערע טאַטעס און זיידעס, העלדן פֿון דניעפּראָבוי, מאַגניטבוי, בּיראָבּידזשאַנבוי, די צײַטן פֿון די העלדן פֿון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע — זײַנען שוין אויך פֿאַרגאַנגענהײַט, און די הײַנטצײַטיקע טעמע, זײַענדיק ענג פֿאַרבונדן מיט דער שילדערונג פֿון יענע טײַערע פֿאַר אונדז צײַטן, פֿאַרמאָגט דאָך אַ נײַע קוואַליטעט.

וועגן דעם האָט וווּנדערלעך אָנגעשריבן אירמע דרוקער:

„איך שטעל זיך פֿאָר, איך טראַכט און טראַכט איבער: וואָס וואָלט געווען, ווען מ׳וואָלט מאַטריִעך געווען מײַן זיידן יאַנקעוו־מוישע פֿון זײַן אייביקער רו און מיט אַ קאָמאַנדירונג פֿון יענער־וועלט אים אַראָפּגעבראַכט אַהער קיין זאַלעסיע? וואָס וואָלט געווען? וויבאַלד איך, זײַן אייניקל, וואָס האָט זויכע געווען צו זען, ווי אַ נײַע וועלט ווערט געבוירן, וואָס האָט געזען, ווי מע טרעט אויף דער לעוואָנע, וואָס איז צוגעווינט געוואָרן און נעמט אויף די קאָסמאָנאַווטן־רײַזעס, ווי אַ געוויינלעכע זאַך, בין אַזוי איבעראַשט פֿון זאַלעסיע, וואָלט ער, מײַן זיידע, בעשום־אויפֿן ניט געגלייבט, ער וואָלט געזאָגט, אַז ס׳איז אוממעגלעך, אַז אַזוינס האָט ניט געקאָנט געשען, ס׳איז ניט מער ווי אַ כאָלעם, ווי אַ פֿאַרפּירעניש, ווי אַ פּאַטעפּאַלנעסט פֿון די לייצים, וועלכע האָבן אים מיט קישעף פֿאַרבלענדט די אויגן״...

אַ סאַך ערגער וואָלט געווען פֿאַר דער ליטעראַטור, ווען זי פֿאַרבלענדט די אויגן פֿונעם הײַנטצײַטיקן לייענער, שילדערנדיק דאָס הײַנטיקע זאַלעסיע מיט די פֿאַרבן און אַטריבוטן פֿון דעם זיידנס צײַטן.

מיר פֿאַרמאָגן שוין איצט אַ גרויסע צאָל ווערק — ראָמאַנען, דערציילונגען און איבערהויפּט פֿאַרצייכענונגען, אין וועלכע די אוטאָרן פֿילן אויס אַ „ספּעציִעלע באַשטעלונג״ פֿונעם לייענער, ענטפֿערנדיק אויף איינע און די זעלבע, פּאַקטיש, פֿראַגן: וויִאַזוי זעט אויס אין די הײַנטיקע צײַטן דאָס לעבן פֿון ייִדן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד? אין וועלכן צושטאַנד איז די ייִדישע באַפֿעלקערונג אַרויס פֿונעם קריג? ווו האָבן די לעבעדיקע זיך באַזעצט? וואָס טוען זיי? וויִאַזוי האָט אַרויסגעהאָלפֿן די אַטמאָספֿער פֿון פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט און פֿון סאָציאַליסטישער קעגנזײַטיקער הילף, וועלכע הערשט אינעם לאַנד? וואָס פֿאַר אַן עקאָנאָמישער און קולטורעלער מאַצעוו האָט זיך הײַנט אײַנגעשטעלט אין דער ייִדישער סוויווע? וואָס באַטײַט איצט — ייִדישער שטייגער? צי איז ער ביכלאַל פֿאַראַן? וועלכע נאַציִאָנאַלע שטייגערישע, עטנישע אַטריבוטן לאָזט דאָס פֿאָלק איבער און וועלכע טראָגט אַוועק די אַסימיליאַציע? ווי גרויס זײַנען די פֿאַרלוסטן אין אַלגעמיין נאַציִאָנאַלן פּלאַן, וואָס די מילכאָמע האָט געבראַכט די ייִדן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, פֿאַרניכטנדיק, צוזאַמען מיט די מענטשן, אַלע ייִדישע שטעטלעך, די קולטור־אָנזאַמלונגען, די צענטרען און אַנשטאַלטן פֿון ייִדישער קולטור, די געאָגראַפֿישע שפּראַך־אייַנהײַטלעכע סוויוועס, די נײַע טעריטאָריִעלע און עקאָנאָמישע פֿאָרמירונגען פֿאַר ייִדן, וועלכע ס׳האָט אַזוי ברייטהאַרציק אײַנגעפֿירט די סאָוועטנמאַכט אין די 20־ער—30־ער יאָרן (ייִדישע נאַציִאָנאַלע ראַיאָנען אויף אוקראַיִנע און אין קרים, ייִדישע קאָלווירטן, ייִדישע דאָרפֿסראַטן אַדגל.)?

אין די ווערק פֿון אָט דעם נוסעך איז די רעטראָספּעקציע ניט ווייניקער וויכטיק, ווי די אייגנטלעכע סיפּער־האַמײַסע. די פּערסאָנאַזשן האַלטן זיך אין איין דערמאָנען. די אוטאָרן האַלטן אין איין אָפּטרעטן פֿון דעם עצעם גאַנג פֿון די איצטיקע געשעענישן און פֿירן אַרײַן גאַנצע פּלאַסטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט. ס׳איז עפּעס פּונקט ווי מע וואָלט זיך לאַנג ניט געזען מיטן לייענער און, באַגעגענענדיק זיך מיט אים, דאַרף מען מערער ווי געוויינלעך דערציילן וועגן דעם „דורכגעלאָזטן״. אַזוי — פֿון ווערק צו ווערק. ס׳איז דערגאַנגען צו אַ היפּשן גראַד איבערגעזעטיקטקײַט מיט רעטראָספּעקציע. איינע פֿון די הײַנטיקע פּראָבלעמען פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער פּראָזע איז שײַעך דער מאַניר פֿון דערציילן: ווייניקער פֿירן דעם לייענער דורך קאָנטראַסטן צווישן די נאָענטליגנדיקע צײַטן, האַגאַם ניט אויסמײַדנדיק זיי, פֿאַרשטייט זיך; ווייניקער זײַן אַרײַנגעטאָן אין דער דערמאָנונג; מערער, געניִער, פּראָטימדיקער באַווײַזן און אויספֿאָרשן דאָס לויפֿנדיקע לעבן. די העכער דרײַ יאָרצענדליקער נאָכן קריג האָבן שוין געשאַפֿן אין דער ייִדישער סוויווע נײַע און פֿולקאָם סטאַבילע שטייגער־פּלאַסטן. דאָס לעבן האָט זיך „אָפּגעזעצט״ — באַשרײַב עס, קינסטלער! אַנאַליזיר עס און באַזיניק!

וואָס איז שײַעך דעם פּעריאָד, ווען די ליטעראַטור אונדזערע האָט אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן, אַרויסגערופֿן אָפּטער דעם נעכטיקן טאָג, קעדיי צוקומען מיט אַלע כושים צום הײַנטיקן; וואָס איז שײַעך דער גרויסער צאָל ווערק, וועלכע די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע האָט

אין אַט דעם נוסעך געשאַפן, דאַרפן מיר זײַן צופרידן: ס'איז פאַרפּולט געוואָרן אַ בלויז אין דער קינסטלערישער שילדערונג פון אַ געוויסן צײַט־אָפּשניט, און דער לייענער האָלט אַט די ווערק אונטער דער האַנט, ווײַל זיי העלפן אים פאַרשטיין און שעצן די הײַנטצײַטיקייט.

דער פּערסאָנאַזש פון דער איצטיקער קאַלווירטישער פּראָזע אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז אַ פּויער בען פּויער (באַ ש. גאָרדאָנען לייענען מיר: „דאָס וועט שוין זײַן דער פערטער דאָר פון די סופערפינס, וועלכער וועט אויך האָבן צו טאָן מיטן סטעפּ, זײַן אַ כלעבאָראָב"...), און ער איז אין טאָך אַן אַנדערער, איידער די אין די 20־ער—30־ער יאָרן פיל מאָל באַשריבענע ייִדן־איבערוואַנדערער („מיר שיידן זיך אונטער פון אונדזערע טאַטעס, ווי עס שיידט זיך אונטער די צײַט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און אין וועלכער מיר לעבן"...).

ס'האָט זיך אינגאַנצן געענדערט דער פּראָבלעמען־קרײַז באַ דעם ייִדישן פּויער. אַמאָל איז די פּראָבלעם געווען — וויאַזוי גיכער ווערן אויס שטעטל־ווױנער און זיך אָנטעמען מיט סטעפּ־לופט, וויאַזוי בײַקומען אין זיך די געוווינהײַטן פון דער נעפּ־צײַט און צווייגענען דעם שטייגער, די זיטן, די פאַרשטעלונגען פון אַן ערדאַרבעטער. אין יענער צײַט האָט דער ייִדישער פּויער אָפּט איבערגעלעבט שטעטל־נאָסטאַלגיע.

און איצט? איצט זעט שמועל גאָרדאָן זײַן אַמאָליקן פּערסאָנאַזש אין לאַכלוטן געענדערטע באַדינגונגען. „ס'איז געקומען צו רייד וועגן די נײַ־אָנגעבויטע פּיר־ און פינפשטאָקיקע הײַזער אַפן צענטראַלן באַצירק, אינעם דאָרף „וואָסכאָד" און אין קאַלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט"... דער הײַנטיקער קאַלווירטניק האָט ניט צו טאָן מיט קיין אַרבעטסטעג, באַקומט פאַר זײַן אַר־בעט געלט, און פאַר געלט קאָן ער קויפן אין קלייט אַלץ, וואָס ער באַדאַרף. אין די נײַע הײַ־זער דאַרף מען ווינטער ניט קלערן וועגן קוילן, הייצן די הרובעס, ס'איז שטענדיק דאָ הייסע וואַ־סער, אַ וואַנע, אַלץ ווי אין שטאָט"...

לעבט אָבער איבער דער פּויער בען פּויער אַ דאָרף־נאָסטאַלגיע („ס'איז אַ ביזאַיען, ערנ־וואַרט, פאַר זיך אַליין, אַז אַ פּויער זאָל דאַרפן גיין אין קראָם קויפן פאַר זיך אַ ליטער מילך, אַ שטיקל קעז, פּוטער, פאַרן אין דזשאַנקוי אַפן מאַרק קויפן פלייש"...).

מיר ווייסן, אַז מיטן באַהאַנדלען אַזעלכע פּראָבלעמען שליסט זיך די ייִדישע ליטעראַטור אָן אין דער פּאָלעמיק, וועלכע ווערט געפירט אַרום די אַנטוויקלונגס־וועגן פונעם הײַנטצײַ־טיקן קאַלווירטישן דאָרף ביכלאַל, און דאָס איז נאָך איין אַנטפּלעקונג פון דער פאַרבינדונג פון אונדזער ליטעראַטור מיטן לעבן און פון איר פייִקייט צו אָפּזוכן איר אייגענע טעמאַטיק און איר אייגענעם פּראָבלעמען־קרײַז אין די נײַע באַדינגונגען. פאַראַן אויך אַלט־נײַע פראַגן, אַף וועלכע דער לייענער הערט ניט אויף צו פאָדערן אַן ענטפער. אָט איז איינע פון זיי.

די געשיכטע פון די סאָוועטישע ייִדן אין די מילכאָמע־ און נאָכמילכאָמע־יאָרן האָט גע־בראַכט מיט זיך צוויי ביז גאָר ווייטעקלעכע פענאָמענען: צוזאַמען מיט די זעקס מיליאָן קאָר־באָנעס פונעם פאַשיזם איז אָפּגעמעקט געוואָרן, אפילע טעריטאָריִעל, דאָס ייִדישע שטעטל און עס זײַנען פאַרשוווּנדן, נאָכן קריג ניט אופגעשטעלט געוואָרן, די נאַציאָנאַלע ייִדישע ראַיאָנען אַף דאָרעם־אוקראַינע און אין קרים.

מיט יאָרן צוריק האָט שמועל גאָרדאָן, בײַס זײַן רײַזע איבער די געוועזענע שטעטלעך, געשמועסט וועגן דעם אומגליק מיט אַ פּערסאָנאַזש, דעם מילנער פון פּאָגרעבישטשע, שײַע: „אויס, הייסט עס, מיטן שטעטל, געווען און ניטאָ?.. יענער האָט אים געענטפערט: „פאַרוואָס עפּעס אויס? פון די קלענערע שטעטלעך וועלן ווערן דערפער און פון די מער גרעסערע — שטעט. מיט וואָס איז עס שלעכט? ווער דאַרף עס איצטיקע צײַטן די אַמאָליקע ענגע שטעט־לעך? צו וואָס? צו וועמען? ביפראַט, אַז פאַר דער מילכאָמע זײַנען זיי שוין ניט געווען קיין (דורך־כויס) ייִדישע שטעטלעך..."

פאַרשטייט זיך, אַז די זאַך איז ניט אַזוי פּאָשעט, ווי שײַע דער פּאָגרעבישטשער גיט צו פאַרשטיין. ווען די מילכאָמע זאָל ניט פאָרקומען, וואָלט דאָס שטעטל אַלצייִנס פאַרשוווּנדן, אָבער ניט מיט גוואַלד. דאָס שטעטל וואָלט ניט אַוועק מיטן פײַער, און די מענטשן וואָלטן ניט דערמאָרדעט געוואָרן, נאָר אין רעזולטאַט פון אַ געזעצמעסיקן לעבנס־פּראָצעס, פון אַ פּאָזיטי־ווער אַנטוויקלונג אין דער סאָציִאַלער, עקאָנאָמישער, קולטורעלער אויסקומעניש פונעם פאָלק וואָלט די שטעטלדיקע פּאָזע מיט דער צײַט אָפּגעפאַלן און אַ נײַע, אַ מער פאַרגעשריטענע וואָלט אופגעקומען באַם פאָלק, טיילווײַז טאַקע אַף דער טעריטאָריע און אַפן עטנישן באָדן פונעם שטעטל.

אָבער שײַע פון פּאָגרעבישטשע, אַלס ליטעראַרישער פּערסאָנאַזש, האָט באַפרידיקט דעם לייענער מיט זײַן נעשאָמע־פּראָסטן ענטפער, און מע דאַרף ביכלאַל זאָגן, אַז שמועל גאָרדאָנס ערשטע רײַזע־פאַרצייכענונגען, ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אַף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד", זײַנען געווען אַ באַדײַטנדיקער אופטו ניט בלויז אין ליטעראַרישן, נאָר אויך אין גע־זעלשאַפטלעכן פּלאַן, ווײַל ביז דאַן האָט אין דער ייִדישער נאָכמילכאָמע־ליטעראַטור געפעלט, אַזוי צו זאָגן, דער לעצטער אַקט פון דער שטעטל־דראַמע.

איצט האָט דער זעלבער שרײַבער, שמועל גאָרדאָן, געשטויסן פון דער „טיפער בענק־שאַפט, מיט וועלכער ס'האָט אים, זעט אויס, באַזאָרגט אַפן גאַנצן לעבן דער קרימער סטעפּ"

(ווי ער אַליין דריקט זיך אויס), ווידער זיך אוועקגעלאָזט אין וועג, דאָס מאָל צו די ערטער, ווו ביזן קריג האָבן זיך געהאַט שוין אײַנגעוואָרצלט אין דער קרימער ערד די ייִדישע נאציִאָנאלע קאָלווירטן. די לייענער, דאַרף מען זאָגן, האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד, ווי־אַזוי דער אומרויִק זוכנדיקער, אַרומוואַנדערנדיקער שרײַבער וועט אויפקלערן די שווערע פאָלגן פונעם צווייטן, אָנגעשיקטן פון דער מילכאָמע, ווייטעקלעכן פענאָמען אין דער געשיכטע פון די סאָוועטישע ייִדן: „אויס, הייסט עס, מיט די ייִדישע ייִשווים, מיט די ייִדישע קאָלווירטן? געווען און ניטאָ? באַווײַזן, הייסט עס, דער וועלט, אַז ייִדן קאָנען אויך זײַן גוטע ערדאַרבעטער, און שוין? אויס ייִדישע פויערים?..״ דערצו נאָך פאַלט אָפּ, אין באַצוג צום פאַרשווינדן פון די קאָלווירטן, דער „ביפראַט, אַז פאַר דער מילכאָמע זײַנען זיי שוין ניט געווען קיין (דורכויס) ייִדישע...״. די נאציִאָנאלע ייִדישע קאָלווירטן האָבן מאַצליִעך געווען, לויטן ווילן פון דער סאָוועטנמאַכט און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ביז דער סאַמע שאָ, ווען אויף זייער ערד איז אַרופגעטראָטן דער פאַשיסטישער שטיוול. איצט האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַהין דער ייִדישער שרײַבער שמואל גאָרדאָן, וועלכער האָט אַליין גענוג וואָרצלען אין אָט די ייִדישע קאָלווירטן, זיך אַוועקגעלאָזט „לויט אַ שעפערישער קאָמאַנדירונג פונעם לייענער״, ווײַל די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור איז אַ לעבעדיקע ליטעראַטור, און זי דאַרף געבן אַן ענטפער אויך אויף אַזאַ קאָמפּליצירטער פראַגע: „אויס, הייסט עס, ייִדישע פויערים?..״.

דער פויער בען פויער אַנאַטאָלי סופערפין, דער הידראָטעכניקער פונעם קאָלווירט „ראָסיִא״, בענציעס סופערפינס (דעם אַלטן איבערוואַנדערערס) זון גיט אַ קלאָרן ענטפער אויף אָט דער פראַגע:

„ — אויב עמעצער קלערט, אַז ווײַבאַלד ס׳זײַנען ניטאָ קיין ייִדישע קאָלווירטן, זײַנען, הייסט עס, אויך ניטאָ שוין קיין ייִדישע פויערים, איז האָט ער אַ טאָעס, און אַ גרויסן טאָעס. איר וועט זיי באַגעגענען ניט נאָר אין פיל געוועזענע ייִדישע דערפער, נאָר אויך אין די קאָלווירטן, וועלכע זײַנען ניט געווען קיין ייִדישע. און אין די סאָווירטן און קאָלווירטן פון כערסאָנער און זאַפּאָראָזשיער געגנטן, קלערט איר, איז אַנדערש? און אויף דער צעלינאַ איז דען ניט דאָס זעלבע?״.

און פאַרגעסט אויך ניט, וועלן מיר, פון אונדזער זײַט, צוגעבן, פאַרגעסט ניט אַרײַנרעכענען אינעם „ייִדישן פויערטום״ די ענג פאַרבונדענע מיט דער טײַגע־ערד קאָלווירטניקעס און סאָווירטניקעס פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט — די כלעבאָראָבן פון וואַלדהיים, אַמורזעט, בירעפעלד.

און אויב אַזוי, איז אויך קלאָר דער ענטפער אויף דער פראַגע — צי איז אין די הײַנטיקע צײַטן פאַראַן לעבנס־שטאָף פאַר דער פויערישער טעמע אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. עס דאַרף געגעבן ווערן אַ קאַטעגאָריש פּאָזיטיווער ענטפער אויף אָט דער פראַגע. ס׳איז קיין סאָד ניט, אַז אין ייִדישן אויסלאַנד איז די איינציקע „ערד״־טעמע פון ליטעראַרישע ווערק — די בעסוילעם־טעמע. בײַ אונדז זײַנען אין די ערשטע יאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ געווען שטימונגען צו אינטערפּרעטירן דעם קאָלווירטישן מאַטעריאַל אַלס היסטאָרישן פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, אויף וויפל קיין נאציִאָנאלע ייִדישע קאָלווירטן זײַנען איצט ניט פאַראַן. ס׳איז איבעריק צו אָנווײַזן, אַז אין די סאָוועטישע נאציִאָנאלע ליטעראַטורן איז ניטאָ אַזאַ קלאַל, אַז שרײַבן קאָן מען בלויז וועגן דעם, וואָס געפינט זיך אין די נאציִאָנאלע דאַלעדאַמעס. ביפראַט נאָך, אַז אין געגעבענעם פאַל באַווײַזט די דערפאַרונג פון אַ ריי באַדײַטנדיקע ייִדישע פראָזע־מײַסטערס (נאָטע לוריע, שמואל גאָרדאָן, כאַיִם מעלאַמוד), ווי אַקטועל און הײַנט־טאָגיק עס איז די פויערישע טעמע פאַר דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

אַן אַנדער סוויווע, די שטאָטיש־אינדוסטריִעלע, ווערט געשילדערט אין בער האַלפּערנס „אין אַ יונגער שטאָט״. מיר האָבן פאַר זיך אַ באַשײַמפערלעכע אַנטפּלעקונג (קאָן זײַן, נאָך אַ מער נאַטירלעכע, איידער אין דאָרפישע ווערק) פון דער פאַרבינדונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור מיט דעם הײַנטצײַטיקן לעבן און פון איר פייִקײַט צו אָפּזוכן איר אייגענע טעמאַטיק און איר אייגענעם פּראָבלעמען־קרײַז אין די נײַע באַדינגונגען, אַרויסווײַזנדיק אינטערעס צו לעבנס־דערשײַנונגען ווײַט אויסער די נאציִאָנאלע דאַלעדאַמעס.

בער האַלפּערן, ביכלאַל גערעדט — אַ ליבהאָבער פון ייִדיש־פאָלקישע שטייגער־שילדערונגען, האָט איצט געגעבן אונדז אַ דערציילונג מיט אַן עקסטראַ פריש־טאָגיקן סוזשעט, לויט וועלכן, פון איין זײַט, ס׳איז צו זען, אַז דער ייִדישער פּערסאָנאַזש לעבט ניט אין דער פאַרגעסעניש פון נאציִאָנאלן ניהיליזם, ער ציט אַרויס זײַנע כאַראַקטער־שטריכן פון דעם טאַטנס, פון דער מאַמעס, פון די קרויווימס ייִכעס־קוואַלן, דאָס שטערט אים ניט, פון דער צווייטער זײַט, צו רעאַליזירן זײַנע פייִקײַטן און לײַדנשאַפטן אַפן ברייטסטן לעבנס־פּלאַצדאַרם, ווו דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער פּראָגרעס, די נײַסטע פּראָדוציר־פּאַרהעלטענישן אַנערקענען ניט קיין שום נאציִאָנאלע ווענטלעך.

דער ייִדישער שרײַבער, אַלצייַנס ווי דער רוסישער, שטעלט אַן אַלגעמיינע פּראָבלעם. אין אַ יונגער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער שטאָט אַרבעט אַלס הויפּט־טעכנאָלאָג פון אַ צעך דער יונגער אינזשעניער מיכאיִל לוואָוויטש. עס קומט צו אים צוגאַסט זײַן פעטער זעליק,

װעלכער קאָן ניט אויסמײַדן, פֿאַרשטייט זיך, אַרײַנצוקוקן אין דער טאָגטעגלעכקײַט פֿונעם זאַװאָד, און די װײַטערדיקע באַהאַנדלונגען און מײנונגס־אױסטױשן גיבן דעם אױטאָר פֿון דער דערצײלונג אַ מעגלעכקײַט צונױפֿירן צװישן זיך אַ מענטשן, װאָס האָט זיך פֿאַרמירט אין די ערשטע פֿינפֿיאָרן, מיט אַן אױסגעשפּראָכענעם „טעכנאַר" פֿון דער איצטיקער צײַט.

מישע, דער יונגער אינזשעניער, איז אַ װײסער און אַ קענער, אָבער, װי עס זאָגט װעגן אים זײַן פֿרױ טאַניע, „אים פֿעלט נעשאָמע", און דאָס מאַכט אים עגאָיסטיש, שװאַכט אָפּ זײַן געזעלשאַפֿטלעכן געפֿיל. װען אַ פֿאַשעטער אַרבעטער, אַ שלאָסער, דערטראַכט זיך צו אַ דער־פֿינדונג, נאָר קאָן זי ניט באַװײַזן אין אַן אינזשעניערישער צײכענונג, איז דער הױפּט־טעכ־נאָלאָג גרײט די דערפֿינדונג אָפּװאַרפֿן. אױך אײנעם פֿאַל מיטן מאַנטירן די אײַנגעקױפֿטע אין אױסלאַנד טעכנאָלאָגישע ליניע איז ער ניט געדערעכט. בײס באַ די מאַנטאַזשניקעס באַקומט זיך ניט די אַרבעט, שטײט ער אין אַ זײַט: זײַן זאַך איז עקספּלואַטירן די נײַע ליניע, אָבער ניט מאַנטירן. „אים פֿעלט נעשאָמע". אַגעװ, טאַקע װעגן אײניען זאָגט ער אַרױס זײַנע אַ גרונט־שטעלונג: „נעשאָמע — דאָס איז אַ פֿאַרעלטערטע סכױרע. איך האָב דעם גרעסטן רעספּעקט פֿאַר די מענטשן פֿון די ערשטע פֿיאַטילעטקעס. זײ האָבן געאַרבעט מיט ברען, מיט היסלײַװעס, מיט מעסירעסנעפֿעש און אופֿגעטאָן װוּנדער. אין אַן אומגלײבלעך קורצער צײַט פֿאַרװאַנדלט דאָס פֿױערישע לאַנד אין אַ לאַנד פֿון הױכער אינדוסטריע. דאָס איז געװען זײער ראָמאַנטיק. הײַנט איז אָבער אַן אַנדער צײַט, די צײַט פֿון װיסנשאַפֿטלעכער אָרגאַניזאַציע פֿון דער אַרבעט. די הײַנטצײַטיקע טעכניק איז אַזױ קאָמפּליצירט, אַז אױב דו װעסט צוגײן צו איר מיט אַ הײס האַרץ, קאָנסטו אָנטאָן בלױז צאָרעס. דאָ פֿאָדערט זיך אַ קאַלטער מױעך און אײנע טעכנישע באַרעכענונגען"...

מיט אַזאַ פֿילאָסאָפֿיע איז ניט מאַסקים זעליק מענאַקער, דער „געקומענער" פֿון די ערשטע פֿינפֿיאָרן, אײנער פֿון דער פּלעיאַדע װעטעראַנען. ניט מאַסקים איז מיט איר אױך טאַניע, מי־שעס פֿרױ, אַ כימיקערן, די אָנפֿירערן פֿון אַ לאַבאָראַטאָריע אָפּן זאַװאָד. ניט מאַסקים זײַנען די אַרבעטער. אָבער אױך מיכאַיל לװאָװיטש, דער הײַנטצײַטיקער אינזשעניער, איז ניט קײן נעגאַטיװער טיפּ. גיכער איז ער אַ „פּראָדוקט פֿון דער צײַט".

קורץ, מיר האָבן פֿאַר זיך די באַקאַנטע סיטואַציע, װעלכע איז, מיט דער גרינגער האַנט פֿונעם רוסישן דיכטער באָריס סלוצקי, אַרײַנגעפֿירט געװאָרן אײנעם ברײטן אומגאַנג פֿון דער סאָװעטישער געזעלשאַפֿטלעכקײַט אונטערן נײַ־געבױרענעם אידיאָם „ליריקער און פֿיזיקער". נאָך מער: באַ זעליקן און מישען דערגײט עס ביז „אױסקלאָרן די צװישנבאַציִונגען" צװישן בײדע פּעריאָדן פֿון דער סאָװעטישער עפּאָכע, װאָס דער פֿעטער און דער פּלעמעניק זײַנען זײערע פֿאָרשטײער:

„— איר פֿאַרשטײט, פֿעטער, איר זײַנט געװען סאָלדאַטן. איר האָט געקעמפֿט קעגן קלאַסן־סױנע. מיר האָבן ניט קײן קלאַסן־סױנע. זײַנען מיר טעכניקער, און בלױז טעכניקער.

— אָבער מיר האָבן ניט געקעמפֿט פֿאַר אַ געזעלשאַפֿט פֿון ראָבאָטן, — האָט זעליק בײז זיך אָפּגערופֿן"...

אַזױ װײַט אין די טיפֿעניש פֿון דער הײַנטיקער פּראָבלעמאַטיק איז אַרײַנגעדרונגען די סאָװעטישע ייִדישע פּראָזע! צי איז דאָס גוט, אָדער שלעכט פֿאַר איר? צי איז ניט פֿאַראַן אַ געפֿאַר, זי זאָל אין יענע טיפֿענישן, דורכגײענדיק דורכן פּלאַסט פֿון „ניט־ייִדישן" מאַטעריאַל, פֿאַרלירן איר נאַציאָנאַלן טאָן? עפּשער זײַנען גערעכט די שימל־נאַציאָנאַליסטן, װעלכע װאָ־רענען, אַז אַזױאַרום װעט זי װערן אױס ייִדישע ליטעראַטור, נאָר אַ ליטעראַטור מיט ייִדישע אױסיעס?..

נאַרישקײַטן! געפּערלעכע פּאַרן גורל פֿון דער ליטעראַטור רײד! די טראַגעדיע פֿון די ייִדישע שרײַבער אין די אױסלאַנדס שטאַמט טאַקע פֿון זײער אָפּגעריסנקײַט פֿונעם הײַנטיקן לעבן, פֿון דעם ניט קענען אַרײַנדרינגען אַהין, אין די טיפֿענישן. אין יענע ייִדישע ליטעראַטור־סװיװעס, האָט זיך אײַנגעבירגערט אַ פֿאָרשטעלונג, אַז קעדײַ שאַפֿן אַ ייִדיש װערק, דאַרף דער שרײַבער שילדערן די נעכטיקע צײַט. ייִדישע ליטעראַטור אינגאַנצן געגומען איז אַרי־בערגעפֿירט געװאָרן אין היסטאָרישן זשאַנער. ניטאָ קײן הײַנטצײַטיקע טעמע. הײַנטצײַטיקײַט איז „גאָיִש". ייִדיש איז דער נעכטן.

די סאָװעטישע ייִדישע ליטעראַטור אין די קימאַט צװײ צענדליק יאָר פֿונעם „סאָװעטיש הײמלאַנד"־פּעריאָד האָט באַװיזן, אַז אַזאַ צוגאַנג איז אַן אַבסורד, און אַז ער באַטײַט ליקװידאַ־ציע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

נאַציאָנאַלער קאָלאָריט? אין אונדזערע װערק איז פֿאַראַן אַ שעפֿע פֿון ייִדישן נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, און אין אײַערע, ראַבױסײַ, זעט מען בלױז קאָנסערװאַציע פֿון אַרכאַישקײַטן. מיר גיבן צו דעם אַלטן װײַן אַ נײַעם טאַם, און איר גיסט אים אַזױ לאַנג איבער פֿון אײן קײלע אין דער אַנדערער, ביזװאַנען ער װערט שױן אינגאַנצן פֿאַרזױערט.

לאָמיר זען, װי בער האַלפּערן אײסעקט זיך מיט אַן אױיצער־אַסאָציאַציע פֿון דער פֿאַר־גאַנגענהײַט. דער העלד פֿון דער דערצײלונג „אין אַ יונגער שטאָט" זעליק מענאַקער קוקט אַרױס פֿונעם צימער, אין װעלכן ער װױנט, און אַנטקעגן אים שפּרײט זיך דער זאַװאָד („אַ

מעשונעדיקע האַרבאַטע באַשעפעניש, וואָס עטעמט אַמאָל קינדיש לײַכט, אַמאָל מיט אַ סקרי־פּענדיק־הייזעריקן אָטעם פֿון אַ שווערן האַרעפּאַשניק"...).

„פּלוצעם האָט די סטעליע זיך באַלויכטן מיט אַ ציטעריקער בלאַסקײַט. זי האָט ווי פֿון זיך אַליין אַרויסגעלאָזט אַ פּולסירנדיקע שײַן — דאָ אַ העל־בלויע, דאָ אַ ראָזעווע... דאָס האָט געאָטעמט די האַרבאַטע באַשעפעניש, וואָס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלייגט ניט ווײַט פֿונדאַנען מיט אירע קוימענס, טרויבן, שיפּועדיקע דעכער און ריזיקע פֿענצטער, וואָס אָט שווײַגן זיי אין שטומער פֿינצטערניש, אָט לעבן זיי אויף מיט אַ העלן אָראַנזשעווע־רויטן פֿלאַקער. „זריכע" — האָט זעליק פּלוצעם דערמאָנט זיך דאָס אַלטע וואָרט. אָט די זריכע, דעם זון־שפּראָץ באַם אָנ־ברוך פֿון טאָג, פֿאַרמאָגן דאָ די מענטשן אַ סך מאָל אין מעסלעס. עפּשער דערפֿאַר לעבן זיי מיט אַזאַ טעמפּ... פּונקט ווי עפּעס אַ נײַע זון, אַ יונגע און אַ פֿרישע, וואָס ווייסט ניט פֿון כּור־מעשדיקע בערײַשעסן, איז דאָ אָקאָרשט געבאָרן געוואָרן און אופֿגעשײַנט איבער דער וועלט"...

דער „טאַם" פֿון זריכע און כּומעשדיקע בערײַשעסן איז אין דער סאָוועטישער ייִדישער פּראָזע אַ באַנײַטער, און אין דעם איז באַהאַלטן דער גאַנצער סאָד פֿון העמשעכדיקע אַסאָציִאַ־ציעס, וואָס עס פֿאַרשטייען ניט די הערן אַרכאַיִסטן, די קלוימערשטע היטער און פּאַקטישע צעטרענצלער פֿונעם נאַציִאָנאַלן אוצער.

פּונקט ווי בײַסן צוזאַמענשטעלן דעם אָרדנטלעכן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען די מאַנוסקריפּטן פֿון ט. גען, ש. גאָרדאָן, אי. דרוקער, ב. האַלפּערן, י. בורג, י. שרײַבמאַן, ה. פּאָ־ליאַנקער, מ. ראַזומני צופֿעליק אײַנגעשלאָסן אין איין זאַמל־העפֿט, אַזוי זײַנען אויך אָן אַ באַ־זונדערער סיבע אויסגעקליבן פֿאַר מײַנע באַהאַנדלונגען די שאַפֿונגען, וואָס האָבן בײַגעטראָגן אין אָט דעם נומער די דרײַ פֿון זיי — אי. דרוקער, ש. גאָרדאָן און ב. האַלפּערן.

עס בלײַבט מיר איבער צו פֿאַרזיכערן דעם לייענער, אַז די ווערק פֿון די אַנדערע פֿינף בעלעטריסטן גיבן אויך פֿיל ווערטפֿולן מאַטעריאַל אַף צו פֿאָרשן די פּראָבלעמען פֿון דער הײַנט־צײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע, דער אָפּהאַלט איז נאָר אין דעם, וואָס באַם שרײַבן די נאָטיצן האָב איך מוירע אײַנצומידן טאַקע אים, דעם לייענער...

אַרן ווערגעליס

כאַשעווער לייענער!

גיט איבער אײַערע באַקאַנטע, וואָס ווילן דערלערנען זעלבשטענדיק די ייִדישע שפּראַך, אַז צום אויגוסט־נומער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרן 1980 יאָר וועט אין דער בײַלאַגע צום זשורנאַל אַרויסגיין אַ באַזונדער ביכל מיט די ערשטע לעקציעס פֿאַר די, וואָס לערנען ייִדיש.

די ווײַטערדיקע לעקציעס וועלן אין באַזונדערע ביכלעך דערשײַנען אין קומענדיקן יאָר.

ווער עס וויל האָבן דעם גאַנצן קאָמפּלעקט לעקציעס, דאַרף באַצײַטנס אויסשרײַבן דעם זשורנאַל אַף דער צווייטער העלפֿט 1980.

די ביכלעך וועלן דערשײַנען בלויז אַלס בײַלאַגע צו „סאָוועטיש היימלאַנד" און וועלן באַזונדער ניט פֿאַרקויפֿט ווערן.

גיט עס איבער אַלע אײַערע פֿרײַנט, שכיינים און באַקאַנטע, וואָס ווילן דערלערנען ייִדיש.

this that the others interpret his subsequent statement: "The soul is an obsolete commodity. I feel the greatest respect for the people of the first five-year plans. They worked with passion and inspiration, and they worked miracles. They transformed a peasant country into a powerful industrial one in an incredibly short space of time. This was their romanticism. Now the times have changed: it's the era of the scientific organisation of labour. Contemporary technology is so complex that if you go to it with a warm heart, you'll cause a series of disasters. What's needed now is cold reason and technical calculation"...

Zelik Menaker does not agree with this philosophy; he is a veteran of labour who has "come from the first five-year plans". Tanya, Misha's wife and manager of the factory's chemistry laboratory, doesn't agree either. The workers don't agree. However, Mikhail Lvovich, contemporary engineer, does not become negative in character as a result of his uncompromising standpoint.

We have here a familiar situation as a result of which the Russian poet Boris Slutsky put into circulation the expression "physicists and lyricists". Moreover, what would seem to be a purely local clash between a veteran of labour and a young engineer develops into a "clarification of relations" between two periods in the Soviet era whose representatives are the parties engaged in the dispute:

"You see, Uncle, the people of your generation were soldiers. You fought the class enemy. We have none. That's why we are techinicians, and only technicians."

"But we didn't fight for a society of robots," snapped Zelik...

It can be seen how deeply Soviet Jewish prose has penetrated into contemporary problems! Is this good for it? Does not the danger arise that, as it goes through strata of "non-Jewish" material, it will lose its national character? Could the dyed-in-the-wool nationalists be right when they warn that in this way it will cease to be Jewish literature and will become just literature printed in Jewish letters.

Dangerous rubbish as far as the future of literature is concerned! The tragedy of the Jewish writers abroad is, indeed, their very isolation from life, their inability to penetrate into contemporary problems. A false impression has taken root in certain circles that a literary work can only be considered *Jewish* if it portrays the *past*. As a result of this approach, Jewish literature in the capitalist countries has been transferred entirely to the territory of the historical genre. Contemporary themes have completely disappeared.

Soviet Jewish literature has shown that such an approach is absurd, and it leads, in effect, to the liquidation of Jewish literature.

National colour? Our works, gentlemen, are full of true national Jewish colour, while yours merely preserve antiquity. The old wine acquires a fresh bouquet here, but you are endlessly decanting from one vessel into another until the wine goes sour.

As was said at the beginning of this article, the manuscripts of eight contemporary masters of Jewish prose have been included in the issue of "Sovietish Heimland" under discussion without any particular motives, that is to say, at random. The same can be said about the works of I. Druker, S. Gordon and B. Galpern as the subject of a critical review.

It remains only to be mentioned that the stories by T. Gen, I. Shraibman, I. Burg, G. Polyanker and M. Razumny also afford rich posibilities for exploring the problems of contemporary Soviet Jewish prose, but these have not been followed up in order to avoid making excessive demands on the reader.

Translated by Alex Miller

Supplement to this issue: "By the Window" by Moisei Altman.

The destruction of the Jewish national collective farms by the German occupying forces subsequently faced literature with the agonising question which, in Gordon's story, is formulated as follows: "Is it all over, then, with the Jewish settlements and the Jewish collective farms? Have they been and gone? Did they show the world that the Jews can grow grain, and then that was the end of it? Will there be no more Jewish grain farmers?"

Anatoly Superfin, a land worker and the son of a land worker, a hydroengineer on the Rossiya Collective Farm, the son of an old settler, Bentsion Superfin, gives a clear answer to this question:

"If anyone thinks that since there are no Jewish collective farms, it means there are no Jewish grain farmers, then he is making a mistake, a big mistake. You will meet them not only in many former Jewish villages, but on collective farms which were never Jewish. Do you think there are no Jews on the collective and state farms of the Kherson and Zaporozh'ye regions? Or on the virgin lands?"

And do not forget, we might add, to include as "Jewish land workers" the collective and state farm workers of the Jewish Autonomous Region of Birobijan, who sank their roots deep in the taiga lands.

Since this is clearly a fact, the answer to another question is also clear. Is there, in our time, sufficient real-life material for the country as a theme in Soviet Jewish literature? The answer is absolutely positive. It is no secret that in Jewish literature abroad the only theme connected with the land is that of the cemeteries. In the Soviet Union, during the post-war period, some writers have been inclined to interpret collective farm subject matter as *historical* for Jewish literature. Is there any need to elaborate further on the fact that there is no such rule in the Soviet national literatures that one can only write about what fits into the national framework? All the more so that, in this case, the experience of many masters of Jewish prose (Noteh Lur'ye, Samuil Gordon and Chaim Melamud, for instance) is showing how topical and contemporary the country as a theme in Soviet Jewish literature is.

Another background, that of the industrial city, is portrayed in Ber Galpern's story "In the Young City". Here we have a new phenomenon (perhaps more convincing than in the village stories) of the close connection between Soviet Jewish literature and contemporary life, with that literature's ability to find its own subject matter and problems.

Ber Galpern, who loves describing the life of the people, has given us this time a story on an urgently topical theme. His Jewish leading character is, on the one hand, hostile to national nihilism; he brings his ideas and opinions from the world of his forefathers; but this does not prevent him, on the other hand, from realising his capabilities and aspirations on the wider arena of life where scientific progress and the newest production relations are completely breaking down the national barriers.

The Jewish writer, like his Russian colleague, poses a general problem. Mikhail Lvovich, a young engineer, is working as chief technician of the workshop in a contemporary Soviet city. He is paid a visit at home by his uncle Zelik, who, naturally, is interested in the life of the factory, and this gives the author the opportunity to bring together in one story people of different Soviet eras: the uncle, whose formative years coincided with the first five-year plans, and his nephew, a typical technologist of our time.

Misha, the young engineer, is an expert at his job, but, as his wife Tanya says of him, "he lacks soul", and this makes him an egoist, weakening his sense of social duty. When a simple workman, a fitter, proposes an invention but is not able to make a blueprint of it, the chief technician is ready to reject the invention. He is also wrong in the incident of the unsuccessful assembly of a production line acquired overseas. When the assemblymen run into difficulties, he stands apart: his job is to run the new line, not assemble it. "He lacks soul." Incidentally, it is in the light of

situation and cultural life which are to be observed in Jewish circles at the present time? What does Jewish life mean today? Is there such a thing any more? What national, day-to-day and ethnic features are being preserved by the people and which of them are being taken away by assimilation? How great were the losses, in nation-wide terms, inflicted on Soviet Jews by the war, which wiped out, along with the population, entire Jewish communities, traditional centres of Jewish culture, and the new territorial and economic formations for Jews created with such painstaking efforts in the 20s and 30s under Soviet power?

In works which have been, as it were, commissioned by the reader to answer these questions, retrospection is no less important than the plot itself. The characters are plunged in reminiscences. The writers sometimes veer away from the main storyline, incorporating long passages about the past. It is as if they had not seen the reader for a long time and, on meeting him, feel a greater need than usual to talk about the intervening period. And so it goes on, from story to story. The situation has reached one of downright supersaturation in harking back to the past. One of the contemporary problems of Soviet Jewish prose is, therefore, the *manner* of narration: it is essential not to take the reader so often through the contrast of adjacent periods (though they must certainly not be avoided, needless to say); to be less prone to reminiscences; to illustrate and explore current life more extensively, thoroughly and in greater detail. The decades that have elapsed since the war have formed Jewish society a new and entirely stable mode of existence. Life has "settled down"; depict it, artist, analyse and interpret it!

As for the period when literature strained its memory and put yesterday on trial in order to draw nearer to an understanding of the present day, as for a great many examples of Soviet Jewish prose-writing in this mode, we should feel duly satisfied with them, for they filled a gap in the artistic portrayal of a certain period of time.

The main character of the new Jewish prose about the countryside is a *land worker and the son of a land worker*. "Four generations of the Superfin family had toiled in the steppe as grain farmers», writes S. Gordon in his story. The literary character is *essentially* different from the oft-described Jewish settler of the 20s and 30s ("We are as different from our fathers as the age in which they lived is different from ours").

The problems besetting the Jewish land worker have changed radically. In past times, the difficulty was to get away from the Jewish community way of life as soon as possible in order to breathe the air of the steppe, overcome the habits of the New Economic Policy and settle down to a wholesome way of life. There were times, of course, when the Jewish landworker felt a nostalgia for the old *community* way of life...

But how? Samuil Gordon sees his characters in the context of totally changed circumstances. "They began to discuss the new four and five storey blocks in the central sector, in Sunrise Village of the Friendship of Peoples Collective Farm... Today's collective farm worker is not concerned with labour-days, he is paid cash for his work. He can buy everything he needs in the stores. In the new housing blocks, there's no need to stoke up with firewood, there aren't any stoves, there's always plenty of hot water and there's a bath, just as in the city"...

There is nostalgia here too, but this time it is *for the countryside* ("Honestly, you feel ashamed because the land worker goes to the stores to buy a litre of milk, a piece of cheese, and has to go to Jankoi market to buy meat"...)

It is understandable that in discussing such problems, Jewish literature joins in the controversy about ways of developing the contemporary collective farm system, as in all the fraternal literatures; and this is yet one more manifestation of its organic connection with life and of its ability to find its own range of subjects and problems under the new conditions.

temporary residential blocks have sprung up on the waste land, forming the beginning of a new quarter. The city strives for continuation"...

In Samuil Gordon's story "Once There Lived a Shepherd", we find the same idea, but this time in the form of a precisely formulated observation: "Memories of the past saddened me, so that not only didn't I forget what had happened previously, but saw and understood more deeply and widely what was happening at the time"...

The very concept of *the past* has a different meaning for Jewish literature of the 60s and 70s from the one it had in the 20s and 30s. The first generation of Soviet people looked on the October revolution and the Civil War as their immediate past. During those years, the characters in Soviet Jewish literature were still living in communities transformed by the revolution, or on the construction sites of the first five-year plans, or in transferred agricultural artels, as they all had sufficient grounds to contrast this new life of theirs with the wretched stagnation of the past. This was the concern of the young Soviet Jewish literature in the times of Bergelson, Markisch, Feffer, Kharik, Alberton and Orland.

In *our* time, the recent past in the life of a Jewish character means participation in the Dnieper Hydroelectric Project and in founding collective farms in the Ukraine, the Crimea and Birobijan. Samuil Gordon's leading character, Boris Faershtein, "has been running a department of the Rossiya Collective Farm for many years. This farm is bigger than all five previous Jewish collective farms of the Ratndorf Rural Soviet taken together... Apart from being in charge of nine teams, Boris Faershtein is busy with work on the cannery and the winery."

For Boris Faershtein (that is to say, for the present generation of Jewish land workers) the *past* is the time of the Jewish resettlement. He recalls: "I still saw the dug-out and the tent, but I did not go behind the plough like my father. I was only four when my parents brough me here, to the steppe. This is where I grew up"...

Boris Faershtein is a Jewish farmer who belongs to the period of mature socialism. Literature's task is to study him closely, record his image, behaviour, and habits, praise him for his achievements and help him overcome his shortcomings and difficulties. Unfortunately, there are some writers who claim to be conversant with contemporary agricultural subjects, but who fail to notice Boris Faershtein and try to present Boris' father as the *contemporary* Jewish land-worker.

The same reproach can be directed against the writers who forget that the times of our fathers and grandfathers—the heroes of the Dnieper, Magnitogorsk and Birobijan construction projects and of the Civil War—have also become part of the past, and contemporary themes, being closely connected with the portrayal of *those* times that are so dear to our hearts, are nevertheless notable for a *new quality*.

This has been convincingly described by Irma Druker:

"I often wonder what could happen if my grandfather, Yankel-Moishe, was asked to come back from his eternal rest and turned up in Zales'ye on a posting from the other world... What would happen then? I, his grandson, who have had the honour to see the birth of the new world and man setting foot on the surface of the Moon and who take flights by cosmonauts almost for granted—even I am shaken by the changes in Zales'ye... As for my grandfather, he would be flatly unable to believe it. He would say that it is impossible for such things to have happened; it is no more than a dream or a trick of the devil..."

Many works have by now been written in our literature—novels, short stories, essays—whose authors have, as it were, been commissioned by the reading public to answer certain recurrent questions: What is life like for Jews in the Soviet Union? What are the consequences of the war in the structure of the Jewish population? Where have the survivors settled down and what are they doing? What help has been rendered by the atmosphere, prevalent in our country, of the friendship of peoples and socialist mutual aid? What are the characteristics of the economic

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 7, July 1980

"Fiction," states the editorial introduction to our current issue, "is the bread and butter of any literature. Not surprisingly, the problems of this genre touch on the very essence of creative art. For this reason, we have decided to examine the problems of Soviet Jewish prose in the light of an actual issue of "Sovietish Heimland", not publishing, for this occasion, our usual selection of works by different writers."

We are featuring new stories by eight authors: "The City in Which One's Own Kind Dwell" by Tev'ye Gen of Moscow; "Once There Lived a Shepherd", "The Turkish Shawl" and "In the Opposite Direction" by Samuil Gordon of Moscow; "Zales'ye" by Irma Druker of Odessa; "In the Young City" and "The Harsh Word" by Ber Galpern of Vilnius; "The Beginning" and "The Might" by Iosif Burg of Chernovtsy; "Home" by Iekchiel Shraibman of Kishinev; "Humorous Stories" by Grigory Polyanker of Kiev and "Prose Miniatures" by Mark Razumny of Riga.

Here is an abridged version of the article by Aron Vergelis of Moscow which rounds off the selection.

Problems of Contemporary Soviet Jewish Prose

The compilers of our present number have taken manuscripts recently submitted by eight prose writers, much as the farmer on the threshing floor picks up at random a handful of fresh, moist grain. The result is a collection of new stories by various authors. A critique of these should undoubtedly make it possible to determine the main characteristics of contemporary Soviet Jewish prose.

These varied contributions make very interesting reading. Particularly noteworthy are the dialectical subtleties of language in this random selection. Although contemporary Jewish writing makes use of the *unified literary language* of Yiddish, the reader of the current issue will notice in these new works Ber Galpern's "Livonian" Yiddish, the "Volhynian" dialect of the artisans, folk stages and wits in Irma Druker's stories, and the contemporary Jewish used by Tev'ye Gen, Samuil Gordon, Iosif Burg, Grigory Polyanker, Iekchiel Shraibman and Mark Razumny—a Yiddish that has fully preserved its folk roots while adopting the superstructure of the vocabulary typical of our own times.

The reader is immediately drawn into the current problems dealt with by Jewish prose, which is inseparably bound up with contemporary life. It is no accident that the very first pages of many stories in our current issue contain reflections on the relationship between the past, the present and the future both in life and in literature. In his story "The Harsh Word", for instance, Ber Galpern sees this relationship as follows:

"The street ends on the outskirts of the city. . . Actually, it ends in two places: where the tiny little old houses become less and less frequent, and where the big con-

ную проблематику! Хорошо ли это для неё? Не возникает ли опасность, что она, пройдя сквозь пласты «нееврейского» материала, потеряет свою национальную сущность? Может быть правы замшелые националисты, предупреждающие, что идя таким путем, она перестанет быть еврейской литературой, превратится в литературу, лишь написанную еврейскими буквами?

Опасная для судеб литературы болтовня! Трагедия зарубежных еврейских писателей как раз в их оторванности от жизни, в неумении проникнуть в современную проблематику. В определенных кругах внедрилось ложное представление о том, что произведение литературы можно считать *еврейским*, если в нем изображено *прошлое*. В результате подобного подхода еврейская литература в капиталистических странах вся переведена на «территорию» исторического жанра. Совершенно исчезла современная тематика.

Советская еврейская литература показала, что такой подход абсурден, и он по существу ведет к ликвидации еврейской литературы.

Национальный колорит? Наши произведения, господа, исполнены подлинным национальным еврейским колоритом, ваши же консервируют архаичность. Старое вино получает у нас новый аромат, а вы, бесконечно переливаете его из сосуда в сосуд, пока оно не прокиснет.

Как уже сказано в начале этой статьи, рассказы восьми современных мастеров еврейской прозы включены в номер «Советиш геймланд» без особого отбора. То же самое можно сказать о том, почему пал выбор на произведения именно И. Друкера, С. Гордона, и Б. Гальперна, когда понадобились примеры для нашего критического разбора.

Рассказы пяти других беллетристов — Т. Гена, И. Шрайбмана, И. Бурга, Г. Полянкера, М. Разумного — также дают богатую возможность исследовать проблемы современной еврейской советской прозы, и это не использовано в данной статье лишь из-за боязни утомить читателя.

Приложение к номеру: М. Альтман «У окна».

Другая среда, промышленно-городская, изображена в рассказе Бэра Гальперна «В молодом городе». Перед нами новое проявление (может быть, еще более убедительное, чем в деревенских произведениях) тесной связи еврейской советской литературы с современной жизнью и её способности находить свою собственную тематику и свой круг проблем.

Бэр Гальперн дал нам рассказ с остро актуальным сюжетом. Еврейский персонаж, с одной стороны, чужд национального нигилизма, его представления и суждения не противопоставлены миру предков, но это, однако, не мешает ему, с другой стороны, реализовать свои способности и устремления на широчайшем жизненном плацдарме, на котором научно-технический прогресс и новейшие производственные отношения напрочь ломают национальные перегородки.

Еврейский писатель, также как русский, ставит *общую* проблему. В современном советском городе работает главным технологом цеха молодой инженер Михаил Львович. К нему в гости приезжает его дядя Зелик, который, естественно, интересуется жизнью завода, что дает автору рассказа возможность свести в одном сюжете людей разных советских эпох: сформировавшегося в годы первых пятилеток — дядю и типичного технаря наших дней — племянника.

Миша — молодой инженер, прекрасный знаток дела, однако, как говорит о нем его жена Таня, «ему не хватает души», и это делает его эгоистом, ослабляет в нем чувство общественного долга. Когда простой рабочий, слесарь, предлагает изобретение, но не в состоянии показать его в чертеже, главный технолог готов отклонить изобретение. Он также не прав в случае с неудавшимся монтажом приобретенной за рубежом технологической линии. Когда монтажники испытывают трудности, он стоит в стороне: его дело эксплуатировать новую линию, а не монтировать её. «Ему не хватает души». Кстати, именно в этом плане окружающие понимают следующее его высказывание: «Душа — это устарелый товар. Я испытываю величайшее уважение к людям первых пятилеток. Они работали с жаром, с энтузиазмом и творили чудеса. В невероятно короткое время превратили крестьянскую страну в мощную индустриальную. Это была их романтика. Теперь другие времена — эпоха научной организации труда. Современная техника так сложна, что если подойдешь к ней с горячим сердцем, то наделаешь массу бед. Здесь требуется холодный рассудок и технический расчет»...

С подобной философией не согласен Зелик Менакер, «пришедший из первых пятилеток» ветеран труда. Не согласна и Таня, жена Миши, заведующая химической лабораторией завода. Не согласны рабочие. И всё-же Михаил Львович, современный инженер, не становится из-за своей жесткой позиции отрицательным персонажем.

Перед нами известная ситуация, в силу которой русский поэт Борис Слуцкий ввел в обиход идиом «физики и лирики». Более того: локальный, казалось бы, конфликт между ветераном труда и молодым инженером вырастает до «выяснения отношений» между двумя периодами советской эпохи, представителями которых являются спорящие стороны:

«— Видите ли, дядя, люди вашего поколения были солдатами. Вы боролись против классового врага. А у нас такового нет. Вот почему мы техники, и только техники.

— Однако мы не боролись за общество роботов, — отрезал Зелик»...

Вот как глубоко проникла советская еврейская проза в современ-

Коренным образом изменился круг проблем у еврейского крестьянина. В прошлые времена проблема состояла в том, чтобы скорее расстаться с местечковым укладом, вдоволь надышаться степным воздухом, преодолеть в себе привычки нэпа, утвердившись в здоровом быту. Бывало, конечно, что еврей-крестьянин испытывал чувство *местечковой* ностальгии...

А теперь? Самуил Гордон видит свой персонаж в совершенно измененной обстановке. «Речь зашла о новых четырех- и пятиэтажных домах на центральном участке, в селе «Восход» колхоза «Дружба народов»... Нынешний колхозник не имеет дело с трудоднями, а получает за труд деньгами. Он может купить в магазине всё, что ему нужно. В новых домах не топят дровами, нет печей, всегда под рукой горячая вода, ванна — все, как в городе»...

Однако и тут бывает ностальгия, но на сей раз — *деревенская* («Стыдно, честное слово, перед самим собой, чтобы крестьянин шел в магазин купить литр молока, кусок сыра, чтобы он ехал в Джанкой на рынок за мясом»...)

Понятно, что обсуждая такие проблемы, еврейская литература включается в полемику о путях развития современного колхозного строя, которая ведется во всех братских литературах, и это еще одно проявление её органической связи с жизнью, способности находить свою собственную тематику, свой круг проблем в новых условиях.

Гибель еврейских национальных колхозов от рук гитлеровских оккупантов выдвинула впоследствии перед литературой мучительный вопрос, который в рассказе С. Гордона звучит так: «Стало быть, покончено с еврейскими поселками и еврейскими колхозами? Были и нет их? Показали миру, что евреи умеют растить хлеб, и на том кончено? Не будет больше евреев-хлеборобов?»

Крестьянин, сын крестьянина Анатолий Суперфин, гидротехник колхоза «Россия», сын старого переселенца Бенциона Суперфина, дает ясный ответ на этот вопрос:

«— Если кто-нибудь думает, что поскольку нет еврейских колхозов, нет и еврейских хлеборобов, то он впадает в ошибку, в большую ошибку. Вы встретите их не только во многих бывших еврейских деревнях, но и в таких колхозах, которые никогда не были еврейскими. А в колхозах и совхозах Херсонской и Запорожской областях разве нет евреев? А на целине?»

И не забудьте, добавим мы, причислить к «еврейскому крестьянству» колхозников и тружеников совхозов Еврейской Автономной области — Биробиджана. Ясен ответ и на другой вопрос: имеется ли в наше время достаточно жизненного материала для деревенской темы в советской еврейской литературе? Ответ на этот вопрос безусловно положительный. Не составляет секрета, что в еврейской литературе зарубежных стран единственная тема, связанная с землей, это кладбищенская тема. У нас в послевоенный период некоторые писатели склонялись к интерпретации колхозного материала, относящийся к историческому жанру. Надо ли распространяться относительно того, что в советских национальных литературах не существует такого правила, что писать можно только о том, что укладывается в национальные рамки. Тем более, что в данном случае опыт ряда мастеров еврейской прозы (Нотэ Лурье, Самуила Гордона, Хаима Меламуда) показывает, как актуальна и современна деревенская тема в советской еврейской литературе.

имевший честь видеть, как рождается новый мир, как люди ступили ногами на лунную поверхность, воспринимающий полеты космонавтов как обычное дело, — даже я потрясен переменами в Залесье... А он, мой дед, просто напросто не поверил бы. Он бы сказал, что невозможно, чтобы такое происходило, это не более чем сон или проделки нечистой силы..»

В нашей литературе создано уже немалое количество произведений — романов, рассказов, художественных очерков, авторы которых как бы выполняют «специальный заказ» читателей, отвечая практически на одни и те же вопросы: какова в наше время жизнь евреев в Советском Союзе; каковы последствия войны в структуре еврейского населения; где поселились и чем занимаются оставшиеся в живых; как помогла атмосфера дружбы народов и социалистической взаимопомощи, царящая в нашей стране; чем характеризуются та экономическая обстановка и культурная жизнь, которые в настоящее время наблюдаются в еврейской среде; что означает сегодня — еврейский быт; есть ли такой вообще; какие национальные, бытовые, этнические атрибуты народ сохраняет и какие уносит ассимиляция; как велики потери в общенациональном плане, которые война принесла советским евреям, уничтожив, вместе с людьми, все еврейские местечки, традиционные центры еврейской культуры, новые территориальные и экономические формирования для евреев, созданные с такой щедростью в 20-е—30-е годы советской властью?

В произведениях, которые являются откликом на этот «специальный заказ» читателей, ретроспекция не менее важна, чем собственно сюжет. Персонажи погружены в воспоминания. Авторы то и дело отклоняются от основной сюжетной линии, вводя целые пласты прошлого. Словно давно не виделись с читателем, и, встретившись, испытывают потребность больше, чем обычно, рассказать о пропущенном. И так — от произведения к произведению. Дело дошло до изрядной перенасыщенности ретроспекцией. Одна из современных проблем советской еврейской прозы относится, таким образом, к *манере* повествования: необходимо меньше водить читателя через контрасты близлежащих времен (отнюдь не избегая их, конечно); меньше предаваться воспоминаниям, больше, обстоятельней, подробней показывать и исследовать текущую жизнь. Прошедшие после войны десятилетия образовали уже в еврейской среде новые и вполне устойчивые бытовые пласты. Жизнь «устоялась» — изобрази её, художник, анализируй и осмысли!

А что касается того периода, когда литература напрягала память, вызывала на суд вчерашний день, чтобы приблизиться к пониманию сегодняшнего; что касается большого количества произведений, созданных еврейской советской прозой в таком ключе, то мы должны испытывать удовлетворение этим, ибо заполнен пробел в художественном изображении определенного отрезка времени.

Персонаж новой еврейской деревенской прозы — это *крестьянин, сын крестьянина.* У С. Гордона мы читаем: «В семье Суперфинов уже четвертое поколение имеет дело со степью, растит хлеб». Литературный герой *по существу* другой, чем неоднократно описанный в 20-е—30-е годы еврей — переселенец («Мы отличаемся от наших отцов так же как отличается время, в котром они жили, от того, в котором живем мы»).

ведений встречаются размышления о взаимосвязи между прошлым, настоящим и будущим в жизни и в литературе. Бэр Гальперн, например, в рассказе «Жестокое слово», видит эту взаимосвязь так:

«Улица кончается на краю города... Она, собственно, кончается в двух местах: там, где все реже и реже видны старые маленькие домишки, и там, где большие современные дома недавно выросли на пустыре, образуя начало нового квартала. Город стремится к продолжению»...

А у С. Гордона, в рассказе «Жил-был пастушок», мы находим ту же мысль, но уже в виде четко сформулированного наблюдения: «Память о прошлом будит во мне тоску, да так, чтобы я не только не забывал что было вчера, но и глубже и шире увидел и понял происшедшее сегодня»...

Само понятие *прошлое* для еврейской литературы 60-х—70-х годов иное, чем для неё же в 20-е—30-е годы. Первое поколение советских людей считало Октябрьскую революцию и гражданскую войну своим близким прошлым. В те годы персонажи еврейской советской литературы жили еще в преобразованных революцией местечках или на новостройках первых пятилеток, в переселенческих сельскохозяйственных артелях, и все они имели достаточно оснований противопоставить эту свою новую жизнь жалкому прозябанию в прошлом. Именно этим и была занята молодая советская еврейская литература времен Бергельсона и Маркиша, Фефера и Харика, Альбертона и Орланда.

В *наше* время недавнее прошлое еврейского персонажа — это участие в строительстве Днепрогэса, в создании колхозов на Украине, в Крыму и Биробиджане. Герой С. Гордона Борис Фаерштейн «уже немало лет руководит отделением колхоза «Россия». Это хозяйство — более крупное, чем все существовавшие в прошлом пять еврейских колхозов Ратндорфского сельсовета, вместе взятых»... «Кроме того, что под началом Бориса Фаерштейна девять бригад, он еще занимается делами консервного и винного заводов»...

Для Бориса Фаерштейна (то есть, для нынешнего поколения крестьян-евреев) *прошлым* является время еврейского переселения. Он вспоминает: «Я еще застал землянку и палатку, однако, не ходил за плугом, как мой отец. Мне было всего четыре года, когда родители привезли меня сюда, в степь. Здесь я вырос...».

Борис Фаерштейн — это еврей-хлебороб периода зрелого социализма. Задача литературы состоит в том, чтобы внимательно присмотреться к нему, запечатлеть его образ, повадки, привычки, воспеть достигнутые им успехи, помочь ему преодолеть недостатки и трудности. К сожалению, встречаются и такие писатели, которые претендуют на компетентность в современной сельскохозяйственной тематике, но не замечают Бориса Фаерштейна, а стараются выдать отца Бориса за *современного* еврея — крестьянина...

Такой же упрек можно адресовать тем писателям, которые забывают, что времена наших отцов и дедов, героев Днепростроя, Магнитогорскстроя, Биробиджанстроя, времена героев Отечественной войны — также стали прошлым, и современная тема, будучи тесно связанной с изображением *тех* дорогих нашему сердцу времен, отмечена, однако, *новым качеством*.

Об этом убедительно написал Ирма Друкер:

«Я часто думаю: что бы было, если б моего деда Янкеля-Мойше попросили вернуться из его вечного покоя, и он явился бы в Залесье по командировке с того света... Что бы тогда было? Ведь и я, его внук,

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 7, июль, 1980.

В редакционном вступлении к номеру сказано:

«Художественная проза — это «хлеб» любой литературы. И не удивительно, что проблемы этого жанра затрагивают самую суть творчества. Вот почему мы решили рассмотреть проблематику советской еврейской прозы на материалах конкретного номера «Советиш геймланд», отказавшись от специального подбора произведений».

В номере публикуются новые повести и рассказы восьми авторов: Тевье Гена (Москва) — «Город, в котором живут родные люди», Самуила Гордона (Москва) — «Жил-был пастушок», «Турецкая шаль» и «В обратном направлении», Ирмы Друкера (Одесса) — «Залесье», Бэра Гальперна (Вильнюс) — «В молодом городе», «Суровое слово», Иосифа Бурга (Черновцы) — «Начало», «Мощь», Иехиеля Шрайбмана (Кишинев) — «Отчий дом», Григория Полянкера (Киев) — «Юмористические рассказы», Марка Разумного (Рига) — «Прозаические миниатюры».

Приводим с сокращениями критическую статью Арона Вергелиса (Москва), которая завершает подборку.

Проблемы современной советской еврейской прозы.

Составители этого номера «Советиш геймланд» взяли из свежей редакционной почты присланные восьмью прозаиками рукописи, точно так же как на току берут прямо с поля пригоршню неотобранного, свежего, влажного зерна. Получился сборник только что написанных различными авторами повестей и рассказов, которые, без сомнения, будят критическую мысль, ибо по ним можно определить черты, свойственные прозаическому жанру в советской еврейской литературе.

Читать такой разнообразный литературный материал весьма любопытно. В частности, обещают много интересного диалектные нюансы в языке произведений этих случайно попавших в наше поле зрения писателей. Несмотря на то, что современная еврейская словесность пользуется *единым литературным* языком идиш, читатель этого номера «Советиш геймланд» угадывает в новых произведениях: «литовский» идиш у Бэра Гальперна, «волынский» у Ирмы Друкера, современный еврейский язык у Тевьи Гена, Самуила Гордона, Иосифа Бурга, Григория Полянкера, Иехиеля Шрайбмана, Марка Разумного — тот идиш, который сохранил полностью свою народную основу, воздвигнув на ней характерную для наших дней лексическую надстройку.

Читатель сразу втягивается в круг насущных проблем еврейской прозы. Безусловно, она органически связана с сегодняшним днем, и не случайно на первых же страницах ряда включенных в номер произ-

(Советская родина)

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

Ежемесячный литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.04.1980. Подписано к печати 18.06.1980 г. Формат $70\times108^1/_{16}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 2223.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1980 г.

Цена 50 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

Новые рассказы на современные темы:
Т. Ген. Город, в котором живут родные люди.
С. Гордон. Жил-был пастушок; Турецкая шаль; В обратном направлении.
И. Друкер. Залесье.
Б. Гальперин. В молодом городе; Суровое слово.
М. Разумный. Прозаические миниатюры.
И. Бург. Начало; Мощь.
И. Шрайбман. Отчий дом.
Г. Полянкер. Юмористические рассказы.

А. Вергелис. Проблемы современной советской еврейской прозы.

Резюме на русском и английском языках.

1980
№ 7